STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00315

GEKLIBENE SHRIFTN (1920-1960)

Yitshak Elhanan Rontsh

Permanent preservation of this book was made possible by
Claire & Sidney Heller
in memory of
their parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק אלחנן ראָנטש

געקליבענע שריפטן

(1960-1920)

צייכענונגען פון

מאַרק שאַגאַל

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
ניו-יאָרק • 1960

Selected Writings

by ISAAC E. RONCH

Copyright, 1960, N. Y., by Isaac E. Ronch

Published by Ronch Books

1 Union Sq. W., New York 3, N. Y.

געקליבענע לידער און פּאָעמעס

די דערשינענע פינף לידער ביכעד האָבן ניט אריינגענומען אַלע געדרוקטע און ניט אָפּגעדרוקטע לידער. אַזוי זיינען ניט אריין די לידער טעקסטן צו מענדעלסאָנ׳ס אָראַטאָריע „אליהו״ און צו וולאדימיר חפצ׳עס קאָנטאַטע „אויפן פידל״ געבויט אויף שלום עליכמ׳ס מעשה.

אין אַן ענגלישער איבערזעצונג דערשיינען איצט אויסגעקליבענע לידער. די איבערזעצער זיינען: א. מאַרק, רוט רובין, מעקס ראָזנפעלד, יוסף לעווטאָוויטש, ס. פּ. רודענס.

א ליד א טאג

אַ ליד אַ טאָג,
אַ טאָג — אַ ליד.
געזאַנג צעטראָג
און וואָרט צעבלי.

ביי יעדער טיר,
אויף יעדער שוועל,
עס וואַרט אויף דיר
אַ פויגל-טרעל.

און הערסט געוויין
און זעסט געקלאָג,
באַנעם דעם מיין,
דעם ווייטיק טראָג.

אַ לאַך, אַ טרער,
אַ בליק וואָס היט —
ס'איז דיין געווער
דאָס טעגלעך ליד.

זאָל האַרץ זיין גרויס
און אויער וואַך,
און זיי אַ שוים
פאַר מיד און שוואַך.

בלאָז אָפּ דעם שטויב,
געפין וואָס עכט,
און זינג אַ לויב
צו אמת, רעכט.

ס'איז ליד פֿאַראַן
דאָך אומעטום.
אויף יעדן שפּאַן
פֿאַרזעצט איז בלום.

זוען לופֿט איז טריב
און הימל — בליי,
דו זיי פֿאַרליבט
אין טאָג וואָס ניי.

פּאַרענדיקט שוין
דער אייל און יאָג —
זאָל זיין דיין לוין
דאָס ליד פֿון טאָג.

זאָלסט זיין די ווערט
דיין לעבנס־טאַנץ,
דו, קינד פֿון ערד,
דו, קרוין פֿון פּלאַנץ.

שטיי אויף און זאָג:
זיי, אויג, געניט.
זאָל זיין מיין טאָג
אַ מונטער ליד.

הענט

וואָס זיינען ביימער דען, צום רוים געווענדט?
דאָס זיינען אויסגעשטרעקטע, שטאָלצע הענט,
וואָס ווילן אייביק לעבן.

וואָס זיינען דען די בערג, צום רוים געווענדט?
דאָס זיינען פויסטן־פלעכט פון ריזן־הענט,
וואָס נאָר צום הימל שטרעבן.

וואָס זיינען כוואַליעס דען, פון שוים געבלענדט?
דאָס זיינען צאַפּלדיקע, צויבער־הענט,
וואָס שפּילן זיך אין שוועבן.

וואָס איז פון וועלט דער וואונדער־פונדאַמענט?
דאָס זיינען דאָך די צאַרטע מענטשן־הענט,
וואָס ווילן אייביק געבן.

עפּל

אין אַ פרעמדער שטוב, פון אַ שטומען טיש,
האָט דערטראָגן זיך צו מיר אַ לעבעדיקער גרוס.
אַ גלאַנציק-רויטער עפּל האָט געשמייכלט וואַרעם.

און ס'האָט אַ שמעק געטאָן פון אים מיט האַרבע רייד,
נאָר באַלד אַריינגעקומען איז אַ קאַלטער באַלעבאָס
מיט לוסט נאָך געלט, מיט גייציקייט און שנאה.

און ריח פונם עפּל האָט געלאַקט צו זיך
מיט מאַמע-ליבשאַפט פונם מילדן בוים,
מיט זון-באַהעפט און פרייען רוים,
מיט אויסגעשטרעקטע רייפע אָרעמס.

און באַלעבאָס געהויבן האָט זיין היציק קול
און אָנגעזאָפּט די לופט מיט שוועבל.
און פיינטלעך איז געווען דער שטול, און בייז דאָס מעבל
און כ'האָב געוואָלט אַנטלויפן מיטאַמאָל.

נאָר שמייכלענדיקער גלאַנץ פון רויטן עפּל,
זיין זיסער, פרישער און געזונטער ריח,
האָט אויסגעשטרעקט צו מיר אַ ברייטן ברוך הבא
און אָנגעזאָגט אַ שעפּטשענדיקע דויערדיקע בשורה,
אַז פרוכטבאַר איז די וועלט און אירע שאַפער,
אַז רויטע, רייפע שמעקנדיקע עפּל
זיינען אָנגעפּילט מיט זאַפטיק-גוטע רייד
און ברענגען גרוסן אָנגעזאָפּט מיט זון און פרייד.

פרעג דעם רעגן

דער רעגן רעגט דיך אָן צו פרעגן:
פאַרוואָס האָט אָטעם פונעם ווינט
צעפּעכערט צווייגן אויף די וועגן,
צעשאָטן בלעטער ווילד און בלינד?

און ווער באַפוילן האָט דעם רעגן
דיין דאַך באַנוצן ווי אַ פּויק?
און צי די פינגער זיינע מעגן
פאַרשטעלן קלאָרקייט פון דיין אויג?

פאַרוואָס זיך קאַלטע טראָפּנס גליטשן
אריין אין בלוט, אין דיין געמיט?
און רעגן־אָן אַ ווײַנען, ריטשען
און וואָיען־אוים אַן אומעט־ליד?

דו פרעגסט און ס׳ענטפערט דיר דער רעגן:
„אַז וואויל צו דעם, וואָס ווייס דעם סוד.
דער ווינט און איך, מיר טוען רעגן
אַט דאָרט וואו גליווערטקייט באַדראָט.

„דער זין פון לעבן איז — באַוועגונג.
איך בין די פּויק, דער ווינט — די טאַץ,
די שאָפונג בליט אין יעדער רעגונג;
באַריר און בייט איז לעבנס־שאַץ.

„די וועלט איז — מעכטיקער אָרקעסטער,
און דו אליין — אַן אינסטרומענט.
די שפּילער — גרייט אין אַ פאַרמעסטונג
מיט גראַציעזע, פלינקע הענט”.

בריידער

מירביידע, דער בוים און איך
פאַרברידערטע אין לעבן און אין טויט.
כ׳נייג אָן מיין אויער צו זיין לייב
און כ׳הער דעם אָטעם פון זיין פולס.

ער פאַרהוילט אין זיך דעם צער און וויי;
נאָר קיינער פילט ניט זיין געוויין.
פאַרבאָרגט די טרער פֿאַר דרויסנדיקן אויג,
ניט אַזוי ווי איך, דער שוואַכלינג.

מיר ביידע דערזעען שוין דעם האַרבסט
פון אונזערע יאָרן אויף דער ערד.
כ׳געדענק נאָך בוים — אַן אויסגעפּוצטער חתן,
און איצט איז ער איינזאַם, אַזוי ווי איך.

געטראָפן האָט אונדז בליץ און דונער;
אָפּגעפּליקט בלעטער פון אונדזער לעבן האָבן שטורעמס.
אַמאָל האָט ער געהערט: „ווי שיין איז אָט־דער בוים!"
און איך: „דו בליסט ווי אָט־דער בוים!"

ווי ער האָב איך זיך איינגעקלאַמערט אין אַ פעלז;
ווי איך האָט ער זיך איינגעוואָרצלט אין דער ערד;
מיט ברייטע אָרעמס צו דער זון געשטרעקט
און געבויגן פאַר זאַווערוכעס.

נאָר איך, דער זשוואַווער און באַהערשער,
האָב צו אים, דעם שטומען זיך געווענדט.
איצט שטייען מיר פאַרברידערט
און וואַרטן אויף ווירבל־ווינט.

אַ קוש

ווי אַ פאַרוואָרלאָזט הארבסטיק בלעטל,
געבלאָזן פון הפקרדיקן ווינט —
אַזוי טראָגט זיך איבערן ענדלאָזן רוים
אַ ווייכער, וואַרעמער, פולער קוש.

אָנגעזאָפּט איז ער מיט ליבע־זאַפטן,
אָנגעלאָדן מיט גוטסקייטן פון צאַרטן הארץ ;
גרייט איז ער צו ברענגען היילונג און יענעזונג
פאר אויסגעלעכצטע רייפע ליפּן.

אויף קאַלטער ערד וואַרטן יונג און אַלט,
פאַרפראָרן און פאַרשמאַכט,
אַז אַ שטראַל פון ליבע זאָל זיי דערגרייכן
און מיט אַ ווייכן וואַרעמען קוש דערקוויקן.

עס פעלט זיי ניט קיין ברויט און בעט
און גוטע פריינט פאַראַן לרוב,
נאָר זיי דאַרן איין און גייען־אויס
נאָך דעם גוטן וואַנדערער אין רוים.

און אַן איינזאַמער, אַן אומגעדולדיקער,
פול מיט פרייד אין זיין באַזיץ,
טראָגט זיך ציללאָז אין דער לופטן,
דער געבענטשטער וואונדער־קוש.

און ער ווייס ניט ווער עס דאַרף אים
און ס׳דערגרייכן אים ניט די געבעטן
פון די וואָס גייען־אויס נאָך אים
אונטן, אויף דער האַרטער, קאַלטער ערד.

כ׳שפּאַציר אַליין

כ׳שפּאַציר אַליין, נאָר כ׳בין ניט איינזאַם.
דער וועג מיך פירט פון באַרג אין טאָל.
ס׳איז האַרבסט. דער ווינט האָט זיך צעבייזערט,
נאָר לופט איז לויטער, ווי קרישטאָל
און גרין איז נאָך דאָס גראָז אין טאָל.

די שטילקייט שושקעט מיר אין אויער
און בלעטער שאַרכן אונטער טריט.
דער ווינט זיך אַמפּערט מיט די צווייגן,
דערזעט איך שפּאַן — איז גייט ער מיט.
מיר שטעלן ביידע בראַווע טריט.

די ביימער שטייען אַנגעצויגן.
עס פילדערט חוצפּהדיק אַ קראָ:
„די זינגער זיינען אַפּגעפלויגן,
זאָל וויסן וועלט אַז איך בין דאָ".
נאָר יעגער וואַרט אויף שוואַרצער קראָ.

כ׳שפּאַציר אַליין, נאָר כבין ניט איינזאַם,
דער הימל — נאָענט, ווייס און בלוי.
איך ווייס, עס נעענטערט זיך אַ שטורעם,
נאָר כ׳לאָך זיך אויס פון ווינטס געוואָי.
איך קוק־אַרויף צום הימלס בלוי.

כ׳שפּאַציר אַליין אויף וועג פון לעבן
און כ׳בענטש די פיס וואָס שטעלן טריט.
כ׳האָב שטענדיק וועמען וואָס צו פרעגן
און איינזאַם בין איך קיינמאָל ניט.
עס זיינען זיכער מיינע טריט.

די שיף מיט זאָרג

ס'גייט אַפּ אַ פּראַכט־שיף אויפן האַדסאַן,
ס'באַגלייט זי קיינער ניט אין וועג.
נאָר ס'הערט דאָס אויג ניט אויף צו גלאָצן,
ווען זון צעשיידט זיך מיטן האַדסאַן
אין לויטערע נאָוועמבער־טעג.

די שיף מיט פּעק איז אָנגעלאָדן
פון מידע בירגער אין ניו־יאָרק.
און אויב זי זינקט איז ליב דער שאָדן:
די שווערע שיף איז אָנגעלאָדן
מיט פּעקלעך נאָגנדיקע זאָרג.

עס וואַכן תּעלזן־פּאַליסאַדן.
פון הויכלאַנד ווינקען הייזלעך ווייס.
עס וואַרטן בערג ווי אויף פּאַראַדן
און וועלדער — נייע פּאַליסאַדן.
די שיף מיט זאָרג פּאַרגיכערט שפּרייז.

דער הירש דערשרעקט זיך פאַרן יעגער.
דער וועווריק שפּרינגט פון בוים צו בוים.
מיט עפּל זיינען פול די וועגן.
עס טראָגט זיין פּאַנג אַהיים דער יעגער.
דער האַדסאַן שלאָגט דעם פעלז ביז שוים.

אַ, זע, ווי ס'איז דיר גרינג געוואָרן —
די שיף מיט זאָרג פאַרשוואונדן שוין.
ניו יאָרק באַטראַכט פון העכסטן גאָרן,
ווי ס'איז דער האַדסאַן רויט געוואָרן.
די זון האָט אָנגעטאָן איר קרוין.

באַריר

דער פּריר
פון באַריר —
איז אַ גלעט
פון אַ שד,
איז אַ נעץ
צום קץ.

דער שפּיר
פון באַריר
פון דער ליפּ פון טויט, —
אויף דיין הויט, —
איז פון דינאַמיט דער קנאַל
אין לאַבירינט פון כף הקלע.

דער באַריר
פון פאַרליר,
איז פון דורכפאַל דער נויג,
מיט גלאַק אינם אויג;
דער שוידער
פון „איך בין זיך מודה".

דער ציר
פון באַריר —
איז פרויען פינגער,
וואָס דרינגען
אין בלוט אריין,
ווי שטאַרקער וויין.

אַזאַ באַריר
איז עלעקזיר
פאַר אויגן-גלאַנץ,

פֿאַר לעבנס-טאַנץ.
די צאַרטע פֿינגער
טראָגן כּישוף רינגען.

אַזאַ באַריר
איז ווי אַ טיר
צו אַ וועלט
וואָס קוועלט
אָן אַ שיעור
פֿון באַריר.

י. א. ראַנטש

רויטע בלעטער

דער האַרבסט עסט זיך איין אין די
ביינער
און קיינער
געפינט ניט קיין טרייסט, ווען דו
שטאַרבסט,
אַ, מיין האַרבסט.

סקעלעטנווייז סטאַרטשען די
ביימער
און זיי מיר,
דעם גערטנער, וואָס זעט זיי
אבאַרטן
אין גאָרטן.

און פּראַסטיק איז ווייסינקער טוי.
אַט אַזוי,
ווי דער גרוי אויף מיין קאָפּ
אין גאַלאָפּ.
נאָר הינטערן אייז איך געפין
אַ גרעזעלע גרין,
ווי אַ שטיפעריש יינגליש יאָר
אין זיידע־האָר.

ביים שכן מיינעם איך דערזע,
ווי אַ סנה
עס שטייט אַ ביימל רויט,
פאַרטרויט
אין זיך און אין דער לופט
און רופט:
כאַטש האַרבסט, ער פליקט די
בלעטער,

דאָך וועט ער
ניט פאַריאָגן זיי, ניט טויטן.

די רויטע
בלעטער הויבן־אויף זיך אין אַ
שאַנץ
און אין אַ קראַנץ
זיי ליגן־אויס זיך אַרום מיר,
ווי אין זומער.

דאָס קליינע ביימל איז באַשירעמט
און באַוואַכט
און לאַכט,
ווי ס׳איז דעם יינגלישן גוט
אין זיין בליץ.

באַלאַדע וועגן זון

— פאַר מיר, ווייזט אויס, איז מער ניטאָ קיין מאָרגן, טאַטע, —
אַזוי אַ זאָג געטאָן האָט ער און איז אַריין צו זיך אין צימער.
די רייד פון ראַדיאָ געדונערט האָבן ווי האַרמאַטן
און גורל אונזערן געהאַלטן אין באַשטימען.

אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל און שטיל געוואָרן איז אין יעדן ווינקל.
די פרוי געפּרואווט פאַרגעסן זיך אין אַ זשורנאַל.
די לאָמפּן האָבן העל געלויכטן און געפינקלט,
נאָר פינסטערניש האָט זיך געשלייכט פון איבעראַל.

פאַרוואָס האָט זון אין צימער זיך פאַרשלאָסן,
זיין ראַדיאָ געעפנט, די אויערן אָנגעשטעלט?
די ווערטער האָבן העפטיק, ווי שלאָקס-רעגנס, געגאָסן.
געוויגט אויף וואָגשאָל זיך האָט ציטערדיקע וועלט.

און האָסט דערפילט ווי ביזט פאַרשפּאַרט אין גראַטעס
און אַלץ אין דיר זיך רייסט צו ווערן פריי.
— פאַר מיר, ווייזט אויס, איז מער ניטאָ קיין מאָרגן, טאַטע, —
געעקבערט האָבן רייד פון זון פון אויפדאָסניי
און איינגעוווייד פון דאָ-זיין דורכגעדרונגען.

אָ, ענטפערט אונז, איר קלוגע און געלערנטע לייט,
פאַרוואָס עס האָבן מיטאַמאָל די ליבע יונגען
דערשראָקן זיך אַזוי פאַר אונזער צייט?

איז טאַקע שוין ניטאָ פאַר זיי קיין מאָרגן,
ווען פרילינג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויל פון היינט?
אָ, לאָמיר, ברודער־מענטש, דערגיין וואו ס׳ליגט פאַרבאָרגן
און לויערט אויף מיין זון דער אַכזר־פיינט.

ווען ראַדיאָ שאַלט מלחמה־רוף אַצינדער
און האָריזאָנטן ברענען צונטער־רויט, —

וואָס וועלן לאָזן מיר פאַר אונזערע קינדער,
אַז לעבנס-בלי איז אָנגעשטעקט מיט סם פון טויט!

— פאַר מיר, ווייזט אויס, איז מער ניטאָ קיין מאָרגן, טאַטע, —
אַזוי איז פאַר דעם זון געוואָרן פּלוצלונג קלאָר.
אַ טיפער צער פאַרגעפלט האָט דאָס פּניב גלאַטע.
מיין קינד איז גאַר-וואָס אַלט געוואָרן פופצן יאָר...

דער נייער טאנץ

1.

ניט אויף פאלירטן דיל אין פארפיומירטן, הייסן זאל ;
ניט אונטער קלאנג פון פידל, פויק און סאקסאפאן ;
ניט גראציעזער וואלס און ניט פון ווילדן דזשעז דער שאל—
נאר ס'ציט צום נייעם טאנץ און ס'הילכט דער נייער טאן.

א, זע, ווי ס'דרייען גאסן זיך אין נייעם טאנץ !
א, זע, ווי ס'וויגן מאסן זיך מיט יוגנט-גלאנץ !
א, הער, ווי ס'דונערט אונטער זיי די שווערע ערד
און ניט פאריאגן קאן זיי מער די בלאנקע שווערד .

דאס איז דער שפאגל-נייער טאנץ, סטודענטן-טאנץ,
דאס שלענגלט זיך פון אלע וועגן אין יאפאן.
דאס האט דער נייער דור א שלום-בוים פארפלאנצט.
געבענטשט זאל זיין פון פרידן-זוכער יעדער שפאן !

2.

דער נייער טאנץ, דער נייער טאנץ —
ער ווייס ניט פון קיין שום דיסטאנץ.
די פארלעך זיינען באטאליאנען.
פון טאנץ עס ציטערן די טראנען.

ניט פוסטער פיפס פון סאקסאפאן,
ווי ס'וואלט אים אטעם אויסגעפעלט —
דא שטייט אין קאן
דער גורל פון דער וועלט.

דאס איז דער לעצטער שאנס
פאר יונגן לעבנס-שמיד.

עס שלענגלט זיך דער נייער טאַנץ
פון הערצער אַנגעגליט.

ארויס פון הויז, אין גאַס ארויס!
און שליסט זיך אָן אין נייעם באַנץ.
פון לאַנד צו לאַנד — פאַראויס, פאַראויס,
דער שפּרייז איז פעסט, דער ריטם גאַנץ.

די אויגן וואַכע גלאַנצן,
דאָס מונטער פּנים שיינט.
מיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן
קעגן בלוט־פאַרגיסער היינט

נעגערס

דרום אפריקע

אַלע ביקסן אַנגעלאָדן
און צום פֿאַנג איז גרייט דער יעגער.
לײַכט דער ציל און גרייט דער קרבן —
שיס און טרעף אין הארץ פון נעגער.

טרייב, פארטרייב אים אינעם דזשאַנגל,
נידער אים אין טיפסטער שאַכטע.
ווער צערייצט, ווי ווילדע חיה,
פון דעם באַנטו דעם דערוואַכטן.

ס'וויינען, מענער, ס'קלאַגן ווייבער,
ס'טראָגן מתים שווארצע טרעגער.
ניט קיין באַראַבאַנען פּויקן,
נאָר עס קלאַפּט דאָס הארץ פון נעגער.

מיסיסיפּי

עס ברענט דער צלם פרומער
אין שווארצקייט פון דער נאַכט.
די ליפּן זיינע שטומען,
נאָר אויגן גלאַצן וואַך.

זיי קומען אָן מיט גרייטן,
די בירגער פון דער שטאָט.
עס קלימפּערן די קייטן,
דער בעיסבאָל-פּלאַקן דראָט.

פֿאַרמאַסטן האָט זיך נעגער
צו באָדן אינם ים
און ניט געפרעגט צי מעג ער —
געלאָקט האָט כוואַליע סתם.

געקומען איז דער ווייסער
באשיצן אקעאן...
עס הערט די וועלט די מעשה
פון ווייסן ווילדן מאן,

וואס וויל, ניט אנדערש, צאמען
מיט זיינע פויסטן בלויז
פון דראענדיקע ימ'ען
דעם שטורעמדיקן ברויז.

עס שטייט ביים ברעג דער קלוגער,
צו גוואליעס אויסגעשטעלט.
עס מאנט דערוואכטער נעגער
א חשבון ביי דער וועלט.

דאס הארץ פון דער ערד

עס פיבערט מיט ליבע דאָס האַרץ פון דער ערד
און ווערט
ניט פאַרשטיינערט פון גרויזאַמען האַס.
די לאַסט
פון די יאָרן פון וועלט־משוגעת
צעפּאַסט
האָט, צעקאַרבט האָט דאָס האַרץ ווי אַ שווערד,

וואָס שפּראָצט ווי אַן אייביקער פרילינג־געבלי
און היט אָפּ געטריישאַפט פון שאַפנדן מין.
דער זין
פונעם דאָ־זיין, די פרייד פון געווין,
איז דין,
ווי אַ זונשטראַל און שטיל ווי זיין גלי.

די מי פון די בויער, דורך שוויים און דורך בלוט,
באַרוט
ניט ס׳געמיט פון דעם קומענדן דור.
ס׳איז קלאָר,
אַז פון לעבן וועט בלייבן די וואָר
און נאָר
די וואָס טוען וועט זיין דעמאָלט גוט.

עס רעדן די מינים די זעלביקע שפּראַך —
פון לאַך
און געוויין און פון לעכצן צו זיין:
אין פּיין
פון באַשאַף, אין זויף פונעם וויין,
ביים שיין
פונעם לעבן, ביז אָפּגרונט פון קראַך.

און אַלץ וואָס עס אָטעמט מיט האָפט אויף דער ערד
און טרערט,
צי מיט טוי, צי מיט בלוט פון געמי,
איז בלי
פון דערגרייך, איז פון יונגשאָפט דער ברי,
פאַר די
וואָס עס האָבן די ליבשאַפט באַגערט.

און יענער וואָס האָט נאָר אַ שאַרפן געהער,
וועט מער
נאָך דערפילן, דערקענען דעם ריר
פון פריער
און שפּעטער, פון מיר און פון דיר,
צו טיר
פון דעם מאַגישן האַרץ פון דער ערד.

עס זיינען דאָך שאַפער אַזוי פיל פאַראַן
אין שפּאַן
פון דער ערד און אין אַלץ וואָס עס גילט.
עס ווילט
זיך זיי זען און אָט איז דאָס בילד:
ס'איז מילד
און ס'איז גוט ווי אַ פרוי צו אַ מאַן,

דאָס ריזיקע האַרץ פון דער ערד
וואָס ווערט
באַלד פון ליבשאַפט פאַרוואַנדלט אין פרייד
און גייט
פון די ברעגעס אַרויס און צעשפּרייט
די פרייד
אין די הערצער וואָס לעבן אויף דער ערד.

געזאַנג פון מענטש

ווער וועט געווינען דעם געוועט
פון איינעמען די ווייטע רוימען?
ס'איז אַ פאַרמעסט פון מיינע טרוימען
מיט יונגן חוצפּהדיקן דזשעט.

איך שטיי אויף שפּיץ פון „עמפּאיר סטעיט".
עס וואַיען ווירבל־ווינטן.
ניו־יאָרקער לאַבירינטן
שווין האָבן מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט.

און ברייטער קאָרק פון וואָלקנקראַצער
און שאָל פון שטורים פון שטאָל
און פאַל פון בארג אין טאָל
און קנאַל פון דונערן וואָס פּלאַצן —

דאָס אַלץ האָט זיך פאַרמאָסטן דאָך מיט מיר,
מיט מיינע קליינע אויגן,
מיט פּלייצע איינגעבויגן,
מיט שרעק פון טויט, וואָס הויערט ביי מיין טיר.

איך הער ניט אויף צו חידושן און גאַפן:
מיט וועמען איז דאָ אַ פאַרמעסט?
האָב איך באַוויזן דען אַ נס?
צי האָב אַ גולם איך אליין באַשאַפן?

איך שיס־ארויף אַ קאָסמישן ראַקעט
צו אייגענער און היימישער לבנה.
איך בין געוואָרן פאָדערער און מאָנער
פון הונגעריקן דור פאַר היינט פון זעט.

באַריר פון פינגער מיינעם אויף אַ קנעפּל —
און ריזן־באַרג פאַרוואַנדלט זיך אין שטויב.

וױ אַפּט איך ציטער פֿאַר מײַן אײדל קעפּל,
װאָס גיט װי אַ ראַקעט זיך אַ דערהױב..

איך צי זיך אױס אױף אָרעם בעטל,
כ'בין מיד און כ'לעכץ אַזױ נאָך רו.
נאָר מיטאַמאָל פֿון ערגעץ־װאו,
עס קומען אַן געדאַנק־ראַקעטן

און װי די צװײַגן פֿון אַן אַלטן בױם,
װאָס שפּרײטן־אױס זיך הױך און העכער,
און װי אַ פּאַװע מיט איר פּעכער,
אַזױ צעלײגט זיך גרענעצלאָז מײַן טרױם.

אַזױ צעזינגט זיך װילד מײַן בלוט
און ס'רױשט אַ טאַנץ אין אַלע גלידער
און גוף מיט גײַסט באַהעפֿט זיך װידער
און ס'איז מיר װאױל אַצינד און גוט.

דער סװישטש פֿון דזשעט דערשרעקט מיך מער ניט.
איך דרינג אַרײַן אין יעדן סוד.
ניטאָ פֿאַר מיר מער קײן פֿאַרבאָט.
כ'באַנעם דעם קלאַנג, װאָס איך דערהער ניט.

עס טוט מיר גאָרניט, גאָרניט באַנג,
װאָס עלטער ס'װערן מײַנע יאָרן.
איך װער כסדר נײַ געבאָרן
און זינג פֿון דױער אַ געזאַנג.

כ'דערקען די כוחות װאָס פֿאַרבאָרגן
עס ליגן נאָך אין טיפֿעניש פֿון מיר.
איך בין דער שאַפֿער פֿונעם מאָרגן,
איך עפֿן־אױף דער װעלטס געהײמע טיר.

י. אַ. ראָנטש

פּשוטע דעקלאַראַציע

די שפּראַך פון אַטאָמישער באָמבע
איז עלטער פון קאַטאַקאָמבעס.
דער הײַנטיקער גריבלער פון לשון פּאַרטאָן איז
מיט מיסטיערן ווערטער פאַר נײַע לבנות.

מיר טרעטן אויף קברים פון אייגענע ברידער
און ס׳הילכן אָפּ טריט מיט קידער־ווידער.
נאָר יעדער צעל פון אונזער גוף שטעלט אולטימאַטן:
מיר זאָלן זיך מער ניט פאַרראַטן.

מיר זאָלן אַ שבועה אויף הימלען פאַרשרייבן:
מיר מוזן דעם מלאך המות פאַרטרייבן.
און אויף גאָרער ערד איז אונז נאָך פאַרבליבן
געבאָט פון דער שעה — צו לעבן, צו ליבן.

וואנדער לידער

1. וויג-ליד

וואָגל-זועג, וואַנדער-זועג, וואונדער-זועג!
אַ פאַררעטערישער ערד-געטרייסל אין סאַן-פראַנציסקאַ;
אַ וואַנזיניקער אוראַגאַן אין פלאָרידאַ;
אַ פרילינגדיקע שניי-זאַווערוכע אין קליוולאַנד...
נאָר אומעטום —
אַ שמייכלענדיקער מענטש,
אַ פרעמד-אייגענער.
אַ ווארעמער בליק, אַ נאָענט וואָרט,
אַ פריינטלעכער האַנט-דרוק.
איך פלי איבער וואָלקנס און וויים זייער סוד.
איך פלי איבער אייביקע שנייען פון בערג
און ס׳ווארעמט מיך זון אין עראָפּלאַן.
עס ברומען מאָטאָרן, נאָר מיר רעדן געמיטלעך.
פון פאָרנט שטורעמט פּילאָט די רוימען.
ער שלינגט-איין די מיילן און לאַכט פון די פּאַגעס.
איך וואָגל איבער פלעין פון נעבראַסקאַ;
איך וואַנדער איבער מדבר פון נעוואדאַ,
איך באַוואונדער די בערג פון מאָנטאַנאַ,
און טובל זיך אין ענדלאָזן פּאַסיפיק ביי סאַן דיעגאָ.
איך זיץ מיר געמיטלעך ביים פענצטער, באַטראַכט מיין עשירות:
ס׳איז מיינס, ס׳איז מיינס, ס׳איז מיינס...
עס שמייכלט צו מיר ז׳ער קאַפּיטאַן און מיר שמועסן ווי גלייכע.
און ווען כ׳ווער גרייט פאַר אַ דרעמל,
זינגען פאַר מיר אַ וויג-ליד
די מעכטיקע פיר מאָטאָרן
און כ׳שלאָף איין געשמאַק אין זייער ריטם
און כ׳וויים,

אז די שיינע אויפפאסערין פאסט אויף אף מיר
און וועט מיך אויפוועקן
אין דער ריכטיקער צייט.
וואגל-וועג, וואנדער-וועג, וואונדער-וועג!

2. פילאדעלפיע

געבענטשטע שעה אויפן ריטענהאוז סקווער אין פילאדעלפיע,
ארומגערינגלט פון די וואלקנקראצער, ווי באשיצער!

דער פרישער ריח פון די פרילינג-קוויטן, ווי באגריסער
פון א וועלט מיט כולו טוב און צויבער פון אן ערשטער ליבע.

מאגנאליעס אין פולן בלי קוקן-ארויף צו עלם-ביימער,
און ווייסע בעכער-ליליעס פארנייגן זיך גראציעז
צו טולפאנען-בייטן, וואס חנדלען זיך צו די דאפאדילן.

און סאמעטענע פענזיס, באשיידענע און שטילע,
טוליען זיך צום פולן שפראץ פון גרינעם גראז.

אויף בענק — פארטראכטע מענטשן, ווי פארבענקטער פארנאכט.
און יונגע פרויען מיט יונגע הינטלעך אויסגעצוואגענע,
וואס רייסן זיך צו די קינדערלעך און באלעקן זיי.

און איך — אן איינזאמער אין שטאט פון פריינטשאפט,
נעפין דא גוטע רייד אין פרעמדן בליק פון דורכגייער.

און פון די שמאלע, אלטינקע געסלעך ארום סקווער
שלייכן זיך די שאטנס פון חיים סאלאמאן און בנימין נאנעס.

און צו מיין באנק דערנעענטערט זיך א ברייט-שמייכלענדיקער
דער גוטער גרויער דיכטער וואלט פון קעמדען.

רעגן-טראָפּנס

אַ קילער טראָפּן האָט געבראַכט מיר גרוסן
פון אומבאַקאַנטע ווייטע וועלטן.
זאָל דער רעגן מיך פון שטויב באַפרייען.
ווי דער עולם האָט זיך דאָס פאַר אים דערשראָקן...
אַ, וואָש אַראָפּ דעם ברוד פון דושנע טעג!

עס הויערט איבער אונז פאַרצערונג:
שנאה-שימל, וואָס פאַר׳סמ׳ט, צעפרעסט;
קול פון פחד, צער פון שלאָפן,
יאָמער פון אונטערגאַנג און — סוף...
אַ, וואָש אַראָפּ דעם שיכט פון ברוד!

איך האָב געזען די גוטע אויגן פון אַ מאַמען,
די פרילינג-פרייד ביי שטיפער-קינדער.
און מענער האָבן זיך געשלאָגן צום פאַרלענדן
און בלוט האָט ערד פאַררויטלט...
אַ, וואָש אַראָפּ דעם ברוד פון מענטשן-האָס!

איך האָב געוואַנדערט איבער ערד אַן אויסגעדורשטער.
מיין קאָפּ — אַ פייערדיקער דאָרן.
דער צאָרן פון דורות-לאַנג —
אַ דינאַמיט וואָס וועט צערייסן מיך.
איך האָב געלעכצט נאָך קילן רעגן-טראָפּן.

אַזויפיל מענטשן ארום מיר פאַרקליבן
און פון קיינעם נישט קיין טרייסט-וואָרט.

אַ מענטשן־מדבר וואָס פאַרצוקט מיט שווייגן,
אַ שטויבן־לופט וואָס טריקנט גומען —
און פון הימל ברייט אַ פייער.

וואו זיינען זיי, די גוטע אויגן?
וואו איז דער קוואַל פון טרייסט־רייד?
איך וועל דעם קאָפּ אַ הייב טאָן זאַרגלאָז,

איך וויל דערפרייען זיך מיט ברכה־רעגן,
וואָס וועט מיך אויסצוואָגן לכבוד יום טוב.

עס וועט ניט אונטערגיין

די קארבן אויף מיין ברייטן שטערן —
דאָס איז דער שטעמפּל פון מיין פּיין.
ס׳איז וויסט דאָס אויג — דער קוואַל פון טרערן.
דער שכן פרעגט צי וועל איך זיין.

איך ווייס: איך בין אליין געבליבן,
א יתום פון מיין גאַנצן שטאַם.
געבליין אין מאָרד־אויוון צעריבן,
דער גוף פארצערט פון גאַז־סם.

ער ציילט מיין חורבן אין מיליאָנען,
ער פרעגט, דער שכן: וואָס וועט זיין?
עס פלאַטערן די טויטן־פאַנען,
ווי פּעכערס אין מיין האַרץ אריין.

ער רעדט פון מיר, ווי פון א גוסס,
ווי פון אַ שפּענדל אויפן ים.
נאָר איך, איך ווייס מיין כח גרויס איז —
עס וועט ניט אונטערגיין מיין שטאַם.

פאר שניטן־קנייטשן אויף מיין פּנים,
פאר יונגן קאָפּ מיט ווייסע האָר —
מיר וועלן אָפּצאָלן די שונאים,
ס׳וועט מאָנען חשבון אונזער דור.

דער אמת איז א שטרענגער שופט,
נאָר וואָלוול איז ביי אים די צייט.
דער שקר קוילעט אונז ווי עופות,
די וועלט, דער שרייבער, שטייט ניט ווייט.

פארבלייבן וועט נאָר דער גערעכטער,
ווי וואָרעמקייט פון זונען פלאַם.

ס'ווערט אָפּגעווישט פון ערד דער שעכטער,
נאָר ס'וועט ניט אונטערגיין מיין שטאָם.

איך בין דער פאַלנדיקער שטערן,
וואָס לאָזט אַראָפּ זיך אין אַ טאַנץ.
עס קאָן מיך קיינער ניט צעשטערן,
עס בלייבט ביי מיר דער גלי פון גלאַנץ.

איך גיי אַנטקעגן יעדן שטורעם
און ציטער ניט ווי מידע לאַם.
דער אמת איז מיין פעסטער טורעם,
עס וועט ניט אונטערגיין מיין שטאַם.

דער לעצטער, דער ערשטער

.1

מיט הכנעה און באדויער
שארן שאטנס זיך פון ביידע זייטן,
שושקען שטומערהייט אריין אין אויער:
„ביזט דער לעצטער ייד פון אלע צייטן,
האסט געריסן קריעה אין דיין טרויער".

ס'וועט מיין הארץ אויף אייביק קלעמען.
נים די לעצטע רויז פון שפעטן זומער,
נים פון הארבסט די לעצטע כריזאנטעמע,
נאר די שטילע יידן, ערלער־פרומע,
וועלן קיינמאל שוין צו מיר נים קומען.

ווי די בלעטער האט מען זיי צעטראטן,
ווי די בלעטער האט מען זיי פארברענט.
נאר זיי גייען נאך מיר ווי די שאטנס,
פאר די אויגן שטייען זיי, ווי ווענט;
פון דער ערד זיי שטרעקן אוים די הענט.

.2

קוק איך, זוך איך, פרעג דעם דרויסן:
„בין דער לעצטער ייד איך דא געבליבן?"
מענטשן איילן, יאגן זיך און שטויסן,
ווייזן וואס עס שטייט אין בלאט געשריבן,
נאר זיי פילן נים מיין אומגליק גרויסן.

לאז איך זיך אוועק אין וואנדער־גאנג,
לאז איך זיך אוועק אויף פעלדער ווייטע.
הער זיך איין צום זינג פון שטאלצן זאנג,
זאג מיר, מאמע־ערד פון אלע צייטן,
טוט דיר אויך פאר לעצטן יידן באנג?

רוישט דער ים און ברויזט מיט גבורה,
ברומט פון כעס און שלאָגט די ברעגן,
אומעט אָטעמט פון זיין צורה.
ים, דו ים, דו ווילדער יעגער,
זאָג : „איז דאָס מיין סוף ?״ — טו איך אים פרעגן.

ווילדער מיילן, אויסגעשטעלט ווי פאַלקן,
ביימער ריזן, ווי געטרייע וועכטער —
איבער אייך עס שוועבן יאָמער־וואָלקנס,
איר געהיט האָט טויטע זין און טעכטער,
איר זייט עדות קעגן דייטשע שעכטער.

קרוינען בערג זיך מיט די ווייסע שפּיצן,
אייביק גרינען דאָ די טיפע טאָלן,
שרעקט דער הילך פון דונער, בלענדן בליצן.
אַלץ וואָס לעבט דאַרף שטאַרקן זיך און שטאָלן,
ס׳קומט די שעה פון חשבון און פון צאָלן.

פרעג איך ביי די טורעמדיקע פעלזן :
„וואוינט אַ לעצטער ייד אין איי׳רע שפּאַלטן,
אַן אַנטרונענער פון בערגן־בעלזן,
וועלכער האָט זיך דורך אַ נס באַהאַלטן,
ווען מען האָט געשניטן אַלע העלזער ?״

.3

קלאַפּ איך אָן אין טירן אויף מיין וואַנדער,
שריי איך הויך, אַז וועלט זאָל הערן.
זוך אַ ברעג אַ זיכערן צום לאַנדן ,
זע געפאַרן מערן זיך און מערן —
בין געוואָרן איך געשטראַנדעט.

בין איך אויף אַן אינזל גאָר געבליבן.
רייב איך זיך די אויגן : וואָר צי חלום ?
נעמען מיך ארום באַלד בליקן ליבע,

שטרעקן הענט זיך פריינטלעך, גיבן שלום,
ווייזן, ס'איז מיין אוצר דאָ געבליבן.

איך, דער לעצטער ייד, בין גאָר דער ערשטער,
בין דאָס פאָלק פון בוך, דאָס בוך פון ביכער.
ניין, ניט אויסגעראָט מיין שטאָם, אָט הערשט ער
מיט די צען געבאָט, דעם מענטש פארזיכערט,
ס'איז ניט שפעט נאָך, לערן אוים זיי גיכער:

„זאָלסט ניט הרגענען און ניט פארקנעכטן,

זאָלסט ניט גנבענען און ניט בארויבן,

זאָלסט ניט פעלשן און ניט גלוסט צום שלעכטן,

דיינע פאָטער-מוטער טו דערהויבן,

פיר אַ ריינעם לעבן, אַ גערעכטן".

.4

כ'בין געווען דער ערשטער מיט דער ביבל,
כ'בין דער ערשטער מיטן תהלים.
ס'האָט מיין זיידע אינעם חסידים-שטיבל,
פול מיט לעבנס-ברען, געזאָגט זיין תפילה
און זיך אויסגעלאכט פון יעדן איבל
און געוויצלט זיך מיט טויט אפילו.

זיינע יורשים — אַש אין אויוון-פייער,
אין די מיסטן ליגן זיי'רע שאַרבנס.
נאָר עס לעבט נאָך משה דער באַפרייער,
וואָס געפירט האָט אויפשטאַנד קעגן שטאַרבן,
לעצטער-ערשטער ייד וועט איצט אים אַרבן.

אייביק פליסט אין מיר דאָס בלוט פון נביא;

דבורה זינגט אין מיר, און ס'פאָדערט מיכה;
ס'דרינגט אריין אין האַרץ דאָס וואָרט פון דוד.
וואַרפן אָן אַ פחד ווילדע וויכערס,
פעדערט זיך ישעיה און פאַרזיכערט.

5

ס'ווערט ניט מיד דאָס ליכט פון מאַקאַבייער
אָנצוצינדן נייעם מוט און גלויבן;
דריידל דרייט זיך הערצער צו דערפרייען;
יעדעם יאָר ווערט מרדכי ניי דערהויבן,
יעדעם יאָר אַ המן ליגט אין שטויבן.

וויפיל העלדן האָב איך ניט באַזונגען?
וואו אַ לאַנד געלאָזט האָב איך מאַרטירער.
אַש געמאַכט פון מיר, געשניטן צונגען, —
ניט געלאָזט פון שקר זיך פאַרפירן
האָבן די הירש לעקערט יונגען.

זע, איך בין דער סנה, דער מדבר-דאָרן,
פייער-פלאַם, וואָס ווינט וועט ניט פאַרצערן.
כ'ווער נאָך יעדן סוף אויפסניי געבאָרן;
מיין ירושה — טראָגן לאַסט דעם שווערן,
ביז די ערד וועט איינזאַפּן די טרערן.

לעצטער ייד פאַרבלייבט דער ערשטער מאַנער,
וועקט די וועלט צו חצות און טראָגט די זאָרגן.
שטעלט זיך איינער קעגן באַטאַליאָנען,
קומט צו פליען ווי די שוואַלב פין מאָרגן;
גרייכט צום שפיץ מיט זיינע פרייהייט-פאַנען.

דינאמיט

מודה אני
יעדן אינדערפרי,
ווען כ׳נעם די זייף אין האנט,
ווען כ׳נעם דעם האנטוך פון דער וואנט,
ווען כ׳באנעץ מיין גומען—
מאַנען מיך די בליקן שטומע.

.2

זיי זוכן מיך פון אומעטום:
די קינדער אַן אַ נאָמען,
די יידן אַן אַ דאַך.
איך בין זייער קרוב,
מיין היים איז ניט חרוב.
מיין זייף איז אומשולדיק,
מיין אויג געדולדיק,—
אַ, קומט צו מיר, קומט.

.3

ווייל איך בין אַ גאנצער נאָך געבליבן,
האַלט איך הויך דעם קאָפּ.
כ׳וועל צום טויט ניט ווערן מער געטריבן,
כ׳טרעט ניט אָפּ.

ווייל ס׳איז קיינער ניט געבליבן
פון מיין יחוס־שטאַם,
וועל איך יעדן איינעם ליבן
פונעם טערעך־ים.

ווייל דאָס הארץ פון וועלט געבליבן
איז פארשטיינערט,
האָבן מיר צונויפגעקליבן
זיך ווי איינער.

.4

קלאָג ניט, דיכטער, וויין ניט,
ברעך ניט די הענט;
מיין ניט,
אַז פון טרערן
ווערן
ציגל, ווענט.

פאַר די לעצטע פּיינען
אינעם יאָמער־טאָל
וועלן פויסטן מיינע
ווערן שטאָל.

פאַר צעפּלעטן גופל
פונעם יידיש קינד
וועט נקמה־רופן
א צעבלאָז־טאָן ווינט.

אויב עס וואָיען שוין שאַקאַלן
אויף מיין אונטערגאנג, —
קלינגען וועט און שאַלן
אונזער יונג געזאנג.

.5

מיין אויג איז אָנגעלאָרן,
נאָר ניט מיט טרערן,
עס טראָגט אין זיך דעם שאָדן
שווערן.

איך נישטער יעדנס פנים,
צי ליגט פאַרהוילן
די מאַסקע פון די שונאים־
קוילער.

איך בין ניט מער געדולדיק.
עס פעלט מיר, פעלט,
דער חוב וואָס ס׳איז מיר שולדיק
די וועלט.

איך שפּאַן און ס׳גייט מיין צאָרן
מיט מיר מיט.
איך בין אליין געוואָרן
אַ דינאַמיט.

שאַץ אָפּ

איך קום צוריק אַצינד פון יאָמער־טאָל,
איך בין ניט דער וואָס כ׳בין געווען אַמאָל.
עס האָט אין וועג פאַרפאָלגט מיך טויט־געשטאַלט,
געדראָט האָט מענטשן־ביין פון יעדן שפּאַלט.
איך קום צוריק אַצינד פריצייטיק אַלט.

זיך אויסגעלאָשן האָט דער פונק פון בליק, —
עס קומען מיינע פריינט ניט מער צוריק ;
פאַרלאָרן האָב איך זיי שוין אומעטום ;
איך רוף און ס׳ענטפערט קיינער ניט, ס׳איז שטום.
איך הער זיך צו צום אייגענעם געברום.

געדאַרפט האָט זיין די וועלט אַ ליבעם־נעסט,
איז האָט צעפרעסן זי אַ פּלאָג, אַ פּעסט.
איך האָב מיר טרוימען הערלעכע געבויט,
איך האָב זיי מיינע שכנים אַנפאַרטרויט —
איצט האָט פאַרטיליקט אַלץ דער אַכזר־טויט.

ס׳איז שיין געווען געזאַנג פון נאַכטיגאַל,
ס׳איז ליב געווען דאָס ריזלען פונעם קוואַל.
איך קום צוריק אַצינד פון טויטן־טאָל.
איך האָב געהערט פון פיין דאָס טיפע קול
איך בין ניט דער, וואָס כ׳בין געווען אַמאָל.

.2

מיט מענטשן־אַש איז נאָך פאַרשטויבט מיין גוף,
עס קלינגט אין אויער נאָך דער לעצטער גסיסה־רוף.
כ׳האָב צוגעזען דעם מאָרד, די גרעסטע שאַנד,
און מאַכטלאָז איז געווען מיין האַנט,
ווען ס׳האָט צום יאָמער־טאָל מיין שטאָט געשפּאַנט.

כ'בין דאָ צוריק, כ'האָב אַלץ געזען, געהערט.
איך טרעט אויף פרייער, לעבעדיקער ערד;
איך פריי מיט יעדן איינעם זיך און גרים.
אויף אייביק ווייס איך שוין וואָס לעבן איז.
די גרוב פון טויט איז שוואַרץ, דאָס ליכט איז זיס.

כ'בין דאָ צוריק, געלאָדענער מיט פיין.
איך קוק אין אַלע פּנימער אַריין,
איך רייד צו יעדן איינעם און איך זאָג:
געטראָפן האָט אונז אַלעמען די פּלאָג,
נאָר אויפגיין וועט די זון צום נייעם טאָג.

דער מענטש — ער בלייבט. עס אָטעמט יונג און אַלט.
עס גרינען ביימלעך שוין אין יונגן וואַלד.
עס לאַכט דער זויגלינג און דער זקן לאַכט.
איך ווייס: איך האָב פון שוואַרצער וויסטער נאַכט
אַ העלן אָנזאָג אַלעמען געבראַכט.

3.

דער שענסטער אוצר פון דער וועלט איז מענטש.
האַלט טייער אים און ליב און לויב און בענטש.
גענוג מיט ווייטיקן זיין האַרץ פאַרקלעמט,
גענוג דאָס פּנים ליכטיקע פאַרשעמט,
שאַץ אָפּ דעם מענטש פון נאָענט און פון פרעמד.

שאַץ אָפּ דעם שטילן שכן ביי דיין טיר,
וואָס גאַרט שוין לאַנג אַ וואָרט אַ גוטס פון דיר.
טייל אוים דיין גנאָד, דיין וואַרעמקייט צעשטראַל,
גענוג געפייניקט זיך אין כּף הקלע.
עס שטרעקן אָרעמס זיך פון איבעראַל.

דעם שונא פונעם מענטש פאַרטרייב פון ערד,
צעשטער דעם פיינט וואָס לעבן זיינס באַשווערט.
געזונטע קערנער האָבן מיר פאַרזייט
און אויפגיין וועט פון זיי אַ פרילינג־פרייד.

זיי גוט צום שוואַכן ציטערדיקן קינד.
שאַץ אָפּ דעם אַלטינקן וואָס באַלד פאַרשווינדט.
דערמאָן זיך ווער ס׳איז שוין מיט דיר ניטאָ.
האָב ליב דעם מענטש וואָס איז געבליבן דאָ.
זאָל טייער זיין פון לעבן יעדע שעה!

דער ריז

אזוי וועט דאָס זיין און אזוי וועט דאָס בלייבן.
עס וועט פון אונז שפּריצן מיט פונקען פון שטאָל.
מיט בלוט וועט מען מער מיין געשיכטע ניט שרייבן,
א סוף — צום אמאָל.

אַ, דיכטער פון אומרו, הערט אויף שוין צו קלאָגן.
ניט טרערן, נאָר ציגל זאָל טראָגן אייער ליד.
אַ, רעדנער און זאָגער, דערזעט די פאַרטאָגן
פון וואַכיקן ייד.

אין הארצן פארחתמעט פון געטאָ די נעמען,
מיר קוקן אויף וועלטן מיט אויגן פון וואר.
ס'וועט מער ניט די טאַטעס און מאַמעס פארשעמען
פון מאָרגן דער דור.

דער אמתער גבור ער נעמט זיך ניט איבער
מיט גבורה, וואָס גרייט איז מיט שאַרפקייט פון שפּיז.
פון היינט־אָן דער ייד איז אַ שווייגנדער גבור,
דער ייד איז אַ ריז.

י. א. ראַנטש

ממעמקים

פון בוך „לידער“, 1947

איך רוף דיך פון דער טיפעניש,
מיט אויסגעשטרעקטע הענט;
די אויגן די פאַרלאָשענע
זיי ווערן ניט פאַרברענט;
דער צער פון דור געפייניקטן —
צו דיר, צו דיר געווענדט!

איך רוף דיך פון דער טיפעניש,
דו טרייסטער פון מיין פיין;
דו, אמת, קוואַל פון אייביקייט,
דו, יושר, זין פון זיין;
פאַר מיר פון צייט פאַראומערטן,
ביזטו דער שטאַרקער ווייַן.

די שוואַרצע כמאַרעס דראָען מיך:
„דיין אמת איז פאַרשטעלט“.
עס האָגלען שפּיזלען אייז אַרום —
אַ קאַלטע, קאַלטע וועלט.
איך רוף דיך פון דער טיפעניש,
דו ביזט די זון וואָס העלט.

אַטאָמען באָבמע לויערט שוין;
די ערד איז וויסט און הויל.
דער מוח אין דער פלאַנטעריש
געוואָרן איז אַ קנויל;
די צונג, זי קלאַפּט אין טירן אָן,
אַ פרעג־צייכן — דאָס מויל.

איך רוף דיך פון דער טיפעניש,
דו, אמת, טראָגסט באַשייד;

דו ביזט דער ווינט דערפרישנדער,
וואָס האָט די קראַפט פאַרזייט;
דאָס האַרץ דאָס קראַנק־צעשראָקענע
האָסטו דאָך גלייך דערפרייט.

דער הימל האָט פאַרראַטן מיך,
בית־עולם איז די ערד;
דער שכן האָט באַגעגנט מיך
מיט בלאַנקער שעכטער־שווערד;
ירושה פון די זיידעס איז
שוין לאַנג צעשטערט, פאַרצערט.

געבליבן איז איין איינציקער
געטרייער, גוטער פריינט.
דו, אמת, ביזט דער פאַנצער מיין,
וואָס שיצט מיך קעגן פיינט.
איך רוף דיך פון דער טיפעניש,
אָ, ניט פאַרלאָז מיך היינט!

דאס ליד פון שלום

פון בוך: „דאָס ליד פון שלום", 1952

.1

מיין נאָמען איז מענטש.
ווי מאָדנע ס'איז דער קלאַנג פון וואָרט
און פרעמדער נאָך זיין מיין,
און שווער איז צו פאַרשטיין,
אַז מענטש מיט מאָרד זיך פאָרט.

עס זינגט דער פויגל שלום-ליד,
די גרילן זינגען מיט אים מיט;
דער גרינער בוים ביים פענצטער בליט,
עס שטראַלט די זון מיט שלוה, פריד.

עס ציען וועלדער זיך אין מיילן —
זיי זיינען שלום-זיילן.
דער באַרג שטרעקט זיינע אָרעמס אויס,
דער טייך באַרואיקט אין זיין שויס.
די חיה-רעה שוין פאַרשווינדט.
איך בין דער האַר און אַלץ מיר דינט.
דאָס וואָרט מיינס גילט
אין וועלט, פאַרוויסט און ווילד.
פון גוטסקייט קניט פאַר מיר די ערד,
נאָר איך — איך זינג פון שווערד.

.2

מיין נאָמען איז מענטש.
דאָס וואָרט פאַרשעמט,
דאָס וואָרט פאַרקלעמט.
דאָך שטאָלץ בין איך און שיין איז מיין געשטאַלט.

נאָר באַלד באַפאַלט
מיך אימה פונעם סוף.
געאַנקערט האָט אין פאָרט
דער קאַפּיטאַן פון מאָרד.

איך האָב אריינגעקוקט אין שפיגל
און ס'האָט פאַרגליווערט מיך דאָס בייז.
עס האָט אַ קריגער-זיגער
געבעטן מיך: „דערלייז!"
איך וויל נטי זיין מער קין;
כ'וויל אָנהויבן פון ישעיה'ן.
נעם צו די שווערד,
וואָס נידערט, שווערט.
כ'וויל זיין פאַרוועבט
מיט אַלץ וואָס לעבט.
זאָל קין-צייכן ווערן אָפּגעריבן,
איך וויל אין מענטשן זיך פאַרליבן.
און ווי אַ היים-באַגערטע פּאָר,
איך וויל זיך צערטלען מיט מיין דור.

.3

ניט שאַנד
באַדעקן וועט מיין האַנט;
ניט ליג
איז מיין געצייג;
ניט רויב
וועט זיין מיין לויב.
איך וואַקס און בלי
און צי
חיונה פונעם ליכט
איך האָב די לעבנס-פרייד באַפרוכפּערט און פאַרמערט
איך בין די טאַטע-מאַמע פון דער ערד.

ווער קען זיך שטעלן מיר אין וועג

(פאָרזעצונג אויף ז"ט 152)

איך און דו און ער

איך קוק אריין אין דיינע קליינע אויגן
און כ׳זע :
עס איז בלוי-פייגעלע ארויסגעפלויגן,
די נעסט איז פוסט,
מיט גרויען שפינוועבס אנגעצויגן.

כ׳קלאפ אן אין היימיש-נאענטע טירן,
ס׳באגעגנט מיך אן אנגסט פון טויט.
דאס הויזגעזינט טוט פיינט דערשפירן,
עס ציטערט הויט,
די בליקן — פרירן.

אין גאס, אין שפאן מיט מענטשן-קינדער,
בייגט זיך אויך מיין פלייצע איין.
איר סווישטש איז פיין,
עס טרייבט א קנאלנדיקע בייטש : „געשווינדער!״
איר פאך מאכט בלינדער.

אויף אלע ראגן ווארט פארבארגן
דער רויבערישער פיינט.
גייען מיר ארום און זארגן :
ווען פאקט ער אונז — היינט
צי מארגן ?

.2

איך און דו און ער
„אונזער ערד
איז שווער״.
פרעגן מיר : וואו
איז רו ?
איך און דו און ער
פארגיסן טרער נאך טרער.

ווער איז שולדיק, ווער?
שווער, אַך, ווי שווער!

און אין דרויסן ביי דער שוועל
פיקט זיך צווײַט,
די זון זי העלט,
די ערד זי גיט
מיט פולער האַנט.
דאָס גרעזל גרינט,
דער פויגל זינגט,
דער בוים דערוואַכט,
דאָס בלימל לאַכט.

איך און דו און ער —
„אוי, ווי שווער!"
לאַכט די זון
און דאָס פרישע גרעזל לאַכט.
וואו איז דיין מאַכט? —
פרעגט אונז אַלטער בוים.
און וואַסער שוים
ביים ברעג פון טייך
פייקלט אויף ערדס טיר:
מענטש, ביזט רייך,
נים קוק אויף מיר.

חידושט זיך דער גאַסט — דאָס שוועלבל:
מענטש אין טרויער?
גלאָצט דאָס ניי־געבאָרן קעלבל:
מענטש באַדויערט?

הימל — בלוי,
ערד אין טוי,
לופט איז מאַי,
טאָג איז ניי.
טאָג באַדויערט
מענטש אין טרויער.

3.

די בלום פאַרגייט,
דער מענטש באַשטייט.
דאָס האַרץ — דער פויקער —
רופט און וועקט,
טרייבט די שרעק,
דעם דורותדיקן הויקער,
פון אונזער קינד אַוועק.

און איך און דו און ער:
אויב ס׳לויערט פיינט
די זון, זי שיינט
און ס׳בלאַנקט ווי זי די שווערד.
אויב פרייער רוים געהערט
דעם שוועלבל צאַרט, —
האָט מענטש צו לאַנג געוואַרט.

און איך און דו און ער:
פאַר אונז די ערד,
פאַר אונז דער רוים.
פאַרוואַנדל טרער
אין שוים,
אין טוי.
דער פויקער — האַרץ
איז אויף דער וואַך.

פון נאַכט
ווערט טאָג
פון שוואַרץ
ווערט בלוי.

זאָג:
אין אונז די מאַכט,
אין אונז די פרייד.
דאָס בלאַט פאַרגייט,
דער מענטש באַשטייט.

עס בלאַנקט
דער שאַרף פון שווערד
אין אונזער אויג.
און איך און דו און ער —
ניט געבויגט
זיך מער —
~~באַר~~ היינט.

פאר ווען איז די וועלט

.1

אין דרויסן וואָיען ווינטן ווינטערדיק און ווילד.
דיביימער שטרעקן שוואַרצע אַדערדיקע הענט.
אַ האַרטער שניי געפאַנגען האָט די ווייכע ערד,
ווי ס׳וואָלט איר אַטעמען געווען אַצינד פאַרווערט.

די יונגע קראָען אויף די צווייגן בעטלען שפּייז,
און גרוי און וויסט דער הימל איז און שטייף ווי אייז.
עס זיינען מענטשן פיר געשטאָרבן היינט פון קעלט.
איך פרעג זיך יעדן טאָג: פאר ווען איז די וועלט?

אין אויער קלינגט עס: „היראָשימאַ!" „נאַגאַסאַקי!"
און אפשר וועט די באָמבע מאָרגן אונז אויך פּאַקן?
און אפשר וועט פון עמפּאיר סטעיט אויך ווערן אַש?
מה רעש? —

אַז אַש און זייף געוואָרן איז פון מיינע שוועסטער.
און ס׳האָט געשוויגן גאָט פון ליבע און פון רחמים.
און ס׳האָבן פרומע לייט די אויגן זיך פאַרשטעלט.
איך פרעג זיך יעדן טאָג: פאר ווען איז די וועלט?

.2

עס גייען לענדער אין געוועט:
צעשטערן ווער וועט ווען פריי׳ר.
מען ציטערט טאָמער ווערט צו־שפּעט
און ס׳וועט אַ קלאַפּ טאָן פיינט אין טיר.

פון אַלע אויגן קוקט אַרויס דער טויט,
וואָס האָט אַ וואַנט אַרום אונז אויפגעבויט.

אין הייסע טעג עס בלאזט מיט טויטער קעלט.
איך פרעג זיך היינט: פאר וועמען איז די וועלט?

ס'וויל ווידער רויבער ווערן מושל
און בלוט-דורשט איז אריין אין מאדע.
פארגעסן שוין דאס ווארט נקמה
און מאמעס ציטערן — מלחמה.

עס ציען זיך פראצעסיעס נייע
פון פארלאזענע לוויות,
פון ביינער לעבערדיק פארגעלט.
איך פרעג: פאר וועמען איז די וועלט?

.3

די חכמה פון דורות — א שילד אויף מיין טיר.
די שליסלען פון ערד-סוד געהערן צו מיר.
ראקעטן, אטאמען און וואונדער אן שיעור —
זיי שטייען געגרייט שוין אויף מיינס א באריר.

א סוף צו די ליידן, אן ענד צו די זארגן:
מיר ברענגען גן-עדן דעם היינט און דעם מארגן.
ס'וועט ווערן א שפע פון וואס ס'האט געפעלט
איך וויים שוין, איך וויים שוין פאר וועמען די וועלט

נאר הינטער מיר עס רוימט ווער איין
א סוד אין אויער: הער און זע.
געשטאנק פון מענטשן-פלייש איז ערד
און איבער דיר מען שארפט די שווערד.

פארנעם די רייד פון נביא דא.
עס שלאגט באלד אוים דיין לעצטע שעה.
דער זייל פון רויך די זון פארשטעלט.
איך פרעג: פאר וועמען איז די וועלט?

.4

אמאָל איז מענטש אַ מילב אין די אויגן פון דער צייט,
אמאָל איז ער דער ריז אַלמעכטיקער פון רוים.
אמאָל דערשרעקט ער זיך אין גלי פון מאָרגן־רויט,
אמאָל דערדריקט אַן עול, וואָס איז אים אַנפּאַרטרויט.

און איבער אַלץ און איבעראַל גייט נאָך אַ פּיינט,
וואָס שטייט צוקאָפּנס אים, וואָס שטייט ביים זייט.
דער פּיינט, דער טויט, ער טוט מיט אונז וואָס אים געפעלט.
איך פרעג זיך נאָכאַמאָל: פּאַר וועמען איז די וועלט?

דער טויט — איז ער דער הערשער איבער גאָר דער ערד,
וואָס גייט ארום אויף פינגער־שפּיצן אומבאַוואוסט?
ער טראָגט אַ נאַרן־מיץ און האַלט זיך פאַר אַ לץ,
ער שפּילט זיך מיט אַ פּלייט און גיט אין פּויק אַ זעץ.

ער שטאַרט ארוים מיט וואַנזין־בליק פון שענסטער פרוי.
פון צאָרנדיקן גיבור מאַכט ער נישטיק שטרוי.
און ווען דער עולם כליפּעט, לאַכט ער און ער קוועלט.
איך גיב אַ פרעג זיך דאַן: פּאַר וועמען איז די וועלט?

.5

דאָס לעבן איז אַ יאָר,
אין זמנים איינגעטיילט.
געקומען איז אַ דור
און האָט זיך באַלד צעשיידט.

געלאָזט נאָך זיך א פרייד,
אַ סדר איינגעשטעלט.
דעם ענטפער אָנגעגרייט —
פּאַר וועמען איז די וועלט.

איך בין דער מייסטער פון דער ערד,
איך טראָג איר שליסל־רינג.

ווען נייע טיר געעפנט ווערט,
דאַן יובל איך און זינג.

ווען מוח איבער כוח שטראַלט
און פאַן פון זיג ווערט אויפגעשטעלט,
און ס׳דאַנקט דער מענטש און כורעים פאַלט —
איך וויים: פאר ווען איז די וועלט.

.6

די קליינע אָרעמס מיינע שטרעקן זיך צום ריזן־רוים;
איך האַלז דעם העכסטן באַרג, ס׳איז אייגן מיר דער
ווייטסטער בוים.
עס בייגט זיין קאָפּ דעם מעכטיקן פאר מיר דער שטאָלצער
לייב,
פארבאָרגעניש פון טיפסטן אָפּגרונט איך אַנטפּלעק,
דערהייב.

איך בין דער שטרענגער פאָטער פון דעם הויזגעזינט אויף
ערד,
איך בין די גוטע אָם, וואָס ניי־געבאָרענע דערנערט.
איך קוק זיך איין אין דעם באַשאַף און ס׳אויג ווערט
אַנגעקוועלט.
איצט וויים איך שוין, איצט וויים איך שוין פאַר וועמען
איז די וועלט.

אַ מייסטער־באַלמעלאָכע האָט זי מיר געלאָזט.
באַדעקט איז זי געבליבן מיט אַ שימל ראָסט.
פאַרוואָקסן איז זי נאָך מיט שליימיק, מאָכיק גראָז
עס וואַרט אויף איר אַצינד אַ גוטער באַלעבאָס.

.7

און ווי איך ראם מיין אייגן הויז, מיין קליינע שטוב,
אזוי וועל איך פארשיטן פון דער ערד די גרוב;
אזוי ווערט פינצטערניש פון זון באהעלט.
ווייל ס'וועט געהערן דאך צו מיר די גאנצע וועלט.

דו זעסט דאס עופעלע וואס נאגט דאס פינגערל ?
דו זעסט דאס קליינע יינגעלע, דאס שפרינגערל ?
דו פרעגסט נאך אליין — פאר וועמען איז די וועלט ?
געדענק : פאר זיי די וועלט איז איינגעשטעלט.

באטויבנדער געקנאל פון וואסערפאל,
דער מוראדיקער דזשאנגל שאל,
דאס לעבן הארט —
דעם קינד ניט ארט.

דער וואיענדיקער ווינטער-ווינט —
פארגייט פון שמייכל פונעם קינד.
דער ווערטער-מבול פון פראפעט —
אנטשוויגן ווערט פון קינדס א גלעט.

די גאנצע לאנגע שווערע מי
פון אלע דורות ביז אצינד,

איז אַלץ פאַר אונדזער אינדערפרי
איז אַלץ פאַר הילפלאָז קינד.

און וואו א קינד האָט זיך צעלאַכט,
האָט מענטשן-האַס זיך אָפּגעשטעלט.
דאָס קינד — דאָס איז די פעסטע מאַכט
וואָס ברענגט דעם שלום אויף דער וועלט.

די וועלט, די שפּייזערין

1.

די וועלט איז גרוים גענוג
און רחבותדיק און גוט
און האָט פאַר אירע געסט
געגרייט דעם טיש צו זאַט.

און ווער ס'איז דאָ — זאָל זיין;
איז בוי פון ליים און שטרוי
א ווינקל און אַ נעסט
פאַר דיר און דורות לאַנג.

נאָר ווער ס'איז דאָ — איז ווער
אַ מיטגליד פון דער וועלט,
אַ טייל פון הויזגעזינט
פון לעבעדיקן מין.

און אַלץ וואָס לעבט דאָ גיט
און פּרוכפּערט פאַרן כלל,
און שטרעקט די הענט צו זון,
וואָס גלעט און זאָגט: ס'איז גוט.

און יעדער פיינט זיך אוים,
האָט ליב און ווערט געליבט,
וויל שטייגן צו דער זון
און טאַנצן אין איר ליכט.

ס'האָט אַלץ א חלק דאָ:
ס'שטעלט יעדער איין אין קאַן.
די פירמע טראָגט אַ שילד:
די שותפותדיקע וועלט.

אַ שותּף איז די פליג,
אַ שותּף איז דאָס גראָז
דאָס זעמדל אויפן ברעג
איז אויך אַ באַלעבאָס.

אומזיסט זיך טורעמט באַרג,
און ס׳קאָכט זיך, פּיניעט ים...
ס׳וועט קומען זייער סוף —
בית־עולם הייסט די ערד.

דאָס ניצלעך זיין איז קרוין
פון אַלץ וואָס קומט אַהער.
איז אַרבעט, שאַף און ווייז,
אַז ביזט ניט דאָ אומזיסט.

דאָס גרעזל נידערט טיף,
נאָר הויבט זיך, גלייכט זיך אויס
און טראָגט זיין דאָ־זיין שטאָלץ
און ברענגט זיין חלק נוץ.

דאָס פייגעלע אין וואַלד
זינגט אויס זיין וויכטיקייט,
זיין פלי איז לופט־געשפּאַלט,
זיין נעסט איז טייל פון וועלט.

די מערעשקע זיך איילט,
די דיסציפּלין איז שטאַרק,
איר וועג איז אויסגעשפּרייט
מיט לויטער לאַסט און האַסט.

.2

אַ יום־טוב איז געבורט,
אַ צירונג איז באַשאַף,
ווייל נוצן, נוצן, נוץ
איז פון דער וועלט די האַפט.

און וואָס ס'איז טויט — איז אויס,
וואָס אויס — אַראָפּ פֿון מאַרק.
איין פֿירמע איז באַנקראָט,
פֿאַרנעמט אַ נייע ס'אָרט.

די וועלט איז גרויס און רייך,
די שפּע — קום און שעפּ;
דערקריך צום שפּיץ פֿון באַרג,
דערטויך צום גרונט פֿון ים.

אַ שותּפֿותדיקע האַנט
שטרעקט אויס זיך אומעטום
און ס'מונטערט, וואַכט און גלעט
די זון, די זון, די זון.

דער רעגן-וואַסער-פֿאַל
פֿון בייטשן ווינט געיאָגט —
פֿאַרשווינדט ווי אויגנבליק,
פֿאַרזינקט אין שויס פֿון ערד

דער בליץ, ווי שווערד אין קריג,
און דונער ווי קאַנאָן —
ווי פֿאַר געבול פֿון הינט
דערשרעקט פֿאַר זיי זיך וועלט.

ווען שיכּור ווערט די ערד
און ברעכט איר הויז-געצייג —
פֿאַר שאָדן צאָלט די צייט,
די זון ווישט טרערן אויס.

אין חשבון פֿון דער וועלט —
איז טויט אַ גענעץ גרויס;

פארניכטונג און פארלענד —
פון שפילגעצייג דער קראך.

.3

די מכה פון באשאף,
דער שונא פונעם זיין,
און אומגליק פון דער צייט —
איז אומנוץ פאראזיט.

דער מענט, דער קרוין פון אלץ,
צעפרעסן ווערט פון ראק,
דעם מענטשן־פאראזיט,
די שאנד פון שכל־שטאם.

ווי ס׳הויז ווערט אויסגעראמט
פון וואנץ און טאראקאן,
אזוי וועט ווערן פריי
די וועלט פון מענטשן־ראק.

ער ברענגט אריין געוויין
און ביטערניש און פיין;
ער זויגט און זויגט און זויגט
די זאפט פון יונגער פרוכט.

ער איז דער רויבער־פראנט
אין א צילינדער־הוט.
א נעסט ווערט אויסגעבריט
און ער באהערשט זי גלייך.

ער פרעסט און זויפט אן שיעור
און טרעט אויף פרישער בלום,
וואס איז א ליב געשאנק
פאר אלעמען צוגלייך.

וואו ס׳דארף א שותף זיין
דער לעבעדיקער מין,

איז ער זיך באַלעבאָס
פון קיינעם ניט באַשטימט.

ער גראָבט אין פונדאַמענט
פון וועלטישן געבוי:
האַרמאָניע איבער אַלץ
אין שותפותדיקער וועלט.

ניטאָ קיין בייטש אין רוים,
ניטאָ קיין באַלעבאָס
אויף יענעמס לייב און הויט ,
אויף יענעמס האַרץ און האַנט.

נאָר ער, דער פּאַראַזיט,
שפּאַצירט זיך דאָ אַרום —
אַ חזיר אינעם סאָד,
אַ ווערמל אין כריין.

.4

עס ווילט זיך ניט אַוועק,
פאַרלאָזן ס׳אַלטע הויז.
אַ לעבן לאַנג געשעפּט
פון זומער, זעט און זון.

ווען ס׳קלאַפּט דער טויט אין טיר,
ווען הערסט דעם סטוק, סטוק, סטוק,
ווען פינצטער ווערט אַרום —
ווערט ליב דאָס אַלטע הויז.

די וועלט מיט אירע גענג,
דער ווינט מיט זיין געוואָי,
דער דונער מיט זיין קנאַל,
דער פויגל מיט זיין טרעל.

דורך הויכע בערג אַ קוואַל
זיך וואַנדערט, נידערט שטיל.
אים אַרט ניט ריזן־פעלז,
ער גלעט דעם קיזל־שטיין.

עס שרעקט אים ניט די נאַכט,
ער ציטערט ניט פאַר וועלף.
ער ריזלט צו זיין ציל —
צו ווערן טייל פון ים.

אַזוי איז אויך דער מענטש,
דער קלענסטער צווישן אונז.
אַבי ער טראָגט דעם עול
פון פראַצע פאַר זיין דור.

אַבי ער שטרעקט די הענט
צו ברענגען נוצן, נוץ ;
צו בויען בריק נאָך בריק
אויף טייכן פון דער צייט.

אַז זיין די וועלט זאָל גאַנץ,
דער טיש מיט פרוכט געגרייט ;
ווי ס'היט דער גערטנער אַפּ
אין גאָרטן יעדע בלום.

און ווען אַ מערדער קומט
און קוילעט מענטשן־קינד,
דאַן שעמט זיך שכל־שטאַם
און יאָגט נאָך קוילער זיך.

און ווען עס ווערט פארוויסט
דאָס בליענדיקע לאַנד,
ניטאָ פאַר מענטש קיין רו —
דער פיינט ווערט אויסגעראָט.

ווי ס'זאָרגט זיך באַלעבאָס
פאַר אייגן האָב און גוטס,
אַזוי היט אָפּ דער מענטש
זיין שפייזערין, די וועלט.

ניט שפּראַך און הויט און היים
צעשיידט דעם מענטשן-שטאַם.
דאָסזעלבע הארץ זיך פרייט,
דיזעלבע האַנט באַגריסט.

דער פיינט, דער פּאַראַזיט,
דער פיינט, דער טויט וואָס וויסט —
דערנעענטערט אַלץ וואָס לעבט,
און מאַכט פון וועלט אַ שטוב.

פאַר שותף פון דער ערד
ניטאָ קיין קנאה-קריג,
ניטאָ קיין בייזער מיין,
קיין פרעסן זיך אַליין.

פאַר קורצן לעבנסוועג
איז דאָ בלויז פרייד פון שאַף;
געאָרעמט גיין מיט זון,
זיך חברן מיט רוים.

ניט זיין קיין ווערעמל
וואָס ווערט אָן קאַמף צעדריקט,
ניט זיין קיין שקלאַף צום מין,
וואָס ווערט פארצוקט פון ראַק.

דער שותף פון דער וועלט,
דער מענטש — ווי ווינט איז
פריי;
ער בליט, א רויטע רויז
אין לעבן זומערדיק.

און ווען דער וואָרים קריכט
נאָכהער אויף זיין געביין,
וועט איינגיין אים די רו,
דער גלעט פון געלן זאַמד.

ווייל בליען וועט זיין דור
און פלאַנצן פירות רייך
און שפּרייטן זאָמען פרייד
אויף יעדן ווינקל ערד.

און ווער עס קומט אהער
צוגאַסט אויף אונדזער וועלט,
וועט זינגען דאָס געזאַנג
פון זומער, זעט און זון.

אמעריקע

.1

אַמעריקע. .
ס'איז אייגן מיר דיין גוטע ערד.
מיר האָבן זי מיט אונזער בלוט גענערט.
צוזאַמען מיט די קינדער פון דער וועלט,
צעאַקערט האָבן מיר דיין פעלד.
אַצינד איז רייף דיין פרוכט:
דיין גאָרטן בליט.
מיין ארבעט-האַנט פאַסט אויף און היט.
כ'בין איינגעוואָרצלט טיף, ס'איז וואָר:
איך בין שוין דאָ דריי הונדערט יאָר.

.2

אויסגעוואָרצלט די שטאַמען
האָט דער ווירבלווינט פון דער צייט.
איבער אָקעאַן פון טרערן
געקומען זיינען מיר אַהער.
ווער האָט אונז באַגעגנט?
קאַלטער פעלז און האַרטע פויסט.
ניט אָפּגעוואַרט האָט ליבע פרייהייט,
נאָר איינגעשפּאַנט אין יאָך זיך
האָבן מיר פאַר איר.

די ווילד-גרינע כוואַליעס
פון אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק
שוימען צאָרן אויס
און באַדראָען מיט מיליאָנען פויסטן
וואָס מאָנען און דערמאָנען
חובות ניט באַצאָלטע,
צוזאָגן ניט דערפילטע,

צו מיר, צו דיר, צו אויסגעשטרעקטער האנט
אין נייעם לאַנד.

.3

אויף קיזלשטיין
איז אָפּגעשטעמפּלט „פּראַצע".
אויפן העכסטן באַרג־שפּיץ
לויכט דער טורעם: — מי!
דאָס האָב און גוטס פון לאַנד
געשאַפן האָט דער אימיגראַנט.

צי האָב איך ליב דאָס לאַנד?
ס'איז אומעטום די זעלבע ערד,
דערזעלבער הימל, די זעלבע זון,
נאָר מענטש איז דאָ געוואָרן ניי!

.4

אין אָרעמען קלומיקל
האָט ער געבראַכט מיט זיך:
אַן אוצרל אַן עכטס,
ווי אַ פּערל פון ים־טיף,
ווי אַ דימענט־שטיינדל
וואָס לויכט פון לויטערקייט,
ווי אַ רינגעלע פון גאָלד
וואָס פינקלט העל.
דאָס אוצרל געווען איז:
ליבע צו פרייהייט,
פון וואָרט, פון גלויבן,
פון געדאַנק.
אַ ירושה פון די אָבות.
דאָס אוצר'ל — דאָס איז אַמעריקע!

.5

צי האָב איך ליב דאָס לאַנד?
איך האָב ליב מיין ברודער מענטש.

איך בין אַן אייגענער
אין הויז־געזינט פון מי.
מיין טיר און טויער שטייען אָפן
פאַר יעדן פאָלק און שטאַם.
איך האָב ליב אַמעריקע.

די אינקוויזיציעס פון אַמאָל
האָבן אונז געבראַכט אַהער.
די שוואַרצע לעכער פון דער נאַכט
האָבן אַנגעוואָרן דאָ די מאַכט.

די וועלט האָט פיינט באַצווינגער
און באַדריקער.
אַנטרונען זיינען מיר
פון הערשער און רעגירער.
געצויגן ווי מאַגנעטן
האָבן אונז צו זיך —
די רייד פון דזשעפערסאָן,
לינקאָלן, וואָלט וויטמאַן,
פרענקלין רוזוועלט.

און איך און דו און ער —
ווער זיינען מיר?
וואָס ווילן מיר?
פאַרברידערטע אין נויט,
צעפּראָלן מיר די טיר
פאַר לופט און ליכט,
פאַר הימל בלוי,
פאַר מאָרגן טוי.

מיר שטאָלצירן מיטן אָפּשטאַם
פון די נביאים;
מיר האַלטן טייער זייער ירושה.

משה און מרים,
ישעיה און עמוס,
די מאַקאַבייער זין...
זיי זיינען וועג-ווייזער געוועזן
פאַר פּיאָנערן פון לאַנד.
די זיינען טרייסטער געווען
אין שעה פון נויט,

דו פרעגסט: ווער בין איך, ווער?
איך בין נאָך אַלץ דער פּיאָנער,
דער בויער און דער שמיד.

איך בין ניט מיד,
איך ווער ניט מיד
צו זינגען קלאָר,
אין פעלקער כאָר,
אַמעריקע,
דיין פרייהייט ליד.

פעלז־גאָרטן אין בראָנקס פּאַרק

אַ קליינער שטח ערד, אַרומגעצאַמט מיט דראָטן נעצן,
פאַר יעדן איינעם פריי, אַ חוץ פאַר וועגעלעך און הינט.
דאָ בוקט זיך קיינער ניט פאַר מענטשן הערשער, טראָנען, געצן,
דאָ ווערט צו האָר דערהויבן מענטש, דאָ זינגט אין אים דאָס קינד.

אָן אַלטער דעמב מיט אָרעמס אויסגעשפּרייטע ווי צום בעטן,
אַ טוליפּ־בוים מיט צווייגן גראַציעז ווי אַ בוקעט,
און דאָ און דאָרט די יונגע קוסטעס האַלזן זיך און גלעטן
און גרינס מיט גרינס באַהעפט און ס׳קוועלט די ערד מיט פרייד און זעט.

עס גרויסן זיך געטעסעטע די פעלזן אין געשטאַפּל,
און שעמעוודיקע וואַסערפאַלן ריזלען צווישן גראָז;
און ענטעלעך אַ פּאָר פאַרטיפט זיך האָט אין פייגל־פּלאַפּל
און פון אַ גרינעם לאַבירינט עס שפּרינגט אַרויס אַ האָז.

עס פרילינגט איצט און מענטש האַלט אָטעם איין פון גרויסן וואונדער,
וואָס האָט אַנטפּלעקט זיך דאָ אויף פּיצלדיקער, שטילער ערד:
עס האָט די זון שוין אויפגעפּראַלט, צוזאַמען און באַזונדער,
די חנ׳ען פון דער גאָרער ערד — פאַר יעדערנס באַגער.

אַ האַנט אַ מענטשלעכע פאַרזעצט האָט קרייטעכצער און פלאַנצן
פון יעדן קיילעך ערד, פון ברייטן פלאַך, פון שפּאַלט אין באַרג.
וואָס מענטש האָט ניט געקאָנט, האָט זון געטאָן דערגאַנצן.
נאַטור האָט אַנגעשאָטן פון איר פּראַכט — און ניט געקאַרגט.

עס גריסט דיך קוויטעלע פון דרום־אַפריקע אין ווייסן;
עס שמייכלט ראָזעווע און העל אַ בלימל פון קאַווקאַז.
עס רויטלט זיך אַ מאָן־קעפּל פון ענגלאַנד און פון פּרייסן —
און גלייך פאַרטראָטן זיינען ביידע לענדער דאָ אָן האַס.

א יום־טוב בייט פון שעמעוודיקע פרימרויזן אין בינטלעך
און פענזים סאַמעטענע, פאַרליבט אין אייגענעם קאָליר,
מיט אייגעלעך וואָס שטיפן קוים, ווי אַנגעהויכטע ווינטלעך
און בלויע שניי־בלימלעך פון וויסטע טונדרעס אין סיביר.

נאַרציסן ווייס און שטאָלץ און געלע שוועסטער דאַפאָדילן;
אזאליעס בלענדן, מיניען זיך אין פורפור־וויאָלעט.
טולפּאַנען־בעכערלעך געגרייט פאַר נעקטאַר אָנצופילן,
פון יעדן ווינקל שעמערירט מיט שפע און מיט זעט.

באַדעקט איז יאַפּאַנעזיש קאַרשן־ביימל ווי אַ כלה,
אין ווייס און רויט, און שמעקט מיט האָניק־ריח פריש און זיס.
עס רייבן אוים די אייגעלעך און כאַפּן אויף זיך אַלע
אויף בוים און קוסט, מיט קנאָספּ און צווייט באַפּוצט פון קאָפּ
ביז פיס.

מיט אוירינגלעך און פּאַטשערקעס און קרוזשעוועס און שפּיצן,
מיט חנוודיקע קנעפּלעך און לעקעלעך פאַרשייט,
ווי קינדער אויף געבורטסטאָג־יום־טוב אויסגעצירט אין מיצן,
מיט קליידעלעך קאָלירנדע פון סאַמעט און פון זייד.

פון פעלזן־שפּאַלטן שפּאַרן זיך די גרעזעלעך און מאַכן —
אַ גרוס פון הימאַלאַיער בערג און אַפריקאַנער סטעפּ.
אינטים איז וועלט אין גאָרטן דאָ, באַפרייט פון אַלע יאָכן,
נאַטור זיך האָט געפּוצט פאַר דיר — איז קום, געניס און שעפּ.

א פויגל רופט, עס ענטפערט אים אַ צווייטער זאָרגלאָז, מונטער,
די בלומען, ווי די קינדער, האָרן אויף אַ בליק און גלעט.
און דו — דו זעסט די גאַנצע וועלט, פון אויבן ביז אַרונטער,
די שפע ליגט דיר צו די פיס, עס וואַרט אויף דיר די זעט.

די זרע פון דער גרויסער ערד — אין קליינעם גאָרטן,
דער מענטש אַליין איז שיין און גלוסטיק, ווי אַ פרילינג־בלום.
איז שיק איך דורכן בלימל דיר אַ גרוס פון דאָ און דאָרטן,
כ'האָב ווי די צווייגן אויסגעשטרעקט די אָרעמס מיינע — קום!

אייב לינקאָלן אין ווייסן הויז

(פראַגמענט)

ער שפּאַנט ארום אַ טיף־פאַרטראַכטער, ווי אין אַ תהום פון צער,
איבער די שווייגנדיקע זאַלן פונעם ווייסן הויז.
ס׳איז שווארצע נאַכט, ס׳איז טיפע נאַכט.

די לאַנגע ביינערדיקע הענט געווענדט
צום געטיסבורגער שלאַכטפעלד,
צו זעלנער־זין פון אַלע שטאַטן.

עס שלאָפט אצינד דאָס לאַנד. דער בירגער רוט,
און וואַשינגטאָן, די הויפּט־שטאָט, שווייגט.
נאָר ס׳וואַכט דער פּרעזידענט פון לאַנד,
דער פאָטער אייב, דער גרויסער עניו.

ער זעט: ס׳מאַרשירן יונגע, שטאַרקע מענער
אַוועק אין רויך, צו פּיין, צום טויט.
ער הערט: די פּויקן זעצן, טרומייטן שאַלן,
עס זעגענען זיך די פערד מיט שטיין פון שטאָט.

ס׳איז שטיל אין ווייסן הויז אצינד,
אין שפּעטער נאַכט, אין טיפער, שווארצער נאַכט,
נאָר אומרואיק איז אומעטיקער הויכער פּרעזידענט.
ער זעט: עס ציען ענדלאָז זיך די אַמבולאַנסן,
ווי קאַראַוואַנען דורכן מדבר, אָנגעפּילט מיט קראַנקע.
ס׳איז פול די שטאָט מיט זיי,
די ווייען זייערע פאַרטויבן לופט.
אייב לינקאָלן פאַרשטעלט דאָס פּנים זיך,
איינגעקאָרטשעט פון פּיין און ווייטיק
און שרייט און וויינט אין זיך:
„איך קאָן דאָס מער ניט אריבערטראָגן!”

ער קוקט ארוים פון פענצטער אינעם ווייסן הויז,
אייב לינקאָלן, דער פּרעזידענט אין בירגער־קריג;
ס׳איז נאַכט, ס׳איז שוואַרץ, ס׳איז גרויל.
ער הערט זיך איין, ער הערט אַ רוף,
עס רופט דאָס לאַנד, עס רופט די וועלט,
עס רופן דורות לאַנג־פאַרגאַנגענע:
„באַפריי דאָס לאַנד פון שאַנד,
באַפריי די זעל פון שמאַך!"

עס רופט דאָס לאַנד דיך, אייב לינקאָלן;
עס שטרעקט צו דיר די הענט דער שוואַרצער שקלאַף,
עס רופן צו דיר נביאים פון אַלע צייטן.

דאָס בלוט פון בירגער־קריג וועט אָפּגעווישט ווערן,
ווי די ליכטיקע זון וועט דער אמת שיינען,
פאַראייניקט ווערן וועט צוריק דאָס פאָלק
און שטאַרקער ווי דער קריג איז — פרידן.
אין פייער און אין בלוט געבאָרן ווערט די פרייהייט
און מענטש מוז ליטערן זיך אין פּיין פון שלאַכט
צו ווערן פריי.

עס שלאָפט די שטאָט, עס שלאָפט דאָס לאַנד,
נאָר אינעם ווייסן הויז שפּאַנט ארום אַליין
אַ טיף־פאַרטראַכטער,
אייב לינקאָלן, דער פּרעזידענט.

א פישער־דאָרף אין מײַ

(פון בוך „הונגעריקע הענט", 1936)

1

א שטילער שמייכל רוט געמיטלעך אַפן האַפן־שטעטל
און איינגעהאַלטן שפּרייזט דער מענטש אַף טראָטוּאַרן שמאָלע.
עס שמעקט מיט פיש געזאַלצענע, וואָס טריקענען זיך אַף
ברעטער,
די ברוינע ים־לייט צופן פויל די איינגע׳עקשנ׳טע מאַזאָליעס.

אַף הויפּט־גאַס הענגען אויסגעשטעלט אינדיאַנישע געוועבן
און קערבעלעך געפלאָכטענע פון שמעקנדיקער קאָרע.
אין קוישן ליגן הויפנווייז אין מושעלן די קרעבן
און שווייגנדיקע קרעמער האָבן אויגן בלויע, קלאָרע.

פון קילנדיקער בוכטע שפּיצן זיך גראַציעזע מאַסטן.
אַף בערגלעך הויערן די טונקל־גרינע סאָסנע וועלדער.
די שלעפּערס אַפן וואַסער פּעכן אונטער שווערע לאַסטן,
און קאַפּיטאַנען זיינען דאָ ביי יעדן גרויסע העלדן.

אין האַפן אַנקערן די מיליאָנערסקע ווייסע יאַכטעס.
נאָר קינדער דאָרפישע פון אָרים־פישער־לעבן טרוימען.
אין הויפן ליגן שיפלעך אונטער שווערע שטייפע פלאַכטעס
און אונטן — גרינע כוואַליעס קלאַפּן אָן אין טיר און שוימען.

אַף וועגן בערגלדיקע שמעקן קליינע ווילדע רויזן
און מאָלער קומען אָן אַף וואָך צו מאַכן זיך אומשטערבלעך.
זיי מאָלן זון־פאַרגאַנג אַף בריק און טראָגן סאַמעט־הויזן,
זיי קוויקן זיך מיט ווארעם ברוינעם ברויט און חזיר־בעבלעך.

די מעוועס קרייזן אום אין לופט, ווי קליינע עראָפּלאַנען.
זיי לאַכן, וויינען, יאָגן זיך און רוען אַף די פלעקער.

די יאָלקעס צירקלען שוואַרצע שאָטנס אויס אַף גרינע לאַנען,
און אַף דעם אינדזלס לייכט־טורעם פון ווייטן קלינגען גלעקער.

.2

די ווייסע קאַטעדזשעס מיט גרינע לאָדנס טרעפּלען זיך צום האַפן;
די שמאָלע געסלעך מאַניען, שלענגלען זיך מיט אָפן מויל, און גאַפן.
אַף בערגלעך — שפּיצן סאָסנע־וועלדער אָן די אויערן צום אַטלאַנטיק,
די גרינע כוואַליעס גלעטן גלאַטע געלע פעלזן עלעגאַנטיש.

נאָר טויט דער האַפן איז. עס קומען ניט, ס'פאַרלאָזן ניט קיין שיפן.
אין רעכטן לעב־סעזאָן ליגט ס'שיינע דערפל אין פאַרצווייפל טיפן.
אַף פוסטע וואַרפן דרעמלען כמורנע פישער, טרעגער און מאַטראָסן.
דער האַפן שווייגט. דער קרעמער שטומט. נאָר זאָרגלאָז לאַכן אַלבאַטראָסן.

די פלינקע, פיינע פרויען־פינגער ניט פאַרנומענע מיט העפטן,
מיט פלעכטן, שטריקן, נייען פאַר טוריסטישע אַנטיק־געשעפטן.
עס קומען מער ניט געסט געגאַרטע און עס פעלן אויך די מאָלער;
די יום־טובדיקע שוי־פענצטער, פאַרהונגערט, גיריק נאָכן דאָלער..

אין האָפן — מאָטאָר־שיפלעך, שטאָלצע זעגלען שטייען צום פארקויפן.
עס בליען בלויע בלומען. לופט איז פרייד. נאָר סטרויערן די הויפן.
ס'האָט יעדער הויז א צימער צו פארדינגען. וואו איז דער גענארטנער?
די קינדער גייען אום דערוויל שוין אָפגעריסענע, פארדארטע.

עס זינגט ניט מער ניי־ענגלענדער א לויב־געזאַנג צום שטאָט פון יעלן
עס שמעקט די ווילדע רויז. ים רופט. נאָר ס'הונגערן די שוועלן.
די צייטן גוטע — אויסגערונען. בייז דער בירגער איז און בייסיק.
ער זעט: עס ווערט אַלץ ערגער דאָך אין ניינצן־דריי־און־דרייסיק.

סטעטן איילאנד פערי

טומאנען־טרובעס ברומען אויס א טרויער
און ווארענען, אז דער שונא־נעפל לויערט.
די שווערע האפן־גלעקער פלאצן אויס אין כליפענדיקן „בום!"
באוויינענדיק דעם מת — דעם פארגלייזטן ארום.

די פערי גליטשט זיך שטיל און לאנגזאם אפ פון ברעג
און רוקט איר קאפ אריין אין גרויען, בלינדן וועג.
דער נעפל שפרייט צו איר די ווייכע לאפעס אויס
און פירט מיט איר די שפיל פון קאץ און־מויז.

און מאכטלאז איז דער שטאלצער שטארער קאפיטאן,
וואס נעמט באפעלן איצט פון „ים־הונט" שנאפער.
דער אלטער טאם, וואס איז א פראסטע פערי־האנט,
איצט קירעוועט די שיף ארוים פון נעפל־לאפעס.

די פערי טאפט און שנאפט געפאר,
ווי א בלינדנס שטעקן אפן טראטואר.
עס ווארגט א שווייגנדיקער דער טומאן
דעם שווימענדיקן, סאפענדיקן קאראוואן.

און ס'גנבעט זיך די שיף גלאצנדיק און בלינד
דורך גרויע ווענט פון נעפל־לאבירינט.
זי הערט דעם ברום פון טרובעס צארן
און לאקערדיקן רוף און שאל פון הארן.

ס'איז נאענט שוין די היים, דער „סקאי־לאין" פונעם ברעג,
נאר פארמלאז גרוי פארשטעלט געגארטן וועג.
עס הערט די שיף דעם שפאלט פון גלעקער־„בום!"
דאך שטאק־פינצטער איז באהאפנטער ארום.

די שיף צעגייט זיך אין א לאנגען ברומען:
„ניו־יארק, וואו, צום טייוול, ביסטו עס אהינגעקומען?"

א ליד דאַרף זיין א פריינט

ווי ליב ס׳איז וואַרעמקייט פון אייגן לייב,
ווי ס׳איז דיר טריי דיין רעכטע האַנט, —
אַזוי דאַרף זיין דאָס וואָרט, וואָס דיכטער שרייבט,
דאָס וואָרט פון יהוסדיקן שטאַנד.

ווי פריש און פריילעך איז דער פויגל־רוף
אויף דינעם צווייג אין חודש מאי!
ער פילט מיט יוגנט אָן דיין מידן גוף,
ער זינגט צו דיר דאָך אויפדאָסניי.

דאָס ליד פון דיכטער איז אַ טרייער פריינט,
אין שעה פון צווייפל און פון נויט.
עס איז דאָס ליכט וואָס אויפן טורעם שיינט,
עס איז דער שפּראָץ אויף מאָרגנרויט.

.2

ניין, ניט גלויב, אַז ליד איז א ו י ס ע ר דיר,
אַז ליד איז שלייער פון אַ ווייט..
ווער האָט אָפּגעשטויסן חברשאַפט פון ליד?
ווער האָט פאַרהאַקט פאַר וואָרט די טיר?

ניין, דעם דיכטערס ליד איז אַ באַגלייטער
אויף לעבנס־וועג, אין אַלע טעג.
דאָס ליד איז וואַרעם, ווי דיין בלוט,
דאָס ליד איז רויט און ריטמיש ווי דיין בלוט.

דאָס ליד דאַרף זיין מיט דיר אויף „דו״,
זיין אָנפאַרטרויט און גרייט פאַר דיר.
דאָס ליד דאַרף זיין אַ פאַנצער קעגן פיינט,
דאָס ליד דאַרף זיין אַ פריינט.

.3

אָ, דיכטער, וואו ביסטו געווען אין שווערער צייט?
איז ליד געווען געוויסן פון דיין דור?
איז ליד געווען אַ וועכטער ביי זיין זייט?
ביסטו געווען דער טאָן-געבער אין כאָר?

איז ליד ארויסגעקומען פון דיין קעל?
און טיפער נאָך — פון הייסן בלוט?
פון פויסט געביילט? פון אויגן העל?
וואָס טוט דיין וואָרט? דיין ליד וואָס טוט?

אין וואָלקנדיגע טעג — דיין ליד עס שיינט?
אין שווארצע נעכט — דיין ליד איז גלי?
אַ ליד דארף זיין אינטים מיט דיר.
א ליד דארף זיין אַ פריינט, א פריינט.

זינג

עפּעס איז אין מיר אַנטשטילט געוואָרן.
ניט די יאָרן
האָבן מיך, ווי ווענט,
ארומגערינגלט;
ניט פאַרלענדט
האָבן מיך באַצווינגער;
ניט דערשראָקן האָט די שטראָף
פון גאַלאָפּירנדיקן סוף.

ס'האָט מיר ניט געפעלט
מיין ווינקל אין דער וועלט;
ס'האָט מיך אָפט געבענטשט
מיין שכן־מענטש.

דאָך איז אַלץ אין מיר געווען הויל,
ווי ס'קאַלטע מויל
פון אויסגעלאַשענעם אויוון;
ווי גרויע וואָך נאָך די יום־טובים.

וואָס פעלט, נשמה מיינע, זאָג?
די טריקעניש אין זיך ניט טראָג.

איך בין געווען געפּלעפּט.
דאָס ליכטעלע גייט אוים
און ס'ווערט אַ פינצטערניש גאָר גרוים.
איך האָב זיך איינגעהערט צום אינערלעכן שטומען.
איך האָב דעם ענטפער גלייך באַנומען.

ס'האָט אויפגעהערט אין מיר פון לאַנג
צו זינגען אַ געזאַנג.
נאָר ווען פאַרצויגן
כ'האָב אַ ניגון,

האָבן אויגן
געלויכטן ווי ביי זיגער.

ווען עס בלאָזט אין דיר אַ קעלט
פון דער קאַלטער, קאַלטער וועלט;
דאַן —
וואַרעם אַן זיך מיט געזאַנג;
ווען דו פאַלסט אַוועק אַ מידער,
שעפּ זיך אָן מיט נייע לידער.
וועט דיר ווערן גוט און גרינג.
זינג, זינג, זינג!

י. א. ראַנטש

יעקב שייפּער

(געשריבן גלייך נאָך זיין טויט, דעצעמבער, 1936)

ציטער, צאַרטע מאַנדאָלינע;
זינגער, טוליע זיך צום ליד.
ס'וועלן ווידער פעלדער גרינען
און ארומטאַנצן די בינען, —
נאָר דעם פירער ניט פאַרהיט.

נאָר דער פירער איז געפאַלן,
ווי אַ בוים פון בליץ צעשטערט.
ראַשיק רוישן וואַסערפאַלן,
טיפער ריזלען פרישע קוואַלן —
נאָר דער פירער פירט ניט מער.

הערסט דאָס ווידערקול, דעם וואונדער,
פון געדיכטן וואַלד אַרוים?
ליד פון פירער פלאַמט און צונטערט
און עס מונטערט, מונטערט, מונטערט,
און צעבליט זיך ווי אַ רויז.

הענט

פון שווערער, שווארצער ערד ארויס
צום אומגעצאַמטן הימל־רוים
זינגען־אויס און קלינגען־אויס —
דורך יעדן בלאַט און בלום און בוים,
דורך מורא׳דיקע מויערן און ווענט —
די אויסגעאַרבעטע פּאָר הענט.

זיי זינגען דאָס געזאַנג פון שוויים,
פון בויער־יאָך און מוסקול־מאַכט;
פון בלוט, וואָס פליסט אַן אויפהער היים,
פון מי, וואָס שיידט ניט טאָג פון נאַכט;
פון ראַד, וואָס ווערט ניט אָפּגעשטעלט,
פון אייביק לעבן, וואָס באַפעלט.

די הענט, די גוטע הארטע הענט —
די טאַטע־מאַמע פון דער ערד,
וואָס פלאַקערן און ווערן ניט פאַרברענט,
וואָס זייער ליד צו יעדערן געהערט,
זיי זייגען אַזוי שאַפלדיק און קליין,
און קיינער הערט ניט זייער געוויין.

נאָר ווען עס ווערט צעשטויבט די לעצטע קייט,
און ס׳ווערט צעקראַכט די לעצטע טפיסע־וואַנט —
דאַן וועט דאָס מאַכטיק יובל־ליד פון פרייד
געהערן צו דער פרייער אַרבעט־האַנט.
אַ מאָנומענט, אַ מאָנומענט
צו אייביק־פרייע, גוטע הענט!

אלבערט איינשטיין

די סודות פון דער וועלט — אין זיינע בלויע אויגן,
נאָר קלאָר ארויסגעשיינט פון זיי האָט לעבנס־וואָר.
דאָס פנים, ווי דער לעצטער שטראַל פון רעגנבויגן,
און איבער אים, ווי ווייסע וואָלקנס, זיינע האָר.

פאַר מילדקייט פון זיין בליק האָט רשעות זיך געבויגן,
די בעטנדיקע הענט פון ערד — צו אים געצויגן.
די יאָרן זיינע, ווי אַ וואונדערבאַרער חלום,
נאָר יעדער טאָג געווען איז קערנדיק און קלאָר.
דאָס וואָרט זיינס אויסגעשמידט פון אייזן־פעסטע כללים.

אין ווייטע ספערן — קאָפּ, נאָר האַרץ — מיט שכן־דור.
צו אים געערעדט האָט ער, ווי לאַנג גערעדט האָט ס'קול אים :
זיי מוטיק מענטש, און גאָר נאָך שלום, שלום, שלום.

שפיטאל

אויב די וועלט איז אַ שפּיטאָל,
דאַן וויל איך זיין אַ קראַנקן-וועכטער.
אויף זיין נעכט,
וואַשן וואונדן,
טיילן טרייסט
און געבן גלעטן.
כ׳וויל ניט אַנטלויפן
פון גסיסה-פּיין;
כ׳וויל העלפן ראַנגלען זיך
מיט שונא-טויט.
כ׳שוועך געטריישאַפט צום חולה,
כ׳פריי זיך מיט זיין גענעזן,
כ׳פאַרלאָז אים ניט ביים איינזאַמען סוף.

אויב די וועלט איז אַ שפּיטאָל,
דאַן טרייסל איך זיך ניט אָפּ
פון זיינע שלעכטע ריחות;
כ׳גיי אים ניט פאַרביי,
ווי אַ זאַטער פרעמדער.
דער חולה ווערט מיר נאָענט,
דער שלאָפער וועט אין מיר
אַן אָנשפאַר געפינען.
כ׳גיי אריין אין קראַנקן-צימער,
ווי אין מיין אייגן הויז.
כ׳פאַרשטאָפּ ניט אויער פאַרן יאָמער,
כ׳נעם פאַר ליב דאָס בייזע וואָרט,
כ׳דערשרעק זיך ניט
פאַר טויטן-מאַסקע.
אויב די וועלט איז אַ שפּיטאָל,
בין איך דער אויפפאַסער און דער אָנזאָגער,
בין איך דער חולה און דער רופא...

און נאכאמאל

און נאָכאַמאָל זאָל ווערן קלאָר
פאַר דיר דאָס פשוט וואָרט:
ניט זיין זאָל מער ביי דיר אין הארץ
פאַר פיין און ווייַ קיין אָרט.

ווי עס שלאָגט דער בויערער אָן,
דורך שיכטן פעלז און ליים,
אַ וואַסער־אָדער אין דער ערד,
וואָס פליסט זיך שטיל, געהיים —

אַזוי געפינען וועסטו אויך
אין טיפעניש, אין דיר, —
דאָס וואָרט דאָס קלאָרע, לויטערע,
וואָס ווארט אויף דיין באריר.

ווען טרוקן ווערט דיין אויבערפלאַך,
פארלירסט פון זיין דעם זין, —
דאַן גלויב אין אוצר אייגענעם,
דו זוך נאָר און געפין.

איך קוק אויף בערג ארומיקע,
וואו ס'רונדיקט זיך אַ וואלד;
די ביימער גרינען שטאָלצער נאָך,
ווען ס'ווערט דער אָוונט קאָלט.

איך קוק אויף טאָל, וואס שאָטנט זיך,
ווען זון ניטאָ איז מער;

ער וועט דאַן ווי אַ סאַמעט גלאַט
און האַרטער ווערט זיין ערד.

איך בליק אַריין אין פּנים דיין —
אין אויג ניטאָ די שרעק;
פֿאַרגאַנגען זיינען ווייען אויך,
די פינצטערניש אַוועק.

ווייל האָסט פאַרנומען רייפע רייד,
די רייד פון קלאָרן זין:
פאַרליר קיין רגע ניט אין פּיין —
דאָס קרעכצן איז אַ זינד .

גרעסטער וואונדער

.1

ווער דאַרף דען איצטער פרילינג-לידער,
ווען רויטער זאַפט פון דיינע ברידער
ווייקט דורך די וויסט-געשענדטע ערד?
עס יאָמערן פון צער די גלידער
און פאַלסט אַליין אַוועק אַ מידער
פון שטייגנדיקן צאָרן פאַרצערט.

.2

די צייט איז אַ פליג
אין נעץ פון דער שפין.
נאָך קריג קומט זיג,
נאָך שניי קומט גרין.

די וועלט איז אַלט,
ס'איז יונג דער העלד.
דער שווארצער וואַלד
די זון ~~פאַרשעלטש~~.

.3

פאַראנען וואונדער אומעטום,
וואָס זיינען אַלט, נאָר בלייבן ניי.
זיי זיינען שפלדיק און רויטלען זיך פאַרשעמט;
זיי זיינען איידל, צארט און נאָכגיביק,
דאָך ליגט אויף זיי דער חותם פון פערפעקטקייט.

מיט וויפיל ווייטיקן דו ביסט צו זיי געקומען,
אַ היילונג האָבן זיי פאַר דיר געהאַט;

און וויפיל מאָל דו ביסט געווען אַנטציקט,
אַלץ נייע וואונדער האָבן זיי אַנטפּלעקט.

דאָס איז דער גרויסער וואונדער פון יצירה ,
דאָס איז דער צויבער פונעם פרילינג.
די שטילע פרייד פון שפּראָצנדיקן בלימל,
די עקזאַלטאציע פונעם לעבן,
וואָס ווייזט דעם וועג צום היינט און מאָרגן.

דו שטייסט מיט אויגן אויסגעגלאָצט
און ס'רייסט זיך ליד פון קעל ארויס ;
געזאַנג צו שטומער, שווארצער ערד,
וואָס האָט דאָס גרינע גראָז אויף פעלד געבאָרן,
וואָס האָט אין ראָז די קוויט באַצירט,
וואָס האָט מיט אראָמאָט די לופט געבאַלזאַמט,
וואָס האָט דיך אָנגעגלוסט
צום טאַנץ פון לעבן ,צום וואַלס מיט וועלט.

4.

האָסטו געזען מאַגנאָליע-בוים אין בלי?
די רונדע שפּראָצן ווי פייל-אין-בויגן אָנגעצויגן
שטייף אַרויף צום קושער-זון.
די טונקל-גרינע מענטעלעך
צעבראָסטעט און אויף ערד צעשויבערט,
ווען שפּראָצן פּלאַצן אויס אין אַ באַפריי-עקסטאַז.

עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג
פאַר פריידיקן ספעקטאַקל.
מאַגנאָליע-בליטן פארנייגן זיך
מיט צורות ליכטיקע און פרישע,
ווי יונגע טענצערקעס
צום יאָרפּעסט קאַרניוואַל.

עס פלאַמען אויסגעשפרייטע שווערע צווייגן,
ווי אַ כאַפּטע האַפּקענדיקע חסידים
מיט קאָלירטע פלאַקערדיקע הבדלות,
מיט פינקלדיקע קעלישקעס און בעכערס.

ס'איז יום-טוב אויף דער וועלט.
מאַגנאָליע-ריח שכורט אָן אַרום,
מיט שאַרפן אַראָמאַט פון אַפּעלסינען.
פאַרצויבערט ווערט דאָס אויג פון פרייד-קאָלירן,
די נאָז-לעפּלעך ציטערן פון תענוג,
אין קאָפּ ווערט ליכטיקער און לייכטער,
עס לייטערט זיך דאָס האַרץ, ווי אויסגעבאָדן.

ס'איז מאַגנעט מאַגנאָליע-צווייט,
וואָס דרינגט אריין אין בלוט
מיט עלעקסיר-באַרויש,
וואָס ווינקט צו דיר מיט יוגנט-חן:
„זאַפּ איין מיין זאַפט",
נעם אָן די פולע זשמעניעס פרילינג".

מאַגנאָליע-צווייט איז לעבנס-פרייד
און גרעסטער וואונדער פון דער ערד
איז בלי פון קלענסטן בלימל.

שלום עליכם.

(געדרוקט צום טויט פון שלום עליכם, אין „קונדס״, מאי 19, 1916)

האָט ער געלאַכט — האָט ס׳פאָלק געלאַכט.
איצט וויינען מיר: ער לאַכט ניט מער.
ער האָט געזאָגט: זייט פריילעך, לאַכט.
מיר קאָנען ניט — צו שווער, צו שווער.

ער איז געווען דער איינציקער.
ער איז ניטאָ, זיין פלאַץ בלייבט לער.
ער האָט געהייסן פריילעך זיין,
מיר קאָנען ניט... צו שווער, צו שווער

(אָנגעשריבן אין עלטער פון 17 יאָר)

זיגער

די רעגנס רינען
מיט געלע טרערן.
די נעכט די שוואַרצע
פאַרשטעלן שטערן.

דאָס וואַכע אויג מיינס
ניט ווערט פאַרנעפּלט
פון פּולווער רויכן,
פון סמ'ען שוועבל.

די ערד זי ציטערט
פון אוראַגאַנען.
די טויטן־ווינטן
צעכראַסטעט שפּאַנען.

איך בין דאָס בוימל,
וואָס וואַקסט אין שטורעם;
איך בין דאָס פלעמל
אויף העכסטן טורעם.

פאַראורטיילט האָט מיך
דער חלוש־ריכטער;
ס'באַזינגט מיין אומקום
דער קראַנקער דיכטער.

אין שטייג פאַרריגלט
עס שפּאַנט דער טיגער.
איך טראָג דעם שליסל,
איך בין דער זיגער.

דאס פנים פון דער ערד

פארגעלט פון ליים און ברודיק־גרוי און קוואר;
פארטריקנט און פארקארבט און אויסגעצערט;
ווי קראנקער, איינגעוואוינט מיט טויט־געפאר —
געלעגן איז דאס פנים פון דער ערד.

געשניטערט האָב איך פלייסיק און געפּאָרשט,
ווי אָנגעוואָרן וואָס, פון גרויסן ווערט.
מיט אָפן מויל און לעפצן אויסגעדאָרשט
געלעגן אזי דאָס פּנים פון דער ערד.

ווי ס׳ליכטיקט צורה פון אַ קינד,
וואָס איז אָט־ערשט געווען באטריבט, פארטרערט, —
אזוי מיט שמייכלענדיקן בליק אצינד
געלעגן איז דאָס פּנים פון דער ערד.

אַ גרעזל גרין — אַן אָנזאָגער פון פרייד:
ווי אומגעריכטע פרייד אין צער באשערט.
מיט פינטלדיקן חן באצירט, באהעלט,
געלעגן איז דאָס פּנים פון דער ערד.

אַ גרעזל גרין — אַן אָנזאָגער פון פרייד:
(אָ, טויטע לייב און זאמד און מיסט — איר הערט?)
ווי ס׳וואַרט אַ כלה אויף איר חופּה־קלייד,
געלעגן איז דאָס פּנים פון דער ערד.

ס׳איז קליין דער שפּראָץ פון גרין, נאָר פעסט זיין האַפט..
גאָר לאַנג אויף אים געוואַרט, גאָר שטאַרק באַגערט
מיט דרייסטן שטאָלץ פון מאַמעשן באַשאַף
געלעגן איז דאָס פּנים פון דער ערד.

אפּריל־רעגן

עס טרערט מײַן שויב,
נאָר ניט די ערד.
אויף שוואַרצן קאָפּ
פון באַרג און פלוין,
די גרינע הויב
אַלץ גרינער ווערט.
אויף ביימער־קרוין
איז רעגן־טרער —
אַ פּערל־ציר.
ניט הערשן מער
וועט ווינטער־פריר,
מיט זײַנע געסט —
די אַכזר־פרעסט.
דער רעגן גלעט
די סאַמעט־קעפּ
פון יעדן צווײַט,
וואָס עפנט מויל
מיט ליפּן רויז
און פילט ס׳איז וואויל
דער טראָפּן זיס,
און שטעקט אַרויס
נאָך מער די צונג.
און רעגן יונג
איז גוט און פײַן
און קאַרגט אים ניט,
און זויפט אַן צווײַט
מיט ווײַסן ווײַן.
און כאָטש עס טרערט
מײַן בלייכע שויב,
דאָך שײַנט די ערד
אין גרינער הויב.

ווינטער־בערג

א גאַנצן טאָג
האָט זון געשפּילט זיך
אויף די ראַנדן פון די בערג
און אָנגעצונדן ווייסן שניי
מיט פּיאָלעטער ליכט.

אַז ס׳האָט זיך אָנגעבלאָזן
שאָטנדיקער באַרג
מיט שוואַרצער קנאה
קעגן זיין באַהעלטן שכן, —
איז צוגעקומען זון
און ווי אַ מאַמע אים געגלעט.

און מיר אין טאָל האָבן
אויף דער גוטער זון געוואַרט
און די קעפּ געשטרעקט
צום העכסטן באַרג.

אין סודותדיקן אָוונט
זיינען נאָענטע בערג
געוואָרן ווייט און פרעמד,
און פּחד האָט געאָטעמט
פון זייער שוואַרצער גרויס.

נאָר עס האָבן אונז געטרייסט
די קליינע, ווייטע, העלע שטערן,
ווי נאָענטע פריינט
אין צייט פון נויט.

דאָס לעצטע ליד

אין טעג אַזעלכע זשוואַווע פון אָקטאָבער,
ווען לופט איז דורכזיכטיק און קיל,
דאַן העלפט דיר ניט קיין „אפשר" און קיין „אָבער",
דאַן ווינקט דער פּאַרק גאָר שעלמיש שטיל
און מאַניעט דיך ארויס פון נעץ דער גראָבער.

אין יול, ווען גרין איז אין דער לעצטער מאָדע,
ווען פּאַרק איז שפּעדיק און זאַט,
דאַן זינגען דיכטער־פייגל גרינע אָדעס,
און גדלותדיק איז בוים און בלאַט,
און נישטיק גראָז שטאָלצירט מיט „בלויען אָדער"...

אָ, אַנדערשדיק ווערט פּאַרק, ווען ס'רוקט די עלטער
זיך אָן אויף אים גאָר אומגעריכט.
פאַרשייטער גרין ווערט פרימער און געשטעלטער,
דער ווינט, דער ממזר, פליקט, פאַרניכט,
דעם פּאַרק אַליין דערפון ווערט סומנער, קעלטער.

נאָר ווי די רייצנדיקע, רייפע דאמע,
וואָס, ווען שאָקירט פון ווייסע האָר,
נעמט פוצן זיך אין העלסטע קליידער סאַמע, —
אזוי אַנטפּלעקט זיך פלוצלונג גאָר
אין הארבסט דער פּאַרק אין רייכסטער פּאַנאָראַמע.

עס צירט זיך אוים אַיעדער בוים באַזונדער
און רויטלט זיך אין נייעם חן,
און פּאָר דיין אויג איז וואונדער איבער וואונדער,
און זוכסט דעם זין און פרעגסט דעם מיין
פון פאַרבן־קרייז, וואָס ווערט אַלץ רייכער, רונדער.

אַ נידריק בוימל איז ביים וועג געשטאַנען
ווי אַלע איבעריקע אין גרין,

האָט איצט דאָס בוימל אָפּגעשטעלט דיין שפּאַנען,
די בלעטער — לויכטענדער בורשטין,
פון וויטן האָבן זיי באַהעלט די לאַנען.

אַ, בלעטער רויטלעך־געל און וויין־קאָלירן
און צימרינג־צוויט און בוריק־ברוין!
ס׳טוט זייער רייץ אין טיפן פּאַרק פּאַרפירן,
וואו יעדער בוים פאַרמאָגט אַ קרוין,
וואָס וועט אויף זון גאָר גאָלדיק שעמערירן.

אַ, גרינער זוים אויף שאַרלעך־רויטע בלעטער!
און פּורפּור־בלאַט און בלאַט פון רויז,
און וועווריקל וואָס ווערט פון האַרבסט אַלץ פעטער,
און ברוינער טעפּיך אויפן שויס
פון ערד און ווינט, וואָס שמייסט און אַט־אַ גלעט ער.

ארום עס אָטעמט פּרעפּל און געציטער,
אין לופט דער רוף פון ווילדע גענז,
און אויף אַ סאָסנע־שפּיץ אַ פויגל וויטעט
דעם אָפּשייד פון די בלעטער־טענץ,
און הויכע ביימער זיינען ערן־היטער.

און דו אליין — באַרוישט פון אַלע פאַרבן,
דו שפּאַנסט און שפּאַנסט און ווערסט ניט מיד,
און פילסט, ס׳איז שיין ביז־גאָר אַזוי צו שטאַרבן
מיט יום־טוב פּאָמפּ, מיט זיגער־ליד,
מיט שייערן פון זעט און פולע גאַרבן.

צו אַ בוים

אפשר וועט דער שווייגנדיקער, גוטער בוים
מיר פאַרענטפערן די האַרבע פראַגע.
זיינע וואָרצלען זיינען שותפים צו דער ערד,
זיינע צווייגן — היימיש מיט די הימלען.

פלאַנץ דו שיינער, אַלטער שכן מיינער, דו —
זאָג, פאַרוואָס איז ליבער מענטש צעבלוטיקט?
זאָג, פאַרוואָס איז אונטער אים די ערד צעדרויבט
און עס פוילן זיינע פעסטע שטאַמען?

כ׳בין מקנא פויגל־נעסט אויף גרינעם צווייג,
כ׳גלויב אין ליד פון זיינע וועקער־זינגער.
מיין פרימאָרגן אָנגעלאָדן איז מיט לאַסט
און די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט פחד.

פשוט איז דאָך ס׳לעבן, ווי דאָס גראָז אין פעלד.
אייניק ווערן דורות ווי די קערנער.
אָרעמס שליסן זיך אין טרויער ווי אין פרייד,
גופים טוליען זיך אין שרעק און ליבע.

וואָס־זשע טויג דאָס רימען און דאָס גרויסן זיך מיט מאַכט,
אַז עס זינגט זיך ניט פון פולן האַרצן?
וואו איז דען אהינגעקומען שפּרודל־פרייד
פון די שפּייכלערס אָנגעפּאַקט מיט שפע?

אין די קאַרצערס ליגט דער אמת נאָך פאַרשפּאַרט
און פאַרשטיקט אין קעל איז ליד דאָס פרייע.
כ׳בין דערפאַר מקנא אים, מיין שכן בוים,
און דערפריי זיך מיט די פייגל־זינגער.

גלויבן וועל איך דאַן נאָר אין די גוטע רייד,
ווען כ׳וועל זען אויף מענטש אַ ליכטיק פּנים,
ווען ס׳וועט אונטער אים צעבליען זיך די ערד
און מיט שלום וועט זיך קוויקן שכן.

אין מיר...

אין מיר — די גבורה׳דיקע פרייד פון מחנות קוטשעראַווע וועלדער,
וואָס קאַטשען זיך אראָפּ פון שטאָלצע בערג;
אין מיר — דאָס זאַרגלאָזע געטאַנץ פון שטיפערישע וואַסערן אַף
בליאַסקענדיקע שטיינער,
דער פרייער שפרייט פון גרינעם סטעפּ אין בלויען האָריזאָנט.

און מויערן פון שטיין און שטאָל, און גאָסן-ברוק
און לופט פארפעסטיקטע פון שווייסיקן געקרעכץ —
ניט צאַמען וועלן מיר מיין פרייד פון גרינע, פרייע ווייטן.

איך שפרייז-ארום אין שטאָט-געצוואַנג,
וואָס לאָמט און קרומט אייך און צעקאָליקט,
מיט פייגל-שוועב און דעמבע-שטאָלץ.
איך שפּאָר מיין ברוסט אַנטקעגן מויער
און פּראָל-אויף יעדע טיר און טויער
פאר זון און רוים.

און ס׳זיינען מיינע רייד ווי זינגענדיקע וואַסערן, וואָס קאַראַוואַנען זיך
דורך טיף-פארקלערטע שווייגנדיקע וועלדער,
און טראָגן יום-טוב פרייד אַף זייער וועג.

אין מיר — די אומרו פון צעברויזטע כוואַליעס
און די רו פון בארג-געפלעכט.
און וועט דער שטטאָט-געענג די אומרו מיין צעפּראָלן,
וועל איך אַ פלאַטער-טאָן אין פרייען רוים
און ווערן מיטן העכסטן באַרגפעלז גלייך.
מיין קאָפּ וועט מאַיעסטעטיש זיך אַ ציִ טאָן צו די הימלען
און כ׳וועל מיט שפּאָט אַ שמייכל טאָן אראָפּ צום שטאָט-געפענט.

אינדיאַנער זומער

אינדיאַנער זומער שימערט אויף מיט פרילינג-בלי.
עס צינדן וועלדער זיך אין פייער-גלי.

בלעטער-פאַל שפּרייט גינגאָלד אויס —
ס׳איז בראָנז די ערד, נאָר ווייך איר שויס.

און ציר-קאָליר איז שאַרלאַך רויט.
עס שמעקט דאָס בלאַט מיט קאָרן-ברויט.

פון גרינעם צווייג בליט-אויף אַ פּאַקל-פלאַם —
עס יומטובט אַ אינדיאַנער שטאַם.

און ס׳טונקלט גרינס, עס צונטערט ברוין,
דעם זומערס קרוין דאַנקט אָפּ דאָך שוין.

און קוואַליק-קלאָר איז קילע לופט,
און זון נאָך וועקט, און זון נאָך רופט.

עס קופּערט גראָז, עס פלאַמט דער וואַלד,
עס גאָלדיקט בלאַט און קנאַקט און פאַלט.

און ס׳לאַכט זיך אויס פון אַכזר-טויט
אינדיאַנער זומער רייף און רויט.

האַרבסט ליד

1

די נאַכט פון האַרבסט, וואָס וואַרט אַף מיר,
ניט קען מיך אָפּשרעקן אַצינד:
און אויפגעמאַכט האָב איך די טיר,
עס זאָל אַריינטאַנצן דער ווינט.

מיין אויג איז אָנגעזאָפּט און זאַט,
און וואָס האָט ניט מיין אויער געהערט?
און ליב איז מיר דאָס האַרבסטיק בלאַט,
וואָס טוליעט זיך צו מאַמע ערד.

מיין זומער האָט מיך זאַט געמאַכט:
געשניטן האָב איך, וואָס פאַרזייט.
כ'בין רואיק אין דער שוואַרצער נאַכט —
מיין קאָפּ וועט ווערן וויים-פאַרשנייט.

2

גאָס-רעגנס האָבן אין זיין האַרץ אַריינגעכליפּעט;
א פויגל האָט פון נעסט אַרויסגעזונגען זאָרגלאָז;
קעצל האָט ביים ראַדיאַטאָר זיך געוואַרעמט.
זיין בליק — אין הויך, צו נעפּלדיקע וואַסער-הימלען.
ער האָט פון זיך אַליין אַנטלויפן ניט געקענט.
נעכטיקע יאָרן — דיקע מויערן, יאָרן — שטעכעדיקע גראַטעס.

האָבן אים דעם וועג פאַרצאַמט.
מאַרגנס — קאָלירלאָזע, ווי הימלדיקע נעפּלען.
האָט פון זייער דורכדרינגענדער, בייטשיקער נעץ אים
געשווידערט.

טעמפּער היינט — שפּיזלדיקע רעגן־קלעפּ,
גרויט טויט פון זיי ארויס.
צו וועמען זאָל ער זיך טוליען?
א פויגל האָט פון נעסט ארויסגעזונגען,
קעצל האָט ביים ראַדיאַטאָר זיך געוואַרעמט,
גאָס־רעגנס האָבן אין זיין האַרץ אריינגעכליפּעט.

אוונט-שאטנס

פאַס פון זון אי דאָ ,אי דאָרט ;
טונקל-גרינער ווערט דאָס גראָז ;
ס׳גלעט אצינד דיין רואיק וואָרט,
ס׳איז דיין בליק פון צאַרטן ראָז.

סודות סוד׳ען זיך אין הויז,
צימער האַלט דעם אָטעם איין ;
בלאַסער ווערט די רויטע רויז,
שפּיגלען זאָפן אָוונט-שיין.

זונען-פאַסן מער ניטאָ ;
אָוונט-חלום — נעם אונדז צו.
גוט איז מיר, וואָס דו ביזט דאָ
אין דער אָוונטיקער רו.

דער אייביקער טאַנץ

מיר ווערן ארייגעצויגן אין טאַנץ פון לעבן
און ווערן אַנגעשטעקט מיט התלהבות פון די טענצער.
דרייט מען אונדז אַהער, אַהין:
דרייט דער קאָפּ זיך, ווערט פאַרדרייט;
פרעגט ניט קיינער, ווייסט ניט קיינער,
ווער עס פירט דעם טאַנץ,
ווער עס פירט דעם טאַנץ.

דער אָרקעסטער שפּילט אָן אויפהער.
זעט ניט קיינער דעם אָרקעסטער,
ווייסט ניט קיינער, וואָס ער שפּילט...
דרייען מיר זיך אין גערדריי,
שנעלער אַלץ און פעסטער אַלץ:
דרייט מיט אונדז די גאַנצע וועלט זיך.
פלאַקערט-אויף אין אונדז דאָס בלוט
און פאַרצערט אונדז, און פאַרצערט אונדז.

דרייען שנעלער מיר זיך אין געדריי,
מיט די לעצטע כוחות אין געדריי.
גיט דער באַראַבאַן אַ זעץ,
גיט דאָס האַרץ אַ קלאַפּ,
גיט די וועלט אַ פאַל —
פאַלן מיר אַף איר.

און דער טאַנץ גייט-אָן,
און די ראָד זיך דרייט.
און פאַרדרייט די קעפּ,
און פאַרדרייט די קעפּ —
פון די נייע טענצער.

דאס ליד פון קיך

איך בענק נאָך דיר אצינד, אין שפּעטער נאַכט;
איך זיץ און קוק ארום; דאָס פענצטער אָפן.
דער רעגן רעדט צו מיר. איך הער און טראַכט:
דו האָסט מסתּם דאָס הויז פארוויגט צום שלאָפן.

איך לעב איצט ווידער איבער בילד נאָך בילד.
ווען ביסטו מיר געווען נאָענטער, ליבער?
איך זע: דו שטייסט אין קיך. דיין קול איז מילד.
דו רעדסט צו מיר און ווישסט די טעלער איבער.

דיין ריינע, ווייסע קיך! מיין ליבער טרוים!
האָב איך געזען דען עפּעס שענערס וואו?
דאָס ווייסט דער אַלטער, שווייגנדיקער בוים,
דאָס ווייסט דער ווייסער טיש און איך און דו.

אַ, אָוונטן פארבראַכטע ביי דעם טיש,
און קוקנדיק אריין זיך אין די אויגן!
די קליידער דיינע אויסגעפּרעסטע פריש,
דעם ריח זייערן ארייינגעצויגן
האָב איך אין זיך, ווי טייערסטע פּאַרפיומען,
און אָף מיין וואַנדער מיט־זיך מיטגענומען.

דיין פאַרטוך ווייס — דער שענסטער טואַלעט פאר מיר;
די צירונג דיינע — די פינקלדיקע קיך־געשיר.
אין יעדן ווינקעלע האָסטו געהאַט פאַרשפּרייט
אַ שמייכל פון דיין פּנים — מיין גרעסטע פרייד.

איך וויים: דו טראַכסט פון מיר אין קיך, אין אָוונט־צייט,
ווען זיצסט פאַרלייגט די הענט, נאָך אַרבעט שווער.
ס׳איז נאַכט. איך בענק נאָך דיר אצינד. איך קוק אין ווייט:
דער רעגן גיסט. איך הער דיין קול, איך הער.

סאָנעט

דער באַלעבאָסטעס לעצטע, מידע טריט;
דער שאָרך פון ווייכע, טרייע קליידער —
און שטיל עס ווערט אין יעדן חדר.
אַליין ביים פענצטער, בלייב איך זיצן מיד;
אין דרויסן שטערט די שטילקייט קיינער ניט;
איך הער זיך איין אזוי כסדר,
ווי עס סוד'ען זיך די ווענט פון חדר
און ווי עס וועבט די רו איר אָוונט-ליד.

פאַרפלאָנטערט האָט מיך אימיצער אין וועב.
איך זיץ אזוי אַ שווייגנדער און שוועב
אין שטילקייט רוים און וואַרט אָף וואָס און הער.
עס רוט די גאַס. עס שלאָפט דאָס מידע הויז.
נאָר מיר דערציילן ווענט פיל סודות אוים.
איך הער זיך איין אַזוי, — און ס'ווילט זיך הערן מער.

באלאדע פון דער נאכט

א קינד האָט געוויינט אין דער פֿינצטער אריין,
געכליפּעט אָן סיבה, אָן ציל.
די גאַס האָט געהערט און א קאַץ האָט געהאָרכט,
די נאַכט האָט געשושקעט זיך שטיל.

א מאַן האָט גע׳גוסס׳ט, די נאַכט האָט געזען,
געציטערט די וועלט האָט ביים בעט.
געבעטן האָט ווייב זיך און קינדער: פאַרבלייב.
די נאַכט מיטן טויט האָט גערעדט.

א בחור געהאַלזט האָט זיין מיידל אין פּאַרק,
געבריט האָבן אויגן די נאַכט.
די ערד האָט געקילט און דאָס גראָז האָט געהיט,
די נאַכט האָט געקוקט און געלאַכט.

גע׳־יום־טוב׳ט האָט נאַכט־קלוב מיט סווינג און מיט זויף,
מיט מיידעלעך נאַקעט — א פּראַכט.
לאַקייען, סאַרווירער, שאָפערן צום דינסט,
געחברט מיט זיי האָט זיך נאַכט.

א פרוי האָט געשייערט א שטיינערנעם דיל,
אין טורעם, אויף צוואַנציקסטן שטאָק.
די גאַס האָט געזען און די נאַכט האָט געוואַכט,
די שטילקייט צעשטערט האָט א גלאָק.

דערמאָנונג פון גלאָק און א פייף פון א שיף
און פאַרהאַנגען שווארצע פאַרשאַרצט.
א רייטער־בריגאַדע אַנטקעגן דער נאַכט
מיט שפּיזן מיט ווייסע דורך האַרץ.

געוויין פון א קינד, פון א קוימען דער רויך.
און סודות׳דיק שוויגן פון נאַכט,
וואָס שלייכט פון געפאַר ווי א קאַץ זיך ארויס,
אַנטקעגן דעם רייטער, וואָס לאַכט.

י. א. ראנטש

געלעכטער

.1

ער איז געלעגן אויסגעצויגן, שטום,
ווי אָפּגעשיידט פון אונז מיט וועלטן.
מיט אים איז פול געוועזן דער ארום,
נאָר ס׳פּנים זיינס פון אַ פארשטעלטן.

ער איז געוועזן טויט, דער גוטער פריינט.
ס׳האָט יעדנס בליק געטרערט מיט טרויער.
פון אַלע ווינקלען האָט אויף אונדז דער פיינט
מיט אָטעם גיריקן געלויערט.

אריינגעשאַרט אין וואָגן אים, ווי ברויט
אין קאַלטן אויוון פונעם בעקער.
די קאַר האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט טויט,
און לעבן האָט אַ קלונג געטאָן מיט גלעקער.

.2

די גאַס איז פול געוועזן מיט ליכט און זון,
געוואונקען האָט דער הימל בלויער.
און לייכטער איז געוואָרן אונז דערפון,
און ניט-געוואָרן איז דער טרויער.

און ביי אַ טיש אין רעסטאָראַן,
געפאַנגען האָט אונדז אַ געלעכטער.
ס׳איז פרייד ביי מענטשן אומעטום פאראַן,
וואָס שטעקט דיך אָן מיט לעבן עכטן.

עס האָט געלאַכט א יונגע, שיינע פרוי.
צו איר געווענדט זיך אַלע בליקן.
(די קאַר זי איילט מיט טויטן פריינט אַזוי.)
מיר קאָנען ניט דעם לאַך דערשטיקן.

איר הילכיק קול איז פריש און רייצט און רופט.
(פארטיליקט ווערט דער טויט, דער שעכטער.)
ס׳איז אָנגעזאָפּט מיט לעבנס־חן די לופט,
סע לאָקט צו זיך איר הייס געלעכטער.

.4

עס זיפּצט ווער אַפּ. ניטאָ מער אונזער פריינט.
באַשערט א סוף אַ ניט־גערעכטער.
דאָס פּנים פון דער יונגער מיידל שיינט,
עס גליט אין אונדז איר זיס געלעכטער.

פארלאָזן האָבן מיר דעם רעסטאָראַן.
אין גאַס געשוויבלט האָט מיט טעכטער..
ניטאָ, ניטאָ קיין טויט, ווען ס׳איז פאַראַן
אזויפיל פרויאישער געלעכטער.

אוצרות

וואָס וועסטו מיטנעמען אין די לאַבירינטן פון טויט ?
ווי אַ דיכטער קאָן זיך מיט זיינע לידער ניט טיילן,
ווי אַ מוטער קאָן זיך מיט אירע קינדער ניט שיידן,
אַזוי וועט דיר שווער זיין איבערצוקלייבן
די ווערטן פון לעבן, די אוצרות פון הארצן.

ווען בעטהאָווען האָט געמונטערט אין שעה'ן פון עלנט,
ווער ס'איז פון שלום-עליכמען גענעזן געוואָרן,
און ווער עס קאָן אין היימישן סאָסנע-וואַלד ניט פאַרגעסן.

ווי עס גייען געאָרעמט אַ זון מיט אַ רעגן,
אַזוי ווערט נאָך טרויער אַ טרייסט אויפגעגאַנגען.
און ווער ס'איז ניט דערגאַנגען צו לענינס קלאָרן וועג
און צוליבן נעפּל דעם בלויען האָריזאָנט ניט דערקאָנט, —
האָט אין באריר פון זיין קינדס הענטל,
האָט אין זיין שטילער פרוים געטרייען בליק
דעם אוצר פון וועלטן געפונען.

וואָס וועסטו מיטנעמען אין די לאַבירינטן פון טויט ?
ווער האָט געמאַכט אַן אינוועטאַר פון דיין פאַרמעג ?
דאָס גרין פון גרעזל, דער וואונק פון שטערנדל
און די וואַרעמקייט פון דיין אייגן לייב,
וועלן דיינע אומשיידבאַרע אוצרות זיין.

ו ד

די טרייע הענט זיי ליגן אויף די קני,
ווי קליינע שלעפערדיקע קינדער.
דו פילסט א דאנקבארקייט צום שטול וואס לאזט דיך רוען,
ווי א וואנדערער וואס האט א גלאטן שטיין געפונען.
עס פאלט דער אוונט צו, ווי א פארהאנג איבער פענצטער.

נאר בלויז דער קאפ,דער זארגער, האט ניט קיין מנוחה.
עס רופן אים געדאנקען, ווי עס קלינגט דער טעלעפאן.
פון נאענט און פון ווייט, פון צייטן לאנג פארגאנגען;
ווי א חוב מען מאנט, ווי בעטלער מען בעט,
און דער קאפ איז אויסגעלעכצט נאך רו.

א ווייסער וואלקן ווינקט, זאגט צו דערלייזונג;
די פרוי פון הויז זי טראגט אנטקעגן גוטסקייט,
נאר בלויז דער קאפ, דער לאסט פון דורות,
אים דראט געפאר פון וועלט-צעשפאלט;
ער בעט ביי הענט זיך: „העלפט א חבר און א שכן”.

די ערד

אַט ליגט זי אויסגעשפּרייט אַ באַלעבאַטישע, די קלוגע ערד,
די גוטע, פעטע מומע, מיטן ברייטן פאַרטוך פון כל טוב.
מען מיינט — זי שטומט, זי האָט ניט וואָס צו זאָגן אין איר לאַנגווייל,
נאָר אויב זי שווייגט, איז דאָס פון חכמה און פון טיפזין,
ווי ס'שווייגט אַמאָל אַן איינשטיין און אַ גאון, זאַט מיט יאָרן.

דו הער זיך אַקאָרשט איין צו כלומרשט שטילער, תמ'עוואַטער ערד
און נייג דיין גיריק אויער אַן צום פול-געפּאַקטן, שווערן גוף;
און ווער דערשטוינט פון ריזלדיקן ברויז, פון פּראַצעדיקן שוויים,
פון וועלטן וואָס באַגינען, שטערבן און פאַרגייען אומבאַמערקט;
פון לאַך און וויין, פון פרייד און פּיין, פון בוי און שטער, פון שטילן רעש.

ווי מעכטיק טומלדיק און פילבאַר ס'איז דער גוף פון ערד!
נאָר טיפער איז דער אָפּקלאַנג פון איר שטומער שוואַרצער זעל
זי איז נשמהדיק, די ערד, און לעקט די וואונדן שטיל.
און ווי די קלוגע אַלטע מומע, איז איר צער פאַרהוילט;
און ווי אַ בראָווער חולה, שווייגט אין אַנגסטן האַרץ פון ערד.

רואיק און געלאַסן ליגט די גוטע אַלטע ערד,
נאָר יונג איז זי אין קראַפט און האַפט און פעסט איז איר געשטעל.
זי שווייגט, די ערד, און קוקט ארויף, ווייל סודות זי פאַרבאָרגט,
ווייל קלוג איז זי, דער גרייז, און ווייסט באַשייד פון לעבנס-וועג.

געשארן פעלד

ווי רואיק איז דער רויש פון נידעריקע פלאנצן:
דער ברוינער זאנג, די הויכע גראז, די פולע בלום.
אַט האָבן זיי אין ווינט, געוויגט זיך, ווי צום טאנצן,
און אַט קומט אָן דער סוף, די קאָסע זיי אַנטשטומט.

עס גורט די לענדן אָן דער פאַרמער טאָם צום הייען,
שפאַנט איין אין שנייד-מאַשין די שווערע סוסים צוויי;
עס שרפ'ט היץ, נאָר אין געדאַנק ער זעט די שנייען;
ער פילט דעם שייער אָן מיט שמעקנדיקן היי.

„גיד-אַפּ" און „האָי" און ס'ליגן זאנגען, ווי די מתים;
א ריזיקער בית עולם איז געשאָרן פעלד.
דאָס זיינען ניט קיין יידן-קדושים אין טליתים —
מיט חסד און מיט רחמים פול איז גראָזן וועלט.

דער טויט וואָס קומט אַראָפּ אויף לאַנקע — ניט באַשעדיקט;
ער אַכזר'ט ניט, ווי מענטש פון דער אַטאָמען-צייט.
דער טויט אויף בלום און בוים איז יושרדיק און גנעדיק,
ער קומט ניט אומגעריכט, — ער מאַכט באַקאַנט דעם בייט.

און ס'דוכט זיך אָפּט: ניטאָ קיין טויט אויף גרינע לאַנען;
אויף פעלז און בארג, אויף טאָל און פלאַך ניטאָ קיין מאָרד.
עס יאָמערן די פעלדער בלויז וואו זעלנער שפּאַנען,
עס וויינט אין מיר געדעכעניש פון „גוטן אָרט".

פאַר וועמען?

אומענדלעך פעלד מיט בלימעלעך פון ליכטיקע קאָלירן,
וואו ס'זינגט אַ ליד די בין און ס'טאַנצט גראַציעז דער שמעטערלינג.
און צווישן גראָזן, אונטער בלעטלעך, יאָגעדעס זיך צירן
און ליגן איינגעגנורעטע און שעמען זיך און שעמען —
פאַר וועמען דען, פאַר וועמען?

דו גייסט, ווי קענגן כוואַליעס; ס'נייגן זיך די שטאָלצע זאַנגען,
און אַראָמאַט פון בליענדיקן יונגען לעבן אָטעמט היים,
און זאָרגלאָז איז דאָס פעלד און ס'ציען צויבער־קלאַנגען
דיך צו און ווערסט ניט מיד זיי צו פאַרנעמען —
און וועמען רופן זיי דען, וועמען?

עס ליגט אין מיטן פעלד, אַן איינזאַמער, אַ שטיין אַ גלאַטער;
עס שטייט פאַרבענקט אין מיטן פעלד אַן אַלטער בוים.
עס זינגען זאַנגען, בלומען, פליגעלעך, אַ ליד פון זאַטקייט.
ווער קאָן דען אויסרעכענען פון אַלע בליעכצן די נעמען?
פאַר וועמען זינגען זיי, פאַר וועמען?

דו שטעלסט זיך פּלוצלונג אָפּ און וואונדערסט זיך און וואונדערסט:
פאַרלאָזן איז דאָס פעלד, פון מענטשן ניט באַרירט —
און דאָך איז אַלץ פאַרענדיקט דאָ, פאַררונדיקט.
און הייבסט אַליין זיך אָן פאַר קרייטעכצער צו שעמען.
זיי פרעגן דיך: פאַר וועמען בליען מיר, פאַר וועמען?

אין אלטן וואלד

צו מיר געהערט דער אַלטער וואַלד און זיין פאַרמעג.
נאָר ווען איך בין צו אים אריין אַמאָל,
האָט אומגעריכט אַ פחד מיך ארומגענומען.

אַ שטעל געטאָן דעם פוס אויף ווילדן באָדן
און שוין בין איך געווען צעשיידט פון וועלט און מענטש!
איך בין באַהערשט געוואָרן פון אַן אויפגעלייזטער רו,
וואו יעדער בוים געטראָגן האָט אויף זיך אַ סוד,
אַ בוים — אַ סוד, און ביימער אָן אַ שיר,
געברידערט אייניק, שטום און שטייף.
דאָס שווייגן שטייגט. דער קלענסטער שאָרך
הילכט אָפּ ווי שרויט, געהער ווערט אָנגעשפּיצט.
דו קוקסט זיך אום — ס'איז גאָרניט ניט געשען;
אַ לעבלאָז צווייגל האָט געטאָן אַ פאַל אַראָפּ;
אַ פלאַטער פון אַ פויגל אינעם רוים;
אַ ווינטל האָט אַ וויי געטאָן — קיצל, קיצל..
און אויסגעפּעטשלט האָבן בלעטער טרעוואָגע!

ס'איז קיל, ס'איז פריש, דער אַראָמאַט באַרוישט,
דער גאַנג באַצווינגט, עס לאָקט דער שפּאַן פאַראויס,
ביסט פריי, ס'איז דיינער יעדער ווילדער שטעג,
נאָר ס'פּויקט אין אויער שווייגנדער ארום.
ביסט פריי, ס'איז דיינער יעדער ווילדער שטעג,
דאָך פילסטו זיך געפאַנגען אינעם אַלטן וואַלד.
דו גיסט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ און שטעלסט זיך אָפּ,
דו זאָגסט: איך בין דער מייסטער דאָך פון אָט־דעם וואַלד.
פאַר וועמען האָב איך מורא דאָ? איך בין דער האַר.

מיין שטאָם האָט ניט געשפּאַנט דאָ פריער,
אויף דזשאַנגל־ערד פון רעוועגדיקער חיה.
דער ווייכער מאָך, די פעכער־פּערנעס.
די וויקלענדיקע וואָרצלען און דאָס ריזלען פון אַ קוועלכעל —

זיי זיינען טרייע עדות פון די סודות,
וואָס דורות האָבן אינעם וואַלד געלאָזן.

איך שפּאַן און שפּאַן און בין דאָ איינער
צווישן פרעמדן מין, אינעם ווילדן וואַלד.
דער הירש וועט אויסשטאַרן די מילדע אויגן,
דער רויטער פוקס, די ווילדקאַץ און די שלאַנגען —
זיי וועלן דאָך באַהאַלטן זיך פון מיר.
עס שרעקט מיך בלויז די שטומעניש, די שווייגעניש, די רו.
איך האָב פאַר קיינעם מער קיין מורא ניט.
איך וויל ארוים פון דאנען גיכער, גיכער.
איך קאָן די שטילקייט ניט פאַרטראָגן מער.
די ביימער ווייסן אזוי פיל און שטומען,
עס סודעט אונטער מיר די ערד זיך.
און איך — איך בין אַ פרעמד־ער דאָ.
וואו לופט איז לינד און לויטער, אויסגעצוואָגן, ציכטיק —
אין אַלטן וואַלד, פון וועלכן איך בין מייסטער.

באַרג אַרויף

איך בין פון בערג ארומגערינגלט
און כ'וועל אַליין אַזוי ווי זיי.
די נידער וועט מיך ניט באַצווינגען,
מיין גלייכן איז דער רוים;
אויף בערג, דאָרט בליט מיין טרוים,
דאָרט פעדערט זיך דער בייט —
כ'האָב ליב דעם אָטעם פון דער ווייט.

גאַנץ פרי בין איך מיר אויפגעשטאַנען,
עס האָט מיך אויפגעוועקט דער פויגל-מין;
געפינקלט האָבן גרינע לאַנען,
געריצט מיט מיר זיך האָט די בין.
נאָר בערג, די בערג מיינע, ניטאָ מער.
וואו זיינען זיי אהינגעקומען?
ארום איז נעפּל-רוים,
ארום איז גרויער שוים...
די בערג, מיין טרוים,
ווער האָט אוועקגענומען?
די לופט באַדראָען,
די סטאַיעס קראָען,
זיי קריגן זיך און שרייען,
זיי מיינען ס'איז פון בערג שוין די לויה.

.2

איך שטיי אַזוי פאַרגאַפט און זע:
דער ווייסער תהום זיך שפּאַלט
אַלץ מער.
עס פאַלט
אוועק אַ וואַנט;
אַ גרוי געוואַנט
פאַרשווינדט.

לייכט און לינד.
אַנטפּלעקט זיך באַרג,
זיכער, שטאַרק.
צוערשט אַ קאָפּ, אַ פּויסט,
אַן אַקסל בלויז,
נאָר שוין איז אוים
מיט גרויען תהום, מיט שוים.
עס טורעמט זיך אין רוים
דער באַרג, מיין טרוים.

3

זיי בייטן זיך און בייטן
די בערג, אין אלע צייטן;
אין האָריזאָנט זיך טויכן
די קעפּ די הויכע.

די בערג — אָט ווערן זייערע ראַנדן בלויער,
אָט טוקן זיי זיך אין דעם טונקעלן גרין;
זיי ווייסן ניט פון בענקענדיקן טרויער,
דאָך טרוימען זיי גאָר צאַרט און דין.

די בערג באַהעפטן זיך מיט הימלען פעסטע,
נאָר שטענדיק בלייבן זיי אליין.
ווער וויל זיך דען מיט זיי פאַרמעסטן?
דאָך שטעקט אַ קנאה צו דעם פעלזן-שטיין.

בערג

עס טאַנצן אייביקע הקפות
אויף בערג די שאָטנס פון דער צייט.
זיי מיינען, אַז פון בערג דער סוף איז,
און שפּעטן חוצפּהדיק, פאַרשייט.

נאָר בערג — זיי קייכן פון געלעכטער.
עס אַרט זיי ניט פון טויט דער גלעט.
די יאָרן זיינען פּראַווו־שטיין עכטער,
ניטאָ פאַר זיי קיין פרי, קיין שפּעט.

איך בין פון בערג אַרומגערינגלט.
ניט צוימען זיינען זיי און ווענט.
עס ווערט מיט זיי מיר לייכטער, גרינגער,
ווי ס'וואָלטן קרובים זיך דערקענט.

איך לערן זיך פון זיי די חכמה
צו קלעטערן אויף לעבנס וועג.
עס ווערט אויך קלאָרער שוין דער תוך מיר
פון מיינע מאָרגנדיקע טעג.

היינט

כ'האָב היינט געהערט געפלאַטער פון געפלאָגטע פליגלען,
אין שוועבל-שטויב, אין שטיקנדיקע רויכן.
פארשלאָסן האָב איך יעדע טיר אויף זיבן ריגלען,
פון ווענט אראָפּגענומען די דראָענדיקע שפּיגלען, —
ס'האָט טויט אַראָפּגענידערט פון די הויכן.

ארויסגעכליפּעט האָט פון מיר געוויין פון אָבות;
פאַר זיך אַליין האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן.
ווער האָט גערייצט זיך און געטריבן דאָ קאַטאָוועס?
איז דאָס געווען דער אַלטער לץ, דער מלאך-המות,
וואָס האָט צעקאַרבט מיך פּלוצלינג, ווי אַ זקן?

איך האָב געווערט זיך ווי אין שלאַכט דער בראַווער קריגער,
ווען ס'האָט דער שונא מיך געוואָלט אַנטשטומען.
ער האָט די פרייע דורכגאַנגען פאַרצאַמט, פאַרזיגלט;
געשפּילט אין קאַץ-און-מויז, געחוזקט און געקליגלט,
געמיינט, עס איז דער סוף שוין אָנגעקומען.

איך האָב געזען: איך בין אויף אַלע פיר געקראָכן;
פון שאַנד דער קאָפּ אַלץ טיפער איז געזונקען;
דער באָדן אונטער מיר — אין זומפּן און אין מאָכן.
איך האָב געפרעגט: איז דאָס דער תוך פון אַלע תוכן?
פאַרלעשן זיך אין מיר די לעצטע פונקען?

די גרעזלעך איבער קברים האָבן מיר געוויזן
דעם וועג ארויף, דעם שייד-וועג פון דער נידער;
די ביימער אינעם וואַלד, ווי זינגנדיקע שפּיזן;
די שפּיצן פון די בערג, ווי וואַכנדיקע ריזן;
דאָס קלענסטע פייגעלע זינגט ליבעם-לידער.

כ׳האָב היינט געהערט געפלאַטער פון באַפרייטע פליגל:
זיי האָבן מיך גערופן צו די הויכן.
כ׳האָב אַלע קלאָג-לידער אין זיך אַליין פאַרזיגלט,
מיט קאָפּ געהויבענעם אריינגעקוקט אין שפּיגל.
עס האָט געקוואַלט אין מיר מיט פרישע כוחות.

די בערג

די טונקל-גרינע בערג, מיט וואַלד באַקרוינטע, —
זיי זיינען צויבער-ליד פון אונזער ערד.
צו שפּיגלען זיך אין זייער שיינקייט ווערט
ניט מיד דאָס וואַכע אויג, וואָס ווערט דערשטוינטער
פון וואונדער, וואָס זיך מערט.

צעלייגט אין האָריזאָנט זיך מאַיעסטעטיש
זיך האָבן זיי ווי שיצער פון געפאַר.
ניט איבערטרעטן וועט דער גרויסער צער
די אָנגעשפּיצטע בערג, די בערג, די רעטער,
וואָס זיינען איינגעשפּאַרט.

די בערג — אָט זיינען רונדיק זיי און ברוסטיק,
אָט שטרעקן זיי די פולע אָרעמס אויס,
כאַטש נעם און טוליע זיך צו זייער שויס.
אָט זיינען ספינקיש זיי און אָט גאָר גלוסטיק, —
נאָר אייביק אויפגעברויזט

די בערג זיך האָבן רחבותדיק צעשטאַפּלט,
געפלאָכטן אָרעמס שטייף פון ראַנד צו ראַנד.
די בערג, דאָס איז פון פרייהייט אַ פאַרבאַנד;
זיי זיינען ערדס פאַרחלומטע שוואַרצאַפּלען,
די פויסט אויף גבור'ס האַנט.

נים בלויז דער וואונדער־שפּיל פון ליכט און שאָטן,
נים בלויז דער צויבערער פון יעדן בײט,
וואָס ווייזט די שיינקייט זיינע נאָר פון וויים, —
די בערג, פון זיי האָט „בראשית" אויסגעקנאָטן
אַ מאָנומענט פון צייט.

וואָס מיינט דער גרינער באַרג פאַר דיינע אויגן?
דו לערן זיך צו זיין אַזוי ווי ער:
אַ צויבערער, אַ שטאָפּלדיקער ווער;
פאַר קיין געפאַר פון צייט זיך נים געבויגן, —
זיי שוואַרצאַפּל פון ערד.

סעפטעמבער

אין הייסער זון — אַ קרעפטיקייט פון דויער;
זי קושט דיר אוים דעם נאַקן און די געמבע,
נאָר אין איר שאָטן — קאַלטער ציטער לויערט.
עס ווייסט דאָס גראָז, עס ווייסן שטאָלצע דעמבעס
דעם סוד פון די פאַרנאַכטן פראָסטיק בלויע.
צופרידן, זאַט און פריי קומט אָן סעפטעמבער.

אויף הויכלאַנד האָט דער וואַלד זיך דין פאַרנעפּלט;
עס ברוינען זיך, ווי לעקעכער, די גראָזן.
באַטעפּיכט איז דער סאָד מיט רויטע עפּל;
עס שפּרינגען שלינג און שלאַנג ארום די האָזן.

דו קומסט צוריק מיט זומער אָנגעלאָדן.
סעפטעמבער איז אין בלוט, אין פולע אויגן,
די יאָרן דיינע — ברכהדיקער באָדן;
עס קרוינט זיך אויפן קאָפּ אַ רעגנבויגן...

רעגנס אין די בערג

צוערשט — אראָפּ די גדולה:
די סטאַרטשנדיקע גרינע אַקסלען,
די גיגאַנטישע.
אַ גרויער תהום,
אַ נעפּל נישטיקייט.
הימל, באַרג איז איינס.

די וואָלקנס — פּלאַצנדיקע זעק.
עס האָט אַ שאָט געטאָן
מיט שטערן שטויב.
און שוין:
מעכטיק־מראהדיק
דער באַרג איז ווידער באַרג;
אַקעגן הינטערגרונט פון נאַריש גרוי.

סטרונעס צופּן מאַנאָטאָן,
גיך און גיכער ,מאַנאָטאָנער.
רינוועס רעגנס ריזלען,
אָדערן די הויט פון באַרג.
לוזשעס נעמען זיך ארום,
ריטשקעס ראַיען זיך,
רויטע קאַלינעס צונטערן,
בלויע יאַגעדעס זיך שווארצן,
פּעלזן גלאַטע גלאַנצן.

אין וואַלד, ווי אַ זשוזשען פון מיליאַסן פליגן.
דאָס רעגט דער רעגן אָן
די פּאָפּנדיקע ווימטעניש פון באַרג;
נאָדלט, מאַסאַזשירט,
טאָרעט טיף און טיפער.

נאָר ס׳הייבט זיך אָן גאַלאָפּ אראָפּ פון גאַסן,
וואַס מאַכן פּליטה ,

אין שמאָלע שרענגעס ,
אין זיג-זאַג זאָנעס,
צו טאָלן תהומען,
צו פולע פלאַכן,
צו זיגער טייכן.

דער בארג באַרשט אָפּ פון זיך,
די אויסשפירער, די שנעקעס,
די נעבעכדיקע ניאַנקעס,
די רינענדיקע רעגנס.

פארטאג

אַ פויגל האָט צעזונגען זיך מיט האַסט, —
איין־איינציק קולכל טראָגט די גרויסע לאַסט.
נאָר באַלד צוהילף אים קומט פון יעדער זייט,
פון דאָ און דאָרט, אַ פויגל־כאָר פאַרשייט.

פאַר דיינע אויגן קומט דאָ עפּעס פאָר.
אַלץ שטאַרקער ווערט די פרייד פון פייגל־כאָר.
עס גלאַנצט פון גרינקייט קוטשעראַווער וואַלד,
פון הינטער באַרג די זון האָט זיך צעשטראַלט.

עס פּיבערט פון דער טיף אַרויס די ערד,
מען סודעט זיך גאָר פריידיק און עס ווערט
אַרויסגעבראַכט אין לופט אַ רוף אַזאַ,
וואָס ווערט פאַרהילכט אין אַ „הוראַ! הוראַ!"
ווי ס׳וואָלט געוואָרט אַ וועלט מיט אומגעדולד
באַפרייט צו ווערן פון אַ שוואַרצער שולד.

און אויסגעוועפּט עס זיינען שרעק און גרויל.
מען גיט זיך „שלום". אַי, ס׳איז גוט און וואויל.
איז, לאָמיר זינגען הילכיקער דאָס ליד
פון ליכטיקן באַגין, וואָס לעבן גיט.
און מיך אַריינגענומען אין דער מיט,
און ס׳זינגט פון פרייד אַ ליד דער „איכה"־ייד.

עס קריכן ווערימלעך ארויף, אראָפּ,
עס יאָגן מערעשקעס, ווי אין גאַלאָפּ.
עס דוכט זיך, אַז ס'באַוועגט זיך אויך די ערד,
פאַר אַלץ איז דאָ אַן אָרט און אַלץ געהערט.
און איך — איך שטיי פאַרוואונדערט און פאַרגאַפט,
עס ווערט מיר קלאָר: איך האָב אויף ערד אַ האַפט.

איך בין אַ יש, מיין דאָ זיין האָט אַ זין.
ניט סוף, נאָר כ'בין אַ טייל פון דעם באַגין.
עס האָט קאיאָר פאַר מיר אַנטפּלעקט דעם סוד:
איך טאַנץ אין ראָד פון לעבנס-קאַראַהאָד.

דעלפינען

עס בליען די דעלפינען
אין דרויסן, ביי מיין פענצטער;
אויף שטענגלעך אויף דינע,
די בלימעלעך די שענסטע.

ווי גלעקעלעך ווי בלויע,
מיט צינגלעך שווארץ־באַזוימטע,
אין טעג אין כמורנע־גרויע,
זיי שטייען שטיל פארטרוימטע.

אַ גאַנצן טאָג עס פליען
די שמעטערלינגען, בינען —
דעם זיסן זאַפט זיי ציען
אַרויס פון די דעלפינען.

איך בליק ארויס פון פענצטער,
פארנאַכט, ווען כ׳זיץ פארמאטערט
פאַר אויג עס גיט אַ פלאַטער
זשום־פייגעלע דאָס קלענסטע —

צעקושט זיך און געזעגנט
מיט שייניקע דעלפינען.
ווען ס׳שוואַרצן זיך די וועגן
מען קאָן זייער בלוי געפינען.

וועז ס׳רייטן אָן די שטורעמס
אוןביימער וויינען, ברומען
און ס׳ציטערן די טורעמס —
עס שמייכלען מיינע בלומען.

זיי טוען מיר פארטרויען
די טרוימען וואָס זיי שפינען, —
די פריינט מיינע, די בלויע,
די פרישינקע דעלפינען.

מע רופט

מע רופט...
נייג־אָן דיין אויער און הער.
מע רופט. דו ווייסט וואוהין און ווער.
זיי גרייט!
זע, מע גייט —
גיי־מיט אין וועג,
ניט פרעג.

מע רופט...
צום לעצטן מאָל
עס שאַלט אַ קול
און טראָגט אין לופט,
דורך רויב
און שטויב,
אַ רוף צו דיר:
אָ, ריר זיך, ריר,
ווייל באַלד וועט זיין צו־שפעט
פאר דיין חרטה און געבעט.

אָ, הער!
עס פאַלט אַ טרער
אין לופט...
מען רופט!

אָן וויפּיל טעג

און וויפיל טעג עס זיינען נאָך פארבליבן
אַף אונדזער קורצן וועג —
ניט זאָלן ווערן זיי צעריבן
אָן ציל, אָן צוועק.

מע וואַרט אויף אונדזער קומען
פון גרויע יאָרן אָן;
זאָל זיך אין דעם שטורעמס ברומען
אויך הערן אונדזער טאָן.

לאָמיר אָנ׳שכור׳ן די טעג מיט גלויבן
און פארגיכערן דעם שפּאַן;
צייטיק זיינען שוין פון לאַנג די טרויבן,
ווייַן איז אומעטום פאַראַן...

צו אייך

(פון בוך „אינדיאַנער זומער", 1930)

און וואו ס'איז דאָ אַן אויג, וואָס טרערט,
אַ האַרץ, וואָס פּייניקט זיך און קוועלט —
דער ווייטיק פון דער קראַנקער ערד
דערטראָגט זיך צו מיין שטיל געצעלט.

ס'געוויין פון הונגער און פון נויט —
איז מיין געוויין, איז מיין געקלאָג;
דער שמאַרץ פון וואונדן, בלוטיק־רויט,
איז אין מיין ווײ, איז אין מיין פּלאָג.

און וואו אַן אויג מיט פייער גליט,
אַ פויסט — געשטרעקט און שטייף געבאַלט,
אַ האַרץ, וואָס הויבט זיך און וואָס זידט,
אַ קול, וואָס דונערט און וואָס שאַלט —

אַהין מיין אויג פלאַמט־אויף און שטראַלט,
אַהין מיין וועג איז פעסט און קלאָר;
מיין פויסט איז אַדערדיק געבאַלט,
מיין קול וועט הערן זיך אין כאָר.

אָ, ערד, אין יאָך פון נויט געשפּאַנט!
אָ, וועלט, געקאָרטשעטע פון פּיין!
איך שטרעק צו אייך מיין דאַרע האַנט,
איך נעם אייך אין מיין האַרץ אריין!

י. א. ראַנטש

שײנקײט

כ׳וועל שטאַרבן פּריציײטיק
פון בענקשאַפט נאָך שײנקײט,
עס וועט מיך דערשטיקן
דאָס מיאוסע פון לעבן.

גרױס איז מײַן הונגער,
קלאַפּ איך אין טירן,
בעטל איך שײנקײט —
שפּײַזט מיך דאָס מיאוסע.

גײ איך לאַנגזאַם אױס דאָ
פון בענקשאַפט נאָך שײנעם;
לאַנגזאַם הערשטיקט מיך
דאָס מיאוסע פון לעבן.

מיינע קליינע אָרעמס

(פון בוך „ווינטן״, 1923)

מיינע קליינע אָרעמס שטרעקן זיך
ארומצונעמען די גאַנצע וועלט ;
מיינע ליפּן ציען זיך צו קושן
די שאָפונגען פון גאָט ;
און יעדער אבר אין מיר
וויל ליבן, ליבן, ליבן :
ווייל אויסגעדורשט בין איך נאָך ליבע
און כ׳וועל פאַרברענט פון דאָרשט.

און שיין איז אַלץ און ליב איז אַלץ !
און לויבנסווערט און גוט.
און מיינע אויגן בעטן, רופן :
„אָ, זעען ווילן מיר די שאָפונגען פון גאָט !״
און יעדער מענטש איז וואונדערבאַר און הייליק,
און יעדעס קינד — אַ לויב געזאַנג צו גאָט.
און אַלץ און אַלץ וואָס ס׳קען דאָס אויג דערבליקן,
וואָס ס׳קאָן די האַנט דערטאַפּן ;
און אַלץ און אַלץ וואָס ס׳קען דאָס ~~איז דערבליקט~~
איז ליב, איז ליב, איז ליב...
אַז וואויל צו דעם וואָס איז —
אָ, זאָל עס זיין געבענטשט !

סאָנעטן וועגן טאַטן

א.

שוואַרצע שאָטנס אויפֿן גרינעם גראָז זיך מערן.
קילער ווינטל ברענגט פֿאַרנאַכטיק רו.
גיי, פֿאַרלאָז אַצינד מיך, מיידל, דו:
כ׳וויל אַליין, אין איינזאַם מיינעם שווערן,
שקיעה־שעהן היינט פֿאַרהיילִיקן, פֿאַרטרערן.
היינט איז טאַטנס יאָרצייט. היינט איז — רו.
פֿאַרן דרויסן מאַך איך טירן צו.
זאָל דער טרויער פֿון מיין האַרצן זיך פֿאַרמערן.

טאַטע מיינער, שוויגער, ליגט אין שונא׳ס לאַנד
און זיין זון, מיט בלוטן הייסע, שטרעקט זיין האַנט,
צו אַ פֿאָלק אַ פֿרעמדן, אין אַ נייעם לאַנד.

וואָס איז מיר פֿאַרבליבן פֿון מיין טאַטנס שוויינן?
אויף אַ בוים אַן אַלטן, אויסגעדאַרטע צווייגן —
בייגט זיי, קרומט זיי, אימיצנס אַ שווערע האַנט...

ב.

היינט איז טאַטנס יאָרצייט און איך טראַכט:
וויפיל לאַנגע יאָרן מיר מיין טאַטע פעלט?
ס'האָט אַ האַנט מיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט.
כ'האָב פאַרגעסן זיך. דעם גאַנצן טאָג געלאַכט.
פריילאַך, זאָרגלאָז מיר דעם טאָג פאַרבראַכט..
איצט איז שקיעה־צייט און אָפּגעטרעלט
האָט פייגל־כאָר און באַלד קומט אָן די נאַכט.
אָ, וויפל לאַנגע יאָרן מיר מיין טאַטע פעלט?

טאַטע איז אַוועק און מיך געלאָזט אַ קינד.
ניט געקאָנט פאַרשטיין גאָר, ווער ס'האָט אונז צעשיידט.
כ'האָב דעם שולדיקן געזוכט און זוך אצינד...

טאַטע האָט געשוויגן. כ'בענק נאָך זיינע רייד.
ס'וויינט אין מיר — דעם הארטן מענטשן — נאָך דאָס קינד,
טאַטע האָט פאַרלאָזט אונדז, בענקענדיק נאָך פרייד.

י. א. ראַנטש

רוקנס איינגעבויגענע

רוקנס איינגעבויגענע און קרומע,
אויגן אָנגעזאַפּט מיט פּיין,
וועלן איינזאַמע און שטומע
פרעגן: וואָס וועט איצטער זיין?

און פון אַלע ווינקלען וועט זיך טראָגן
דאָס געוויין פון אונדזער בלוט.
קלאָגן וועלן מיר, באַקלאָגן
אונדזער פירער, וועלכער רוט.

ווען די ערד וועט איינזאַפּן די טרערן,
שטיל וועט ווערן מיטאַמאָל —
וועלן פלוצים מיר דערהערן
זיין געליטערט, זיכער קול.

און פאַרזאַמלען וועט ער אונדז און פירן
און באַלייכטן אונדז דעם וועג;
און אַ פראַל טאָן אַלע טירן
פאַר די נייע, פרייע טעג...

פסאלם

דאָס ביסעלע פרייד וואָס באַגלייט מיך —
נעם ניט אָפּ פון מיר, נעם ניט אָפּ,
ווייל נישטיק, ווי שטויב, ווער איך
און הפקר, ווי פאַרוועלקט, צעטראָטן גראָז.

אין שעה׳ן פון פיין — טו ניט אָפּ
פון מיר דיין בליק,
שענק מיר דעם כח פון ווילן,
באַטרייסט מיך מיט דיין קול.

קומט ניט צו צו מיר,
ווען די פרייד האָט מיך פאַרלאָזן,
ווייל די לופט ארום מיר איז פאַרפעסטיקט,
און איר וועט איינאָטעמען אין זיך
דעם סם פון מיין דערשלאָגנקייט.

נאָר איין תפלה זאָג איך מיטן גאַנצן האַרצן,
מיט יעדן אָטעם פון מיין איך:
עס זאָל מיין פרייד מיך באַגלייטן
אָף מיינע שטויביקע וועגן.

ווען ס׳האט יעדער דיך פארלאזן

ווען ס׳האַט יעדער דיך פאַרלאָזן
און געבליבן ביסט אַליין,
און דו ווייסט ניט וואו צו גיין —
קוק אריין צו זיך אין הארצן
און ניט וויין, און ניט וויין:
ביסט שוין ניט אַליין.

שווער, גאַר שווער אַליין צו זיין,
מיט דיין פּיין, מיט דיין פּיין.
ווען דיין האַרץ איז דיר אַ פריינט,
וויינט מיט דיר דאָס האַרץ און קלאָגט
און עס זאָגט, און עס זאָגט:
דו ניט וויין, דו ניט וויין —
ביסט מער ניט אַליין.

אָבער ווי צו דיר און ווינד,
ווען דיין האַרץ איז בלינד
צו דיין וויי, צו דיין וויי.
ווען ס׳האָט יעדער דיך פאַרלאָזן
און דו האָסט ניט וואו צו גיין,
און דיין האַרץ איז בלינד —
ווי צו דיר און ווינד,
ביסט אַליין, גאַר אַליין —
וויין, וויין.

עס רינגלען

עס רינגלען אונז ארום גרויסע ווייסע שרעקן —
אומעטום, וואו מיר זאָלן ניט זיין.
מיר באַהאַלטן זיך פון די גרויסע ווייסע שרעקן,
אומעטום, וואו מיר זאָלן ניט זיין.

ווער וועט אונדז פון זיי באַשיצן,
ווער וועט אונדזער היטער זיין?
שיינע קינדער וועלן אונדז באַשיצן,
קינדער וועלן גרויסע ווייסע שרעקן פאַרטרייבן פון אונז.

עס באַפאַלן אונדז שווערע פיין
און צעשטערן אונדזער גליק און רו.
ווער וועט אונדז פון פיין באַפרייען?
קליינע צאַרטע פרויען-גלעטן וועלן אונז פון פיין באַפרייען

ס'לויערן אייביקע שונאים אויף אונדזער שטילער פרייד
און רויבן זי אַוועק פון אונדז.
און מיר גייען ארום צעבראָכענע
און פרעגן ביי יעדן דורכגייער:
ווער האָט געזען די רויבער פון אונדזער פרייד?
ווער האָט אונדזער פרייד באַגעגנט?
און קיינער ווייסט ניט.

ווער וועט צוריקברענגען אונדזער פרייד?
ווער וועט די לויערער פאַריאָגן?
אַ צויבערוואָרט פון ליבע, אַ לאַטשענדיקער בליק,
אַ וואַרעם האַרץ —
וועט פאַריאָגן די לויערער,
וועט צוריקברענגען אונדזער שטילע פרייד.

י. א. ראַנטש

בעטלער

וואַנדער איך מיר נאָכאַנאַנד
אין דעם רייכן בעטלער־לאַנד.

פּירט אַ וועג מיך שמאָל און ווייט.
בעטלער פיל פון יעדער זייט,

שטרעקן אויס צו מיר אַ האַנט —
טייל איך, טיי לאיך נאָכאַנאַנד.

טייל איך אויס וואָס איך פאַרמאָג.
שמעלט ווער אָפּ מיך ביי אַ ראָג.

שטעל איך אָפּ זיך, הער זיך איין —
ס'רוימט מיר ווער אין אויער אריין:

„האָסט צעטיילט דו שטיקלאך האַרץ,
ביסט דערפאַר געוואָרן שוואַרץ.

און קיין בלוט אין דיר ניטאָ,
און עס נענטערט זיך דיין שעה"

הער זיך איין צום סוד איך גוט
און איך זע: ניטאָ קיין בלוט,

און איך זע: ניטאָ קיין האַרץ,
און איך בין געוואָרן שוואַרץ.

טראַכט איך, טראַכט און וואַנדער שטום..
און די בעטלער פיל ארום,

שטרעקן אויס צו מיר אַ האַנט —
און איך טייל אויס נאָכאַנאַנד...

1923

א טרייסט

אוועק פון אַלעמען,
אַנטלויפן גיך ;

אוועק פון אלעמען,
צו זיך, צו זיך.

דער זעלבער רעש
אַף יעדן אָרט
דאָסזעלבע הויכע
פאַלשע וואָרט.

איין טרייסט איז נאָך
פאַראַן אצינד :
דאָס קליינע צאַרטע
ליבע קינד.

מיר

מיר — איך און דו, און דער הונט ביי אונדזערע פיס —
זוכן שוץ פאַר אַ שטורעם, ציטערן פון קעלט;
שטרעקן אויס די הענט און בעטלען פאַר זיך שפּייז;
גייען אויס פון שרעק, דערפילנדיק דעם טויט.
מיר — איך און דו, און דער הונט ביי אונדזערע פיס —
ווילן לעבן, לעבן, לעבן...

מיר זיינען קלוג און ווילן קליגער ווערן;
מיר וואַרפן זיך אַף דעם,וואָס קען זיך קעגן אונדז ניט ווערן;
באַזויפן זיך מיט בלוט און זאָגן אַז ס'איז — ווייַן;
ברומען אויס אַ ליד פון פרייד און ווילדן צאָרן;
טאַנצן אויף דילן באַפלאַסטערטע מיט ביינער
פון אונזערע ברידער און שוועסטער
צו ראַטעווען אונדזער מין,
אויפצוהאַלטן אונדזער דאַ־זיין.
מיר, די גליקלעכע, וואָס לעבן —
איך און דו, און דער הונט ביי אונדזערע פיס.

צו א גרויען פרויען קאָפּ .

שיין פאַרקאַמטער גרויער פרויען־קאָפּ !
דו זינגסט אַ לויב צו דעם וואָס טראָגט דיך.
און קוקנדיק אַף דיר
ווילט זיך זינגען,
אויסזינגען אַ לויב־געזאַנג צו דיין שיינער גרויקייט,
וואָס שמייכלט מיט אַזאַ ברייטער הארציקייט און גוטסקייט,

וואָס טראָגט אַף זיך דעם שטאָלץ
פון גענעראַלישן מלחמה־וועטעראַן.
יעדע גרויע האָר אַף דיר
פאַרזיגלט אין זיך סודות פון באַזיגטע יאָרן.
יעדע גרוי־געוואָרענע האָר
האָט געבראַכט פריידיקע בשורות,
וואָס שטאַמען פון יסורים און פּיין.
טייל איך, טייל איך נאָכאַנאַנד.
וואָס שטראַלט מיט אייביקער מוטערלעכקייט,
וואָס פאַרשפּרייט ארום זיך
די גרויסע ליבע פון דעם,
וואָס באַשאַפט און נערט אַלץ וואָס לעבט.
דו ביסט מיין טרייסט
אין שעה'ען פון נישטיקייט;
אין דיר געפין איך רו,
ווען אַלע כחות פון פאַרטיליקייט האָבן מיך ארומגערינגלט.

פייערן

(אסתר'ן)

דאָס צינדן זיך פון לאָמפּן, פייערן:
אין גאַס, אין הויז, אַף וועגן און אַף טויערן;
דער רויטער שיין פון סאָפּנדע לאָקאָמאָטיוון;
פּראָמעטעוס'עס געשאַנק אין מיטן ים, אַף שיפן —
דאָס אַלץ, דאָס אַלץ, דערמאָנט אַז נאָענט איז
די גאַנצע וועלט אונדז, דער מוראַדיקער ריז.

און ס'טרעפט, אין נעכט, ווען ווינטן בלאָזן
דיר אין הארץ אריין, ווען איינזאַם און פאַרלאָזן
דו גייסט ארום צווישן הויכע טויערן,
און פילסט, ווי ס'לויערן
אַף דיר, פון אַלע עקן,
פון פינצטערניש די שרעקן —
דערזעסטו שטילע פייערן,
מיט אַ בליק אַ ליבן, טייערן,
פינקלען, קליין און גרויס,
אַף דער גאַס, אין הויז —
אין אַלע ווינקלען פון דער נאַכט,
פייער שמייכלט, פייער לאַכט,
פייער טרייבט אַוועק —
שרעק.

אין טעג פון צער און טרויערן,
ווען ס'רינגלען אונדז ארום די פּיין, ווי טויערן,
דאַן ווייזן זיך — ווי אין נעכט דאָס פייער —
געשטאַלטן ווייטע, וואָס ווערן נאָענט, טייער —
און שמייכלען שטיל אין אונזער הארץ אריין
און פאַרטרייבן צער און פּיין.
און ווי עס זוכט דאָס אויג אין פינצטערניש די פייערן,
זוכט ס'הארץ — אין פּיין — אַ בליק, אַ ליבן, טייערן.
און אין אַלע טעג, ווען מישסט צוריק,
וועסטו געפינען אַ שמייכל און אַ וואַרעמען בליק.

אַ מאַמע

נאַכט. אַלץ שלאָפט:ביימער, גראָזן, פייגל.
פייער־פליגן, ווי די פונקן, שוועבן און פאַרשווינדן.
אַ זש.. זש.. זש.. אין דער לופטן,
רו—ו—ו.

שלאָפט דער פאַרמער אָפן גאַניק,
שלאָפן ווייב און קינד אין הויז,
שלאָפט די מאַמע־ערד.
שטי—י—יל

שלאָפט דער אַלטער וואַלד.
אין זיין בודקע שלאָפט דער הונט.
און אין הינער־שטייג
שלאָפט די מאַמע־הון אָף אירע הינדעלאַך,
און די ווייסע קאַץ אָף די טרעפּ — שלאָפט.

נאָר אין שטאַל — צווישן די קי —
שלאָפט נאָך ניט די מאַמע־קו —
און זי מוקעט און זי וויינט,
דורך דער טיר ארוים אין דער נאַכט אריין:
„מו—ו—ו!
הערט מיך אוים:
מ׳האָט מיין קינד מיר צוגענומען.
מו—ו! גיט מיר אָפ מיין קינד...”

אַלץ שלאָפט.
„מו—ו—ו!” הויך און העכער, אַלע זאַלן הערן.
צוגערויבט דאָס ניי־געבאָרן קינד ביי דער מאַמען.

ס׳קלאָגט אַ מאַמע אין דער שטילער נאַכט אריין...

דער מענטש אין מיר

.1

דער מענטש אין מיר געווען איז פאַרחושט,
ווי פריש געלאַנדעט אין אַ פרעמדער וועלט ;
וואו יעדנס פּנים איז פאַרהוילט-פאַרשטעלט,
וואו קאָפּ איז קויל פון בליי און האָר איז גרוי
און מויל איז מויל, וואָס שעלט און שעלט און שעלט.

בין איך ניט דאָ געווען מיט אייך צוגלייך
פון מיין געבוירן אָן ? בין איך אַצינד
דען ניט ווי איר, דאָס זעלבע מענטשן-קינד ?
פאַרוואָס-זשע ציטער איך פון דעם אַרום ?
דער מענטש אין מיר באַהאַלט זיך טיף, פאַרשווינדט.

ווי שערבלעך ליגן הערצער דאָ צעזעצט ;
עס בלאָזט אַ ווינט, וואָס וואַיעט אוים געוויין
און ווייעט אָן געשטאַנק פון מענטשן-ביין.
און טויט טוט טוליען זיך צום זויגלינג שוין,
און לעבן, ווי אין מדבר, בלייבט אַליין.

.2

דער מענטש אין מיר טאַפּט אָן זיין אייגן לייב ;
איך קוק אריין אין שפּיגל פון דער צייט :
דאָס פּרצוף נאָענט איז און דאַך — ווי ווייט...
אָט שפּאַן איך אין אַ טיפער הייל צוריק ,
אָט שפּאַן איך איין משיחס פערד און — רייט.

איך בין דאַך ניט קיין קוילער פון דער ערד.
איך האָב דאַך ליב אַזוי געליבט צו זיין.
כ׳אַנטלויף און היט זיך אוים פון אַנגסט און פּיין.
איך וויל מיט וועלט זיך האַלזן ווי מיט פריינט.
דער מענטש אין מיר האָט ליב געליבט צו זיין.

איז גיי ארום איך איצט ווי ערשט דערוואַכט
און קלאַפּ אין טירן פון דער וועלט און פרעג:
איז מיר באַשערט דערלעבן נייע טעג
אויף ערד, וואו וויסטער טויט האָט אויסגעשפּרייט
פאַר זיך אַן אומגעצאַמטן פרייען וועג?

דער מענטש אין מיר איז וואַך, ווי אַקעאַן
וואָס שטורעמט, ברויזט און לייזט זיך אויף אין שוים;
דער מענטש אין מיר איז ווי אַן אַלטער בוים
געלאָסן, ווען מען נעמט אַראָפּ זיין פרוכט.
דער מענטש אין מיר איז לופטיק ווי אַ טרוים.

די ערד איז מיין און אַלץ וואָס הויזט אויף איר
האָט לאַנג, גאָר לאַנג אויף מיין באַריר געוואַרט.
איך האָב געהאָפט, ווייל כ'בין געווען גענאַרט.
פון וואָלקנס שפּאַרט די זון ארוים און לאַכט.
דער מענטש אין מיר איז גוט, דער מענטש איז צאַרט.

דאס ליד פון שלום

ראשון לציון

צום זין פון מיינע נייע טעג?
ווער איז דער שטער
צו מיין פאַרמער
פון פרייד און פריד?

איך זינג אַ ליד
פון זון און זעט.
ווער ווערט
זיך שטעלן קעגן מיינע שבע ברכות?
די נייע וואָך איז
יום־טוב גאָר.
עס הילכט מיין דור
מיט שפע־שאָל.
עס איז מיין לעבן — קאַרניוואַל.

כ'וויל זיין באַנייער
פון נאָמען מענטש,
און טויזנט וואַסערן
זיך וואַשן, טובלען.
די הענט אומשולדיקע
באַווייזן וועלט.
איך האָב געריניקט זיך,
איך האָב גע'בודק'ט זיך.
איך שאַף און בוי,
איך העלף און בענטש.
מיין נאָמען איז
מענטש.

געקליבענע שריפטן (פראָזע)

ראָמאַנען (קאַפּיטלען)

אנדערש (פון ראָמאַן „אַ ליבע אין בראָנקס״)

דאס געגארטע לאנד (פון ניט־געדרוקטן ראָמאַן „די קאָלאָניע״)

די אַגענטן (פון ראָמאַן „אַ ליבע אין בראָנקס״)

כמארעס איבער לאדזש (פון דער טרילאָגיע „מאָטעק און סאלטשע״, באַנד 1.

מאָרד (פון „מאָטעק און סאלטשע״, באַנד 3)

דער ראָמאַן „די קאָלאָניע", וואָס באַשטייט פון 1300 בוך־זייטן, איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1935 — 1940. מיטן אויסנאַם פון איין קאַפּיטל, וואָס איז דערשינען אין „סיגנאַל", איז ער ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

יידישע ארבעטער פון ניו יאָרק בויען אַ קאָאָפּעראַטיווע וואוינונג־קאָלאָניע, וואָס נעמט אריין איבער זיבן הונדערט פאַמיליעס. די הויפּט־העלדן זיינען די פאַמיליעס און זייערע קינדער.

דער ראָמאַן „אַ ליבע אין בראָנקס" איז געגאַנגען טעגלעך אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון יוני 1957,30 ביז פעברואר 25, 1958. ער האָט ארויסגערופן אַ לעבעדיקע און הייסע דיסקוסיע צווישן לייענער.

„מאָטעק און סאלטשע", די טרילאָגיע, וואָס הייבט זיך אָן אין לאָדזש אין לעצטן יאָרהונדערט און ענדיקט זיך אין ניו יאָרק נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, איז דערשינען אין ניו יאָרק אין 1952. דער ערשטער באַנד איז ארויס אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.

דאס געגארטע לאנד

(פון ראמאן „די קאלאניע")

עס האט געדארפט זיין אַ גרויסער סוד אינאנהייב. מעדאף האט צו זיך אין אפיס אריינגערופן וועלוולען און פארמאכנדיק די טיר, אז די אפיס־מיידל זאל ניט הערן, אים פארטרויט אַז עס איז מעגלעך, אַז היינטיקע וואך זאל זיין זייער ווילכטיקע נייעס. אויב עס זאל זיך איינגעבן, וועט דאס זיין מער ווי וועלוול האט ווען עס איז גע׳חלומ׳ט. עס וועט אויפרודערן די שטאט. עס וועט שטעלן די געזעל־שאפט אף די פיס. נאר דערווייל, — קיין פיפס צו קיינעם ניט וועגן דעם. ער, מעדאף, וואס האט זיך געמאכט פאר זיין אויפגאבע אונטער אלע אומשטענדן צו קריגן דאס וואס וועלוול וויל, ער האט באקומען א וואונק, אז מע וועט עס קאנען באקומען: דאס איינציקע שטיקל פרייע לאנד וואס איז נאך פארבליבן ארום א פארק אין ניו יארק. נאר דערווייל, ביז וואס־ווען, מוז עס זיין א סוד, אזוי אַז די וואס פארמאגן דאס לאנד זאלן זיך ניט קענען אנשטויסן, ווייל אויב מע וועט דערשמעקן אַז דאס וויל קויפן די געזעלשאפט, וועט מען דאס ניט קאנען קריגן פאר קיין געלט. ער, מעדאף, קויפט עס, אויב עס וועט אים נאר געלינגען.

פון דערפארונג האט וועלוול געוואוסט, אז בויער ווילן גארניט האבן צו טאן מיט דער געזעלשאפט. מע האט די ארבעטער־אידעאליסטן ניט געטרויט. מע האט געזאגט צו וועלוולען, ווען ער פלעגט קומען צו א בויער: „פריער באווייזט אז איר האט די נויטיקע סומע, אז איר האט קעש, דאן וועלן מיר האבן אפענע אויערן". עס פלעגט וועלוולען א ברען טאן אין בלוט. פיאוקעס וואס איר זייט. אייך אף צעפיקעניש וועלן מיר אויפבויען ארבעטער־קאלאניעס. איר וועט זיך נאך קומען בעטן בא אונז.

עס איז געווען אין א נאוועמבערדיקן פארנאכט און מעדאף האט זיך מיט זיין אטאמאביל געטראגן צום צפונ׳דיקן טייל פון בראנקס. זיין פאסאזשיר איז געווען וועלוול, וועלכער האט ניט געקענט איינזיצן פון אומגעדולד און זיך געדרייט אף אלע זייטן, ווי ער וואלט וועלן פארשנעלערן די רייזע.

מעדאף האט ווי אף צו להכעיס געשוויגן. א מאדנע שווייגן. געווען פארטיפט אין זיך.

אט זעען זיך שוין קליינע, הילצערנע, פריוואטע הייזקעס. אט ציען זיך ליידיקע מיט הויכע גראזן באוואקסענע פעלדער. די לופט שמעקט דא בעסער — זאגט וועלוול און נעמט זיך אן מיט לופט.

מע פאָרט פאַרביי וואַלד. געדיכטער וואַלד, זאָגט וועלוול. ס'איז דער פּאַרק, אינפאָרמירט מעדאָף. אזוי ווייט? — וואונדערט זיך וועלוול. באַלד, באַלד, ענטפערט מעדאָף. פון ביידע זייטן וואַלד. און אַט גרויסע לאָנקעס, און אַ טייך און די ברעגן הויכע און פעלזיקע. אמתע קאַנטרי, ווערט באַגייסטערט וועלוול. יו סעד איט, איז מסכים מעדאָף. נאָר אַט זעט מען שוין ווידער הייזלעך, רייכע וואוינונגען, פּריוואַטע קאָטעדזשעס. פון איין זייט וואוינונגען, פון דער אַנדערער זייט גערטנער, וואַלד. דאָ מוז רענט זיין אומגעהייער, איז זיכער וועלוול.

אַ גליק וואָס מיר האָבן געקראָגן אַזאַ בחור ווי מעדאָף, טראַכט ביי זיך וועלוול. אָן אים וואָלט געוועזן ביטער. גיי פאַרלאָז זיך אָף די הויט־שינדער, די בויער, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו פאַרהאַנדלען.

די מאַשין גיט זיך אַ דריי אַריין ווידער אין פּאַרק, אַזוי ווי אין אַ וואַלד. דער וועג איז אַ בערגלדיקער. אַט אונטן אין טאָל — אַ גרויסער רויזן־גאָרטן. וואונדערבאַר! באַוואונדערט וועלוול. גלייכע, שיינע בייטן מיט רויזן־שטרייכן, די רויזן האַלטן שוין אין וועלקן. די לעצטע רויז פון זומער, גיט אַ זיפץ פּאָעטיש מעדאָף.

די מאַשין גיט זיך ווידער אַ פאַרקערעווע אין דער מזרח'דיקער ריכטונג. אַ שטויביקער וועג. ווייטער — ליידיקע פעלדער. אַ ניט ברוקירטע גאַס. איין הויז שטייט, ווי אַ ריז צווישן גראָזן אוןביימער.

קעגנאיבערן פּאַרק — ליידיקע פעלדער, נאָר צווישן די פעלדער צו דרום־צו אָן איינגעבויגן איינפאַמיליע הייזל.

— אַט דאָס איז דאָס, — זאָגט שווער מעדאָף.

— וואו? — גלויבט זיך ניט וועלוול.

— אַט די לאַטס קעגנאיבערן פּאַרק. דאָרט צווישן הייזל.

וועלוול קוקט זיך ארום. איבערן פּאַרק איז נאָר־וואָס די זון פאַרגאַנגען. דער הימל איז גרוי, נאָר עס דערמאָנט אים אין אַ לאַנדשאַפט. ס'איז שטיל ארום דאָ. נאָר פון נאָענט הערט זיך דאָס דונערן פון דער פאַרבייפאָרנדיקער איבער־ערדישער סאָבוועי. ארום און ארום ליידיקע פעלדער און דאָך איז עס נאָענט צו אַ סאָבוועי־סטאַנציע. אונטער דער סאָבוועי־בריק קומט אָן פאַראַדנע אַ דינקי־קאַר. אזוי ווי אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל. דער פּאַרק איז ביי דער נאָז. עס טיילט אים אָפּ פון די לאַטס אַ שטויביקער וועג. דער פּאַרק דאָ איז אָפן, ניטאָ אפילו קיין צאַמען. דער הימל איז דאָ גרויס און נאָענט, פון אַלע זייטן. זון מוז דאָ זיין אַ גאַנצן טאָג. הייזער קאָן מען דאָ בויען פאַר טויזנטער, אַזויפיל פּלאַץ איז פאַראַן.

— און אויב עס זאָל זיך איינגעבן, וועל איך די לאַטס קריגן אזוי ביליק, אַז עס וועט זיין דער גרעסטער וואונדער, — גיט צו מעדאָף. איצט דאַרף ער מער ניט אַיינרעדן וועלוולען. ער קאָן זיך פאַרגינען צו שווייגן. דערפאַר רעדט

שוין וועלוול. נאָר וואָס מער ער וויל אויסגעפינען, אַלץ איינגעקשנ׳טער איז אין זיך שוויגן מעדאָף.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די לאָטס דאָ האָבן באלאנגט צו דריי פאַר־שיידענע באַלעבאַטים. מע האָט זיי באדארפט קויפן אזוי אז איינער זאָל ניט וויסן פון אנדערן. דאָס הייזל האָט באלאנגט צו א איטאַליענער, וועלכער האָט זיך דאָ געוואָלט אויסלעבן זיינע יאָרן, ווייט פון שטאָטישן געטומל.

— אז עס וועט שוין האלטן ביי אים, וועלן מיר שוין אויסקומען, — האָט זיך פארגונען א שמייכל צו טאָן מעדאָף.

— מיר דוכט זיך, אז איצט האָבן מיר עס, יאָ דאָס איז דאָס, מעדאָף, — איז געווען איבערצייגט וועלוול. — איך בין שוין גרייט זיך אונטערצושרייבן.

— איך קאָן אין דעם פארדינען שווערע טויזנטער, נאָר איך וועל איך עס פארקויפן כמעט קאָסט פרייז. בין איך א פיינער מאַן ?

— אָבער זייט איר זיכער, אז איר קענט עס באקומען ? — איז געווען אומגעדולדיק וועלוול.

— עס איז מיינס, מר. דאַן. איך האָב היינט געגעבן אַ דעפאָזיט. איך האָב עס געקויפט פאַר זיך, נאָר אויב די געזעלשאַפט וועט עס וועלן, וועל איך עס מקריב זיין, האָט מעדאָף געענטפערט.

פון יענעם מאָמענט אָן האָט וועלוול מער ניט גערוט. אלע כחות וואָס האָבן זיך ביי אים געהאַט אָנגעקליבן פון זיינע קינדער יאָרן אָן, פון דאַן, ווען ער האָט געטרוימט פון קריכן אַף הויכע, הויכע בערג און זיין דער ערשטער אַפן שפּיץ, — האָבן איצט באקומען א תיקון. דעם ערשטן באַזוך האָט ער, נאָטירלעך, אָפּגעשטאַט צו זונ׳ין. פון אים איז ער אַוועק צו ראַבלינען. ער האָט גערופן צו זיך זיין געטרייען אדיוטאַנט זאַלמענען און ער האָט געהאַט מיט זיך זיין איבערגעגעבענע פריינדין יעטע און צוזאמען איז מען אוועק צו די מיטגלידער פון דער קאָמיטע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א פּילגרימשאַפט צום פאַרוואָרפענעם געגנט אין דער וויטער בראָנקס. מע איז געקומען פארשטעלטערהייט, האָט עס געהייסן, ווייל עס האָט געמוזט געהאַלטן ווערן אַ סוד צווישן די מיטגלידער פון דער קאָמיטע. יעדער איז געווען באַגייסטערט פון פלאַץ, נאָר די מערסטע מיטגלידער זיינען ניט געווען באַגייסטערט פון די אַריסזיכטן צו קאָנען בויען דאָ. מע האָט מורא געהאַט פאַר די ריזיקע געלט־מיטלען, וואָס וועלן נויטיק זיין פאַר אזא אונטערנעמונג ; מע האָט זיך געשראָקן אַז אינמיטן וועט די גאַנצע זאַך איינפאַלן ווי אַ קאָרטנ־שטיבל. די פראַגע אַף אלעמענס ליפּן איז געווען : וואו וועט מען נעמען די פאָנדן ?

שלמה ראכלין איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּלאַן. דער פּאַרק איז אַ גרויסע מעלה, אָבער אויך אַ גרויסער חסרון. די מאָסקיטאָס אין זומער וועלן פאַרטרייבן דעם עולם. וואָס וועט מען טאָן, אַז די ראַצן וועלן איבערפילן דאָס הויז און די קאָלאָניע וועט באַקומען אַ שלעכטן נאָמען? וואָס וועט מען טאָן ווען די איינוואוינער וועלן זיך אָנהייבן אַרומרייסן צווישן זיך און די קאָמיטעס וועלן ניט קענען אויסקומען?

נאָר וואָס טרוקענער עס זיינען געווען די אַרגומענטן קעגן, אַלץ ראָזעווער איז געוואָרן דאָס בילד פון דער קאָלאָניע לעבן פּאַרק, אין די אויגן און אין מויל פון וועלוועלן. מיליאָנערן וואוינען ביים פּאַרק. נו, האָבן זיי מורא פאַר מאָסקיטאָס און ראַצן? מיר דאַרפן זיך ניט שרעקן פאַר גרעסערע שונאים. רעוואָלוציאָנערן זיינען מיר און מיר האָבן מורא פאַר אַ פליגעלע? שיין וועלן מיר אויסזען, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דאַרפן געמאַכט ווערן, אויב מיר זיינען אַזעלכע טרוסן איצט. די קאָמיטעס וועלן ניט קענען אויסקומען צווישן זיך? וועט מען זיי אַרויסזעצן אַף אַלע שפּענדלעך.

מיר וועלן האָבן אַ דעמאָקראַטישע פירערשאַפט, ווי ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דער קאָנסטיטוציע. דאָס לעצטע וואָרט וועט געהערן דער מיט־גלידערשאַפט. און פאַרוואָס זאָלן פאַרקומען קריגערייען? אויב מע מיינט נאָר גוט, וועט דער אמת תמיד געווינען. מיר וועלן האָבן זון און ליכט און פרייע הימלען און אַ ריזיקן פּאַרק און מיר וועלן אַליין זיין די באַלעבאָטים איבער אונזערע הייזער, איבער אונזערע קינדער. איבער דעם גייסטיקן לעבן פון דער קאָלאָניע. איז ווער קען זיך שטעלן קעגן דעם? אויב עס וועט אימיצן ניט געפעלן, וועט מען אים צוריקגעבן דאָס געלט און פּטור אַן עסק. עס וועלן זיך געפינען צענדליקער בעלנים, וואָס וועלן פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון דעם וואָס וועט אַרויס.

ווידער טאָג־טעגלעכע מיטינגען פון דער קאָמיטע מיט דער באָרד־דירעק־טאָרן. רעדעס, רעדעס. און ווער עס האָט אַ געשליפענע צונג, דער געווינט דעם עולם. קיינער האָט ניט געהאַט קיין דערפאַרונג אין בויען. אַלע זיינען אַרבעטער: שניידער, הוט־מאַכערס און אויב עס איז דאָ אַ סטאָליער, האָט ער זיך אין אַמעריקע אויסגעלערנט די מלאכה און קען בכלל דאָס מויל ניט עפענען. און דער אינזשינער ראַכלין וואָס פאַרשטייט שוין יאָ עפּעס, איז אָבער צו פּעסימיסטיש און ווען וועלוול שטעלט זיך אַוועק אים ענטפערן, מאַכט ער פון אינזשינער בלאָטע. זוניע שטייט צווישן די צוויי. זיין אויפגאַבע איז געפינען אַ גאָלדענעם מיטן־וועג. די פּרויען מישן זיך ווינציק. מעדאַרף איז געלאָסן, ווען מע ווענדט זיך צו אים. אים גייט, דוכט זיך, דער גאַנצער ענין ווינציק אָן. ער גייט זיך אָן מיט זיינע פאַרהאַנדלונגען אָפּצוקויפן אַלע לאָטס, צי די געזעלשאַפט וועט זיי אָפּקויפן צי

ניט, ארט אים ווינציק־וואָס. אמת, ער דארף געבן קרעדיט וועלוולען פארן פלאַן. עס וואָלט אים ניט איינגעפאַלן צו זוכן לאטס לעבן אַ פּאַרק.

ענדלעך האָט די באַרד אנטגילטיק באשלאָסן אָפּצוקויפן די לאטס און זען אַז מעדאָף זאָל קריגן וואָס מער לאטס פאר דער צוקונפטיקער קאָלאָניע. וועלוול האָט געזיגט. די באַרד האָט אויך באשלאָסן, אַז וועלוול זאָל אָנגעשטעלט ווערן אַלס דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאָלאָניע און פון איצט אָן ווערט ער דער באַצאַלטער, דער ערשטער באַצאָלטער באאמטער פון דער קאָלאָניע. וועלוול האָט געמאַכט א נאריש פנים, ווען ער איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן פארן אמט.

— מיין גאנץ לעבן האָב איך געטרוימט צו קענען דורכפירן מיינע פּלענער און עס זאָל ניט פאלן אַף מיר קיין חשד, אַז איך וויל אַ דזשאָב. כ׳וועל בעסער טאָן די שווערסטע פיזישע ארבעט, וועלכע איך האָב בכלל ליב צו טאָן, איידער ווערן אַ פּאָליטישן. באפרייט מיך, איך בעט אייך, פון דער אומאַנגענעמער לאגע, אין וועלכער איר שטעלט מיך אין איצטיקן וויכטיקן מאָמענט. איך וועל אוועקגעבן מיין יעדע פרייע מינוט. זאָל דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאָלאָניע איבערגיין אין די הענט פון אימיצן אנדערש.

נאָר ער האָט גוט געוואוסט אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדערער פאר דעם אמט און ער וואָלט געוועז דער ערשטער צו באקעמפן יענעם, וואָס וואָלט זיך, לויט זיין באגריף, ניט געפּאַסט צו טאָן די ארבעט. ער האָט אָנגענומען. זיין געהאלט איז געווען אַזוי מעסיק, אַז ער האָט גענומען מיט צען דאָלער אַ וואָך ווינציקער וויפל ער האָט פארדינט אין יענער צייט. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע מיטגלידער פון דער קאָמיטע וואָס האָבן פאַרגעשלאָגן אַז מע זאָל אים צאָלן אַזויפיל וויפל ער פארדינט איצט אַף זיין דזשאָב. נאָר וועלוול איז געווען צופרידן פון דעם קליינעם געהאַלט און ניט געלאָזט אפילו פארפירן קיין דיסקוסיע וועגן דעם. דאָס איז געווען זיין טרייסט. זאָל מען וויסן, אַז ער האָט זיך אין דזשאָב ניט גענויטיקט, אַז ער איז נאָך מקריב צען דאָלער פון זיין אייגענער קעשענע יעדע וואָך.

פון איצט אָן האָט וועלוול געטאָגט און־גענעכטיקט אַף די לאטס, וואָס זיינען געווען פארוואָקסן מיט הויכע ווילדע גראָזן און וואו עס זיינען געשטאַנען פאר־עקשנט, נאָר געמיטלעך ברוינע פעלזן־שטיינער, אַזעלכע שטומע עדות פון כמה יאָרן — אַלץ געזען, אַלץ געהערט, ווילדפליש פון דער ערד זיינען מיר, הימלאָזע יתומים. דאָ זיך א היים געמאַכט.

וועלוול האָט די שטיינער באַטאַפּט, ווי ער וואָלט וועלן וויסן ווי לייכט עס וועט זיין פּטור צו ווערן פון זיי. ער האָט אויך אויסגעריסן אַ פּאָר הויכע גראָזן, געפילט אַז ער מוז עפּעס טאָן, ווען ער קומט אַף די לאטס. דאָס איז געווען זיין אומגעדולד, וואָס האָט זיך געריסן צו זען ווי מע הייבט שוין אָן בויען, ווי די אויסגראָב־

מאַשינען קערן איבער דעם גרונט, ווי עס קומען די סקריפּענדיקע וואַגנס און פירן אוועק הרודעס ערד און מאַכן טיפער דעם גרונט און עס רודערט זיך און עס טוט זיך און דער שוויס גיסט זיך אים פון שטערן און ער מוז זיין אומעטום און זען ווי מען בויערט, בויערט. ווי מע האַלט שוין אין בויען...

מעדאַף איז מיט וועלוולען אריין צום איטאַליענער וואָס האָט זיך געוואוינט אין דעם נידעריקן הייזל צווישן די לאַטס, אזוי ווי אַן אָאזיס אין מדבר. דער איינגעבויגענער, האַלב־גרויער פּיפּקעדיקער אלטער האָט זיי אויסגעהערט, ווי מע באַט אים אַן געלט, א סך געלט אז ער זאָל פארקויפן זיי דעם לאָט. ווי אַ מענטש וואָס איז אויסגעזאָרגט און קאָן דערפאר זיך אויסלאכן פון פארשיידענע אָנבאָטן, האָט ער זיי גוטמוטיק דערקלערט, אז ער גלויבט ניט אז מע וועט ווען־ס׳איז פארבויען דעם ארום. ניט ביי זיין לעבן. דאָ וועט ער זיך אויסלעבן די פּאָר יאָר. ניין, ער טראַכט אפילו ניט צו פארקויפן דעם לאָט, ער האָט קיין מורא ניט פארן טומל וואָס וועט זיך טראָגן איבער זיין קאָפּ. זאָלן זיי, די דזשענטלייט צוריקקומען אין פינף יאָר ארום. אויב מע וועט דאַן בויען, וועט ער רעדן מיט זיי ביזנעס. און פאר זייער מי וויל ער אז זיי זאָלן געניסן פון זיין ווייַן און פארבייסן מיט עכטן איטאַליענישן קעז. די איינלאַדונג איז אָנגענומען געוואָרן, דער זויערער וויין האָט געשמעקט, דער האַרטער קעז האָט געשאַרפט דעם אפּעטיט, נאָר דער אלטער האָט זיך אויסגעלאַכט פון זייערע אָנבאָטן.

— ער וועט בעסער ווערן, ווען ער וועט דערזען די ערשטע אויסגראָב־מאַשינען, — האָט פארזיכערט מעדאַף.

נאָר מעדאַף האָט צופיל געגלויבט אין זיך. דער איטאַליענער האָט זיך פאר די מאַשינען ניט איבערגעשראָקן אפילו דאַן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אָפּענסיווע אויף דער שטיינערנער פעסטונג, די לאָטס פון דער קאָלאָניע.

— עס איז פריילעך אַצינד, — האָט ער געזאָגט, פּיפּקענדיק, — עס דערמאָנט מיך אין מיינע אמאָליקע יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט ביי הייזער, ווען עס זיינען נאָך אַזעלכע מאשינען ניט געווען. עך, ווי גוט עס איז צו זיצן ביים פענסטער און זען ווי מיינע לאַנדסלייט לייגן אריין א שווערן טאָג ארבעט. אמאָל פיל איך ווי אליין ארויסצוגיין און נעמען אַ לאָפּעטע אין האַנט אריין... נו, פארזוכט פון מיין אַלטן וויין און פארבייסט מיט אַ שטיקל קעז, דזשענטללייט.

מעדאַף איז געווען אין כעס. אזא לאָקש! וואָס מיינט ער, וואָס? מע וועט אים מיט גאָלד אָפּגיסן? זאָל מען נאָר אָנהויבן לייגן ציגל, וועט ער בעסער ווערן.

דער סוף איז געווען, אַז דער איטאַליענער איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּלאַן, וואָס איז וועלוולען איינגעפאַלן.

2.

מיליאָנערעריקער פלאַסט פון ערד, פון קווארץ און ליים, עדות פון פאַר־שטיינערטן לעבן, פון אייביקן בייט — אַלץ ווערט פלוצלונג אויפגעטרייסלט און צעשמעטערט. דינאַמיט צערייסט, בויערט דורך די אינגעווייד פון דער ערד.

אפֿן חורבן פון דעם צעריבענעם שטח ערד ווערט אַ ניי לעבן געשאַפֿן. האַרעווען מוסקולירטע אָרעמס, גראָבן אויס א פונדאַמענט. מאַסע־מאַשינען טראָגן שטיין און ליים אוועק מיט אַ געקרעכץ, אויסגעמישט מיט בוי־געזאַנג. אַפּפֿאַל פון פריערדיקער וועלט מאַכט פּלאַץ פאַר געוועט פון צעמענט און ציגל. א סימפאָניע פון ארבעט, א פולסירן פון א יונג הארץ, אָנגעפילט מיט טרוים.

פאַר צוויי ביקסן, צוויי טשייניקעס, צוויי רעק, צוויי הובעלן, צוויי העמדער, איין פעסל קוואַס און זעקס רענדלעך האָט יאָנאס בראָנק אויסגעבארט פון די אינדיאַנער דעם גרויסן שטח לאַנד, וואָס איז היינט די בראָנקס. האָבן נאָך אין יאָר 1640 די אינדיאַנער געמוזט מאַכן פלאַץ פאר די בלייכהויטיקע, ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן פון האָלאַנד און שפּעטער פון ענגלאַנד. האָבן זיך ישובים אָנגעהויבן איינפונדעווען דאָ, האָט דער ווייסער דעם רויטן געטריבן, האָט דער ארבעטגעבער דעם אַרבעטער אונטערגעיאָגט, האָט מענטש פון אַלע ראַסן און שטאַנדן זיך פאַראייניקט אין קאַמף קעגן דער פיר־פיסיקער חיה, קעגן דעם שונא אין וואַלד, קעגן פאַרפלייצונג און טריקעניש, קעגן קעלט און היץ, קעגן הונגער און דורשט.

זיינען פריצים רייך געוואָרן אפֿן שוויס פון זייערע שקלאַפן און דאָס לאַנד באַהערשט און זיך מיטן לאַנד צעטיילט און אפילו פאַרגעסן די גרענעצן פון זייערע חלקים ערד זיך אָנצוצייכענען. זיינען אָנגעקומען אין לאַנד אימיגראַנטן, אויסגעדורשטע נאָך דעם לעבנס־טראָפּן, אויסגעהונגערטע נאָך ברויט און פריי־וואָרט. — אין זון אויסגעקנאָטענע איטאַליענער; שטייפע, קאָרעקטע דייטשן; דעמבענע, רוי־פלײשיקע אירלענדער; פאַר׳דאגה׳טע, מיט דער נשמה פאָכנדיקע יידן. איז דורך זיי געוואָקסן און רייך געוואָרן דאָס לאַנד, האָט זיך צעבליט מיט מענטשן־בליט די בראָנקס, האָט ניו יאָרק באַשטימט אָפּצוגרענעצן א שטיק פון שיינעם שטח לאַנד אין די בראָנקס פאַר אַן עפֿנטלעכן פּאַרק. זיינען די ברעגן פון שמאָלן בראָנקס טייך באַשיצט געוואָרן פון דער מענטשלעכער האַק און די וועלדער און די ווילדע פעלזן האָבן זיך געזעלטערט זאַט און צופרידן.

איז געקומען וועלוול פון קליינעם שטעטל אין פוילן צו קלעטערן אַף די שפּיצן בערג פון בבל־טורעם — אַמעריקע. האָט ער מיטן בעטלערישן פּאַק אַף די פּלייצעס זיך געריסן צו בויען אַ נייע, פון ארבעט־שטאָלצע וועלט, אַ וועלט פון ברידערלעכער הילף און צוזאַמענלעבן. מיט די בלויזע צען פינגער און ערלעכן

קאָפּ דעם שענסטן טייל פון בראָנקס דערגרייכט און פאַר ארבעטער־פאַמיליעס א חלום געוועבט.

האָבן די יורשים פון די פּריצים זיך געבויגן פאַר די וועלוול׳ס, פאַר די מיט שוויס־פאַרדינטע סענטן און זיי האָבן דאָס לאַנד דאָס אָנגערויבטע פאַרקויפט, פאַר זעק מי און אָנגעהאָרעוועטע יאָרן פאַרקויפט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן בויען די ארבעטער קאָלאָניע פון דער קאָ־אָפּעראַטיווער געזעלשאַפט פון יידישע אימיגראַנטן־ארבעטער, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַר זייערע קינדער אַ לעבן פון זונשיין און פרישע לופט.

יעדן טאָג איז האָסטיקער געוואָרן דאָס געקרויש, איז רעש׳יקער געוואָרן דער טעמפּ פון די בויער. האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט ווערן דער טרוים פון טויזנטער ארבעטער. האָט דער גליקלעכער קאָאָפּעראַטאָר, וואָס האָט געהאַט אריינגעלייגט זיינע פאַר הונדערט טאָלער פאַר צימערן אין דער קאָלאָניע, גע־פילט אז די הויפּנס ערד, וואָס ווערן אוועקגעפירט זיינען פון אים באַזיגט געוואָרן און דער צעמענט און ציגל וואָס ווערן געבראַכט זיינען זיין האָב־און־גוטס.

האָבן די קאָנטראַקטאָרס וואָס האָבן איבערגענומען צו בויען די קאָלאָניע געדאַרפט אָנשטעלן בלויז יוניאָן ארבעטער פאַר דער ארבעט. אלץ האָט געמוזט זיין הונדערט פּראָצענט יוניאָניזירט. זאָל ניו יאָרק זען ווי אַזוי ארבעטער בויען זייער וועלט. האָט יעדער צוקונפטיקערשכן געפילט, אַז ער איז דער פּיאָנער פון אַ נייער אָרדנונג וואָס ווערט געבויט קעגנאיבער דעם פּאַרק. מע האָט פאַר־געסן, אז מאַמאָן לאַכט ס׳גרויסע געלעכטער פון די וועלוול׳ס, וואָס ווילן זיך פאַרמעסטן קעגן אים. מע האָט געוויזן אַ צונג וואָל־סטריט און ראָקפעלערן. מע האָט געבויט אַ קאָלאָניע פון ארבעטער און בלויז פאַר ארבעטער.

די ארכיטעקטן האָבן אויסגעארבעט אַ פּראַכטפולן פּלאַן פאַר דעם אויסזען פון די הייזער, נאָר וועלוולען האָט דער פּלאַן ניט געקענט צופרידנשטעלן. אַן ארבעטער קאָלאָניע דאַרף ניט בלויז זיין שענער און רחבות׳דיקער פון די שענסטע הייזער אין ניו יאָרק, נאָר זי דאַרף זיין אינגאַנצן אַנדערש. און דערפאַר האָט וועלוול געהאַלטן פאַר זיין חוב אָנצוואַווייזן די ארכיטעקטן וואָס צו טאָן. זיכער האָבן זיי אים אויסגעלאַכט ווען ער פלעגט ארויפקומען יעדן טאָג און זיך בעטן ביי זיי, אז זיי זאָלן אים אויסלערנען לייענען דעם „בלו־פּרינט״. ער האָט אריינגעשטעקט זיין נאָז אומעטום, זיך איינגעגראָבן מיט די דורשטיקע אויגן און געטייטלט מיט די פיבערהאָפטיקע פינגער. זיי האָבן וועלוולען ניט געקענט, ניט געוואוסט, אַז ער וועט אויספירן און אַזוי שנעל ווי זיי האָבן, כדי זיך אָפּצוטשעפּען פון אים, אים געגעבן צו פאַרשטיין די תורה פון בלו־פּרינט, האָט ער זיי געגעבן עצות וועגן ענדערן די פּלענער פון זייער אַרבעט. זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּ׳חידוש׳ן פון זיין באַהאַווענטקייט אין דעם בלו־פּרינט;

אז מע זאָל אזוי גיך באגרייפן א זאך האָבן זיי דעם ערשטן מאָל געזען.

און ווען זיי האָבן מער ניט געוואָלט דולדן זיין ארײַנמישן זיך אף טריט און שריט, האָט וועלוול זיי געבראַכט אַן אָפּיציעלע פאַראָרדנונג פון דער געזעלשאפט אַז ער, וועלוול, איז באפולמעכטיקט צו זיין דער איינציקער אָפּיציעלער פארטרעטער פון דער געזעלשאפט ביים בויען. און זיי האָבן זיך געמוזט בויגן פאר אים. און ער האָט אָנגעהויבן מאכן קאָרעקציעס אין זייערע פּלענער. יעדער צימער זאָל האָבן וואָס מער זון און ליכט, די פענסטער זאָלן זיין גרעסער, די הויפן זאָל זיין רחבות׳דיקער. צוליב דעם זאָל בלויז פארבויט ווערן 45 פּראָצענט פון לאנד. די הויפן זאָלן זיין אָפענע, ניט קיין פארשלאָסענע און אומעטום אין זיי זאָלן זיין גערטנער און פאָנטאַנען.

פון דער גאנצער שטאָט איז מען געקומען אָנקוקן אפן גרויסן וואונדער, ווי מע בויט אַן ארבעטער פּאַלאַץ ארום דעם פּאַרק. אין דער אַרבעטער פרעסע זיינען דערשינען גרויסע האלב־זייטיקע אַנאָנסן, וואָס האָבן גערופן דעם ארבעטער עולם צו קומען צו דער פייערונג פון לייגן דעם ווינקלשטיין פון דער קאָ־אָפּעראטיווער קאָלאָניע. איבער טויזנט ארבעטער זיינען זיך צוזאמענגעקומען צום היסטאָרישן מאָמענט, וואו אף א פעלז זיינען געשטאַנען די פירער פון דער באוועגונג און דערקלערט פארן עולם די באדייטונג פון דעם יום טוב.

מיט דעם פעטסטן שריפט האָבן די צייטונגען גערופן דעם ארבעטער זיך צו באַזאָרגן מיט אַ נייעם פראכטפולן אפּארטמענט פון 2, 3, אָדער 4 צימערן. דירה געלט בלויז פון 12 טאָלער ביז 13 טאָלער א חודש פאר יעדן צימער און אלע פאַר יאָר וועט די־רה־געלט דאָ ביליקער ווערן. ליכטיקע און לופטיקע צימערן מיט אַלע לעצטע מאָדערנע באקוועמלעכקייטן, טעלעפאָן און ראַדיאָ איינריכטונגען. קאָלעקטיווע וואוינונגען דורך ארבעטער און נאָר פאר ארבעטער.

יעדן פרימאָרגן האָבן די אַנאָנסן געווייצט דעם ארבעטער און איבערהויפט זיין פרוי צו וועלן נעמען אַן אפּארטמענט אין דער קאָלאָניע. די וואָס האָבן קיין געלט ניט געהאַט, האָבן געוואָלט לייען ביי זייערע קרובים.

זונדי איז געוואָרן דער באַצאָלטער פינאַנס סעקרעטאר און ער האָט גענומען דאָס געלט. ארבעטער זיינען געקומען פון אלע טיילן שטאָט מיט די בילס אין די הענט און זיך ממש געבעטן, אז מע זאָל ביי זיי דאָס געלט צונעמען. אין אָפּיס איז געהאָנגען אַ גרויסע מאפּע און יעדער האָט געקענט זען דעם גאנצן פּלאַן. דער וואָס האָט איינגעצאָלט, האָט באַקומען אַ נומער, לויט דעם נומער זיך געקענט אויסקלייבן זיין אַפּאַרטמענט אפן פּלאַן. די פריערדיקע נומערן האָט מען צוגעזאָגט צו רופן פריער און זיי לאָזן אויסקלייבן.

אויך אין עס־זאָל פון קעמפּ איז געהאָנגען אזא פּלאַן און געווייצט דעם אַפּעטיט צו וואוינען אין דער קאָלאָניע. די גליקלעכע דעפּאָזיטאָרס האָבן צור־

גערופן זייערע פריינט און אַנגעוויזן וואו זיי װעלן וואוינען — אף דער מאפּ.

דער ערשטער בלאָק הייזער האָט באַדאַרפט באַשטיין פון טויזנט צימערן פאַר ארום 350 פאמיליעס אָדער א 800 נפשות. אזוי גיך האָט מען פאַרדונגען די צימערן און די אפּארטמענטס, אז מע האָט שוין אָנגעהויבן מאכן פּלענער פארן צווייטן בלאָק הייזער.

אין דער זעלבער צייט וואָס מע האָט אָנגעהויבן בויען די הייזער, האָט זוני פאַרטראַכט א נייעם פּלאַן, וואָס זאָל פינאַנצירן דאָס בויען און אז מע זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע באַנקן נאָך הלוואות. א דאַנק אים איז געגרינדעט געוואָרן א לייי־און־שפּאָר קאַסע, וואָס איר אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין אַ דרייפאַכיקע: ערשטנס, באָרגן צו די, וואָס דינגען אַפּארטמענטס אין דער קאָלאָניע 50 פּראָצענט פון דער סומע וואָס זיי דאַרפן איינצאָלן, אַ סומע פון 80 טויזנט טאָלער איז איינגיכן אויסגעבאָרגט געוואָרן. צווייטנס, צו שאַפן די נויטיקע קאַפּיטאַלן צו פינאַנסירן די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג און דריטנס צו געבן הלוואות צו ארבעטער אָרגאַניזאַציעס אף א קליינעם פּראָצענט.

אין דער ארבעטער-פּרעסע זיינען דערשינען גרויסע אַנאָנסן וואָס האָבן זיך געלייענט:

ארבעטער, האַלט אייער אָפּגעשפּאָרטע געלט
אין דער ערשטער פּראָלעטאַרישער פינאַנץ־אינסטיטוציע
קאָאָפּעראַטיווע ליי און שפּאָר קאַסע

6 פּראָצענט

גאַראַנטירטע דיווידענטן.
געזיכערטע מאָרטגעדזש באָנדס.

די געזעלשאַפט האָט ארויסגעלאָזט באָנדס פאַר אַ פערטל מיליאָן טאָלער, כדי צו קענען אָנגיין מיטן ווייטערדיקן בויען. נאָר הינטער דעם אַלעם איז געשטאַנען מעדאָף, וועלכער האָט אין דער אמת׳ן גוטגעזאָגט פאַר דער געזעלשאַפט אַ סך הלוואות און בכלל געהאָלפן מיט זיינע פּראַקטישע פאָרשלאָגן.

אין אן ארטיקל האָט דער שרייבער אזוי כאַראַקטעריזירט מעדאָוו׳ן:

„. . .מע מוז אָבער זאָגן, אז די אונטערנעמונג פון אויפבויען אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און מאָדערנע איינריכטונגען, וואָס באַטרעפט אַ פּאָר מיליאָן דאָלער, וואָלט זיכער נישט געקאָנט אַזוי גיך פאַר־ווירקלעכט ווערן, ווען צו הילף פון דער געזעלשאַפט וואָלט ניט געקומען איינער פון די אינטערסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן אין אמעריקע, דער מערקווירדיקער מענטש מעדאָף.

„אין די יינגערע יאָרן איז ער געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער אַלטער היים, אין רוסלאַנד און ער איז פּיל מאָל ארעסטירט

געוואָרן. אין אמעריקע איז ער גיך געוואָרן אַ גרויסער געשעפטסמאַן און ער איז אריין אין די ריעל עסטייט ביזנעס, נאָר זיין הארץ איז שטענדיק געווען מיט די ארבעטער, אָדער ווי ער דריקט זיך אויס, „דער פראָלעטאַרישער אָדער לאָזט אים ניט רוען". דורך זיין איבערגעבנקייט און ממשות'דיקער הילף איז מעגלעך צו פארווירקלעכן דעם טרוים, די אויפבויאונג פון דער ערשטער גרויסער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אין אמעריקע".

די ארבעטער פּרעסע האָט געהאַלטן אין איין פויקן וועגן דער אונטער־נעמונג. אירע בעסטע שרייבער האָבן געווידמעט לאַנגע ארטיקלען וועגן בוי פון דער קאָלאָניע, וואָס האָבן זיך געוויינטלעך אָנגעהויבן אומגעפער אזוי:

„עס לויגט זיך צוצופאָרן צום פּארק און אליין זען וואָס דאָרט קומט פאָר. עס לוינט זיך. ס'איז פריי, ס'איז שטיל, ס'איז פול מיט פּארק־גרינקייט. און דאָ לייגט מען א ציגל אף א געביידע וואָס וועט זיך אויסצייכענען דערמיט וואָס די וועט זיין, א. א. ז. וו."

עס זיינען דערשינען ארטיקלען וועגן דער וויכטיקייט פון בויען אַ קאָ־פּעראַטיווע ארבעטער באַנק און אויפרופן אַז מע זאָל ניט לאָזן סקעבן די שווער־פארהאָרעוועטע געלטער אין די קאַפּיטאַליסטישע בענק, נאָר מיטן געלט העלפן בויען קאָאָפּעראַטיוון, אייגענע אונטערנעמונגען.

„אַ קאָאָפּעראַטיוו איז די זיכערסטע אינוועסטמענט און די קאָאָפּעראַטיווע באַנק וואָס נוצט אויס איר געלט אף קאָאָפּעראַטיווער בויאונג, שטייט אף דעם זיכערסטן באָדן".

ניט בלויז האָבן זיך יעדן זונטיק געצויגן שטראָמען ארבעטער פון דער איסט סייד, פון הארלעם צו דעם וויטן טייל בראָנקס, צום פּארק, וועלכן זיי האָבן איצט באזוכט דעם ערשטן מאָל אין זייער לעבן, נאָר מע איז אויך גע־קומען פון אנדערע שטעט געבן אַ קוק אף דער גרויסער געשעעניש, ווי ארבעטער, יידישע ארבעטער, בויען אן אייגענע וואוין־קאָלאָניע, וואו עס וועלן ניט זיין קיין לענדלאָרדס, וואו יעדער איינוואוינער וועט האָבן א דעה, וואו פּשוטע ארבעטער שאַפן אן אונטערנעמונג פון אַ פּאָר מיליאָן דאָלער.

פון אלע גרעסערע שטעט אין אמעריקע, וואו עס איז פאראן אַ גרויסע צאָל יידן, זיינען אָנגעקומען בריוו צו וועלוולען, אַז ער זאָל געבן אינפאָרמאַציע וויאזוי מע קען אין זייערע שטעט בויען אַן ענלעכע אונטערנעמונג. עס איז אויך אָנגעקומען געלט פאר מיטגלידערשאפט אין דער געזעלשאַפט פון אנדערע שטעט, פון מענטשן, וואָס וואוינען אין דער קאָלאָניע האָבן זיי ניט געקאָנט, נאָר געוואָלט האָבן די זכיה פון באלאנגען צו א כלל וואָס טוט אזא היסטאָרישע ארבעט.

וואָס מער די פּרעסע האָט געשריבן וועגן דער אונטערנעמונג, וואָס מער

האָט דאָס לאַנד זיך אָפּגערופן מיט בריוו און בקשות, ביז עס האָבן אָנגעהייבן אָנקומען דעלעגאַציעס פון ארומיקע שטעט אויסגעפינען ווי אזוי דאָס קען געטאָן ווערן אַף זייער באָדן.

עס איז זומער. דער קעמפּ איז געפּאַקט מיט מענטשן. דאָרט ווערן רעק־רוטירט אַלץ נייע אָנהענגער פאַר דער געזעלשאַפט. דער קעמפּ איז דאָך די מאַמע פון דער קאָלאָניע. אזוי פריי ווי עס לעבט זיך אפּן בארג, אזוי גוט וועט אונז זיין אין דער קאָלאָניע, זאָגן די טוער פון דער געזעלשאפט. נאָר די הויפּט־טוער קומען ניט ארויס אהער. ניט וועלוול, ניט זוני האָבן צייט דערפאַר, נאָר זייערע פרויען זיינען דאָ.

דערווייל האָט ד'י צוקונפטיקע קאָלאָניע אין דער בראָנקס אויסגעקוקט ווי אין אַ באַלאַגערונג־צושטאַנד. עס האָט געברענט אונטער די הענט. ארבעטער, באַ־גאָסענע פון שוייס, האָבן אונטער דער צעלאָזענער זון, זיך געבויגן אין דרייען, לייגנדיק ציגל צו ציגל, שטיין צו שטיין, אויך זייערע כחות אריינגעלייגט אין דערמיט. און עס האָט געהאלטן אין איין וואקסן וואנט צו וואנט. עס האָבן געראַוועט די לאסט־הויב־מאַשינען, עס האָבן גערוישט די עקבער־מאָטאָרן, גע־שפּאָלטן די פעלזן־שטיינער, וואָס האָבן געמוזט נאָכגעבן זייער טויזנט־יאָריקע עקשנות און זיך בויגן צום ווילן פון די יידישע שניידער, וואָס האָבן דאָ אַ היים פאַר זיך געבויט. ציגל־טרעגער ארויף און אראָפּ, קאַלך־מישער, סטאָלערס — הילצערנע בריקלעך, סקעלעטן פון ווענט, ריטמישער געקלאַפּ פון האמערס, שמיר פון ליים אַף ציגל, שטויב און רויך, בלאָטעס און געענג, אַ סאָפּן פון האָרעוואַניע, אַ געדריי פון מוסקולן — מע בויט, מע בויט, מע בויט!

און צווישן די בראַזנענע זין פון ארבעט, צווישן די הויפנס ליים און פעסטטונגען פון ציגל, דרייט זיך ארום אַ קליין, קוים־זשיפּענדיק יידעלע און האַלט אַ קורצזיכטיק אויג אַף אַלעם און בייזערט זיך און שילט אַ הייזעריקער און די איטאַליענער צעמענט־מישער און ציגל־לייגער לאכן פון אים און רייצן זיך מיט אים, ווי מיט אַ נאַריש קינד. דאָס איז יאַשקע דער היטער. ער דאַרף זען אַז מע זאָל ניט גנב'ענען, אים האָט די געזעלשאפט פארטרויט דעם פאַראַנט־וואָרטלעכן אמט פון אַ שומר.

קומען אָן קאָאָפּעראַטאָרס אָנקוקן זייער פארמעג, נעמט זיי אויף יאַשקע, פירט זיי ארום, רעדט זיך אויס פאַר יעדן זיין ביטער הארץ, קלאָגט זיך אַף די בוי־ארבעטער, אַז זיי באַראַבעווען די געזעלשאפט.

— איר מיינט, אַז זיי זיינען יוניאָן־לייט, זיינען זיי שוין קלאַסנבאַוואוסט־זיניק, ווי איר און איך? עס הייבט זיך גאָרניט אָן. זיי האָבן די גאַנצע קאָלאָניע טיף אין דער אדמה. אַף אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג וואָלטן זיי ניט גע'פּטר'ט אזויפיל צייט אַף שכור'ן און גאָרניט טאָן, ווי דאָ. איך זאָג אייך, איך זע, דערפאַר

האָבן זיי מיך פיינט. זיי ווילן מיר דער׳הרג׳ענען. לעצטע וואָך איז מיר שיר ניט געפאלן א ציגל אין קאָפּ אריין. עס האָט געהייסן, אז עס איז געווען אַן עק־סידענט, נאָר איך ווייס שוין זייערע שטיק.

— איך זע אַ סך זאַכן, וואָס ווען די קאָאָפּעראַטאָרס וואָלטן וועגן דעם געוואוסט וואָלט זיך אָפּגעטאָן חושך. נאָר מע מוז שווייגן. ס׳איז דאָך א יוניאָן און ניט קיין ריכטיקע פירערשאפט, איז מוז מען זיך די ליפּן אָפּווישן.

— האָט איר ניט דערציילט וועלוולען וועגן דעם? — פרעגט מען אים.

— נו, אז דערציילט איז וואָס? ער קען אזויפיל אויפטאָן ווי איך. ער רעדט צו זיי מיט גוטן, מיט בייזן, זיי לאכן אים אין פּנים אריין. געפעלט דיר ניט, זאָגן זיי, קענסטו אונז אָפּזאָגן. און אז אונז וועט ניט געפעלן, וועלן מיר ארויס אין סטרייק.

— נאָר דאָס פעלט אונז, אַז מע זאָל דאָ סטרייקן, מער וואָלט אונז ניט געפעלט, — זאָגט יאָשקע און בויגט איין דעם געבויגענעם קאָפּ און גיט אַ מאַך מיט דער אויסגעדאַרטער האַנט.

אָט אַזוי איז ער. יאָשקע. שטענדיק אומצופרידן, שטענדיק פאַלט דער הימל אים צו דער ערד. און קומען אהער מענטשן מיט פולע זשמעניעס באגייסטערונג, מיט קלאַפּענדיקע הערצער פון פרייד, באַגעגענט זיי יאָשקע מיט אַ —

— אייך איז גוט, וואָס איר קומט אהער אף א ווייל און איר פארשטייט. איר קוקט טאקע אויס צו זיין א באוואוסטזיניקער מענטש, אָבער ווען איר וואָלט דאָ געדאַרפט זיין א גאנצן טאָג און זען און הערן וואָס איך זע און הער זיך אָן אַ גאַנצן טאָג, וואָלט איר אויך געוואָרן פאַרמיאוסט און פאַרטשמעליעט.

— וואָס ווייסט איר, וואָס פארא מענטשן עס געפינען זיך אין דעם ניו יאָרק?

— ברעכט יאָשקע די אויסגעדארטע, ברוינע הענט, וואָס הייבן שוין אָן קלענער ווערן. — עס קומען אהער פארשיידענע מענטשן וואָס האָבן דאָ זייערע אַפּאַרטמענטס. צווישן זיי זיינען דאָ א סך פיינע מענטשן, וואָס פארשטייען, ווי גרויס, ווי ריזיק איז דאָס וואָס סע בויט זיך דאָ. ס׳איז דאָך א גאנצע מלוכה, וואָס ניט? זיינען אָבער, הערט איר, דאָ מענטשן, וואָס קומען ארויס אהער און זיי באציען זיך צו אלעם, ווי זיי וואָלטן געווען לענדלאָרדס, באלעבאטים. מע דרייט מיט דער נאָז. מע איז שוין אומצופרידן, איידער נאָך וואָס ווען. טראָג זיי אונטער אף א טעלערל די גאנצע געבײדע אין איין טאָג! נו, ווי קען ניט פארדריסן פון אזוינע פארשוינען? איך זאָג אייך אף מיין ערנוואָרט אז דאָס הארץ קען פּלאַצן, צוהערנדיק צו די אלע קריטיקס. צווישן אונז גערעדט, און צווישן מיר און אייך זאָל עס בלייבן, ס׳זיינען דאָ אזעלכע וואָס פּאַסן גאָרניט צו וואוינען דאָ. זיי האָבן זיך אריינגעשלייערט אין אונזער ארבעטער משפּחה, נאָר מיט זייער נשמה, מיט זייער לייב־און־לעבן זיינען זיי קרעמער, הענדלער

און דאָ זיינען זיי געוואָרן גאַנצע שמעלקעס נאָך דערפֿאַר וואָס זיי האָבן געהאַט אַ פּאָר הונדערט טאָלער איינצוזאָלן פֿאַר אַן אַפּאַרטמענט! אַי, וועט מען דאַרפֿן האַלטן אַן אויג אויף זיי, און וועט מען זיי דאַרפֿן איינבערעכן, זיי זאָלן ווערן מענטשן און זיך אויפֿירן ווי באַוואוסטזיניקע אַרבעטער דאַרפֿן זיך אויפֿפֿירן, זאָג איך אייך".

יאַשקע טראָגט אַ פּייפֿל אין האַלז. דאָס איז זיין וואָפֿן. ווען ער וועט פֿייפֿן, וועט דאָס זיין אַ סימן, אַז די וואָס געפֿינען זיך אין דער הילצערנער כאַטע דערלעבן און וואָס איז דער אָפֿיס פֿון וועלוולען וועלן דאַרפֿן אים צוהילף קומען.

ווען די אַרבעטער פֿאַרלאָזן, קומט יאַשקע אַריין צו וועלוולען אין זיין אָפֿיסל און דערציילט אים וואָס ער האָט געזען פֿאַרן טאָג. יעדן טאָג האָט ער נייע קלאָגעס קעגן די אַרבעטער, אַז זיי זאָגן, אַז יוניאָן סקוועער האָט געענוג געלט, דאַרף מען זיך ניט איבעראַרבעטן. יוניאָן סקוועער איז דער אַדרעס פֿון דעם אָפֿיס פֿון דער געזעלשאַפֿט. וועלוול הערט אים אויס, שווייגט, אַמאָל פֿרעגט ער איבער עפּעס, כדי צו זיין אײנגאַנצן זיכער, קוקט ער אַריין אין די קליינע ערלעכע אויגן פֿון וואַטשמאַן, גלויבט וואָס ער זאָגט, פֿאַרשטייט וואָס פֿון זיינע רייד איז וויכטיק און וואָס עס האָט קיין ווערט ניט און געפֿינט שטענדיק טרייסט װערטער פֿאַר יאַשקען און הייסט אים גיין אַהיים זיך אויסרוען. יאַשקע ווייס אויך אַז וועלוול און ער זיינען די אמתע היטער פֿון דער קאָלאָניע, פֿון די אַרבעטערס פֿאַרמעגן און ער טוט וואָס וועלוול הייסט אים. נאָך איידער ער פֿאַרלאָזט, שמעקט ער אַרום דעם פּלאַץ, ווי אַ געטרייער הונט און שטעלט די אויערן אָן און עס לאָזט אים עפּעס ניט אָוועק פֿון דאַנען. דאָס פּלאַץ רוט. גרילן קריצן. דער פּאַרק קעגנאיבער ווערט פֿול מיט סודות און יאַשקע איז צופֿרידן, וואָס ער דאַרף דעם פּאַרק ניט היטן.

3

דעם איטאַליענערס הייזל האָט אָנגעהויבן פֿילן די מאַכט פֿון זיין צוקונפֿטיקן שכן, די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע. עפּעס איז ער, דער אַלטער מיטאַמאָל דער־גאַנגען, פֿון דער בלויזער אַרומיקער לופֿט, ווייזט אויס, אַז מע וועט טאַקע בויען און ניט בלייבן שטעקן אינמיטן, אַז רואיק וועט שוין דאָ אין דער געגנט ניט זיין. איז ער אַרומגעגאַנגען און געבורטשעט, אַז מע מאַכט אַ תל פֿון זיין הייזל, האָט ער געזוכט טרייסט ביי די קאָנטראַקטאָרס, ביי די פֿאָרלייט און ביי די אַרבעטער אויף דער געביידע. אפֿשר וועט פּאַסירן אַ נס. די בויער זיינען דאָך אַרבעטער, וואו נעמט זיך צו זיי אַזויפֿיל געלט? זיי גלויבן דאָך ניט אין געלט, אין קיין רייכטום, טאָ פֿאַרוואָס בויען זיי אַזעלכע שיינע הייזער? אָט דער בחור מיט די רויטע בעקעלעך און „ראַדיקאַלע" ברילן איז דאָס דער גאַנצער מאַכער?

ער האָט קיין געלט ניט, ער ווייס ניט ווער ס'האָט אים געשליירט...

און געזען האָט ער, דער אַלטער, ווי עס הייבט אָן דראָען איבער אים אַ ריז מיט שטיינערנע פּלייצעס, וואָס וועט זיין הייזל מיט אים צוזאַמען איינשלינגען, דערדריקן מיט זיין געוויכט. יעדן טאָג זיינען די רויטע ווענט ארום געוואָרן העכער, ברייטער, פעסטער. און זיין הייזל האָט אָנגעהויבן אויסקוקן קלענער און קלענער, אָנגעהויבן איינשרומפּן און ער אליין האָט דערפילט, אַז ער איז מער ניט דער פרייער מענטש, וואָס פלעג בראָדזשען איבער די ארומיקע פעלדער און זיך פילן ווי דער באַלעבאָס איבערן גאַנצן שטח לאַנד אף דער זייט פּאַרק.

און ווידער זיינען צו אים געקומען די צוויי יידן, דער עלטערער און דער יינגערער, געקומען ווי גוטע באַקאַנטע, זיך געגריסט מיט אים, געזאָגט וויצן וועגן וועטער. האָבן זיי ניט געפילט, אַז זיי טוען אים ווײ, אַז זיי צעשטערן די רו פון זיינע לעצטע פּאָר יאָרן? וואָס ווילן זיי? זיין לאַנד ווילן זיי, זיין בלוט און פלייש. און זיי לאַכן אַזוי אומשולדיק...

ער האָט טאַקע לעצטנס געטראַכט וואָס צו טאָן. זיי וועלן דאָ אויפבויען אַ סך הייזער. נייע צייטן, ווייזט אויס. פּראָספּעריטי אין לאַנד. ס'איז דאָ אַ סך געלט. די בראָנקס ווערט פאַרבויט. וואו וועט ער זיך אהינטאָן, ווען ער וועט זיי געבן דאָס לאַנד? אַ ניי הייזל זיך בויען? ניט פאַר זיינע כחות. אריינקלייבן זיך צו יענעם — דאָס וועט ער ניט טאָן. זיינע קינדער זאָגן, אַז ער וועט מוזן נאָכגעבן, נאָר ער וואַרט אף אַ נס. ער גלויבט זיך ניט, אַז ער זאָל דאַרפן אויפגעבן אַלץ. זיי, די קינדער, אַרט ניט, אַבי מע וועט געבן אַ גוטן פּרייז און דאָס געלט וועט מסתם אינגיכן אריינפאַלן אין זייערע הענט. אייגענע קינדער — און דאָך האָט מען דעם טאַטן ניט אינזינען.

נאָר אָט איז געקומען וועלוול און דערוואַרעמט דאָס הארץ פון אלטן איטאַליענער. ער מיינט זיין טובה וועגן, האָט ער געזאָגט. וואוינען דאָ וועט ער, דער אַלטער, דאָך ניט קענען. דאָ וועט מען באַלד אויפבויען צענדליקער הייזער. דעם גאַנצן פּאַרק־פראָנט, ביז דער נעקסטער סאָבוועי־סטאַנציע פאַרבויען —. טויזנטער מענטשן וועלן דאָ וואוינען, קראָמען וועלן דאָ זיין, טעאַטערס, שפּיל־פּלעצער — אַ נייע שטאָט הייבט זיך דאָ אָן בויען. אָן זיין שטיקל ערד וועט די קאָלאָניע זיך קענען באַגיין, אָבער ער וועט קיין מנוחה ניט האָבן. ער פילט אים מיט, וועלוול. אַ רואיקן ווינקל דאַרף ער האָבן, ניט מער ווי רעכט. איז דערפאַר האָט ער אַן עצה פאַר אים, אַן עצה פון אַ פריינט, ניט פון קיין געשעפטסמאַן. ער, וועלוול איז ניט קיין ביזנעסמאַן. ער האָט ניט ליב ביזנעס. ער איז אַליין אַן ארבעטער, איז ער. ער פאַרשטייט, אַז דאָס הייזל וואָס ער האָט זיך אַליין אויפגעבויט איז אים טייער, ער קען זיך מיט דעם ניט שיידן, איז אָטוואָס: ליידיק פּלאַץ אין דער געגנט איז דאָ גענוג. אמת, ארום פּאַרק וועט מען

איגניכן, א דאנק דער קאָלאָניע, אָנהייבן בויען. נאָר פון יענער זייט סאָבוועי, צו מזרח־צו, ציען זיך לאנגע ליידיקע פעלדער. אים האָט אַ איטאַליענישער קאָנטראַקטאָר געזאָגט, אַז דאָרט וועט מען מיט דער צייט בויען קליינע הייזלעך, קאָטעדזשעס פאר רייכע מענטשן, מסתמא איטאַליענער, וואָס ווילן האָבן ווי פריוואַטקייט און שטילקייט, אָט אזוי ווי ער וויל עס האָבן. איז דערפאר זיין עצה, וועלוול׳ס, אז מיסטער מאריאַני זאָל זיך אריבערקלייבן אהין. נאָר, זאָל ער אים אויסהערן מיט געדולד, דאָרט וועט ער זיך קיין הייזל ניט דארפן בויען, נאָר מע וועט נעמען אָט־דאָס דאָזיקע הייזל אזוי ווי עס גייט־און־שטייט און מע וועט עס אריבערפירן אהין, אז עס זאָל קיין שטויבל ניט פעלן דערפון. הא, קען זיין אַ בעסערער פלאַן? ער, וועלוול, קען גאַראַנטירן פאר דער גאַנצקייט פון דער גאנצער זאך, אויב נאָטירלעך, מיסטער מאריאַני וועט מסכים זיין.

אָנגעצונדן האָבן זיך די אויגן ביים אלטן און ער האָט זיינע געפילן ניט געקענט אויסבאהאלטן פון דעם יידן, וועלכער האָט אים אין פנים אריינגעקוקט און געזען אַלץ. אויך זיין קול האָט אים פאראטן און ארויסגעגעבן זיין האָפנונג־פולקייט. ער האָט זיך אָנגעהויבן פיעשטשען פאַר וועלוולען און מאַכן גרימאַסן און די פינגער אַף זיינע הענט האָבן אָנגעהויבן טאַנצן אין דער לופטן.

— דער דזשענטלמאן איז סמאַרט, הע? דאָס גאנצע הויז אריבערפירן, הע? ער ווייס, ער ווייס, אַז אַזעלכע זאַכן ווערן געטאָן. ער ווייס ניט ווי גוט דאָס גיט זיך איין. אַף זיין אייגן הויז וואָלט ער ניט געוואָלט דאָס אויספּרוּאוון. איז ער גערעכט? און ווידער — ווער ווייס וואָס פאַר אַ געגנט דאָרט איז, פון יענער זייט סאָבוועי. פאַרוואָס האָט איר ניט באַשלאָסן צו בויען אייערע הייזער דאָרט, נאָר איר זייט געקומען צום פאַרק, א? איך בין אויך אזוי קלוג ווי איר. איך האָב אויך ליב דעם פארק, יאָ, יאָ.

געענדיקט האָט זיך מיט דעם, וואָס וועלוול האָט ווידער געטרונקען זיין געשמאַקן ווייַן און געגעסן זיין קיצלדיקן קעז. נאָר דאָסמאָל איז אים דער אלטער נאָכגעגאַנגען און וועלוול האָט אים ארומגעפירט איבער דעם בוי־פלאַץ און, ווי א חשובן גאַסט, אַלץ געוויזן און זיך שטארק צוגעהערט צו מיסטער מאַריאַני„ס פאַרשלאָגן און קריטיק.

און ווען עס איז געקומען דער לאנג־געגארטער טאָג און מע האָט מאריאַניס הייזל פון אָרט גערירט און אַף די קלעצער צו יענער זייט סאָבוועי געפירט, איז דאָס געוועזן אַ גרויס געשעעניש אין גאנצן געגנט. עס איז געטאָן געוואָרן מיט צערעמאָניעס, מיט אַן עולם וואָס איז געקומען קוקן אַפן גרויסן וואונדער. דער עולם איז באַשטאַנען פון א סך צוקונפטיקע קאָאָפּעראַטאָרס, פון די בוי־ארבעטער וואָס האָבן געגעבן עצות ווי אזוי דאָס צו טאָן און פון פרעמדע נייגעריקע.

מיסטער מאריאַני איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן, דאָבלברעסטיקן, אַ ביסל צו לאַנגען פּידזשאַק, אין אַ ווייס העמד, אָן אַ קראַוואַט, אין אַ גרויסן רונדיקן שוואַרצן הוט און קליינע, פּאָלירטע שוואַרצע שיך, וואָס זיינען באַלד באַדעקט געוואָרן מיט אַ דין הייטל גרויען שטויב. כאָטש זייער באַלעבאָס האָט זיך געהיט זיי ניט צו פאַריכטן.

וועלוול איז אַרומגעגאַנגען אַרום אים, ווי אַרום אַ קראַנקן און ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומשמייען אַרום דעם הייזל און אַרום די איבערפירער, צו זען אויב אַלץ איז אין אָרדנונג און איבערהויפּט, צי גייט די אַרבעט אָן אין דער פולער שנעלקייט. ווייל ער האָט געפילט דאָס הייזל ווי אַ יאָך אַף זיינע פּלייצעס און ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער פּטור ווערן דערפון.

די ניעס אַז מע איז ענדלעך אויסגעקומען מיטן איטאַליענער און מען וועט זיך קענען שטעלן בויען אויף יענע זייט, איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ סך פרייד. אין קיין געלט איז איצט קיין מניעה ניט געווען. אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט דער בריישטער האַנט. אמת, עס זיינען געווען אַזעלכע אין דער קאַמיטע וואָס האָט געוואָרנט, אַז ס׳וואָלט געווען געזינטער, ווען מע זאָל זיין שפּאָרעוודיקער אין אַלעם און זיך ניט וואַרפן מיטן געלט, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרן פון די אַרבעטער קעשענעס, מיט די אָפּגעשפּאָרטע פאַרדינסטן פון דער מאַסע.

נאָר שיין וועלן מיר אויסזען, האָט אָנגעוויזן וועלוול, אויב בויענדיק אַ קאָלאָניע וואָס וועט באַטרעפן אין די מיליאָנען, וועלן מיר שפּאָרן אַף הונדערטער דאָלער. די וועלט וועט פאַרלירן דעם צוטרוי אין אונז. מע דאַרף ניט אָפּשרעקן זיך, מע דאַרף וואַגן, אַניט וועט מען קיין זאַך ניט דערגרייכן.

אַנדערש

(פון ראָמאַן: „אַ ליבע אין בראָנקס״)

זינט העיזל איז פאַרגאַנגען אין טראָגן איז צווישן איר און דער מאמען פאָר־געקומען אַ באַדייטנדיקע ענדערונג אין זייערע באַציאונגען. ווען זי האָט זיך אריינגעקליבן אין דער אייגענער דירה האָט העיזל געטראַכט, אַז זי קאָן זיך באַגיין אָן דער מאַמען און זי וועט זיך מיט איר טרעפן ניט צו אָפט. אמת, זי האָט געבענקט נאָך די בראָנקס, נאָך איר גאַס, אפילו נאָך דער קענדי סטאָר. אַלץ איז איר דאָרט געווען אייגן. זי האָט געקענט די מערסטע מענטשן אויפן טראָטואַר און אין סאָבוועי. זי איז געווייניטלעך אריין אין אַ באַשטימטער קאַר, וואָס איז געווען נעענטער צו די טרעפּ פון איר סטאנציע. האָט מען זיך שוין געקענט. ווען זי איז איינמאָל איינגעשלאָפן און זיך ניט אויפגעכאַפּט ביי איר סטאַנציע, האָט אַ פרעמדע פרוי זי אויפגעוועקט. „איז דאָס ניט אייער סטאַנציע״? יאָ, נאָך דעם האָט זי געבענקט. אין דער נייער געגנט איז מען געווען פרעמד.

נאָר צו טאַטע־מאַמע איז זי שוין געווען צופיל צוגעבונדן. זי, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, האָט געוואָלט זיך אָפּרוען פון דער מאַמעס קול, פון טאַטנס מאַנאָטאָנע קליידער און נאָך מאַנאָטאָנערע גענג. אַז זי וועט זיין אַביסל ווייט פון זיי, וועט זי זיי מער ליב האָבן. זי האָט געלאָזט דעם טעלעפאָן אין זייער הויז און זי האָט געצאָלט פאר אים. אויפן טעלעפאָן האָט זי ליב געהאַט צו רעדן מיט זיי און דאָס האָט איינגעשפּאָרט אַ רייזע מיט דער סאָבוועי. דאָס האָט געמיינט, אַז זי וועט געווינען צוויי שעה.

אַנדערש האָט זי אָבער גענומען טראַכטן, ווען זי האָט פארשווענגערט. דאַן האָט יעדע רעגונג אין איר, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער נייער לאַגע אין וועלכער זי איז אריין, זי צוריק דערנעענטערט צו דער מאַמען און אפילו צום טאַטן.

זי האָט געוואוסט, אַז מיט׳ן פאָטער קאָן זי וועגן אַזעלכע זאַכן ניט רעדן, נאָר זיין בליק איז איצט געווען אַזאַ לאַשטשנדיקער, אַזוי אָנגעפילט מיט גוטס־קייט צו איר, כאָטש ער האָט ניט געוואוסט ווי אזוי זיך אויסצודריקן. און דאָס האָט זי געדאַרפט. ליבשאַפט פון ארום, גוטסקייט פון יעדן איינעם. וואָס וואקל־דיקער איר לאַגע איז געוואָרן אַלץ מער איז זי געוואָרן אָפּהענגיק פון טאַטע־מאַמע. און זיי האָבן געוואוסט ווי זי צו באַהאַנדלען. זי איז צוריק געוואָרן דאָס

צאַרטע קינד, וואָס מען האַלט אין איין ציטערן איבער דעם. זיי האָבן געוואויגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט צו איר. ווען זי האָט פאַרלאָזן איז מען איבערגעגאַנגען יעדעס וואָרט וואָס זי האָט געזאָגט, אַנאַליזירט איר יעדע מינע און אריינגע־טייטשט אַ זין אין אירע אומזיניקייטן.

איר פאָטער איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש, זינט ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער טאָכטערס אומשטענדן. עס האָט זיך אים צומאָל אויסגעוויזן, אַז ער וועט ניט דערלעבן צו ווערן אַ זיידע. ער האָט עס אפילו אַמאָל ארויסגעפּלאַפּלט פאַר דער ווייב. זי האָט אויף אים אַנגעשריען ווי אויף אַ קינד וואָס רעדט ארויס אַ מיאוס וואָרט. און דאָך, טיף אין האַרצן, האָט זי אים פארשטאַנען דערפאַר וואָס ערגעץ־וואו האָט זיך ביי איר אויך פאַר'גנב'עט אַזאַ משוגע'נער געדאַנק. צייטנוויז האָט ער זיך אינדערשטיל פלוצלונג צעזונגען ביי דער ארבעט אין שאַפּ און שפּעטער האָט ער צו זיך אַליין געלאַכט. בלויז אין זיין יוגנט און די ערשטע חדשים נאָך דער חתונה זיינער האָט ער געזונגען. ער האַלט ביים ווערן אַ זיידע און ער ווערט צוריק יונג. עס זינגט זיך אים גאָר...

ווען ער האָט מיט ווער עמען צו רעדן, פאַר וועמען זיך אויסצורעדן דאָס האַרץ, דערציילן אַלץ וועגן דער איינציקער טאָכטער, וועגן העיזל'ען...אַמאָל איז ער געווען זאָרגלאָז און פריילעך, האָט ער געהאַט אַ סך גוטע פריינט. נאָר אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה, ווען עס האָבן זיך אַנגעהויבן דאגות פרנסה און דאָס ווייב האָט אַ צייט לאַנג, זעקס יאָר, ניט געקאָנט האָבן קיין קינד, איז אים באַפאַלן אַן אומעט, האָט ער זיך אַנגעהויבן דערווייטערן פון מענטשן, זיך געגומען שעמען פאַר לייט, עס האָט זיך אים נאָר געדאכט, אַז יענער ווייס מער פון אים — פון דאַן אָן האָט ער אַנגעוואָרן אַלע פריינט. אפשר איז זי שולדיק געווען אין דעם, די ווייב זיינע. זי האָט אים כסדר פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז קיין מאַנסביל ניט, אַז ער ווייס ניט ווי צו באַהאַנדלען אַ פרוי, אַז ער דערשלאָגט זיך ניט צו קיין שטענדיקן דזשאָב, און נאָך טענות און טענות. אַזוי ווי ער איז נאָר אין הויז אריין, האָט זי אים געגומען „דעקן", אויסרעדן, זשנוויזן, טאַדלען, מאַכן צו קליין־געלט...

און ער? ער איז ניט געווען קיין קריגער פון דער נאַטור, ניט געקאָנט דאָס קול אויפהייבן צו קיינעם, בפרט נאָך צו אַ ווייב. און ווען העיזל איז גע־באָרן געוואָרן, האָט שרה מיטאַמאָל באַקומען אַזאַ מענה־לשון, ווי זי וואָלט איינגענומען די וועלט. עס איז איר פשוט ניט אַנגעשטאַנען זיך אָפּצוגעבן מיט אים. ביינאַכט איז געוועקט פון שלאָף אויפצופּאַסן אויפן קינד, אַליין האָט זי זיך אָפּגעהיט און ער האָט זיך געוואַקלט פון מידקייט ביי דער ארבעט און ניט געקאָנט נאָכקומען די פאָדערונגען פון שאָפּ...

איצט האָט העיזל פאַר אים געעפנט אַ טיר, וואָס איז געווען פאַרריגלט פאַר

אים אַלע זיינע יאָרן. זינט ער האָט חתונה געהאַט. ער וועט ווערן אַ זיידע. עס וועט אריינשטראָמען פרייד אין מדבר פון זיין לעבן. ער דערקענט ניט ס'ווייב. זי האָט זיך אויך געביטן צו אים. זי באַהאַנדלט אים גאָר ווי אַ מענטש. זי רעדט צו אים מילדער, זאָרגט זיך פאַר אים, ווי גלייך נאָך דער חתונה.

שרה האָט מיטאַמאָל דערפילט איר וויכטיקייט, אַזוי גיך ווי די טאָכטער האָט איר אָנגעזאָגט די גוטע נייעס. די גאַס איז איר אַנטקעגנגעקומען. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַלע גריסן זיך צו איר און אפילו אין די קראָמען, וואו זי קויפט איין —ביים בוטשער, אין גראָסערי, אין פרוכט־קראָם—אומעטום באַציט מען זיך צו איר חשוב'ער. אמת, זי האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און בלויז ארויסגערעדט זיך וועגן דער טאָכטער צו איין שכנ'טע פון בלאָק, און שוין האָט די גאַס געוואוסט דערפון און מען האָט איר אקעגנגעטראָגן אַ שמייכל און מען האָט איר אריינגעקוקט אין די אויגן און מען האָט איר געזאָגט, אַז זי ווערט יינגער און מען שטעלט זי אָפּ אין גאַס און מען פרעגט זיך נאָך אויף דער טאָכטער.

דאָס אַלץ איז געווען די ערשטע פיר חדשים.

חנה און חיים קאַרעצקי האָבן געהאַט לאַנגע שמועסן צווישן זיך זינט זיי האָבן אויסגעפונען, אַז זייער שנור העיזל איז אין אַנדערע אומשטענדן. זיי האָבן געפּרואווט פאַרטרייבן פון זיך די צווייפלען, צי האָט דוד'ל ריכטיק געהאַנדלט, וואָס ער האָט גענומען העיזל'ען. מיט איר גאַנצער שיינקייט און האַרציקייט איז זי אָבער דאָך ניט געווען זייין טיפּ. ניט אַקטיוו געזעלשאַפטלעך, ניט דערוואקסן פּאָליטיש, קומט ניט ארויס פון קיין פאַרשטענדיקער היים און הויפּטזאכלעך — זי אליין האָט ניט געשאַפן פאַר זיך קיין גוטן נאָמען, ביז זי האָט זיך באַקאַנט מיט דודל'ען.

עס האָט גערויערט אַ היבשע צייט, אַז זייערע פריינט און באקאַנטע זאָלן זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז דוד'ל האָט חתונה געהאַט מיט העיזל'ען. חנה האָט אַ סך געליטן דערפון. זי האָט דערקענט אין די בליקן פון מענטשן: „האָט טאַקע אייער בחור גענומען אָט־די העיזל"? עס איז אויסגעקומען, ווי זי וואָלט געדאַרפט זיך פאַר יעדן איינעם אַנטשולדיקן און פאַרענטפערן פאַר איר זון. העיזל האָט קיין גוטן נאָמען ניט געלאָזט אויף דער עוועניו. אפילו חיים האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט צו דער ווייב וועגן דעם.

נאָר ווען העיזל האָט שוין געוואוסט אויף זיכער אַז זי טראָגט, דאַן האָבן חנה און חיים מיטאַמאָל דערפילט, אַז אַלע צווייפלען און חשדים וועגן העיזל'ען מוזן אָפּגעווישט ווערן און פריער פאַר אלעם מוזן זיי ביי זיך אין הארצן שלום מאַכן מיט איר און זי אריינגעמען ווי אַן אייגן קינד.

איצט האָט עס זיי פּערזענלעך אָנגערירט ווי קיינמאָל פריער. דוד'ל וועט ווערן אַ טאַטע. חיים וועט ווערן אַ זיידע, חנה — אַ באָבע. די שמועסן וועגן

דעם זיינען געווען אַנגענעם און חיים האָט געשפּאַסט פון צופרידנקייט. חנה האָט געפילט ווי דאָס בלוט קומט איר אין די באַקן, ווען זי איז ארויס אין גאַס און פארטרויט דעם סוד צו אירער אַ נאָענטער, איז זי שוין פון דאַן אָן געגאַנגען אויף דער עוועניו אין אַן אנדער שטימונג און געוואוסט אַז מען רעדט וועגן איר ווי וועגן אַ צוקונפטיקער באָבען, אַז מען רעדט בכלל וועגן איר און מען איז זי מקנא און מען זאָגט אויף איר, אַז זי האַלט זיך גוט, אַז היינטיקע צייטן קוקן באָבעס אויס ווי מאַמעס, וואָס מענער האָבן נאָך ליב צו קוקן אויף זיי און באַ-שענקען זיי מיט קאָמפּלימענטן פאַר זייער יונגן אויסזען. זי מוז זיך פאַרדינען די גוטע רייד. זי דאַרף טאַקע אויפפּאַסן אויף זיך, זיך אָנטאָן יום־טוב׳דיק געפעלן צו ווערן.

אַז העיזל וועט זיין אַ געטרייע מאַמע, אין דעם איז זי זיכער, חנה. אַז דוד׳ל האָט זי שטאַרק ליב, דאָס ווייס זי; אַז העיזל איז פארקאָכט אין דודל׳ען, — וועגן דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. איר מאַן איז מיט איר אינגאַנצן מסכים.

נאָר ביידע האָבן זיך אויך געאייניקט דערויף, אַז דוד׳ל האָט זיך ניט גע־דאַרפט אַזוי צואיילן, ווען מען פרעגט ביי זיי. נאָך אַלעם, קען ער העיזל׳ען אינטים ערשט אַ קורצע צייט. שטעל זיך איין, געפין אויס איר כאַראַקטער, קוק זיך ארום, ביסט א געזעלשאַפטלעכער טוער, ווייסטו אין וואָס פאַר אַ צייט מען לעבט. זי איז יונג און דו ביסט יונג. ווען זי האָט דאָס קינד אין צוויי יאָר ארום, וואָלט דאָס אימיצן געשאַדט? פארקערט, מען וואָלט בעסער געווען צוגעגרייט פאַר דעם. נאָר פאַרפאַלן. אזוי איז דער היינטיקער דור. פריי, אומאָפּהענגיק. איז אפשר בעסער אַזוי. מען דאַרף זיך פרייען מיט דער גוטער נייעס און זיי לויבן.

ביי זיך אין הארצן האָט חיים שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. ער האָט עס דערציילט פאַר אַ פּאָר פריינט זיינע, וואָס זיינען אַליין לעצטנס געוואָרן זיידעס און זיי האָבן אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און אַנגעקוואָלן פון פרייד פון זייער אייגענעם נחת.

— ברודער, ערשט איצט וועסטו וויסן פון אַ לעבן!

— פון קינדער האָט מען קאָלטס און ווארעמס, נאָר פון אַן אייניקל האָט מען בלויז נחת.

נאָך מער האָט חנה געשעפּט גוטע וואונטשן און פרייד אין איר קרייז פון באַקאַנטע. עס האָט זיך פאַר איר געעפנט אַ נייע וועלט, די באָבע־וועלט. זי האָט באַגעגענט די באָבעס אין איר קרייז מיט אַ באַזונדער אינטערעס. איבערהויפּט די נייע באָבעס. מיט אַ פּאָר פון זיי האָט זי פריער ניט געהאַט קיין געמיינשאַפט־לעכעס. איצט איז מען פשוט געוואָרן נאָענטע פריינט צוליב דעם. זי האָט גע־לערנט פּראַקטישע עצות, זי האָט זיך אָנגעהערט מיט חכמות פון די אייניקלעך

און מעשות וועגן די נייע מאַמעס. זי האָט קיינמאָל ניט געוואוסט אַזויפיל וועגן מאָדערנע מיטלען, וואָס זיינען גענוצט געוואָרן וועגן מוטערשאַפט און ווי אויפצו־פּאַסן אויף די עופעלעך. אירע צוויי קינדער זיינען געקומען אויף דער וועלט אָן ביכער, אָן לעקציעס, אָן צייטונג־אַרטיקלען.

זי האָט ניט געקענט די גאַס דורכגיין אַ זונטיק אינדערפרי, אַז מען זאָל זי ניט אָפּשטעלן און וועלן אויסגעפינען, ווי עס האַלט און ווי העיזל פילט און ווי זי אליין(חנה) פילט. עס איז געווען פריילעך, ווי ניט די שנור וואָלט דורכ־געמאַכט אַ גרויסע געשעעניש, נאָר ווי זי אַליין, חנה, וואָלט געדאַרפט דורכמאַכן אַ גרויסע ענדערונג אין איר אייגן לעבן.

העיזל׳ס לאַגע האָט דערנעענטערט ביידע צוקונפטיקע באָבעס. פאַר חנה׳ן און שרה׳ן איז דאָס געווען די ערשטע דערפאַרונג. זיי האָבן זיך איצט אָפטער געזען, אָפטער טעלעפאָנירט איינע צו די אַנדערע און די מחיצה צווישן זיי איז פאַרשמעלערט געוואָרן.

— איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז מיין בעיבי — זי איז דאָך נאָך באמת אַ בעיבי — זאָל ווערן אַ מאַמע — האָט שרה זיך אויסגערעדט פאַר חנה׳ן.

— און ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען ווען איך האָב דודל׳ען ניט גע־לאָזט אליין שלאָפן אין הויז? ער איז שוין געווען אַ בחור פון צוועלף יאָר און חיים און איך זיינען געווען ביי א מיטינג און הערשל איז ניט געווען אינדערהיים, האָב איך ניט געקאָנט איינזיצן און געזאָגט צו מיין מאַן: „דודל שלאָפט איינער אליין אין הויז. ער איז דאָך נאָך אַ קינד". אַזוי ווי עס וואָלט היינט געשען. דודל אַ טאַטע... אַז ער איז געווען אין קאָרייע, כאָטש ס׳איז שוין געווען נאָך דער מלחמה, האָב איך זיך ניט איינמאָל אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט און גע־טראַכט וועגן אים און געוואָלט זיין מיט אים אין עק וועלט און זיך געזאָרגט, צי ער האָט אַ גוט געלעגער... ניט געזאָרגט, אַלץ וועט זיין ווי געוואונטשן.

ביידע צוקונפטיקע באָבעס האָבן געמאַכט פּראַקטישע פּלענער וועגן דעם ווי אויפצופּאַסן אויפ׳ן אייניקל. מען האָט זיך א ביסל געשפּאַרט וועגן דעם צי עס וועט זיין אַ יינגל אָדער אַ מיידל.

— איך האָב צוויי זין, וויל איך האָבן א מיידל אַן אייניקל.

— מיין העיזל איז געווען אַזאַ שיינע בעיבי אַז מענטשן האָבן זיך אָפּ־געשטעלט קוקן אויף איר. נאָר פון א מיידל האָט מען גענוג אויסצושטיין. איך וואָלט וועלן זי זאָל האָבן אַ יינגל. אַ יינגל איז זעלבסטשטענדיק. אַ יינגל ווערט א מאַן. אַ מיידל בלייבט אַן אייביקע צרה.

חנה האָט געוואוסט אַז שרה איז אַן אָפּגעשטאַנענער מענטש און עס איז צו שפּעט זי אויפצוקלערן. מיט אַן אַנדערער וואָלט זי זיך אויסגעט׳טענה׳עט, נאָר שרה׳ן האָט זי געלאָזט צורו. שרה האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי וועט ארויס

אויף דער עוועניו מיטן קינדער־וועגעלע, ווען העיזל וועט קומען צו איר צוגאַסט. עס האָט איר באַנג געטאָן, וואָס העיזל וואָוינט ניט אין איר געגנט. העיזל׳ס חבר׳טעס וועלן ארויס פון דער קענדי סטאָר און זי ארומרינגלען. וועגן קיינעם וועט מען ניט רעדן אַזויפיל וועגן העיזל׳ען און איר בעיבי.

אויך חנה האָט געטראַכט וועגן דעם ווי אזוי זי וועט אויסזען אַלס אַ באָבע. זי וועט זיך אין אָנהייב שעמען צו פירן אַ בעיבי־קערידזש, נאָר זי וועט בייקומען אין זיך די שוואַכקייט און וועט ווערן שטאָלץ מיט דעם. זי איז זיכער, אַז חיים וועט זיך אָפּזאָגן צו שטופּן אַ קינדער־וועגעלע. זי האָט זיך שוין גע־רייצט מיט אים און ער האָט געזאָגט: „דאָס וועט זיין דיין דזשאַב״.

ווען מען האָט אָנגעזאָגט די ניט־גוטע נייעס וועגן דעם, אַז העיזל׳ס דאָקטאָר איז באַזאָרגט, האָבן די קאָרעצקיס און די לוריעס אָראָפּגעלאָזט די קעפּ. זיי האָבן געטראַכט וועגן דער זעלבער זאַך, נאָר עס האָט געווירקט אויף זיי פארשיידן.

חנה האָט אין שטילע טענער דערציילט איר מאַן וואָס מען קען דערוואַרטן. חיים האָט געקוקט אויף איר, ווען זי האָט גערעדט און אין איר פּנים געזוכט אַ טרייסט. אים זיינען אויפן געדאַנק ארויפגעקומען ניט קיין גינסטיקע פּאסירונ־גען וועגן וועלכע ער האָט אָפט געהערט אין פארבינדונג מיט גיין צו קינד. וואָס וויניקער חנה וועט אים דערציילן וועגן די איינצלהייטן, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאר אים.

חנה האָט גאָר אַ סך געוואוסט וועגן אַזעלכע זאַכן אַצינד. זי האָט זיך לעצטנס געהאַט אינטערעסירט און געהערט מער ווי זי האָט געוואָלט הערן. זי האָט געטראַכט מער וועגן דוד׳לען. ער האָט איר כאַראַקטער, נאָר ער קאָן ווערן דערשלאָגן ווי הערשל, מען וועט אים דארפן כסדר מונטערן.

ווען שרה האָט דערציילט איר מאַן וועגן די צרות וואָס דערוואַרטן זייער טאָכטער, האָט זי געוואוסט אז ביים מאַן וועט זי קיין טרייסט ניט באַקומען. ער האָט אויסגעהערט, אָפּגעזיפצט און פון דאַן אָן געשוויגן און ארומגעגאַנגען אַ באַטריבטער.

שרה האָט זיך געמאַכט הארץ. זי איז געוואוינט געווען אַז מיט איר העיזל׳ען זאָל זי האָבן צרות, נאָר זי האָט געגלויבט אַז אַלץ וועט דורך בשלום. זי האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן דעם געדאַנק, אַז העיזל וועט ניט אויסטראָגן אַ קינד. זי האָט גיך צונויפגענומען אַ סך פאַקטן וועגן דעם וואָס די גאַס האָט איר אונטערגעטראָגן און אַלץ האָט געוויזן, אַז עס ענדיקט זיך גוט. העיזל וועט איר שטעטל באַשטיין. העיזל האָט שטענדיק געהאַט מזל.

ווען העיזל איז געקומען אַצינד צו דער מאַמען האָט זי געוואָלט אויסדרוקן פון סימפּאַטיע אין איר צושטאַנד. די מאַמע, האָט זי באַשלאָסן, איז קיינמאָל ניט געווען איבערגעלאָדן מיט אויסדרוקן פון ווארעמקייט צו איר אָדער צום

מאַן, אָדער צו אימיצן אַנדערש. איצט האָט די מאַמע געפּרואווט אויסגעפינען ביי איר אַלע איינצלהייטן און איר דערמוטיקט אַז עס וועט דורכגיין בשלום, דאָס האָט העיזל געדאַרפט פון דער מאַמען.

איר פאָטער האָט, ווי שטענדיק, געשוויגן. העיזל האָט געוואוסט אַז ער ליידט. זי האָט גראַד געפּרואווט אים ארייַנברייַנגען אין אַ גוטער שטימונג. זי איז צוגעגאַנגען צו אים, פאַרקאָמט זיינע האָר, פאַרריכט זיין שניפּס און אים געקוועטשט די לאַנגע נאָז, ווי זי פלעגט עס טאָן ווען זי איז געווען אַ קינד. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט.

די אַגענטן

(פון ראָמאַן: „אַ ליבע אין בראָנקס״)

דאָס מאָל האָט דודל אויפגענומען דעם ענין ווי אַ געוויינלעכע דערוואַרטע פּאַסירונג און צום ערשטן מאָל האָט ער געהאַט צייט, געדולד און אינטערעס אָפּצומעסטן דאָס אויסזען און איינדרוק פון די אַגענטן. קעסידי און האַינס זיינען געזעסן אין אַ פּאָזיציע איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן, אַזוי אַז דוד׳ל זאָל דאַרפן זיצן צווישן זיי. קעסידי זאָל קאָנען קוקן דוד׳לען גלייך אין פּנים אַריין און האַינס זאָל זיצן אַ ביסל הינטער דודל׳ען און שטודירן זיין פּראָפיל.

קעסידי האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים, געדאַרפט אַלט זיין אַ יאָר פערציק. ער איז געווען העכער פון האַינס׳ן און דאַרער, נאָר זיין האַלדז איז געווען דיק און ברייט. זיינע קליינע גרינלעכע אויגן זיינען געווען ווי צוגעפּאַסט צו זיין דינער לאַנגער נאָז און קורץ־געשאָרענע ברוינלעכע האָר. זיינע ליפּן זיינען געווען דין און ברוינלעך־טרוקן. זיין געמבע איז געווען קליין און מיט אַ חן־גריבעלע. די הענט באַוואַקסן מיט טונקעלע האָר, וואָס האָבן געלאָזט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געווען ניט דערוואַשן. דער אָנצוג אויף אים, ווי נאָר־וואָס אויסגעפּרעסט און גערייניקט, ברוין קאָליר מיט דינע, שוואַרצע פעדים. דער שניפּס טונקל־ברוין און צוגעפּאַסט צום אָנצוג, אויך ווי נאָר־וואָס פון קראָם אַרויסגענומען.

האַינס איז געווען כמעט קליין־געוואַקסן נאָר פעסט געבויט, אַטלעטיש. זיין פּנים איז געווען אָן וועלכן ס׳איז אויסדרוק, נאָר די ברעמען האָבן פאַרנומען דעם אָנגעזועענסטן פּלאַץ. זיי זיינען געווען געדיכט באַוואַקסן און ברוין, כאָטש די האָר זיינען געווען פון אַ זאַמד קאָליר. אַ זעלבסט־צופרידנקייט האָט געאָטעמט פון האַינס׳ן. דאָס פּנים רונדיק, די אויגן שאַרף נאָר ווי פאַרנעפּלט, שווער געווען צו וויסן זייער קאָליר; די נאָז פליישיק, קורץ, ברייטע נאָז־לעכער און גראָבלעכע הויכע ליפּן און א ברייטע לענגלעכע געמבע וואָס איז ניט געווען אין פּראָפּאָרציע צו זיין קליין פּנים. ער איז ניט געווען אַזוי נעט געקליידט ווי קעסידי. דער גרויער אָנצוג איז געהאנגען א ביסל נאכלעסיק אויף זיינע ברייטע פּלייצעס און זיין פּאָלקאַ־שניפּס אויפ׳ן ווייסן העמד האָט געמאַכט אָנזעעוודיקער זיין פול־געפּאַקטן ברוסט־קאַסטן.

— אַט זיינען מיר ווידער דאָ, מר. קאַרעצקי — האָט אָנגעהויבן קעסידי. דאָס־מאָל איז זיין קול געווען אַן ווייכקייט, אַן דעם דזשענטעלמענישן טאָן, וואָס איז געווען קענטיק ביז איצט.

— איך באַדויער, און מיין מיטארבעטער מר. האַינס באַדויערט, וואָס מיר דארפן פארנעמען אייער צייט, נאָר אויך אונזער צייט, די צייט פון רעגירונגס־אָנגעשטעלטע, איז טייער און מיר פארהאָפן אַז איר וועט אונז היינט ארויס־העלפן שליכטן דעם ענין, אזוי אַז מיר וועלן קאָנען געבן אַ באריכט וועגן אייך, האָבנדיק אין זינען, אַז איר נעמט באַלד די עקזאַמענס און אייער פירמע וויל האָבן אַן ענטפער וועגן אייער קוואַליפיקאַציע פארן העכערן אַמט. אין קורצן, מר. קאַרעצקי, ווילן מיר פון אייך אַן ענטפער אויף אַ צאָל פראגעס, וואָס איך וועל אייך שטעלן. מיר קאָנען דאָס טאָן אין זייער אַ קורצער צייט.

און נאָך איידער דוד׳ל האָט געוואָלט עפענען זיין מויל און ארויסזאָגן אַ וואָרט, האָט קעסידי, ניט אריינקוקנדיק אין זיינע בלעטער, אַ שאָס געטאָן מיט איין פראגע נאָך דער אַנדערער:

— מר. קאַרעצקי, איז דאָס ניט אַ פאַקט, אַז איר האָט זיך יאָרנלאַנג גע׳חבר׳ט מיט אַ מאָריס לעווען, וועלכן מען האָט אין אייער געגנט טגערופן מויש און אַז אַט־דער מויש האָט באַלאָנגט צו דער קאָמוניסטישער יוגנט־ליגע? איז דאָס ניט אַ פאַקט, אַז איר האָט אין קאַלעדזש אָפט פארבראַכט מיט מיס לינאַ דוברואָוו און אַז איר זייט ביידע געגאַנגען זען דאָס סאָוועטישע בילד „אַלעק־סאַנדער נעווסקי״? איז דאָס ניט אַ פאַקט, אַז אי אייער פאָטער, אי אייער מוטער זיינען ביידע געווען טעטיק אין דער סאַקאָ וואַנזעטי קעיס, כאָטש איר קאָנט דאָס, נאַטירלעך, ניט געדענקען, נאָר איר אַליין האָט זיך ניט איינמאָל ארויסגעזאָגט, אַז די צוויי אַנאַרכיסטן זיינען לעגאַל דערמאָרדעט געוואָרן?״

קעסידי האָט די פראגעס ארויסגעזאָגט מיט אַ שנעלקייט און אימפּעטיקייט. זיין פּנים איז געוואָרן אינטענסיוו און האַינס האָט שוויגנדיקערהייט זיך צו־גערוקט נעענטער צו דוד׳ל׳ען, ווי ער וואָלט וועלן העלפן ארויסקוועטשן פון אים די ענטפערס.

דוד׳ל האָט זיך נאָך יעדער פראַגע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אַן אַ פויזע, אַלץ מער דערפילט פארלייכטערט, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים צעשמייכלען זיך און אפילו ביים צעלאַכן זיך. אין געדאַנק האָט אים עפּעס אַ פליגעלע גע־קיצלט...

„אַט־די איצטיקע פראגעס זיינען דאָך נאָך מער נאַרישער ווי די פריער־דיקע״, האָט ער צו זיך געזאָגט. אין כעס ווערן קאָן מען דאָך ניט פון זיי, ווי מען זאָל ניט וועלן...

און נאָך איידער ער האָט געהאַט א מעגלעכקייט עפּעס צו זאָגן, האָט

האינס געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט וועלן אָפּשטעלן קעסידי׳ן און מיט אַ באַסאָווער שטימע, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטפּלעקן עפּעס זייער וויכטיקס, אָנגעהויבן:

— מר. קעסידי, דאָס ברייינגט מיך ארויף אויף נאָך אַ פּאָר פראַגעס, וואָס איך וואָלט וועלן, אַז מר. קאָרעצקי זאָל ענטפערן יאָ אָדער ניין... מר. קאָרעצקי, גלויבט איר אין דער שטיצונג פון דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאַטן דורך גוואַלד־מיטלען? גלויבט איר אַז אַמעריקע דאַרף רעגירט ווערן דורך סאָוועטן? גלויבט איר אין דער אמעריקאַנער פאָרם פון דעמאָקראַטיע? גלויבט איר אין דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע? אָדער אין —

דוד׳ל האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן און זיין פנים האָט זיך ברייט צעשמייכלט. ער האָט פאנאנדערגעשפּרייט די הענט, זיך אַ שאָקל געטאָן און זיך ווי געבעטן:

— איין מינוט, דזשענטללייט, איך האָב זיך אַלץ גערעכט, אַז אייערע פראַגעס האָבן אַ שייכות צו מיין ארבעט אין דער פירמע. דערוויייל האָב איך גאָרניט געהערט וועגן דעם. נאָר מיט צופרידנקייט וועל איך ענטפערן אויף אַ פּאָר פראַגעס, וואָס זיינען געזעצלעך און וואָס עס איז אַ פאַרגעניגן צו קאָנען ענטפערן. איך גלויב מיט׳ן גאַנצן הארצן אין דער אַמעריקאַנער פאָרם פון רעגירונג און ניט אין קיין אנדער פאָרם. איך וועל צו יעדער צייט זיין גרייט אָוועקצוגעבן מיין לעבן קעגן די וואָס ווילן צעשטערן אונזער רעגירונג. איך וועל קעמפן מיט בלוט פאר דער קאָנסטיטוציע פון די פאראייניקטע שטאַטן וועלכע, פארהאַף איך, וועט מיך אויך באַשיצן אין איצטיקן מאָמענט, ווען איך נויטיק זיך אין איר באַשיץ, צוליב דער לאַגע אין וועלכער איך געפין זיך היינט־צו־טאָג...

דוד׳ל איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיין פנים איז געוואָרן ערנסט און אָנגעצויגן.

— און וואָס איז וועגן די פראַגעס, וואָס איך האָב אייך געשטעלט? — האָט מיט שטייפקייט אין קול געפרעגט קעסידי.

— אייערע פראַגעס, מר. קעסידי, זיינען ניט געזעצלעך, זיינען קעגן די רעכט וואָס אונזער קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט יעדן בירגער און איך האַלט עס פאר מיין חוב ווי א גוטער אמעריקאַנער צו פּראָטעסטירן קעגן זיי און אלס פּראָטעסט זאָג איך זיך אָפּ זיי צו ענטפערן. איך דערוואַרט נאָך אַלץ, אַז איר זאָלט מיך פרעגן עפּעס וואָס רירט אָן מיין ארבעט אין דער פירמע.

— קענט איר מאָריס לעווין? מויש? יאָ, אָדער ניין?

— מר. קעסידי, איר האָט געהערט מיין שטעלונג צו אַזעלכע פראַגעס. זיי באַצוועקן בלויז צו באַליידיקן מיין אינטעליגענץ. זיי זיינע [באַ]זות אַ פארלעצונג פון דער אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און לעבנדיק אין אַ דעמאָקראַטיע, וויל

איך פאַרטיידיקן אירע פּרינציפּן. אייערע פּראָגעס, מיט מיין רעספּעקט צו אייך פּערזענלעך, זיינען אַ באַליידיקונג, זאָג איך נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

— איר ווייסט וואָס איר טוט, מר. קאַרעצקי? האָט איר אין זינען אייער פרוי און אייער בעיבי? איר זייט אַ יונגער מענטש, איר ווילט זיך איינאָרדענען אין לעבן. אויב איר זייט אומשולדיק, האָט איר ניט וואָס צו באַהאַלטן זיך הינטער פּראָזן וואָס מען הערט געוויינלעך בלויז פון ראַדיקאַלן. איר טוט זיך ניט קיין טובה מיט אייער אָפּזאָגן זיך צו ענטפערן אויף אונזערע פראַגעס —

— מר. קעסידי, איך האָב געענטפערט אויף פראַגעס וואָס זיינען מענטשלעך און אינטעליגענט.

— הייסט עס, מר. קאַרעצקי, אַז איר זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאָריש צו ענטפערן אויף מיינע פראַגעס, ניט־געקוקט וואָס איר ווייסט די קאָנסעקווענצן פון אַזאַ אָפּזאָגן זיך?

— מר. קעסידי, אייערע סטראַשונקעס וועלן מיך ניט אָפּשרעקן, ווי איר וועט מיך ניט אינטימידירן דורך טעלעפאָנירן מיר אין הויז אַריין אָדער קלינגען מיין טיר־גלעקל. דאָס זיינען ניט קיין אַמעריקאַנער מעטאָדן, איר ווייסט דאָס. וואָלט איר באמת געהאַט עפּעס קעגן מיין אויפפירן זיך אַלס אַן אַמעריקאַנער, וואָלט איר ניט געדאַרפט אָנקומען צו אַזעלכע מיטלען. איר צווינגט מיך זיך צו ווענדן צו אַן אַדוואָקאַט און אָננעמען געזעצלעכע מיטלען צו באַשיצן זיך פון אייערע באַלעסטיקונגען.

— אויב אַזוי, אויב איר זאָגט זיך אָפּ צו קאָאָפּערירן מיט אונז, וועלן מיר האַנדלען ווי די פאַקטן וועלן דאָס פאָדערן פון אונז. מיר טשעפּען זיך ניט צו מענטשן גלאַט אין דער וועלט אַריין. ווייזט אויס, אַז איר פילט זיך שולדיק און איר באַהאַלט זיך אויס. מיר האָבן אייך געגעבן אַ געלעגנהייט זיך צו פאַרטיידיקן דורך ענטפערן אויף אונזערע פראַגעס. מיר וועלן אייך געבן נאָך אַ ביסל צייט צו באַטראַכטן זיך. מיר וועלן זיין צו אייער דינסט, ווען איר וועט אונז רופן. מיר באַדויערן וואָס מיר האָבן צוגענומען אַזויפיל צייט פון אייך. דער באָס וועט אונז און אייך פאַרגעבן.

דאָסמאָל האָבן זיי אים ניט דערלאַנגט די הענט, זיך ניט אויפגעשטעלט. דוד׳ל איז אַרויס מיט שנעלע טריט פון אָפיס, ניט געזעגענענדיק זיך מיט זיי, אַרויס כמעט מיט אַ מינע פון פאַראַכטונג.

ווען דוד׳ל האָט געהאַלטן ביים אהיימגיין און געבעטן אַרטור׳ן, אַז ער זאָל זיך טרעפן מיט אים אין שענקל, איז אים קינגמאַן אַנטקעגנגעקומען און געבעטן אַריינגיין מיט אים אין אָפיס. דאָרט האָט געוואַרט אויף זיי פעק. מען האָט דודלען ניט געבעטן זיצן. פעק האָט זיך אויפגעשטעלט פון בענקל און זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן ברעג טיש און גלייך אָנגעהויבן רעדן צו דוד׳ל׳ען:

— מר. קאַרעצקי, דאָס איז מער ניט קאָמיש, אַט די געשיכטע מיט די דזשענטללייט פון דער עף. בי. איי. דענקט איר ניט אַזוי, מר. קינגמאַן? מיר קאָנען ניט געשטערט ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז אונזערס אַ „לאַב"-ארבעטער זאָל אין מיטן אַן עקספּערימענט אַרויסגערופן ווערן און אויסגעפרעגט ווערן אַ לענגערע צייט. ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס קאָן אַזוי אָנגיין. זיי האָבן צייט און געלט. די רעגירונג האָט גענוג צייט און געלט, נאָר אונזער פירמע מוז ווייזן אַ ביישפּיל קעגן אַזעלכע שטערונגען.

דאָ האָט זיך אריינגעמישט קינגמאַן:

— טאַקע, פאַרוואָס זאָלט איר ניט קאָאָפּערירן מיט זיי?

— איר פאַרשטייט דאָך, — האָט אָנגעהויבן פּעק זייער אין אַן ערנסטן טאָן, —אַז ס'איז ניט פאַר אונז דאָ צו באַשטימען וועלכע פראַגעס, וואָס די דזשענטל־לייט פרעגן אייך, אָדער אימיצן אַנדערש — מאָרגן קאָן דאָס זיין מיך — זיינען יאָ אָדער ניט געזעצלעך. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ רעגירונגס־קערפערשאַפט און — אָדער מען קאָאָפּערירט מיט איר, אָדער מען דאַרף ליידן די קאָנ־סעקווענצן, מר. קאַרעצקי. דענקט איר ניט אַזוי, מר. קינגמאַן?

— איך בין פולשטענדיק איינשטימיק מיט אייך. און איך גלויב אויך אַז מר. קאַרעצקי איז אינטעליגענט גענוג צו וויסן, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אַ שפּיל אין פראַגעס און ענטפערס. מיר זיינען אַלע בירגער, וואָס פאָלגן אויס די געזעצן פון לאַנד, אַן רעזערוואַציעס. ס'איז מיין לאַנד — גערעכט אָדער אומ־גערעכט.

דוד'ל האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט איינגעזען, אַז ס'איז נוצלאָז צו דיסקוטירן ווייטער. זיין קאַריערע איז אין געפאַר, דאָס איז אים געוואָרן קלאָר מיטאַמאָל. וואָס וויל מען האָבן פון זיין לעבן? וואָס האָט ער געטאָן דער רעגירונג, וואָס זי וויל צונעמען זיין ברויט און אונטערגראָבן זיין צוקונפט?

ער האָט פאַרלאָזן דעם צימער אָן אַ וואָרט. פּעק און קינגמאַן האָבן אים נאָכגעקוקט ווי אַ פאַראורטיילטן. און דאַן האָבן זיי זיך איבערגעקוקט.

— אַט דאָס איז עס — האָט געזאָגט פּעק.

— איך גלויב אַז איר האָט דערלאַנגט דעם נאָגל איבערן קאָפּ — האָט באַשטימט קינגמאַן, — דער בחור ווייסט ניט, ווייזט אויס, מיט וועמען ער האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס וועט אים גלאַט ניט אָפּגיין. נאָר אַט אַזוי זיינען זיי.. מען קאָן ניט נאַרן אַלעמאָל.

אַרטור האָט נאָך געוואַרט אויף דוד'לען אין שענקל.

— פּעק און קינגמאַן האָבן מיך פאַרהאַלטן, אַרטור — האָט דוד'ל שטיל געזאָגט, — לאָמיר האַפּן, אַז מיין פאַרדאַכט נאַרט מיך אָפּ. זיי גייען האַנט אין האַנט מיט די אַגענטן. האָב איך געטראָפן, דוד'ל?

— אַזוי ווייזט אויס, אַרטור. ס'איז מיר קלאָר, אַז זיי ווילן מיך אָפּזאָגן פון מיין שטעל. עס איז ניט גלויבלעך, נאָר דאָס וואָס מען האָט אָנגעהויבן טאָן צו רעגירונגס־אָנגעשטעלטע אין וואַשינגטאָן, וויל מען אימיטירן מיט אָנ־געשטעלטע ביי פּריוואַטע פירמעס. ס'איז אַ מכשפה־געיעג. „קענט איר מאָריס לעווין?" — האָט מיך קעסידי געפרעגט. דו ווייסט ווער מאָריס לעווין איז? ער איז געווען אַ יינגל פון מיין בלאָק, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין גרויס נויט און האָט ניט געקאָנט גיין אין האַי־סקול, געדאַרפט אַרבעטן פון קינד־וויַז אויף. קעסידי זאָגט, אַז ער האָט באַלאַנגט צו דער קאָמוניסטישער יוגנט ליגע. דער פאַקט, וואָס איך האָב מיט אים געטרונקען אַ סאָדאַ אין קענדי סטאָר, אָדער אפשר מיט אים דיסקוטירט אַמאָל אויפן קאָרנער וועגן אַ צייט־פראַגע, איז שוין גענוג, אַז איך זאָל ניט קוואַליפיצירט ווערן פאַר אַ העכערער פּאָזיציע... קאָנסט זיך פאָרשטעלן אַ גרעסערן אַבסורד? און ווי וואָלט געווען ווען איך זאָג: „יאָ, דזשענטלליים, איך קאָן מאָריס לעווין. איך האָב מיט אים געטרונקען אַ סאָדע אין קענדי סטאָר. איך האָב מיט אים גערעדט וועגן די פּרעזידענט־וואַלן", — וואָס וואָלטן זיי דאַן געהאַט קעגן מיר?

— אָ, דאַן וואָלטן זיי דיך גענומען אויפן צימבל וועגן מאָריס לעווינען און מיט דער צייט וואָלטן זיי פאַראַלנגט אַז דו זאָלסט אויפטרעטן ווי אַן עדות קעגן אים דערפאַר וואָס אַט דער בחור וועט פון זיי באַשולדיקט ווערן אין וועלן אומוואַרפן די מעכטיקע אמעריקאַנער רעגירונג אונזערע מיט מאַכט און געוואַלדטאַט...

— נאָך אַ קלאגע קעגן מיר, דו ווייסט לאָכן: „איז דאָס ניט אַ פאַקט, אַז איר האָט אין קאָלעדזש פאַרבראַכט מיט לינא דובראָוו און — גלויב דיינע אויערן — איר זייט מיט איר געגאַנגען זען דאָס סאָוועטישע בילד „אַלעקסאַנדער נעווסקי". נו, דו ווייסט כאָטש מיט וועמען דו אַרבעטסט אין איין „לעב", אַרטור?

זיי האָבן ביידע מיטאַמאָל איינגעזען די געפאַר וואָס האָט געלויערט אויף אַלע אַרבעטער אין דער לאַבראַטאָריע. זיי האָבן גערעדט וועגן אַרויפגיין אין דער יוניאָן און אויפנעמען דעם ענין. נאָר וועט זיך די יוניאָן אַריינמישן אין דעם ענין? זיי האָבן זיך ביידע דערמאָנט עטלעכע פאַלן, וואו אַרבעטער זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן אָדער האָבן געהאַלטן ביים פאַרלירן זייערע שטעלעס און די יוניאָן־באַאַמטע האָבן אויסגעקראַצט אַרגומענטן, וואָס האָבן געגעבן די רעכט דער פירמע אָפּצוזאָגן דעם אַרבעטער און די יוניאָן האָט זיך ניט געקאָנט מישן. מסתמא וועט מען אין דעם פאַל אויך געפינען אַן אויסרייד, אַז דאָס איז אַ פאָ־ליטישער ענין און די יוניאָן איז ניט בכח צו אַרגומענטירן מיט דער רע־גירונג ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער זיכערקייט פון לאַנד...

— לאָמיר זיך ניט אײַלן מיט לויפן אין דער יוניאָן, דוד׳ל, — האָט ארטור גערױטן.

— דאַן װעל איך דעם ענין דארפן אויפנעמען מיט דער סיוויל ליבערטי׳ס אָרגאַניזאַציע.

דעם זעלבן אָוונט האָט דוד׳ל טעלעפאָנירט זײַן פרײַנט, דעם אַדוואָקאַט, וואָס האָט אים געהייסן אריבערקומען צו זיך אין הויז, זי דדורכשמועסן ביי אַ גלעזל קאַווע. דער שמועס איז געווען אַ קורצער. דער יונגער אַדוואָקאַט האָט איבער׳גע׳חזר׳ט זײַן פריערדיקע מיינונג — די פראגעס פון דער עף. בי. איי. און איר האַנדלונג בכלל זײַנען אומגעזעצלעך, נאָר דער היינטיקער פּאָליטישער קלימאַט איז אַזאַ, אַז אַ לאָיער קען כמעט גאָרניט טאָן קעגן אָט די אַקטן. דוד׳ל האָט געטאָן גוט וואָס ער האָט ניט געענטפערט. זײַנע ענטפערס וואָלטן אים פארוויקלט אין נײַע פראגעס און ער וואָלט זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז די עף. בי. איי. וואָלט דאַן געהאַט גענוג מאַטעריאַל קעגן אים, כאָטש אין אַ העכערן געריכט, וועלן אָט די אַלע זאַכן ארויסגעוואָרפן ווערן ווי ניט־קאָנסטיטוציאָנעלע האַנדלונגען. דערוויל איז דאָס אָבער אַן עפּידעמיע, וואָס ווען עס טרעפט, דער ליידט. זאָל ער גיין צו דער סיוויל ליבערטיס אָרגאַניזאַציע. נאָר ער וויל דאָך ניט, אַז זײַן נאָמען זאָל דערשיינען אין די צייטונגען. ס׳וועט אים קיין גוטס ניט טאָן. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער וועט פאַרלירן זײַן דזשאָב און אַז עס וועט אים זײַן שווער צו קריגן אַ נײַעם דזשאָב. שלעכט איז וואָס די יוניאָן וועט זיך פאַר אים, ווייזט אויס, ניט אָננעמען: צוליב דער פּאַסיווקייט פון אירע מיטגלידער. די איינציקע האָפנונג איז, אַז די צייט זאָל זיך בייטן. דערוויל — זעט וואָס עס טוט זיך מיט די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע אין וואַשינגטאָן...

דוד׳ל האָט פאַרלאָזט דעם אַדוואָקאַט׳ס הויז גאָר ניט אין קיין גוטער שטימונג. ער האָט דערפילט ווי אַן אומגליק האָט זיך פּלוצלונג אָנגערוקט אויף אים, אַן אַ פאַרוואָס און אַז ער איז אַן אומשולדיקער קרבן.

כמארעס איבער לאָדזש

(אַ קאַפּיטל פון ראָמאַן: „מאָטעק און סאַלטשע״, 1951)

ליפּע, מאָטעקס פאָטער, איז געווען אַ מתנגד. אין יענער צייט האָט זיך אין זיינע פרומע קרייזן גערודערט וועגן די חסידים. צווישן ליפּעס שכנים און באַקאַנטע זיינען געווען אי גערער, אי אַלעקסאַנדרער חסידים. צווישן די גערער און אלעקסאנדרער זענען „אָנגעגאַנגען ווילדע שטיק״, האָט ליפּע געזאָגט דער מאַמען. מען האָט זיך פּשוט געגעבן פּעטש, אָנגערעדט איינער אויפן אנדערן, וואָס אין דער קאָרט, זיך געריסן ביז בלוט. טאָמער איז נאָך געווען ווינציק זיך צוצוהערן וועגן די מחלוקתן, האָט זיך אין ליפּעס הויף ארייַנגעקליבן אַן אלעקסאַנדער „שטיבל״. דאָס האָט ליפּען געגעבן די געלעגנהייט זיך צו דערנעענטערן צו די חסידים. עס פלעגט טרעפן, אַז אין אַ זאַווערוכע, ווען ליפּע האָט נישט געקאָנט גיין אין זיין „חברה״ אריין דאַוונען אַ מנחה, אָדער ווען עס איז געווען אַ געפאַר דורכצוגיין די גאַס, צוליב די שיסערייען צווישן ארבעטער־קאָמפּס אָרגאַניזאַציעס מיט דער פּאָליציי, איז ליפּע אַרייַנגעגאַנגען אין „שטיבל״ אָפּדאַווענען. און אָט אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך דערוואוסט זאַכן וועגן די חסידים, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן געפעלן ווערן.

ערשטנס, איז אים סתם געפעלן געוואָרן דער חסיד אַלס מענטש. עס האָט אים אימפּאָנירט דאָס פּשטות זייערס. חסידים זיינען געווען יידן האָרעפּאַשניקעס, דאָס דאַוונען זייערס איז געווען אָן אָנשטעלן. יעדער ייד האָט זיך געקאָנט שטעלן צום עמוד. דאָס „שטיבל״ איז געווען זיינס, נישט קיין גבאים, אָדער קיין מורה מורנוס. דאַן די חדווה זיינע ביים דאַוונען! דאָס מאַכן מיט די הענט, דאָס זינגען, דאָס אונטערטאַנצן, דאָס ארייַנלייגן די גאַנצע נשמה אין דעם „אחד״.

צווייטנס, האָט איין חסיד דעם צווייטן מקרב געווען. עס איז געווען אחדות צווישן זיי. מען האָט איינער דעם אַנדערן געליען אַ גמילות־חסד אָן דעם גאַנצן קלאָפּערגעצייג. בלויז אויפן „הן שלי״. אַ חסיד איז בכלל געווען אַ וואָרעמער מענטש. ער האָט געהאַט בטחון. ער האָט נישט מורא געהאַט און זיך נישט גע׳דאגה׳עט, זיך געוויצלט אויפן אייגענעם חשבון און הנאה געהאט פון געדאנק, אַז ער לעבט, אַז ער האַלט די אויגן אָפן.

דער אמת איז געווען, אַז ליפּע איז, זינט ער האָט געוואוינט אין לאָדזש,

געווען היפש אַנטוישט מיט די פּירעכצן פון א סך פרומע רייכע יידן און אויך מיטן לאַדזשער רב, וואָס האָט זיך שטענדיק אָנגענומען פאַר די באַלעבאַטים און האָט זיך צופיל געפריינדלט מיט „פּאַניע גנבֿ".

ליפּע האָט טאַקע געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט מורד במלכות זיין, נאָר פּאָדערן פון באַלעבאָס, א שטיין־רייכן פאַבריקאַנט, א העכערונג אין לוין, — דאָס איז דער חוב פון יעדן באַלמעלאָכע, וואָס דאַרף מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער. זיצן ביים וועב־שטול ביי אַ פאַרקאָפּטשעטע נאַפט-לעמפּל, פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, און קריגן די סוכאָטעס, איז פשוט אַן עבירה קעגן זיך און קעגן דער גאַנצער פאַמיליע. מען דאַרף אויסקעמפן אַ בעסערן מצב, מענטשן זיינען נישט קיין פּי. פּי. אַז מען באַהאַנדלט זיי נישט גוט, מעקן זיי אויך. זיי וויינען, זיי באַקלאָגן זיך פאַרן האַר פון אַלע וועלטן. די שכינה טוט זיך אָפּ פון דעם מקום, וואו א מענטש פּייניקט דעם צווייטן — האָט ליפּע גע׳טענה׳עט.

האָט ער געמיינט, אַז צווישן חסידים איז בעסער. מען האַלט זיך פאַרן גאַרטל, דער זעלבער גאַרטל ביים אביון ווי ביים נגיד, דער זעלבער „גוטער רבי", דאָס זעלבע „שטיבל", נישטאָ קיין מזרח־שטול און קיין עני בפתח.

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און ליפּע האָט טייבלען דערציילט די מעשה מיט חיים יעקב ווישליצקין, דעם גערער חסיד און ווישליצקי איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט פאַרשוואַרצט דעם אייגענעם יידישן נאָמען אין לאָדזש. געווען גערער חסידים, וואָס האָבן געקאָנט דערציילן ענלעכע מעשי־תעתועים אויך אויף אַלעקסאַנדער חסידים און אַנגעזעענע חסידים פון אַנדערע רביים.

די מעשה מיט ווישליצקיס פאַבריק האָט געהאַט פּאַסירט מיט אַ פּאָר יאָר פריער, נאָך איידער ליפּע איז מיט זיין משפחה אָנגעקומען נאָך לאָדזש. נאָר ליפּע האָט זיך די לעצטע צייט אָנגעהויבן דערוויסן זאַכן, פון וועלכע די האָר אויפן קאָפּ האָט זיך אויפגעשטעלט. ווען שטרייקן און אָבלאַוועס האָבן, אַזוי צו זאָגן, אָנ־געקלאָפּט אין זיין אייגענער טיר. דער שטרייק ביי זיין שוואָגער בעריש האָט אים נאָך מער געעפנט די אויגן. די פּאָר אָביסקן, וואָס די פּאָליציי האָט שוין געהאַט דורכגעפירט אין זיין הויף און אויך אין זיין אייגענער דירה, האָבן אים שטאַרק אויפגערודערט און צעשטרייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס רירט אָן כלל ישראל, וועט אָנרירן רב ישראל. ער וועט זיך נישט קאָנען אין ערגעץ באַהאַלטן, סיידן ער זאָל פאַרלאָזן לאָדזש און זיך באַזעצן אין אַ קליין שטעטל, נאָר טייבל האָט דערפון נישט געוואָלט הערן און געדענקען.

דערציילט ליפּען די מעשה וועגן חיים יעקב ווישליצקי האָט טאַקע אַ גערער חסיד. דאָס איז געווען סוכער פון דער פּעפּער־גאַס. סוכער האָט אַמאָל געהאַט געאַרבעט ביי ווישליצקין אין פאַבריק און ווען די דאָקטוירים האָבן

אים אָנגעזאָגט, אַז זיינע לונגען זיינען שוואַך און אַז ער מוז זיין אין דרויסן, האָט ער געדאַרפט זוכן אַ נייע פּרנסה. סוכער איז געווען אַ בעל מטופל מיט זעקס קליינע קינדער. צו וואָס האָט ער זיך געקאָנט נעמען, אַז זינט ער איז דרייצן יאָר אַלט געוואָרן, האָט ער שוין געאַרבעט ביים וועב־שטול? קיין געלט, קיין פּרנסה קיין אָפּגעשפּאָרטע, האָט ער נישט געהאַט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: די פאַבריק איז סם המות פאַר אים, ס׳איז א לעבעדיקער קבר, ר״ל. האָבן זיך אַ פּאָר גערער חסידים צוזאַמענגעלייגט און אים געקויפט אַ פּאָר קאַנען נאַפט, און אזוי איז ער געוואָרן אַ נאַפט־הענדלער, מ׳שטיינס געזאָגט. גייט ארום איבער די הייזער און פאַרקויפט נאַפט. האָט ער זיך פון דער פעפער־גאַס אין באַלוט דערשלעפּט צו דער דזשעלנע-גאַס... אַז מען דאַרף לופט איז דאָך ניט שייך. אפשר וועט אים דער קאָליע־גאָרטן צושטעלן א רפואה...

ווי קומט סוכער פון קאָנסטאַנטין צו חיים יעקב ווישליציקיס פאַבריק, אין דעם מאַנטשעסטער פון פוילן, אין לאָדזש? איז דער תירוץ, אַז דער גערער רבי, זאָל לעבן, האָט זיך געהאַט אריינגעמישט אין דעם. אַ סך יידישע פאַבריקאַנטן האָבן נישט געוואָלט צולאָזן קיין יידישע ארבעטער אין זייערע פאַבריקן. נאָר אין חיים יעקב ווישליציקס פאַבריק האָבן געאַרבעט גערער חסידים, אַנשי שלומנו, פון איין „שטיבל״. דער רבי, זאָל לעבן, האָט געגעבן אַ קוויטל און מען האָט אריינגענומען אין דער פאַבריק. סוכער האָט זיך דערביוועט אַזאַ קוויטל און ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיין פאַרזאָרגט מיט אַ זיכער שטיקל ברויט. וואָס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן? אַז ביים חסיד ווישליצקי אַליין האָבן זיינע אייגענע חסידים געהאַט אויסגעריסענע יאָר. מען האָט פאַרדינט העכסטנס ארום פינף רובל די וואָך און מען האָט געאַרבעט פון העט פאַרטאָג ביז שפּעט ביינאַכט. פאַר דער קלענסטער קלייניקייט האָט מען דעם ארבעטער באַשטראָפט. וואָס פאַר אַ שטראָף? ארונטערגעריסן פון „גרויסן״ לוין. טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווינציק, הענגט ער ארויס אַ מודעה, דער שטיין-רייכער פאַבריקאַנט חיים יעקב ווישליצקי, אַז ער קאָן נעבעך נישט נאָכקומען דעם לוין, אַז ער מוז שניידן אויף פופצן פּראָצענט...

מילא, ער האָט געמאַכט דעם חשבון אָנ׳עם באַלעבאָס. דאָסמאָל זענען די ארבעטער געווען די דעה־זאָגער. כאָטש די מאה איז געבליבן ביי ווישליצקין. מאַכט זיך אַז יאַנקל גערער, אַן ארבעטער אי זאַ לאַנגן טלית־קטן, ווערט דער ראש המדברים און אלע ארבעטער הערן זיך צו אים צו און מען שווערט ייך ביים לעבן, אַז קיינער זאָל נישט אריינקומען צו דער ארבעט, ביז ווישליצקי וועט ניט ארונטערנעמען דעם חרם, דעם וואָלף ביי דער טיר, דעם לוין־שניט. דערהערט דאָס חיים יעקב ווישליצקי מאַכט ער אַ געוואַלד: סטייטש, זיינע חסידים וועלן נאָכטאָן די „טריפניאַקעס״, די „אַחדות״ און דערקלערן אַ שטרייק?

ענטפערט אים יאנקל גערער: יאָ, „פּאַניע ווילעמאָזשני״, אַ שטריק; קיינער וועט ניט ארבעטן ביז מע וועט אויפהערן גראָב באַהאַנדלען יעדן איינעם. און אויב מען וועט וואגן עמעצן ארויסוואַרפן פון דער ארבעט, וועלן אַלע ארויסגיין.

און כדי ער זאָל זען באַשיינפּערלעך, אַז דאָס איז פּשוטו כמשמעו, האָבן די ארבעטער אויסגעקליבן פון זיך א בית־דין פון די דריי עלטסטע און ערלעכסטע ארבעטער. איינער איז געווען דער אַלטער זאַנוול, דער צווייטער איז געווען דער פרומער דוד לייב און דער דריטער, דער לַמדן אברהמ'ל מיט דער לאַנגער באָרד. האָט זיך דער דאָזיקער בית־דין אָוועקגעזעצט אין די קאָפּלען ביי דער טיר. עס האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט געווען ערב יום-כיפּור, ס'האָט געהערשט אַ פּאַרכטיקע שטימונג. יעדער ארבעטער האָט געדאַרפט צוגיין צום בית־דין און געבן אַ האַנט, א תקיעת-כף, אַז קיינער וועט נישט צוריקקומען צו דער ארבעט, ביז מ'וועט נישט צוריקשטעלן דעם פריערדיקן לוין און ביז מען וועט נישט זיין פאַרזיכערט, אַז מען וועט יעדן איינעם צוריקגעבן זיין פּלאַץ אין דער פאַבריק.

ר׳ חיים יעקב האָט דאַן פאַרשטאַנען, אַז די קליפּה האָט זיך אויך אריינגעכאַפּט אין זיינע גערער חסידים. אַ חסיד, האָט ער געוואוסט, וועט האַלטן אַ שבועה. אַ חסיד איז געטריי. וואָס טוט מען? איז דעם גרויסן קאָפּ-מענטש איינגעפאַלן צו טאָן, וואָס אַלע פאַבריקאַנטן האָבן געטאָן אין אַזעלכע פאַלן. וואָס מיר יידישקייט, וואָס מיר מענטשלעכקייט, וואָס מיר כל ישראל ערבים זה בזה...

דער חשובער גערער חסיד, ר׳ חיים יעקב ווישליצקי, איז אַוועק צו נאַטשאַלסטווע, צום פּאָליציי־מייסטער און פאַרמסרט אַלע ארבעטער זיינע, אַז זיי זיינען מורד במלכות, אַז זיי זיינען „ציציליסטן״...

דער פּאָלציי־מייסטער האָט מער נישט געדאַרפט. ער האָט געוואוסט, אַז די בונטאָווששיקעס זענען פרומע יידן און ביי פרומע יידן איז פרייטיק־צונאַכט אַ הייליקער יום טוב. מען עסט חלה מיט פיש, מען טרינקט וויין, מען גייט אָנ־געטאָן אַנדערש. האָט ער אויסגעקליבן פונקט אַ פרייטיק־צונאַכט אַנצוקלאַפּן אין יעדער טיר פון ווישליצקי׳ס ארבעטער און געזאָגט צו זיי: „קום, יידל, אין אוטשאַסטאָק אריין״. און אויסגעקליבן האָט מען פאַר די יידעלעך די טורמע אויף דער טאַרגאָווע גאַס. דאָרט האָט מען די יידן מכבד געווען מיט די אמתע קלעפּ. וויפיל קלעפּ האָט אַזאַ ייד ווי סוכער געקאָנט אויסשטיין? צי אַזאַ איידעלער ייד ווי דער אַלטער זאַנוול?

סוכערן האָט מען אין עטלעכע טעג ארום אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ צוריק נאָך קאָנסטאַנטין, די אַנדערע יידן האָט מען געשיקט מיטן עטאַפּ פון וואַנען זיי זענען געקומען, אָדער וואו זיי זיינען געבאָרן געוואָרן. זיי זענען געקומען אויף

די ערטער אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און נישט איינער איז געבליבן אַ בעל־מום אויפן גאַנצן לעבן.

די ווייבער זיינען געבליבן אָן די מענער, די קינדער אָן זייערע טאַטעס. עס איז געוואָרן אַ יללה, אַ יאָמער אין אַלע גאַסן. מען האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז מאָרגן אין דער פרי. נאָך איידער מען האָט זיך דערוואוסט דער־וועגן איבער גאַנץ לאָדזש, האָבן די פרויען מיט די קינדער פון די פּאַרשיקטע געשטורעמט דאָס גערער „שטיבל״, וואו חיים יעקב ווישליצקי האָט געדאַוונט. דער פּרומאָק איז געשטאַנען אין אַ שטריימל און זיך געשאָקלט, ווי נישט אים האָט מען געמיינט. די געוואַלדן פון די פרויען און די קינדער זענען געוועזן אין לשער. און פּאַן ווישליצקי האָט נעבעך געמוזט נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס און דורכן פענסטער ארויספליען.

עס האָט געדויערט עטלעכע וואָכן און די ערלעכע יידן, די גערער חסידים פון ווישליצקי׳ס פאַבריק, זענען צוריקגעקומען פון עטאַפּ נאָך לאָדזש. סוכער האָט זיך אויפן וועג געהאַט צוגעקילט און פון דאַן אָן האָט ער נישט אויפ־געהערט הוסטן. אין דער היים ביי אים איז מען ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין אַנדערע היימען. די ארבעטער זענען זיך צוזאַמענ־געקומען און מען האָט זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. מען האָט זיך געגעבן שלום.

יאנקל גערער איז ווידער געווען דער ראש המדברים. איינער האָט געהאַט צו דערציילן וועגן די פּורעניות׳ן וואָס מען איז אויסגעשטאַנען דורך דער צייט. ווי האָט עס געהאַלטן איצט? יאנקל גערער האָט מיט שטאָלץ דערקלערט, אַז קיינער האָט נישט געבראָכן דעם תקיעת־כף. קיינער איז נישט צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. קיינער איז נישט געווען קיין ירבעם בן נבט. דער בית־דין האָט געהאַט גוטע נייעס צו מעלדן. חיים יעקב ווישליצקי האָט צוריקגערופן די גזירה. אַלע ארבעטער גייען מאָרגן צוריק צו דער ארבעט. דער לוין ווערט נישט גע־שניטן. מען וועט זיך מיט קיינעם נישט אָפּרעכענען.

סוכער האָט נאָך געארבעט אַ שטיקל צייט נאָכדעם, נאָר ער האָט אָנגעהויבן אויסשפּייען די לונגען און זינט דאַן אָן דרייט ער זיך ארום איבער די גאַסן מיט די צוויי קאַנען נאַפט. ליפּע נעמט אים שטענדיק אויף ווי אַ גוטן גאַסט. ער קומט צוויי מאָל אַ וואָך און ווארעמט זיך אָן און טרינקט אַ גלעזל טיי מיט ציטרין. דאָס האַרץ נעבעך חלשט אים, נאָר ער וועט זיך נישט צורירן צום טיש. אַ ייד אַ לערנער. און דערפאַר האָט אים ליפּע ליב.

.2

ס׳איז אים געווען אומעטיק, ליפען, פון די פירעכצן צווישן די פרומע ייִדן. בלויז לאָדזש, מיט איר תּאווה נאָך געלט, האָט ער געזאָגט, שטויסט צו זינד און אפילו פרומע ייִדן ווערן געשטרויכלט. וואו א ייִד אַ פאַבריקאַנט, הערט מען זיך אָן וועגן אים נישט קיין שיינע זאַכן. און ס׳איז דען עפּעס אַ גרויסער חילוק צווישן לאַנגע קאַפּאָטעס און קורצע רעק? געלט פאַרדעקט אַלץ. און נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל האָט ליפּע געדאַנקט די השגחה, וואָס האָט אים אויס־געהיט פון ווערן אַ סוחר, פון האָבן צו טאָן מיט וועקסלען און פעקלעך.

ליפּע האָט באַטראַכט זיינע שוואָגערס. אַלע זיינען זיי געווען גבירים, אויס־געפּאַשעטע, זאַטע, צופרידענע. פון גוסטאַוון איז דאָך אָפּגערעדט. ער האָט דאָך שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אפילו אין די בענק. אים האָט גלאַט אָפּגעגליקט. נאָר אַזאַ ייִד ווי זיין שוואָגער מענדל, גוסטאַווס ברודער, וואָס האָט נישט געקאָנט אַ קאָץ דעם עק פאַרבינדן, וואָס איז מיט אַים געווען די גדולה? גייט שוין אויסגעפּוצט אין אַ האַרטן קאַפּעליוש, טראָגט לאַקירטע שיך, ייִדישקייט איז שוין ביי אים אַ ביי־זאַך. וואָס איז דער תּכלית פון לעבן? געלט, וועקסלען, פּולע פּאַליצעס מיט וואַרע, קאָפּדרייעניש. די האָר הייבן אים שוין אָן אויספאַלן, קאָן זיך קיין כלה ניט צופּאַסן מיטן געלט און איז איינגאַנצן אָפּהענגיק אין גוסטאַוו׳ן. אָן גוסטאַוו׳ן וואָלט ער מסתּמא אָנגעזעצט, און, ווי די מאָדע איז אין לאָדזש, אַלץ געבליבן אַ פיינער מענטש.

אָדער דער שוואָגער ניסן. געבלאָזן פון זיך אַליין נאָך דער חתונה און איצט קוקט ער שוין אינגאַנצן נישט אויף קיין מענטשן. וואָס איז מיט אים די גדולה? ער האָט א ווייב א יפת תּואר. קיין קינד, פאַר קיין ייִדישער שטוב געדאַכט, קאָן זי נישט האָבן. קיין בן תּורה איז ער נישט. וואוינט אין אַ הויז מיט סאַלעס, וואָס אַז מען גייט אריין אהין, ווייסט מען נישט ווי ארויסצוגיין. וואָס האָט ער פון זיין לעבן? אויך ער קוקט שוין אַראָפּ אויפן דאַווענען, ווי אַן איבעריקע זאַך. אויך מיר אַ מענטש!

וואָס קומט ארויס פון די דייכטימער, האָט ליפּע נישט איינמאָל גערעדט מיט טייבלען, אַז דער צאָרן פון די אָרעמעלייט וואַקסט. די כמאַרעס איבערן לאָדזשער הימל ווערן שווארצער און געדיכטער. נו, אַז עס וועט אָנקומען נאָך אַ פאָלק סאָלדאַטן און מען וועט פון טיף־ראַסיי אהער ברענגען די ווילדסטע קאָזאַקן מיט די גרעסטע נאַגייקעס, וועט עס העלפן? אַ שטאָט וואָס האָט קיין קאַנאַליזאַציע נישט, אַ שטאָט וואָס קאָן פון זיך דאָס שמוץ ניט אָפּווישן, אַ שטאָט פון רינשטאָקן, אָנגעפילט מיטן שווייס און פּראַצע פון די שקלאָפן פון מצרים...

עס מוז דאָך קומען אַ משה וואָס זאָל זיי באַפרייען. אַז נישט די „אַחדות", וועט

קומען עפּעס אַנדערש. עבירה גוררת עבירה. די פּאַבריקאַנטן וועלן קריגן זייערס. ס׳איז נאָר אַ שאָד וואָס אַזויפיל אומשולדיק בלוט ווערט פאַרגאָסן און פאַרזאַפּט...

טייבל האָט געזעסן ווי ליפּע גייט אַרום אַ טיף־פאַרביטערטער. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס ליידיק אַרומגיין, טוט אים נישט קיין גוטס. ער טראַכט צופיל און ס׳איז בעסער היינטיקע צייטן, אַז מען טראַכט נישט. קיין גוטס קאָן פון די געדאַנקען נישט אַרויסקומען. זי האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר דעם אייגענעם הויז־געזינד. מילא, ליפּע האָט זיך זיינע ספרים. אַז עס ווערט גאָר שלעכט, זעצט ער זיך איבער אַ ספר און ער ווערט אַן אַנדער מענטש. די הייליקע ספרים האָבן אַן ענטפער אויף אַלע צרות. נאָר וואָס טוט מען צו אַזאַ קינד ווי מאָטעק? דער פאָטער האָט איבער אים קיין שליטה נישט. די גאַס איז שטאַרקער פון אַלץ. דער חדר גיט אים גאָרנישט. זי האָט מורא, אַז דער חדר מאַכט אים נאָך קאַליע. ער קומט אַהיים מיט ווילדע געדאַנקען און נאָך ווילדערע רייד. סאַלטשע האָט לעצטנס אָנגענומען אַ פול מויל מיט שווייגן. דאָס איז אַ שלעכטער סימן. שטיל וואַסער גראָבט טיף. זי ווייס צופיל וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. זי איז, ווייזט אויס, אויסגעבונדן מיט די פּאַרטייען. ווער ווייס וואָס עס קאָן נאָך אַרויסקומען דערפון? אין איין שיינעם אויפדערנאַכט קאָן מען באַפאַלן דאָס הויז און אַלעמען אַריינזעצן. ווי קאָן זי נעמען סאַלטשען און איר הייסן גיין? זי איז דאָך ביי איר, ווי אַן אייגן קינד. וואוהין וועט זי גיין? דאָס געוויסן וואָלט איר געפּלאָגט דאָס גאַנצע לעבן, אויב עס זאָל חלילה, עפּעס פּאַסירן מיטן יונגן מיידל.

טייבל האָט געטראַכט, אַז אפילו יאַדוויגאַ האָט זיך אויך געביטן אין לאָדזש. אויך זי, די פרומע יאַדוויגאַ, שעלט מיט טויטע קללות די פּאָליציי און זי ווייזט אַרויס איר סימפּאַטיע מיט דער רעוואָלוציע. גיי, זיי אַ מבין וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט...

מאָרד

(פון ראָמאַן „מאָטעק און סאַלטשע“, באַנד 3)

זונטיק בייטאָג, דעם 31טן יולי, 1927, האָט געגאָסן אַ רעגן. אויף יוניאָן סקווער האָט געזאָלט פאָרקומען אַ סאַקאָ־וואַנזעטי דעמאָנסטראַציע. די פּאָליציי האָט געוואוסט אַז דער רעגן וועט דעם עולם ניט אָפּהאַלטן. זי איז געווען גוט צוגעגרייט. אין די זייטיקע שמאָלע גאַסן זיינען געשטאַנען פוסגייער פּאָליציאַנטן, רייטער-פּאָליציי און מאָטאָרציקליסטן.

— דער רעגן וועט אַזוי שנעל ניט אויפהערן, סאַלטשע, — האָט געזאָגט מאָטעק, — נאָר מיר גייען. וועסט אָנטאָן שלומלען די קאַלאָשן און זיין רעגנמאַנטל און מיר וועלן גיין.

— יאָ, מיר וועלן גיין. נאָר פריער וועלן מיר האָבן מיטאָג. איך וויל ניט האַלטן צו־לאַנג דאָס קינד אין דער נעץ. די צייטונגען שרייבן, אַז מען ריכט זיך אויף פּאָליציי־אריינמישונג. אויב מען וועט פּרואוון מאַרשירן צום סיטי האָל. מיר וועלן מאַרשירן ווי ווייט שלומל וועט קאָנען גיין, — האָט סאַלטשע געמאַכט פּלענער.

— דו וועסט אַהיים גיין מיט אים און איך וועל מאַרשירן צו סיטי האָל, — האָט מאָטעק געזאָגט.

דער זעקס־יאָריקער שלום האָט געוואוסט ווי שטאַרק זיינע עלטערן זיינען פאַראינטערעסירט אין ראַטעווען די לעבנס פון סאַקאָ־וואַנזעטי. ער האָט געוואוסט, אַז סאַקאָ האָט צוויי קינדער, אַ ייִנגל, דאַנטע און אַ מיידל אינעז. וואַנזעטי האָט ניט קיין קינדער, נאָר ער האָט זייער ליב סאַקאָס ייִנגל דאַנטע און ער שרייבט אים בריוו. שלום האָט ליב געהאַט צו גיין וואו זיינע עלטערן זיינען געגאַנגען. דער דערבייאיקער יוניאָן סקווער איז אים שוין געווען גוט באַקענט. ער האָט שוין געוואוסט וואו די רעדנער שטייען און וואו דער ערשטער מאַי־פּאַראַד פאַרענדיקט זיך. ניט איינמאָל האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַז ער איז דער רעדנער אויפן סקווער און ער האָט אין זיין צימער אויסגעשריען צו זיך אליין: „סאַקאָ און וואַנזעטי מוזן זיין פריי!“

ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז האָט געגאָסן דער רעגן. סאַלטשע און שלומל האָבן זיך צוגעטוליעט צו מאָטעקן, וואָס האָט זיי באַשיצט מיט זיין

גריסן, שווארצן שירעם. די פּאָליציי אויף דער זעכצנטער גאַס, פון וואַנען מאַטעק איז ארויס צום סקווער, איז באַשטאַנען פון רייטער און שלום איז פארכאַפּט געוואָרן פון די שיינע גרויסע, ברוינע פערד, וואָס האָבן זיך געריסן צום שפּאַן. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן אויף זיי. כאָטש דער זייגער איז ערשט געווען איינס, איז אַ גרויסער עולם שוין געווען אויפן פארזאמלונג־פּלאַץ און עס האָט זיך געהערט געזאַנג פון דער רעדנער־פּלאַט־פאָרמע. דער עולם האָט געהאַלטן אין איין שטראָמען. באַלד האָט מען בלויז געזען רעגן־שירעמס, וואָס האָבן ווי שווארצע כוואַליעס, זיך געוויגט איבער דער איבערפלאַך פון מענטשן־ים. די פארזאמלונג האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. מאַטעק און סאַלטשע האָבן געהערט וועגן סאַקאָס הונגער־סטרייק, וואָס האַלט שוין אַן זעכצן טעג און אַז ער איז אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז מען האָט מורא פאַר זיין פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד. ער האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדן פון זיין פרוי, וואָס האָט זיך געבעטן, אַז ער זאָל אויפגעבן דעם הונגער־סטרייק.

די רעדנער האָבן געהייסן דעם עולם מארשירן צו סיטי האָל דורך דעם איטאַליענישן קווארטאַל. פּאָליציי האָט זיך אָנגעהויבן ארייגמישן. באַלד זיינען דריי מענטשן ארעסטירט געוואָרן. נאָר דער מאַרש האָט אָנגעהאַלטן. דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער. ביי דער אכטער גאַס האָט סאַלטשע זיך געזעגנט מיט מאַטעקן און זי איז מיט שלומלען אהיים געגאַנגען. מאַטעק האָט מארשירט אויף מאַלבערי סטריט, וואו עטלעכע הונדערט איטאַליענישע קינדער האָבן געזונגען לידער. עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס שלומל איז ניט געווען דערביי.

די הינריכטונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף דעם 17טן אויגוסט. די סאַקאָ־וואַנזעטי עמוירדזשענסי קאָמיטע האָט געהאַלטן אין איין רופן מיטינגען פון אירע מיטגלידער און סאַלטשע האָט זיך איצט כמעט יעדן אָוונט געטראָפן מיט פאַניאַן. וועגן קיין אַנדער זאַך האָבן זיי איצט ניט געקאָנט רעדן.ביידע פרויען זיינען געווען צעוויטיקט און פארביטערט.

— סאַלטשע,אויב מען וועט זיי דערמאָרדן, וועל איך פארלאָזן אמעריקע.

— האָט פאַניאַ דערקלערט און צוגעגעבן — אויב דאָס אמעריקאַנער פאָלק איז אַזוי אָפּגעשטאַנען, דאַן איז ניטאָ קיין האָפנונג, אַז מיר זאָלן, אין מיין צייט, דערלעבן סאָציאַליזם דאָ.

— אַזוי האָבן מענטשן געזאָגט אין רוסלאַנד נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905, — האָט סאַלטשע געזאָגט, — נאָר די אמתע קעמפער

זיינען געבליבן און דערלעבט די אָקטאָבער רעוואָלוציע. איך גלויב אין קאַמף, ניט אין אַנטלויפן. דער אמת׳ער אמעריקאַנער איז דעמאָקראַטיש און ער וועט ניט לאָזן זיין לאנד פארשאכערן צו די פּולערס און קולידזשעס. היינט איז דאָ קולידזש, מאָרגן קאָנען מיר אויסקלייבן אַ פּרעזידענט, וואָס זאָל פארטיידיקן אונזערע אינטערעסן. דאָ בלייב איך און דאָ וועל איך אַוועקגעבן מיין לעבן, אויב נויטיק, פאר מיין זונס פרייער צוקונפט.

אלע צוגרייטונגען זיינען געמאכט געוואָרן, אז דעם ניינטן אויגוסט, אַ טאָג פאַר דער געפּלאַנטער הינריכטונג, זאָלן די ארבעטער, צען אינדערפרי, פאַרלאָזן זייערע שעפער און דערקלערן אַ גענעראַל סטרייק. אויך ארבעטנדיק פּיבער־האַפטיק, אז די דעמאָנסטראַציע זאָל זיין דערפאָלגרייך, איז פאַניא געווען פול מיט פארביטערונג און ארגומענטירט מיט סאַלטשען:

— גיב אַ קוק, סאַלטשע, וואָס קאָן זיין לאָגישער ווי אַ פאַראייניקטער פּראָטעסט אין דעם פאַל? איך גלויב ניט, אַז מע וועט זיי הינריכטן, אויב אַ פּאָר מיליאָן ארבעטער איבערן לאנד זאָלן באוויזן זייער אייניקייט און טאַקע אָפּשטעלן די אינדוסטריעס פון לאַנד אלס א פּראָטעסט. די רעגירונג וועט זיך דאן מוזן רעכענען מיט אָט דער מאַכט. דו ווייסט אָבער וואויל, אַז די סאָציאַליסטן זיינען קעגן דעם גענעראַל־סטרייק. די מעכטיקע פּעדעריישאָן אָוו לעיבאָר עסט זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ, אויב מען וועט זיי, די אימיגראַנטישע אנארכיסטן, אָפּראַמען פון וועג; די אַמעריקאַנער אינטעליגענץ איז סימפּאַטיש און ווייכהאַרציק, נאָר ניט קעמפעריש. דאָס איז דער רעזולטאַט. דעם ניינטן אויגוסט וועט קיין שטורם אין לאַנד ניט אויסברעכן. דעם צענטן אויגוסט וועט מען זיי דערמאָרדן און דעם צוועלפטן אויגוסט וועט מען מער וועגן דעם אין די צייטונגען ניט שרייבן. גוט, איך וועל גיין מיט דיר טיילן ליפלעטס, נאָר וויפיל וועלן אונז פאָלגן?

דעם ניינטן אויגוסט האָבן איבער הונדערט טויזנט ארבעטער געוואָרפן די ארבעט אין ניו יאָרק און אויף יוניאָן סקווער האָבן זיך פארזאמלט ארום פופציק טויזנט אויפגעברויזטע, דערצאָרנטע מענער, פרויען און קינדער. סאַלטשע איז געגאַנגען געאָרעמט מיט פאַניאַן. גאָלדע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען און סאַלטשע האָט זיך מיט איר צעקריגט דורכן טעלעפאָן. מאָטעק האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „איך קען גאָלדען בעסער פון דיר״, — האָט ער געזאָגט און פאַרהאַקט די ליפּן.

די פּאָליציי האָט זיך ניט געקאָנט ספּראַווען מיט דער ריזיקער מאַסע. דער סקווער איז געווען געפּאַקט. באַלד זיינען אָנגעקומען ארבעטער, וואָס האָבן יאָ געאַרבעט, נאָר געוואָלט זיך באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע. די פּאָליציי האָט זיי שוין ניט ארויפגעלאָזט אויפן סקווער, נאָר געהאַלטן זיי

אין איין שטופּן און שטויסן אויף די זייטיקע גאַסן, איבערהויפּט, אַז עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מען וועט מאַרשירן אין איטאַליענישן געגנט צו סיטי האָל, איז די פּאָליציי געוואָרן זייער אויפגערעגט און זיך געלאָזט מיט די שטעקנס פאַר־טרייבן דעם עולם. די רייטער זיינען ארויף מיט די צערייצטע פערד אויף די טראָטוארן און עס האָבן זיך דערהערט קולות פון פּרויען, וואָס האָבן פּראָטעסטירט און געשריען: „קאָזאַקן! אמעריקאַנער קאָזאַקן!"

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכעס קאָן פּאַסירן דאָ אין לאַנד, — האָט געקוויטשעט די שטענדיק־געלאַסענע פאַניאַ.

— איך האָב געזען עפּעס ערגערס אין צארישן רוסלאַנד און אין פּילסודסקישן פּוילן, — האָט סאַלטשע געלאַכט.

— ווי דו קאָנסט לאַכן אין אַזאַ מאָמענט קאָן איך ניט באַגרייפן, — האָט זיך געבייזערט פאַניאַ.

— ווי אַ דאָקטאָר ווייסטו דאָך, אַז גראַד אין אַ געפערלעכן מאָמענט פאָדערט זיך קאַלטבלוטיקייט און קאָנטראָל איבער זיך אליין, — האָט סאַלטשע גע־ענטפערט אין אַן ערנסטן טאָן.

סאַלטשע האָט איינגעלאַדן פאַניאַן צו זיך אין הויז און מאָטעק איז אוועק מאַרשירן. שלומל האָט אויך געוואָלט מיטגיין מיטן פאָטער, נאָר פאַניאַ האָט אים איבערגערעדט.

ווען מאָטעק איז שפּעט אין אָוונט אהיים געקומען האָט ער דערציילט וועגן דעם פּראָטעסט מיטינג, וואָס די סטודענטן פון אוניווערסיטעט האָבן אָפּגעהאַלטן אויפן קעמפּוס און וויאַזוי פּאָליציי האָט געשלאָסן דעם מיטינג. ער האָט אויך איבערגעגעבן ווי אַזוי די האַפן־אַרבעטער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פּראָטעסט מיטינג אונטער דער אויפזיכט פון דער א. וו. וו.

צומאָרגנס, אין טאָג פון דער געפלאַנטער הינריכטונג, זיינען איבער דער גאַנצער וועלט אָפּגעהאַלטן געוואָרן מאַסן־דעמאָנסטראַציעס. אַלע ניו יאָרקער רעגירונג אינסטיטוציעס און געלט־צענטערן זיינען באַוואַכט געוואָרן פון פּאָ־ליציי און אין דער לופט האָט זיך געפילט אַן אָנזאָג פון טויט, וואָס וועט ניט פאַרגעבן ווערן.

ווען מאָטעק איז אהיימגעקומען פון דער אַרבעט יענעם פאַרנאַכט האָט ער זיך געטראָפן סאַלטשען אַ פּאַרוויינטע און אין הויז האָט געהערשט די שטימונג פון שוויגן, וואָס האָט געגרעדט מיט דראָענדיקע פּויסטן. אפילו שלומל האָט יענעם פאַרנאַכט ניט געזונגען און געטאַנצט ווי שטענדיק. ער האָט גערעדט שטילער און געהאַלטן אין איין פרעגן דער מאמען, צי מען וועט זיי טאַקע טויטן אויפן עלעקטריק טשער.

אין אָוונט איז געקומען פאַניא און מען האָט זיך צוגעהערט צו דער ראַדיאָ, וואָס מען האָט געהאַלטן אָפּן די גאַנצע צייט. אויך מרס. הענעסי איז אַריינגעקומען.

— איך בעט פאַר זייערע אָרעמע נשמות, — האָט זי געזאָגט, — מען דאַרף זיי שענקען דאָס לעבן. איך זאָג: די רעגירונג איז שטענדיק גערעכט, נאָר זי האָט זיך געדאַרפט צוהערן צו די געבעטן פון דער וועלט. עס איז ניט גוט אַזוי...

זי האָט פאַרלאָזן אַרום צוועלף אַזייגער. די הינריכטונג האָט געזאָלט פאַר־קומען דריי מינוט נאָך צוועלף. נאָר צוואַנציק מינוט צו צוועלף האָט גאָווערנאָר פולער געלאָזט וויסן, אַז ער לייגט אָפּ די הינריכטונג אויף דעם 22טן אויגוסט.

— מען וועט זיי באַגנאַדיקן, — האָט אויסגערופן פאַניאַ.

— עס גלויבט זיך קוים, — האָט שטיל געענטפערט סאַלטשע.

2.

— קום אַהער, שלומל, וועל איך פאַר דיר איבערלייענען דעם בריוו, וואָס סאַקאָ האָט געשריבן צו זיין זון דאַנטע. סאַקאָ ווייסט, אַז ער וועט שוין מער זיין קינד ניט זען. געזעגנט ער זיך מיט אים אין בריוו, — האָט סאַלטשע, אין אַ קול אָנגעזאַפּט מיט ווייטאָג, געזאָגט צו שלומלען.

— מאַמע, פון וואַנען ווייסטו, אַז סאַקאָ וועט שוין מער ניט זען זיין זון?

זי האָט געהאַט בײַ זיך פריער אָנגעצייכנט מיט אַ בלייער, וועלכע טיילן צו לייענען פאַרן קינד. זי האָט אָנגעהויבן:

„נו, מיין טייערער זון, נאָכדעם ווי דיין מוטער האָט מיר דערציילט אַזוי פיל און איך האָב געחלומט פון דיר טאָג און נאַכט, ווי גרויס איז געווען מיין פרייד דיך ענדלעך צו זען, צו רעדן צו דיר, ווי מיר האָבן גערעדט אין די טעג — אין יענע טעג. פיל האָב איך דיר געזאָגט אויף יענעם באַזוך און איך האָב דיר געוואָלט זאָגן נאָך מער, אָבער איך האָב געזען, אַז דו וועסט בלייבן דאָס זעלבע ליב קינד, געטריי צו דיין מוטער, וועלכע ליבט דיך אַזוי שטאַרק. איך בין זיכער, אַז דו וועסט בלייבן דער זעלבער און געדענקען וואָס איך האָב דיר געזאָגט".

נאָך יעדן פּאַראַגראַף האָט זיך סאַלטשע אָפּגעשטעלט און פאַרטייטשט דעם געדאַנק און דעם מיין פון איבערגעלייענטן.

„דערפאַר, מיין זון, אַנשטאָט וויינען, דאַרפסטו זיין שטאַרק, אַז דו זאָלסט קאָנען טרייסטן דיין מוטער. איך וועל דיר זאָגן וואָס איך פלעג טאָן זי צו דערמוטיקן. איך פלעג זי אַרויסנעמען אויף אַ לאַנגן שפּאַציר אין אַ שטילער לאַנדשאַפט, און אָנגעריסן ווילדע בלומען און גערוט אונטערן שאָטן פון ביימער. איך בין זיכער, אַז זי וועט דערפון געניסן.

„נאָר געדענק שטענדיק, דאַנטע, העלף די שוואַכע, וואָס ווײַנען נאָך הילף. העלף די אונטערדריקטע און פאַרפּאַלגטע, דערפאַר וואָס זיי זײַנען דײַנע בעסטע פרײַנט. אין דעם דאָזיקן קאַמף וועסטו געפינען מער ליבע און וועסט געליבט ווערן.

„דאַנטע, איך זאָג דיר אַן נאָכאַמאָל צו ליבן און זײַן נאָענט צו דײַן מוטער און די באַליבטע אין די איצטיקע טרויעריקע טעג, און איך בין זיכער, אַז מיט דײַן מוט און גוטסקייט וועלן זיי זײַן מער געטרייסט. און דו וועסט אויך ניט פאַרגעסן מיך צו ליבן אַביסל, ווײַל איך ליב דיך אויך. אָ, מײַן זון! ווי אָפט איך טראַכט פון דיר!"

— ווײַן ניט, מאַמע, איך האָב דיך ליב, — האָט שלומל צוגענומען אירע הענט פון די אויגן און זיך געטוליעט צו איר.

— ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו לייענען דעם גאַנצן בריוו און דאַן וועסטו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גוטע מענטשן און פרײַנט סאַקאָ און וואַנזעטי זײַנען געווען, — האָט סאַלטשע געזאָגט און זיך גענומען קאָנטראָלירן.

ווען עס איז דערשינען וואַנזעטיס בריוו צו דאַנטען האָט סאַלטשע אים פאַר שלומלען ניט געלייענט. זי האָט געזען, אַז דאָס קינד איז געווען שטאַרק צעטראָגן און זי האָט געוואוסט, אַז ער איז צו סענסיטיוו צו קאָנען דאָס פאַרנעמען. נאָר זי האָט אַרײַנגערופן פרוי העגעסי און צוזאַמען געלייענט דעם בריוו פאַר איר. צווײ שטעלן פון בריוו האָט זי פאַר איר צווײ מאָל איבערגעלייענט. דאָס זײַנען געווען פאָלגנדיקע פּאַראַגראַפן:

„איך זאָג דיר איצט, אַז אַלץ וואָס איך ווייס וועגן דײַן פאָטער איז, אַז ער איז ניט קיין פאַרברעכער, נאָר איינער פון די עלדישסטע מענער, וואָס איך האָב ווען ס'איז געקענט. ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין, וואָס איך זאָג דיר: אַז דײַן פאָטער האָט אוועקגעגעבן אַלצדינג, וואָס איז הייליק און טײַער צום מענטשלעכן האַרץ און נשמה צוליב זײַן גלויבן אין פרײַהייט און גערעכטיקייט פאַר אַלע. אין יענעם טאָג וועסטו זײַן שטאָלץ אויף דײַן פאָטער און אויב דו וועסט זײַן בראַוו גענוג, וועסטו פאַרנעמען זײַן אָרט אין דעם קאַמף צווישן טיראַניי און פרײַהייט און דו וועסט ריינוואַשן זײַן (אונזער) נאָמען און אונזער בלוט.

„געדענק, דאַנטע, זאָלסט שטענדיק געדענקען אָט־די זאַכן: מיר זײַנען ניט קיין פאַרברעכער. זיי האָבן אונז געפּאַנגען דורך אַ בלבול. זיי האָבן אונז אַנט־זאָגט אַ נײַעם טרייעל, און אויב מיר וועלן ווערן היינגעריכטעט נאָך זיבן יאָר, פיר מאָנאַטן און זיבעצן טעג און ניט דערציילבאַרע מאַטערנישן און פאַלשקייטן, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב דיר שוין דערקלערט, ווײַל

מיר זיינען געשטאַנען מיט די אָרעמע קעגן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פון מענטש צו מענטש".

— גאָלדענע ווערטער, — האָט זיך אָנגערופן פרוי הענעסי, — און צו זאָגן, אַז אַזאַ מענטש האָט געמאַכט אַ האָלד־אַפּ און ער האָט דערהרגעט עמיצן צוליב אַ פּעי־ראָל, איז נאַריש. ס'איז אַ מאָדנע וועלט. דו ווייסט ניט וועמען צו גלויבן. מיין מאַן האלט זיך ביי זיינס: זיי גיבן צו, אַז זיי זיינען אַנאַרכיסטן און יעדער אנארכיסט, זאָגט ער, גלויבט אין „באָמבעס".

סאלטשע האָט ניט געענטפערט. פרוי הענעסי איז פאר איר געווען איינע פון די גרויסע רעטענישן פון דער אמעריקאַנער באַפעלקערונג.

עס האָט זיך דערנעענטערט דער 22טער אויגוסט. סאלטשע און מאָטעק האָבן זיך געפילט ווי אליין פאראורטיילטע, ווי שולדיקע. דער ענין סאקאָ און וואנזעטי איז געוואָרן אַ פּערזענלעכער ווייטאָג. פאַניא איז צוזאַמען מיט אַ דעלעגאַציע אָפּגעפאָרן קיין באָסטאָן צו זיין אין דער טויטן־וואך. אין טשאַרלסטאָון גע־פענגעניש, וואו די צוויי אומגליקלעכע האָבן זיך געפונען, זיינען געמאַכט גע־וואָרן אַלע צוגרייטונגען צום מאָרד. ארום דער תפיסה האָבן זיך געפונען איבער 700 פּאָליציייער מיט מאַשין־ביקסן. אין אַלע שטעט איבערן לאַנד זיינען באַוואַכט געוואָרן די רעגירונגס־אינסטיטוציעס. דער באַפעל איז געווען „פריער צו שיסן, דערנאָך צו פרעגן פראגעס, אויב עס וועט עפּעס פּאַסירן.

צו אַ פאַרשטייער פון דער פּרעסע האָט וואַנזעטי געזאָגט: „ווען ניט די געשיכטע וואָלט איך מסתמא אויסגעלעבט מיין לעבן צווישן אומצופרידענע מענטשן. איך וואָלט געשטאָרבן אומבאַקאַנט, ניט פאַרצייכנט, אַ דורכפאַל. דאָס איז אָבער אונזער קאַריערע און אונזער טריאומף. קיינמאָל אין אַ פולן לעבן וואָלטן מיר ניט געקאָנט טאָן אַזאַ ארבעט פאַר טאָלעראַנץ, פאַר גערעכטיקייט, פאַר פאַרשטענדעניש צווישן מענטש און מענטש, ווי מיר טוען דאָס איצט צופעליקערווייז.

— אונזערע ווערטער — אונזערע לעבנס — אונזערע ווייטאָגן — גאָרניט! דאָס צונעמען פון אונזערע לעבנס — די לעבנס פון א גוטן שוסטער און אַן אָרעמען פיש־פּעדלער — אַלץ!"

יוניאָן סקווער איז די לעצטע פאַר טעג געווען באַוואַכט פון א סך פּאָליציאַנטן. די געוויינלעכע פרייהייט וואָס דער עולם האָט פון תמיד אָן געהאַט, איבערהויפּט אויפן פּלאַץ צווישן די סטאַטועס פון וואַשינגטאָן און לינקאָלן, איז איצט שטארק באגרענעצט געוואָרן. מען האָט געקאָנט זיצן אויף די בענק, נאָר ניט שטיין אין רעדלעך און דיסקוטירן, ווי עס האָט זיך געפירט פון ווער־ווייסט ווי לאַנג צוריק.

— ניט צוזאמענקומען זיך.

— ניט שטייך, פאַראַן געגוג בענק. זיץ אָדער פאַרלאָז.
דער עולם איז געווען דערצאָרנט, אפילו די וואָס האָבן ניט געוואוסט פאַרוואָס.

3.

דעם 22טן אויגוסט איז סאַלטשע אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע מאָל. זי האָט געזאָגט צו מאַטעקן:

— איך האָב מיט קיין אויג ניט געקאָנט צו־טאָן. איך האָב פאַר זיך כסדר געזען דעם עלעקטרישן שטול און ווי מען פאַרגאַרטלט זיי. איך האָב געהערט דעם ריח פון פאַרסמאַליעט מענטשן פלייש. עס איז אַזוי שרעקלעך. עס וואָלט זיך ניט וועלן דערלעבן אַזאַ טאָג. אויב מען וועט זיי דערמאָרדן, וועל איך דאָס ניט פאַרגעסן כל זמן איך וועל לעבן. און איך וויל, אַז שלומל זאָל דאָס איינקריצן אין זיין מוח'ל און הערצעלע. יאָ, זאָל ער דאָס געדענקען, מאַטוש, היינט איז תשעה באב, היינט איז יום כיפור ביי אונז.

— סאַלטשע, זיי ניט סענטימענטאַל און רעד זיך ניט ארויס קיין נארישקייטן אין גאַס. מרס. הענעסי איז טאַקע א גוטער פריינט, נאָר זי קאָן דיך פיין איבער־געבן דאָרט וואו מען דאַרף. היט זיך, סאַלטשע.

די לופט איז יענעם טאָג געווען אַזוי אָנגעפילט מיט פולווער, אַז אפילו סאַלטשע האָט ניט געוואָלט שלומלען נעמען אויף יוניאָן סקווער, ווי זי האָט עס פריער געפּלאַנט. שלומל איז יענע נאַכט געשלאָפן ביי פרוי הענעסי אין הויז. דער אַלטער הענעסי האָט דעם קליינעם זייער ליב געהאַט און שלומל פלעגט זיך אָנלאַכן פון יענעמס טריקס.

די הינריכטונג האָט געזאָלט פאַרקומען נאָך האַלבע נאַכט. נאָר דריי נאָכ־מיטאָג איז שוין יוניאָן סקווער געווען ארומגעצאַמט פון דער פּאָליציי און זי האָט ארויסגעוויזן אַזויפיל אומזיניקע ברוטאַליטעט, אַז עס איז געווען א וואונדער, וואָס דער גרויסער עולם האָט זיך געלאָזט פּראַוואָצירן.

אויף די דעכער פון די געביידעס, וואָס זיינען געווען געווענדט צום סקווער איז געשטאַנען פּאָליציי מיט מאַשין ביקסן, רייטער־פּאָליציי האָט געהאַלטן אין איין ארויפגאַלאָפּירן מיט די פערד אויף די טראָטוארן און אריינגעפאָרן גלייך אין עולם אריין. מען האָט ניט געהאַט קיין איינזעעניש מיט צופעליקע דורכ־גייער. מען האָט געטראָטן אויף פרויען און קינדער. די „קלאָבס" האָבן זיך אָנ־געזען אין דער לופטן און א גאַנצן פאַרנאַכט איז אָנגעגאַנגען א ווילד געיעג קעגן עולם.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און ס'איז געוואָרן אָנגעשטרענגטער די שטימונג, איז די פּאָליציי געוואָרן פרעכער, ווי זי וואָלט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע בושה פון ציוויליזירטקייט.

אויפן פארזאמלונג־פלאַץ אין סקווער האָבן צען טויזנט מענטשן זיך ניט געריזט פון אָרט. די פּאָליציי האָט געשלאָסן אַ רינג ארום זיי. וואָס שפּעטער די שעה איז געוואָרן, אַלץ שטילער איז געוואָרן די לופט, אַלץ אָנגעצויגענער די פּנימער, סיי ביים עולם, סיי ביי דער מאַכט.

אויף דרייסיק יוניאָן סקווער האָט זיך געפונען די געביידע פון דער יידישער ארבעטער־צייטונג „די פרייהייט". דאָרט איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַ ווייסער בולעטין, וואָס האָט געדארפט אין שווארצן אָנזאָגן די לעצטע נייעס. דער עולם האָט געהאלטן אין איין קוקן צום בולעטין.

עס איז געוואָרן עלף אין אָוונט. אויפן ווייסן לייוונט האָט זיך באוויזן אַ דיקע שווארצע שריפט:

„נאָך איין שעה צום לעבן".

אַ ריזיקער ברום איז ארויס פון אַלע מיילער, ווי דער ברום פון אַ שטורעם־ווינט אין צעבושעוועטן אָקעאַן. דער עולם איז געשטאַנען אומבאוועגלעך, געווארט אויף נייעס. עס זיינען געשטאַנען אמעריקאַנער, נעגער, כינעזער, יאפּאַנעזער, סלאַוון, יידן, איטאַליענער. מען האָט אין דער שטילקייט געהערט פארשטיקטע רייד אויף פארשיידענע לשונות. נאָר אַלע האָבן געהאַט איין געדאנק, איין געפיל: אפשר, אפשר וועלן זיי בלייבן לעבן...

אזויפיל גוטע פריינט האָבן די צוויי מענטשן געהאַט איבער דער גאנצער וועלט, אזויפיל גוטע וואונטשן זיינען ארויס פון די קעלן פון מיליאָנען מענטשן פאַר די צוויי אָרעמע ארבעטער.

עס איז געוואָרן האַלב נאָך עלף. דער „פרייהייט"־בולעטין האָט זיך ארייַנגעקריצט אין די אויגן, אין די הערצער:

„נאָך אַ האַלבע שעה צום לעבן".

די מאַסע איז געוואָרן געדיכטער, מען האָט זיך געשטעלט נעענטער איינער צום אנדערן, ווי מען וואָלט מיט דעם זיך אליין געוואָלט באַשיצן, זיך אַליין טרייסטן מיט דער נאָענטקייט פון די לייבער און רייד.

עס האָט זיך דערהערט דאָס וואָיען פון מאָטאָרציקלען, עס האָט זיך דערטראָגן דאָס ריטמישע קלאַפּן פון פערדישע קאָפּיטעס. פון די הויכע דעכער האָבן אַראָפּגעבליצט פּראָזשעקטאָרס און ווי מיט ריזיקע, דראָענדיקע פינגער געסטראַשעט דעם דערצאָרנטן עולם.

סאַלטשע האָט געציטערט און זיך געהאַלטן אָן מאָטעקס אָרעם. מאָטעק האָט געשוויגן און געהאַלטן אין איין קוקן אויפן „פרייהייט"־בולעטין.

„נאָך פופצן מינוט צום לעבן".

ערגעץ וואו האָט אַ פרוי אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין. סאַלטשע

האָט זיך מיט בײדע הענט אָנגעהאַלטן אין מאַטעקן. זי האָט עפּעס געברומט אומ־פאַרשטענדלעך. מאַטעק האָט ניט געפרעגט, ניט געקוקט אויף איר.

אַ וואַלד פון גלייכע טולפּאַנען־ביימער איז געווען דער עולם. אַלע פּנימער צום בולעטין, אַלע קעפּ אויפגעהויבן גלייך.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קרעכצן און אָכצן פון אַלע זייטן. אויף דעם בולעטין האָט זיך באַוויזן:

„נאָך פינף מינוט צו לעבן”.

עס איז געווען האַלב נאַכט. יעדע מינוט איז געוואָרן שטיקנדיק. עס האָט אויסגעפּעלט אָטעם. אפילו מאַטעק האָט שוין ניט געקאָנט איינשטיין און ער האָט זיך געדרייט ווי אין קאָנוואולסיעס. ער האָט געהערט ווי סאַלטשעס ציין האָבן געקלאַפּט.

עס איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל. אפילו די פּאָליציי האָט געשוויגן און דער־פילט די וועלט־וויכטיקייט פון מאָמענט.

אויפן בולעטין האָט זיך באַוויזן אין דיקן שוואַרצן שריפט:

„סאַקאָ דערמאָרדעט”.

מאַטעק און סאַלטשע האָבן קיין צייט ניט געהאַט אויסצורעדן קיין וואָרט, ווי אַרום זיי האָבן זיך דערהערט אויסטערלישע גוואַלדן. אַ הויכער רוס האָט גע־יאָמערט און זיינע אַקסלען האָבן זיך געשאָקלט און מיטגעיאָמערט. אַ קליינער איטאַליענער האָט אויפגעריסן דעם קאָלנער פון זיין ווייסן העמד, ווי ער וואָלט קריעה געריסן. פרויען זיינען אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד אין חלשות. עס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ געלאָף. מען איז געלאָפן — דאָ אין איין ריכטונג, דאָ איז מען צוריקגעקומען אין דער זעלבער ריכטונג.

— לאָמיר גיין, — האָט געזאָגט מאַטעק אין אַ פאַרשטיקט, פאַרוויינט קול.

— וואו וועסטו גיין, אז דער עולם איז ווילד פון צאָרן און ווייטאָג.

האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער זעכצנטער גאַס אהיימצוגיין, נאָר די פּאָליציי האָט געשלאָגן מיט די קלאָבס אָן אַ פאַרוואָס.

סאַלטשע האָט ניט געוואָלט קוקן אויף מאַטעקן. ער האָט אויף איר אויך ניט געקוקט.

צוזאַמען, ווי צוויי פרישע אבלים, זיינען זיי אַריין צו זיך אין הויז. סאַלטשע איז אַרויפגעפאַלן אויפן בעט און זיך צעכליפּעט.

מאַטעק איז אַריין אין וואַש־צימער, פאַרהאַקט די טיר און זיך אויסגעוויינט. ווען ער איז אַרויסגעקומען, איז ער צוגעגאַנגען צו סאַלטשעס בעט און אין אַ צעבראָכן, הייזעריק קול געזאָגט: „מיר וועלן בויען אַ נייע אַמעריקע, אַן אַמעריקע פון אמתער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע”.

ליבע

(פון בוך „אייגענע מענטשן״, 1940)

עס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ הערינג. ניט פון אַ גאַנצן הערינג, נאָר פון אַן עק הערינג. מענדל איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר זעקס. זיין שוועסטער פערל איז געווען דריי יאָר עלטער פון אים, די עלטסטע פון די פיר קינדער אין הויז. האָט זי געוואונען. צו איר האָט געהערט דער עק פון הערינג. ס'איז מער צו עסן און צו לעקן. מענדל האָט דאַן געהאַט די ערשטע אַמביציע אין לעבן — צו זיין דער אייגנטימער פון דעם לענגלעכן פיין־פּאַרמירטן הערינג־שפּיץ. ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ בונט, ער האָט געשריען אַף די קוויטשיקע טענער, אַז ער וויל האָבן דעם עק הערינג. ער האָט געוויינט, געדריגעט מיט די פיס אַן דיל, ער האָט ניט געקאָנט מער קאָנטראָלירן דעם שליימיקן שטראָם פון דער נאָז, ער האָט זיך, צום סוף, געוואָרפן שלאָגן זיין שוועסטער פערל, — נאָר ער האָט ניט אויסגעפירט. זי האָט אים דערלאַנגט איבער די הענט, אַז זיי זיינען רויט געוואָרן, אַז מע האָט געקאָנט אירע קנאַכיקע צייכנס זען אַף זיין הויט. זי איז געווען די שטאַרקע אין הויז, זי האָט אויסגעטיילט די קינדער עסן. טאַטע־מאַמע זיינען געווען פאַרנומען אין קרעמל.

צום ערשטן מאָל האָט מענדל דאַן ניט געקענט איינשלאָפן. ער האָט געריבן מיט די ברודנע הענט די אויגן, וואָס זיינען געווען ווי אָנגעשאָטן מיט זאַמד. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין, געוואונטשן אַז זיין שוועסטער פערל זאָל שטאַרבן. צום ערשטן מאָל אין זיינע זעקס יאָר זיך טיף פאַרטראַכט וועגן דער אומגערעכטיקייט פון מענטשלעכן מין. פאַרוואָס קומט עס איר שטענדיק דער עק פון הערינג? ווייל זי איז די אויסטיילערקע? ער האָט באַשלאָסן צו זיין אויף, ביז די מאַמע וועט קומען און פאַר איר זיך אויסוויינען. ער האָט זיך געוואונטשן קראַנק צו זיין, שטאַרק קראַנק זיין און דאַן וועט ער געווינען. און ווען ער וועט איינמאָל געווינען, וועט ער שוין שטענדיק עסן דעם עק פון הערינג. ער איז אָבער איינגעשלאָפן איידער די מאַמע איז געקומען. איינגעשלאָפן אַ פאַר'צער'טער און געזיפצט אין שלאָף; געבריקעט זיין פיריעריקן ברודערל יאַשקען.

אינדערפרי איז נאָך די מאַמע געווען אין שטוב. מענדל איז אריין אַ באַרוועסער אין קיך שנעל־שנעל איר דערציילן וואָס ס'האָט נעכטן פּאַסירט, ווי פערל

האָט אים געשלאָגן, — נאָר יענע האָט זיך ג'העאָט געפעדערט און אים צו־געשטעלט אַ בענקל פאַר דער מאַמען.

— הער נאָר, דו טאַטע־בארטעק, וואָס האָסטו עס נעכטן געמאַכט פאַר אַ משוגע'נע שטיק. כ'וועל זאָגן דעם טאַטן, וועט ער דיר אָנבויקערן די זייטן. עסט עסן וואָס מ'וועט דיר געבן, אַניט וועסטו עסן קדחות מיט ווערים.

דער מאַמעס טאָן איז געווען אַזאַ שטרענגער, איר פּנים האָט געמאַכט אַזעלכע גרימאַסן, ארום די פּאַרטריקנטע, בלוילעכע ליפּן איז געווען אַזויפיל ביטערקייט, אַז מענדל האָט מורא געהאַט זיך צו פאַרענטפערן; ער האָט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט און אָנגעצויגן די ליפּן, ניט אויסצופּלאַצן אין אַ געוויין.

פון יענער מינוט אָן האָט ער באַקומען אַ האַס צו פערלען. זיין ערשטער האַס אין לעבן. ער האָט אַף איר מער ניט געקאָנט קוקן. ער האָט איר קול ניט געקאָנט פאַרטראָגן. וויפיל קלעפּ ער האָט ניט ארייינגעכאַפּט פון טאַטן פאַר ניט פאָלגן „אָן עלטערע שוועסטער”, האָט ניט געהאָלפן. וואָס זי האָט אים גע־הייסן טאָן, האָט ער ניט געטאָן, אָדער געטאָן זייער און זייער ניט צופרידנשטעליק. טאַטע־מאַמע האָבן ניט איינמאָל איבערגערעדט וועגן דעם, ניט געוואָלט באַגרייפן. זיי האָט ער געפאָלגט, אין אַלגעמיין געווען אַ גוט קינד אומעטום, נאָר מיט פערלען איז ער געווען קידער־ווידעוי.

פערלען האָט עס געקרענקט. ווען זי איז אַלט געווען צוועלף יאָר האָט זי געוואָלט לעבן גוט מיט דער וועלט, איבערהויפּט מיט איר ברודער מענדל, אים אַלץ נאָכגעבן, געוואָלט אַז איר ברודער זאָל זיך באַציען גוט צו איר בשעת אירע חברטעס זיינען צו איר געקומען אַף אַ באַזוך. נאָר ער האָט זיי אויך ניט געקאָנט פאַרטראָגן. זי האָט אים געוואָלט אונטערקויפן מיט דעם עק פון הערינג, נאָר מענדל האָט אַף דעם מער ניט געוואָלט קוקן.

ווען ער איז געוואָרן אַ דערוואַקסענער בחור און זיך געצופּט די וואָנצע־האָר, האָט זיך נאָך אים אַלץ אויסגעוויזן, אַז אין זיין לעבנס־פאַרביטערטקייט איז אַ סך שולדיק זיין שוועסטער פערל, נאָר ווען זיי האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזען, איידער ער האָט פאַרלאָזן די הים צו פאָרן קיין אַמעריקע און זי האָט אים געקושט און זיך באַגאָסן מיט הייסע טרערן, האָט ער דערנאָך אין באַן זיך געוואונדערט, געטראַכט וועגן איר און זיך די אויגן געווישט.

2

ווען מע דאַרף אויפּשטיין פיר אַזייגער פאַרטאָג אין אומרחמנותדיקע ווינטער־פראָסט און ניוכן, ווי אַ הונט אויף גע'עג, אין די קליינע שורה'לעך פון דער ציייטונג די אַנאָנסן וועגן ארבעט, דאַ קאָן דאָס פּנים ניט שמייכלען

צופרידן. דאַן איז דער בחור, וואָס טרעפט זיך אָן מיט דיר ביי דער טיר פון אַרבעט־פּלאַץ, אַ ביטערער שונא, אַ קאָנקורענט, וועמען דו ווינטשסט אַז ער זאָל דעם באַלעבאָס ניט געפעלן ווערן און מיט דעם ביסטו באַגליבט, ווען דיינע אַקציעס שטייגן. ניט איינמאָל פלעגן זיך נאכהער די בליקן פון די אומבאַקאַנטע, אומזיסטע קעגנער באגריסן. ביידע האָבן קיין דזשאַב ניט באַקומען, ביידע זיינען דערנעענטערט געוואָרן פון זייער דורכפאַל. אַמאָל פלעגט מען אפילו זיך ניט פוילן אויסרעדן אַ וואָרט איינער צום צווייטן, נאָר כמעט שטענדיק זיך אַ כאַפּ טאָן, אַז יעדע מינוט איז מיט א רענדל צוגלייך און מע פלעגט זיך איילן יעדער מיט זיין צייטונג־סוד אף געיעג נאָך ארבעט, זיך ווינטשנדיק דערביי אַז מע זאָל אפן נייעם פלאַץ דעם אומבאַקאַנטן־באַקאַנטן ניט אָנטרעפן.

דאָס סאַמע ביטערסטע אין מענדלס לעבן איז דאן געווען — זוכן אַ דזשאַב. און געטראָגן האָט ער אַ האַס, אַן אומפארשטענדלעכע שנאה, צו די אומגליקלעכע אַרבעט־זוכער, וועלכע ער האָט באַגעגנט אף זיין געיעג. אָפּגעריסענע, ניט־דערשלאָפענע, אויסגעדארטע, נעבעכדיקע, — האָבן זיי געדארפט ארויסרופן סימפּאַטיע צו זיך, איז דאָך מענדל געווען אַ לייבלעכער קרוב זייערער, נאָר, ניין, פון ערשטן בליק אַף זיי, איז מענדל געוואָרן אַ פאַרביטערטער, האָט ער זיי געשאָלטן, צווישן די ציין, און מיט יעדן צוקום פון אַ קאַנדידאט, איז דער כעס ביי מענדלען געשטיגן. וואָס מער פון זיי, וואָס ווינציקער זיינען די שאַנסן צו באַקומען ארבעט.

מענדל מיט די לאַנגע, אָדערדיקע הענט, מיט דער קנאָכיקער, הויכער נאָז, וואָס איז געשטאַנען אַף זיין פּנים, ווי אַ כּטראשידלע אף אַ נאַקעט פעלד, מענדל מיט די אויסגעגלאָצטע קעלבערנע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אייביקע טענות צו דער וועלט, דער הויכער אויסגעצויגענער מענדל — איז געווען תמיד פארצווייפלט, תמיד מיט אַ כמעט וויינענדיקער מינע אַפן דרייקאַנטיקן, הונגעריקן פּנים. ער איז געווען ארומגערינגלט, אומעטום ארומגערינגלט, מיט שונאים. וואָס האָט ער זיי געטאָן? וואָס האָבן זיי אים געטאָן? דאָס האָט ער ניט געוואוסט, נאָר געפילט האָט ער איינס: וואָס מער מענטשן ארום אים, וואָס גרעסער איז זיין מורא. ווי הינט וואָס יאָגן זיך, אויסגעמאָרעטע, נאָך אַן איינציקן ביין, וואָס מען האָט זיי פון ערגעץ וואו צוגעוואָרפן, אַזוי האָבן זיך, לויט זיין באַגריף, מענטשן געיאָגט נאָכן ביסל גליק. גליק? אַז מע האָט געקאָנט די הענט פארקויפן און אינזינען האָבן אויפשטיין העט־פרי ניט צו פארשפּעטיקן צו דער ארבעט, איז געווען גליק. אַז מע האָט, אין געפּאַקטער סאָבוועי, נאָך דער ארבעט, געקאָנט אַ פלאַץ באַקומען, כדי די מידע פיס זאָלן זיך מחיה זיין, איז געווען גליק. אַז ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקומען

אַ ווארעמען צימער אין ווינטער ביי אַ באַלעבאָסטע וואָס האָט אים געוויזן אַ שמייכל, איז געווען גליק.

נאָר תמיד איז הינטערן גליק געשטאַנען די צרה, ווי אַ שאָטן, ווי אַ בייזע מכשפה, וואָס שטשירעט אירע אויסגעפּילטע ציין־לעכער אַף אים. האָט אים אָפּגעגליקט צו באַקומען ארבעט, פלעגט ער מיט שרעק און צאָרן קוקן אַף די שלעפּערס וואָס האָבן יעדן פרימאָרגן באַלאַגערט די פאַבריק און געבעטן מע זאָל זיי געבן אַ דזשאַב. אָט זיינען זיי געווען זיינע שונאים, זיינע אומגליקן. ניט איינמאָל האָט ער געפילט ווי זיי צו שעלטן, ווי זיי צו פארטרייבן פון דער טיר. און האָט ער אַמאָל דערפילט זיך געלאַטן ביי דער ארבעט, ווען עס פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז מע איז מיט אים צופרידן, פלעגט ער זיך פלוצים דערמאָנען, ווי ער האָט אינדערפריביים ארייננאנג דערזען אַ העכערן, אַ שטאַרקערן בחור און דעם־זעלבן בחור האָט ער שפּעטער דערזען מיטן פאָרמאַן זיך ארומדרייענדיק איבערן פּלאַץ, — דאַן פלעגט מענדל פארלירן זיין גלייכגעוויכט און חשדים האָבן אָנגעהויבן, ווי זלידנע פליגן, אים דאָקוטשען אין מח.

און אפילו ביי דער ארבעט האָבן אויך געלויערט אַף אים ניט־גוטע. שוין אָפּגערעדט פון פאָרמאַן, פון געהילף־פאָרמאַן; פון אַן אַלטער „האַנט”, וואָס האָט זיך געהאַלטן פארן קנאקער פון פאַבריק. דער שכן־ארבעטער אַליין איז געווען אַ שונא, פון וועלכן מע האָט זיך געדארפט אויסהיטן, ווי פון אַ שפּיאָן אין אַ צייט פון קריג, ווי פון אַ שפּין, וואָס וועבט אינדערשטיל איר נעץ ארום דיר. דער שטילער שכן ביי דער צווייטער מאַשין, מיט די ברוינע אומפריינטלעכע וואָנצעס, האָט ניט איינמאָל פון דער זייט, מיט איין אויגל נאָכגעפאָלגט מענדלען און נאָכהער זיך געגעבן אַ גלעט איבער די וואָנצעס. און האָט ער גערעדט מיט מענדלען און צוגעשאָקלט צו דעם, וואָס מענדל האָט געזאָגט, האָט מען אויך ניט געקאָנט זיכער זיין, אַז ער איז איינשטימיק. צופיל האָט דער שכן געשוויגן און ווען ער האָט גערעדט, איז דאָס געווען מיט אַן איבערגעטריבענער פריינטלעכקייט, האָט מענדל דערפילט.

און אפשר האָט מענדל באַקומען אַן אומצוטרוי צו זיינע מיטארבעטער אין פאַבריק דערפאַר, וואָס זיי זיינען מערסטנס געווען ניט־יידן און חוזק געמאַכט פון מענדלס טיפּיש־יידישן אויסזען און האַלטן זיך. אַ פרעמדער איז ער געווען, מענדל, אין יעדן ארבעט־פּלאַץ און עס פלעגט זיך אים ניט איינמאָל אויסווייזן, אַז אָט וועט אים עפּעס פליען אין קאָפּ אריין, אַז אָט וועט מען אים ארייגרופן אין אָפיס, אים געבן דאָס געצאָלט־קאָנווערטל און הייסן גיין.

געזונטע ידים האָט ער געהאַט, מענדל, נאָר די מאַשין איז געווען שטאַרקער

פון אים, איבערהויפּט ווען ער איז געווען מיד, ניט אויסגעשלאָפן, דאַן האָט די מאַשין געפּאָדערט, זיך גערייצט מיט אים, געשיפּעט: „שנעלער, שנעלער!" און דאַן פלעגט ער דערפילן, אַז זי איז אים אַ שונא, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אָף זיין לעבן און וויל אים דורס זיין. און ווען ער פלעגט אריינקומען צו דער ארבעט, זיך אויסטאָן, אָנטאָן דעם פאַרטוך און זיך שטעלן ביי דער מאַשין, דאַן פלעגט ער דערפילן ווי ער איז אַ זעלנער אין אַ לאַגער און קעגנאיבער אים איז דער צווייטער, פיינטלעכער לאַגער — די ריי מאַשינען. באַלד וועט זיך אָנהייבן די שלאַכט צווישן אים און שונא — מאַשין. מאַשין איז העכער, ברייטער פון אים, מאַשין רעוועט ווי אַ ווילדע חיה. ער וואָלט אויך וועלן א רעווע טאָן אַזוי, אַז די מאַשין זאָל זיך פאַר זיין ברום דערשרעקן, אָט אַזוי ווי ער ווערט אַמאָל פאַרציטערט פון מאַשינען־וואָי.

אין אָפּטריט איז געווען רו. ווען דער פאָרמאַן איז אוועקגעגאַנגען, האָט מען זיך געלאָזט אהין, איינציקווייז, נאָר דאָרטן איז געווען אַזוי משונהדיק הייס, אַז עס פלעגט אָנכאַפּן אַ ניט־גוטקייט. תמיד זיינען דאָרטן געווען צופיל קאָנקורענטן, געקלאַפּט אין טירל: „ווי לאַנג וועסטו זיך דאָרט זאמען?" אויך אַהין האָבן דערגרייכט די שונאים.

3

לאַנג האָט מענדל געחלומט פון פרויען אָרעמס, פון אַ גלאַטער ווייסער הויט, וואָס ער זאָל קאָנען גלעטן צו זיין הארצנס געלוסט. ער פלעגט פאַר־גנב'עטערהייט נאָכקוקן ווי זיין מיסיס טוט זיך איבער אין צווייטן צימער, ער פלעגט מיט אַן אָפן מויל און אויסגעגלאָצטע פאַרחלשטע אויגן אריינדרינגען זיינע בליקן אין איר אָפּענעם בוזעם ווען זי פלעגט זיך אָנבויגן. מענדל איז געווען אויסגעהונגערט נאָך פרויען־לייב און דער אָנריר פון זיין מיסיס' קליידל אין אים, האָט אים שוין באַרוישט, און ווען זי האָט איינמאָל צוגעלייגט איר פייכטע דלאָניע צו זיין הייסן שטערן, ווען ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער פילט זיך ניט מיט אַלעמען, האָט ביי אים געוויבט אַ נאַכט שלאָף.

וואָס גרעסער ס'איז געווען זיין בענקעניש נאָך דער מיסיס, אַלץ גרעסער איז געוואָרן זיין שנאה צום באַלעבאָס פון דער דירה. אומעטום האָבן די מענער ליב געהאַט זייערע ווייבער, אָדער אויב ניט ליב געהאַט, זיי פון אויג ניט ארויסגעלאָזט. זיך אָפּט געקריגט, ארומגעגאַנגען אָנגעבורטשעטע, נאָר צום סוף, צום שלאָפן גייענדיק, זיך איבערגעבעטן.

איינמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער קאָן זיך צושאַרן צו דער מיסיס. זי איז שוין ניט געווען יונג, ניט שיין און דער מאַן איז געווען אַן אָנגע־כמורעטער. מענדל איז מיט איר געווען אַ גאַנצן אָוונט אליין אין הויז. איר צען־

יעריק יינגל איז שוין געשלאָפן. מענדל האָט דערפילט, אַז אַ שווייס שלאָגט אים אויס אויפן לייב פון אויפרעג. ער איז מיט איר געזעסן אין קיך, געלייענט פאַר איר אַ צייטונג וועגן אַ מאָרד צוליב ליבע. זי האָט איבערגעווישט דאָס געשיר. ער האָט זיך גערוקט צו איר אַלץ נעענטער. זיינע אויגן זיינען געוואָרן גרעסער, זיין אָטעם האַסטיקער. זי האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן גענעצן, לאַנג און פויל, ווי אַן אַלטע קאַץ און דאַן זיך געוואָמען מיט סאַזשע ריייניקן דעם אויוון. אירע הענט און דאָס פּנים זיינען געוואָרן פאַרשמירט, פון איר האָט זיך געהערט דער ריח פון דער סאַזשע, וואָס מענדל האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

— ווי שפּעט איז? — האָט זי געפרעגט. — מיין משה דאַרף שוין קומען. וואָס גייט איר ניט שלאָפן, מענדל? מיין מאַן האָט ניט ליב, אַז דער באָרדער זאָל זיך ארומדרייען צופיל אין קיך.

אַן אַכצן יעריקער שאַפּ־חבר האָט אים גענומען צו אַ נקבה. געגאַנגען איז ער אהין מיט אַ ברוינזנדיק געמיט, נאָר צוקומענדיק צום הויז און דערזעענדיק ווי אין וואַרטצימער האָבן געוואַרט פינף מענער, יונגע און אַלטע, האָט ער דערפילט ווי מע וואָלט אים אַריינגענאַרט אין אַ זאַק. ער האָט געוואָלט אַרויס־גיין, נאָר זיך געשעמט פאַרן חבר, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער.

צוויי נקבות זיינען דאָרט געווען. איינע אַ יונגע, פון עטלעכע און צוואַנציק נאָר מיט אַ דורכגעטריבן, בייז פּנים און צעשויבערטע האָר און אַ פלאַכער ברוסט; די צווייטע איז געווען אין די דרייסיקער, גאַרניט פון די רייצנדיקע, מיט אַ צעקנייטשט פּנים און גראָבע ליפּן, וועלכע מענדל האָט ניט געקענט פאַרטראָגן אין אַ פרוי. אָף אים איז אויסגעפאַלן ניט די יונגע, נאָר גראָד די עלטערע. זי האָט זיך געדונגען מיט אים, אים באַקוקט מיט ביטול און וואָלט ער זיך ניט געשעמט פאַר זיין יונגן חבר, וואָלט ער איר באַצאָלט און אַנטלאָפן.

אַ לאַנגע צייט האָט ער פון דאַן אָן ניט געקוקט אָף פרויען. ער האָט זיי פיינט באַקומען און אָפּגעשפּאָט פון זיי. כאָטש דעם חבר אין פאַבריק האָט ער צוגעזאָגט נאָכאַמאָל צו גיין מיט אים, ווען יענער האָט אים דערציילט פון אַ ניי פלאַץ. און ווען די צייט איז געקומען איז ער ווידער געגאַנגען.

ער איז דאַן אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר.

קיין משפּחה דאָ אין לאַנד האָט מענדל ניט געהאַט, איז אים געווען אומעטיק נאָך דער אַרבעט, האָט די וועלט אים אויסגעקוקט ווי אַ שלאַכט־הויז, וואו מען טרייבט יעדן צו דער שחיטה. טרייבן טרייבט דער שטאַרקער דעם שוואַכן. האָט איינער מורא פאַרן צווייטן, קוקט יעדער מיט אומצוטרוי אָפן אַנדערן. איז מענדל ארומגעגאַנגען אַן אָנגעכמורעטער, אַן אָפּגעלאָזענער אין קליידונג, מיט אַ פאַרזויערטן פּרצוף.

4

האָט איינמאָל אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין דער פאַבריק וואו מענדל האָט געאַרבעט. ער איז דאָרט געווען אַ נייע „האַנט”. געטראָפן האָט ער אויפגערעגטע געמיטער, געביילטע פויסטן, ווי אין אַלע פּלעצער וואו מענדל האָט געאַרבעט, אַזוי איז אויך דאָ געווען אַ געדריקטע שטימונג. די אַרבעטער האָבן זייער ווייניציק פאַרדינט, ניט געווען קיין באַלעמעלאָכעס, מע האָט געקענט געפינען גלייך אַנדערע „הענט”, קיין אָפּגעשפּאָרטע געלט האָט מען ניט געהאַט, קיין אויפקלערקייט אין קלאַסנקאַמף האָט מען ניט אַנגעפירט צווישן זיי. די נויט איז אָבער געווען דער בעסטער אַגיטאַטאָר. מע האָט אָפן בולעטין־ברעט וואו עס איז געהאַנגען אַ פאַרשטויבטע מעלדונג וועגן פייער רעגולאַציעס וואָס קיינער האָט קיינמאָל ניט גענומען זיך די מי צו לייענען, פלוצים דערזען אַ פרישן בויגן ווייס פּאַפּיר, נעט-מאַשין געשריבן. די פירמע האָט געלאָזט וויסן, אַז פון דעם 15טן קומענדיקן חודש — געווען איז דאָס אין הייליקן חודש דעצעמבער, — ווען נאַרישע אַרבעטער האָפן, אַז דער באַלעבאָס וועט זיי געבן אַ קריסטמעס־מתנה, א הוספה, — וועט פאַרקומען אַן אַלגעמיינער שניט אָף די שכירות פון אַלע אַנגעשטעלטע. אַזוי שנעל ווי די געשעפטן וועלן זיך פאַרבעסערן, וועט מען דעם שניט אָפּשאַפן.

עטלעכע יונגען, גראָד די בלאָנדע, די אַמעריקאַנער, האָבן מיט פאַר־ביסענע ליפּן געמאָלדן: סטרייק. אַרומגעגאַנגען פון מאַשין צו מאַשין; הערט זיך איינעט, חברה, אַזוי און אַזוי, עס סטייעט ניט אָף קיין פלייש; מע אַרבעט שווער און וואָס האָבן מיר? קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. מירן זיך האַלטן צוזאַמען, וועלן מיר געווינען. ווער עס וועט ניט זיין מיט אונז, זאָל אים גאָט העלפן.

מענדל האָט אין זיין עלנט זיך תמיד צוגעהערט צו עלטערע מענטשן. אין זיי האָט ער גערעכנט שטעקט די גאַנצע חכמה. אין דער פאַבריק זיינען די אַלטע, אָט-די מיט די גראָבע וואָנצעס, געווען קעגן סטרייק. אַ לעבן אָפּ־געאַרבעט אין זעלבן פּלאַץ, תמיד געשוויגן, תמיד זיך אונטערגעלעקט צו די פאָרלייט. מענדל האָט געוואוסט, אַז אַ סטרייק איז אַ שלעכטע זאַך. מע שלאָגט. מע קריגט זיך, מע האָט זיך פיינט. מענדל האָט געוואָלט ליב האָבן. די שכירות זיינען טאַקע געווען קליין. חתונה האָבן אָף זיי האָט מען ניט געקאָנט, וואוינען אין אַ גרעסערן צימער אויך ניט, האָבן עטלעכע אָנ צוגן אויך ניט, אָפּשפּאָרן אַ פּאָר טאָלער אוודאי ניט. איצט וועט מען שניידן, וועט ווערן נאָך ערגער. נאָר מענדל האָט זיך געהאַט אַרומגעדרייט צען וואָכן ליידיק, ביז ער האָט געקראָגן דעם איצטיקן דזשאָב. די אַלטע זאָגן, אַז מע

וועט ניט געווינען, דער פאַרמאַן זאָגט, אַז דער, וואָס וועט אַראָפּ, וועט ניט קאָנען מער אַרויף. מענדל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו יעדן איינעם, וואָס איז אים געקומען איבעררעדן. ער האָט יעדן אויסגעהערט, נאָר קיינעם ניט געגלויבט. ער האָט געוואוסט איין זאַך: ער האָט פיינט פיינט צו האָבן, ער וויל ניט קיין קריג. דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן ווי טאָן פון די קריגערייען.

ווען דער סטרייק האָט אויסגעבראָכן, איז מענדל מער אין פאַבריק ניט צוריקגעקומען. ער איז אַוועק זוכן אַרבעט ערגעץ אַנדערשוואו. ער האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן אַרום דער סטרייק־געגנט. ער האָט קיינמאָל אַפילו ניט געוואָלט אויסגעפינען צי דער סטרייק איז געוואונען אָדער פאַרלאָרן געוואָרן.

מענטשן האָבן באַלאַנגט צו פאַרשיידענע חברות. ווען מע איז קראַנק געוואָרן, זיינען זיי געהאָלפן געוואָרן, ווען זיי זיינען געשטאָרבן, האָט מען זיי באַגראָבן מיט כבוד. מענדלען איז דאָס געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך ערגעץ־וואו געוואָלט צוטוליען. יונג איז ער געווען, האָט אים די לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי פון זיין שטעטל אריינגענומען. דאָרט האָט ער געטראָפן אומבאַקאַנטע מענטשן, עלטערע ייִדן, קיין פרויען זיינען דאָרט ניט געווען. יענע האָבן באַלאַנגט צו אַ באַזונדערן פאַראיין. קיין קאָרטן האָט מענדל ניט געקאָנט שפּילן, האָט ער ביי די סאָסייעטי־ברידער ניט נושא חן געווען. האָט ער געצאָלט, געצאָלט, ביז ער איז געוואָרן אַרבעטלאָז און ניט געקאָנט צאָלן זיינע דיוס. האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון דער סאָסייעטי, אַז מע וועט אים שטרייכן. דאָס האָט געמיינט ביי מענדלען: שנאה. מין האָט אים ניט ליב. האָט ער באַקומען אַ האַרץ אויף זיינע לאַנדסלייט און מיט דעם האָט זיך געענדיקט זיין געזעלשאַפטלעכע קאַריערע.

מענדלס פילאָסאָפיע איז געווען: האַלט זיך וואָס ווייטער פון מענטשן־מין. מען קאָן אים ניט געטרויען.

5

נאָר איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן איז אַ ליכט אויפגעגאַנגען אין האַרצן ביי מענדלען. צום ערשטן מאָל אין אַ סך יאָרן האָט ער זיך צעשמייכלט מיט אַ גלוּיביקן פינטל אין די אויגן, ווי אַ קינד וואָס דערזעט אין דער פרעמד אַן אייגן, ליב פּנים.

געווען איז דאָס נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון אַרבעט־צענטער, וואוהין ער האָט זיך געאײַלט העט־פרי מיט אַ צייטונג־אַנאָנס אין די פאַרפראָרענע הענט. אינגאַנצן זיינען דריי מענטשן געקומען אין אָפיס פון דער מעטאַל־פאַבריק, וואָס האָט אריינגעשטעלט דעם אַנאָנס אין צייטונג. מענדל

איז געוועזן זיכער, אַז ער וועט זיין דער גליקלעכער, ווייל יענע צוויי האָט מען אַוועקגעשיקט, אפילו זייערע נעמען ניט פאַרשריבן, ווי מען פירט זיך געווײנטלעך אין אַזעלכע פאַלן. דער אינטערוויוער, א בחור אַ שנעק, מיט אַ קליין פּנימל און קאַלטע אויגן, וואָס האָט בלויז איין קוק געגעבן אַפן קרבן און שוין איז געווען ביי זיי אָפּגעמאַכט, אַז אויס. — דער אינטערוויוער האָט אָפּגעמאָסטן מענדלען מיט אַ ווינקל פון איין אויג און ער האָט אים געזאָגט, אַז מע דאַרף ניט. מענדל האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, אים פרעגן עפּעס, נאָר ווי תּמיד אין אַזעלכע פאַלן, האָט אים אויסגעפעלט מוט.

אַן אנטוישטער איז מענדל ארויף די שטיגן צו זיך אַהיים און באַשלאָסן זיך צולייגן אין זיין אָנטועכץ. דער שלאָף איז ביי אים געווען די לייזונג פון אַלע פּראָבלעמען, וועלכע זיין מוח איז ניט אימשטאַנד געווען צו לייזן. ער האָט אָנגעהויבן אויסטאָן די שיך און פּלוצים געבליבן מיט אַ שוך אין האַנט און מיטן פּנים געווענדט צום פענסטער. פון דרויסן, פון יענער זייט שויב, האָט מענדל דערהערט אַ פּישטשען פון פייגעלעך, אַ געטומל פון דינינקע קעלעכלעך. אויך ביי זיי קריגט מען זיך, פּונקט ווי ביי אונז, איז דורך זיין מוח. ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענסטער אַ קוק טאָן. זיין פענסטער איז ארויס-געגאַנגען צום פייער־עסקייפּ. דאָרט, אויפן אייזערנעם טרעפל, איז געשטאַנען אַ געזעמל פון פייגעלעך און געפּיקט צוזאַמען אַ רעפטל ברויט, וואָס איז פון אויבערשטן שטאָק אַראָפּגעפאַלן. מענדל האָט זיך צוגעקוקט און וואָס לענגער ער האָט געקוקט, וואָס מער זיינען די אָנגעצויגענע פאַרביסנקייטן אַף זיין נאָז, אַף זיינע ליפּן־ווינקלען, אונטער זיינע פאַרלאָשענע אויגן, לויזער געוואָרן, ווי האַרטער, פאַרבלאָטיקטער שניי, וואָס איז אונטער די כסדרדיקע זונען שטראַלן ווייכער געוואָרן און אָנגעהויבן גלאַנצן, שמייכלען גוטמוטיק.

איין פייגעלע האָט פּלוצים דערזען מענדלען דורך דער שויב און גלייך, אַף אַ געהיימען סיגנאַל, זיינען זיך אַלע פייגעלעך פאַנאַנדערגעפלויגן. אויך זיי האָבן מורא פאַר מענטשן, האָט מענדל געטראַכט און אינסטינקטיוו דערפילט אַ נאָענטקייט צום פייגל־מין. ער האָט געוואָלט זיך אויס׳טענה׳ען מיט די פייגעלעך, דערקלערן, אַז ער וועט זייער ביסן ניט צונעמען. דאַן האָט ער באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון פענסטער און זיך שטעלן אַזוי, אַז ער זאָל די פייגעלעך קאָנען זען, און זיי אים — ניט. ער איז געשטאַנען אַזוי מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און זיך באַלד דערוואַרט. אַ פייגעלע איז אָנגעפלויגן, זיך ארויפגעשטעלט אויף אַן אויבערשטער גראַטע און אויסגעשפּירט, אויפגעהויבן דאָס קליינע, פּוכקע העלזל, מיטן טונקל־בורשטינענעם שנעבעלע און מיטן פינטל־אויגעלע אויסגעפאָרשט די לאַגע, געגעבן אַ צוויטשער און גלייך זיינען אָנגעפלויגן נאָך פיי־

געלעך. זיי האָבן זיך געשטעלט אין באַרשייד'ענע פּאָזיציעס, אַף פאַרשיידענע שטיגן און געוואַרט אַף דעם דרייסטערן, וואָס האָט צום ערשטן זיך אַ לאָז געטאָן צום ברויט, געגעבן אַ פּיק און גלייך אַ קוק געטאָן צו מענדלס פענ־סטער. דערזעז, אַז קיינער איז דאָרט ניטאָ, האָט עס געגעבן אַ פּישטש, אַ סיגנאַל און גלייך זיינען צוגעשפּרונגען די איבעריקע פייגעלעך און געפּראוועט אַ סעודה. מע האָט זיך ניט געקריגט צוליבן ברעקל ברויט, ווי ביים מענטשן־מין. צוזאַמען האָט מען הנאה געהאַט, נאָר כסדר אַ הייב געטאָן די העלזלעך צו דער שויב, צי אַ שונא לויערט ניט אַף זיי. עס זיינען אַנגעפלויגן נאָך פייגעלעך, אַלע שפּערלינגען, קליינע, טאָג־טעגלעכע, ניט זיי זינגען, ניט זיי האָבן שיינע פעדערן, פּשוטע חי־וקימס, אָט אַזוי ווי ער, מענדל, און זיין גלייכן.

עס איז אים געוואָרן וואַרעם אינעווייניק פון זיין נייער באַקאַנטשאַפט. ער האָט ניט געקענט זיך אָפּרייסן פון פענסטער. נאָר אָט האָבן זיך די פייגעלעך, ווייזט אויס, פאַר עפּעס דערשראָקן און זיי זיינען אַלע זיך פּאַנאַנדערגעלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. די מער־געוואַגטע זיינען אַוועק ניט ווייט, אַף אַ העכערן שטאָפּל פון פייער־עסקייפּ. די שטיקלעך ברויט זיינען געבליבן ליגן פאַריתומט און פאַריתומט איז אויך געבליבן שטיין מענדל.

פון יענעם טאָג אָן האָט מענדל באַקומען אַ נייעם אינטערעס אין לעבן. ווען ער האָט געגעסן, האָט ער אינזינען געהאַט, אַז אימיצער אַנדערש וואַרט אַף זיין גוטהאַרציקייט, אַז ער האָט זיך פאַר אימיצן צו זאָרגן. ווער עס זאָרגט פאַר אַ ווייב און קינד, מענדל דאַרף אין זינען האָבן די פייגעלעך, וואָס וואַרטן אַף אים ביים פענסטער און לאָזן אים הערן אויף זייער אופן, אַז זיי זיינען דאָ, אַז זיי זיינען הונגעריק איצט, אין די גרויסע פרעסט.

און אַזוי האָט מענדל ביי יעדן מאָלצייט זיינעם ניט פאַרגעסן פריער פאַר אַלץ, אַזוי ווי ער האָט אָפּגעריסן אַ שטיק ברויט אין מויל אריין צו נעמען, אריינצולייגן אין קעשענע אַ חלק פאַר זיינע פייגעלעך. ניט איינמאָל האָט ער באַמערקט ווי מענטשן אין רעסטאָראַן, ארום זיין טיש, וואַרפן אים צו מאָדנע, אומפריינטלעכע בליקן, — נאָר מענדל האָט שוין לאַנג געהאַט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז פון מענטשן איז ניטאָ וואָס צו דערוואַרטן, אַז זיין אייגן לעבן איז מער דאָרט ביי די קליינינקע פייגעלעך, וועלכע האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו אים, כאָטש זיי צעפליען זיך ווען ער קומט צו גאָר נאָענט צו זיי, נאָר אין דעם זיינען שולדיק אַנדערע, שלעכטע מענטשן, וואָס זיינען ניט גוט צו די באַפליגלטע פריינט.

די באַלעבאָסטע ביי וועלכער מענדל האָט געוואוינט, האָט באַמערקט מענדל'ס נייע קאָמפּאַניע און ס'איז איר, ווייזט אויס, ניט געפעלן געוואָרן. זי

האָט זיך באַקלאָגט, אז די פייגעלעך פאַרפאַסקודיען איר דעם פייער־עסקייפ און זי האָט בכלל ניט געקענט פארשטיין, ווי אַ מענטשן ווערט ניט נמאס צו שטיין ביים פענסטער און זיך קוויקן מיט דעם ווי די פייגעלעך פּישטשען און פּיקן ברעקלעך.

— וואָס אַ מענטשן קאָן איינפאַלן? פריש, געזונט און משוגע! — האָט זי דערציילט דעם מאַן. זי האָט אָנגעהויבן מורא האָבן פאר מענדלען. ער איז זיכער ניט מיט אַלעמען, האָט זי באַשלאָסן ביי זיך. פון איר שמועס מיט מענדלען האָט זי זיך נאָך מער איבערצייגט, אַז דעם מענטשן פעלט אַ קלעפּקע אין קאָפּ.

מענדל האָט גענומען אַן אַלט טאַשנטיכל זיינס און ארויס אויפן פייער־עסקעיפּ און אָפּגערייניקט וואָס פייגעלעך האָבן אָנגעמאַכט. די מיסיס זיינע האָט זיך גאָר דערשראָקן פון זיין טאָט. מענדל האָט דערפילט, אַז מע קוקט אף אים קרום און ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט דארפן זוכן אַן אַנדער צימער, וואו עס וועלן אפשר ניט צוקומען קיין פייגעלעך און דער געדאַנק האָט אים באַטריבט. ער האָט זיך דערפאר געפעדערט און געצאָלט פּינקטעלך יעדן ערשטן זיין רענט און דאָס איז ביי זיין מיסיס געווען די הויפּטזאַך.

ווען ס׳האָט געשנייט, האָט מענדל אָפּגעשאַרט דעם שניי אפן פייער־עסקעיפּ און פון פענסטער־ברעטל. די פייגעלעך־משפחה האָט זיך געהאַלטן אין איין פארגרעסערן און די קוויטשערייען האָבן מענדלען אָנגעפילט מיט פרייד און אַ מין שטאָלץ פון זיין ניצלעכקייט אף דער וועלט. דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט באַקומען אַן אַנדער קאָליר. ער האָט געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן. דער געפיל, אַז קיין אַרבעט האָט ער טאַקע ניט באַקומען, דערפאר אָבער וועט ער קאָנען גוטס טאָן היינט — שפייזן פארפראָרענע, צאַרטע נפשות, האָט אים געמאַכט חשובער ביי זיך. איינמאָל, ווען ער איז באַליידיקט געוואָרן ביים זוכן ארבעט, האָט ער געוואָלט זאָגן דעם חוצפּהדיקן פאָרמאַן, אַז — — נאָר עס האָט אים אויסגעפעלט מוט און ער האָט בלויז אַף יענעם אַ קוק געטאָן פון אויבן אַראָפּ, ווי איינער זאָגט: איך בין אַ בעסערער מענטש פון דיר, ערגעץ־וואו האָט מען אַ געהויבענע מיינונג וועגן מיר...

עה, ווען ער, מענדל, וואָלט נאָך געקאָנט האַלטן אין זיין האַנט אַ פייגעלע־! ווען ער וואָלט געקאָנט גלעטן דאָס פּיצעלע גרוי־ברוינע קעפּעלע און דאָס פּוכקע גרוי־ווייסע בייכעלע! אַמאָל איז אים איינגעפאַלן, אין געדאַנק, צו קויפן זיך אַ זינג־פייגעלע און דאַן וועט ער עס קאָנען ליב האָבן ווען אים וועט זיך גלוסטן. נאָר, ניין, ער האָט דעם געדאַנק גלייך פאַרטריבן פון זיך. אַ זינג־פויגעלע איז אַ פּריצ׳ל, אַן אָנגעבלאָזנס, מיט שיינע פעדערן, מיט אַ יחוס־בריוו

הינטער זיך. ער האָט געוואָלט האָבן אַ פייגעלע, ווי ער אַליין איז געווען — אַן עלנדס, אַ נע־ונדניק, אַ פּראָסטס, וואָס מע קוקט זיך אָף דעם ניט אום.

אין אַ צייט ארום האָט מענדל באַמערקט אין זיך אַן ענדערונג, ווי ער וואָלט פון אַ לאַנגע־ קרענק אויפגעשטאַנען און דערפילט, אַז מיט יעדן טאָג ווערן זיינע שוואַכע פיס קרעפטיקער, זיינע אויגן לויטערער. אָט־דעם האָס וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג, זינט די מעשה מיטן עק הערינג, ווען עס האָט זיך אָנ־געהויבן זיין שנאה צום מענטשן־מין, געטראָגן אין הארצן, אין מוח און וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אָף זיין גאַנץ פּנים, — אָט־דער האָס האָט אָנגעהויבן זיך אָפּטאָן פון אים, ווי אַ שווערע משא וואָלט ביסלעכווייז אַראָפּגענומען געוואָרן פון זיינע אַקסלען. זיין ליבע צו די אָרעמע שפּערלינגען און זייער צוטרוי צו אים, האָט מיטאַמאָל איבערגעאַנדערשט מענדלס קוק אָפן לעבן, ווי ער וואָלט צו זיין קורצזיכטיקייט אָנגעטאָן אַ פּאָר ברילן, וואָס האָבן געמאַכט צום זען זאַכן וועלכע ער האָט פריער פון ווייטן ניט געקאָנט בשום אופן זען. ער האָט אַליין ניט געקענט די זאַך באַגרייפן, נאָר נאָכדעם ווי ער האָט געשפּייזט די פייגעלעך, פלעגט זיך זיין שטימונג הייבן, ער פלעגט ווען א רעד טאָן מיט אַ מענטשן און אומגיין אַ צופרידענער מיט זיך. די מיסיס האָט זיך אין אָנהויב דערשראָקן, נאָר זיך אינגיכן איבערצייגט, אַז דער מאָדנער באַרדער רעדט אַמאָל צו דער זאַך און אַז ער איז גאָרניט קיין שלעכטער בחור. זי האָט אים אַפילו מיט אַמאָל איינגעלאַדן צו טרינקען מיט איר אַ גלאָז טיי און מענדל האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן זיין לעבן, נאָכדעם ווי די מיסיס האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט ניט חתונה.

וואָס נעענטער די פייגעלעך זיינען אים געוואָרן, אַלץ נעענטער האָט אים אָנגעהויבן צו ווערן דער מענטשן־מין. ער האָט אַלע מענטשן אָנגעהויבן איינ־טיילן אין אריסטאָקראַטישע זינג־פייגעלעך, מיט גרינע פעדערלעך, וואָס וואוינען אין באַגילדטע שטייגעלעך און וועלכע ווערן געשפּייזט מיט ספּעציעלע פּאַטראָוועס (אזוי פלעגט ער זיך, אין געדאַנק אויסדריקן) און פּשוטע גאַס־פייגעלעך, וואָס ראַיען זיך אין פערד־מיסט, כדי צו קאָנען זיך ביים לעבן דערהאַלטן. אָט־די זיינען געווען זיין מין, אָט־די האָבן געליטן, געפראָרן גע־וואָרן און זיך געהאַלטן צוזאַמען, גערופן איינער דעם אַנדערן, ווען מע האָט געקאָנט קריגן שפּייז צוזאַמען.

אַ לעקציע האָט מענדל געלערנט פון די ארבעטזאַמע שפּערלינגען. ווען ער איז איצט געגאַנגען זוכן ארבעט, האָט ער שוין אָף זיינע מיטזוכער ניט געקוקט מיטן האָס פון אַמאָל. ער האָט שוין ניט געזען אין יעדן ארבעטער אַ שונא וואָס וויל אים דעם ביסן פון מויל ארויסרייסן. אויך זיי זיינען שפּער־

ליגגען, וואָס ווילן עסן, און שפּייז איז דאָ אױף דער וועלט פאַר אַלעמען און מע דאַרף יעדן איינעם אײנזינען האָבן, אָט אַזוי ווי ער, מענדל, האָט יעדן טאָג אײנזינען די פייגעלעך אָפּן פּייער־עסקעיפּ.

און שטייענדיק ביים פענסטער און צוזעענדיק ווי די פייגעלעך קוויקן זיך מיט זיינע ברעקלעך, האָט מענדל זיך כסדר פאַרטראַכט וועגן די מענטשן־שפּערלינגען ווענען עס קומט אָן אַ סך שווערער, ווי דעם פויגל־מין צו קריגן די טעגלעכע שפּייז. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיך אַליין, אָנגעהויבן פון העט־אַמאָל, פון זיין האָס צו דער שוועסטער צוליבן הערינג עק און געטראַכט, יעדן טאָג געטראַכט, וועגן דעם סדר פון דער וועלט און דעם האָס פון מענטשן־מין און געפילט האָט ער, מענדל, וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַז עס יעירט אין זיין האַרצן אַ נײי געפיל, אַ געפיל פון ליבע צום שפּערלינג מענטשן־מין. עס איז אים געוואָרן וואַרעמער דערפון און ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער ארויס, ארויס אין דרויסן. עס האָט אים געצויגן אַהין וואו עס זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע ווי ער, וואָס זוכן ארבעט, וואָס ווילן טאָן גוטס, וואָס ווילן שפּייזן די פאַרפראָרענע, צאָרטע און קוויטשנדיקע שפּערלינגען.

באַרג

(דערציילונג)

מיר זיינען געזעסן אויף די שמאָלע הילצערנע שטיגן פון גאַניק. לעבן אונז אויפ׳ן גראָז האָבן ביידע פרויען זיך געשפּילט מיט די דריי נאָך בלינדע הינטלעך וואָס זיינען געווען צען טעג אַלט. „לאקי״, זייער מאַמע, איז געלעגן אויסגעצויגן מיט׳ן בויך אויף אַ זייט און געלאָזט זיי זויגן, כאָטש זי איז אַליין געווען אויסגעצערט. איין הינטל איז געווען סאַמעט־שוואַרץ, דאָס צווייטע — טונקל־ברוין און דאָס דריטע אינגאַנצן ווייס, נאָר מיט שווארצע חנ׳עוודיקע פלעקן ארום די אויגן. זיי זיינען געווען רונדיק ווי מאָפּסלעך, קיינס איז ניט געווען אין דער מאַמען געראָטן, ווייל זי האָט געהאַט א לאַנגע שפּיציקע מאָרדע, א געמיש פון א קאָלי און אַ פּאַסטוך־הונט. די הינטלעך האָבן נאָך ניט געקענט שטיין אויף די פיס; זיי האָבן זיך קאָמיש געשארט אויף די בייכלעך. די פרויען האָבן זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון זיי. מיטאַמאָל האָט לאקי זיך געגעבן אַ שטעל אויף און זיך אוועקגעלאָזט אין דערבייאיקן וועלדל, אויף איר טעגלעכן גײעג נאָכן האָז, וועלכן זי האָט געהאַלטן אין איין כאַפּן, נאָר ניט געקאָנט.

עס איז געווען פאַרנאַכט. פון די נאָענטע און ווייטע בערג איז אויפגעגאַנגען אַ שמעקעדיקע קילקייט, וואָס האָט פאַרטריבן פון זיך די היץ פון טאָג. הינטער אַ באַרג, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער רוקן פון א בופלאקס, האָט די פאַרגייענדיקע זון געלאָזט נאָך זיך פיאָלעטעווע פאַסן, וואָס האָבן זיך געזוימט אין גאָלד. פון דער צוויי־שטאָקיקער שטאַל קעגנאיבער אונז, אויף דער צווייטער זייט וועג, האָט זיך געהערט אַ וואָרקען פון טויבן און אַ מרוקען פון קעלבל. אויפ׳ן ברייטן פעלד דערנעבן זיינען ווי צעשפּרייטע ריזיקע פּעכערס געשטאַנען הונדערטער ווייסע לעגהאָרן הינער. דאָס טונקל גרינע גראָז און די ווייסע הינער אינזלען אויף זיי האָבן בארויקט דאָס אויג און אויסגעדריקט האַרמאָניע מיט׳ן שטילן ארום, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך שלייכן אהער פון הינטער די ווייטע פאַרנעפּלטע בערג.

דזשעקס פּנים האָט געשמייכלט. ס׳איז געווען ברוין ווי די סטויגעס הײ וואָס זיינען געלעגן אויף זיינע פעלדער. זיינע ניט־ראַזירטע באַקן און די ווייסע

ציין האָבן זיך ווי איבערגעוואונקען מיט די קליינע בלווילעכע אויגן וואָס האָבן זיך געזשמורעט ווען ער האָט פאַררויכערט א סיגאַרעט.

— מען דאַרף אַריינגעמען די הינער, דזשעק, — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט זיין פרוי׳ס שטימע.

— אָקעי, — האָט אויסגערופן דזשעק, קוקנדיק אויף די ווייסע פלעקן איבער׳ן פעלד, מיט אַ צופרידענעם בליק.

א פיינע פּאָר, דזשעק און שוירלי. זיין פּנים איז ביינערדיק, לענגלעך; איר׳ס איז קיילעכדיק און פול. ער איז בלאָנד, קורץ געשאָרן, מיטלוואוקסיק. זי האָט פּעך־שוואַרצע כוואַליענדיקע לענגלעכע האָר און גליאיק שוואַרצע קליינע אויגן, וואָס אָט שמייכלען זיי און אָט דרינגען זיי דיך דורך. זי איז מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון אים, נאָר מאַכט דעם איינדרוק פון ברייטן געבוי. איר קול איז זינגענדיק יונג, זיינ׳ס איז פאַרהוילן און שפּאָרעוודיק.

אז זי רעדט צו אים, איז דאָס אָט ווי אַ מאַמע וואָס רעדט זיך דורך מיט איר דערוואַקסן קינד און אָט ווי אַ געליבטע וואָס גלעט מיט איר קול. זי, ווען זי רעדט צו אים, קוקט זי אויף אים גלייך ווי זי וואָלט אים בשעת מעשה, באַטראַכט און געפּאָרשט. ער, ווידער, ווען ער הערט איר קול, קערט זיך ניט אום אין איר ריכטונג, נאָר ער לאָזט דעם קאָפּ אַראָפּ כדי די אויערן זאָלן בעסער קאָנען הערן און דאַן ווענדט ער זיין בליק אין ווייט, צום ברייטן פעלד און צו די ווייטע בערג, ווי פעסטונגען. ווען ער איז ניט איינשטימיק מיט אירע רייד, ווערט זיין קול נערוועז און גרילציק. דאַן ווערט איר קול ווייך און ווייליק און נאָכגעבעריש.

עס איז געוואָרן פינצטער. די פרויען האָבן אַריינגעלייגט די הינטלעך אין דער מיט שטרוי אויסגעבעטער נאָרע. זיי זיינען אַריין אין הויז, אָנגעצונדן די עלעקטריע אין קיך און זיך גענומען גרייטן צו וועטשערע. מיר האָבן געהאַט אָפּגעריסן מאַלינעס פון די קוסטעס אַרום הויז. אייגענע זיסע סמעטענע, אייגענע רייכע מילך, אייגענע געשלאָגענע פּוטער און קעז און אייער און גרינסן פון גאָרטן — שוירלי האָט זיך איבערגענומען מיט איר פּאַרמעגן. דזשעק האָט אונטער־געשמייכלט א שווייגנדיקער, ווען זי האָט געהאַט אויסגערעכנט מיט וואָס זי וועט אונז קאָרמען.

ער איז צוריקגעקומען פון פעלד, פון די הינער, זיך אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן ווייסע פּלודערן און זיך אוועקגעזעצט צוריק אויפ׳ן פריערדיקן פּלאַץ, אויף די שטיגן פון גאַניק, מיט׳ן פּנים צום פעלד און די ווייטע בערג. מיר זיינען געזעסן אין דער פינסטער און זיך איינגעהערט צו דער אויפגייענדיקער נאַכט, וואָס איז אָנגעקומען אויף די שפּיץ־פינגער. די שטילקייט פון אַרום האָט ווי אָפּגעקלונגען אין די אויערן. די לופט האָט דיך אָנגעפילט מיט עפּעס לויטערס און גרינגס. דיין

גוף האָט געזונגען. דער מוח האָט צוגעגעבן: עס איז וואויל.

איבער׳ן ברייטן גאַניק זיינען ארומגעלאָפן אַ כאַפּטע שטיפערישע קעצלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש. זייערע ווייכע טריט האָבן געפּייקלט פאַרהוילט איבער׳ן דיל. דזשעק האָט פאַררויכערט און זיך געגעבן אַ קראַץ איבער דער פּאַטילניצע. די דינע ליפּן זיינע האָבן זיך באַוועגט, דער קערפּער האָט אויסגעדריקט אומרו. ער האָט זיך געדרייט אהער און אהין. עס איז געווען קאָנטיק, אַז ער קלייבט זיך צו רעדן.

— איאָ, עס איז שיין דאָ? — האָט ער זיך פּלוצלונג אָנגערופן, נאָר זיין קול האָט ניט האַרמאָנירט מיט זיינע ווערטער. ער האָט עפּעס אַנדערש געוואָלט ארויסברענגען.

— איר וויסט — האָט ער אָנגעהויבן — אין אָנהויב, ווען איך בין געקומען אהער, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן. עס פלעגט מיך ארומנעמען אַ מורא, אַ פּחד אַזאַ פאַר די בערג...

— איצט האָב איך זיי ליב, ס׳לעבן. כ׳בין דאָ געווען איינער אליין די ערשטע וואָך. יעדעס מאָל ווען איך האָב זיך געשטעלט קוקן אויף זיי פון דאַנען, האָט מיך ארומגעכאַפּט אַ ציטער און איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַ פאַרלאָרענער.

ער האָט זיך פּלוצלונג געגעבן אַ שטעל אויף, ארויסגעלאָזט קנוילן רויך, אריינגעקוקט דורכן פענסטער אין דער באַלויכטענער קיך אריין, זיך צוריק אוועקגעזעצט אין אַ נייער פּאָזיציע, זיך געגעבן אַ קראַץ דעם קאָפּ, ארויפגערוקט פעסטער די קעפּקע, וואָס איז אים געווען צו קליין, און ער האָט אָנגעהויבן רעדן, ווי אַ מין פאַרזעצונג פון די געדאַנקען, וואָס האָבן ביז איצט גערעדט אין אים.

— ווײַ־ווײַ, וויפיל לעבנס זיינען דאָס פאַרלאָרן געגאַנגען אויפ׳ן באַרג 609! און איך האָב געמיינט, אַז מיין געביין וועט שוין דאָרטן בלייבן ליגן... דרייסיק זיינען מיר געבליבן העט אויבן, איינגעגאַנצן ארומגערינגלט פון אַלע זייטן פון שונא, וואָס האָט געמיינט, אַז מיר זיינען דאָ אין די הונדערטער. די ערד האָט געציטערט פון זיין טויטלעכן פייער. מיר האָבן געוואוסט, אַז ׳מיר מוזן האַלטן דעם באַרג ביז׳ן לעצטן מאַן. פאַרשטאַרקונג איז געווען אויפ׳ן וועג... נאָר דערווייל זיינען מיר אויסגעגאַנגען — ניט פון זיין פייער, ווי פון הונגער און דורשט. אונזערע עראָפּלאַנען האָבן געפּרוּווט ארונטערוואַרפן צו אונז שפּייז, נאָר דער באַרג איז געווען אַזוי קאָנטיק, אַז די שפּייז איז ארונטערגעפאַלן צום שונא... פיר טעג און פיר נעכט זיינען מיר געבליבן אָן אַ ביסן אין מויל. ביי טאָג זיינען מיר פאַרברענט געוואָרן פון היץ, ביינאַכט פאַרפראָרן געוואָרן פון קעלט, נאָר

קיינער פון אונז האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. מיר האָבן געהאַלטן אין איין שיסן, צעשפּרייט אין פאַרשיידענע פּאָזיציעס, צו געגנאַרן דעם שונא... איך האָב געמיינט אַז דאָס איז מיין סוף...

— ווען די פאַרשטאַרקונג האָט אונז דערגרייכט, האָב איך זיך ניט געקאָנט אויפהייבן פון אויסגעשעפּטקייט. מען האָט מיך געדאַרפט אין אַן אַמבולאַנס אריינלייגן. אַלץ אין מיר איז געווען אויפגעלייזט... איך האָב אַ לאַנגע צייט ניט געקענט צו זיך קומען שוין נאָכדעם ווי איך האָב געקאָנט אַרומגיין... מיינע נערוון האָבן ניט באַלאַנגט צו מיר מער. עס האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס איך בין ניט געבליבן ליגן דאָרט אויפ׳ן באַרג 609 מיט מיינע חברים. איך האָב ניט געוואָלט מער לעבן.

— נאָר אַז מען האָט שפּעטער געדאַרפט וואָלונטירן פאַר אויסשפּיר און פּאַטרול אַרבעט, האָב איך זיך גלייך אָנגעשלאָסן... שטענדיק איז פאַר מיר געשטאַנען דאָס בילד פון מיינע פאַרלאָרענע חברים... כ׳בין געגאַנגען אין פאָר־אויס פון אונזער ליניע, אָנגעלאָדן מיט גראַנאַטן און מיט געווער אין דער האַנט. ניין, נאָכדעם, ווי מען האָט דורכגעמאַכט דעם באַרג 609 אין סיציליע, קאָן מען שוין ניט זיין דער זעלבער מענטש וואָס פריער... אַז איר גייט מיט נאָך אַ סאָלדאַט און מען רעדט זיך דורך געמיטלעך און מיטאַמאָל גיט עפּעס אַ ציטער אויף אַרום דער לופט, די ווערסט פאַרטויבט אַ ווייל און דו קוקסט זיך אַרום און דו זעסט ווי דיין מיטגייער איז צעריסן געוואָרן אין דער לופטן. גיסט זיך אַ באַטאַפּ — ביסט דאָ. נאָר פון אים איז געבליבן אַ האַנט דאָ און דער קאָפּ דאָרט און אַ שטיק פון אַ שוך גאָר ווייט אַוועק. נאָר־וואָס געגאַנגען באַנאַנד מיט אים און שוין איז ער צעשטויבט געוואָרן אין דער לופטן. ניין, עס איז ניט גלויב־לעך... און נאָר דאָס ? פון דער כסדר׳דיקער קאַנאָנאַדע זיינען מענטשן אַרונטער פון זינען אויפ׳ן אָרט. אָט נאָר וואָס געשפּאַסט מיט אים און שוין רעוועט ער ווי אַן אָקס און עס כאַפּט אַן אַ שרעק א קוק צו טאָן אויף זיינע ווילדע אויגן... און גראָד די וואָס שרעקן זיך צו מערסטנס, זיינען די ערשטע געטראָפן צו ווערן. דאָס איז מיין דערפאַרונג, זיי ווערן צערודערט און פאַרלירן דעם קאָנטראָל און די דיסציפּלין איבער זיך. נאָר מען קאָן בכלל קיין חכם ניט זיין. וועמען עס טרעפט,טרעפט... מען וועט, דוכט מיר, קיינמאָל ניט וויסן וויפיל אונזעריקע זיינען אומגעקומען פאַר׳ן באַרג 609.

נאָר דזשעק הערט פּלוצלונג אויף, ווייל מען רופט אונז אריין עסן. אין דער מינוט איז ער אַן אַנדער מענטש געוואָרן. זיין אַפּעטיט גרויסאַרטיק. די קליינע אויגן גלאַנצן אויף.

— איר זעט ? אַלץ אייגנס. א שאָד וואָס איר האָט ניט אָנגעקליבן די שווארצע

יאַגעדעס מיט וועלכע עס איז פול דער וועג צום עפּל-סאַד. ווער האָט דאָס צייט זיי צעגויפקלייבן... ס׳איז אַ מחיה צו טרינקען אונזער מילך. זי גיט 25 קוואַרט אַ טאָג, אונזער בעסי. די אייער, זאָגט איר, זיינען צוקער-זיס? מען קומט דאָך צו אונז פון 18 מייל אַרום נאָך זיי.

איך קוק אויף דזשעק׳ן, אויף זיין יונגן רויטן קאַרק. עס אָטעמט פון אים מיט זאַטקייט און צופרידנקייט. וואָס פאַרא ענדערונג די פּאָר מינוט האָבן גע־מאַכט פון אים. שוירליי׳ס קול קלינגט אַזוי רחבות׳דיק איבער דער גראַמער, ליכטיקער קיך. זי לאָזט איר בליק ניט אַראָפּ פון מאַן און זי פאַרהערט קיין איין וואָרט ניט. זי היט זיין יעדן ביסן. זי האָט הנאה פון זיין געזונטן אַפּעטיט.

— דזשעק, נאָך אַביסל קעז, דזשעק?

זיינען די פרויען געבליבן אין קיך מיט׳ן געשיר, און מיר זיינען צוריק אַרויס אויפ׳ן גאַניק. דזשעק האָט זיך גלייך אוועקגעזעצט אויף די שטיגן אין דער פריערדיקער פּאָזיציע. איך האָב אויפגעעפנט דאָס מויל פון דערשטוינונג, ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אַרויף צום הימל און דערזען די פרייע אויסשטעלונג פון מילך־וועג. די שטערן זיינען געווען אָנגעשאָטן געדיכט און זייער ווייסע שיינקייט האָט געצויבערט און אָנגעפילט דיך מיט אַן אויסטערלישער פרייד, פּאַר וועלכער עס האָבן דיר ווערטער אויסגעפעלט. און איידער איך האָב נאָך געקאָנט קומען צו זיך און געוואָלט טיילן מיינע איינדרוקן און באַגייסטערונגען מיט דזשעק׳ן, האָב איך דערהערט זיין קול, וואָס האָט גערעדט געלאַסן, מאָנאָטאָן.

— ווען איך בין צוריקגעקומען אין די שטאַטן — אַ פאַרוואונדעטער אין זייט און אין פוס — און מען האָט מיך באַפרייט פון דינסט, ערשט דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע צרות, הערט איר. ניין, איר וועט ניט טרעפן. אַרבעט האָב איך געקאָנט קריגן איבער׳ן קאָפּ, סיי ביי מיין פאָך, סיי דורך אַנדערע גע־שעפטס־אָנבאָטן. מיט מיר האָט אָבער פּאַסירט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איך האָב די ערשטע צייט באַדויערט פאַרוואָס איך בין געבליבן אַ לעבעדיקער. געדאַרפט באַגראָבן ווערן ערגעץ אין אַפריקע אָדער אין סיציליע... ווען איך בין צוריק־געקומען אין די שטאַטן, האָב איך פשוט ניט געקאָנט זיין צווישן מענטשן, ניט געקאָנט זיי פאַרטראָגן, געפילט זיך שלעכט און איבעריק אין יעדער געזעלשאַפט. אַלע זיינען געווען גוט צו מיר, נאָר ניט דאָס האָב איך געמיינט.

— איך האָב אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי קאָנען מענטשן אַרומגיין אַזוי געלאַסן און רעדן וועגן זייערע דזשאָבס, וועגן זייער עסן, וועגן די מאָוויס און פון צייט צו צייט, ווי אַ פליג וואָלט זיי אַ ביס געטאָן, זיך דער־מאָנען אַז עס איז דאָ אַ מלחמה אויף דער וועלט, זייער אייגענע מלחמה, ווי אַזוי איך האָב געקאָנט לעבן מיט אַזעלכע מענטשן?

— עס האָט מיך אַרומגענומען צו זיי אַ ווידערגעפיל, ווי צו ציניקער, וואָס

חוזק'ן אָפּ פון אַלץ פאר וועלכן איך און מיינע חברים האָבן אזוי געבלוטיקט. עס האָט זיך געוואָלט צוגיין צו זיי און שלאָגן זיי מיט די פויסטן און עפּענען זייערע מחות, שלאָגן זיי מיט כעס, מיט פאַרדרוס. איך בין געזעסן צווישן מענטשן און זיי ניט געזען. מיך האָבן פאַרפאָלגט די בלאַטעס אין אפריקע, די צעהאַקטע גופים אין סיציליע. איך בין געזעסן אין אַ ווייך אויסגעבעטן שטול און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך דאַרף ליגן אויף דער נאַקעטער ערד ביז מען וועט פאַר אונז ביידלעך (טענטס) אויפשטעלן. אומעטום האָב איך געזען מיינע חברים סאָלדאַטן, מיט וועלכע איך האָב זיך אין חזיר'שע פוקסלעכער געראַיעט וואָכן לאַנג און צוזאַמען מיט זיי אין די הויזן זיך באַמאַכט ביי דער ערשטער גרויסער שיסעריי...

— איך האָב געפּרוּווט צוריקגיין אויף מיין אַמאָליקן דזשאָב אין שאַפּ. מען האָט מיך פיין אויפגענומען, געמאַכט אַ פּאַרטי. איך האָב געדאַרפט ענטפערן אויף די לויב־געזאַנגען, וואָס מיינע שאַפּ־ארבעטער האָבן גוטמוטיק צוגערייט. נו, איז מיין רעדע זיי שוין גאָרניט געפעלן געוואָרן. ניט באַדאַנקט האָב איך זיי, נאָר אויסגערעדט און אויסגעבייזערט... איך האָב זיך אין שאַפּ לאַנג ניט געקענט האַלטן. אַלץ האָט מיר אויסגעקוקט אזוי קליינלעך, דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט צוליב פאַרדינען נאָך אַ פּאָר סענט אַ טאָג.

— עס איז מיר געווען זייער שלעכט אויף דער נשמה. יעדן טאָג אהיימ־קומענדיק האָב איך זיך געזאָגט: „דזשעק, דו ביסט אויסגעשפּילט". נאָר מיין ווייב האָב איך גאָרניט געזאָגט. מיינט איר אַז זי האָט זיך ניט אָנגעשטויסן? לאָזט דאָס צו זיי, די ווייבער באַגרייפן זאַכן מיט'ן אינסטינקט. שווער צו פאַרשטיין ווי דאָס געלינגט זיי.

— איינמאָל זאָגט צו מיר שורלי: „דזשעק, מיר'ן קויפן אַ שטיקל פאַרם מיט'ן געלט וואָס מיר האָבן. דער טומל פון דער שטאָט איז ניט פאַר דיר. איך זע, אַז דו ביסט ניט צופרידן, דזשעק".

— איך האָב געזאָגט צו איר, אַז איך בין קיינמאָל אויף קיין פאַרם ניט געווען און איך ווייס ניט ווי אזוי אַ הון לייגט אַן איי. נאָר געטראַכט האָב איך, אַז אויף דער פאַרם וועל איך קיין מענטשן ניט זען. האָב איך געזאָגט: לאָמיר קויפן אַ פאַרם, נאָר וואָס ווייטער פון שטאָט. האָבן מיר געקויפט אָט־דאָס שטיקל לאַנד אין די בערג. ווי איר זעט, געקומען אויף גרייטן, דער פריערדיקער אייגנטימער האָט גראָד געוואָלט זיין וואָס מער צווישן מענטשן. ער איז אַן עלטערער מענטש און עס איז אים דאָ אומעטיק געווען און דערפאַר איז מיר גע־לונגען דאָס צו קויפן. אַ מאָדנע וועלט, האַ? ער איז געלאָפן צו די מענטשן און איך בין געלאָפן פון זיי. איר וועט מיר גלויבן, אַז איך האָב פאַר לאָקי'ן מער מורא געהאַט דעם ערשטן טאָג ווי פאַר אַ מאַשין־ביקס... דער פריערדיקער

אייגנטימער איז מיט מיר געווען דאָ אַ שטיקל צייט. בייטאָג זיינען מיר געווען פאַרנומען און וועגן קיין אַנדער זאַך ווי וועגן אונזער ארבעט ניט גערעדט. אין אָוונט איז ער געגאַנגען פרי שלאָפן און איך בין געבליבן זיצן אַליין דאָ אויפן גאַניק. אַט דאַן האָט מיך ארומגענומען א מורא פאַר די בערג ארום. איר וועט מיר גלויבן, אַז די בערג דאָ אין דער זוויט האָבן מיך דערמאָנט אין באַרג 609. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז ערגעץ דאָרט ווייט גייען־אָן שלאַכטן און דער שונא האָט אונז ארומגערינגלט און מען דאַרף שיקן פאַרשטאַרקונג.

— איך בין געבליבן אליין אויפ׳ן פּאַרם און באַלד איז שורלי געקומען און אויך זי האָט זיך אין אַנהויב געשראָקן. זי האָט מורא געהאַט אין אָוונט אליין פון הויז ארויסצוגיין. עס איז געווען אין אָנהייב מערץ און עס איז געהאַט אויסגעפאַלן דער לעצטער גרויסער שניי. איך ווייס ניט ווי אזוי דאָס איז געשען, נאָר מיטאַמאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבן די אויגן. אַ רו, אַ מילדקייט האָט מיך גענומען באַוועלטיקן. „שורלי״, האָב איך אויסגעשריען, „דו האָסט אמאָל אויף דיין לעבן געזען אַזאַ שיינעם שניי?״ איך האָב פאַרגעסן אין אַלץ וואָס האָט מיך געהאַט ביז איצט פאַרפאָלגט. דער שניי האָט ווי פאַרדעקט אַלע מיינע פריערדיקע ביטערנישן און מיך אָנגעפילט מיט פאַר־וואונדערונג צו דער נאַטור און צו די כחות וואָס באַשאַפן דאָס אַלץ.

— און ווען עס איז געקומען דער פרילינג, בין איך אינגאַנצן געווען אַן אַנדער מענטש. איך בין געווען ווי דאָס הינדל, ווי דער שפּראָץ אויף די קוסטעס, ווי די ערד וואָס האָט פלוצלונג אויפגעלעבט. איך בין געווען איינער פון די קריפּלס, וואָס איז דורך דעם צוויבער פון פרילינג גענעזן געוואָרן, אזוי ווי אַלץ דאָ וואָס איז געלעגן פאַרשמאַכט ביז זיין אָנקומען.

— איר ווייסט, איך קאָן מיינע הינער ווי איך קאָן מיינע צען פינגער. איר וועט זיך וואונדערן וויפיל שכל די בהמה האָט און אפילו דאָס קעלבל און אפילו דאָס נידעריקסטע גרעזל איז באַשאַפן געוואָרן מיט פאַרשטאַנד און מיט אַ צוועק.

די פרויען זיינען ארויסגעקומען פלוידערנדיק און לאכנדיק.

— זע נאָר, דזשעק, האָסט זיך אוועקגעזעצט אין די ווייסע הויזן אַף די שמוציקע שטיגן. איך האָב זיי דאָך ערשט היינט אויסגעוואַשן פאַר דיר, דזשעק — האָט שורלי זיך געבעטן ביי אים מיט אַ געבייזער אין קול.

— מען דאַרף אַ קוק טאָן צי די מאַדאַם „לאַקי״ איז שוין אהיימגעקומען צו אירע קינדער — האָט זיך אָפּגערופן שורלי אוןביידע פרויען זיינען אַוועק צו דער נאַרע.

דזשעק האָט טיף אָפּגעאָטעמט. „איך וועל דעם באַרג 609 קיינמאָל ניט פאַרגעסן״, האָט ער געזאָגט אזוי זיך, אין דער לופט אריין.

אַלץ ארום האָט געאָטעמט מיט אייביק לעבן.

קינדער דערציילונגען

ווילי דער זינגער

די וועוועווערקע וואָס האָט ליב געהאַט שלום עליכמען

די גרויסע מלחמה איבערן קליינעם פינאַט

מיר האָבן אַן ארויספאָר

דער קונצנמאַכער

אַ טעקסי

מאמע, איך וועל דיר העלפן

וואו זיינען אהינגעקומען די לעפל?

מיטצי פליט אהיים

ווילי דער זינגער

ווילי דער זינגער, אַזוי האָט מען אים גערופן. די קינדער, וואָס האָבן געוואוינט מיט אים אין איין געגנט, האָבן אים אַלע געקענט.

ווילי איז אַלט געווען אַ יאָר 13; הויך געוואַקסן און אויסערגעוויינלעך דאַר. זיין פּנים איז געווען מאָדנע: געל, לאַנג און דרייעקיק; אַ נידעריקער, צעקנייטשטער שטערן, קליינע אייגעלעך, און איבער זיי — לאַנגע, דינע ברעמען. זיין נאָז איז געווען אַזוי ווי אויסגעצויגן, ברייט און הויך, אַ גרויס מויל און אַ שפּיציקע מאָרדע, מיט קליינע האַרטע האָר, וואָס זיינען געפאַלן גלייך אַראָפּ אויפן שטערן.

ווילי איז געווען אַן אומגליקלעך קינד. ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר פינף, האָט אים אַ קאָר איבערגעפּאָרן, און זייט דאַן איז ער ניט נאָרמאַל. ער גייט אין שול, אָבער זיצט אין אַ ספּעציעלן קלאַס פאַר אזעלכע קינדער. ער טשעפּעט ניט קיינעם, נאָר ער רופט אַרויס געלעכטער מיט זיין זינגען און דעקלאַמירן. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער זינגער און אַן אַקטיאָר; דערפאַר רופט מען אים: „ווילי דער זינגער".

קיין זאַך האָט ער ניט אַזוי ליב געהאַט, ווי זינגען, שפּילן און פאָרשטעלן. ס'איז געווען זיין גרעסטער חלום, אַז ער זאָל האָבן אַ פּיאַנע אָדער אַ פידל און ער זאָל אויפטרעטן פאַר אַ גרויסן עולם. זיין שטימע איז געווען אַ גראָבע, אַ באַסאָווע, און דאָס פלעגט מער פון אַלץ אַרויסרופן געלעכטער ביי די קינדער.

ביי זיך אין דער היים פלעגט ער האַלטן אין איין וויינען, מע זאָל אים קויפן אַ פידל, אָדער מע זאָל אים לערנען זינגען. ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען, פלעגט ער אַרויסנעמען פון אַלמער די גאָפּל־מעסער, די טעלער און די בלעכענע פאַן. ער פלעגט זיי אויסלייגן אויפן טיש און ס'איז געוואָרן אַן אָר־קעסטער; ער זינגט און שפּילט אויף די „אינסטרומענטן", צימבלט מיטן גאָפּל אָן די טעלער, קלאַפּט מיטן מעסער אויף דער פאַן און פויקט מיטן פוס אין דער פּאָדלאָגע.

שרייט אויף אים דער טאַטע, ווען ער קומט אַ היים.

2.

איינמאָל האָבן ווילים טאַטע־מאַמע אים גענומען צו אַ קינדער־קאָנצערט, וואָס

די יידישע שול פון יענעם געגנט האָט געגעבן. ווילי האָט פאַר זיך דערזען אַ בילד, וואָס ער האָט פריער ניט געזען:

אויף דער בינע פון גרויסן זאַל, וועלכער איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מענער, פרויען און איבערהויפּט מיט קינדערלעך, איז געווען אויסגעזעצט דער קינדער-כאָר פון דער שול.

עס איז מיטאַמאָל פינסטער געוואָרן אין זאַל און בלויז די בינע איז געבליבן באַלויכטן. באַלד איז ארויף אויף דער בינע דער דיריגענט פון כאָר. דער עולם האָט אים אַפּלאָדירט. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און די קינדער האָבן זיך אויפגעשטעלט אַלע אַזוי ווי איינער און אָנגעהויבן זינגען.

יענער אָוונט איז ביי ווילין ניט ארויס פון זכרון.

ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט אויך ווערן אַ כאָר־דיריגענט און פירן מיט אַ שטעקעלע און וואַרפן מיטן קאָפּ אַזוי ווי דער געזאַנג־לערער, וואָס האָט דעם כאָר אָנגעפירט.

ווילים עלטערן זיינען אַהיים געקומען זייער באַגייסטערט פונעם קאָנצערט. דאָס זינגען און דעקלאַמירן פון די קינדער אין יידיש האָט זיי דערמאָנט, אַז ער, ווילי, וועט אויסוואַקסן אַ „גוי”, ניט קענענדיק קיין יידישן אות, און זיי האָבן באַשלאָסן ווילין אריינצוגעבן אין דער יידישער שול.

די קינדער אין דער יידישער שול האָבן זיך צו ווילין באַצויגן זייער פריינטלעך און ניט אָפּגעלאַכט פון אים. דער געזאַנג־לערער פון דער שול האָט דערלויבט ווילין צו קומען צו דער לעקציע פון געזאַנג, מיט איין באַדינג: אַז ווילי זאָל זיך בלויז צוהערן און ניט זינגען. ביי ווילין האָט דאָס געהייסן, אַז ער באַלאַנגט צום כאָר. אים פלעגט טרוקן ווערן אין האַלדז, הערנדיק ווי שיין די קינדער זינגען, און ניט איינמאָל פלעגט ער ניט אויסהאַלטן; ווען די קינדער האָבן געזונגען אַלע צוזאַמען, פלעגן זיך פון זיין האַלדז ארויסרייסן טענער, וועלכע די קינדער און דער לערער פלעגן גלייך דערקענען. די קינדער פלעגן זיך צעלאַכן, אָבער ביי ווילין פלעגן טרערן שטיין אין די אויגן.

3.

די קינדער פון דער שול האָבן זיך געגרייט צו אַ קאָנצערט, וואָס זיי אליין האָבן געדאַרפט געבן. דער כאָר פלעגט איצט האָבן אָפטע רעפּעטיציעס. ווילי האָט קיין איין פּראָבע ניט פאַרפעלט, און ער פלעגט אויספירן אַלץ, וואָס דער געזאַנג־לערער פלעגט אָנזאָגן דעם כאָר.

ווען דער געזאַנג־לערער האָט אַ וואָך פאַרן קאָנצערט איינגעטיילט די פּלעצער פאַר די קינדער אויף דער בינע, האָט ווילי געפּאָדערט אַ פּלאַץ פאַר

זיך, און ווען מען האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט ער אָנגעהויבן וויינען און טענה'ען אַז ער קען אויך זינגען: אַז ער פֿלעגט קומען די גאַנצע צייט, ניט דורכלאָזן קיין איין רעפּעטיציע. אָבער דער לערער איז געבליבן ביי זיינס; ווילי קאָן קיין פּלאַץ אויף דער בינע ניט האָבן. ווילס חלום, אַז ער וועט זיצן אַן אויס־געפּוצטער אויף דער בינע צוזאַמען מיטן כאָר, איז צעשטערט געוואָרן. יעדעס מאָל, ווען ער פֿלעגט זען דעם לערער, פֿלעגט ער זיך ביי אים בעטן, אַז ער זאָל אים לאָזן זיצן אויף דער בינע — אָבער ס'האָט נישט געהאָלפֿן. דער געזאַנג־לערער האָט שוין געקאָנט ווילין און ער האָט מורא געהאַט אַז ווילי קאָן נאָך אין סאמע מיטן געזאַנג זיך צעברומען מיט זיין קול און מאַכן אַ תל פֿון גאַנצן זינגען.

אין אָוונט פֿון קאָנצערט איז ווילי געקומען צו דער באַשטימטער צייט אין זאַל אריין, אַן אויסגעפּוצטער און אַ ריינער. זיין פּנים איז געווען פֿריילעך, די אויגן האָבן געשטראַלט.

אָט געפֿינען זיך שוין אַלע קינדער פֿון כאָר אין צימער הינטער דער בינע, און דער לערער זאָגט זיי אָן צום לעצטן מאָל, ווי אַזוי זיך צו האַלטן אויף דער בינע. ווילי שטייט און הערט זיך צו. זיין פּנים איז רויט פֿון פֿריידיקער אויפֿרעגונג.

דער לערער, ווייזט אויס, האָט אים פֿריער ניט באַמערקט, ווייל פּלוצלונג איז ער צוגעגאַנגען צו ווילין און געזאָגט: „ווילי, גיי אראָפּ אין זאָל, קלייב דיר אויס אַן אָרט און פֿארבלייב דאָרטן; נאָכן קאָנצערט וועלן די קינדער באַקומען אייז־קרים, וועסטו אויך קענען ארויפֿקומען און מ'וועט דיר אויך געבן".

ווילי פֿאָלגט ניט: ער שטייט און קען קיין וואָרט ניט ארויסרעדן. דער לערער הייסט אים ארויסגיין — ווילי וויל ניט. ער ברעכט פּלוצלונג אויס אין אַ הויך געוויין. אַלע קינדער ווערן פּלוצים שטיל און פֿאַרזאַמלען זיך ארום אים. ווילי ברומט ארויס אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער, און ווען דער לערער פּרובירט אים באַרואיקן, בעט זיך ווילי, אַז מע זאָל אים לאָזן שטיין הינטער דער בינע. ער פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט ניט זינגען, ער וועט זיך בלויז צוהערן.

די קינדער זיינען גערירט און קוקן אויפֿן לערער. דער לערער וויליקט איין, ווילי בלייבט הינטער דער בינע.

דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען. ווען די קינדער אויף דער בינע האָבן אָנגעהויבן זינגען, איז ווילי געשטאַנען הינטער דער בינע גלייך, ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, און גאָר שטיל, פֿאַר זיך, מיטגעזונגען און צייטנווייז געפֿירט מיט די הענט, אַזוי ווי דער געזאַנג־לערער אויף דער בינע. און ווען דער עולם האָט אַפּלאָדירט, און דער דיריגענט האָט זיך געבויגט, האָט ווילי הינטער דער בינע זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז דאָס אַפּלאָדירט מען אים און ער האָט

זיך אויך געגויגט; קיינער האָט דאָס אָבער, פארשטייט זיך, ניט געזען.

ווען די קינדער זיינען נאָכן קאָנצערט זיך צוזאמענגעקומען און האָבן פריילעכע זיך פאַסמאַקעוועט מיטן אייז־קרים, וואָס מע האָט זיי געטיילט, איז דער פריילעכסטער פון זיי אַלע געווען ווילי, און די קינדער האָבן אים באַהאנדלט אזוי ווי איינעם פון כאָר.

אויפן וועג אהיים האָט ווילי אויסגעברומט אַלע לידער, וואָס דער כאָר האָט געזונגען, געפירט מיט די הענט און געגייגט זיך, אזוי ווי דער געזאַנג־לערער אויף דער בינע.

די ווערקע וואס האט ליב געהאט שלום עליכמען

ביז מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק זיינען מיר געווען צוויי, איצט זיינען מיר דריי.

ווער זיינען די דריי?

איך בין דער ערשטער. ווי יעדער מענטש, וואוין איך אין אַ הויז. מיין צימער האָט צוויי פענסטער. לעבן פענסטער שטייט מיין שרייב־טיש און לעבן אים — מיין שרייב־מאַשינקע (טייפּרייטער) אויף אַ קליין טישל.

דער צווייטער איז מיין אַלטער שכן, וואָס שטערט מיר ניט אין מיין ארבעט. איך שטער אים אויך ניט.

ווער איז ער?

ער איז דער בוים, וואָס שטייט לעבן מיין פענסטער. ער איז דאָ אויך געווען נאָך איידער דאָס הויז איז אויפגעבויט געוואָרן. ער איז זייער אַ הויכער. זיינע דיקע און דינע צווייגן זיינען אויסגעשפּרייט, ווי הענט וואָס זיינען גרייט צו טראָגן אויף זיך פייגעלעך,בלעטער, נעסטן, שניי.

מיר זיינען גוטע פריינט, איך און דער בוים. ער ווייס, אַז איך האָב ליב צו קוקן אויף אים. ווי יעדע לעבעדיקע זאַך, וויל ער, אַז מען זאָל אים שענקען אויפמערקזאַמקייט, אים געבן קאָמפּלימענטן.

זיינען מיר געווען צוויי אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. איצט איז דאָ אַ דריטער.

ווער איז דער דריטער?

וועט איר הערן אַ געשיכטע.

עס איז געווען אָנהייב זומער. מיין בוים איז געווען באַוואַקסן מיט גרינע בלעטער, אַזוי אַז מען האָט זיינע צווייגן ניט געקאָנט ארויסזען. זיץ איך מיר אַזוי ביי דער שרייב־מאַשינקע און קלאַפּ. ווען איך פאַרטראַכט זיך, קוק איך ארויס פון פענסטער אויפן בוים. לעבן פענסטער איז אויך דאָ אַ שמאָלער פייער־לייטער. אַמאָל רוען זיך אויף אים אָפּ פייגעלעך. אינדערפרי לייג איך ארויס פאַר זיי ברעקלעך ברויט.

זיץ איך אַזוי און קלאַפּ און קוק ארויס, און מיטאַמאָל גיט עפּעס פרעמדס אַ גיי דורך מיין פענסטער.

האָט זיך מיר דאָס בלויז אויסגעדוכט? איז דאָס אַ פייגעלע?

ניין, ס'איז עפּעס גרוי און האַריק און קאָמיש, ווי עס וואָלט מיך געדופן מיט אַ גרויסן ווייכן, בויגיקן פינגער.

איך שטעל זיך אויף אַ קוק צו טאָן. עס גיט זיך אַ כאַפּ און טוט אַ שפּרונג אַוועק גלייך אויף אַ צווייג. ערשט איצט דערזע איך, אַז דאָס איז אַ וועווערקע. זי קוקט מיך אָן מיט אירע קליינע שוואַרצע אייגעלעך און אַנטלויפט גלײַך ארונטער דעם בוים.

האָט עס מיך געוואונדערט. נ"ט ווייט פון דאַנען איז דאָ דער פּאַרק. דאָרט זיינען פאַראַן פיל וועווערקעס. צוליב וואָס האָט די וועווערקע געדאַרפט ארויפ־קומען צו מיר אויפן דריטן שטאָק און מיטן גרויען עקל מיר לאָזן וויסן, אַז זי וויל ווערן מיין שכן?

מעגלעך אַז זי האָט ניט געקאָנט אויסקומען מיט אירע אייגענע אין פּאַרק און זי איז געוואָרן אַ פּליכטלינג, אַן אימיגראַנט, אין אַ פרעמד לאַנד? מעגלעך אַז זי איז אַנטלאָפן צוליב איר פרייהייט און זיכערקייט?

2.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דער בוים האָט זי צוגענומען מיט אָפענע אָרעמס. איצט דאַרף איך זי צונעמען ווי אַ שכן. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר מיר. מיר וועלן אָבער באַלד ווערן פריינט. איך ווייס שוין ווי אַזוי. איך בין אריין אין קיך און אין שפּייז־אַלמער געפונען אַ הויפן פּינאַטס.

די וועווערקע איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ צווייג, ווייט אַוועק, און גע־קוקט אויף מיר. איך האָב איר געוויזן די פּינאַטס. זי האָט זיך אַ קראַץ געטאָן דאָס קעפּל און ווייטער געלעגן.

דאַן האָב איך אוועקגעלייגט צוויי פּינאַטס אויף דער דרויסנדיקער זייט פענסטער און איך בין אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער און זיך געשטעלט אין אַ זייט, אַז זי זאָל מיך ניט קאָנען זען.

באַלד האָט טאַקע די וועווערקע געגעבן אַ שפּרונג ארויף פון צווייג אויפן פייער־לייטער און פון דאָרט אַ שפּרונג געטאָן צום פענסטער.

ווי זי האָט זיך דאָס דערפרייט מיטן פּינאַט! אים באַקוקט און באַשמעקט פון אַלע זייטן, געדרייט אים אין די קליינינקע לאַפּקעלעך אהין און צוריק, און מיטאַמאָל זיך אוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע פיסלעך און גענומען קנאַקן דעם פּינאַט. די שאָלעכץ האָט זי אַוועקגעשאַרט און דאָס ניסל פיין צעקייט, און די צווייטע טייל פון דעם פּינאַט געהאַלטן אין די הענטלעך; אַ קנאַק געטאָן און דאָס צווייטע ניסל אריינגעשטופּט אין מיילכל, און דאָס שאָלעכץ צעשפּרייט

ארום זיך. און דאַן זיך מיט פרישער ענערגיע אַ נעם געטאָן צום צווייטן פּינאַט. דער אַפּעטיט איז געוואָקסן ביי איר. ווען זי איז פארטיק געוואָרן, האָט זי מיטן נעזל געשנישטערט, מיט די לעבעדיקע אייגעלעך געזוכט, מיט די שטייפע אויער־לעך געשאָקלט, מיטן פוטערדיקן עקל געדרייט און געזאָגט: „ערשט איצט בין איך הונגעריק".

זי האָט געוואָלט וויסן פון וואַנען עס איז געקומען איר גליק. פון וואַנען האָבן זיך גענומען די פּינאַטס? דאָס ברעטל אויפן פענסטער האָט מער קיין פינאַטס ניט געהאַט. אויפן אייזערנעם פייער־לייטער זיינען קיין פינאַטס ניט געוואַקסן. זי האָט אויפגעהויבן דאָס קעפּל. פון אויבן זיינען קיין פּינאַטס ניט אַראָפּגעפאַלן. איז זי געשטאַנען און זיך געקראַצט דאָס קעפל און דאָס אויערל און ניט געקאָנט פארשטיין פון וואַנען די פּינאַטס זיינען געקומען. אַוועקגיין האָט זיך איר שוין ניט געוואָלט. איז זי ארומגעגאַנגען ביים פענסטער און געשמעקט און געזוכט און גאָרנישט ניט געפונען.

מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק. זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיסלעך און זי האָט אריינגעקוקט אין מיין פענסטער אריין. איך האָב געלאכט, נאָר זי האָט מיך ניט געקאָנט זען. זי האָט געקוקט און געקוקט, און זי האָט עפּעס דערזען, וואָס איז איר זייער געפעלן געוואָרן.

3.

אויף מיין שרייב-טיש זיינען געלעגן נאָך דריי פּינאַטס. זי האָט גענומען ארומשפּאַצירן לעבן פענסטער אין דרויסן. גיכער און גיכער. ווידער זיך אויפ־געשטעלט אויף די פיסלעך, אריינגעקוקט, זיך אַליין געשטעלט אַ פראַגע און איר עק איז געוואָרן פּאַרדרייט פונקט ווי אַ פרעג־צייכן. זי איז געוואָרן נערוועז. זי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף און זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּאָדערשטע פיס־לעך אויף דער שויב. איך האָב געזען איר ווייס, פוכקע בייכל און עס האָט זיך מיר געוואָלט איר אַ קיצל טאָן, ווי מען קיצלט אַ קעצל, אָדער א קליין הינטל.

זי האָט געקלאַפּט מיט אירע נעגלעך אין מיין שויב, געקוקט הונגעריק אויף די פּינאַטס, נאָר ניט געקאָנט פארשטיין פארוואָס זי קאָן ניט צוקומען צו זיי. זי האָט געפּראוווט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, נאָר עס איז ניט געגאַנגען. האָט זי זיך ווידער אַ קראַץ געטאָן אין קעפּל און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן.

דאַן בין איך לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום פענסטער און א נעם געטאָן די פינאַטס פון טיש. די וועווערקע האָט מיך אָבער דערזען און זי איז אַוועק־געשפּרונגען אויף אַ צוויַיג. פון דאָרט האָט זי געקוקט און געזען ווי איך האָב אים אַביסל אָפּגערוקט פון פענצטער.

אַרויסגעלייגט איין פּינאַט. דאַן האָב איך זיך צוריק אַוועקגעזעצט בײַם טײַפּרײַטער.

עס האָט ניט געדויערט קיין מינוט און די וועווערקע איז שוין געווען בײַם פּענסטער און געגעסן איר פּינאַט. איצט האָט זי זיך פּאַר מיר ניט געשראָקן, ווײַל איך בין געבליבן זיצן און געקוקט אויף איר, און זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַלע פיר און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער שויב און געקוקט אויף מיר.

האָבן מיר ביידע זיך אָנגעקוקט. „לאָמיר זײַן פרײַנט", האָב איך איר געזאָגט. „גיב מיר נאָך פּינאַטס", האָט זי געוואונקען צו מיר.

4.

פון דאַן אָן, ווען איך בין געזעסן בײַם שרײַב־טיש, פלעגט די וועווערקע מיך דערזען פון דער ווײַטן און שנעל שפּרינגען פון צווײַג צו צווײַג און לויפן צו מיר. זי פלעגט זיך אויפשטעלן בײַ דער שויב און אַרײַנקוקן צו מיר, ווי זי וואָלט מיר געלאָזט וויסן, אַז זי איז דאָ. זי איז שוין ניט אַנטלאָפן פון מיר. נאָר אַז זי האָט געזען, אַז איך קוק אויף איר, האָט זי אויפגעהויבן דאָס קעפּל אַרויף. דאַן האָב איך פון אויבן אַראָפּגעוואָרפן די פּינאַטס און זי האָט זיי געגעסן, און זי איז געבליבן זיצן שטיל און געקוקט ווי איך אַרבעט.

עס איז געווען וואַרעם אין דרויסן. מײַנע פענסטער זײַנען געווען אָפן פון אונטן. איצט איז די וועווערקע צוגעקומען און אַרויסגעשאַרט מיטן פּיסל די פּינאַטס, וואָס איך האָב אַוועקגעלייגט אויף מײַן זײַט פענסטער.

ביסלעכווײַז האָט זי זיך צוגעוואוינט צו מיר, און ווען איך בין געזעסן בײַ דער שרײַב־מאַשינקע און איך האָב איבערגעלאָזט פּינאַטס אויף מײַן שרײַב־טיש, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פון טיש די פּינאַטס און זי איז מיט זיי אַרויס אין דרויסן.

איינמאָל בין איך אַוועקגעגאַנגען אויפן גאַנצן טאָג. די פענסטער האָב איך פאַרמאַכט פון אונטן און בלויז געלאָזט אָפן אַ ביסל פון אויבן.

ווען איך בין פאַרנאַכט אַהיימגעקומען, האָב איך דערהערט ווי אימעץ טומלט אין מײַן שרײַב־צימער. איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב דאָרט קיינעם ניט געלאָזט. האָב איך אויסגערופן: „ווער איז דאָרטן?" קיינער האָט ניט געענטפערט, נאָר דער טומל איז נאָך אָנגעגאַנגען.

איך בין אַרײַן אין צימער, און וואָס האָב איך דערזען?

די וועווערקע איז געשטאַנען אויף מײַן שרײַב־מאַשינקע. פון דאָרט איז זי געשפּרונגען אויפן טיש. אויפן טיש איז געלעגן אַ פּאַק מיט ביכער. איצט זײַנען זיי געווען צעוואָרפן. שטיקער פון זייערע רוקנס זײַנען געווען אָפּגעריסן. איבערהויפּט איין בוך. די וועווערקע האָט געוואָלט אַרויס, נאָר ניט געקאָנט. עס

איז איר געווען לייכט אריינצוקריכן דורכן פייער־לייטער, נאָר ארויס האָט זי ניט געקאָנט.

איך האָב געעפנטביידע פענסטער און איך בין ארויס פון צימער. ווען איך בין צוריק אריין, איז די וועווערקע שוין געווען ארויס. זי איז געלאָפן אַראָפּ פון בוים.

פון אַלע ביכער האָט זי אויסגעקליבן שלום־עליכמס מעשות צו צופן און בייסן. זי האָט, ווייזט אויס, ליב געהאַט זיינע דערציילונגען.

זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט געטאָן ניט קיין שיינע זאַך. איך בין אויך שולדיק געווען, וואָס איך האָב איר ניט איבערגעלאָזט קיין שפּייז, ווען איך בין אַוועק פון הויז. עטלעכע טעג האָט זי זיך ניט געוויזן. איך האָב איר געלאָזט פינאָטס, נאָר זי איז ניט געקומען. דאַן האָט זי זיך באַוויזן מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קעפּל, אַ פאַרשולדיקטע. איך בין אוועק פון פענסטער און זי האָט צוגענומען די פינאָטס, און זי איז אַוועק.

איצט זיינען מיר ווידער פריינט. נאָר די שוועל פון מיין פענסטער טרעט זי ניט איבער מער.

די גרויסע מלחמה איבערן קליינעם פינאַט

איך בין אַ מלחמה־וועטעראַן, נאָר קיין בלוט האָב איך ניט פאַרגאָסן און קיין שלעכטס האָב איך קיינעם ניט געטאָן, ווייל אין דער שלאַכט אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט האָבן קיין קאַנאָנען ניט געדונערט, מיט קיין לופט־באָמבעס האָט ניט געהאָגלט, כאָטש לופט־אַטאַקעס זיינען יאָ פאָרגעקומען.

ניט אויף יענער זייט אָקעאַן איז די מלחמה פאָרגעקומען, נאָר אין אונדזער ניו־יאָרק. די צייטונגען האָבן קיין „עקסטראַס" ניט ארויסגעלאָזט און קיין מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן מיט קאַמעראַס ניט געשיקט; די ראַדיאָ האָט קיין טרעוואָגע ניט געבלאָזן, און דער פּרעזידענט פון אונדזער לאַנד האָט קיין מלחמה־דער־קלערונג ניט געמאַכט.

פרייטיק, אָקטאָבער דעם 25טן, 11 אַזייגער אין דער פרי, איז דער סיגנאַל פאַר דער שלאַכט געגעבן געוואָרן.

א פיבערהאַפטיקע טעטיקייט איז אָנגעגאַנגען אויפן פראָנט. מיינע פריינט די גרויע וועווערקעס און ברוינע טשיפּמאָנקס (פעלדז־וועווערקעס) האָבן זיך געגרייט קעגן ווינטער־שונא און זיי האָבן זיך באַפעסטיקט מיט באָזעס אין זייער טעריטאָריע. אין די באָזעס האָבן זיי באַהאַלטן זייער שפּייז אויפן גאַנצן ווינטער. איצט איז געווען די צייט, ווען מע האָט זיך געמוזט אָנגרייטן. די בלעטער אויף די ביימער האָבן כסדר געביטן זייערע קאָלירן. זיי האָבן געמיינט, אַז דער קאַ־מאַפלאַזש וועט זיי העלפן, נאָר די ווינטן און רעגנס און די פרימאָרגן־פראָסטלעך האָבן אַטאַקירט מיט נאַצישער ווילדקייט און די בלוטיק־ברוינע ערד איז געווען אָנגעהויפט מיט די קרבנות.

פול און אָנגעפּעלצט איז די וועווערקע געוואָרן. איר עק איז געוואָרן גרעסער און פוכיקער. די פעל איז געווען האַריקער און אייזן־גרוי. די קליינע לאַפּקעלעך האָבן געאַרבעט אזוי געשיקט און גיך, ווי אַן אָפּיס־מיידל אויף איר טייפּרייטער. מע האָט געדאַרפט זיך פאַרזיכערן מיט באָזעס און די באָזעס אָנפּילן מיט שפּייז פאַרן ווינטער. אַ באָזע אין דער ערד, אויסגעגראָבן מיט די אייגענע לאַפּקעלעך און פאַרשאָטן מיט טויטע בלעטער. אַ באָזע אין לאָך פון א בוים, אַ באָזע צווישן פעלדזן.

רייך איז אונדזער ערד און ס׳איז פאַראַן פאַר יעדן איינעם גענוג און איבער־גענוג. וואָלט געווען זייער גוט צו לעבן אויף דער וועלט, ווען עס וואָלטן זיך ניט געפונען קיין פּאַראַזיטן, וואָס ווילן דווקא לעבן פון יענעמס פּראַצע.

דער פּאַראַזיט פּוצט זיך אין רייכע קליידער און דיאַמאַנטן און ער מיינט, אַז מע וועט זיינע מיאוסע שטיק ניט דערקענען. אַזוי פּוצן זיך אויך פּאַראַזיטן־פייגל אין די שענסטע פעדערן, אַז מע זאָל זייערע רויבערייען ניט דערזען.

ווּעמען טשעפּעט די אומשולדיקע שטיפערישע און אַרבעטזאַמע וועווערקע? גיב אַ קוק ווי שטאַרק זי האָרעוועט צו באַקומען שפּייז. אָט שטייט זי אויף די הינטערשטע לאַפּקעס און מיט די פאָדערשטע האַלט זי זיך פאַרן הערצל, דער עק פאַרהויבן ווי א פראַגע־צייכן: ווּעסט מיר געבן אַ ניסל? זאָל איך צוקומען נעענטער צו דיר?

הייבסטו אָבער אויף דיינע אויגן, דערזעסטו פלוצלונג אויפן דערבייאיקן בוים, ווי עס לויערט אַ פּאַראַזיט אויף דער וועווערקעס ניסל. דאָס זיצט דאָרט אויפן צווייג דער בלויער דזשיי (סאָיקע), דער פּראַכטפול־שיינער פויגל, וואָס טראָגט אַ גרוי־בלויע קרוין אויפן קעפל און זיינע פעדערן זיינען טיף־בלוי מיט ווייס באַזוימט און דאָס העלדזל איז מיט אַ שוואַרץ צירונג־בענדל באַהאַנגען.

שיין איז דער בלויער דזשיי און פליען קאָן ער שנעל און שפּייז איז פאַר אים אַנגעגרייט אויף אַלעביימער אַציגנד. נאָר אַ גנב איז ער, דער שיינער תכשיט, אַ פּאַראַזיט, וואָס וויל אַז יענער זאָל פאַר אים אַרבעטן און ער זאָל קומען צום גרייטן און צונעמען פון בעסטן און שענסטן. באַפאַלט ער נעסטן, ווען די מאַמעס זוכן שפּייז, און ער עסט די אייעלעך אויף. ער איז דער גענגסטער צווישן די פייגל. דאָס איז אים אָבער אַלץ ווינציק, וויל ער נאָך צורויבן די מאָגערע שפּייז פון די אָרעמע וועווערקעס און קליינע טשיפּמאַנקס.

די שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען אין בראָנקס פּאַרק, האָט זיך אָנגעהויבן, ווען איך האָב געבראַכט פּראָוויאַנט צו מיינע פריינט, די וועווערקעס און טשיפּ־מאַנקס. אין מיין קעשענע האָט זיך געפונען אַ זעקעלע פּינאַטס.

כ׳האָב געגעבן אַ פייף און די וועווערקעס האָבן אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו מיר. איך האָב אַ וואָרף געטאָן אַ פּינאַט, נאָר גלייך האָט דער בלויער דזשיי געמאַכט זיין לופט־אַטאַקע און צוגענומען דעם פּינאַט. איך האָב אַ וואָרף געטאָן נאָך אַ פּינאַט און נאָך איידער די וועווערקע האָט געקאָנט זיך אַרומקוקן, האָט שוין אַ צווייטער בלויער דזשיי זיך אַרונטער געלאָזט און אים אַ פּיק אויף געטאָן מיט זיין שנעבעלע, די וועווערקע איז געבליבן אַנטוישט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די אַרומיקע ביימער און דערזען, אַז די בלויע דזשייס האָבן פאַרנומען סטראַטעגישע פּאָזיציעס אויף די צווייגן און יעדעס מאָל

וואָס אַ ניסל איז געלעגן אויף דער ערד, האָבן זיי זיך בליץ־שנעל ארונטער־געלאָזט, ווי ניט זיי וואָלט מען געמיינט.

אָט איז אָנגעקומען דאָס קוועק־זילבערדיקע טשיפּ־מאָנקל. פּאָרזיכטיק האָט עס זיך ארומגעקוקט און געוואָלט זיך דערנעענטערן צו מיר. געדרייט זיך און געדרייט און געוואָלט זיין זיכער, אַז איך מיין טאַקע אים. ווען ער איז שוין געווען גאָר נאָענט, האָב איך אַ וואָרף געטאָן צו אים דעם פּינאָט. איך האָב געמיינט אַז אָט האָט ער אים, נאָר אָט איז אַרונטער דער בלויער דזשיי, אַ כאַפּ געטאָן דאָס ניסל און דער טשיפּמאָנק איז געבליבן מיט גאָרניט.

בין איך מיר אַוועקגעגאַנגען אַ ביסל ווייטער און גערופן פון דאָרט די וועווערקעס, נאָר ווי איך האָב אַ וואָרף געטאָן דעם ערשטן פּינאָט, איז שוין דער בלויער דזשיי געווען אויפן פּלאַץ און אים צוגערויבט פון דער וועווערקע.

דער בלויער דזשיי האָט געוואונען, ווייל ער איז געווען געוואַגט. די ווע־ווערקע האָט פארלאָרן, ווייל עס האָט איר אויסגעפעלט מוט. זי האָט נאָך אַלץ זיך געשראָקן פאר מיר און מורא געהאַט צוצוקומען גאָר נאָענט צו מיר, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל דעם פּינאָט פון מיינע פינגער ניט ארויסלאָזן, ביז די וועווערקע וועט אים ניט ארויסנעמען פון מיין האַנט.

האָב איך אויסגעשטרעקט דעם פּינאָט און מיינע פארמאַכטע פינגער. גלייך איז דער בלויער דזשיי געווען אויף דער ערד, נאָר ער האָט ניט געוואַגט צו־קומען צו מיין האַנט. האָט ער זיך ארויפגעשטעלט אויף אַ נידעריקן צווייג און געוואַרט, אַז איך זאָל דאָס ניסל ארויסלאָזן פון מיינע הענט. די וועווערקע איז צוגעקומען נאָענט צו מיר. נאָך נעענטער, מיין פריינט, האָב ניט מורא פאר מיר. זי דרייט זיך און דערשרעקט זיך פלוצלונג און אַנטלויפט.

אָט קומט נאָכאַמאָל אָן דער טשיפּמאָנק. ער שטרעקט ארויס זיין שפּיציק קעפּל, שמעקט, שמעקט און קוקט מיט גלאַנציקע אייגעלעך אויף מיין פּינאָט. דער בלויער דזשיי איז זיכער, אַז ער וועט זיין שנעלער פון דעם טשיפּמאָנק. ער נידערט אראָפּ אויף נאָך אַ צווייג. זיינע פליגל זיינען שוין גרייט, זיין שנעבעלע איז אָנגעשפּיצט. נאָר דער טשיפּמאָנק קריכט, קריכט אַלץ נענטער צו מיין האַנט.

אָט־אָט קומט ער צו גאָר נאָענט צו מיין האַנט. אָט גיט ער שטעל אויס די קליינע לאַפּקעס און נעמט דעם פּינאָט גלייך פון מיין פינגער ארויס. ער האַלט אים שוין אין מויל. דער פויגל לאָזט זיך בליץ־שנעל ארונטער, נאָר דער טשיפּמאָנק עקזאַמינירט שוין דאָס ניסל פון אַלע זייטן און אַנטלויפט מיט דעם, ווי אַן עקספּרעס־באַן, צו זיך אין נעסט אריין.

ערשט איצט האָבן די גרויסע וועווערקעס גענומען נאָכטאָן די קליינע

טשיפּמאַנקס. זיי האָבן פאַרשטאַנען די קונץ און די ניסלעך ארויסגענומען פון מיינע פינגער.

בייזער און בייזער זיינען די בלויע פייגל געוואָרן, נאָר זיי זיינען געבליבן ביי גאָרניט. און אָט איז שוין דער טשיפּמאַנק דאָ צוריק און ער וואַרט שוין ניט, אַז איך זאָל פּאַר אים די האַנט אויסשטרעקן. ער קריכט שוין גלייך אויף מיינע הויזן ארויף און זעצט זיך אויף דער האַנט אוועק און שטופּט זיין קעפּל אין מיין דלאָניע אריין. ער נעמט נאָך אַ ניסל, באַטאַפּט עס פון אַלע זייטן און לייגט עס אין רעכטן מויל־זעקל אריין. נעמט נאָך א ניסל. באַטאַפּט עס און לייגט עס אין לינקן מויל־זעקל אַריין. נעמט אַ דריט ניסל און לייגט עס אין מויל אריין אין דער ברייט און לאָזט זיך דורך מיינע הויזן ארונטער און שוין — דער עקספּרעס פליט שוין צו זיך אין דער ווייטער באַזע אַוועק.

אָט אזוי האָט זיך געזעגנט פון בראָנקס פּאַרק. געזעגנט מיט אַ זיג קעגן די פּאַראַזיטן. דער קליינער טשיפּמאַניק האָט דער גרויסער וועווערקע געגעבן אַ לעקציע אין געוואגטקייט. די בלויע דזשייס האָבן דעם פּאַראייניקטן פראָנט ניט געקענט צעברעכן. זיי האָבן פון כעס געשריען, נאָר די וועווערקעס זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען און באַהאַלטן די טייערע שפּייז.

מיר האָבן אַן ארויספּאָר

אונזער שול האָט אַראַנזשירט אַן ארויספּאָר מיט די קינדער אויפֿן האָדסאָן, קיין אינדיען פּאָינט. געזאָלט ארויספֿאָרן האָבן מיר ניין פֿרי, נאָר 7:30 זיינען שוין קינדער געשטאַנען ביי דער שול און געוואַרט אומגעדולדיק מיט זייערע פּעקלעך.

די קינדער פֿאַרזאַמלט; די עלטערן, וואָס פֿאָרן נישט מיט, דערלאָזט נישט כ׳האַרץ אַוועקגיין און מ׳האַלט כסדר אין פֿרעגן ביי די לערער, צי וועלן די קינדער זיין געזיכערט.

און די קינדער זאָגן די מאַמעס אָן, צום צוואַנציקסטן מאָל, אַז זיי זאָלן זיך אויפֿפֿירן גוט. נאָר זיי הערן זיך מער צו צום בלאָזן פֿון די אויטאָמאָביל־האָרנס, ווייל דאָס זאָגט זיי אָן, אַז דער באָס דאַרף קומען. מע וויל אים אַנטקעגן לויפֿן, דעם באָס, נאָר מע ווייס נישט פֿונוואַנען ער וועט קומען.

די הייזער ארום זיינען פֿלוצים אויפֿגעטרייסלט געוואָרן פֿון אַ דונערדיקן אויסגעשריי. דאָס איז דער באָס געקומען און די קינדער האָבן אים אַזוי באַגעגנט.

אַלע קינדער ווילן זיצן ביים שאָפֿער, אָדער ביים פֿענסטער. ענדלעך, זיצט מען שוין. נאָר אָט דערמאָנט זיך אַ קינד, אַז די מאַמע פֿעלט. ס׳הייסט זי פֿעלט נישט. זי איז דאָ, נאָר מען זעט זי ניט.

דער שאָפֿער זאָגט, אַז מיר וועלן פֿאַרשפּעטיקן די שיף, אויב מע פֿאָרט נישט גלייך. מיר הייסן אים פֿאָרן. אַהאַ, הוראַ, די מאַמע איז דאָ.

דער באָס שטעלט זיך פֿלוצים אָפּ. אַ בריק עפֿנט זיך. דער שאָפֿער איז נישט זיכער, צי מיר וועלן אָנקומען אין צייט.

מיר זיינען אָנגעקומען צו דער צייט. ניין, פֿאַר דער צייט. זיבן מינוט האָט מען געוואַרט אויף דער שיף.

אַזוי שנעל ווי מיר זיינען ארויף אויף דער אויבערשטער דעק פֿון דער שיף, האָט זיך אונזער ארמיי גלייך אַ לאָז געטאָן „אויסקוקן דאָס לאַנד״. נישט באַטראַכטן די וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע פֿוןביידע ברעגן האָדסאָן, נאָר די הונד־זשענדיקע מאַשינעריע פֿון דער שיף.

און אָט זיינען מיר, לערער, געבליבן אַליין. אַלע האָבן אונדז פֿאַרלאָזן. קיינער האָט זיך אויף אונדז נישט אומגעקוקט. זיינען מיר אַוועק זוכן אונדזער פֿאַרמעגן. האָבן מיר זיי געפֿונען: עסנדיק, טאַנצנדיק, מאָלנדיק „קונסט־ווערק״

אין שרייב־פּאַוויליאָן; העלפנדיק אינזשינירן ביי דער מאַשינע, דעם קאַפּיטאַן — ביים רודער, די מוזיקאַנטן מיטן דזשעז.

אָט איז שוין „אינדיען פּאָינט". מיר דאַרפן אַראָפּגיין פון שיף. מיר ציילן די אַרמיי: „נישט איינס, נישט צוויי"... עס פעלן צוויי יאָטן. איין לערער קראַצט זיך דעם קאָפּ, דער צווייטער — ווישט זיך מיט אַ פּאַטשיילע דעם שטערן. איין מאַמע ווערט בלייך, די צווייטע — רויט.

שאָט! ס'האָט זיך געפונען דער שאָדן.

— וואו זייט איר געווען?

— מיר זיינען געווען אין „באַרבער־שאָפּ".

אַרויפקומענדיק אויף דער יבשה, האָט מען זיך אויסגעזעצט עסן. נאָך באַלד האָט חברה דערטאַפּט אַ שפּיל־פּלאַץ, און אײדער וואָס־ווען, האָט מען זיך שוין געהוידלט, איז מען שוין געשפּרונגען און קונצן באַוויזן; אײדער וואָס־ווען, האָט מען שוין געהאָט אַנטדעקט אַ וואַסער און באַנעצט די שיך; אײדער וואָס־ווען, האָט מען געוואָלט אויסגעפינען, וואוהין פירן די וועגן אין די וועלדער און אויף בערג.

חברה האָט דערשמעקט אַ קענדי־שטענדער, איז מען געקומען דעפּוטאַציע־ווייז:

— גיט אונדז קענדי.

מיר דאַרפן ציען ווייטער. לאָמיר צונויפקלייבן די אַרמיי. נאָר גיי שריי. איין לערער זאָגט, אַז די פיס דינען אים שוין ניט מער. דער צווייטער זאָגט, אַז ער מוז זיך צולייגן פאַר אַ וויילע...

מיט גרויס מי איז אונדז געלונגען צונויפשטעלן די קליינע אַרמיי. נאָר גיי שריי. מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט אונדז אַ קליין מיידעלע, אַ זיבן־יאָריקס, אַ פּיצל, אַ שטילס. נו, נו, אומעטום אויסגעזוכט. אומעטום געזוכט און גע־נישטערט — נישטאָ.

ענדלעך האָט מען זי געפונען גאָר ניט ווייט, זיצנדיק געמיטלעך און זינ־גענדיק צו זיך אַליין.

מיר האָבן אויסגעפונען אַ פיינעם פּלאַץ מיט וואַסער. די לערער האָבן אַראַנזשירט שפּילן מיט די קינדער.

ווען חברה איז מיד געוואָרן, האָט מען ווידער געגעסן און דאַן באַקומען מילך.

אַזוי זיינען אַריבער פיר שעה און די שיף האָט אָנגעהויבן צו פייפן, געגעבן סיגנאַלן, אַז מע זאָל זיך גרייטן אין וועג אַריין.

חברה האָט דערטאַפּט אַ בעיז־באָל־שפּיל דערנעבן; עטלעכע זיינען אַוועק קלייבן ווילדע עפּעלעך אין וואַלד, און אַ פּאָר יינגלעך האָבן געוואָלט אויס־געפינען וואו די אינדיאַנער האָבן געלעבט.

די לערער קלייבן צענויף די ארמיי. מע ציילט איבער און מ׳פרייט זיך: שוין באַלד דאָ אַלע. בלויז פינף פעלן.

די שיף טרובעט. מיר גיבן זיך אַ כאַפּ — ס׳איז שעפּט. מען מוז ציען. מזל־טוב! עס פעלט ׳בלויז איינער. נאָר וויפיל מע זוכט אים, העלפט נישט. איין לערער הינקט אויף אַ פוס, דאָס האָט ער זיך פארמאַסטן אין אַ לויף־געוועט.

מען באַשליסט, אַז די ארמיי גייט. נאָר איין לערער בלייבט דאָ איבער זוכן אייבין. דער גורל איז געפאַלן אויף מיר. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי איך וועל דאָ בלייבן נעכטיקן און נישט פאַרלאָזן דעם פלאַץ, ביז כ׳וועל נישט צוריק באַקומען מיין אייבין.

איך דריי זיך ארום איבער שטעגן אין וואַלד, פאַרקריך טיף און טיפער און מיטאַמאָל — וואַקסט אייבי פאַר מיר אויס מיט אַ ריטל אין האַנט.

„וואָס זוכט איר דאָ?" — פרעגט ער מיך. איך כאַפּ אים אָן ביי דער האַנט און מיר לויפן הענדום־פּענדום אַראָפּ צו דער שיף.

נאָר אונטן, הארט נעבן האַפן, דערזע איך אונדזער ארמיי אין צעטומלעניש. איין יינגל האָט דעם צווייטן נישט־ווילנדיק דערלאַנגט אין האַנט אריין מיט עפּעס שאַרפס, אין צוויי מינוט ארום דארף די שיף אָנקומען. צום גליק קריגן מיר יאָד מיט וואַטע, אַלץ ווערט ווידער גוט. מע ווערט ווילד פון פריידי, ווען די שיף קומט אָן.

די רייזע צוריק איז אַ פריילעכע, נאָר אַ שטילע. מיר גיבן דער חברה שאָקאָלאַד און אַלע זיינען איבערראַשט.

מיר קומען אָן אין שטאָט. דער באָס וואַרט אויף אונדז. אַלע זיצן שוין.

דעם גאַנצן וועג זינגען די קינדער און „טשירן". עס וואַרט אויף אונדז אַ גרויסע ארמיי פון טאַטעס, מאַמעס. מע פרייט זיך. מ׳האַדלזט זיך. בלויז די לערער שוויגן: איינער איז הייזעריק, ווי די וואַנט, און דער צווייטער הינקט...

דער קונצנמאַכער

די מאַמע האָט צוגעגרייט פרישטיק פאַר יודי׳ן. זי האָט אים גערופן, איינמאָל און נאָכאַמאָל:

— יודי, קום אריין עסן!

— יודי, טרינק דיין אָראַנדזש־זאַפט.

נאָר יודי האָט ניט געענטפערט. ער האָט עפּעס געטאָן אין צווייטן צימער. זי איז אריין צו אים. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין. זי האָט זיך איינגעהערט:

— איך בין דער קונצן־מאַכער פון צירק! איך האָב אַ צויבער־קעסטעלע!

די מאַמע האָט זיך געבעטן ביי יודי׳ן:

— וועסט זיך שפּילן נאָכן עסן. די קאַשע ווערט קאַלט, דער אָראַנזש זאַפט ווערט ווארעם.

נאָר יודי האָט געענטפערט:

— מאַמע, איך בין פאַרנומען, זייער פאַרנומען. איך בין דער קונצן־מאַכער פון צירק. איך דאַרף רייטן אויף אַן עלפאַנט, איך דאַרף אויפהייבן אַ טראַק מיט איין פינגער.

האָט די מאַמע געזאָגט:

— גוט. קונצן־מאַכער, נעם מיך אריין אין צירק!

האָט זיך יודי דערפרייט און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו איר און געזאָגט:

—לעידי, גיב מיר געלט, נאַדיר אַ בילעט, קום וועל איך דיר ווייזן דיין פּלאַץ...

האָט די מאַמע זיך געמאַכט ווי זי גייט מיט אים און דערווייל האָט זי אים אריינגעפירט אין קיך און אים אַוועקגעזעצט און געגעבן אין האַנט אריין זיין גלאָז אָראַנזש זאַפט און געזאָגט:

— מיסטער קונצנמאַכער, באַווייז אַ קונץ און זאָל פון דעם פולן גלעזל, ווערן אַ ליידיק גלעזל.

האָט יודי שנעל געגעבן אַ זופּ אויס דעם זאַפט, שנעלער ווי אַלעמאָל, ער האָט זיך אַזש אָפּגעגאָסן.

— ניט אַזוי גיך, — האָט די מאַמע געזאָגט, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. דאָס גלעזל איז געווען אינגאַנצן ליידיק.

— מיסטער קונצנמאַכער באַווייז אַ קונץ און ליידיק אויס דעם טעלער, —

האָט די מאַמע געשפּאַסט, נאָר יודי איז צוריק ארויסגעלאָפן פון קיך און האָט געענטפערט:

— איך האָב אַ צוויבער־קעסטעלע. ווען איך עפן דאָס אויף, שפּרינגט אַרויס דאָס קלענסטע הינטעלע אויף דער גאַנצער וועלט.

האָט די מאַמע געטראַכט ווי אַזוי מאַכט מען, אַז יודי זאָל עסן זיין קאַשע. איז זי ווידער אַריין צו אים און האָט געזאָגט:

— מיסטער קונצן־מאַכער, איך וויל אַ בילעט צום צירק. איך וויל זען דאָס קעסטעלע מיטן קלענסטן הינטעלע אויף דער וועלט.

— גיב מיר געלט, וועל איך דיר געבן אַ בילעט, וועסטו קריגן אַ פּלאַץ צו זיצן, וועסטו זען מיינע קונצן — האָט יודי געזאָגט:

— אָט איז געלט, קום מיט מיר און לאָמיר זיך אוועקזעצן, — האָט די מאַמע געענטפערט. האָט זיך די מאַמע אַוועקגעזעצט און יודי לעבן איר. זי האָט אַוועקגעשטעלט די קאַשע און יודי האָט גענומען עסן, נאָר ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— לעידי, אין מיין צוויבער־קעסטעלע זיינען דאָ אַ סך קונצן. באַלד וועלן אַרויסשפּרינגען אַ מיליאָן פייגעלעך און זיי וועלן זיך אַוועקזעצן אויפן לאַנגן האַלדז פון זשיראַף.

— אָ, ווי שיין, — האָט די מאַמע אויסגערופן.

דערווייל האָט יודי זיך דערמאָנט, אַז ער עסט קאַשע, האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע, איך וועל גיכער אויפעסן מיין פרישטיק, ווייל איך דאַרף ווייזן נאָך קונצן. איך בין דער קונצן־מאַכער פון צירק, איך האָב —

— יאָ, יאָ, — האָט די מאַמע אים אַרויסגעהאָלפן — דו האָסט אַ צוויבער־קעסטעלע און עס וועט אַרויספלי —

— ניין, ניין, — האָט יודי איר ניט געלאָזט ענדיקן — איך רייט אויף אַן עלפאַנט און איך האַלט דעם גרעסטן טראַק אויף מיין קלײנעם פינגערל.

און דאָ האָט יודי אַ נעם געטאָן זיין טעלערל מיט דער קאַשע און עס געוואָלט אַרויפזעצן אויף זיין קלענסטן פינגערל. די מאַמע האָט דאָס טעלערל אַראָפּגעכאַפּט אין צייט, אַניט וואָלט זיך די קאַשע אויסגעגאָסן.

— נו, יודי פאַרענדיק די מילך, וועסטו זיך קענען שפּילן און באַווייזן דיינע קונצן.

— ניין, מאַמע, כ׳בין זייער פאַרנומען. די ים־לייבן דאַרפן שפּילן מיט מיין באַל און די פעטסטע לעידי דאַרף זיך שטעלן אויפן קאָפּ און דרייען אַ שירעם אויף איר שוך.

האָט די מאַמע ווידער געטראַכט ווי אַזוי מאַכט מען, אַז יודי זאָל אויס־טרינקען די מילך. האָט זי זיך דערמאָנט, ווי אין ביכל וועגן צירק, איז דאָ אַ בילד,

ווי דער דינסטער מאַן טרינקט אויס אַ גלאָז מילך און ער באַקומט מיטאָמאָל אַ גראָבן בויך. האָט די מאַמע געזאָגט:

— דינסטער מאַן, באַווייז אַ קונץ און ווער פעט.

— גוט, האָט יודי אויסגערופן — וואו איז מיין גלאָז מילך?

און די מאַמע האָט אים גלייך דערלאַנגט די מילך און יודי האָט אויף גיך אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע גלאָז מילך און דאַן ארויפגעלייגט די הענטלעך אויפן בייכל און זיך אָנגעבלאָזן.

— זע, זע, ווי פעט איך בין — האָט ער געוויזן דער מאַמע׳ן.

די מאַמע האָט אים געגעבן אַ פּאַטש אין בייכל און געזאָגט:

— יאָ, יודי דער קונצנמאַכער האָט אַ גרויסן, גרויסן בויך.

און יודי איז צוריק אריין צו זיך אין צימער, אין צירק.

א טעקסי

אין אַ טעקסי איז זייער גוט צו פאָרן. איבערהויפט איז יודין געפעלן געוואָרן וואָס די טעקסיס זיינען פון פאַרשיידענע קאָלירן. אַמאָל איז זי געל, אַמאָל אָראַנדזש קאָליר. די זאַך איז אָבער וואָס מיט אַ טעקסי פאָרט מען ניט לאַנג. נאָך איידער מען קוקט זיך ארום, מוז מען שוין ארויסגיין. די מאַמע זאָגט, אַז עס קאָסט צופיל געלט ארומצופאָרן אין אַ טעקסי.

ווען יודיס מאַמע האָט זיך געקליבן אַוועקפאָרן פאַרן גאַנצן זומער אויפן לאַנד, אין די בערג, האָט זי געזאָגט, אַז מען וועט דארפן פאָרן אין אַ טעקסי. יודין איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן, נאָר מער ווי אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן, דאָס פאַקן זיך. רענצלעך און שאַכטלען, קערבלעך און פעק האָבן אָנגעפילט דעם צימער. דער טאַטע האָט אַלץ פארבונדן מיט דיקע שטריק און מען האָט אויך ניט פארגעסן איינצופאַקן יודיס שפילצייג און שוועסטער לוסיס ביכער און פילקעס.

יודי האָט געהאָלפן פאַקן. דאָס הייסט, ער האָט געזאַגט, אַז ער וויל העלפן פאַקן. נאָר זיין פאָטער האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל יודין אַראָפשיקן אין גאַס זיך שפילן, ווייל ער שטערט אים צו פאַקן. יודי האָט זיך ארויפגעזעצט אויף די פעק און מען האָט אים שיעור אליין ניט אריינגעפאַקט אין אַ וואליז. אומעטום איז ער געווען און אומעטום האָט ער זיך אריינגעמישט. ווען די מאַמע האָט אָנגעגרייט אַ פענדל אריינצולייגן אין קעסטל, האָט דאָס דערווייל יודי דערזען און זיך גענומען שפילן מיט דעם. דער טאַטע האָט דערווייל אַלץ פאַרפאַקט. ערשט דאַן האָט די מאַמע דערזען, אַז דאָס פענדל ליגט אויפן דיל. יודי האָט זיך דערמאָנט אין דעם צו שפעט און מען האָט געדארפט ווידער אויפפאַקן דאָס קעסטל און אריינלייגן דאָס פענדל. אַזוי איז געווען מיט אַ סך אנדערע זאכן.

ענדלעך איז געקומען די טעקסי. נאָר יודין איז זי ניט געפעלן געוואָרן. זי האָט אויסגעזען ווי א געוויינטלעכע שווארצע קאַר. ניט ווי אַ קאָלירטע טעקסי. נו, פארפאַלן. אַבי מען לייגט אריין אין איר אַלע פעק און אַבי מען וועט פאָרן גאָר לאַנג. אַזוי האָט אים דערציילט די שוועסטער לוסי, וואָס האָט גראד ניט ליב געהאַט צו פאָרן אויף אַ לאַנגער רייזע אין אַ מאַשין.

און דאָ איז יודין ווידער געפעלן געוואָרן, ווי דער טעקסי־מאַן האָט געדארפט אריינלייגן אַזויפיל פעק אין זיין קאַר. ניט אין דער קאַר, נאָר אין דער הינטער טייל פון זיין אויטאָ. אַלץ איז אריינגעגאַנגען און אלע האָבן זיך אויס־

געזעצט. יודי האָט צוגעזאָגט ניט צו העלפֿן דעם שאָפער, האָט די מאַמע אים געלאָזט זיצן פון פאָרנט.

.2

אין דער באַנגאַלאָ־קאָלאָניע, וואו יודי האָט זיך געפונען מיט זיין מאַמען און שוועסטער לוסי, איז יודי געווען דער פאַרנומענסטער מענטש. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט אריינצוגיין עסן, ווען די מאַמע האָט אים גערופן איינמאָל און נאָכאַמאָל. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך צו וואַשן די הענט, ווען ער איז אריינגעקומען איבגאַנצן א פארשמירטער אין ליים און אין זאַמד. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו גיין שלאָפן, ווען אלע קינדער זיינען שוין געווען אין זייערע בעטן. יודי איז געווען זייער פארנומען.

וואָס האָט יודי געטאָן אַ גאַנצן טאָג?

ער האָט אליין ניט געוואוסט וואָס, נאָר צוזאמען מיט אַנדערע קלענערע און עלטערע קינדער האָט ער געבויט בריקן און טונעלען און הימל-קראצערס און קינדער־גאָרטנס — אַלץ פון ליים, זאַמד, קלעצלעך און שטיקלעך און פלעקלעך האָלץ און צווייגן וואָס מען האָט געפונען אין פעלד און ארום וואסער.

מען איז געריטן אויף פערד שנעל, שנעל — אויף אַן אויסגעהאַקטן איבער־געקערטן בוים, וואָס איז געלעגן לעבן אַ באַנגאַלאָ. מען האָט גענומען דאָס קעצל טאַמי און עס איינגעוויקלט אין עפּעס אַן אַלטע פּאָר הויזן און געשפּילט זיך אין „שפּיטאָל״. דאָס קעצל איז, נעבעך, געווען דאָס קראַנקע קינד און יודי איז געווען דער דאָקטאָר און עטל איז געווען די קראַנקן שוועסטער און שוירלי איז געווען די מאַמע און ליאָ דער טאַטע און פיליפּ איז געווען דער פעטער וואָס האָט דעם קראנקן קינד, דעם קעצל, געבראכט אייזקרים, נאָך זיין „טאָנסל־אָפּעראַציע״.

אין וואַסער האָט מען זיך געשפּילט אין רעגן, אין שאַוערס, אין א רייזע אויף אַ שיף, אין באָל, אין מאַכן פּאַיס לעבן וואַסער און קאָכן וועטשערע, אין בויען אַן אַזיערע. די מאַמע האָט קיינמאָל ניט געוואוסט וואו יודי געפינט זיך. אָט האָט זי אים געזען לעבן וואסער און אָט איז ער שוין דאָרט ניט געווען, נאָך נאָך אויסשרייען זיך די לונגען, נאָך ארומלויפן און פרעגן אַלעמען צי האָט מען ניט געזען דעם קליינעם יודין, האָט זי אים געפונען העט־אויבן אויף אַ בערגל. דאָס האָט ער זיך אַזוי געיאָגט נאָך א העזל, צי אַ טשיפּ־מאַנק.

אין באַנגאַלאָ איז יודי בלויז אריינגעקומען אָפּעסן אָדער שלאָפן. ווען מען לאָזט אים, וואָלט ער געגעסן אין וואַסער און געשלאָפן אויפן איבערגעקערטן אַלטן בוים, אויף וועלכן ער האָט ליב געהאַט צו רייטן און אויסרופן: „היי־האָ, סילווער!״

3.

דאָס אַלץ האָט יודי געקאָנט טאָן, ווען אין דרויסן האָט געשײַנט די זון און ווען ס'איז געווען טרוקן דאָס וועטער.

אַנדערש איז אָבער געווען, ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי און געזען אַז די פענסטער פון באַנגאַלאָ זײַנען פאַרמאַכט. עס איז קאַלט און אומעטיק. אין דרויסן גייט אַ רעגן. און דער רעגן הערט ניט אויף נאָר ווערט אַלץ שטאַרקער.

יודין האָט דאָס אין אַנהויב אפילו ניט געאַרט. ווען מען לאָזט אים ארויסגיין, וואָלט ער זיך געשפּילט אין רעגן און ער וואָלט זיך געפּליושקעט אין וואַסער. נאָר אַלע מאַמעס האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך אַז מען זאָל די קינדער ניט ארויסלאָזן זיך שפּילן אין דרויסן ווען עס רעגנט. דאַרף מען וואַרטן ביז די זון וועט ארויס־קומען.

וואָס טוט מען אָבער, אַז די זון איז ערגעץ־וואו אַוועק און דער רעגן הערט ניט אויף? יודי האָט געוואַרט, געוואַרט, געבעטן זיך ביי דער מאַמען, אַז זי זאָל אים ארויסלאָזן. די מאַמע האָט זיך מיט אים אָוועקגעזעצט און געלייענט אים איין ביכל און נאָך אַ ביכל. און דער רעגן האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו גיסן.

— וועסט שוין אַמאָל אויפהערן צו רעגענען, דו שלעכטער רעגן? — האָט יודי געפרעגט און געדעדט צום רעגן.

נאָר, ווי ער וואָלט זיך געריײַצט מיט אים, האָט דער רעגן אָנגעהויבן גיסן נאָך שטאַרקער. יודי האָט זיך גענומען צו זײַנע שפּילצייגן. ער איז געפאָרן מיט זיין טשו־טשו באַן קיין פילאַדעלפיע צו דער מומען; ער האָט אײַנגעקויפט קענדלעך שפּייז און זאַפּטן אין סופּער־מאַרקעט; ער האָט פון זײַנע בלאָקס אויפ־געבויט זיין הויז אין וועלכן ער האָט געוואוינט אין ניו־יאָרק. דאָ וואוינט מרס. גרינבערג, דאָ וואוינט מרס. הענדלער, וואָס גיט אַמאָל קיכעלעך, וואָס זי באַקט אליין אויס, דאָ וואוינט מר. סילווער, וואָס רעדט מיט אים שטענדיק נאָר יידיש. יודי האָט צו זיי גערעדט אַצינד און זיי דערציילט, אַז ער וועט זיי קומען זען, ווען ער וועט צוריקקומען אין ניו־יאָרק. ער האָט אויך זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן „בריװ", דאָס הייסט, ער האָט גענומען בויגנס פּאַפּיר און זיי פאַרשמירט מיט גרויסע שטיקער קרעיאָן. דאָס האָט ער געשריבן צו זיין מיידל־פרײַנט חנהלע, וואָס איז פיר יאָר אַלט. ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט געוואָלט כאַפּן אַ שלאַנג, נאָר זי איז אַוועקגעלאָפן און ער האָט זי ניט געקענט געפינען.

ווען יודי איז פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע זײַנע צאַצקעס, האָט ער געפרעגט: „וואָס זאָל איך איצט טאָן? איך האָב ניט מיט וואָס זיך צו שפּילן, איך וויל ארויסגיין". נאָר דער רעגן האָט אים ניט געלאָזט.

די מאַמע האָט צוגעגרייט עסן און לוסי האָט געלייענט אַ ביכל. יודי האָט

געפונען אַ קאַרטאָן קעסטעלע, אין וועלכן מען האָט געבראַכט גראָסעריס. ער האָט באַשלאָסן עפּעס צו טאָן, נאָר ער האָט קיינעם וועגן דעם ניט דערציילט.

ער האָט אָנגעהויבן אריינלייגן אַלע זיינע צאַצקעס אין דעם קעסטעלע, ווי אויך זיין טעדי בער. דאָן האָט ער ערגעץ-וואו געפונען שטריקלעך. ער האָט שווער געאַרבעט ארומצובינדן דאָס קעסטל מיט די שטריקלעך. ער האָט ניט געוואוסט ווי אזוי זיי צו פארקניפּן. דאָן האָט ער אָנגעהויבן צורוקן דאָס קעסטעלע צו דער טיר.

ערשט איצט האָט די מאַמע דערזען וואָס יודי האָט געטאָן. זי האָט זיך געװואונדערט וואָס יודי האָט געהאַט אין זינען. זי האָט געפרעגט: — יודי, וואָס ליגט אין קעסטעלע? פאַרוואָס האָסטו דאָס געוואָלט ארומבינדן און פאַרוואָס שטייט דאָס לעבן דער טיר?

יודי האָט געענטפערט:

— איך וויל רופן אַ טעקסי. איך וויל דאָ מער ניט זיין. איך וויל צוריקפאָרן אין ניו־יאָרק. דאָרט רעגנט ניט. איך האָב ניט ליב דאָ צו זיין מער. דאָ רעגנט. מאַמע, איך וויל ארויסגיין צום טעלעפאָן און אָפּרופן אַ טעקסי.

— און מיך וועסטו אויך מיטנעמען אין דער טעקסי? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— יאָ, פּאַק זיך איין, וועל איך דיך מיטנעמען, — האָט יודי געענטפערט.

דאָן האָט לוסי געפרעגט:

— און וואָס וועט זיין מיט מיר? איך וויל דאָ ניט זיין אַליין, נעם מיך מיט, יודי.

— אָקעי, — האָט יודי געענטפערט, — נעם דיין רענצל און לייג אריין דיינע שיך און דיינע פּידזשאַמעס, וועל איך דיך אויך מיטנעמען.

— און וואָס וועט זיין מיט אַלע זאַכן, יודי? — האָט די מאַמע געוואָלט וויסן, — דו נעמסט ניט מיט די טעפּלעך און די טעלער און די קאָלדרעס.

— מיר דאַרפן זיי ניט, — האָט יודי געזאָגט. — מיר האָבן גענוג טעפּלעך און טעלער אין ניו יאָרק. מיר וועלן זאָגן דעם טאַטן, וועט ער צוקויפן נאָך.

מאמע איך וועל דיר העלפן

ווען די מאַמע דאַרף אויפראַמען אין קיך, בעט זי לוסין, אַז זי זאָל איר העלפן, נאָר לוסי הערט זיך צו צו דער ראַדיאָ און זי קומט ניט אַריין. דער פּאָר אָבער רופט זיך גלייך אָפּ דער קליינער יודי. ער שפּילט זיך אין זיין צימער. די מאַמע האָט אים ניט גערופן, נאָר ער לויפט אַליין אַריין און זאָגט:

— מאַמע, איך וועל דיר העלפן.

די מאַמע דאַרף ניט זיין הילף. פאַרקערט, ער וועט נאָר שטערן, נאָר אָפּזאָגן קאָן זי אים ניט.

יודי ברענגט אַריין מיט זיך זיין בענקעלע און ער שטעלט זיך אַוועק ביים סינק וואַשן דאָס געפעס. ער פאַרקאַטשעט די אַרבל פון זיין העמדל און טוט אָן זיין פאַרטעכל און הייבט אָן מיט די פינגערלעך וואַשן די טעלער און טעפּ. דאָס וואַסער איז הייס, בריט ער זיך אָפּ די פינגער און צעברעכט שיר ניט די טעלער.

די מאַמע בעט זיך ביי אים:

— יודי, וואַרט ביז איך וועל דיר געבן אָפּווישן די לעפל.

נאָר יודי וויל וואַשן די גרויסע טעפּ מיט זיינע דינע פינגערלעך. די מאַמע דאַרף אַלץ אַליין איבערוואַשן.

ווען יודי שטייט ביים סינק, מאַכט ער מיט זיך ציגגל, ווי אַ קעצל וואָס וואַשט זיך. די מאַמע גיט אים אַ האַנטוך און ער ווישט אָפּ די לעפל. ער טוט דאָס זייער לאַנגזאַם און ער באַקוקט יעדן לעפל און רעדט צו אים ווי מיט זיך אַליין.

איינמאָל האָט די מאַמע געהערט, ווי ער רעדט צו זיין אייגן לעפעלע מיטן רויטן הענטעלע:

— איך האָב דיך געוואַשן מיט הייסע וואַסער און דו ביסט נאָך אַלץ ניט ריין, דו שלעכט לעפעלע! מער וועל איך דיך ניט לאָזן מיר געבן עסן.

יודי האָט אויך ליב צו העלפן רייניקן דאָס הויז. ער פאָלט איבער דעם בעזים און איבערן וואַקיום רייניקער. ער פאַרגעסט, אַז ער דאַרף העלפן, קערט ער איבער די בענקלעך און מאַכט פון זיי אַ באַן מיט וואַגאָנען און דאַן קאָן ער ניט אַרויסקריכן פון זיי.

ווערט די מאַמע בייז אויף אים און שרייט:

— יודי, פאַרוואָס לאָזסטו דו מיך ניט אויפראַמען די שטוב?
ענטפערט יודי.
— מאַמע, איך העלף דיר דאָך.
ווען דער טאַטע קומט אַהיים פון דער אַרבעט, דערציילט יודי ווי ער האָט געהאָלפן דער מאַמען.
לאַכט די מאַמע און זאָגט: — אוי, האָט ער געהאָלפן! איך בין קוים פאַרטיק געוואָרן.

די ציכלעך פון די קישנס און ער העלפט אַראָפּנעמען דעם ליילעך פון מאַטראַץ.
יודי האָט איבערהויפּט ליב איבערצוציען דאָס בעט. ער העלפט אויסטאָן ער וויקלט זיך איין אין ליילעך און קאָן ניט אַרויסקריכן פון אים. דאָן שרייט ער אויס:
— מאַמע, העלף מיר. איך קאָן ניט אַרויסקומען!
ער האָט ליב צו קלאַפּן אויפן מאַטראַץ און אויף די קישנס ווי אויף אַ פּייקל.
ער זינגט דערביי צו: — טאַם־טאַראַ־ראַם! ראַם־ראַם!
די מאַמע דערמאָנט זיך דאָן, אַז מסתמא זיינען זיינע הענט ניט אינגאַנצן ריין.
זי גיט אַ קוק אויף זיי און זאָגט:
— ניין, יודי, דו קאָנסט מיר ניט העלפן מיט אַזעלכע הענט.
לויפט יודי אַריין אין וואַשצימער זיך וואַשן, ווייס די מאַמע, אַז אויב ער וועט זיך אַליין וואַשן, וועט דאָרט ווערן אַ טייך. לויפט זי אַריין אים העלפן, דערווייל איז דאָס בעט ניט אויפגעבעט.
יודי האָט ניט ליב, ווען מען וואַשט זיין פּנים. ער האָט מורא אַז זייף זאָל אַריינגיין אין די אויגן. די מאַמע הייסט אים פאַרמאַכן די אויגן, נאָר ער וויל אַלץ זען, לאָזט ער זיך ניט וואַשן דאָס פּנים.
ביז יודי ווערט פאַרטיק מיט אָפּוואַשן זיך די הענט און דאָס פּנים, האָט שוין די מאַמע דערווייל אויפגעבעט דאָס בעט. קומט יודי אַריין און וויל איר העלפן, צעוויינט ער זיך דערפאַר וואָס די מאַמע האָט ניט געוואַרט אויף אים.
— איך וויל דיר העלפן — וויינט ער.
— גוט, יודי, קום אַריין אין קיך, וועסטו מיר העלפן מישן די דזשעלאָ, — זאָגט די מאַמע.
מישן די דזשעלאָ האָט יודי שטאַרק ליב. ער מישט מיט אַ גרויסן לעפל און דרייט דערביי מיטן רויטן צינגל.
— דו אַרבעטסט עפּעס שווער, יודי? — פרעגט אים די מאַמע.
— יאָ, ס'איז שווער, מאַמע, — ענטפערט ער און מישט שטאַרקער די דזשעלאָ.

ווען דער טאַטע קומט אהיים, דערציילט אים יודי:

— פּאַפּאַ, איך האָב געהאָלפן מאַכן די דזשעלאָ. זייער גוטע דזשעלאָ.

— יאָ, — זאָגט די מאַמע, — יודי האָט געהאָלפן וואַשן די טעלער, יודי האָט געהאָלפן רייניקן דאָס הויז, יודי האָט געהאָלפן מאַכן דזשעלאָ. וואָס וואָלט איך געטאָן אָן מיין טייערן יודי?

— מאַמע, מאָרגן וועל איך דיר אויך העלפן, זאָגט יודי.

— יאָ, יאָ, יודי איז מיין בעסטער העלפער, — לאַכט די מאַמע.

וואו זיינען אהינגעקומען די לעפל

באַלד וועט דער טאַטע אהיימקומען פון דער ארבעט. מען דאַרף גרייטן דעם טיש. האָט די מאַמע געבעטן לוסין אַז זי זאָל אויסלייגן די גאָפּל לעפל.

האָט לוסי אויסגערעכנט וויפל גאָפּל און מעסערס און לעפל זי וועט דאַרפן ארויסנעמען. דריי מעסערס, דריי גאָפּל און זעקס לעפל.

זי האָט געפונען די מעסער מיט די גאָפּל, נאָר די גרויסע און די קליינע לעפל האָבן געפעלט.

— מאַמע, — האָט לוסי געפרעגט — וואו זיינען די לעפל? דאָ ליגן זיי ניט.

די מאַמע איז צוגעגאַנגען און אויסגעפונען, אַז די לעפל האָבן געפעלט.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן און דאַן זיך צעשמייכלט און געזאָגט צו לוסין:

— אָ, דערפאַר איז יודי היינט געווען אַזוי פאַרנומען פאַרן שלאָפן גיין! ער האָט געהאַלטן אין איין אַריינלויפן פון זיין צימער אין קיך. איך האָב געהערט ווי ער האָט גערעדט צו זיך אַליין: „די בעיביס זיינען הונגעריק". גיי, לוסי, אַריין אין זיין צימער און געפין דאָרט די לעפל.

לוסי איז שטיל אַריינגעגאַנגען אין יודיס צימער. זי האָט אָנגעצונדן דאָס קליינע לעמפל און זיך אַרומגעקוקט.

צוערשט האָט זי אַריינגעקוקט אין יודיס „קריב". אין זיין פויסטל האָט ער געהאַלטן אַ קליין לעפעלע. לעבן אים איז געשטאַנען דער שטענדיק לאַכעדיקער „דזשאַדזשאַ", דער ווייסער קלאָון מיט די רויטע בעקעלעך.

לוסי האָט געלאַכט.— איצט האָב איך שוין איין לעפעלע. מען דאַרף געפינען אַנדערע „בעיביס", וועל איך געפינען אַלע לעפל.

אונטערן „קריב" האָט לוסי געפונען ליגן „מוסי פוסי" און לעבן איר איז געלעגן אַ גרויסער לעפל.

אינדערפרי, ווען יודי איז אויפגעשטאַנען, האָט אים די מאַמע געפרעגט:

— יודי, פאַרוואָס האָסטו אַרויסגענומען אַלע לעפל?

יודי האָט זיך ניט געקאָנט גלייך דערמאָנען, ער האָט געטראַכט, געטראַכט און האָט געזאָגט:

— זיי זיינען געווען הונגעריק.

— ווער איז געווען הונגעריק? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— זיי, האָט יודי געענטפערט.

— ווער „זיי"? — האָט די מאַמע געוואָלט וויסן.

— די בעיביס, — האָט יודי זיך דערמאָנט.

— ביסט אַליין אַ בעיבי, — האָט די מאַמע געלאַכט.

— ניין, איך בין ניט קיין בעיבי. איך בין אַ גרויסער בחור.

— ווי אַלט ביסטו, יודי?

— איך בין צען יאָר אַלט.

— ניין, יודי, לוסי איז אַלט צען יאָר. דו וועסט ווערן דריי יאָר אַלט.

— ניין, מאַמע, איך בין צען יאָר אַלט.

— ווער ווייס בעסער, יודי, די מאַמע אָדער דו?

האָט די מאַמע געלאַכט און אים צוגעדריקט צו זיך.

— איך ווייס בעסער.

מיטצי פליט אהיים

.1

ווען יודזשין איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר, האָט ער מער ווי אַלץ אין דער וועלט געוואָלט האָבן אַ הינטל. נאָר אין הויז זיינען געווען נאָך צוויי שוועסטער און זיי האָבן געזאָגט: „ניין״. און טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט — „ניין״. און דער זיידע האָט געזאָגט — „ניין״. האָט יודזשין ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס קאָן זיין שענער פון אַ שוואַרץ קליין הינטל מיט האָר ווי זייד, מיט לאַנגע אויערן און בורשטינענע אויגן, וואָס קוקן דיר געטריי אין פנים אריין? נאָר אַז אַלע מענטשן אין הויז זאָגן „ניין״, מסתמא ווייסן זיי בעסער.

ווען יודזשין איז שוין געווען אַ גרויסער, ווען ער איז צוועלף יאָר אַלט געווען, האָט ער נאָך אַלץ געוואָלט האָבן אַ הינטל, און דאָס מאָל האָט זיך עס אים כמעט איינגעגעבן. ער האָט יענעם זומער פאַרבראַכט אין אַ קעמפּ. איין מאָל איז מען אַוועק אויף אַ לאַנגן הייק. ער און זיין חבר מויש זיינען געגאַנגען די לעצטע. גייען זיי אַזוי און רעדן וועגן זייער קאָנסעלאָר, הינטער זיי גייט מער קיינער ניט. דאָרט ליגט אַ לאַנגער, לאַנגער זאַמדיקער וועג, פון ביידע זייטן פעלדער און פאַרמס.

מיט אַמאָל דוכט זיך יודזשינען אויס, אַז עמעצער גייט הינטער זיי. ער גיט זיך אַ קוק אום און ער דערזעט: יאָ, עמעצער גייט זיי נאָך, מיט שטילע, שטילע טריט. זיי האָבן זיך זייערע אויגן ניט געגלויבט. זיי זיינען געבליבן שטיין. דער עמעצער איז צוגעקומען נאָענט צו זיי. אַזוי נאָענט, אַז ער האָט זייערע נאַקעטע פיס אָנגערירט.

דאָס איז געווען אַ ברוינער עירדעיל הונט, פון מיטעלן וואוקס, א ביסל אַ פאַרשטויבטער, נאָר אַזוי איז ער געווען אינגאַנצן ריין. מויש האָט זיך דער־שראָקן פאַרן הונט און ער האָט געוואָלט אַנגעהויבן גיין שנעלער, נאָר יודזשין האָט זיך איינגעבויגן איבער דער שטומער באַשעפעניש און אים אָנגעהויבן גלעטן. דער הונט האָט אויסגעשטרעקט זיין ווייכע גרויסע צונג און געלעקט יודזשינס האַנט און זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און מיט די פאָדערשטע ווי געוואָלט ארומנעמען יודזשינען.

פון וואַנען האָט זיך דער איינזאַמער הונט גענומען? צו וועמען האָט ער באַלאַנגט? מויש און יודזשין האָבן געדאַרפט אָניאָגן זייערע חברים. דער קאָנסעלאָר האָט געגעבן אַ פייף, אַז אַלע קינדער זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען. יודזשין און מויש גייען אין ריי, נאָר הינטער זיי גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ דער ברוינער הונט. מויש האָט נאָך אַלץ מורא. ער וויל זאָגן דעם קאָנסעלאָר, נאָר יודזשין בעט זיך ביי אים: „וואָס אַרט דיך וואָס דער הונט גייט אונדז נאָך? ער טשעפּעט דיך ניט, טשעפּע אים ניט".

צווישן יודזשינען און דעם הונט האָט זיך אַנטוויקלט אַ פריינטשאַפט. דער קאָנסעלאָר האָט געזאָגט: „איך האָב גאָרניט קעגן דעם, אַז דו, יודזשין, זאָלסט מיטנעמען דעם הונט אין קעמפּ אַריין, אויב ער וועט וועלן מיטגיין, נאָר צווינג אים ניט. זאָל ער אַליין באַשטימען".

יודזשין האָט זיך געפרייט. דער הונט איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ גוטער הייקער. ער איז צוגעקומען צום טויער פון קעמפּ און דאָרט געבליבן שטיין. יודזשין האָט אים גערופן, נאָר אַריינגיין האָט דער הונט ניט געוואָלט. ער איז געשטאַנען אַ פאַרבענקטער און געקוקט ווי יודזשין גייט אַריין. דאַן האָט ער מיט גיכע טריט אָנגעהויבן שטעלן פיס, צוריק אַהיים צו זיין באַלעבאָס.

.2

יודזשין איז געוואָרן אַ גרויסער. ער איז אַריין אין קאָלעדזש און ער האָט שוין מער וועגן קיין הינטל ניט געטראַכט. דאָ ברעכט אויס די מלחמה. יודזשין וויל פליען צו די פיינט פון אמעריקע און זיך מיט זיי אָפּרעכענען. ער לערנט זיך גוט אין דער אוויאַציע־שול און ער ווערט אַ פּילאָט פון אַ פליענ־דיקער פעסטונג. ער איז שטאָלץ מיט זיין בי־17.

אָט געפינט זיך יודזשין שוין אין צפון-אפריקע. ער איז געפלויגן איבער דעם פיינטס טעריטאָריע. ער בענקט אַהיים צו זיינע טאַטע־מאַמע, צו זיינע שוועסטער, צו זיין זיידן.

דרייט זיך אַמאָל יודזשין אַרום איבער די גאַסן פון קאַסאַבלאַנקאַ. די מענטשן אַרום אים רעדן פראַנצויזיש און אַראַביש און נאָך שפּראַכן, וועלכע ער פאַרשטייט ניט. יודזשין איז געווען אויף אַ „פּאַרלאָו" און ער האָט געוואָלט פאַרברענגען מיט פריינט, נאָר ער האָט דאָ קיינעם ניט געקענט. מיטאַמאָל דער־זעט ער ווי אַן אַראַבער שטייט אין מיטן גאַס אַרומגערינגלט פון דריי הינטלעך. יודזשין שטעלט זיך אָפּ און ער באַטראַכט זיי. דער אַראַבער הייבט אויף איין הינטל, אַ שוואַרצן שפּאַניעל, און ער טראָגט אים צו צו יודזשינען. דאָס הינטל לאָזט זיך גלעטן און עס וויל ניט אַרויס פון יודזשינס אָרעמס.

עפּעס האָט יודזשין דערפילט, ווי דאָס הינטל וויל זיך באַפריינדן מיט אים. און יודזשין האָט זיך געניוויטיקט אין אַ פריינט. דער אַראַבער גיט יודזשינען צו פאַרשטיין, אַז ער וויל דאָס הינטל פאַרקויפן. ער וויל פינף דאָלער דערפאַר. יודזשין טראַכט שנעל. די חברים־פליער פון זיין בי־17 האָבן ניט איינמאָל געזאָגט, אַז די שיף דאַרף האָבן אַ „מעסקאָט". יודזשין גיט אַ טראַכט ווי גוט ס'וועט זיין, ווען ער וועט צוריקקומען מיט אַ סורפּריז, מיט אַ „מעסקאָט". יודזשין האָט דאָס הינטל אָפּגעקויפט ביים אַראַבער און ס'איז אים איינגעפאַלן אים אַ נאָמען צו געבן מיטצי.

קיין בעסערע מתנה האָט יודזשין זיינע חברים ניט געקאָנט ברענגען. מיטצי איז געווען אַ יאָר אַלט און ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון אַלע פליער. צוויי מאָל האָט יודזשין מיטצין אריינגענומען אין זיין פליענדיקער פעסטונג און דאָס הינטל איז געפלויגן. מיטצי האָט זיך ניט געשראָקן, נאָר צו הויך האָט ער ניט געקאָנט פליען. ....

יעדעס מאָל ווען יודזשינס שיף האָט זיך געדאַרפט אויפהייבן צום קאַמף, האָבן זיך אַלע פליער געזעגנט מיט מיטצין. דאָס הינטל האָט ווי פאַרשטאַנען, אַז זיינע פריינט פליען אוועק אויף אַ געפערלעכער מיסיע, אַז זיי וועלן שוין מעגלעך מער ניט צוריקקומען; נאָר ווען יודזשין האָט זיין ריזיקע שיף צוריק־געבראַכט בשלום, האָט מיטצי זיך געפרייט מער ווי אַלע.

.3

יודזשין האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס אַ פּילאָט. ער האָט באַקומען דעם לופט־מעדאַל און ווען ער האָט געענדיקט זיינע פופציק באָמבע־מיסיעס איבער דעם פיינטס טעריטאָריע, האָט ער געקראָגן דעם „דיסטינגוויש פלייאינג קראָס". ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט באַלד אַהיימגעשיקט ווערן אין די שטאַטן און ווערן אַן אינסטרוקטאָר, צו לערנען נייע פליער. זיינע עלטערן האָבן זיך געפרייט, וואָס יודזשין וועט באַלד אהיימקומען אַ גאַנצער און אַ געזונטער און אַ העלד דערצו.

יודזשין האָט באַשלאָסן מיטצונעמען מיטצין מיט זיך אהיים. אידי פאַר־אייניקטע שטאַטן. מיטצי איז זיין בעסטער פריינט, האָט ער געזאָגט. מיטצי האָט שטענדיק געוואַרט אויף אים, ווען ער איז געפלויגן אין די הימלען און געקעמפט מיט אונזערע פיינט. ער קאָן מיטצין ניט איבערלאָזן.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג ווען יודזשין האָט זיך געדאַרפט אריינזעצן אין אַ טראַנספּאָרט־שיף און לאַנגזאַם, דורך געפערלעכע וואַסערן, אָנקומען אין די שטאַטן. מען האָט אים געזאָגט, אַז ער קאָן זיין הינטל ניט מיטנעמען אויף

דער שיף, אַז ער וועט עס מוזן לאָזן אין האַפן (פּאָרט). געזעץ איז געזעץ. יודזשין האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט זיך געדאַרפט געזעגענען מיט זיין באַליבטן מיטצי.

דער נאַוויגאַטאָר פון יודזשינס לופט־שיף, לייטענאַנט פּעטריק אַ׳גרעידי, האָט געדאַרפט אהיימפאָרן מיט אַן אַנדער שיף אין אַ פּאָר טעג אַרום. יודזשין האָט אים איבערגעלאָזט מיטצין. ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל מיטצין איבערגעבן אין גוטע הענט.

פּאַסירט האָט אָבער אַנדערש. לייטענאַנט אַ׳גרעידי איז ניט אהיימגעפאָרן, ווי לייטענאַנט יודזשין, אויף אַ וואַסער־שיף, נאָר אין אַ לופט־שיף. לייטענאַנט אַ׳גרעידי האָט דערציילט דעם פּילאָט וועגן דעם ווער מיטצי איז און דער פּילאָט האָט דערלויבט מיטצין צו פליען אַהיים, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לייטענאַנט אַ׳גרעידי האָט געוואוסט, אַז יודזשין וועט האָבן דעם גרעסטן סורפּריז אין זיין לעבן.

ווען לייטענאַנט אַגרעידי איז אַנגעקומען אין ניו יאָרק מי טמיטצין, האָט ער די ערשטע זאַך טעלעפאָנירט צו יודזשינס עלטערן. זיי האָבן אים געבעטן גלייך אַריבערקומען. ער איז אָבער ניט געקומען אַליין. ער האָט מיטגעבראַכט מיטצין.

יודזשינס טאַטע־מאַמע און זיינע שוועסטער און אויך דער זיידע האָבן זיך ניט געקענט אָפּפרייען מיט מיטצין. זיי האָבן אים אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זיי האָבן געוואוסט ווי שטאַרק יודזשין וועט זיך דערפרייען, ווען ער וועט אַריינקומען אין הויז און דערזען אַן אומגעריכטן גאַסט — מיטצין.

צען טעג האָט מיטצי פאַרבראַכט אין יודזשינס הויז. אויפן עלפטן טאָג האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. דאָס האָט גערעדט יודזשין. די פרייד איז געווען גרויס. מיטצין האָט מען פריש אויסגעבאָדן און אויסגעקאַמט.

ווען יודזשין האָט געעפנט די טיר און די מאַמע האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן און האַלדזן, האָט יודזשין ניט געוואוסט, אַז אויף אים וואַרט זיין געטרייער פריינט אין זעלבן הויז. מיטצי איז געלעגן אַ שלאָפנדיקער אין וואַש־צימער. ס׳איז געווען שפּעט ביינאַכט. נאָר ווען יודזשין איז אריין אין שלאָף־צימער, וואָס האָט זיך געפונען לעבן וואַש־פלאַץ, האָט מיטצי דערהערט זיין קול און זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן בילן און סקאַווטשען. יודזשין האָט זיך זיינע אויערן ניט געגלויבט. ער איז אַריינגעלאָפן אין וואַש־צימער און דאָרט איז אים אַנטקעגנגעשפּרונגען מיטצי, זיין מיטצי.

— מאַמע טייערע, דאָס איז פאַר מיר אַזאַ איבערראַשונג, אַז איך קאָן זיך אַליין ניט גלויבן, — האָט יודזשין געזאָגט.

— מיין קינד, — האָט די מאַמע געזאָגט צו יודזשינען, — מיר וועלן אויפ־פּאַסן אויף מיטצין. ער איז אונדז טייער, ווייל ער איז געווען מיט דיר אין די שווערסטע צייטן. ער האָט אונדז דער ערשטער געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון דיר.

מיטצי האָט ניט געוואָלט אַראָפּקריכן פון יודזשינס הענט. ער האָט געהאַלטן אין איין קוויטשען, ווי ער וואָלט וועלן דערציילן יודזשינען ווי שטאַרק ער האָט געבענקט נאָך אים.

רבקהלע דוד קאָוואלס

א שלום גאלדין מעשה

אין משך פון אַ צענדליק יאָר, אָנהויבנדיק פון 1940, האָט דער שרייבער זונטיק געדרוקט אַ לעבנס־פֿאַסירונג אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט״, אונטערן פּסעוודאָנים שלום גאָלדין. די מעשׂות זיינען מערסטנס געווען אמתע געשיכטעס, וואָס לייענער האָבן דערציילט.

רבקהלע חוד קאוואלס

פאראן לעבנס־פּאַסירונגען, וועלכע רירן אָן אַן ענגן קרייז מענטשן, די וואָס ווערן דערפון געטראָפן, געדענקען דאָס אויפן גאַנצן לעבן. אויך זייערע נאָענטסטע דערמאָנען זיך פון צײַט צו צײַט.

פאראן אָבער אויך געשיכטעס, וועלכע גייען ארויס פון פאַמיליע־קרייז און ווערן דאָס אגנטום פון אַ גאַנצער קהלה, פון אַ דאָרף, אַ שטעטל און אפילו אַ גרויסער שטאָט.

היינט וועלן מיר איך דערציילן איינע פון די מערקווירדיקסטע געשיכטעס וואָס איז פאָרגעקומען מיט איבער 60 יאָר צוריק אין דער גרויסער ידישער ידישער טעקסטיל-שטאָט לאָדזש, פוילן. אין אַמעריקע געפינען זיך טויזנטער און טויזנטער יידן, וועלכע געדענקען נאָך יענע געשיכטע. עס געפינען זיך אַ צאָל וואָס זינגען נאָך ביז׳ן היינטיקן טאָג דאָס ליד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אָנדענק פון יענער פּאַסירונג.

יעדער לאָדזשער פון עלטערן דור געדענקט דעם נאָמען רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס. זי איז געוואָרן אַ לעגענדארע פיגור, און די דראמאטישע געשיכטע פון איר לעבן און, איבערהויפּט פון דער טראַגישער פּאַסירונג, וואָס האָט זי באַרימט געמאַכט, איז דערציילט געוואָרן אין אַזויפיל וואַריאַנטן, אַז דער שרייבער פון די שורות האָט גערדאַרפט אַ סך פאָרשן צו דערגיין דעם אמת.

די מערקווירדיקע פרוי רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס האָט געוואָלט אָנשרייבן איר לעבנס־געשיכטע. נאָר זי האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, ביז עס איז געוואָרן צו שפּעט. דערציילט די פאַקטן האָט מיר איר פּלימעניצע ראָזע קושינסקי.

אויף דער אַלעקסאַנדראָווסקע נומער 7 אין לאָדזש האָט געוואוינט דוד אָפּענבאַך מיט זיין פרוי און דריי טעכטער און צוויי זין. ווי די מערסטע יידן, האָט מען אים ניט גערופן ביים לעצטן נאָמען, נאָר מיט אַ צונאָמען — דוד קאָוואַל׳ס. אַ צאָל לאָדזשער, וואָס האָבן מיר דערציילט די מעשה, האָבן אי־בערגעגעבן, אַז גערופן האָט מען דעם פאָטער דוד קאָוואַל׳ס, ווייל ער איז געווען אַ קאָוואַל (שמיד) אין באַלוט, דעם אָרעמסטן קוואַרטאַל פון לאָדזש. די פּלימעניצע זאָגט אָבער, אַז געהייסן האָט ער קאָוואַל דערפאַר, וואָס ער האָט געשטאַמט פון שטעטל קאָוועל. אויך איז נאָך גאַנץ באַלוט אין יענער צייט ניט געווען באַזעסן פון גאַלע קבצנים. אויף דער אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס האָבן געוואוינט פאַרמעגלעכע מענטשן. דוד קאָוואַל׳ס איז גראָד געווען אַ

ייד אַ גביר. ער האָט געהאַט די חזקה איבער סאַדע וואסער און סאָקן (סיראָפּ) אין לאָדזש. ער איז געווען אַ בעל־צדקה און אין זיין הויף האָט ער געהאַט אן אייגענע שול מיט אַן אייגענעם מנין.

זיין הויז איז געווען אויסגעשטאַט לוי'טן לעצטן פאַסאָן. די גרויסע קיך האָט געגלאַנצט פון די קופּערנע פאַנען, וואָס האָבן פארנומען די ווענט. כאָטש די עלטערן זיינען געווען פרום, האָבן אָבער די טעכטער באַקומען אַ וועלטלעכע דערציאונג. זיי זיינען געגאַנגען אין שקאָלע.

פון אַלע פינף קינדער איז דאָס שיינדל געווען רבקה'לע. זי איז געווען די יינגסטע פון די טעכטער. מיט איר שיינעם אויסזען האָט געקלונגען די שטאָט. זי איז געווען הויך און שטאַלטנע געוואַקסן, אירע האָר זיינען געווען ווי רייפע קאַשטאַנעס, די העל ברוינע אויגן ווי דורכזיכטיקער בורשטין, איר קול האָט געקלונגען מיט רייץ, געלעכטער און יוגנט־פרייד. די הויט פון איר לייב איז געווען ווייס און גלאַט ווי אַ שפּיגל.

ווען אירע פאַרערער אין ניו יאָרק זיינען זי געקומען אָנקוקן בעת זי איז שוין געווען אַן אַלטע פרוי, אויף איר לעצטן באַזוך דאָ, נאָכדעם ווי זיי האָבן זי ניט געזעהן איבער 30 יאָר, האָבן זיי זיך אַנטוישט פון איר דיקן אויסזען, נאָר ווען זי האָט די ערשטע ווערטער ארויסגערעדט, האָבן אַלע אייסגערופן: „ס'איז די זעלביקע רבקה'לע".

ניט בלויז איז רבקה'לע געווען די יידישע שיינהייט פון לאָדזש נאָר זי האָט אויך פאַרמאָגט פּערזענלעכקייט, א פעסטן כאַראַקטער, און אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס.

שוין צו 18 יאָר האָט מיט איר אויסזען און איר האַלטן זיך געקלונגען די שטאָט. שוין דאַן האָט זי געוואוסט, אז די גאַנצע שטאָט קוקט אויף איר. ווען רבקה'לע האָט זיך געדארפט אויספּוצן לכבוד א יום־טוב, זיינען מיידלעך און בחורים געשטאַנען הינטער אירע פענסטער צו קאָנען כאַפּן אַ קוק אויף איר. מיר דערציילט אַ לאָדזשערין, אַז זי האָט אַלס קינד ניט איינמאָל געכאַפּט פּעטש, שטייענדיק הינטער רבקה'לע'ס פענסטער, פון די סטרוזשעס, וואָס זיינען ארויסגעקומען פאַנאַנדערטרייבן די נייגעריקע.

ווען רבקה'לע איז געפאָרן אין דער גומענער קאַרעטע („גומיאנקע") איבער דער פּעטריקאָווער גאַס, האָבן אַלע פריקאַזשטשיקעס אַוועקגעוואָרפן די סחורה פון די הענט און אויפגעמאַכט די טירן און ארויסגעלאָפן כאַפּן אַ בליק אויף רבקה'לע קאָוואַל'ס.

זי האָט געוואוסט איר מאַכט און זי האָט אלעמען די קאָפּ פאַרדרייט נאָך צו 18 יאָר. לאָדזש איז דאַן געווען די פּראָספּעריטי־שטאָט פון פוילן. פון

גאַנץ ראסיי זיינען אראָפּגעקומען קופּצעס (סוחרים) און געגעבן צו לייזן גרויסע געלדער. טריפענע ליטוואַקעס און אויך חסידים פּרומאַקעס, וואָס האָבן זיך ניט איינמאָל געגעבן פּעטש צוליב דער הייליקער תורה, זיינען אָבער געווען פאראייניקט, ווען ס׳איז געקומען צו ווארע, צו וועקסלען און צום קופּער־נעם גראָשן.

דאָן איז אויך אַנטשטאַנען די „אַחדות״ פון די ארבעטער, פון דעם וויכטיקסטן יידישן פּראָלעטאריער־עלעמענט אין פּוילן, דעם וועבער און פאַבריק־ארבעטער. פון איין זייט — אָן אַ שיעור רייכטום און וואוילטאָג, פון דער צווייטער זייט — שווידערלעכע עקספּלואטאציע, הונגער, נויט, אויסצער — און קאַמף־לוסט.

איז דען געווען אין לאָדזש א בחור צי אַ מאַנסביל, וואָס האָט ניט געטרוימט פון רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס? וואו א רייך זינדל, האָט ער זיך גע׳שדכנ׳ט צו דער שיינער רבקה׳לן; וואו א פּראַנטל, האָט ער געוואָלט מיט איר גיין שפּאַצירן אין „העלענאָווער״ פּאַרק.

ענדלעך איז לאָדזש אויפגעשטורעמט געוואָרן פון דער גרויסער נייעס, אַז רבקה׳לע האָט שוין אַ חתן. געוויס זיינען געווען גרעסערע פּראָבלעמען אין יענער צייט אין דער אויסגעוואַקסענער פאבריק־שטאָט, די קליין־אמעריקע פון פּוילן. געוויס זיינען אָנגעגאַנגען ביטערע קאַמפן צווישן ארבעטער און גרויזאַמע באַלעבאַטים; ניט איין שיין מיידל האָט איר געזונט פארלאָרן אין די שקלאַפערישע פאַבריקן; ניט איין קינד איז געטריבן געוואָרן צו פּראָסטיטוציע ניט איין מאַמע איז אויסגעגאַנגען פון שווינדזוכט.

נאָר ווי מען האָט געלייענט שמר׳ן און געטרוימט פון זיינע פּרינצן, וואָס האָבן זיך פארליבט אין אָרעמע מיידלעך, אַזוי האָט מען געוואָלט פארטרייבן דעם אייגענעם עלנט, טרוימענדיק וועגן די רייכע הויפן און די שיינע פּאַניענקעס.

רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס האָט שפּאַצירט איבער דער פּיעטריקאָווער גאַס מיט אַ חתן. ווער איז געווען דער גליקלעכער? געוויס ניט קיין אָרעם בחור, קיין וועבער אָדער שניידער.

דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי ח י י ם ר א ו ב ן ש ל א מ א ו ו י ט ש, דער זון פון איינעם פון די רייכסטע טוץ־פאַבריקאַנטן פון לאָדזש. דער בחור האָט זיך פאַרליבט אין דער יפת־תואר איבער די אויערן. ער איז געווען אַ וויילטלעכער בחור, ניט קיין חסיד מיט׳ן שוואַרצן היטעלע. רבקה׳לע וואָלט מיט אַזאַ איינעם זיך געשעמט אַ וואָרט אויסצורייזן.

חיים ראובן איז געווען צו גאָט און צו לייט. ער האָט פארמאָגט אַ שאַרפן קאָפּ. ער איז געווען דער איינקויפער פון טאַטנ׳ס געשעפטן. כאָטש אַליין איז ער געווען מאָדערנע דייטשיש געקליידט, איז אָבער זיין פאָטער׳ס הויז געווען

חסידיש אַריסטאָקראַטיש. די סביבה איז געווען גאָר אַ רייכע. יחוס און טראַדיציע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

מען קאָן זיך דערפאַר פאָרשטעלן, אַז זיינע עלטערן זיינען געווען שטאַרק אַנגעצופּעדן מיט זייער וואוילן זונ׳ס האַנדלונג — ארומצוגיין פראַנק און פריי מיט רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס, וואָס כאָטש אירע עלטערן זיינען קיין קבצנים ניט געווען, האָבן זיי אָבער ניט אָפּגעשטאַמט פון גרויסן יחוס און זיינען ניט געווען אַזוי פאַרמעגלעך ווי די שלאָמאָוויטשעס. די הויפּט-אויסזעצונג איז אָבער געווען, וואָס רבקה׳לע איז ניט געווען דאָס ציטערדיקע, איידעלע קינד, וואָס וואָלט געדאַרפט רויט ווערן איבער די אויערן ביים אָנבליק פון אַ בחור. רבקה׳לע איז געווען צו מאָדערן, צו געוואַגט פאַר די שלאָמאָוויטשעס. צו דערפאַרן, אַז זייער קינד זאָל זיך משדך זיין מיט דער געפּוצטער, פאַרפיומירטער מיידל, אַזאַ וואָס האָט געקאָנט פאַר׳שרפ׳ען אַ וועלט מיט אירע פאַרשייטע בליקן.

די ליבע האָט אָבער געפלאַקערט ביי חיים ראובנ׳ען. זי האָט געהאַט אַזאַ שוואַרצן כח, אַט די ליבע, אַז חיים ראובן האָט געבראָכן אַלע פאַמיליע־צאַמען. אַלע שטרויכלונגען זיינען זיך צעגאַנגען, ווי פּוטער אויפן פייער, ווען ער האָט זיך באַגעגענט מיט רבקה׳לעס צויבער־בליק.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ גוואַלדיקער ווילן־כח צו קאָנען שפּאַצירן איבער די שענסטע גאַסן פון לאָדזש מיט רבקה׳לע׳ן אונטער׳ן אָרעם, קעגן דעם געבעט פון טאַטע־מאַמע און אַלע גוטע און פרומע לייט. נאָר אַט דעם כח האָט חיים ראובן אין זיך געהאַט און רבקה׳לע האָט ניט געגלויבט אין קיין באַהאַלטענע ווערגן. פאַרקערט, זי וואָלט קיינמאָל מיט איר געליבטן ניט ארומגעגאַנגען, ווען ער וואָלט ניט ארויסגעוויזן זיין שטאָלצירן מיט איר.

2.

דאָ קומען מיר צום הויפּט־פּונקט פון אונזער געשיכטע.

אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט מען מסתמא געפראַוועט אַ חתונה כיד המלך. נאָר רבקה׳לע, וואָס האָט ליב געהאַט, אַז מען האָט וועגן איר גערעדט און וואָס האָט ליב געהאַט זיך אויסצופּיינען פאַר דער גאַנצער שטאָט, — רבקהלע האָט געהאַט זייער אַ שטילע חתונה. ס׳איז פּאַקטיש ניט פאַראַן קיין לאָדזשער דאָ, וואָס געדענקט, צי מען זאָל בכלל האָבן געפראַוועט אַ חתונה.

איין זאַך געדענקט מען יאָ — רבקה׳לע׳ס וואוינונג נאָך דער חתונה. געוואוינט האָט זי מיט חיים ראובנ׳ען אויף דער קאָנסטאַנטינער גאַס, זייער אַ רייכע גאַס, געוואוסט האָט אויך די גאַנצע שטאָט, אַז רבקה׳לע פירט שטאָט, אַז זי לעבט אויפן גרויסן שטייגער. חיים ראובן ברענגט צו זיך אין הויז אריין

די גרעסטע סוחרים; מען פראוועט בעלער, מען לאזט זיך וואוילגיין.

רבקה׳לע האט חיים ראובנ׳ען שטארק ליב געהאט. זי האט אבער גע-האלטן, אז ער דארף זי באהאנדלען ווי זי פארדינט זיך, ווי א גראפינע, ווי דאס שווארצאפל פון אויג.

איז דען א גאנצע שטאט מענער איר ניט געווען גרייט צו פאלן צו די פיס? האט זי זיך דען ניט געקאנט אויסקלייבן וואס איר הארץ האט געגלוסט?

מסתמא האט איר חיים־ראובן פארזיכערט, אז זי וועט ביי אים זיין די קרוין פון קאפ, אז ער וועט זי ליב האבן ווי לאנג ער וועט לעבן, אז ער וועט שטענדיק אויסגיין נאך אירע טריט.

רבקה׳לע איז ניט געווען קיין נאאיוו מיידל. שטאלץ איז זי געווען און אומאפהענגיק, דרייסט און איינגעגלויבט אין איר צויבער־קראפט. זי האט זיך ניט געקענט ריכטן — און קיינער אין דער וועלט האט זיך ניט געקאנט ריכטן — אז איר גליק וועט לאנג ניט אנהאלטן, אז איר שטאלץ וועט לאנג ניט געוועלטיקן.

נאר אזוי האט דאס פאסירט.

רבקה׳לע האט אנגעהויבן באמערקן, אז איר יונגער מאן הויבט זי אן פאר־נאכלעסיקן, אז ער האלט ניט זיין ווארט בנוגע דער צייט, וואס ער דארף אהיימקומען. זי ווארט אן אויסגעפוצטע און ער קומט ניט אין צייט. געשעפטן האלטן אים געפאנגען ביז אין דער שפעטער נאכט אריין. די געשעפטן פירט ער אין האטעל „מענטויפל״, דעם רייכסטן האטעל אין שטאט, וואו עס ווירבלט מיט שאנסאנעטקעס, וואס פארוויילן גרויסע קופצעס פון ראסיי.

דער פרויען־אינסטינקט האט איר ניט געלאזט רוען. זי האט אים אנ־געהויבן פארדעכטיקן. און ווי ס׳איז דער פאל אין אזעלכע מאמענטן, דער־טראגן זיך שוין קלאנגען, סלוכן: געזען, געהערט, געזאגט, גערעדט.

חיים ראובן איז ניט געווען דער זעלביקער. דאס האט זי געקאנט באַ־שיימפערלעך דערפילן. ער, וואס איז איר ערשט ניט לאנג צוריק געפאלן צו די פיס, ער, וואס האט איר געשווארן אייביקע ליבע און געטריישאפט — ער פארנאכלעסיקט רבקה׳לע דוד קאוואל׳ס.

חיים ראובן האט זי מער ניט געקאנט נארן. סקאנדאלן און געוויינען — און רבקה׳לע האט באשלאסן נקמה צו נעמען. און ווילד איז די נקמה געווען.

מסתמא זיינען פארגעקומען איבעררײדן צווישן רבקה׳לען און איר מאן וועגן זיין אויפפירן זיך. עס זיינען געווען ווארנונגען פון איר זייט, אז קיין גוטס וועט דערפון ניט ארויסקומען. חיים ראובן איז זיך אנגעגאנגען מיט זיין וועג. רבקה׳לע האט ניט בלויז געליטן אין זיך, נאר זי האט געוואוסט, אז די

גאַנצע שטאָט רעדט וועגן איר איצט ניט ווי זי איז געוואוינט געווען, אַז מען זאָל וועגן איר רעדן. איצט האָט מען זי געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט. מען האָט געלאַכט פון דער שיינער רבקה׳לע׳ן, וואָס שאַנסאָנעטקעס פון „מענטויפל" זיינען רייצנדיקער ווי זי איז...

ס׳איז געווען נאָך אַ מאָמענט דערביי, דער מאָמענט פון אָפּנאַרעריי. חיים ראובן האָט צוגעזאָגט אהיימצוקומען אין צייט און רבקה׳לע האָט געוואַרט, געוואָרט אויף אים און ער האָט זיך ניט געוויזן. ער האָט ניט איינמאָל איר געזאָגט, אַז ער ברענגט געסט אין הויז אריין, גרויסע סוחרים פון טיף ראסיי. זי האָט זיך געגרייט פאר זיי. אויסגעפּוצט איוף איר שטייגער, נאָר ניט ער און ניט די געסט האָבן זיך באַוויזן. איר ווייטאָג איז געווען גרויס.

ביז עס האָט פּאַסירט. דער שטורם האָט אויסגעבראָכן און דער שאָדן איז געווען גרויס.

חיים ראובן האָט איר געהייסן צוגרייטן אַ גרויסן מאָלצייט, אַ „באַליע". רבקה׳לע האָט אַלץ געהאָט צוגעגרייט. דאָס עסן איז געווען פּאַרטיק, די דינער האָבן געוואַרט אומגעדולדיק, די לאָמפּן און קאַנדעלאַבריעס האָבן געפינקלט. רבקה׳לע איז ארומגעגאַנגען אין גרויס דערוואַרטונג. דער זייגער איז אָבער ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. די וויזערס האָבן איר געשטאָכן, ניט ווילנדיק, אין האַרץ אַריין. זיי האָבן זיך ווי געררייצט מיט איר, געוויזן איר, אַז חיים ראובן לאַכט אָפּ פון איר, אַז ער האָט זי מער ניט ליב.

עס איז שוין געווען אין מיטן נאַכט און ניט מען האָט געהערט פון חיים ראובנ׳ען אָדער פון זיינע געסט. די דינער זיינען געגאַנגען שלאָפן. די גרויס־אַרטיקע געקעכצן זיינען פאַרטריקנט געוואָרן. די באַלעבאָסטע איז ארומ־געגאַנגען אַ פאַרביטערטע, אַ פאַרשעמטע און אַן אויפגערעגטע.

מיטאַמאָל איז רבקה׳לע געוואָרן ווילד. ניין, מער וועט ער זי ניט באַהאַנדלען ווי די ערגסטע. מער וועט ער זי ניט אָפּנאַרן. ער וועט באַצאָלן פאַר אַלע זיינע שטיק, פאַר אַלע באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען. זי וועט זיך מיט אים אָפּ־רעכענען איינמאָל פאַר אלעמאָל. אַ סוף מוז דאָס נעמען נאָך היינט ביינאַכט.

זי האָט געהייסן שפּאַנען די קאַרעטע. אויב ער איז ניט אַהיימגעקומען, וועט זי זען מיט די אייגענע אויגן, צי ס׳איז אמת וואָס מען דערציילט וועגן אים.

— צום האָטעל „מענטויפל" — האָט זי באַפוילן.

איבער די פינסטערע גאַסן פון לאָדזש, אין שפּעטער נאַכט, איז רבקהלע געפאָרן איינע אליין. זי איז געפאָרן זיך אָפּרעכענען מיט איר שונא — מיט איר אייגענעם מאַן.

האָבן געהוליעט די אָנגעפּאָרענע סוחרים פון רוסלאַנד. די שטאָט איז גע־שלאָפן, נאָר דער האָטעל „מענטויפל" האָט פון קיין שלאָף ניט געוואוסט. דאָ האָט מען געפרעסן און געזויפן. דאָ האָט מען זיך געלאָזט וואוילגיין אָן אַ גרענעץ. דאָ האָט רבקה׳לע געפונען איר מאַן. זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט אים דאָ טרעפן. און ניט אין קאָנפערענץ מיט סוחרים, נאָר אין דער פריילעכער געזעלשאַפט פון שאַנסאָנעטקעס.

חיים ראובן איז געווען איבערראשט צו זען רבקה׳לען. אויף דעם האָט ער זיך גאָרניט גערעכט. ער איז געבליבן געפּלעפט און ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען. נאָר איידער ער האָט צייט געהאַט צו באַטראַכטן די לאַגע, אין וועל־כער ער האָט זיך געפונען, איז רבקה׳לע, וואָס איז געווען אויסער זיך פון כעס און ווילד פון באַליידיקונג, צוגעלאָפן צו איר מאַן. זי האָט בליץ־שנעל ארויסגעכאַפּט פון איר האַנט־טאַש אַ פלעשל — און די טונקעלע פליסיקייט אַ גאָס געטאָן גלייך אין חיים ראובנ׳ס אויגן אריין. ס׳איז געווען אַ פלעשל מיט וויטריאָל. דער סם האָט חיים ראובנ׳ען גלייך די אויגן אויסגעברענט.

מער האָט ער שוין קיין שאַנסאָנעטקעס אויף זיין לעבן ניט געזען. מער האָט ער שוין זיין שיינע רבקה׳לע ניט געזען. מער האָט ער שוין די שיין פון דער זון אויף זיין לעבן ניט געקאָנט אַנקוקן.

וואָס האָט רבקה׳לע דאַן געטאָן?

ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, אַ געלאָף. זי האָט געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו אַנטלויפן. זי האָט זיך ניט פאַרלאָרן, דערציילט זי. זי האָט געזען, אַז זי קאָן לייכט ארויסגיין פון האָטעל, אַז קיינער זאָל זי ניט אָפּשטעלן. זי האָט גע־קאָנט אַנטלויפן פון דער שטאָט. נאָר זי האָט דאָס ניט געטאָן, ניט געטראַכט אָפילו וועגן דעם. אָנשטאָט דעם, איז זי גלייך אַוועק אין פּאָטער׳ס הויז און אים דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען. דער פּאָטער איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז זי זאָל אַנטלויפן.

— פאָר אַוועק. נאָ דיר וויפיל געלט איך האָב נאָר. פאָר אוועק, ראַטעווע זיך.

נאָר רבקה׳לע האָט דערפון ניט געוואָלט הערן.

— טאַטע, איך גיי זיך איבערגעבן דער פּאָליציי.

אינדערפרי האָט גאַנץ לאָדזש געשטורעמט מיט דער פּאַסירונג. און אין אַ פּאָר טעג ארום איז די נייעס געווען פאַרשפּרייט אין אַלע צייטונגען פון לאַנד. רבקה׳לעס נאָמען איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן.

די פּאָליציי האָט צוגעגרייט דעם פּראָטאָקאָל פאַר אַ קרימינעלן פּראָצעס. חיים ראובן איז געבליבן בלינד אויפן גאַנצן לעבן. רבקה׳לע האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר איר פאַרברעכן.

דער שטאָלצער חיים ראובן איז איצט ארומגעגאַנגען אַ הילפלאָזער, אַ פאַרלאָשענער איבער די לאָדזשער גאַסן. אַלע האָבן אים נאָכגעקוקט, נאָר ער האָט דאָס מער ניט געזען. א יינגל האָט אים געפירט ביי דער האַנט. חיים ראובן האָט געטאַפּט מיט׳ן שטעקן אין דער אייביקער פינצטערניש, אין וועלכער די ליכטיקע רבקה׳לע האָט אים אריינגעפירט.

חיים ראובנ׳ס עלטערן האָבן באַשלאָסן אויסצוגעבן אַ פארמעגן, אַז רבקה׳לע זאָל פאַר׳משפט ווערן צום טויט, אָדער אויף אייביקער קאַטאָרגע. נאָר פונקט אַזוי זיינען געווען אַנטשלאָסן רבקה׳לעס עלטערן אויסצוגעבן אַ פאַרמעגן אַז זייער שיינע טאָכטער זאָל באַפרייט ווערן פון דער גרויזאַמער שטראָף, וואָס האָט איר דערוואַרט.

גאַנץ לאָדזש האָט זיך איינגעטיילט אין צוויי צדדים — די וואָס האָבן געהאַלטן מיט רבקה׳לען און די וואָס האָבן געהאַלטן מיט חיים ראובנ׳עז. פעטש זיינען געפלויגן; אַלטע פריינט האָבן אויפגעהערטריידן צווישן זיך; משפחות זיינען אָנגע׳ברוגז׳ט געוואָרן איינע אויף די אַנדערע.

די גאַנצע שטאָט האָט געברויזט מיטן פּראָצעס, וואָס האָט זיך באַלד געדארפט אָנהויבן. די צערודערונג איז געוואָרן שטאַרקער מיט יעדן טאָג. קאָרעספּאָנדענטן פון אנדערע שטעט זיינען אָנגעקומען צום פּראָצעס. די צייטונגען זיינען געווען פול מיט רבקה׳לען.

בלויז רבקה׳לע איז געווען געלאַסן און מונטער. זי איז געווען גרייט צו צאָלן פאַר איר טאַט, נאָר שטאָלץ איז זי געבליבן און פאַרזיכערט אירע אייגענע, אַז וואָס עס זאָל מיט איר ניט פּאַסירן, וועט זי געפינען אַן אויסוועג.

— רבקה׳לע דוד קאַוואַל׳ס וועט ניט פאַרפאַלן ווערן, — האָט זי געלאָזט וויסן.

ווען דער פּראָצעס קעגן איר האָט זיך ענדלעך אָנגעפאַנגען, האָבן אירע עלטערן געלאָזט אָנצינדן גרויסע ליכט אין די שולן און יידן האָבן כסדר תהלים געזאָגט, אַז זי זאָל געראַטעוועט ווערן. געלט איז געפלאָסן פוןביידע צדדים — פאַר איר און קעגן איר.

רבקה׳לע איז אין געריכט ניט געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי האָט די גאַנצע צייט קיין טרער ניט געלאָזן. פאַרקערט. איר פּנים האָט אויסגעדריקט אַנטשלאָסנקייט, באַרעכטיקונג פאַר איר שרעקלעכער טאַט.

זי איז געווען אָנגעטאָן לויט דער סאַמע לעצטער פּאַריזער מאָדע און זי האָט זיך געהאַלטן מיט חשיבות, אָט אַזוי ווי עס האָט געפּאַסט פאַר דער יפת־תואר פון לאָדזש.

אויפן עדות־שטול האָט זי אַלעמען איבערראַשט מיט איר שטאַרקן כאַראַקטער, מיט איר אומדערשראָקנקייט. זי האָט באַרעכטיקט איר טאַט און זי

האָט קיין חרטה ניט געהאַט. זי איז ניט געווען סענטימענטאַל און זי האָט ניט געוואָלט קיין רחמנות צו זיך. זי איז געווען זיכער, אַז מען וועט זי באַ־פרייען. מסתמא איז זי געווען באַאיינפלוסט פון די פראַנצויזישע ראָמאַנען וואָס זי האָט געהאַט געלייענט, אין וועלכע עס האָט זיך דערציילט, אַז פרויען-ערע קומט פריער פון אַלץ און אַז אַ שיינע פרוי ווערט פרייגעשפּראָכן אין געריכט.

רבקה׳לעס עלטערן האָבן אָבער געוואוסט, אַז די שלאָמאָוויטשעס האָבן מער געלט און זיי לאָזן זיך קאָסטן גרויסע פאַרמעגנס, אַז זי זאָל פאַר-משפט ווערן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי׳ער טאָכטער וועט טראָגן דעם צייכן פון אַ פאַרברעכער אויף זיך. די גרויסע ליכט אין די שולן האָבן געגאָסן חלב׳נע טרערן אויף איר מזל. יידן האָבן בקול קולות געבעטן פאַר איר — נאָר די פּראָקוראָרן האָט דאָס ניט געאַרט. זיי האָבן געטאָן זייערס.

רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס איז פאַר איר פאַרברעכן פאַר׳משפט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכער געפענקעניש אויף סיביר. נאָר אַזוי ווי זי איז געווען אַ פרוי און נאָך אַ יונגע דערצו, האָט מען איר פאַראורטיילט צו 20 יאָר פאַרשיקונג אין סיביר.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ווען דער אורטייל איז באַקאַנט געוואָרן. עס האָט געהערשט טרויער און יללה אין רבקה׳לעס הויז. די שלאָמאָוויטשעס ווידער זיינען ארומגעגאַנגען מיט אויפגעהויבענע קעפּ. ס׳איז געווען זייער זיג. ס׳איז געווען נקמה פאַר חיים ראובנ׳ס ארומגיין אַ בלינדער מיט אַ שטעקן איבער די גאַסן.

אַלע האָבן רבקה׳לען אָדער באַדויערט, אָדער פאַרדאַמט. מען האָט געמיינט, אַז רבקה׳לע וועט איצט, נאָך דעם אורטייל, צוזאַמענברעכן. נאָר מען האָט זיך גענאַרט. זי איז ארומגעגאַנגען מיט אַ שטאָלצן קאָפּ. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט אויף סיביר ניט גיין.

אָבער דאָס מאָל האָט זי ניט געטראָפן. צוזאַמען מיט פשוט׳ע פאַרברעכער, קרימינאַלניקעס, האָט מען זי געפירט פון שטאָט צו שטאָט מיט׳ן עטאַפּ אויפ׳ן וועג קיין סיביר.

נאָר ווען זי איז נאָך געווען אין געריכט־הויז האָט איר שיינקייט און איר שטאָלצע האַלטונג געפאַנגען דאָס האַרץ פון אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט גרויס איינפלוס אין די געריכט־קרייזן. יענער האָט זיך אין איר פאַרליבט אויפ׳ן אָרט און ער איז געווען אַנטשלאָסן זיך ארייַנצוואַרפן אין דער ארבעט און זי באַ־פרייען — געזעצלעך, אָדער אומגעזעצלעך.

וועלן מיר אָט דעם שפּאַנענדיקן קאַפּיטל פון אונזער דערציילונג לאָזן אויף שפּעטער.

איצט וועלן מיר איבערגעבן וואָס עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן ביים פאָלק

וועגן אָט דער טראַגעדיע. דאָס, וואָס מיר האָבן ביז איצט געהערט, האָט רבקהלע אַליין דערציילט צו איר פלימעניצע צענדליקער יאָרן שפּעטער נאָך דעם ווי עס איז פאָרגעקומען.

מיר האָבן אָבער גערעדט מיט צענדליקער לאַדזשער יידן אין די פּופּציקער און זעכציקער, וואָס געפינען זיך איצט אין ניו יאָרק, אין פּעטערסאָן און אין פּאַסעיק, וועלכע דערציילן, אַז די אורזאַך, וואָס עס האָט געפירט צו דער טראַגעדיע, איז געווען אַן אַנדערע. און ווייל די אורזאַך איז זייער אַן אינטערעסאַנטע, וועלן מיר דאָ איצט איבערגעבן זייער צד.

.3

חיים ראובן שלאָמאָוויטש איז געווען אַ געטרייער זון. ער האָט זיינע עלטערן אין אַלץ געפאָלגט און זיי האָבן שטאָלצירט מיט אים. ביז עס האָט זיך אריינגעמישט אַ לילית און צעשטערט דעם שלום־בית ביי די שלאָמאָוויטשעס.

חיים ראובן האָט ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון. רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס איז געווען שטאַרקער ווי טאַטע־מאַמע׳ס רייד, ווי דער גרויסער נאָמען פון די שלאָמאָוויטשעס, ווי די בייזע אויגן פון אַ גאַנצער שטאָט.

ווען חיים ראובן האָט געבראָכן אַלע טראַדיציעס פון יענער צייט און ער איז פראַנק און פריי געגאַנגען שפּאַצירן מיט רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס, האָט ער אויסגעבויערט אַ לאָך אין זיין מאַמעס האַרץ. נאָר ער איז געווען פאַר־שכור׳ט פון זיין ליבע צו רבקה׳לען און אים האָט קיין זאַך ניט געאַרט.

ווען ער האָט אין דער שטיל חתונה געהאַט מיט איר, איז זיין מאַמע פון פאַרדראָס קראַנק געוואָרן און זי איז שוין מער ניט געקומען צו זיך. ווען זי האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט זי געשיקט נאָך אים און ביים טויטן־בעט האָט ער איר געשוואָרן, אַז ער וועט אויספירן איר לעצטן פאַרלאַנג — זיך צע־שיידן און זיך גט׳ן מיט רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס.

נאָך איר טויט האָט חיים ראובן פאַרלאָזן רבקה׳לען. ער האָט איר געוואָלט געבן אַ גט, נאָר זי האָט ניט געוואָלט הערן דערפון. עס איז אַוועק אַ צייט און זיי האָבן זיך מער ניט געזען. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז חיים ראובן שטייט אין שידוכים. רבקה׳לע האָט ניט געגלויבט. זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט צוריקקומען צו איר.

אין אַ צייט אַרום איז צו איר געקומען אַ שליח פון חיים ראובנ׳ען און איר געבראַכט די גוטע בשורה, אַז חיים ראובן וויל זיך מיט איר איבערבעטן, ער וויל זיך מיט איר טרעפן אין „אַנשטאַט׳ס״ גאָרטן אין אַ באַשטימטער צייט.

רבקה׳לע איז געווען איבערגליקלעך. זי האָט זיך אויסגעפּוצט בלויז ווי זי אַליין האָט געקאָנט, ווי אַ גראַפינע, לויטן פאַריזשער פאַסאָן פון יענער צייט.

מיט דעקאָלטירטע שולטערן, מיט אַ וואוואַל און אַ גרויסער הוט, פאַרפומירט לויט דער לעצטער מאָדע.

די קלוגע רבקה׳לע האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, אַז חיים ראובן האָט פאַר איר געהאַט צוגעגרייט אַ פּאַסטקע — ניט איבערבעטן האָט ער זי גע־וואָלט, נאָר געבן איר מיט גוואַלד אַ גט איז געווען זיין ציל.

לויטן יידישן דין איז געווען גענוג צו האָבן צוויי עדות, וואָס זאָלן צוזען, אַז דער מאַן האָט דער פרוי געגעבן אַ גט. חיים ראובן האָט מיטגענומען מיט זיך צוויי יידן פון זיין טאַטנ׳ס געשעפט. זיי זיינען געזעסן אויף אַ באַנק און געוואַרט. חיים ראובן איז געגאַנגען געאָרעמט מיט רבקה׳לען. זי איז געווען אויפן זיבעטן הימל. זי האָט ניט געפילט די פאַלשקייט פון זיינע רייד. ווען ער איז מיט איר צוגעקומען נאָענט צום פּלאַץ וואו די צוויי עדות זיינען געזעסן, האָט ער פלוצלונג ארויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ פּאַפּיר און אויף גיך דאָס פּאַפּיר אַריינגעשטופּט אין רבקה׳לעס דעקאָלטירטער פלייצע. זי איז גע־בליבן דערשטוינט און אויפן מאָמענט געמיינט, אַז דאָס איז אַ שפּאָס אַזאַ.

— הער אויף, חיים ראובן, וואָס טוסטו, מענטשן זעען דאָך.

דאָ האָט חיים ראובן אַן ערנסטער אויסגערופן צו די יידן:

— יידן, זייט עדות, אַז איך האָב איר געגעבן אַ גט.

אויף דעם האָבן די יידן געענטפערט:

— מיר זיינען לעבעדיקע עדות, מיר האָבן געזען, אַז דו האָסט איר גע־געבן אַ גט.

גלייך נאָכדעם איז חיים ראובן אַוועק און זי געלאָזט אַליין.

באַלד האָט די גאַנצע שטאָט געקלונגען מיט דער נייעס וועגן גט, וועגן דעם ווי מען האָט רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס אָפּגענאַרט.

— איר שפּילט זיך מיט די שלאָמאָוויטשעס — האָט מען אין שטאָט גערעדט.

עס איז אַוועק אַ צייט און חיים ראובן האָט דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז עס זיינען געקומען סוחרים פון מאָסקווע, וואָס ווילן, אַז ער זאָל זיי קומען זען וועגן מסחר. דאָס זיינען געווען נייע סוחרים מיט אַ גרויסן נאָמען. זיי זיינען איינגע־שטאַנען אין האָטעל „מענטויפל״, אין רייכסטן האָטעל אין שטאָט.

חיים ראובן איז געגאַנגען. ער האָט זיך מיט זיי געדאַרפט טרעפן אין אַ באַשטימטן צימער פון האָטעל. נאָר ווי־נאָר ער האָט די טיר אויפגעעפנט פון צימער, אַזוי איז אים אַנטקעגנגעקומען רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס און זי האָט אים די אויגן זיינע אויסגעברענט מיט אַ פלעשל וויטריאָל.

דאָ האָט איר ביידע צדדים פון דער געשיכטע. ווי איר זעט, איז דאָ אַ געוויסער מאָטיוו אין ביידע דערציילונגען. אין דער ערשטער ווערסיע ווילט

זיך שאַפן סימפּאַטיע פאַר רבקה׳לען, אין דער צווייטער — פאַר חיים־ראובנ׳ען.
און אָט איז דאָס לידל וואָס מען האָט יאָרנלאַנג געזונגען אין לאָדזש און אין דער אומגעגנט וועגן דער טראַגעדיע.

— כאַיעמריוון (חיים ראובן) גיי שוין צום דאָקטאָר,
דערצייל אים וואָס דיר איז:
אַ מעדיצין וועט ער דיר פאַרשרייבן,
ס׳זאָל זיין אַ הילף צו דיין געזיכט.

— קיין דאָקטאָר קאָן מיר שוין ניט העלפן,
קיין מעדיצין איז ניטאָ אויף דער וועלט.
רבקה קאָוואָל׳ס האָט געראַבט מיינע יאָרן
און האָט מיינע אויגן פאַרשטעלט.

אַ בריוועלע האָט זי מיר געשריבן,
כ׳זאָל קימען אין האָטעל „מאַנטאָיפל” צו גיין.
אַזוי ווי כ׳בין נאָר צום פּלאַץ צוגעקימען,
האָט זי געגאָסן פּיטריאָל אין מיינע אויגן.

אינגעלייט, נעמט זיך אַראַיע (ראיה),
קיין ליבע איז ניט גוט צו דערקענען.
כ׳האָב ניט געוואָלט מיט איר וואוינען צוזאַמען,
האָט זי געטין מיינע אויגן אויסברענען.

4.

רבקה׳לעס פּראָצעס האָט געהאַט צוגעצויגן מענטשן פון אַ סך שטעט. אין געריכט־הויז האָט מען געקאָנט זען אָפיצערן אין אוניפאָרמען, פּאָליאַקן מיט גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס, חשובע פּנימ׳ער מיט גאָלדענע פּענסנע אויף די נעזער.

צווישן דעם עולם האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין אַ הויכער מאַן מיט אַ וואַזשנעם אויסזען, וואָס האָט געטראָגן אַ שוואַרצע פּעלערינע און לאַנגע האָר. האָט זיך געהאַלטן אין איין שושקען מיט פאַרשיידענע געריכט אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט דרך ארץ. אויך די מיליטער־לייט האָט ער געקענט. זיך באַגריסט מיט זיי און זיך גענייגט פאַר די העכערע טשינען. מען האָט געקאָנט זען, אַז ער איז פאַראינטערעסירט אין

פּראַצעס און אַז ער איז אַ מענטש פון גרויס איינפלוס. ער האָט גערעדט אויף עטלעכע שפּראַכן. לעבן אים האָט זיך געפונען אַ טייערער לעדערנער פּאַרטפעל. זיינע אויגן זיינען געווען טיף און דורכדרינגענדיק.

דאָס איז געווען דער פאָן טשענסטאָכאָווי.

צו אים זיינען רייכע מענטשן געקומען אין אַ נויט, ווען זיי זיינען אריינ־געפאַלן אין געריכט־הויז, ווען עס האָט זיי געדראָט געפענקעניש. דער פאָן טשענסטאָכאָווי איז קיינמאָל ניט אויפגעטראָטן אין געריכט. עס איז אַ סברה אַז ער איז קיין אַדוואָקאַט ניט געווען, נאָר ער איז געווען איינער פון די אָנ־געזעענסטע ווינקל־אַדוואָקאַטן אין גרויס פּוילן. ער האָט געקאָנט אויפטאָן מער ווי אַ סך אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן. זיין מאַכט איז באַשטאַנען אין אַרבעטן אין דער שטיל, אין פאַרקניפּן קאָנטאַקטן מיט די הויכע פּענסטער, אין פאַרשמירן און פאַרגלעטן.

ער האָט ניט איין מענטשן געראַטעוועט פון קאַטאָרגע, ער האָט ניט איין משפּחה אויסגעהיט פון אייביקער שאַנד. אין וואָס עס איז באַשטאַנען זיין איינפלוס, איז שווער געווען צו וויסן, נאָר איין זאַך איז געווען זיכער, אַז דאָ־ט וואו ער האָט ניט געקאָנט עפּעס אויספירן, איז געווען פאַרפאַלן. דערפאַר האָט פאָן טשענסטאָכאָווי ניט געהאַט קיין דאגות פּרנסה. ער האָט ניט געזוכט קיין קליענטן. מען איז צו אים געקומען פון ווייטע מקומות. ער איז כמעט קיינ־מאָל ניט געזעסן אויף איין אָרט. ארומגעפאָרן, זיך גע׳סוד׳עט, געקלאַפּט אין די הויכע פּענסטער. מען האָט וועגן אים געזאָגט, אַז ער טוט אַ סך טובות יידן, ווייל ער איז אַליין אַ ייד, כאָטש גערעדט האָט ער בלויז רוסיש, פּויליש, פראַנצויזיש. די וואָס האָבן אים געהערט רעדן, האָבן זיך ניט געקענט אָפּ־לויבן פון זיין שאַרפזיניקייט, פון זיינע קענטעניש. וואָס עס האָט אים גע־בראַכט צו רבקה׳לעס פּראַצעס, האָט קיינער ניט געוואוסט. רבקה׳לעס עלטערן האָבן אים ניט געהאַט אָנגעשטעלט, זיי האָבן בכלל ביזן פּראַצעס ניט געוואוסט וועגן אים. נאָר אָט איז ער געזעסן ווי אַ צוגעשמידטער אין געריכט הויז און געשלונגען יעדעס וואָרט און געהאַלטן אין איין קוקן אויף רבקה׳לע׳ס פיגור. האָט אים אימיצער געשיקט אַהער? איז ער פון אימיצן באַאיינפלוסט געוואָרן זיך אריינצאוואַרפן אין פּראַצעס? האָבן די שלאַמאָוויטשעס געהאַט עפּעס צו טאָן דערמיט?

ווען דער אורטייל איבער רבקה׳לען איז באַקאַנט געוואָרן, איז דאָס גע־ריכט הויז געווען געפּאַקט מיט אַן אויסגעקליבענעם עולם. פאָן טשענסטאָכאָווי איז געזעסן אויבן אָן. איידער מען האָט זי אַוועקגעפירט צוריק אין טורמע, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און איר געדריקט די האַנט און איר פאַרזיכערט.

אַז ער וועט טאָן אַלץ וואָס ער וועט נאָר קאָנען זי צו באַפרייען.

— האַלט זיך מוטיק. איר וועט זען, איר וועט נאָך זיין פריי. איך וועל זיין מיט אייך.

רבקה׳לע איז געווען איבערראַשט פון דעם נייעם פריינט איר׳ן. נאָר אַ־ין קוק אין זיינע טיפע אויגן אריין האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז דער מאַן מיט דער לאַנגער פּאַלערינע און די לאַנגע האָר איז ניט גלייכגילטיק צו איר. זי האָט דאָס דערפילט פון זיין וואַרעמען באַריר, זי האָט דאָס דערזען אין זיינע גליאיקע אויגן. זי האָט דאָס דערקענט אין זיין קול.

דעם זעלביקן טאָג, ווען אין אירע עלטערנ׳ס היזו איז געווען אַ חורבן, אַ קלאָג, האָט אימיצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַלע האָבן זיך דערשראָקן. ווען מען האָט די טיר אויפגעעפנט האָט מען פאַר זיך דערזען דעם מאַן מיט דער שווארצער פּאַלערינע, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אין געריכט און וואָס האָט זיך געשושקעט מיט פאַרשיידענע גרויסע לייט. דאָס איז געווען דער פאָן טשענסטאָכאָווי.

— דערשרעקט זיך ניט, מיינע ליבע לייט, איך בין אייך געקומען העלפן אין אייער נויט. פאָן טשענסטאָכאָווי איז אייער פריינט און רבקה׳לעס פריינט. איך וועל ניט רוען ביז רבקה׳לע וועט זיין פריי..

מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין הויז, ווען מען האָט דערהערט די דאָזיקע רייד. און טאָמער איז דעם פאָטער איינגעפאַלן צו רעדן וועגן געלט, וועגן דעם אַז ער וועט זיין גאַנץ פארמעגן, וואָס איז נאָך פאַר־בליבן, אים אָפּגעבן, אַבי ער זאָל העלפן ראַטעווען זיין טאָכטער, האָט פאָן טשענסטאָכאָווי געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט — די זאַך איז מיר טייערער ווי אַלדאָס געלט אין דער וועלט.

וואָס האָבן רבקה׳לעס עלטערן געטראַכט פון פאָן טשענסטאָכאָווי ? איז ער געווען זייער מלאך הגואל, אָדער האָבן זיינע רייד ניט געהאַט קיין האָפּט ? איין זאַך איז ביי זיי געווען זיכער, אַז דער פאָן איז ניט קיין אבי־ווער און אַז עפּעס שטעקט הינטער דעם.

פון יענעם טאָג אָן איז פאָן טשענסטאָכאָווי געקומען צו זיי אין הויז אריין כמעט יעדן טאָג. ער האָט זיי געטרייסט און געהאָלפן אריבערטראָגן די שווערע קלעפּ וואָס זיי האָבן באַקומען. ער איז איבערהויפּט געווען פאַראינטערעסירט אין רבקה׳לען. יעדעס וואָרט וואָס מען האָט ארויסגערעדט וועגן איר, האָט אים פאַרכאַפּט. ער האָט געשעפּט נחת, ווען מען האָט אים געוויזן איר גאַרדעראָב, ווען מען האָט אים דערציילט וועגן איר שיינקייט און קלוגשאַפט.

ביז מען האָט רבקה׳לען אָוועקגעפירט מיטן עטאַפּ, האָט פאָן טשענ־סטאָכאָווי זי באַזוכט אין קאַרצער יעדן טאָג. ער האָט איר געבראַכט גוטע

זאַכן און איבערהויפּט געמאַכט פילן גוט און מונטער מיט זיינע דערקלערונגען וועגן דעם וואָס ער גרייט זיך צו טאָן פאַר איר.

די ליבע צווישן די ביידע האָט זיך צעבליט גלייך אין די גרויע טורמע־ווענט. אַז ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, דאָס האָט רבקה׳לע געוואוסט. האָט זי אים אויך ליב באַקומען?

נאָך איידער זי האָט זיך צעשיידט מיט אים, אויף איר וועג קיין סיביר, האָט זי אויסגעפונען פון זיין אייגן מויל, אַז ער איז אַ פאַרהייראַטער מענטש און אַז פון זיין פרוי און קינד׳ער האָט ער ווינציק נחת.

5.

עס איז געווען אַ שווארצער טאָג אין לאָדזש, ווען רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס איז געגאַנגען מיטן עטאַפּ אָפּדינען אירע צוואנציק יאָר אויף קאַטאָרגע. מענטשן זיינען ארויס אויף בייז וואונדער — אַ קוק טאָן ווי די שיינע, שטאָלצע רבקה׳לע וועט גיין מיט קרימינאַלניקעס, מיט מערדער, ארומגערינגלט פון אַ קאָנוואָי גרויסע ביקסן און שטעכיקע באַגנעטן, אויפן ברוק, ווי להבדיל, סקאָט, אויפן לאַנגן וועג, דורך שטעט און דערפער, און רעגנס און זאַווערוכעס, ביז זי וועט זיך דערשלעפּן צום ווייטן קאַלטן סיביר.

אירע עלטערן האָבן די שאַנד ניט געקאָנט אריבערטראָגן. עס האָט ניט לאַנג נאָכדעם געדויערט און זיי זיינען ביידע קראַנק געוואָרן פון גרויס עגמת נפש און געשטאָרבן, נאָר דער קאַמף פאַר רבקה׳לען האָבן אויפגענומען אירע ברידער.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און אויך היים ראובנ׳ס פאָטער האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגן דעם וויטאָג און ער איז געשטאָרבן. זיין קאַמף האָט אויפגענומען זיין זון און די גאַנצע משפחה. זיי האָבן שוין געזען דערצו, אַז רבקה׳לע זאָל זיך ניט קאָנען ארויסדרייען פון סיביר.

באַלד האָט זיך אין לאָדזש פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איינער פון די אָפּיצערן וואָס האָט אָנגעפירט מיטן קאָנוואָי, האָט זיך פאַרליבט אין רבקה׳לען און ער איז מיט איר אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. דער קלאַנג איז געווען טיילוויז אמת. אַן אָפּיצער האָט זיך אין איר פאַרליבט. ער איז געווען גרייט זי צו באַפרייען און אַנטלויפן מיט איר, נאָר זי האָט ניט געוואָלט.

וואָס האָט דורך דער צייט געטאָן איר פריינט פאָן טשענסטאָכאָווי? האָט ער אין איר פאַרגעסן, צי האָט ער געהאַלטן וואָרט און געאַרבעט פאַר איר באַפרייאונג?

יאָ, ער האָט געהאַלטן זיין וואָרט און נאָך מער ווי דאָס. ער האָט געפּרוווט מיט אַלע מיטלען זי צו באַפרייען. ער האָט אויסגענוצט זיין גאַנצן איינפלוס

מיט נאַטשאַלסטוואַ, מיט די הויכע פענסטער, נאָר צום ערשטן מאָל אין זיין קאַריערע איז אים דאָס ניט געלונגען. פאַר אַזוי פיל ווילד־פרעמדע מענטשן אויסגעכלאַפּאָטשעט טובות און ישועות, אַזויפיל אומבאַקאַנטע באַפרייט, נאָר דאָס וואָס איז אים געווען נאָענט צום האַרצן, די, וועגן וועלכער ער האָט גע־כרוימט טאָג און נאַכט, פאַר איר האָט ער גאָרניט געקאָנט באַוויזן צו טאָן.

ווייזט אויס, אַז די שלאַמאָוויטשעס האָבן זיך באַוואָרנט פון אַלע זייטן, אַז רבקה׳לע זאָל בלייבן פאַרשיקט און אַז מען זאָל אויף איר אָזש אין סיביר האַלטן אַ שטרענג אויג.

פאַן טשענסטאַכאָווי האָט ענדלעך באַשלאָסן, אַז די צייט איז געקומען צו באַפרייען רבקה׳לען מיט וואָס פאַר אַ מיטלען עס וועט זיך לאָזן.

אינדערשטיל, אַז קיינער אין זיינע קרייזן זאָל ניט וויסן, דערציילנדיק בלויז רבקה׳לעס ברודער, האָט פאַן טשענסטאַכאָווי באַשלאָסן זיך אוועקצולאָזן קיין סיביר און דאָרט אויפן אָרט אַרבעטן פאַר רבקה׳לעס באַפרייאונג.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ געפערלעכער וועג פאַר אים און אויך פאַר רבקה׳לען. ער האָט באַשלאָסן זי אַרויסצוגנב׳ענען פון איר פאַרשיקונג־פּלאַץ און לאַנג־זאַם מיט גרויס געדולד זי אַרויסראַטעווען פון די צאַרישע הענט.

קיין באַנען זיינען ניט געווען אין יענע מקומות. מען האָט געדאַרפט זיך שלעפּן דורך וועלדער, וואָס זיינען געווען באַוואוינט פון וועלף. מען האָט גע־דאַרפט נעכטיקן אויף אָפענע פעלדער, וואו דער אייזיקער ווינט האָט גע־בושעוועט, וואו פייגל זיינען פאַרפראָרן געוואָרן אין דער לופטן.

גלייך ווי מען האָט זי אַרויס׳גע׳גנב׳עט פון איר פאַרשיקונג פּלאַץ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך איר.

פאַן טשענסטאַכאָווי איז געווען דער פעלדמאַרשאַל וואָס האָט געדאַרפט זיך קירעווען קעגן שונא וואָס האָט זי געוואָלט אַרומרינגלען. ער האָט כסדר געדאַרפט אויסמאַנעווּרירן די יעגער, וואָס האָבן געהאַט די הילף פון דער פּאָליציי אומעטום. רבקה׳לע איז געווען פאַרשטעלט ווי אַן אַלטע פויערטע, ווי אַ בלינדער בעטלער, ווי אַ האַלב ווילדער וואַלד־יעגער, ווי אַ באָסיאַק.

דער וועג צו פרייהייט איז געווען זייער אַ לאַנגזאַמער, זייער אַ געפער־לעכער. נאָר אין די געניטע הענט פון פאַן טשענסטאַכאָווי איז דאָס צוגעגאַנגען דערפאָלגרייך.

אין לאָדזש איז דערווייל באַוואוסט געוואָרן אַז רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס האָט זיך אַרויס׳גע׳גנב׳עט און אַז מען זוכט זי אַרום אין סיביר. מען האָט פאַראויס־געזאָגט אַז וועלף וועלן זי פאַרצוקן, אַז מען וועט זי געפינען אַ פאַרפראָרענע.

.6

פארשיידענע קלאַנגען זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין לאָדזש וועגן רבקה׳־לעס אַנטלויפן. קיינער האָט ניט געוואוסט דעם אמת, בלויז רבקה׳לעס ברודער. ער האָט דערהאַלטן ידיעות פון טשענסטאָכאָווי׳ן. די פּאָליציי איז ניט איינמאָל געקומען צו רבקה׳לעס קרובים דערגיין, דערשמעקן. נאָר זיי האָבן גאָרניט אויסגעפונען.

נאָך עטלעכע חדשים ארומוואַנדערן איבער די קאַלטע טונדרעס פון סיביר, איז רבקה׳לען ענדלעך, מיט טשענסטאָכאָווי׳ס הילף, געלונגען זיך ארויסצוראַטעווען פון צאַרישן גיהנם. טויזנטער מיילן האָט זי געוואַנדערט ביז זי האָט ענדלעך זיך געפונען אַ פרייע — אין עסטרייך־אונגאַרן.

דאָ, אין שטעטל דעמבניקי, לעבן קראָקע, האָט זיך רבקה׳לע באַזעצט. אויסגעהאַלטן האָט זי איר ברודער הערש אָפּענבאַך. זיינע דריי קינדער, מיידלעך, האָט זי געהאַלטן ביי זיך. זיי זיינען געגאַנגען אין פּאַנסיאָן און געוואוינט מיט איר. רבקה׳לע האָט איצט געלעבט אין לוקסוס.

וואו איז געווען פאָן טשענסטאָכאָווי? ער איז געווען צוריק אין רוסלאַנד, ביי זיין פרוי און קינדער. פון צייט צו צייט פלעגט ער, אין מיטן נאַכט, קומען צופאָרן צו רבקה׳לען. זי האָט געוואוסט אַז ער וועט קומען. זי האָט דערקענט זיינע טריט. ער פלעגט איר פאַרזיכערן, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט איר, אַזוי גיך ווי ער וועט ארויסקויגן אַ גט פון זיין פרוי..

די ליבע פון רבקה׳לען צו טשענסטאָכאָווי׳ן האָט געפלאַקערט. זי האָט געליטן ווען ער איז צו איר ניט געקומען אַזוי גיך, נאָר ער האָט שטענדיק זיין וואָרט געהאַלטן.

ווער ווייסט ווי לאַנג אַזאַ סאָרט לעבן וואָלט אָנגעהאַלטן, ווען עס פּאַסירט ניט פּלוצלונג אַ מאָדנער צופאַל און רבקה׳לע פאַלט ווידער אריין.

רבקה׳לעס ברודער איז געווען קראַנק און ער איז געפאָרן קיין מאַריענ־באַד זיך היילן. ער האָט געלאָזט וויסן דער שוועסטער אַז ער קומט און זי איינגעלאַדן צו קומען צו אים אין האָטעל אריין. רבקה׳לע איז געקומען. אין האָטעל זיינען איינגעשטאַנען אַ סך רייכע יידן פון פּוילן. עס איז געווען אַ טעות צו הייסן איר קומען אַהין, ווייל מען האָט זי לייכט געקאָנט דערקענען. רבקה׳־לען האָט עס אָבער ניט געאַרט.

און דאָ, אין עס־זאַל פון האָטעל, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ דראַמאַטישער מאָמענט, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט ניט צו גוטן פאַר רבקה׳לע.

און געווען איז דאָס הויפּטזעכלעך איר אייגענע שולד. זי האָט טייער באַ־צאָלט דערפאַר.

רבקה׳לע האָט גוט געוואוסט, אַז אין מאַריענבאַד קומען אַ סך יידן פון פוילן און אַז זי וועט דאָרט מסתמא באַגעגענען אַלטע באַקאַנטע פון איר היים־שטאָט לאָדזש. האָט איר ברודער הערש דען דאָס ניט געוואוסט? פאַרוואָס האָט ער איר געהייסן קומען אַהין? זיכער האָט ער דאָס ניט געטאָן באַוואוסטזיניק. מעגעלך איז, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז רבקהלע, וואָס איז נאָך אַלץ ארומגעזוכט געוואָרן פון דער צאַרישער פאָליציי, איז אויך דאָ אין עסטרייך, ניט געווען אינגאַנצן פריי.

רבקה׳לע האָט אָבער יאָ דערפון געוואוסט. טשענסטאָכאָווי האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף זיך ניט ווייזן אין ערגעץ, איבערהויפּט ניט אין קרייזן, וואו מען וועט זי דערקענען. זי איז אָבער געבליבן דער זעלביקער שטאָלצער מענטש, ווי זי איז געווען, ווען די טראַגעדיע האָט מיט איר פּאַסירט. און דעם נסיון זיך צו טרעפן מיט די לאָדזשער, וואָס האָבן געמיינט, אַז זי איז שוין לאַנג געהאַט אומגעקומען אין די סיבירער טונדרעס, האָט זי זיך ניט געקענט ביישטיין.

און אַט איז זי געזעסן אַ פאַרפוצטע אין עס־זאַל פון האָטעל אין מאַריענבאַד. זי איז נאָך אַלץ געווען אויסערגעוויינלעך שיין און זי האָט גלייך דערפילט די מענערשע בליקן אויף זיך. זי האָט געזען די יידן מיט בערד, יידן וואָס מען האָט גלייך געקאָנט דערקענען, אַז זיי שטאַמען פון פוילן. און אַט איז אריינגעקומען אַ גאַר אַ באַקאַנטער ייד. רבקה׳לע האָט אירע אויגן ניט געגלויבט. ס׳איז געווען דער ברודער פון חיים ראובן, דער ברודער וואָס האָט זיין פאַרמעגן אויסגעגעבן, אַז רבקה׳לע זאָל באַצאָלן די שטראָף פאַר אירע זינד. אַט זעצט ער זיך אַוועק ביי אַ טישל. אַט וועט ער זי באַלד דערזען. רבקה׳לע האָט געטראַכט שנעל. זי האָט זיך געווענדט צו איר ברודער הערש:

— הערש־לעבן, זע נאָר ווער ס׳איז נאָר־וואָס אריינגעקומען! ס׳איז חיים ראובנ׳ס ברודער!

הערש איז געוואָרן בלאַס. זיינע הענט האָבן געציטערט. ער האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי דער שוועסטער, אַז זי זאָל גלייך פאַרלאָזן און צוריקפאָרן צו זיך אהיים.

— איך וועל ארויסגיין? — האָט זי זיך אָפּגערופן, — איך האָב קיין מורא ניט. דו, הערש, בלייב זיצן. וועסט זען, וואָס איך וועל טאָן.

און איידער הערש האָט נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צוזאַמענצונעמען זיינע געדאַנקען, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און זי איז צוגעגאַנגען גלייך צו שלאָמאָוויטש׳עס טישל.

— הער שלאָמאָוויטש, איר האָט מיך ניט דערוואַרט צו טרעפן געוויס, נאָר כ׳בין דאָ.

ס'איז גלייך געוואָרן אַ טומל, א גערודער. שלאָמאָוויטש האָט אָנגעהויבן שרייען: „פּאָליציי!" באַלד זיינען אַלע טירן פאַרמאַכט געוואָרן. מען האָט קיינעם ניט ארויסגעלאָזט. פּאָליציי איז אָנגעקומען און שלאָמאָוויטש האָט געהייסן ארעסטירן רבקה'לען, כדי מען זאָל זי אויסליפערן קיין רוסלאַנד.

טשענסטאַכאָווי האָט זיך דערוואוסט פון דעם אומגליק. ער איז גלייך געקומען צופאָרן. ווידער אַמאָל האָט די שלאָמאָוויטש משפחה געארבעט מעשים, אַז רבקה'לע זאָל זיך ניט קאָנען ארויסדרייען פון זייערע הענט. זי וועט געבראַכט ווערן קיין רוסלאַנד און מען וועט זי צוריקשיקן קיין סיביר.

נאָר טשענסטאַכאָווי האָט אויך ניט גערוט. ער האָט אָנגעשטעלט גרויסע אַדוואָקאַטן. זי איז געווען אַ פארברעכערין, וואָס איז אומגעזעצלעך אריינגעקומען קיין עסטרייך. עס איז געווען שווער צו פארטיידיקן זי, נאָר איידער זי זאָל צוריק אַריינפאַלן אין רוסישע הענט, האָט טשענסטאַכאָווי איינגעשטימט אַז רבקה'לע זאָל בלייבן אין עסטרייכישער געפענקעניש. זי איז פאַר'משפּט געוואָרן צו צוויי יאָר זיצן אין דער „שווענטא מאַגדאַלענאַ" טורמע אין קראָקע. דאָס איז געווען אַ רעליגיעזע פרויען־טורמע, וואָס איז פארעכנט געוואָרן פאַר דער שטרענגסטער פון אַלע טורמעס אין עסטרייך. רבקה'לע האָט זיך געקליבן איר גאַנץ לעבן צו באַשרייבן די שרעקלעכקייטן פון דער טורמע.

אַף אַזאַ אופן האָט זי זיך געראַטעוועט פון די צאַרישע הענט. זי האָט נאָך די צוויי יאָר געמעגט וואוינען אין איראָפּע, נאָר זי האָט ניט געטאָרט אריבערטרעטן די שוועל פון פוילן.

דאָ האָט זיך אונטערגערוקט די וועלט-מלחמה. פוילן איז ניט געווען דאָס אַמאָליקע פוילן. די דייטשן זיינען אריין אין לאָדזש. רבקה'לע איז שוין געווען פריי. זי האָט געהאַט אין אמביציע — צוריקקומען קיין לאָדזש.

אויסגעפּוצט אין אירע בעסטע קליידער, אַ שטאָלצע און אַ שיינע, איז זי אריינגעפאָרן קיין לאָדזש.

טשענסטאַכאָווי האָט געהאַט אַ קראַנקע פרוי. לויט די פּאָראויסזאָגונגען פון די דאָקטוירים, האָט זי שוין לאַנג געדארפט שטאַרבן, זי האָט אָבער דערלעבט צו זען, ווי אירע קינדער זיינען אויסגעוואַקסן און זי האָט געהאַט נחת פון זיי. נאָר סוף־כל־סוף איז זי געשטאָרבן.

טשענסטאַכאָווי האָט איצט געהאַלטן זיין צוזאָג צו רבקה'לען, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן נאָך זיין פרוי'ס טויט.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין לאָדזש. רבקה'לע האָט ווייטער אָנגעהויבן שפּינען איר גליק, וואָס איז איר מיט אַ סך יאָרן צוריק געשטערט געוואָרן. זי האָט איינגעאָרדנט אַ היים, זי איז געווען די פרוי פון אַן אָנגעזעענעם מענטשן. זי וועט פון אים געבוירן אַ קינד, הגם ער איז געווען אַ סך עלטער פון איר.

זי האָט איר וואָרט געהאַלטן. זי האָט אים געבוירן אַ זעלטן־שיינעם זון. רבקה׳לע איז דאַן אַלט געווען 42 יאָר. זי האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט וויסן. זי האָט זיך געהאַלטן יונג און איר הויט פון פּנים איז געווען פריש און גלאַט. איר קול האָט געאָטעמט מיט פרייד און גלויבן. זי וועט ערשט אָנהויבן לעבן און געניסן פון לעבן.

7.

עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז רבקה׳לע וועט איצט זיין דער גליק־לעכסטער מענטש אין דער וועלט. זי האָט איבערגעלעבט אַזוי פיל טראַגעדיעס און זי איז ארויס דער זיגער. זי איז צוריק אין איר היימשטאָט לאָדזש. דאָס האָט געמיינט פאַר איר, אַז זי איז ניט מער אין גלות, אַז זי איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. דאָ געבוירן געוואָרן, יעדע גאַס האָט ביי איר ארויסגערופן זכרונות; דאָ האָט מיט איר פּאַסירט די גרעסטע טראַגעדיע פון איר לעבן. נאָר זי האָט זיך ניט געפילט שולדיק. איר געוויסן איז געווען ריין. דאָ לעבן נאָך אירע יוגנט פריינט. זאָלן זיי זען, אַז רבקה׳לע איז אַ גאַנצער מענטש, אַז זי האָט קיינמאָל ניט ארונטערגעלאָזט דעם שטאָלצן שיינעם קאָפּ, נאָר זי איז ארויס די זיגערן אין לעבנס־קאַמף. זי האָט אַ וואוילן מאַן, זי האָט אים גע־באָרן אַ זיס יינגעלע, זי האָט אַ שיינע היים. זי איז אַ גליקלעכע ווייב און אַ גליקלעכע מאַמע. מער פעלט איר קיין זאַך ניט.

אַזוי האָט רבקה׳לע געטראַכט און פאַראויסגעזען. אַזוי האָט דאָס אויך אָנגעהאַלטן אַ געוויסע צייט. און מער ניט.

כאָטש איר גאַנץ לעבן איז איצט געווען אריינגעטאָן אין איר יינגעלע, האָט זי אָבער געוואָלט, אַז איר מאַן, טשענסטאָכאָווי, זאָל איר שענקען די נויטיקע אויפמערקזאַמקייט, וואָס זי האָט דערוואַרט פון אים. אַזויפיל יאָרן איז ער אויסגעגאַנגען נאָך איר, זיך מקריב געווען פאַר איר וואוילזיין, איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן, זיין דערפאָלגרייכע קאַריערע, זי ארויסגעפירט פון אַלע צרות. איצט איז זי געווען זיינע. איצט האָט ער זיך געקאָנט אָנפרייען מיט איר וויפיל זיין האַרץ האָט געגלוסט. זי האָט אים ליב געהאַט מיט דער גאַנצער נשמה. ער איז געווען איר העלד, איר גאַלאַנטער ריטער.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און רבקה׳לע האָט גענומען באַמערקן, אַז טשענסטאָכאָווי גייט עפּעס ארום אַן אויסגעלאָשענער. איר ווייזט זיך אויס, אַז ער איז גלייכגילטיק צו איר. ס׳איז ניט דער אַמאָליקער טשענסטאָכאָווי. ער פאַרברענגט צו ווינציק צייט אין הויז. זי האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן, אויסגע־פינען. האָט ער ניט אַמאָל אַנדערע פרויען? דאָס איז געווען איר ערשטער געדאַנק. זי איז געווען צופרידן. ער איז מיט קיין אַנדערע פרויען ניט ארומ־

רבקה׳לע איז אריינגעקומען אינ׳ם רייכסטן האָטעל פון לאָדזש, וואו עס געגאַנגען. ער האָט בכלל פאַרלאָרן דעם אינטערעס פאַר איר, פאַר׳ן הויז, פאַר׳ן עסן און פאַר אַלץ ארום.

געלט האָט אים ניט געפעלט. קיין דאגות האָט ער ניט געהאַט. איז ער זיך געזעסן שעה׳ן לאַנג אין דעם אָדער אין יענעם קלוב און פאַרבראַכט אין מענער־געזעלשאַפט. דאָס הויז, זיין פרוי, זיין קינד זיינען אים ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען.

רבקה׳לע, וואָס איז געווען אַזוי אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסל גליק אין לעבן, האָט אָבער אַזאַ פירונג ניט געקענט פאַרשווייגן. ס׳איז געווען קעגן איר נאַטור. זי איז געווען אַ פרוי און אַ שיינע דערצו, האָט זי פאַרלאַנגט די פולסטע אויפמערקזאַמקייט צו זיך. זי קאָן אַזוי ניט לעבן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען אין הויז. ער האָט געוואָרפן באַ־שולדיקונגען. זי האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן. אמת, זי האָט אַ סך פאַר־ערער געהאַט נאָך איצט, נאָר זי קאָן ניט פאַרווערן צו קוקן אויף איר. אַלץ וואָס זי וויל איז, אַז דער מאַן אירער זאָל זי פאַרערן, אַז ער זאָל זי ליב האָבן, אַז ער זאָל פאַרברענגען מער מיט איר אין דער היים.

און אַז עס האָט איר אָנגעהויבן גיין שלעכט, איז אַוועק אַ גאַנג. זי האָט זיך געווענדט צו איר ברודער הערש, אַז ער זאָל זיך אריינמישן אין איר שווערער לאַגע, אַז ער זאָל ריידן מיט איר מאַן און ווירקן אויף אים צום גוטן. איר ברודער האָט זיך אָבער געהאַט פאַרפלאָנטערט אין געשעפטן און ער האָט פאַרנוצט דאָס געלט, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער גאַנצער משפחה און ער איז מיט דער צייט אינגאַנצן אויסגעמעקט געוואָרן פון איר האָריץ.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייסערייען אין דער פאַמיליע. די משפחה האָט זיך געשעמט מיט איר. דאָס איז שוין ניט געווען די משפחה פון אַמאָל. איר פאַרגאַנגענהייט איז זיי ניט אָנגעשטאַנען.

איינזאַם איז זי איצט געווען, די שטאָלצע רבקה׳לע. דער מאַן האָט זי פאַרנאַכלעסיקט, איר משפחה האָט פון איר ניט געוואָלט וויסן. אירע פריינט זיינען געווען ווינציק. בלויז מענער אוכאַזשאָרן האָט זי נאָך געהאַט אַ סך.

דאָס קינד איז געווען קליין. גליק האָט רבקה׳לע געהאַט ווינציק. דעם מאַן האָט זי ליב געהאַט, נאָר זיין האַלטונג האָט זי ניט געקענט אריבערטראָגן. נייןן, ניט רבקה׳לע. וואָס הייסט ער פאַרנאַכלעסיקט זי? פאַרוואָס האָט זי זיך פאַרדינט אַזאַ מערכה?

טעג און נעכט מיט פאַרוואורפן און קריגערייען. פון דער גאַנצער לאַנגער ליבע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. וואָס וויל ער פון איר לעבן? פאַרוואָס שענקט ער איר אַזוי ווינציק אויפמערקזאַמקייט?

זי קאָן איר שטעטל באַשטיין, נאָר לעבן מיט אַ מאַן, וואָס האָט זי אויפ־געהערט ליבן, דאָס קאָן זי ניט. וויל ער זי אָפּ׳גט׳ן? ניין. נו, זאָל ער ווערן גוט צו איר, זאָל ער פאַרבערענגען מיט איר ווי אַ מאַן, וואָס האָט ליב זיין ווייב. אויב אָבער דער קלוב איז אים טייערער, דאַן זאָל ער חתונה האָבן מיט׳ן קלוב. זי שטייט אים ניט אין וועג. זי פאַרלאַנגט אירס. ניט רייכטום, ניט געזעלשאַפט, נאָר אַ מאַן אין הויז, אַ מאַן וואָס זאָל מיט איר גיין געאָרעמט איבער די גאַסן.

עס האָט ניט געהאָלפן. ער איז געוואָרן פאַרשלאָסענער און גלייכגילטיקער צו איר און צו אַלץ ארום. זי האָט דאָס מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

זי האָט אים אָפּגעג׳גט.

8.

רבקה׳לע האָט געוואוסט, אַז זי איז ניט מער קיין יונגע מיידל, אָדער ווייבל, איר לעבן איז געווען אַזוי רייך אין דע׳־פארונגען. אָנהויבן דאָס לעבן אויפסניי, ראָמאַנסירן, שפילן ליבעס — איז איצט ניט געווען די צייט. זי האָט געוואָלט זיך ענדלעך איינאָרדענען אין לעבן, האָבן אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס.

ווען די נייעס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז רבקה׳לע קאָוואַלס האָט אָפּגעג׳גט איר מאַן, האָבן זיך געפונען מענער, וואָס זיינען געווען גרייט חתונה צו האָבן מיט איר. דאָס זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיינען יאָרנלאַנג געווען אין איר פאַרליבט; אַלטע בחורים און אלמנ׳ס. עס זיינען אָבער אויך געווען מענער, וואָס זיינען געווען גרייט צו פאַרלאָזן זייערע פרויען און הימען פאַר דער ניט־יונגער רבקה׳לען. זי איז אָבער געבליבן די זעלבע שטאָלצע פרוי פון אַמאָל און זי האָט געוואָלט קלייבן, איבערקלייבן און אויסקלייבן. ערשטנס האָט זי געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ מענטשן, וואָס זאָל איר געבן גענוג אויף צו לעבן פאַר־מעגעלך. צווייטנס, האָט זי ניט געוואָלט נעמען קיין פאַנאַטישן מענטשן, קיין חסיד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע.

זי האָט געזוכט און גענישטערט, ווייל זי איז נאָך אַלץ געווען אין דער לאַגע, ווען מען האָט זיך ביי איר געבעטן און ניט פאַרקערט.

די נייעס וועגן איר געט׳ן זיך איז דערגאַנגען אַזש קיין אַמעריקע. אויך דאָ האָבן זיך געפונען בעלנים, וואָס זיינען געווען וויליק מיט איר חתונה צו האָבן. זי האָט דערהאַלטן בו׳יוו מיט הייראַט-פאַרשלאָגן פון פאַרשיידענע טיילן וועלט. אַ פּאָר פאַרשלאָגן אויך פון אַמעריקע .

דער געדאַנק, אַז זי האָט פאַרלאָזן לאָדזש און פוילן, וואו איר פאַר־

גאַנגענהייט איז איר כסדר נאָכגעגאַנגען, האָט אַפּעלירט צו איר. זי האָט באַשלאָסן אָנצונעמען אַ פאָרשלאַג פון אמעריקע. דער פאָרשלעגער איז געווען אַ מאַן, וועמען זי האָט געדענקט אַלס קינד. ער האָט געמוזט זיין אַ סך עלטער פון איר. ער האָט איר געשריבן, אַז ער איז אַן אלמן, מיט אויסגעגעבענע קינדער. ער איז רייך, לעבט אָן דאגות פּרנסה. זיינע בריוו זייען געווען שיינע. עס וועט איר קיין זאַך ניט פעלן ביי איר.

די קאָרעספּאָנדענץ האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע חדשים. ענדלעך האָט זי באַשלאָסן אָנצונעמען זיין פאָרשלאַג. זי איז פריער געפאָרן קיין קובאַ. ער איז געקומען זי ארונטערנעמען, אַליין האָט ער געוואוינט אין דעטראָיט, מישיגען.

גלייך ווי זי האָט אים דערזען, איז ער איר ניט געפעלן געוואָרן. זי איז אריינגעפאַלן. זי האָט געטראַכט פון צוריקפאָרן. איר גאַנץ לעבן האָט זי געוואָלט זיין אומאָפּהענגיק. דאָ איז איר אויסגעקומען אריינצופאַלן אין אַ גרוב פון וועלכער זי וועט שוין ניט ארויס.

שטענדיק האָט זי געמיינט אַז זי איז די קלוגע, צום סוף האָט זי זיך באַנאַרישט. ניין, זי וויל ניט צוריקקומען קיין לאָדזש און מען זאָל פון איר לאַכן דאָס גרויסטע געלעכטער.

זי האָט חתונה געהאַט מיטן רייכן יידן פון דעטראָיט.

ווי דערשטוינט איז זי אָבער געוואָרן, ווען קומענדיק קיין דעטראָיט האָט זי דערזען, אַז איר מאַן האָט זי גענאַרט. ער איז גאָרניט רייך געווען. די קינדער זיינע האָבן אים אויסגעהאַלטן. אויסער דעם איז ער בכלל ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר איר. ער איז געווען אַן אַלטמאָדישער ייד, וואָס איז געווען פרום און ניט אינטערעסאַנט.

איר יינגל האָט רבקה׳לע געהאַט איבערגעלאָזט מיטן פאָטער. זי פלעגט אים שיקן פּאַקעטן. זי האָט אים געוואָלט ארונטערברייגנען, נאָר זי האָט פריער געדארפט ווערן אַ בירגערין. טשענסטאַכאָווי איז געשטאָרבן און דאָס יינגל האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי באַקאַנטע. ביז רבקה׳לע האָט אים אַראָפּגעבראַכט קיין דעטראָיט.

ווען דאָס יינגל איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער שוין אַלט געווען 15 יאָר. די מאַמע האָט געמיינט, אַז זי וועט כאָטש אין אים האָבן אַ פריינט אין לעבן, נאָר אפילו דאָס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. מאַמע און זון זיינען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן. אים איז ניט געפעלן געוואָרן די אייגענע מאַמע. זי האָט אים ליב געהאַט, נאָר זיינע וועגן זיינען ניט געווען אירע.

דאָס לעבן מיט׳ן נייעם מאַן איז געווען גאָר ניט גוט. מען האָט זיך ניט געקריגט, נאָר איר האַרץ האָט געוויינט אין איר. ס׳איז געווען אַ פּוסט, נוצלאָז

לעבן מיט אים. רבקה׳לע האט אזא לעבן ניט געקענט אריבערטראגן. זיינע קינדער האבן געהאלטן מיט איר. זיי האבן זי רעספעקטירט.

ענדלעך האט איר מאן אנגעהויבן איר זאגן דעות וועגן אירע פירונגען. זי האט ליב געהאט געזעלשאפט. זי האט באלאנגט צו א פאר סאסייעטיס, געטאן ארבעט פאר ארעמע און קראנקע. אים איז דאס ניט געפעלן געווארן. ער האט זיך ארייגעמישט אין דעם וואס איז איר געווען טייער אצינד. זי האט דאס ניט געקענט דולדן. נאך א פאר יאר לעבן מיט אים, נעמט זי און גט אים אפ.

— איידער אזא לעבן, וועל איך גיין בעטלען — האט זי געזאגט.

זי איז געבליבן אין דער וואוינונג וואס דער מאן האט איר איבערגעלאזט. איר לעבן האט איצט אנגענומען א נייע ווענדונג. זי האט מער וועגן זיך, וועגן אירע אייגענע נויטן ניט געטראכט און ניט געזארגט. זי האט זיך אפגעגעבן ס׳רוב צו קהלשער ארבעט. און זי האט זיך געשאפן א פיינעם נאמען אין אירע קרייזן. מען האט געוואוסט, אז דארט וואו זי געפינט זיך, דארט קען מען זיך פארלאזן, אז עס וועט זיין טעטיקייט, וואס וועט ברענגען רעזולטאטן.

זי איז געווען פאפולער אויף דער דעטראיטער מישיגען עוועניו. איבער־הויפט האבן זי די קינדער ליב געהאט. פאר זיי האט זי שטענדיק געהאט אנגעגרייט קליינגעלט. זיי האבן פאר איר זיך פארטרויט. זיי האבן זיך מיט איר געקושט און געהאלדזט. זי האט זיך פאר קיינעם ניט באקלאגט, זי האט קיינמאל ניט ארויסגערופן צו זיך קיין מיטגעפיל, פארקערט.

זי האט זיך געקליידט נעט און איר פנים האט אויסגעדריקט צופרידנקייט און ליבע צו דער וועלט.

ווען מען איז אריינגעקומען צו איר אין הויז, האט מען ניט איינמאל געקאנט טרעפן ביי איר אין קיך א כאפטע ארעמע גאסן־קינדערלעך. זי פלעגט זיי פריער פון אלץ ארומוואשן, נאכדעם מכבד זיין מיט מילך און קעיק. דאס זיינען געווען קינדער, וועמעס מאמעס זיינען געווען ביי דער ארבעט. רבקה׳־לע האט זיך געפילט גוט וואס זי האט ארויסגערופן צוטרוי צו זיך מצד די קינדער.

ווען זי האט ענדלעך געדארפט אויפגעבן איר וואוינונג, האט זי דאס באַ־טראכט ווי א גרויסע טראגעדיע אין איר לעבן. זי האט זיך אריינגעקליבן אין א צימער ביי אן אלט פאר פאלק. דאס האט זי ניט געקענט אריבערטראגן. כאטש זי איז שויז אליין געווען אלט, האט זי אבער קיין עלטער און קיין אלט־קייט ניט געקאנט פארטראגן. זי האט כסדר זיך גע׳חבר׳ט מיט יינגערע פון איר און געוואלט זיין אין זייער געזעלשאפט. געוואלט פארברענגען, ווי זי האט זיך אויסגעדריקט, מיט לעבעדיקע מענשן...

איר לעבן איז איצט פול געווען מיט מיטיגגען, מיט אונטערנעמונגען, מיט באַזוכן קראַנקע.

.9

ווען זי איז מיט פערצן יאָר צוריק געקומען אויף אַ באַזוך צו איר פּלי־מעניצע אין ניו יאָרק, זיינען צו איר געקומען אַ סך לאַנדסלייט זי אָנקוקן. זי האָט דאָ געהאַט אַ סך פון אירע אַמאָליקע פּאַרערער. זיי זיינען געקומען אין זייערע לימוזינען זי איינלאַדן זען ניו יאָרק. זי האָט זיך געהאַלטן ווירדיק און שיין, אומעטום געגאַנגען, ניט מיד געווען צו פאַרברענגען טאָג־איין, טאָג־אויס, אין געזעלשאַפט. נאָר ווען זי איז אהיימגעקומען צו איר אָרעמער פּלימעניצע האָט זי איר געזאָגט:

— ס׳איז מיר דאָ אַזוי גוט ביי דיר אין ניו יאָרק. מען נעמט מיך אין פּאַלאַצן. מען פירט מיך אַרום מיט שאָפערן, נאָר ערשט דאָ, אין דיין אָרעמער דירה, אויפן אויפשטעל־בעט׳ל, פיל איך מיך באמת גוט.

מיט איבער צוויי יאָר צוריק, ווען זי איז אַלט געוואָרן 72 יאָר, איז זי געקומען קיין ניו יאָרק נאָכאַמאָל, פּראָווען איר געבורטסטאָג. זי האָט אַליין אויסגעשטעלט דאָס צעטל וועמען איינצולאַדן. זי האָט ניט געלאָזט צאָלן פאַר זיך, נאָר זי האָט באַצאָלט פאַר דער גאַנצער פּאַרדי, וואָס מען האָט איר גע־מאַכט. יעדן איינגעלאַדטן האָט זי געגעבן אַ מתנה. זי האָט געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער זי האָט אויסגעדריקט איר צופרידנקייט מיט איר לאַגע, מיט איר לעבן. זי האָט געמאַכט פּלענער אויף שפּעטער וואָס זי וועט טאָן אין פינף יאָר אַרום. קיין זאַך האָט איר ניט געפעלט, האָט זי געזאָגט. איר אינטערעס געפינט זי אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אין אירע פריינט, וועלכע זיינען איר איבערגעגעבן. זי איז געווען פיין פאַרפּוצט, פאַרפיומירט.

ווען זי איז צוריקגעפאָרן קיין דעטראָיט, האָט זי אַ צייט זיך דורכגעשריבן מיט איר פּלימעניצע. אירע בריוו זיינען געווען פול מיט הומאָר און אָפּטימיזם.

מיטאַמאָל האָט זי ניט געענטפערט אויף בריוו. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ווען זי איז געגאַנגען אויף אַ באַזוך צו אַ קראַנקער, איז זי איבערגעפאָרן געוואָרן פון אַ קאַר. ווען מען האָט זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, האָט זי פאַר־לאַנגט, אַז מען זאָל זי אַהיים פירן. זי האָט אָפּגעקרענקט עטלעכע וואָכן, אלעמען געטרייסט, אַז ס׳איז איר גאָרניט — נאָר זי איז שטיל׳ערהייט געשטאָרבן.

נאָכן טויט האָט מען אין איר צימער געפונען 365 דאָלער. זי האָט געלאָזט אַ צעטעלע, אַז 200 דאָלער זאָל מען אויסגעבן אויף די טויט־הוצאות.

אזוי איז אַוועק פון דער וועלט רבקה׳לע דוד קאָוואַל׳ס — אַ פשוטע

פרוי, וואָס האָט דורכגעמאַכט גאָרניט קיין פשוט לעבן. ניט איין מענטש וואָלט אונטער אַזעלכע אומשטענדן צעבראָכן געוואָרן, נאָר ניט זי. ביזן לעצטן טאָג האָט זי געהאָפט, געשטרעבט, געטרייסט אַנדערע, זיך ניט באַקלאָגט, נאָר געהאָלפן, געשטאַרקט די שוואַכערע, די וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין אירס אַ גוט וואָרט, אין א ראַט און אין אַ פּאָר סענט אַפילו.

עס איז אַ שאָד וואָס רבקה׳לע האָט ניט פאַרשריבן די געשיכטע פון איר אינטערעסאַנט לעבן. זי האָט דאָס שטענדיק געוואָלט טאָן, איבערהויפּט אויף די עלטערע יאָרן. זאָל די גאַנצע געשיכטע פון איר לעבן בלייבן ווי אַן אָנדענק פון אַ מענטשן, וואָס האָט געשטרעבט, ווי מיר אַלע, צום גליק, נאָר דאָס גליק האָט זיך מיט איר גערייצט, נאָר זי האָט איר קאָפּ געהאַלטן הויך און געפונען טרייסט אין גליק פון אַנדערע.

דער נעגער אין דער
יידישער ליטעראטור

דאָס בוך עסייען „אמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור" איז דערשינען אין 1945 אין ניו יאָרק (256 זייטן) אין אים זיינען אריין אָפּהאַנדלונגען וועגן א. ראבאָי, דוד פינסקי, ברוך גלאַזמאַן, פּרץ הירשביין, שלום אַש, לאמעד שאַפּיראָ, כאַווער פּאַווער, א. א.

דער פאָלגנדיקער קאַפּיטל פאַרנעמט זיך מיט דער פּראָזע און דער פּאָעזיע. דאָ ווערט אָפּגעדרוקט בלויז דער ערשטער טייל — וועגן דער פּראָזע.

דער נעגער אין דער יידישער ליטעראַטור

צווישן די פעלקערשאַפטן ביי אונז אין לאַנד פאַרנעמט קיינער ניט אַזאַ רעלאַטיוו אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי דער נעגער. לעבן מיר דאָך אין אַ צאָל שטעט אין שכנות מיט אונדזערע אַמאָליקע לאַנדסלייט פּאָליאַקן, אוקראַינער, רוסן, רומענער, דייטשן — דאָך געפינען מיר אַ קנאַפּע אָפּשפּיגלונג פון זייער לעבן אין דער היגער יידישער ליטעראַטור. אפילו דער אמעריקאַנער יענקי פאַרנעמט ניט קיין סך פּלאַץ אין אונדזער דערציילונג, ליד אָדער ראָמאַן.

אַנדערש איז דער פאַל מיטן נעגער. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דיכטונג, אַז כמעט אין יעדער לידער-זאַמלונג פון עלטערן און יינגערן דיכטער איז פאַראַן אַ ליד וועגן נעגער און זיין מערכה. נאָר ניט בלויז אין דער פּאָעזיע אַליין. אונדזערע פּראָזאאיקער האָבן אים אויך געשאָנקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט. און ניט אומזיסט.

אַט דאָס ווידמען זיך צו אַ ניי ווינקל אין דער ליטעראַטור איז נאָכאַמאָל אַ בולטער באַוויז, אַז דער יידישער בעלעטריסט איז ניט אַסאָציאַל, אַז די געשעענישן פון ארום לאָזן אָפּט איבער אַ טיפן חותם אויף זיין קינסטלערישער פּערזענלעכקייט.

טאַקע דערפאַר וואָס דער נעגער איז דער געפּייניקסטער פון אַלע פעלקערגרופּן ביי אונדז אין לאַנד, רופט ער ארויס ניט בלויז סימפּאַטיע צו זיך ביים יידישן שרייבער, נאָר אויך נאָענטע אויפמערקזאַמקייט מצד דער יידישער ליטעראַטור. עס איז ניט בלויז די אַנדערשקייט פון קאָליר און אויסזען, ניט בלויז די מחיצה, וואָס עקזיסטירט דאָ צווישן ווייס און שוואַרץ, נאָר גראַד די אחים־לצרה קרובהשאפט, די פאַרפאָלגונגען וואָס דער ייד איז פון דורות אָן אויסגעשטאַנען, די דיסקרימינאַציעס, וואָס אים קומט אויס צו ליידן אומעטום אין דער פרייער און דעמאָקראַטישער אַמעריקע מצד געוויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — דאָס אַלץ און נאָכמער (אינערלעכע ווארעמקייט פאַרן ליידנדיקן בכלל) ברענגט אריין דעם נעגער אויף די זייטן פון יידישן בוך.

אינטערעסאַנט איז, אַז די קינסטלערישע באַהאַנדלונג איז אָפּהענגיק אין טעמפּעראַמענט פון יעדן שרייבער גופא. י. י. שוואַרץ גייט צו צום נעגער אינ־

גאַנצן אַנדערש ווי ה. ליוויק, יהואש אונטערשיידט זיך אינגאַנצן פון מ. ל. האַל פּערינען. יעדער איינער האָט געגעבן זיך אין זיין שאַפונג וועגן נעגער.

ניט נאָר דער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער האָט זיך גענומען צו דער טעמע. אין וואַרשע האָב איך, אין 1935, בייגעוואוינט אַ פּראַכטפולע אויפפירונג (אונטער דער דירעקציע פון מ. וויכערט) פון ל. מלאכ׳ס „מיסיסיפּי״, א דראַמאַטיזירונג פון דער סקאָטסבאָראָ-טראַגעדיע. ניט אין אַמעריקע איז די פּיעסע געשטעלט געוואָרן, נאָר אין פּוילן. און דער מחבר אירער איז געווען פון אַרגענטינע.

אין 1936 איז אַרויס זישע באַגיש׳ס ביכל לידער „דאָס געזאַנג פון נעגער-פאָלק״. איבערדיכטונגען. געדרוקט איז דאָס ביכל געוואָרן אין רומעניע און אַרויסגעגעבן האָט עס דער מ. צעשינסקי פאַרלאַג אין שיקאַגאָ. דער ערשטער טייל באַשטייט פון פערצן לידער פון לענגסטאָן היוז מיט פאָלגנדיקער באַ-מערקונג: „די איבערדיכטונגען וואָס קומען אַריין אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג זיינען געמאַכט געוואָרן מיט דער ספּעציעלער דערלויבעניש פון נעגער-פּאָעט לענגסטאָן היוז״.

איך ווייס ניט, צי באַגיש האָט געקענט ענגליש. נאָר דער דיכטער האָט זיך מסתמא געמוזט וואונדערן, וואָס פון דער ווייטער רומעניע ווענדט זיך צו אים אַ יידישער שרייבער פאַר אַ דערלויבעניש.

די אָפּטיילונג ענפּט זיך מיט אַ קורצער ביאָגראַפיע פון נעגער-פּאָעט. אין דעם צווייטן טייל גייען אַריין ניין פאָלקס-לידער, ווי „דזשאָן הענרי״, „בעלינדא און דזשאָר״.

דאָס נעגער-פּראָבלעם איז ניט קיין ספּעציפיש אַמעריקאַנער פּראָבלעם, הגם עס קאָן זיך אויסערלעך אַזוי אויסווייזן. די פראַגע פון מענטשן-גלייכהייט און ראַסן-און-פעלקער-גלייכהייט איז אַ וועלט פּראָבלעם. אויב איר ווילט איז זי איינע פון די הויפּט-סיבות פון דער איצטיקער גרויזאַמער וועלט-מלחמה. אַזוי לאַנג ווי דער נעגער וועט ניט באַהאַנדלט ווערן ווי אַ גלייכער מיט אַלע גלייכע, אַזוי לאַנג וועט די שווערד פון פאַרפאָלגונג הענגען איבער די קעפּ פון אַלע מינאָריטעטן, פון ייד און ניט-ייד צוגלייך. מיטן אויסראָטן פון דער היטלער-טעאָריע פון „הערן-פאָלק״, מוז מען גלייכצייטיק אויך אויסראָטן די פאַרשימלטע טעאָריעס פון די צוריקגעשטאַנענע און ניט-דעמאָקראַטישע ווייסע דזשענטלייט פון אונדזער סאַוט, און אויך זייער שעדלעכן איינפלוס אויף אַ קליינער צאָל יידן, געבוירענע און דערצויגענע אין דער סאַוט.

אין אונדזער היגער ליטעראַטור האָט דער שרייבער געפּרואווט אָפּשפּיגלען דאָס נעגער-פּראָבלעם, נאָר זיין צוגאַנג צו אים איז ניט שטענדיק געווען דער-פרייענדיק, הגם זיינע כוונות זיינען תמיד געווען גוט-מיינענדיקע.

ווי אַזוי דער שרייבער אַליין קומט אַרויס פון אָט־דעם פּרואוו, וועט דאָ ווייטער אילוסטרירט ווערן.

ב

פון די יידישע פּראָזאַיקער האָט י. אָפּאַטאָשו צום בולטסטן אַרויסגעבראַכט אויף אַ קינסטלערישן אופן די שוידערלעכע לאַגע פון נעגער ביי אונדז אין לאַנד. דער פינפטער באַנד פון זיינע געזאַמלטע דערציילונגען הייסט „לינטשעריי". אויך ברוך גלאַזמאַן, וואָס באַלאַנגט צווישן די אַמעריקאַנישסטע דערציילער, האָט זיינעם אַ באַנד דערציילונגען אַ נאָמען געגעבן „אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיא". נאָך אַ סך פריער, נאָך אין 1909, געפינען מיר אין דוד עדלשטאַט׳ס „שריפטן" די דערציילונג „די אונדאנקבארע נעגערין". ווי אַלע זיינע דערציילונגען, איז אויך די זאַך שטאַרק סענטימענטאַל. די האַנדלונג קומט פאָר גלייך נאָכן בירגער־קריג. דער פלאַנטאַטאָר דזשעימס אַרמסטראָנג, וואָס איז געווען אַן אַבאָליציאָניסט, באַפרייט זיינע שוואַרצע שקלאַפן מיטן אויסנאַם פון זיין קינד׳ס ניאַנקע מעגי. דעם קינדס מאַמע איז געשטאָרבן און מעגי איז צוגעבונדן געוואָרן צו זיין אויפפּאַסערין, ווי צו א מוטער. מעגי פילט זיך אָבער אומגליקלעך. זי זעט ווי אַלע פון איר אָפּשטאַם זיינען אַוועק אין דער ברייטער פרייער וועלט. קומט זי צו איר באַלעבאָס און בעט זיך ביי אים. „לאָז מיך אויך פריי!" ער דערקלערט איר אָבער. אַז טשאַרלי, זיין קינד קאָן אָן איר ניט לעבן. דאָך באַפרייט ער זי, נאָכדעם ווי ער באַשולדיקט איר איז אומדאַנקבאַרקייט. דאָס קינד גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך דער דינסט. דער דאָקטאָר הייסט זי געפינען. דאָס קינד שטאַרבט. „ס׳איז צען אוהר ביינאַכט. דער פאָטער זיצט אַליין לעבן אָרון פון זיין געליבטן קינד". דאַן עפנט זיך מיטאַמאָל די טיר און מעגי לויפט אריין און פאַלט אויף די קני פארן אָרון. זי גייט זיך פונאַנדער אין אַ הארצרייסנדיק געזאַנג, וואָס דריקט מיט זיך אויס די ליידן פון איר ראַסע אין קאַמף פאַר פרייהייט. דאַן ווערט אַלץ שטיל. אַרמסטראָנג גייט צו צו מעגין און ער דערזעט, אַז די אומדאַנקבאַרע נעגערין איז געווען טויט".

אין דער נאַאיווער מעלאָדראַמאַטישער זאַך האָט עדלשטאַט געוואָלט אַרויסברענגען דעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער נעגערינס האַרץ, וואָס איז געווען צוגעבונדן פון ליבע צום קינד, נאָר וואָס האָט מער אָן דער פרייהייט ניט געקאָנט לעבן. אפשר איז זי אויך אויסגעגאַנגען פון בענקעניש נאָכן פרעמדן קינד, וואָס איז איר געווען אייגן? אפשר איז די נייע פרייהייט, צו וועלכער זי האָט געשטרעבט, ניט געווען גרייט זי אויפצונעמען?

דוד עדלשטאַט׳ס פּרואוו צו פאַרטראַכטן זיך אין דער לאַגע פון נעגער גלייך נאָכן בירגער־קריג איז ניט געווען באַזירט אויף די אַקטואַליטעטן, נאָר אויף סענטימענטן. ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז עדלשטאַט איז גע־שטאָרבן אין דעם אָנהייב פון זיין שריפטשטעלערישער קאַריערע, דאן קאָן מען קומען צום באַשלוס, אַז וואָלט ער געלעבט, וואָלט די נעגער־טעמע פאַרנומען מער פּלאַץ אין זיין מוח און האַרץ.

יוסף אַפּאַטאָשו׳ס ניכטערער, דורכבויערנדיקער אריינדרינג אין זיינע סוזשעטן, זיין שטרעבן צום אמת און זיין זיכערע כירורגישע האַנט האָט געשאַפן איינע פון די בעסטע דערציילונגען אין דער יידישער שפּראַך, די דערציילונג „לינטשעריי״.

אַ ווייסער פאַרפירט דעם נעגערס 14־יעריקע שוועסטער. איר ברודער בוקערט נעמט נקמה. דאַן הייבט זיך אָן די לינטשינג וואַקכאַנאַליע נאָך אים. מיר זעען פאַר זיך דעם מאָב, אָט אַזוי ווי ער איז אין דער אמת׳ן. דער שעריף פרואווט מילד זיך איינשטעלן פארן געזעץ. אַ יענקי פּרואווט אַפּעלירן, נאָר דאָס חיה׳שע בלוט פון המון איז פאַרשכורט. אויך אַ ייד געפינט זיך צווישן די לינטשערס. דער היי־געבוירענער זון פון אימיגראַנט ליווי. דער פאָטער בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל ניט גיין, ניט באַדעקט ווערן מיט דער שאַנד פון מענטשן־מאָרד. דער פּשוטער ייד פאַרשטייט אויסגעצייכנט די ווירקונג פון לינטשער. ער וואָרנט דעם זון: „אַז מען וועט היינט לינטשן אַ נעגער, מאָרגן — אַ ייד״.

אָפּאַטאָשו שילדערט פאַר אונדז ניט בלויז די לינטש־סצענע, נאָר ער שטעלט פאַר אונדז פאָר בוקערטס ליידן, וואָס דערמאָנט זיך אין אַנדערע סצענעס פון זיין געפּייניקטן לעבן:

„ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין חלום, ווי מען האָט ביי אים יונגערהייט צוגענומען ברידער און שוועסטער, ווי מען האָט זיין פאָטער געשמיסן. די בייטש איז געפלויגן מיט אַ פייף איבערן לייב, זיך איינגעגעסן אין בלוט און אַן איינגעבוירענער שרעק, וואָס מעגעלך זיינע אורעלטערן האָבן איבערגע־לעבט אין די אַפריקאַנער וועלדער, ווען זיי זיינען געקראָכן אויף אַלע פיר, זיך אויסבאַהאַלטן ניט צעריסן צו ווערן פון אַ ווילדער חיה — די זעלבע שרעק האָט זיך גענומען וועקן אין אים, די שרעק, מען זאָל בוקערטן ניט אויפהענגען...

אָפּאַטאָשו איז קיינמאָל ניט סענטימענטאַל, נאָר זיין בילדערישקייט קריצט זיך איין אין זכרון. זיין וואָרט דרינגט אריין אין בלוט און זיין קראַפט אָטעמט מיט עכטקייט ווייל ער לאָזט קיין דעטאַל ניט דורך, ווייל ער איז דער אַרכי־

טעקט פון זיין שאפן. אַ סך דיכטער האָבן אויסגעדריקט אין זייערע פערזן זייער צאָרן קעגן לינטשעריי, נאָר זיי האָבן דאָס געטאָן אימפּולסיוו, ווי אַ מאָ־מענטאַלער אויסגעשריי. אַנדערש איז אָבער געווען מיט אָפּאַטאָשו'ס „לינטש־עריי". ער איז צוגעגאַנגען צו זיין טעמע אויף אַ קלינישן אופן. ער האָט יעדע פאַזע אַנאַליזירט קאַלטבלוטיק. ער האָט דעם מאָב ניט געשאָלטן. פאַר אים איז ער געווען —

„מענטשן, וואָס האָבן זיך כמעט ניט געקענט צונויפרעדן, זיך אויסגעמיטן ס'גאַנצע לעבן, זיך פיינט געהאַט, האָבן מיטאַמאָל אַוועקגעוואָרפן אַלע פאָר־אורטיילן, זיך מער ניט געטיילט אין אַמעריקאַנער און סלאַוון, פאַרגעסן אַן דעם איינצלנעם, ווי ער וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט און זיך פאַראייניקט".

בוקערט שטאַרבט אין ברענענדיקע יסורים, נאָר ער זינגט אויסגייענדיק. „דער עולם איז געשטאַנען אויף די שפּיץ נעגל, זיך איינגעהערט... בוקערטס שטימע האָט געקלונגען אַלץ העכער און קלאָרער. די אויגן געווענדט צום הימל, ווי אַ הייליקער. אַזוי האָבן געמוזט אויסזען די ערשטע קריסטן, ווען זיי זיינען געשטאַנען פאַר די שייטער־הויפנס".

אין זעלבן באַנד פאַרמאָגט אָפּאַטאָשו אַ צווייטע דערציילונג אויף אַן ענלעכער טעמע. זי הייסט „פיר נעגער". אַ שרעקלעכע, אַ שווידערלעכע שפּאַנונג. פיר נעגער, וואָס זיצן אין טורמע, הערן ווי דער המון רייסט זיך צו שטורמען די טורמע, אַרויסצונעמען איינעם פון זיי, דעם באַשולדיקטן, און גרייטן פאַרן לינטש־מאָב. די דריי נעגער ווייסן, אַז אויך זייערע לעבנס זיינען אַצינד אין געפאַר. ווען דער המון וועט זיך אריינברעכן, וועט ער ניט איבערקלייבן. דער קרבן בעט זיך ביי זיי, זיי אַליין האָבן איינזעעניש מיט אים אויפן מאָמענט, נאָ' די מורא פאַרן טויט איז שטאַרקער ווי זייער סאָלידאַריטעט צום אייגענעם שטאַם. זיי וואַרפן אים אַרויס. אָפּאַטאָשו ענדיקט די דערציילונג אַזוי:

„מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דזשאָנען, געעפנט די טיר, אים אַרויסגעשליידערט, ווי מען וואַרפט אַ קאַלב צי אַ פערד צו אַ סטאַדע וועלף, אַבי צו קאָנען אַנטלויפן, זיך ראַטעווען דאָס לעבן".

אין זיין צוועלפטן באַנד דערציילונגען „קלאַסנקאַמף" געפינט זיך אַ קורצע פערלדיקע זאַך „נעגערס". איר העלד איז דער אַכט־יעריקער נעגערל פרעד. דאָס קינד איז דורכגענומען מיט אַן אומבאַוואוסטן פחד קעגן די ווייסע. ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף מיט גערדאַנק, אַז מען פירט טאַטע־מאַמע הענגען. ער ווייסט, אַז די ווייסע פאַרפאַלגן אַלע נעגערס פון ישוב, זינט מען האָט געפונען אַ ווייסן פאַרמער אַ דערשאָסענעם. שוין צוויי נעגערס האָבן מיט זייערע לעבנס באַצאָלט. נאָר דאָס איז נאָך ווינציק. און ווען אַ מאַשין שטעלט זיך אָפּ

ביים הויז, וועקט דער קליינער פרעד אויף דעם כראָפּענדיקן פּאָטער און הייסט אים זיך באַהאַלטן, ווייל ווייסע קומען. דער פּאָטער פּאָלגט. די ווייסע קומען אריין און נעמען אויף אַ קרייצפאַרהער פרעדס מאַמע. פרעד זעט אַלץ, הערט אַלץ. זיינע פויסטן און ליפּן זיינען פאַרקוועטשט, זיין האַס צו די ווייסע געוועלטיקט איבער אים. ער לעבט איבער די שאַנד און די דערנידעריקונג, וואָס זאַפּט זיך איין אין זיין בלוט און וואָס וועט מיט דער צייט שאַפן דעם אומצוטרוי און האַס צו יעדן ווייסן.

אין 1927 איז אין קלעצקין פארלאַג, ווילנע, ארויס „אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיאַ", דער פערטער באַנד פון ברוך גלאַזמאַנס געקליבענע ווערק. אויסער דער לייטנדיקער דערציילונג פון נעגער־לעבן, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון בוך, געפינט זיך דאָרט נאָך אַ דערציילונג אויף דער זעלבער טעמע. דאָס איז „אַ נאַכט אין אַ דרום שטאָט". אויך איז די ערשטע דערציילונג אין גלאַזמאַנ׳ס דריטן באַנד דערציילונגען („אויף יענער זייט אָקעאַן", 1928), אַ שילדערונג פון נעגער לעבן, זי הייסט „דער טאַנץ פון די נעגערס" און זי באַלאַנגט צו זיינע בעסטע שאַפונגען.

עס איז פאַראַן אַ שאַרפער אונטערשייד פון גלאַזמאַנס צוגאַנג צו דער נעגער־טעמע אין פאַרגלייך מיט אַפּאַטאָשו׳ן. דער אונטערשייד ליגט אין זייער סטיל און שפּראַך און אין אויסוואַל פון סוזשעט. אַפּאַטאָשו איז מער אימפּעטיק און פולבלוטיק. זיין וואָפן איז אָפט אַ חלף, זיין בילדער־שאַץ שפּאַרט איין זיין סכום פון ווערטער. גלאַזמאַן איז לאַנגזאַם, מאַנאָטאָן. דער ייִנגערער פון די צוויי, איז ער דאָך אַלטמאָדישער אין זיין פאָרם. זיין סטאַטישקייט איז אָפט ניט צוגעפּאַסט פאַרן מאָדערנעם נערוועזן לייענער. נאָר געדולדיקערהייט בויט ער אויף זיין סאָלידן בנין פון ווערטער און אינהאַלט. ער לאָזט ניט דורך דעם קלענסטן דעטאַל, ווי אומנויטיק ער זאָל ניט זיין. ער רעכנט זיך ווייניק מיטן לייענערס אויפנעם־פיאַיקייט.

גראַד געהערן גלאַזמאַנ׳ס נעגער־זאַכן צווישן זיינע בעסטע דערציילונגען און שילדערונגען. גראַד אין זיי פילט זיך אַ ריטם, וואָס איז ניט בנמצא אין גלאַזמאַנ׳ס אנדערע שאַפונגען. איבערהויפּט איז דאָס ניכר אין זיין „טאַנץ פון די נעגערס".

בערנאַרד קאָהען קערט זיך אום אויף דער שיף פון ניו־יאָרק קיין נאָרפאָלק, צפון קאַראָליינאַ. ער איז גאָר ניט קיין סימפּאַטישער מענטש, דער מר. קאָהען. בכלל האָט גלאַזמאַן אַ שטאַרקע נייגונג צו נעגאַטיווע טיפּן. וואָס נעגאַטיווער זיי זיינען, אַלץ געלינגענער קומען זיי ביי אים ארויס. קאָהען איז רייך, אָנגעזעצן אין זיין שטאָט, וואו דער נעגער איז נאָך אַלץ הפקר. ער האָט

אַמאָל פּאַראומגליקלעכט אַ פּופּצן־יעריקע מולאַטקע־דינסט. זי איז געשטאָרבן ביים געבורט פון איר קינד, וואָס וואַקסט אויף און קומט צום פּאַטער, וואָס וויל זיך ניט ארויסגעבן און ער ברעכט נאָך אָן דעם יונג די ביינער פאַר דער חוצפּה. מר. קאָהען איז היפּשלעך דעגענערירט. אין ניו־יאָרק פאָרט ער זינדיקן. ער פאָרט צוריק אויף דער שיף אַ קראַנקער, אַן אויסגעשעפּטער. ביינאַכט אין באַל־צימער איז „נעבן אים געשטאַנען אַ נעגער, מיט אַ שניי־ווייסן נאָז־טיכל אָדער סערוועטל אין האַנט און האָט אים ארומגעווישט דעם אויס־געבראָכענעם מיסט, וואָס ארום מויל און האַלדז". און דאַן האָט מר. קאָהען דערזען ווי די שוואַרצע באַדינער און פאַרוויילער פון שיף האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זאַל, געטאַנצט, צווישן זיך „געשריען, געטומלט און ווילד געלאַכט".

גלאַזמאַן לאָזט זיך אריין אין אַ לענגערער שילדערונג פון דעם טאַנץ פון די נעגערס, נאָכדעם ווי די געסט זיינען שוין אַוועק שלאָפן, און ווי פאַרציטערט די ווייסע ווערן, ווען זיי קומען צוריק און דערזען דעם גבורה׳דיקן פאַרנעם פון זייערע באַדינער. עס כאַפּט זיי ארום אַ גרויל. איבערהויפּט קלאַפּט מר. קאָהענען אַ צאַן אָן אַ צאַן. „דער שרעק פון די ווייסע פּאַסאַזשירן אין דער הויך אויפן שיף־באַלקאָן איז אין אים נאָך פאַרפּילפאַכט געווען, ס׳האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז ער איז עס באַשטימט צו זיין דער ערשטער קרבן אין דער שחיטה, וואָס וועט זיך באַלד אָנהויבן דאָ... ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, פּלאַפּלען עפּעס... זיך געבעטן ביים נעגער, וועלכער האָט זיך געפּאָרעט ארום אים, אַז מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן, אים לאָזן גיין צוריק אין זיין קאַיוטע אריין.

„— אַז ער איז דאָ גאָרניט שולדיק, אין גאָרניט".

גלאַזמאַנען געלינגט דאָ אויף אָן עפעקטיוון שטייגער צו ווייזן אונדז דעם קאָנטראַסט פון געזונטן, יונגן און אַרבעטזאַמען נעגער מיט דעם אָפּשטאַרבנדיקן פיזיש און גייסטיק אויסגעשפּילטן מר. קאָהען. עס איז ווי אַ סימבאָל פון פּראָטעסט פון נעגער, וואָס דערפילט זיין גבורה אין דער פאַרשקלאַפטקייט אויף דער שיף. דער נעגער־כאָר, וואָס מישט זיך אויס מיט די באַדינער, דער ליידנשאַפטלעכער טאַנץ פון שוואַרצן נאָכדעם ווי דער ווייסער שלאָפט שוין, דער פּחד פון די לעידיס און דזשענטלמען, ווען זיי דערזען ווי דער שוואַרצער וואַגט צו טאַנצן אין זייער באַל־זאַל — אַלץ איז דאָ אַן אָנזאָג אויף עפּעס גרעסערס און ברייטערס. די שיף איז די גאַנצע געזעלשאַפט, די אַמעריקאַנער, וואָס באַ־נוצן זיך מיטן שוואַרצן ווי מיט אַ דינער, וואָס שאַפן זיך מיט אים ווי אַ שטאַרקער מיט אַ שוואַכן, דערפילן איצט מיטאַמאָל, אין זייער טאַנץ, דעם צייכן אויף דער וואַנט. מר. קאָהען דערמאָנט זיך אין זיינע אַמאָליקע זינד

קעגן דער יונגער מולאַטקע און איר קינד, זיין זון. ער האָט אַ סך גערזינדיקט קעגן זיי, קעגן די שוואַרצע. איצט דוכט זיך אים, אַז זיי וועלן אין אים נקמה נעמען. זיין סוף איז נאָענט, זיין כּוח קומט.

ביי אַפּאַטאָשו'ן לעבט דער נעגער אין אַן שרעק פאַרן ווייסן; ביי גלאַזמאַנען האָט דער ווייסער אָפּט אין דער שטיל מורא פאַרן שוואַרצן. איר געפינט אַ מאָסע נעבעכדיקע יידישע טיפּן אין גלאַזמאַנס מערסטע ווערק. נאָר אַנדערש ווערן געמאָלן די נעגערס, די אָרעמסטע פון זיי. אין „אַ נאַכט אין אַ דרום שטאָט" שילדערט ער אַ נעגער-געסל מיט איינגעפאַלענע צעפּוילטע הייזלעך, מיט אויסגעבראָכענע שויבן, פאַרשטעקט מיט פּאַפּיר און שמאַטעס. נאָר דאָרט טאַנצט דער עולם דעם שימי־טאַנץ.

אָט ווי גלאַזמאַן באַשרייבט עס:

„אָט איז דער טאַנץ שטיל שעמעוודיק און זיס אַזוי, און שפּילעוודיק מיט אַ פאַרשעמט שמייכעלע, — די טאַנץ-באַוועגונגען זיינען אַזעלכע פאַמעלעכע

און וויינענדיק זיך בעטנדיקע, ווי אַ הונט, וועלכער וואָיעט אין דרויסן פאַר אַ טיר און בעט מען זאָל אים אריינלאָזן אינווייניק.

און אָט ווערט דער טאַנץ שטאַרקער, וועלפיש ארויסדרינגענדיק, חיה'דיק גיך — מען נעמט זיך אַלע ארום אין אַ פאַרציקנדיק דריידל".

אין דער דערציילונג „אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיאַ", וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער זאַמלונג דערציילונגען פון באַנד, שילדערט גלאַזמאַן אַ יידישן פּרומען פּעדלער, וואָס בלייבט שטעקן אין אַ פאַרנאַכט אויף אַ פעלד. זיין פאַמיליע געפינט זיך אין ניו יאָרק. ער זעט זי זעלטן, ווייל ער איז פון זיין פּרנסה פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער סאַאוט. ער דערפילט ווי עס איז שוין אָוונט און ער דאַרף דאָ איבערנעכטיקן אין דער פרעמד.

דער פּעדלער, דער וואַנדערנדיקער סוחר, איז אין דער היגער יידישער ליטעראַטור ניט קיין נייעס. אויסגעצייכנט שילדערט אים ש. מילער אין זיין נאָוועלע „אין טאַטנס פּיסטריט". גלאַזמאַן איז, דוכט מיר, דער איינציקער, וואָס ווייזט אונדז דעם פּעדלער אין דער סאַאוט. דער ייד קוקט פון דרויסן אויף די באַלויכטענע וואָרעמע פענסטער. ער וואָלט דאָך אויך געקאָנט זיין אין אַזאַ אָוונט ביי אַ לאָמפּ-באַלויכטענעם טיש. קלאַפּט ער אָן אין אַ טיר מיטן בייטש. „שנעל עפנט מען זי פון אינווייניק, אָט פּונקט ווי מען וואָלט אויף אים געוואַרט".

עס קומט אים אַנטקעגן אַ נעגערטע. ווייזט אויס, אַז זי האָט אויף וועמען געוואַרט. זי איז פריינטלעך צום פרעמדן יידן. ער ווערט זיין אַן אַנגעלייגטער

גאַסט, כאַטש ניט אויף אים האָט זי געוואַרט. זי וועט אים געבן אַ ווארעמען נאַכטלעגער און עסן מער ווי פאַר צוויי.

ס'איז געווען קריסטמעס אָוונט און געווארט האָט זי אויף איר מאַן, וואָס האָט זי פארלאָזן, און געהאַפט, אַז ער וועט היינט, אין דער הייליקער נאַכט צוריק־קומען. דער טיש איז געגרייט ווי פאַר אַ סעודה, הגם דאָס שטיבל איז אָרעם.

ס'איז דאָ אינדיק אויפן טיש, נאָר דער ייד רירט זיך צו קיין זאַך ניט צו. ער דערקלערט איר וועגן זיינע מנהגים. זי איז ניט שאָקירט. זי האָט דרך־ארץ פאַר יידן. דער רעוורענד האָט ניט איינמאָל אין קירך דערציילט וועגן פאָטער אברהם, וואָס האָט געהאַט אַ נעגערשע פרוי הגר, פון וועמען זי האָט אַ קינד געהאַט.

דער ייד און די נעגערטע —ביידע פאַלקסמענטשן, ערלעך און געטריי צו זייערע טראַדיציעס. ער וועט דאָך ניט שלאָפן מיט איר אין איין צימער. בעט זי אים אויס אין אַ צווייטן צימער. זי גייט ארויס אויפן פעלד און ברענגט אריין אַ גרויסן קאָוון און צעשניידט אים. ניין, אויך צו דעם רירט ער זיך ניט צו. מיד איז ער, גייט ער אריין שלאָפן אין טונקלען צימער.

„בלייבט זי איבער אליין ביים טיש.

„מיט גרויסע אויגן, באַגאַסענע, קוקט זי אויפן צעשניטענעם, אומבאַרירטן וואַטערמעלאָן, ווי אַ גרויס האַרץ אַ צעשניטנס און אַן אויפגעפנטס,,,

נאַ, זע... מען האָט מיך אויפגעשניטן און געלאָזן אומבאַרירט...

און אז אין טונקלען צימער דאָרטן איז שטיל, מאַכט זי אויך טונקל דאָ.

זאָל אלץ אויפן טיש בלייבן ניט אויפגעגעסן! גיט זי זיך אַ ריס ביים לייב און לייגט זיך שלאָפן".

ביידע קאָנען ניט איינשלאָפן. זי טראַכט, אַז אָדער ער וויל איר שוואַרץ לייב ניט באַרירן, אָדער ער איז אַ פרומער, אַ הייליקער.

ער ציטערט און ער האָט מורא, אַז ער וועט שוין ניט אַוועקגיין פון דאנען אַזאַ ווי ער איז געקומען. נאָר ער רייסט זיך פלוצלונג ארויס. און ווען זי קומט אריין צו אים אין פרימאָרגן און געפינט זיין בעט ליידיק, וואַרפט זי זיך ארויף אויף דעם מיט אַ רעוונדיק געוויין.

דאָס געשטאַלט פון דער נעגערטע קומט ביי גלאַזמאַנען ארויס בולט און זי רופט ארויס צו זיך אַ סימפּאַטיש געפיל. זי איז עכט און גוט און אַ פאַלקס־מענטש אין פולן זין פון וואָרט. דער ייד איז אָבער אויך געטריי צו זיין שטאַם

פון טהרת משפחה. די גאַנצע דערציילונג לייענט זיך ווי אַ פאָלקס־מעשה. זי איז אָנגעהויכט מיטן גייסט פון י. ל. פרצעס „פאָלקסטימלעכע מעשות״.

ג

אין לאָמעד שאַפּיראָס געדרוקטע קאַפּיטלען פון זיין נאָך ניט דערשינענעם ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער שד״ פיגורירט אָפּט דער נעגער ליוק. „אין די קויל־מינעס פון פענסילוויייניע איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין אים איז פאַרבליבן אַ געוויסער פאַרבאָרגענער אומצוטרוי צו דער פריינטלעכקייט פון די ווייסע און אַ נייגונג — אַ ירושה פון טאַטן — צו ריידן פון צייט צו צייט אַ ביסל מליצהדיק און ביבליש, און דעמאָלט פּאָלט ער אַריין אין „ברודער״ אנשטאָט „חבר״ און רעדט מיט פסוקים, וואָס אָפטמאָל פאַרפּאַסט ער זיי עקספּראָמפּט״.

„ליוקס פאָטער האָט יאָרנלאַנג געוואָנדערט איבער די דרומדיקע שטאַטן, האָט געפּריידיקט „גאָטס וואָרט״ צווישן זיינע שוואַרצע ברידער, געטובלט גאַנצע מחנות פון זיי אין וואַסערן פון דער מיסיסיפּי און געלעבט אין אומ־גלויבלעכער דחקות. אָבער אויפן זון, אויף ליוקן, הגם ער איז בפירוש געווען אַ נאָמען נאָכן אַפּאָסטאָל, האָט דאָס פייער פון גלויבן עפּעס קיין שליטה ניט געהאַט. אים האָט שוין מער געצויגן די באַוועגונג פון מאַרקוס גאַרווי, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצופירן די נעגער פון אַמעריקע קיין אַפ־ריקע, „ווי גאָט האָט אַרויסגעפירט די קינדער פון ישראל פון מצרים״. דערנאָך, ווען די באַוועגונג האָט געפּלאַצט, האָט ליוק געוואָנדערט און געטאָן אַלערליי אַרבעט ביז ער איז אַריין אין דער באַוועגונג״.

אין דער נאַכט פון דער סאַקאָ וואַנזעטי היגריכטונג האָט זיך ליוק גע־פונען אויף יוניאָן סקווער אין דער לינקער קאַפעטעריע. ווען די שרעקלעכע נייעס איז באַקאַנט געוואָרן, האָט „ליוק געשוויצט קאַלט און קלעפּיק ניט געקוקט אויפן הייסן אָוונט״.

שלום אַש האָט אין זיין ראָמאַן „טויט אורטייל״ אַרויסגעבראַכט דעם נעגער רעפּ ווי איינעם פון די שטאַרקע פיגורן פון בוך. דער ייד סטאָון געפינט זיך אין סינג סינג פאַראורטיילט צום טויט. אַמאָל איז ער געווען רייך און אָנגעזען. איצט איז ער פאַרלאָזן פון אַלעמען. איבערהויפּט קרענקט אים וואָס זיין פרוי און קינד ווילן אים ניט זען. ער איז איינזאַם, נאָר ער שטאַרקט זיך דאָס ניט אַרויסצואַווייזן. אין זיין טויטן־קאַמער הערט ער „דורך דער וואַנט אַ מאָדנע ברומען. אַזוי ווי אַ הונט וואָלט געקלאָגט הינטער דער וואַנט״. ער קאָן

דאָס ניט אריבערטראָגן. ער רופט דעם וועכטער און יענער דערקלערט אים, אַז דאָס איז זיין שכן רעפּ דער נעגער, וועלכער וויינט אויס זיין אומשולד ביז ער שלאָפט איין.

רעפּ איז נאָך פאקטיש קיין אכצן יאָר ניט אַלט, נאָר אין די פּאַפּירן איז געשטאַנען, אַז ער איז עלטער. סטאָון דערפילט אַ נאָענטקייט צו רעפּן, דערפאר ווייל ביידע זיינען פאַרלאָזן פון אַלעמען.

אפילו אין טויטן־הויז טיילן זיך די פאראורטיילטע אויך איין אין העכערע און נידעריקערע קלאַסן, ווענען עס שטייט ניט אָן זיך צו חברן צווישן זיך. רעפּ האָט באַלאַנגט צום „נידעריקסטן פון די נידעריקסטע". צווישן אים און די „אריסטאָקראַטן" איז נאָך אפילו געשטאַנען דער איטאַליענער טאָני, וועלכער איז געווען פאראורטיילט פאר שרעקלעכן לוסט־מאָרד אויף קליינע קינדער, וואָס ער האָט פאַרנאַרט אין אַ קעלער. מיט דעם איטאַליענער האָבן זיי נאָך ווען עס איז געוועקסלט אַ וואָרט. רעפּס שרעקלעכע זינד איז געווען — „די פאַרב פון זיין הויט".

זיי, די „אַריסטאָקראַטן", די ווייסע מערדער האָבן געטראַכט, אַז מען דאַרף פאַר די שוואַרצע האָבן אַ ספּעציעלן טויטן־שטול. און דערפאר וואָס דער „באַנקיר", ווי די אריסטאָקראַטן האָבן גערופן סטאָונען, האָט זיך געחברט מיט רעפּן, האָבן זיי געקוקט אויף אים קרום.

אַ גרויסע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין סטאָונס נשמה זינט ער איז געווען אין טויטן־הויז. ער, וואָס האָט געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס פאַר אַ צווייטן מענטש, פון וועלכן ער האָט ניט געקאָנט האָבן קיין נוצן, ער האָט איצט פאַרגעסן אין זיין אייגענע׳ לאַגע און זיך גענומען צום הארצן די לאַגע פון נעגער־יינגל.

סטאָון שיקט אַ פּעטיציע צום גאָווערנאָר, אָבער ניט פאר זיין אייגן לעבן בעט ער, נאָר פאַר דעם נעגער־יינגל רעפּ. אין סטאָונען, ווענען ער רופט איצט „באָס", געפינט איצט רעפּ זיין איינציקע טרייסט.

עס איז געווען די איינזאַמקייט, וואָס האָט דעם פריערדיקן וויצע־פּרעזידענט פון אַ באַנק דערנעענטערט צום פאַרוואָרלאָזטן נעגער־יינגל. איצט זיינען זיי ביידע געווען גלייכע. אַש נוצט די ווירקזאַמע דיאַלאָג־פאָרם צו פאַרברידערן זיי. רעפּ פרעגט אויס סטאָונען וועגן די נאָענטע זיינע, וואָס וועלן זיך פאַר אים איינשטעלן. סטאָון געפינט זיך איצט אין אַ לאַגע, וואו ער איז גלייך מיט רעפּן. ווי יענער, האָט ער מער ניט קיינעם אויף דער וועלט, וואָס זאָל עפּעס טאָן פאַר אים. און ווען דער שמועס איז פאַראיבער, גיבן זיי זיך די הענט און צעשיידן זיך. און ווען דער וואָרדן האָט אויסגעדריקט זיין דערשטוינען, וואָס סטאָון

זאָרגט זיך אַזוי פאַר רעפּן, האָט סטאָון אויף דעם געענטפערט אַזוי:

— איך ווייס ניט. מיר דוכט זיך, אַז איך בין מער פאַראינטערעסירט אין דעם ייִנגל ווי אין מיר.

— איך וואונדער זיך — (האָט באַמערקט דער וואַרדן.)

— דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געהאַט צו נעמען פון לעבן, האָב איך גענומען. אָבער ער איז דאָך נאָך אַ קינד. ער האָט דאָך נאָך קיין פרוי ריכטיק ניט געקענט

דער גאָווערנאָר האָט אָפּגעזאָגט סטאָונס פּעטיציע פאַר רעפּן, נאָר סטאָון האָט געהאַלטן אין איין מונטערן און פאַרזיכערן דעם נעגער־ייִנגל, אַז אין דער לעצטער מינוט וועט ער באַקומען אַ פּאַרדאָן, הגם ער האָט גוט געוואוסט, אַז רעפּ וועט באַלד אומקומען אויפן עלעקטריק־שטול.

און ווען רעפּ האָט געפרעגט סטאָונען פאַרוואָס מען וויל אים שיקן דעם פּריסטער, האָט סטאָון אים אַלץ פאַרזיכערט, אַז דער פּאַרדאָן וועט נאָך קומען, וועט קומען דאַן, ווען ער וועט שוין זיצן אין טויטן-שטול.

יענעם אָוונט האָט סטאָון מער ניט געהערט דעם נעגער וויינען דורך דער וואַנט. ער האָט אים געהערט בעטן און זינגען קירך־לידער מיט אימיצן. סטאָון, וואָס איז קיינמאָל רעליגיעז ניט געווען, האָט אין יענער נאַכט, ניט טראַכטנדיק וועגן שלאָף, מיטאַמאָל אַליין אָנגעהויבן בעטן גאָט פאַר רעפּן.

— גאָט, ראַטעווע דאָס ייִנגל, — האָט ער געברומט פאַר זיך איבער־חזר׳נדיק דעם זאַץ אָן אַ שיעור כּאָל.

„און אַ וואונדער: די איינפאַכע ווערטער האָבן געשטילט דעם דורשט און ער האָט זיי געטרונקען, ווי אַ פאַרחלשטער דורשטיקער״.

רעפּ איז געשטאָרבן גלויבנדיק, אַז דער פּאַרדאָן קומט.

ד

אין די ווערק פון דעם ייִנגערן דור אַמעריקאַנער דערציילער געפינען זיך זאַכן פון נעגער־לעבן. דעם פּאַרשטאַרבענעם א. מייזל׳ס „דער טויט פון טעד דעניס״ איז אַ שילדערונג פון אַ לינטשעריי. מייזל אָפּערירט געוויינטלעך מיט אַ שפּיזיקן סאַרקאַזם, וואָס קלייבט זיך אין די ביינער אַריין. אין דער נאָר־וואָס דערמאָנטער דערציילונג גיט ער איבער ווי דער זיבעצן־יעריקער נעגער טעד ווערט פון דער אַרבעט אוועקגענומען און אין דער פּאָליציי־סטאַנציע צעשלאָגן. דאַן ווערט ער אין ליכטיקן געריכט געבראַכט. מען האָט אים דאָרט אויף אַ ווייכן שטול אַוועקגעזעצט, פאַרמשפּט געזעצלעך און שפּעטער אים גע־פירט לינטשן. ער איז אַנטלאָפן. אַ ווילד געיעג מיט הינט. טעד פּראָוווט די הינט

באַרואיקן. זיי האָבן געבולן. פייגעלעך האָבן אין וואַלד געזונגען. דער לינטש־מאָב איז געווען פאַרשלאָפן. אַ פאַבריק־קוימען האָט זיך צעפייפט. אַ זון־שטראַל האָט זיך געשפּילט מיט אַ אויפגעהויבענער ברעם פון דעם אויפגעהאַנגענעם טעד דעניס. פלאַמען האָבן דערלאַנגט צו זיינע באָרוועסע פּיאַטעס.

[illegible] דיכטער און דערציילער אהרן ראַפּאָפּאָרט שילדערט אין זיין דער־ציילונג „מאָזעס קעניגרייך" אַ שאַף פון ליאַלקעס. דאָרט אַרבעטן יידישע און איטאַליענישע פרויען. מאָזעס דער נעגער איז דער בן־יחיד. ער זינגט און איז איבערגעפּולט מיט מונטערקייט. זיין קעניגרייך איז דער בעזים און יעדער איינער ווענדט זיך צו אים נאָך עפּעס. דעם ברענגט ער וואַסער, יענעם אויל. פאַר־נאַכט, ווען אַלע גייען אַוועק, בלייבט מאָזעס איבער מיט די ליאַלקעס, זיין קעניגרייך.

אין בוך דערציילונגען „אַ בריק איבערן אַטלאַנטיק" פון פסח מאַרקוס, וואָס איז דערשינען אין 1932, געפינען זיך אַ צאָל זאַכן פון נעגער־לעבן. די ערשטע דערציילונג אין בוך הייסט „ווייס בלוט". אין שטעטל זיינען די ווייסע און שוואַרצע אָפּגעטיילט אין צוויי באַזונדערע שטרעקעס. ווייסער האָט פיינט שוואַרצן און פאַרקערט. „די שוואַרצע זיינען שטענדיק מונטער, פריילעך, הייבן די פיס גיך און שנעל, ווי צום טאַנץ געגאַנגען".

„די ווייסע זיינען שטענדיק אומעטיק, בלויז אין די זונטיקס צעשיינען זיך זערע פנימער". עפּיזאָד פון האַס פון ווייסן צום שוואַרצן. נאָר דאָס איז אַלץ נאָך ניט דער עצם סוזשעט. ווייסע לאָזן זיך אין נעגער־געסל זינדיקן. דער ליטווישער אימיגראַנט מיקאָס לעבט מיט אַ יונגער נעגערטע. עס ווערט גע־בוירן דער מולאַט, „ווייס־בלוט" דזשימי, קליין און שוואַך, אַ קאַרליקל כמעט. די נעגערס האָבן אים פיינט געהאַט. ער פאַריכט שיך. ער איז פאַרליבט אין דער נעגער־מויד סאַלי. זי צעקריגט זיך מיט איר געליבטן נעגער הענרי און קומט צו דזשימין. הענרי הרגעט אים שיר ניט אַוועק. דזשימיס הונט מור ראַטעוועט אים, מור איז דזשימיס איינציקער טרייסט, און ווען דער הונט פאַרלאָזט אים, גייט ער אַרויף אויפן בוידעם און הענגט זיך. מורן געפינט מען מיט פאַרסקאַרטשעטע ציין אויפן פרישן בערגל זאַמד, וואו עס איז געלעגן באַגראָבן „ווייס־בלוט" דזשימי.

אין דער צווייטער דערציילונג „נעגער בלוט' זיינען מענטשן קעגן די שוואַרצע נעגערס. „אַ נעגער איז גאָר קיין מענטש ניט", טענהעט ער איין מיטן נעגער־גלח. ראלף וויל אַנטיילנעמען אין אַן אויטאָ־רעיס, נאָר דער פאַרוואַלטער
נעגער־גלח. ראלף וויל אַנטיילנעמען אין אַן אויטאָ־רעיס, נאָר דע רפאַרוואַלטער
דערקענט, אַז ער איז אַ נעגער, און דערקלערט, אַז קיין נעגערס ווערן ניט

צוגעלאָזט. ראַלף טרינקט זיך אָן און לאָזט זיך מיט זיין „רעיסער" איבער גאַסן און פאַרט איבער אַ פּרוי, און דער עולם שרייט: לינטשן!

אין „שוואַרץ און ווייס" האַנדלט זיך וועגן דעם יידן דזשאָו און דעם נעגער דזשאַן, וואָס ווילן איינער פון צווייטן אַנטלויפן די אַכצן יאָר, וואָס זיי קענען זיך, און קאָנען ניט. דזשאָו נוצט תמיד אויס דזשאַנען אין זיינע געשעפט־ספּעקולאַציעס. דזשאַן פאַרדעכטיקט ניט, אַז דזשאָו מיינט ניט זיין טובה, און ער פאָלגט דזשאָוען. ביז דזשאַן פאַלט דורך דזשאָוען אַריין. דאַן כאַפּט אים דזשאַן אָן פאַרן האַלדז און „דזשאָו צאַפּלט מיט די פיס".

אין „אַ נעגער שטאַרבט" ברענגט דער נעגער טעסקי־מאַן דזשעקסאָן אַהיים דעם שכורן נעגער בראַון און נעמט ביי אים צו דאָס ווייב. צום סוף דערשטעכט בראַון דזשעקסאָנען אין סאַלון.

אין „אַ שטאָט אין דער וועסט" איז דער נעגער פּאַרקער דער דזשעניטאָר פון יידישן טעמפּל, נאָר ער איז אליין אַ גלח און ער פאַרברייגנט מיטן ראַבאַי פרידמאַן אין דיסקוסיעס וועגן דער ביבל. דער נעגער אינטערעסירט זיך אויך מיט טעמפּל־פּאָליטיק.

פּסח מאַרקוס פאַרמאָגט ניט אין זיין בוך קיין איין פּאָזיטיוון טיפּ. אויב דער נעגער איז שלעכט, עראָטיש, שכורט, איז דער ייד אויך ניט קיין צדיק. מאַרקוס געפינט זיינע אידעאַלע טיפּן אין זיינע לעצטע דערציילונגען וועגן דער אַלטער היים אין דער ליטע, נאָר זיי זיינען אין דעם בוך ניט פאַראַן.

פּעסי באַך איז דער מחבר פון אַ בוך דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין 1941. זי דרוקט זיך ניט לאַנג און, ווי מאַרקוס, האָט זי אין איר בוך אַ צאָל זאַכן פון נעגער־לעבן. אין „אַ השד" ווערט אַ יונגער נעגער הערעלד אומזיסט באַשולדיקט אין אַ מאָרד פון אַ ווייסן. מען פייניקט אים אין טורמע, נאָר שפּעטער ווערט ער באַפרייט. ווען ער קומט אַ היים, געפינט ער זיין פאָטער טויט פון אַ האַרץ־שלאַג.

„הילדאַ" איז אַ נעגער־קינד, וואָס ליידט אין דער פּאַבליק־סקול פון דער ווייסער לערערין. ביז עס קומט אַ נייע יונגע פּראָגרעסיווע לערערין און זי באַפריינדעט זיך מיט איר. אויך אַ פּאָר ווייסע קינדער דערנעענטערן זיך צו הילדאַן. הילדאַ ווערט איבערגעפאַרן. אירע נויטבאַדערפטיקע עלטערן ווערן פאַרפאָלגט פון אַ יידישן אַדוואָקאַט, וואָס זאָגט זיי צו אַרויסקריגן אַ גוטן סעט־למענט מיט דער קאָמפּאַני. זיי געטרויען אים ניט. אַ בילד פון אָרעמסטן נעגער־לעבן אין ניו־יאָרק. אומצוטרוי צום ווייסן. מורא און שאַנד.

„דזשאַן" איז אין כעס, וואָס די מאַמע, אַליין אַ נעגערין, רופט אים שטענדיק „שוואַרצער". ער האָט פיינט געהאַט זיינע אייגענע, ווייל זיי זיינען געווען מולאַטן און ער איז געווען דער איינציקער אמת שוואַרצער. ער האָט דערפון

געליטן ביי דער ארבעט, אין גאַס און צווישן פריינט.

אַ דריטל פון פעסי באַכס בוך באַשטייט פון נעגער-דערציילונגען. זי איז דער קעגנזאַץ פון פסח מאַרקוסן. איר סימפּאַטיע איז שטענדיק אויף דער זייט פון דעם אָרעמען קינד און פון דעם ניט־אַנאַרקענטן, פאַרשטויסענעם און אונטערדריקטן נעגער. ער איז ביי איר איינער פון אירע אַלגעמיינע טיפּן פון בוך, וועלכע זיינען קרבנות פון אַ אומאָרדענונג, וואָס רופט זיך אָרדענונג.

אין משה שיפּריסעס בוך „ציגל", וואָס איז ארויס אין 1929, שטעלט זיך דזשים דער ווייסער איין פאַר די שוואַרצע, וואָס ארבעטן צוזאמען מיט אים אין דער ציגעלניע. ער אָרגאַניזירט זיי צו אַ סטרייק. די קלעניקעס רעכענען זיך אָפּ מיט דזשימין און זיי באַפאַלן די נעגערס. דזשימיס געליבטע, א נעגערין, „דערפילט אין זיך דעם צאַפּל פון אַ נייעם לעבן".

ל. פאַרעס שלידערט אַ נעגער-פּאָרל אין אַ דערציילונג „דאָס געזעץ קאָן מען ניט אָפּנארן", אין בוך „קאַרמען" (1939).

דאָ זיינען אָנגעגעבן געוואָרן דערציילונגען, מיט וועלכע דער שרייבער איז באקאנט. ס'איז אין קיין פאַל ניט קיין אויסגעשעפּטער מאטעריאל. ניט אַלע דערשינענע אין אמעריקע ביכער קאָן מען קריגן אין ניו־יאָרקער ביב־ליאָטעקן. ס'איז בכלל ניטאָ קיין געהעריקער קאַטאַלאָג פון יידישע אויסגאַבן אין אַמעריקע.

אין אונדזער ליטעראַטור איז נאָך דערווייל ניט געשאַפן געוואָרן קיין ראָמאַן מיט קיין נעגער אַלס הויפּט־העלד. מיר האָבן זיך נאָך ניט גענוג איינגעבירגערט ליטעראַריש. מיר האָבן נאָך פאַקטיש ניט קיין איין גוטן יידישן פאָלקס־מענטשן אָפּגעשפּיגלט אַלס אַ טיפּ אין אַ היגן ראָמאַן, שוין אָפּ־גערעדט פון אַן אמעריקאַנער יידן, אָדער אַ גוטער דערציילונג וועגן דער היגער יידישער יוגנט.

דאָך דוכט זיך מיר, אַז פון דעם וואָס איך האָב געלייענט וועגן נעגער אין אונזער ליטעראַטור קומט ער ארויס מער מענטשלעך, מער פאַר שטענדלעך, ווי אין אַ סך ווערק אין דער אמעריקאנער ליטעראַטור. ער ווערט ניט סענטימענטאַליזירט, ער ווערט ניט איבערשאַצט אָדער אונטערשאַצט. דער יידישער שרייבער מיט זיין סאָציאַלן צוגאַנג צו זיין שאַפן, פארשטייט די לאַגע פון נעגער און ער זעט שטענדיק דעם רעאַלן, ניט פריינטלעכן ארום, וואָס האָט זיין אומגינסטיקע ווירקונג אויפן נעגערס לעבן. דער יידישער שרייבער, אַ קינד פון אַ ליידנדיק און פּראָטעסטירנדיק פאָלק, קאָן דערפילן און דערהערן דעם נעגערס שטומען אָדער אקטועלן פּראָטעסט קעגן ווייסן. עס ווענדט זיך נאַטירלעך, אין שרייבערס טאַלאַנט דאָס ארויסצוברענגען.

אַרויף און אַראָפּ

(פון בוך „שאָטנס פון ניו יאָרק", 1928)

עס איז געווען אין קאַרנעגי זאַל, וואו עס קומען פאָר די וויכטיקסטע און געוויכטיקסטע מוזיקאַלישע געשעענישן. כמעט אין דער זעלבער וואָך איז עס געשען, אַף דער זעלבער בינע.

די באַרימטסטע קאָנצערט־און־אָפּערע זינגערין פון אמעריקע האָט זיך געזעגנט מיט דער בינע. שומען־העינק האָט געזאָגט און אויסגעזונגען איר „אַדיע" צו דער מוזיק־וועלט און פאַרערער. פופציק יאָר האָט זי געהערשט, באַצויבערט מיט איר באַווייזן זיך אויף דער בינע. מיט איר פערזענלעכקייט אַליין פלעגט זי געווינען דעם עולם. זי און קאַרוזאָ. ביידע האָבן געהאַט די קראַפט צו ווערן אינטים מיט זייער עולם. ניט אומזיסט האָט שומען־העינק באַקומען דעם ערן־טיטל: די מאַמע — און שפּעטער — די באָבע פון דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע. סיי אין איר שטים, סיי אין איר פערזענלעכקייט איז עפּעס געווען מוטערלעכעס, באַטירלעך־מענטשלעך. (

נאָך מיט דריי יאָר צוריק פלעגט זי ארויסרופן די גרעסטע באַוואונדערונג, ווען זי פלעגט אויפטרעטן, מיט איר שטאָלצן, כמעט יונגן גאַנג, מיט דער פרישקייט פון איר שטים און מיט אירע ריזן־מעגלעכקייטן. זי איז נאָך אַלץ געווען, ווי די העלדן פון וואגנערס אָפּערעס, ווי איר באַרימטע „ערדא" פון „זיגפריד". מען האָט געוואוסט וועגן אירע פערזענלעכעליידן אין מלחמה־צייט. מען האָט זיך געפרעגט: וועט זי קיינמאָל נישט אַלט ווערן? וועט זי זיך נישט בייגן פאַרן דיקטאַטאָר — צייט? און אין יעדן אויפטריט אירן איז געווען דער ענטפער: „ביין"! זעט, ווי איך קוק אויס; הערט ווי איך זינג מיין „ערל־קעניג!"

קאַרנעגי־זאַל, דעצעמבער 1927. אַ שבת נאָכמיטאָג. שומאַן־העינק געזעגנט זיך מיט דער בינע. זיך פרייוויליק אונטערגעגעבן.

איבערגעפּאַקטער זאַל און איבערגעפּאַקטע בינע. קוים פּלאַץ פאַר דער פּיאַנאָ. א יום־טובדיקער עולם. שומען־העינק באַווייזט זיך. ניט איר גאַנג. די פיס הויבן זיך שוין ניט טענצלדיק, עפּעס שווערט אַראָפּ. די לאַפּע־עלטער, האָט די שטאָלצע, ברייטע אַקסל געבויגן. דער קאָפּ איז ווייס, ווייס.

דער אויסוואַל פון דער פּראָגראַם איז ווי ספּעציעל צוגעפּאַסט. לידער פון

יוגנט, פון גליק, ליבע, שטאָלץ. לידער פון גלויבן, האָפנונג, לידער פון יאוש און אומגליק. לידער פון שיידונג, פון ווינטער און — טויט. אַ ווידוי פון אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן אין דער פּראָגראַם. שומאַן־העינקס לעבן אויסגעזונגען אָף איר לעצטן קאָנצערט.

זי זינגט· שיין, גרויס, נאָר אָנגעשטרענגט. ניטאָ דער כח פון אַמאָל, ניטאָ דער ברען. און וואָס זי דערזינגט ניט מיטן קול, וויל זי מיטן קרעפטיק געבויטן גוף דערזינגען, נאָרביידע געטרייע דינער זיינען שוין אויסגעדינט.

דער עולם איז באַגייסטערט, אַפּלאָדירט אָן אויפהער, נאָר זי, די קלוגע מאַמע, ווייס, אַז ס'איז ניט אַ דאַנק דעם קאָנצערט, ס'איז פאַרן אַמאָל. אין איר דאַנק־שמייכל ליגט אַ טראַגישע איראָניע.

איר ערשטער „אַנקאָר" איז איר „ערל־קעניג", וואָס פלעגט תמיד זיין איר שלוס־נומער. עך, ווי פּאַטעטיש איז עס געווען! דאָס ליד איז געווען דער הויפּט־עדות פון איר אָפּדאַנקען.

אָט הויבן זיך אָן די צערעמאָניעס פון געזעגענען. סאָלדאַטן מאַרשירן ארויף אויף דער בינע מיט דער אמעריקאַנער פאָן. בלומען־קראַנצן, בוקעטן בליען אָף דער בינע, רינגלען זי ארום פון אַלע זייטן. אויסגעצוואָגענע רעדנער האַלטן געשליפענע רעדעס. שומאַן־העינק שטייט אַ שטאָלצע, נאָר באַלד הויבט זיך איר קאָפּ אָן בויגן, בויגן. זי וואָלט אים — דעם קאָפּ — ווען באַהאַלטן פון עולם, צום ערשטן מאָל אפשר, אין די פופציק יאָר...

אָט איז וואָלטער דאַמראָש, אמעריקעס ליבלינג דיריגענט, וואָס האָט לעצטן יאָר אָפּגעדאַנקט. ער פילט איר מיט, ער רעדט ווארעם· טרערן שטראָמען פריי פון אירע אויגן. ווייסע טיכלאַך בלישטשען אויף צווישן דעם עולם. אַ שלוכצן, אַ שנייצן.

א מתנה אין נאָמען פון אמעריקאַנער פאָלק דערלאַנגט ער איר, דאַמראָש. אַ פּאָרטפעל מיט 48 לויב־בריוו פון די גאָווערנאָרס פון די שטאַטן. שומאַן־העינק שטעלט זיך ענטפערן. אין אַ נידעריק, נידעריק קול· שטארק גערירט. אָ פּאָר דאַנק-ווערטער. זי קומט אָבער גלייך צו זיך און הייסט דער פּיאַניסטין אַקאָמפּאַנירן. זי האָט געזונגען און אַ סך געזונגען, נאָך מער, געוויינט פארשטיקטערהייט, ווען זי האָט באַצויבערט דעם עולם מיט בראַמסעס אַ וויג־ליד, האָט זי קוים געקאָנט קאָנטראָלירן זיך פון געוויין. זי האָט גערעדט צום עולם עטלעכע מאָל, געשטאַרקט אים און זיך מיט וויצן, חכמות, גערייצט זיך, אויף שפּאַס, מיט אירע יחוס־בריוו און בלומען־קראַנצן, נאָר מען האָט געפילט, אַז זי וואָלט דאָס אַלץ מוחל געווען, ווען זי וואָלט נאָכאַמאָל געקאָנט אַ זינג טאָן, ווי אַמאָל.

און טראַגיש איז געווען איר לעצטער קאָנצערט, מענטשלעך־רעדנדיק. אין איר גלאָריע האָט זיך אַ שאָטן באַוויזן. אַ זון איז אונטערגעגאַנגען. ראָזעווע וואָלקנדלאַך האָבן דעם האָריזאָנט באַשיינט. אָט ווערן זיי בלייכער, בלייכער.

די שטאָלצע, ריזיקע שומאַן־העינק איז אַ הילפלאָזע פאַר איר געטרייען עולם געשטאַנען. זי האָט איר שוואַנען־געזאַנג אָפּגעזונגען. זי האָט אָפּגעדאַנקט.

אין דערזעלבער וואָך, אויף דער זעלבער בינע, האָט זיך יהודי מנוחין באַוויזן. אַ פּוכקער יינגל פון א יאָר צען. אין איין האַנט א סמיטשיק, אין דער אַנדערער — אַ פידעלע. מיט אים — דער ניו יאָרקער סימפאָנישער אָרקעסטער פון איבער100 שטיק. די עובדא — בעטהאָווענס פידל־קאָנטשערטאָ. די שווערסטע סוגיא אין דער פידל־מוזיק.

מבינים האָבן מיט די אַקסל געקנייטשט. בלויז געציילטע מייסטער פון דער וועלט נעמען זיך אונטער צו שטעלן די קאָנטשערטאָ און ניט תמיד געלינגט זיי. ווי קומט א יינגל צו פארשטיין בעטהאָווענס גאונות, ווי וואָגט ער אריינדרינגען אין די לאַבירינטן פון דער טיפסטער קונסט?

דער אָרקעסטער שפּילט אויף אַלע כלים. יעדע סעקציע האָרעוועט. דער דייטשער דיריגענט קאָמאַנדירט מיליטעריש. דער ריזיקער עולם הערט זיך איין פארכאַפּט. דער קליינער יהודי, אין אַ ווייסער, איינפאַכער בלוזע און קורצע סאַמעטענע הויזלאַך, ווי אַ קינד, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון אַ שפּיל־פּלאַץ; קורץ, בלאָנד, געשאָרן — שטייט ער פארן עולם, אָן אַ סימן פון נער־ווערזיטעט, ווי ניט אים מיינט מען.

ס׳דוכט זיך, אַז ער הערט זיך ניט איין צום אָרקעסטער, אַז ער וועט זיך פארטראַכטן און פאַרגעסן, ווען אָנצוהייבן זיין סאָלאָ-טייל; עס וועט אים נמאס ווערן צו שטיין און ער וועט...

אלע אויגן געווענדט אויף אים, אַלע הערצער קלאַפּן פאר אים, נאָר אָט גיט ער לאַנגזאַם, קאַלטבלוטיק אַ נעם דאָס פידעלע צו זיך און אָן אָנשטעל, ווידער אָן דעם קלענסטן סימן פון נערוועזקייט, הויבט ער אָן שפּילן. זיין בויג איז אַזאַ קרעפּטיקער, דער טאָן אַזאַ קלאָרער און פרישער, אַז עס ווילט זיך באַין אופן ניט גלויבן, אַז דאָס קומט ארויס פון קינדס פידל. ס׳דוכט זיך, אַז ניט ער שפּילט, נאָר די ערשטע ריי פון די פידלער. ניין, טאַקע ער אַליין. יענע שווייגן. וואו האָט זיך גענומען אַזאַ קראַפט צום קינד?

דער עולם גאַפט. מיילער אָפן, אויגן אָנגעצונדן, קעפ געשטרעקט ווייט פאָראויס און אלע אויפן יינגל. פנימער שוויצן פון אינערלעפער היץ.

יהודי גיט פלוצים איבער זיין פידעלע צום קאָנצערטמייסטער, ער זאָל עס אָנציען. דער קאָנצערטמייסטער טוט עס שנעל, געשיקט. יהודי שטייט

נעבן אים, עכט־קינדעריש און ווישט זיך דערוויל דעם שווייס פון פנים. דער קאָנצערטמייסטער ווישט דערוויל אויך ארום יהודיס פארשוויצט פידעלע.

אָט שפּילט יהודי ווידער. ער איז דער מייסטער פון דער סיטואציע. איינמאָל האָט ער ארויסגענומען זיין טיכעלע זיך אָפּצואווישן דעם שווייס, אָבער זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער דאַרף באַלד „אריינפאַלן" מיטן אָרקעסטער און עס שנעל צוריק אריינגעשטעקט אין דער קעשענע.

די לאַנגע — 40־מינוטיקע קאָנטשערטאָ איז געענדיקט. מען פּאַטשט מיט אַלע כחות. אַ פּאַרע גייט ארויס פון די פּעטש. יהודי קומט ארויס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, שמייכלט קינדעריש־ליב; גייט און וואַקלט זיך אונטער, שטאַרק אויסגעמאַטערט, נאָר צופרידן. ער איז נאַטירלאַך, קלוג, דער קליינער. בעט זיך ביים דיריגענט, ער זאָל טיילן דעם כבוד מיט אים, פּרובירט אים שלעפּן מיטביידע הענטלאַך פאַראויס צו פאַרנייגן זיך.

דער הויכער דייטש וויל ניט און האַלט אין איין קלאַפּן איבער דער פּלייצע יהודין.

דער אָרקעסטער־פּערסאָנאַל, אָט די ציניקער־מוזיקער, וואָס האָבן זיך שוין אַזויפיל אָנגעזען און אָנגעהערט, אַז קיין קאַלעגע קאָן זיי שוין ניט אי־בערראַשן — זיינען אָבער איצט אריין אין עקסטאַז און זיי הערן ניט אויף צו אַפּלאָדירן גלייך מיטן עולם, מינוטן־לאַנג.

אין דרויסן שטייט אַ גרויסער עולם און רעדט מיט אַנטציקונג פון גרויסן וואונדער, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס בייגעוואוינט. צומאָרגנס זינגען זייערע הללויה'ס די מוזיק־קריטיקער. אין איין נומער „ניישאָן" צעגייען זיך אין לויבן צום קליינעם יהודין: דער ניכטערער העיוואוד ברון, ווילאַרד (דער רעדאַקטאָר) און אַלמא גלוק, צימבאַליסטס פרוי.

אַ נייער שטערן. ניט יעדן טאָג גייט אויף אַ שטערן. ניט יעדן טאָג גייט אונטער אַ שטערן, דער וואונדער פון אויפגיין און דער וויטאָק פון פאַרגיין.

שומאַן־העינק און יהודי מנוחין. אין איין וואָך. פון דערזעלבער בינע. ווי שיין איז דאָס לעבן, ווי ברוטאַל איז די צייט.

און בליבן בלייבט דאָך בלויז דער איצט. ניט דער נעכטן קאָן פאַר־ענטפערן, ניט דער מאָרגן קאָן צוזאָגן. וואָס קאָנסטו היינט געבן? וואָס ביסטו היינט?

וויפיל דורכפאַלן האָט דער קאַרנעגי זאַל געזען? וויפיל יאָרנלאַנגע אי־לוזיעס זיינען צעשמעטערט געוואָרן אין איין אָוונט?

ווער פון אונז קומט דאָס ניט ארויס בשעתו אויף דער בינע פון לעבן און איז גרייט איינצונעמען אַ וועלט? יעדער אַף זיין אופן, אין זיין צייט.

דאָס דערפרייט א וועלט

(יאָרנלאַנג האָט דער שרייבער געדרוקט פאַרצייכענונגען וועגן ניו יאָרק א. נ. „אַ ניו יאָרקער דערציילט". דאָ גייען אריין פיר פון ארום הונדערט דערשיינונגען)

מיר זיינען ביידע געשטאַנען אויף דער סאָבוועי־פּלאַטפאָרמע און געוואַרט אויף דער אָנקומענדיקער באַן. מיר האָבן געלייענט צייטונגען. מיטאַמאָל האָט אַ מיטפאָרער געגעבן אַ זיפץ אָנווייזנדיק אויף אַ שטיקל נייעס וועגן נייע יידישע קרבנות אין ארץ ישראל.

מיר זיינען אריין אין באַן-וואַגאָן און מיין מיטפאָרער האָט געהאַלטן איז איין רעדן וועגן יידישן אומגליק, וועגן דער נייער מלחמה-העצע, וועגן דעם אנטיסעמיטיזם ביי אונז אין לאַנד. מיין מיטפאָרער איז געווען אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. ניט געקוקט אויף די שטריכן פון לייד און פיין וואָס האָבן זיך אָגעשטעמפּלט אויף איר פנים, האָט מען געקאָנט באַשיינפּערלעך דערקענען, אַז די פרוי איז געווען אַ שיינהייט. די יאָרן האָבן ניט געקאָנט דאָס צורויבן פון איר. אויך אין איר איצטיקער קל··ונג איז געווען נעטקייט און באַ׳חנ׳טקייט. זי האָט ניט געלאָזט די עלטער זיך אָנרוקן אויף איר, און ווען עס איז געלונגען ארויס־צוקריגן אַ שמייכל אויף איר פנים, איז ער געווען ליכטיק און יונג און לעבנס־פריידיק. נאָר שמייכלען האָט די פרוי ניט געוואָלט. די צייטונג אין אירע הענט האָט איר גאַנצן וועזן אָנגעפילט מיט טרויער און שרעק פאַר׳ן היינט, גרויל פון נעכטן און אומזיכערקייט מיט׳ן מאָרגן.

און ווען איך האָב געפּרואווט אוועקצוציען איר אויפמערקזאַמקייט פון דעם קוואַל פון איר שלעכטער שטימונג, פון דער צייטונג און איך האָב איר אָנגעוויזן אויף אַ שיין פּאָרל קעגנאיבער אונז, האָט זי אויפגעכאַפּט די טעמע ווי אַ מאָטיוו פון איר פעסימיזם, ווי אַ פאָרזעצונג פון דער צייטונג.

אָט יעדער מענטש וואָס זיצט דאָ אין וואַגאָן, האָט זי ארגומענטירט, איז אדורכגעדרונגען מיט׳ן זעלבן טרויער און פאַרביטערטקייט ווי זי. יונג און אַלט, ייד און ניט ייד — יעדער האָט ניט קיין פרייד אין דער היינטיקער צייט; יעדער האָט ניט צוליב וואָס צו שמייכלען. און ווען איך האָב איר געוואָלט דערווידערן, האָט זי אויפגענומען מיין ארויסרוף און זי האָט פאַר מיר גענומען

לייענען דעם אויסדרוק אויף יעדנ׳ס פנים און זי האָט זיך פאַרמאָסטן צו טרעפן וואָס ער באַדייט.

איינגעגנורעט אין אַ ווינקל פון וואַגאָן איז געזעסן אַ יונגע פרוי. אירע האָר קליידער — שרייאיק, ארויסרופנדיק, געשמאַקלאָז. דאָס גאַנצע פנים האָט אויסגעדריקט וואולגאַריטעט, די אויגן, האַלב־פאַרמאַכטע, זיינען געווען בייזלעך, אפשר דערפאַר וואָס זי האָט באַמערקט אַז מיר האָבן ביידע גערעדט וועגן איר. נאָר איבער אַלץ איז אויף איר געלעגן אַ מידקייט, אַן אומצופרידנקייט מיט׳ן לעבן, מיט אירע יונגע יאָרן, וואָס האָבן איר פאַראַטן.

— פאַרוואָס זאָל זי שמייכלען פון אינווייניק? — האָט מיין מיטפאָרער געטייטשט, — יעדער איינער קאָן זען, אַז זי איז אומגליקלעך. דאָס לעבן האָט זיך מיט איר אָפּגערעכנט בלויז דערפאַר וואָס זי איז אַ פרוי.

לעבן איר זיינען געזעסן דריי יונגע בחורים, מסתמא סטודענטן. זיי האָבן געלייענט די ספּאָרט־זייטן פון דער „ניוס״ און זיי האָבן גערעדט וועגן די בעיזבאָל טימס. זייערע פּנים׳ער זיינען געווען ערנסט. פאַר זיי איז דאָס געווען די וויכטיקסטע טעמע פון זייער לעבן. „אַז מען גרייט זיי צו פאַר דער קומענדיקער שחיטה, דאָס גייט זיי ניט אָן״, האָט מיין מיטפאָרער פאַרגעזעצט. „זיי זיינען פול, אָנגעפּרעסן, זאַט פיזיש, נאָר פּוסט און אויסגעהוילט אינווייניק. עס איז אַ רחמנות צו קוקן אויף אַזאַ יוגנט, וואָס ווערט ניט צוגעגרייט צו פאַרשטיין דאָס לעבן״.

איר בליק איז געפאַלן אויף אַ יידיש פּאָר־פאָלק. מענטשן אין די מיטעלע יאָרן. די פּני׳מער נערוועז, די קערפּערס ניט־אַנטוויקלטע און אָפּגעלאָזענע, זיי זיינען געזעסן באַטריבטע, פאַר׳דאגה׳טע, שווייגנדיקע און ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז מען קוקט אויף זיי, האָבן זיי זיך אָנגעכמורעט, ווי זיי וואָלטן פאַרדעכטיקט, אַז מען קוקט אויף זיי פיינטלעך.

„זייערע קינדער זיינען געווען אין דער מלחמה, זייערע קרובים האָט היטלער פאַרברענט, פון די ערנסטע, פאַרביטערטע אויסדרוקן אויף זייערע צורות, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז זיי האָבן ניט צוליב־וואָס צו שמייכלען. „עס איז זיי אָנגעזאַלצן אַף דער נשמה״, האָט מיין מיטפאָרער זיי אַנאַליזירט.

איך האָב איר אָנגעוויזן אויף אַן עלטערער פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ ליב פנים, אַ באַבע מסתם, וואָס האָט געקוקט אויפ׳ן ארום מיט קלוגע, סימפּאַטישע בליקן. מיין מיטפאָרער האָט זיך געגרייט מיר צו ענטפערן, ווי עס איז ארייננגעקומען זייער אַ דיקע נעגער־פרוי און זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער עלטערער פרוי מיט׳ן ליבן פנים. נאָר כהרף עין האָט זיך די ליבקייט אויף איר פּרצוף אָפּגעטאָן און זי האָט אָנגעהויבן צונויפנעמען די פאָלדן פון איר קלייד. אַז זיי זאָלן

ניט אָנרירן אין דער קלייד פון דער נעגער־פרוי. זי האָט געמאַכט אומצופרידן מיט די דינע ליפּן און כסדר געוואָרפן שפּיזיקע בליקן אין דער ריכטונג פון דער נעגערטע. אינסטינקטיוו האָט דאָס די פעטע פרוי דערפילט און אַ קנייטש געטאָן מיט די פלײשיקע ליפּן, ווי זי וואָלט אויסגעדריקט: „ווערט איר, ווייסע, זיך אַמאָל אויסמענטשלען?״

איך האָב גענומען זוכן אַ פרײַנטלעך, גוטמוטיק פּנים ארום זיך און אים ניט געקאָנט געפינען. דער זייגער איז געווען אַרום עלף אינדערפרי. איצט זיינען דאָ געפאָרן מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט איבעריק געאײלט און דאָך זיינען זיי געווען אָנגעשטרענגט, ניט אויסגערוט, ניט צופרידן מיט עפּעס. די וואָס האָבן געדרעמלט האָבן געהאט נעבעכדיקע אויסזענס און ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיי גלייך ארויפגעצויגן אויף זיך די זעלבע אָנשטרענגונג ווי די וואַכע.

נאָר אָט איז אריין א הויכער, שיינער געזונטער יונגערמאַן. ער האָט זיך באקוועם געמאַכט, אויסגעווישט די פינקלדיקע ברילן און גענומען בלעטערן זיין ציטונג. מיר ביידע האָבן געשוויגן און אים באַאָבאַכט. איך האָב געגלויבט, אַז דאָס איז מיינער אַ „קאַנדידאַט״, אזא יונגער, אַזאַ צאַפּלדיקער. די ערשטע זייט האָט ער אַ פּלי דורך געטאָן מיט איין אויג. גאָרניט האָט אים דאָרט, אַפּנים, אינטערעסירט. די וויטערדיקע זייטן האָט ער נערוועז אַ בליק איבערגעגעבן און זיך ענדלעך קאָנצענטרירט אויף אַ פולער זייט „קאָמיקס״. דאָ וועלן מיר ארויס־באַקומען אַ שמייכל, האָב איך געטראַכט. עס איז אָבער געווען פארקערט. דער יונגערמאַן האָט לייענענדיק די קאָמישע זייט, פאַרקרימט דאָס פּנים, און אָנ־געהויבן אַזוי שטארק געניצן, אַז מען האָט געקאָנט אריינקוקן טיף אין זיין האַלז אריין. באַלד האָט ער באַהאַלטן די ציטונג און אָנגעהויבן לייענען די סאָבוועי־אַנאָנסן.

.2

מיר ביידע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. מיין מיטפאָרערקע האָט ווידער געלייענט איר בלאַט און איך האָב דייטלעך געקאָנט הערן אירע פארשטיקטע זיפצן. אויך אין מיין ציטונג איז די נייעס ניט געווען קיין פריילעכע.

מיטאַמאָל האָט זיך דער גאנצער וואגאָן מענטשן אַ ריר געטאָן און אויך מיין מיטפאָרערקע איז געוואָרן אויפגערירט. עס איז אַלעמען געוואָרן ליכטיק אויף דער נשמה; אלע אונטערשיידן פון ראַסע און נאַציאָנאליטעט זיינען פאַר־שוואונדן, אַלע בייזע קנייטשן אויף די פּנימער האָבן זיך אויסגעגלייכט און אפילו מיין מיטפאָרער׳קעס פּנים האָט געלויכטן ווי זיבן זונען.

וואָס האָט פּאַסירט אין די פינסטערע לאבירינטן פון דער אונטערערד? ווער האָט געהאַט אין זיך דעם איבערנאַטירלעכן כח צו קאָנען באַצויבערן די פּאַ־

סאזשירן מיטאַמאָל און מאָמענטאַל בייטן זייערע שווערע שטימונגען?

דאָס איז פון אַ צווייטן וואַגאָן געהאַט אַריינגעקומען אַ יונגע פרוי און זיך אוועקגעזעצט. זי איז געווען אָרעם געקליידט, דאָס פנים בלייך און אויסגעדאַרט, די פיגור מיטלוואוקסיק, נאָר אויסגעצויגן דין, די האָר געלבלעך און שיטער. זיכער האָט זי ניט געוואָלט ציען קיינעמס אויפמערקזאַמקייט. און דאָך, איז זי געוואָרן דער צענטער פון אַטראַקציע.

מחמת אויף איר שויס האָט זי געהאַלטן אַ קאַראַפּוזיקל, אַ ייִנגעלע פון ארום אַ יאָר אַלט, אַ געפּאַקטס, מיט פלאַמיקע רויטע בעקעלעך און בלישטש־ענדיקע בלויע אייגעלעך. נאָר אים האָט ערשט דער עולם דערזען שפּעטער. ער האָט פאַר'עלעקטריזירט די מענטשן מיט זיין קול'כעל, וואָס האָט ארויסגעלאָזט אַזאַ הילכיקן: „גאַ־גאַ־גאַ־גאַ!", אַז אַלע פּעפּערס האָבן זיך אויפגעכאַפּט און דער גאַנצער וואַגאָן האָט זיך אַ צעלאַך געטאָן פון זיין גאַ־גאַ, און פּנימ'ער האָבן אויפגעלויכטן און אלעמענס בליקן זיינען געווען געווענדט צו דער אויסגעמאַ־טערטער מאַמען און איר אויסגעפּאַשעט קינד.

איך האָב ניט דערקענט מיין מיטפּאַרערקע. „אוי, ווען זי לאָזט מיך צו צו אים, וואָלט איך אים אויסגעקושט אַלע אברים'לעך!" — האָט זי געזאָגט צו מיר אין אַ יונג קול. זי האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכן און ניט אַראָפּצונעמען אי'רע אויגן פון קינד.

איך האָב געקוקט אויפ'ן עולם און אים ניט דערקענט. דער הויכער באַ־ברילטער יונגערמאַן האָט געלאַכט הויך אויפ'ן קול און אַזש געשוויצט פון גרויס הנאה. דאָס יידישע פּאַר־פּאָלק זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער און זייערע אויגן האָבן באַקומען אַ גלאַנץ ווי זיי וואָלטן פאַרזוכט אַ שנעפּסל. די שטאַרק באַפּאַרבטע פרוי מיט די רויטע האָר האָט געהאַט דעם אויסדרוק פון אַ מאַדאָנע. זי האָט יעדן ריר פון קינד אויפגענומען מיט אַ פרומער מינע.

און ווען דאָס קינד האָט אַ ברייטן שמייכל געטאָן צו אַ גרוי־האָריקן אי־טאַליענער, וואָס האָט געמאַכט פאַרשיידענע קונצן מיט זיינע פינגער צו ציען דעם קינד'ס אויפמערקזאַמקייט, דאַן האָט דער גאַנצער וואַגאָן מענטשן זיך נאָך ברייטער צעלאַכט און צעשמייכלט און דער איטאַליענער איז רויט געוואָרן פון שמחה און אויסגעשריען: „ווערי נאַיז בעבי!"

און ווען עס האָט זיך נאָכאַמאָל דערהערט דער זילבער־קלאַנג פון „אַ־גאַ־גאַ־גאַ־גאַ" און אַ הילכיקער קוויטש פון קינד, דאַן איז אַלעמען געוואָרן אַזוי פריילעך, ווי די זון וואָלט אַ העלן שיין געטאָן נאָך אַ וואָך פון כמאַרעס און רעגן.

און מיין מיטפּאַרערקע האָט געלויכטן און געפּאַטשט מיט די ליפּן און זיך פאַסמאַקעוועט און אויסגערופן: „נישטאָ קיין שענערע זאַך אויף דער וועלט, כ'לעבן".

צווישן ווילדע אין ניו יאָרק

אמאָל איז מען אַנטלאָפן פון דער ווילדער חיה אין דער ציוויליזירטער וועלט אריין. היינט, אַז עס איז מיר נמאס געוואָרן צו לייענען וועגן די באַר־באַרישע שטיק פון אַ מענטשן, בין איך געגאַנגען זען די ווילדע חיות אין זאָאָלאָגישן פּאַרק אין די בראָנקס, כדי זיך אָפּרוען.

נאָר אפילו דאָרט האָבן מיך די שילדלעך איבער די שטייגן דערמאָנט, אַז מענטשלעך בלוט גיסט זיך דאָרט, פון וואַנען די חיות וואָס געפינען זיך דאָ, זיינען געבראַכט געוואָרן. אינדאָ־כינע, קעניאַ, און אַנדערע.

גראָד דאָ, אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, דערזעסטו פאַר זיך אויסערגעוויינטלעכע קונסט־ווערק. אין פייגל־הויז, וואו דאָס קוויטשען און גראַגערן פון פייגל־מין פון דער גאַרער וועלט, פּראָדוצירט אַ דיסהאַרמאָניע, וואָס דענערווירט, — גראָד דאָ באַוואונדערסטו די קאָלירנרייכקייט פון דער באַפליגלטער וועלט. קיין מאָלער אויף דער וועלט האָט נאָך ניט געקענט צוטראַכטן אַזעלכע פאַרבן־קאָמבינאַציעס, אַזעלכע אויסטערלישע קרעאַציעס און מאָדערניסטישע פאַנטאַסטישקייטן, וואָס זיינען מסתמא מיליאָנען יאָרן אַלט, ווי די וואָס מען זעט דאָ אויף די פייגל אין די שטייגן.

אָנהויבנדיק פון ריזיקע פייגל, די גרויס ווי אינדיקעס, וואָס מען רופט טויבן, ביז די פיצעלעך־פייגעלעך, „האָמינג־בוירדס”, וואָס ווען זיי פליען, קוקן זיי אויס ווי שמעטערלינגען — איז יעדער איינער פון זיי באַשאַפן געוואָרן מיט קאָליר־רייכע באַפּוצונגען פון משונה׳דיקע פאַרבן, וואָס פריטשמעליען דיין אויג. שוין אָפּגערעדט פון דער פאָרם וואָס זיי פאַרמאָגן. ווי דער מייסטער וואָס האָט זיי באַשאַפן וואָלט געוואָלט זיך אַ רייץ טאָן, אַ שטיף טאָן מיט זיין געצייג, אַ מוסר טאָן דורך דעם דעם בעל־שכל, דעם מענטשן: — נאַ, זעסט אָט־דעם פויגל? ער קוקט טאַקע אויס ווי אַ פאַרזעעניש פון דער נאַטור, דערפאַר האָט ער אָבער אַ קעלכל, וואָס קלינגט ווי הימלישע מוזיק. און, פאַרקערט, זע ווי שיין אָט־דער פויגל איז, ווי פאַרכאַפּנדיק זיינע פעדער־קאָלירן זיינען, דערפאַר קאָן ער אָבער בלויז קראַקען, ווי אַ פאַרשאָלטענער.

איבער אַלע יאַרמאַרק־קולות האָט זיך דערטראָגן צו מיר דער קלאַנג פון אַ מין זילבער־גלעקל, אַ טעמפּער קלאַנג מיט אַ מאַטן אָפּקלאַנג. ערשט העט־ווייט אין צווייטן צימער האָב איך אים געפאַקט, דעם פויגל פון בראַזיל, וואָס איז גרויס ווי אַ קראָ, נאָר ער איז אינגאַנצן מילך־ווייס. ער הייסט טאַקע „דער גלאָק־פויגל”.

און אַט איז אַ קליין פייגעלע פון עלעגאַנטן סאַמעט, אָראַנזש און שוואַרץ קאָליר מיט אַ רויטן פלעקל אויפ'ן שוואַרצן בייכל. און ווער קאָן אָפּשאַצן די קונסט, וואָס ליגט אין דעם פאַרבן־אוצר פון קלענסטן האַמינג־פייגעלע, מיט'ן לאַנגן דינעם שנעבעלע, וואָס איז כמעט אַזוי גרויס, ווי דאָס פייגעלע אינגאַנצן? ווען עס גיט אַ פלי אין שטייג פון גלאָז, קאָן מען די פליגלעך ניט זען, בלויז די שנעלקייט פון באַוועג.

די אַלע שיינע פויגלען, די אַלע זעלטענע עקזעמפּלאַרן געפינען זיך אין ספּעציעלע שטייגן, אונטער דער פאַרזיכטיקער אויפזיכט, באַקומען די צוגעפּאַסטע שפּייז. נאָר איבער'ן גרויסן פייגל־הויז פליען אַרום פראַנק און פריי אַ פּאָר שפּערלינגען. זיי, עמך, דאָס פּשוט'ע פאָלק, וואָס קיינער קוקט זיך ניט אום אויף זיי, וואָס קיינעם אַרט ניט זייער גורל — זיי לאָזן זיך אויס פון די פריי־מאַדאָנעס דאָ. זיי פליען אַרויס און אַריין, צו זיי געהער די וועלט.

זיי זיינען מוחל די שיינע פעדערן, די געציקלטע גערגעלעך, די ספּעציעלע שפּייז און געלערנטע אויפפּאַסער. פרייהייט שטייגט איבער אַלץ.

פון פייגל־הויז צו די לייבן איז אַ קורצער שפּאַן.

ס'איז קאַלט. זיינען זיי אינעווייניק, די גרויסע מעכטיקע קעץ, די לייבן, טיגערס, פאַנטערן, לעאָפּאַרדן, יאַגואַרן. זייער ריח גיט אַ שלאָג אין די נאָז־לעכער און פאַרטשאַדעט. ליגן זיי און דרעמלען. בלויז איין יונגער טיגער שטייט פאַר'חלומ'ט און קוקט צו דער צווייטער זייט וואַנט. אין דער גאַנצער לענג קעגנ־איבער געפינט זיך אַן אַנדער סאָרט באַשעפעניש, דער סאַמע קעגנזאַץ פון די קעניגן און פּרינצן פון דזשאַנגל. דאָרט זיינען פאַראַן באַסיין־שטייגן מיט לויפנדיק וואַסער אין וועלכע עס שווימען אַרום די קלענסטע פישעלעך אויף דער וועלט. פישעלעך די גרויס ווי אַ דריטל פון אייער פינגער, פישלעך דין ווי פּליס־פּאַפּיר. די עלעקטרישע באַלייכטונג דרינגט דורך זייער גאַנצן אינעווייניק און איר וואונדערט זיך וואָס דערהאַלט זיי ביים לעבן און וואָס מאַכט זיי שווימען אַרום און יאָגן זיך און קריגן זיך אפילו צווישן זיך.

גאָר אַ באַזונדערע וועלט, די פיש־וועלט, מיט אַנדערע געזעצן און אויס־טערלישקייטן. און איר קענט זיך ניט אָפּוואונדערן פון דעם קאָמפּליצירטן מע־כאַניזם, פון דער ניט־דאַאיקער חכמה, וואָס געוועלטיקט אין דעם פיש־מין.

וויפיל ארבעט, מי און טאַלאַנט איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו כאַפּן אַט די פיש און זיי ברענגען אין בראָנקס זו אַריין! פיש פון דרום־אַפריקע און פיש פון מאַלאַי; פיש וועגן וועלכע מען האָט געשריבן ביכער און פיש וועגן וועלכע מען ווייסט נאָך זייער ווייניק.

און דער טיגער שטייט און קוקט צו דער שטייג מיט די פּיצעלעך פישעלעך,

וואָס שווימען ארום אין פרישן וואַסער, וואָס האַלט אין איין אריינפּליסן צו זיי .איז
וואָס שווימען ארום אין פרישן וואַסער, וואָס האַלט אין איין אריינפּליסן צו זיי. איז
פאַרטנער און פאַרזשמורעט די אויגן און גיט זיך אַ קער איבער מיט׳ן הינטן צו דער וועלט.

ס׳איז זיי קאַלט, די חיות. האָט מען אפילו דעם העכסטן פון אלע, דעם זשיראַף פון אוגאַנדאַ, אינעווייניק אריינגענומען און די מאָס באַוויזט, אַז ער איז 15 פוס די הויך און די שפּיז זיינע שטייט העט אויבן, לעבן דאַך, און ניט ווייט פון אים, אין שטייגן, פּוילן זיך קענגערוס פון אויסטראַליע און ווילדע חזרים פון פּאַפּואַ.

און אויך די עלפאַנטן און היפּאָס און רינצאָרן און „קענדי״, די בעיבי עלפאַנט, וואָס איז דאָ בלויז עטלעכע חדשים און וועגט „אינגאַנצן״ איבער זיבן הונדערט פונט. באַדויערן וואָס עס איז ווינטער און ווינציק מענטשן קומען אַהער און ווען זיי דערזעען אַ מענטשן, בעטלט מען רחמנות׳דיק, ווי זיי וואָלטן דאָ אויסגעגאַנגען פון הונגער. כאָטש לעבן זיי ליגן הויפנס שפּייז, וואָס די אויפּ־פּאַסער האָבן נאָר וואָס געהאַט אריינגעלייגט.

די מאַלפּעס דאַרף מען שטאַרק אָפּהיטן, אַז זיי זאָלן זיך ניט פאַרקילן. זיי זיינען מיוחסים. מען האָט זיי איינגעטיילט אין צוויי הייזער, פאַר גרויסע און פאַר קליינע. פאַראַן אָבער אויך אַ באַזונדער הויז פאַר קליינע חיה׳לעך. כל־ערליי ווערעקעס, וויזעלס און ענלעכע באַשעפענישן. אויך דאָ זיינען פאַראַן מינים פון גאָר דער וועלט. נאָר די אינטערעסאַנטסטע זיינען די מאַרמאָסעטן. זיי באַ־לאַנגען צו דער משפחה פון די מאַלפּעס, די קלענסטע מאַלפּעלעך אויף דער וועלט. ניט גרעסער ווי אַ וועווריק, אָפט קלענער. נאָר קונצנמאַכערס, אַקראָבאַטן זיינען זיי גרויסע.

מיך האָט איבערהויפּט פאַראינטערעסירט דער זיידענער אָדער גאָלדענער מאַרמאָסעטניק. דאָס איז אַ טשיקאַוועקייט פון דער נאַטור. ער קוקט אויס ווי אַ לייבעלע, ער האָט אַ גריווע פון אַ לייב און אַן עק אַ לאַנגן, ווי ביי אַ לייב. אינגאַנצן אַ קאַריקאַטור פון אַ לייבעלע, נאָר קלענער פון אַ וועווריק. דאָס קערפּערל איז שוין גאָרניט ווי ביי אַ לייב. ס׳איז דין און דאַר און אויגן האָט ער קאָמישע און אַן אויסדרוק פון אַ קלאָון.

אין אַן אַנדער שטייג האָב איך געזען אַ כאָפּטע מאַרמאָסעטן, פּשוט׳ע חי וקימ׳ס. זיינען זיי ארומגעלאָפן און געשפּרונגען איינער איבער די אַנדערע, ווי אין אַ צירק. און צווישן זיי אויף אַ צווייגל איז געזעסן אַ קאַרליקל, גאָר אַ פּיצעלע און עס האָט געהאַלטן אין איין וויינען, פאַרקרימט דאָס פּיסקל, פאַר־

דרייט דאָס קעפּל, געעפנט דאָס מיילכל און געווייגט. איז עס געווען קאַמיש. מסתמא געוואָלט אויפמערקזאַמקייט און חברה האָט געשטיפּט. ביז ס'איז אים נמאס געוואָרן דאָס געווייגן, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן, זיך איבערגעקאָלערט, געוואָלט אַריין אין דער ראָלע, נאָר זיך באַטראַכט, אַז עס קלײדט אים בעסער זיך צו פּיעסטשען.

אַ וועלט מיט וועלטלעך און דו פאַרגעסט, אַז דו לעבסט צווישן מענטשן, ביז דו קומסט צום אַרויסגאַנג פון מאַלפּע הויז און דו דערהערסט מענטשלעכע קולות. דאָס שטייען די אויפפּאַסער אין זייערע אוניפאָרמען און באַקלאָגן זיך, לאַנגע אַרבעט-שעה'ען, מאָגערע שכירות. מען רעדט צווישן זיך, נאָר הויך.

און אַז דו קומסט אַרויס אין גאַס, דערזעסטו דעם „קאָפּ" פון די צייטונגען, ווערט דיר ווידער קאַלאַמוטנע און דו פילסט ווי צוריק אַריינגיין אין זו.

נאָר דו דערמאָנסט זיך, אַז דו ביסט דער באַלעבאָס פון דער וועלט און די חיה ריה געפינט זיך אין דיין רשות, דאַן קומסטו צום באַשלוס, אַז דער מענטש האָט געקענט באַצווינגען די חיה רעה, וועט די חיה רעה אין מענטשן אויך באַזיגט ווערן.

.2

עס איז געוואָרן אַ בהלה, א געלאף. מאַמעס האָבן אַ כאַפּ געטאָן די קינדערלעך און זיי געוואָלט באַשיצן; מענער, פאַרקערט, זיינען אַקעגנגעלאָפן דער געפאַר. אינסטינקטיוו, באַלאַנגענדיק צו דעם דאָזיקן שבט, האָב איך נאָכגעפאָלגט זייער ריכטונג.

פּאַסירט האָט עס אין דער מלוכה פון שטייגן, אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אין די בראָנקס. אַרום דער געביידע פון די עלפאַנטן האָט זיך דערהערט אַ מעכטיקער, צאָרנדיקער געברום, וואָס האָט געלאָזט וויסן, אַז איינער פון די „חברה-לייט" אינעווייניק איז אין כעס. פרויען און קינדער זיינען אַרויסגעלאָפן פון הויז, — מיר זיינען אַריין.

כ'בין צוגעגאַנגען צום געברויז. אין צוויי אָפּגעטיילטע ברייטע שטיגן זיינען זיך געמיטלעך געשטאַנען: דאָס קליין אַפריקאַנער עלפאַנטל, די בעיבי „קענדי" און דער ריזיקער, הויכער אינדיאַנישער עלפאַנט..

וואָס האָט דאָ פּאַסירט מיט אַ מינוט פריער?

מיר, מענער, האָבן געקוקט אויפן ריז, וואָס האָט זיך געשאָקלט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין מיטן דאַווענען. אויך „קענדי" האָט זיך געפּרואווט שאָקלען, נאָר אים פעלט די עלאַסטישקייט פון זיין שכן. מיטאַמאָל האָט דער ריז אָנגעהויבן זעצן מיט זיין קאַנטשיק-נאָז אויף דער אייזערנער וואַנט, וואָס האָט אים אָפּגע-

שיידט פון זיין שכן „קענדי". ס'איז געווען אַ מאָדנער, ניט־ריטמישער געפּויק. ער האָט זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר טריט, ווי אין שמונה־עשרה, און מיט מער האַסט און מאַכט ווידער געגומען זעצן אין דער אייזערנער וואַנט. דאַן איז ער קונציק צוגעקומען צו אַ קליינער עפענונג אין דער וואַנט און ער האָט דורכגעשטופּט זיין לאַנגע נאָז אויף „קענדי'ס" זייט וואַנט. די נאָז האָט זיך געדרייט אהער און אהין, וועלנדיק עפּעס געפינען. נאָר באַלד האָט „קענדי" זי דערזען, צוגעגאַנגען האַרט צו דער וואַנט און אויפגעהויבן זיין קורץ „נעזל". .ביידע עלפאַנטישע נעז האָבן זיך געטראָפן, זיך איינגעפלאָכטן איינע אין די אַנדערע און זיך געוויגט אין דער לופט. לאַנג האָט דאָס ניט אָנגעהאַלטן. „קענדי" איז געווען דער ערשטער אָפּצולאָזן. ס'איז אים שווער געווען, ווייזט אויס, אויפצוהייבן די נאָז. „קענדי" האָט זיך אָפּגערוקט פון דער וואַנט, דער ריז איז אַוועק אין אַן אַנדער ווינקל. נאָר גלייך האָט דער שטיל־שטייענדיקער „קענדי" געעפנט א מויל און זיך צע־רעוועט מיט באַנומענע קולות. שטורעמס זיינען ארויסגעקומען פון זיינע איינ־געווייד, נאָר דער גוף איז געבליבן אומבאַוועגלעך. דער שכן, דער ריז, האָט געהערט און מאַכנדיק אַ טריט פאָראויס האָט ער צעעפנט זיין לאַבירינטיש מויל און פון דאָרט זיינען ארויסגעקומען „קולות וברקים", אַז פיש האָבן אין וואסער געציטערט.

און ס'איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדן איינעם פון אונז, אַז ניט קיין צוויי וואול־קאַנען האָבן זיך דאָ צעשויבערט, נאָר מיר האָבן בייגעוואוינט אַ ליבע־סצענע צווישן צוויי געטרייע חברים.

דאָס האָט „קענדי" אָפּגעדאַנקט פאַר די קושן און גלעטן וואָס זיין שכן האָט אים באַשאָנקען. און דער ריז האָט געענטפערט: „איך האָב דיך ליב. קענדי. איכ'ל נאָך „די אייזערנע וואַנט צעברעכן, צעברעכן די וואַנט". (פּאַראַפראַזירנדיק אברהם רייזען'ס „די וואַנט").

די גרויסע מאַלפּעס געפינען זיך איצט אין אַ באַזונדער געביידע ווי עס וואָלט זיי ניט אָנגעשטאַנען האָבן צו טאָן מיט קליינוואַרג, וואָס מאַכט משוגענע שטיק און וואָס פירט זיך בכלל אויף „קינדעריש".

פאַראַן פיר מינים פון זיי און זיי זיינען די נאָענטסטע צום מענטשלעכן מין. דאָס זיינען די גאָרילאַ'ס, שימפּאַנזי'ס, אָראַנגוטאַנגען און גיבאָנען. דאָ איז שטיל ווען איר קומט אריין אין אַ וואָכעדיקן פרימאָרגן. דאָ איז ניט קיין צירק, ווי צווישן די געוויינטלעכע מאַלפּעס. דאָ הערשט אַ מין רעספּעקט פאַר די פאַר־טראַכטע פילאָסאָפן, וואָס געפינען זיך אין די שטייגן. זיי קוקן און באַקוקן אייך, זיי נעמען אייך דורך מיט זייערע בליקן און זיי מאַכן ניט קיין קונצן כדי אייך

צו אַמוזירן. און טאָמער לאכט אימיצער אָפּ פון זיי, קאָנען זיי זיך אויסדרייען צו אים ניט מיט׳ן פּנים, נאָר פאַרקערט.

צופעליקערווייז בין איך אריינגעקומען אהין אין א כמורנעם פרימאָרגן און געטראָפן דריי וועכטער שפּייזנדיק די מאַלפּעס. דאָס הייסט, מען האָט זיי געגעבן טרינקען אַ געמיש פון מילך און אַ מין ווייסע קאַשע, פון ניקעלנע קרוגן.

דאָס פּאַרליבטע פּאָרל סומאַילי, וואָס געפינט זיך דאָ זינט 1949 און מאַמבאַ, וואָס איז געקומען אַהער אין 1951, שטייען ביי די גראַטעס. דער וועכטער האַלט ביידע קרוגן און ביידע מאַלפּעס זופן אריין די ווייסע פליסיגקייט. איין מאַלפּע האַלט איר לאַנגע לאַפּע אויפן וועכטערס שולטער אין דרויסן פון שטייג. די צווייטע מאַלפּע לענט זיך אָן מיט איר לאַפּע אין אַ גראַטע. דער „ער״ הערט אויף זופן, דרייט אָוועק דעם קאָפּ פון קרוג און נעמט אַראָפּ זיין לאַפּע פון וועכטערס שולטער. די „זי״ דערזעט עס און הערט אויף זופן. דער „ער״ מאַכט אַ טראָט פאַראויס, די „זי״ טרעט אָפּ. דער וועכטער האַלט ביידע קרוגן ווי פריער און דער „ער״ טרינקט איצט פון דער „זי״ קרוג און זי טרינקט פון זיינעם. די „זי״ ווערט מיד, דרייט אָוועק דעם קאָפּ, קוקט אויפ׳ן „ער״. ער קוקט אויף איר, גיט אַ דריי צום וועכטער מיט׳ן קאָפּ, אַז ער איז נאָך ניט פאַרטיק און זופט ווייטער פון זיין אייגענעם קרוג. די „זי״ קריכט ארויף אויף איר פלאַט־פאָרמע און דאָרט גיסט זי אויס פון איר מויל די ווייסע פליסיגקייט (וואו האָט זי עס געהאַלטן?) און זי הייבט עס אָן אויסלעקן מיט דער צונג. אויך דער „ער״ וויל מער ניט זופן, דראַפּעט זיך ארויף אויף זיין געשטעל און שפּייט אויס די פליסיגקייט און לעקט זי אויס.

פאַרטיק געוואָרן מיט איר ארבעט קומט די „זי״ צוריק צו די גרטאעס און געפינט דאָרט אַביסל טראָפּנס מילך, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן פון קרוג, זי שטרעקט אויס די פינגער, שמירט זיי אויס אין דער פליסיגקייט און הייבט אָן אָפּלעקן יעדן פינגער באַזונדער.

איך גיי צו דער שטייג, וואו עס שטייען און זופן פון די קרוגן די צוויי יונגע שימפּאַנזיס, וואָס טראָגן מיידלשע נעמען: „בעסי״ און „בעקי״. איינע פון זי פלירטעוועט מיטן וועכטער. זי קוקט אריין אין קרוג און דרייט אויס מיטן קאָפּ און צעלאַכט זיך. דער וועכטער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ״ און זי ענטפערט אָפּ מיט אַ העפטיקן „ניין״. נעמט שוין דער וועכטער אָוועקגיין, לויפט זי אים נאָך אין דער שטייג און מאַכט מיטן קאָפּ אויף „יאָ, יאָ!״. קומט ער צוריק און שטעקט אריין די קרוג, קומט זי צו, גיט אַ זופּ און טרעט אָפּ און לאַכט און מאַכט מיטן קאָפּ „ניין״. שטייט ער, דער וועכטער און רעדט צו איר און מאַכט מיטן קאָפּ אויף „יאָ״. ענטפערט זי שוין מיט אַ שטאַרקן דריי מיטן קאָפּ אויף

„ניין"! ניין! שטעלט ער אַוועק די קרוג אויף דער ערד און שטרעקט אויס זיין האַנט צו איר. דערלאַנגט זי אים „שלום" און מען זעט, אַז זי איז צופרידן פון זיין באַריר. ער גייט אַוועק און זי לויפט אים נאָך און מאַכט מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

אין אַ שטייג ביי די גראַטעס שטייט אַן אראַנגוטאַן מיט טרויעריקע אויגן און דער וועכטער טרייסט אים. ער וויל ניט עסן, דער וועכטער אַפּעלירט צו אים. ווי אַ קינד באַהאַנדלט ער די מאַלפּע. ער גלעט זי, קיצלט דעם קאָפּ, קוועטשט די פּלאַטשיקע נאָז, נעמט אַרום איר מאָרדע. אירע אויגן לייכטן אויף. זי וויל נאָך. דער וועכטער גלעט זי ווידער און פּרוּווט איר געבן די שפּייז. זי גיט אַ זופּ און דרייט דעם קאָפּ אַוועק. וויל דער וועכטער אַוועקגיין, זעט ער, אַז זי ווערט טרויעריק, קומט ער צוריק, שפּילט זיך מיט איר און גיט איר די שפּייז. זי גיט אַ זופּ און לאָזט דעם קאָפּ אַראָפּ. דערלאַנגט ער איר זיין האַנט. זי וויל אים ניט אָפּלאָזן. ער רעדט צו איר ווייכע רייד, שמייכלט, זי קוקט אים אין פּנים אַריין. זי וויל ניט, אַז ער זאָל פאַרלאָזן. ער איז שוין ניטאָ, נאָר זי שטייט נאָך אויפן זעלבן אָרט און קוקט אים נאָך.

דו פאַרגעסט, אַז דו געפינסט זיך צווישן ווילדע חיות און עס ווייזט זיך דיר אויס, אַז דער מורא'דיקער עלפאַנט און די מעכטיקע גאָרילאַ נויטיקן זיך אין מענטשלעכער וואַרעמקייט. עפּעס איז דאָ אין זיי וואָס לאָזט דיך ניט רוען. און דו פאַרלאָזט זיי מיט מענטשלעכע געפילן.

דאָס רעוועַן פון ביידע עלפאַנטן און די טרויעריקע בליקן פון אראַנגאוטאַן און די שטיפערישע שטיק פון די שימפּאַנזיס און דאָס באַלעקן זיך פון דער יונגער גאָרילאַ — האָסטו ערגעץ אַנדערש-וואו ניט באַגעגנט?

יאָ, די זעלבע אויסדרוקן נאָר אין אַנדערע פאָרמען, ביי אַנדערע באַשעפענישן — ביים מענטשלעכן מין, ביי דערוואַקסענע און ביי קינדער...

3.

אויף אַ באַנק איז געזעסן אַ פאָטער מיט אַ זון, אַ יינגעלע פון אַ יאָר פיר. דאָס יינגעלע האָט געוויינט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע דיסקוסיע צווישן פאָטער און זון. דער זון האָט געוואָלט פאָרן אויף אַ וועגעלע, וואָס צוויי אייזעלעך האָבן געפירט. אין וועגעלע איז געווען פריילעך. עס זיינען געפאָרן נאָך אַ פּאָר קינדער. דער פאָטער האָט דווקא געוואָלט, אַז זיין יינגעלע זאָל פאָרן אויף אַ „פּאָני". ביים פאָטער איז אַ לאַמאַ געווען אַ „פּאָני", (פּאָני) אַ פערדעלע, הייסט עס. דער טאַטע האָט אַרגומענטירט, אַז פאַראַיאָרן איז זיין קינד געפאָרן אין וועגעלע, דאַרף ער איצט פאָרן אויף אַ „פּאָני". דאָס יינגעלע האָט זיך צעוויינט. ניין, ער האָט מורא צו פאָרן אויף אַ פּאָני, ער וויל, ער האָט ליב צו פאָרן אין

וועגעלע. דער פאָטער האָט אים געהייסן אויפהערן וויינען, אַניט „וועל איך דיך אהיימנעמען און איך וועל דיר די פיס צעברעכן (אל ברעק יור לעגס)". דאָס יינגעלע האָט דעם טאַטן אָפּגעשטויסן פון זיך מיט די הענטלעך: „גיי אוועק פון מיר, גיי אוועק, זאָג איך דיר". דער פאָטער האָט אים דערלאַנגט מיט זיינע קנאָכיגע פינגער איבער די נאַקעטע אָרעמס. דאָס יינגל האָט נאָך מער געוויינט. „גיי אוועק פון מיר, טאַטע, איך האָב דיך ניט ליב, טאַטע".

— דו וועסט פאָרן אויף דער „פּאָני", אַניט וועל איך דיר געבן מער קלעפּ.

— גיי אוועק פון מיר, טאַטע, איך וויל פאָרן אין אַ וועגעלע, איך האָב ליב וועגעלע.

נאָך קלעפּ פון פאָטער. דעם קינד'ס אָרעמס זיינען צונטער־רויט.

— איצט וועסטו פאָרן אויף דער פּאָני? אָדער דו ווילסט נאָך?

— איך האָב דיך ניט ליב, טאַטע, לאָז מיך פאָרן אויף דעם וועגעלע, וועל איך דיך ליב האָבן, טאַטע.

איך בין געזעסן הארט לעבן זיי און זיך קוים געקאָנט איינהאלטן ניט איינצולאָדן דאָס קינד צו פאָרן אויף אַ וועגעלע.

ענדלעך האָט דער טאַטע אויסגעפירט. און אָט האָב איך געזען דאָס ארעמע קינד, ווי ער איז געריטן אויף אַ לאמא. דאָס פּנים'ל איז געווען דערשראָקן, אויסגעדריקט צער. נאָר דער טאַטע איז געשטאַנען אַ צופרידענער. ער האָט מיט זיין קאמעראַ גענומען אַ בילד ווי זיין קינד רייט אויף אַ „פּאָני". ער האָט אויסגעפירט...

מיטאַמאָל האָבן זיך די לייבן דערלעבן צעברומט. איינער האָט אָנגעהויבן און נאָך אים אַ ווילדער כאָר, א צעטרייסלדיק גערעווע אין דער לופט.

האָבן די לייבן פּראָטעסטירט, וואָס דער „ציוויליזירטער" טאַטע האָט אַזוי מיאוס באַהאַנדלט זיין קינד?

יאָ, עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די לייבן האָבן אויף זייער שפּראַך געזאָגט:

„אַ מענטשלעך קינד האָט אויך געוויסע רעכט. רעספּעקטירט אייערע קינדער, איר, טאַטעס, מיט די קנאָכיגע פינגער".

די פרוי וואָס האָט געשוויגן

פאר אַ סך מענטשן איז אַ קאַפעטעריע ניט בלויז אַ פּלאַץ צו שטילן דעם הונגער פון גוף, נאָר אויך אַן אָרט וואו זיי קאָנען אויסדריקן זייערע טענות און מענות צו דער וועלט און אומגעגנט. און ס'אָרט זיי ניט ווען און ווי אַזוי זיי טוען דאָס. אַבי מען געפינט אַ באַקאַנטן — און אַמאָל אַן אומבאַקאַנטן — פאר וועמען מען קאָן דערציילן וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבן אויפ'ן הארצן און אויף דער שפּיץ צונג.

ס'איז געווען ארום צוועלף ביינאַכט, ווען מיר זיינען אריין אין דער קאַ־פעטעריע, נאָך אַן אָנגעשטרענגטן מיטינג. עס האָט זיך געוואָלט פארברענגען מיט אַ פריינט אַ פּאָר מינוט, אויסטרינקען דאָס טעפּעלע קאַווע און זיך איילן אַהיימצופאָרן.

נאָך איידער מען האָט געקאָנט זיך אוועקזעצן באַקוועם, האָט אַן אַלטער באַקאַנטער אונז דערזען און געבעטן דערלויבעניש צו זיצן מיט אונז. ער איז צוגעקומען מיט אַ פרוי, וואָס איז געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. ער האָט זי פאָר־געשטעלט. זי האָט געשמייכלט, נאָר געשוויגן.

ביי אַן אַנדער טיש זיינען געזעסן עטלעכע פּאַרלעך און זיך געאַמפּערט. מען האָט געקאָנט הערן ניט בלויז ווערטער, נאָר גאַנצע פראַזן. דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דער רעגנט-פראַגע. וואָס מיינט פּופּצן פּראַצענט? מיט אַ טעלעוויזיע, אָדער אָן אַ טעלעוויזיע?

ביי נאָך אַ טיש איז געזעסן אַ מיטליאָריקע פּאָר. זיי האָבן כסדר געקוקט אין אונזער זייט און מען האָט געקאָנט באמערקן, אַז זיי האָבן אונז אין זינען. מיר זיינען געווען פיר און איין בענקל איז געווען ליידיק, האָבן מיר אויף אים אונזערע פּעקלעך און צייטונגען אוועקגעלייגט.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס מיטליאָריקע פּאָר אויפגעהויבן פון זייער פּלאַץ און צוגעקומען צו אונז.

— מיר ווילן אייך עפּעס פרעגן. שוין לאַנג אייך טאַקע ניט געזען. איר קומט זעלטן אין די מקומות. איז טאַקע גוט וואָס מיר האָבן די געלעגנהייט מיט אייך אויסצורעדן אַ פּאָר ווערטער.

— ס'איז שפּעט און מיר איילן זיך אַהיימצופאָרן. אפשר וועט איר דאָס לאָזן אויף אַן אַנדער צייט?

— הערסט אַ מעשה? קוים זיך דערוואָרט אויף אייך. איך האָב איר אָבער געזאָגט: לאָמיר צוגיין, איידער עס ווערט צו שפּעט. מיר זיינען געוואוינט צו זיצן דאָ ביז מען האַלט ביים פאַרמאַכן. אַלזאָ, צום ענין.

זיי האָבן צוגערוקט בענקלעך פון אַן אַנדער טיש און זיך צוגעזעצט האַרט לעבן אונז. פריער האָט גערעדט דער מאַן און שפּעטער האָט זיין פרוי אים אַרויסגעהאָלפן, ביז זי האָט אינגאַנצן איבערגענומען „די פּאָדלאָגע״.

אונזער באַקאַנטער מיט דער אומבאַקאַנטער שמייכלענדיקער פרוי האָבן זיך ניט ווילנדיק געמוזט איינהערן, כאָטש עס וואָלט זיך זיי בעסער געוואָלט פאַרברענגען מיט אונז אליין...

וואָס האָט דאָס פּאָרל געוואָלט?

אַנשטאָט עפּעס פרעגן, האָבן זיי אויסגעוויקלט אַ היבש פּעקל צרות פאַר אונז, זיך ניט רעכנענדיק וואָס עס זיצן ביים טיש ווילד־פרעמדע מענטשן פאַר זיי.

זיי האָבן גערעדט מיט היץ, זיי האָבן גערעדט מיט ווייטאָג. מען האָט געקענט מיינען, אַז דאָס זיינען זייערע הויפּט דאגות אין לעבן. זיי האָבןביידע אויסגעקוקט פאַר׳חושכ׳ט, פאַרצאָגט. דער הולך זייערער אָפּגעלאָזן; די האָר צע־שויבערט, צעפּאָטלט, גאָר ניט חנ׳ודיק. זייערע קולות האָבן געקלונגען פול מיט פאַרצווייפל און האָפנונגלאָזיקייט.

— אַזאַ אומגליק אויף אונזערע קעפּ, אַזאַ אומגליק! — האָט די פרוי כסדר דערמאָנט.

אַרום אַ האַלבע שעה האָבן זיי אונז פאַרהאַלטן און זיך אויסגערעדט די ביטערע הערצער.

וועגן וואָס האָט זיך עס געהאַנדלט? מען האָט געקאָנט איינטיילן זייערע רייד אין דריי פאָלגנדיקע פּונקטן:

1. פון איין טאָכטער איז דער מאַן אַוועק. איר געדענקט דאָך די טאָכטער. מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק איז זי געווען ביי אייך אין דער יידישער שול. ניט קיין אויסערגעוויינלעכע מיידל געווען, נאָר אַ גוטע, אַן ערלעכע. בקיצור, זי האָט צוויי גאָלדענע קינדערלעך, נעמט דער מאַן און פאַרלאָזט זי. פאַרוואָס? גיי, וואָס דאַרפסטו איצט דערציילן די גאַנצע געשיכטע. זיי וואוינען דאָך אין די בראָנקס. ביז מען דערשלעפּט זיך אהיים מיט דער סאָבוועי. קום צום ענין. מיר האָבן געפּרוּווט מיט אים מיט גוטן. נאָר ס׳העלפט ניט. ווילן מיר זיך באַראַטן מיט אייך, צי זאָל מען גיין אין געריכט. דערווייל האַלטן מיר זיי אויס. ער גיט ניט קיין פּעני. ער אַרבעט ניט, זאָגט ער. אַז ער וועט אָנהויבן אַרבעטן, וועט ער געבן. וואָס זאָגט איר? אַזוי קאָן ער נאָך אַמאָל צוריקקומען. דאָס געריכט

וועט אים אריינזעצן אין טורמע, וועט עס זיין נאָך ערגער, ניט אַזוי?

2. די צווייטע טאָכטער האָט אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף. זי איז אַליין אַמאָל געגאַנגען אין אונזערע שולן — ניט ביי אייך — האָט זי דאָס אייניקל אונזערס אויך געשיקט אין שול. דער מאַן אירער איז ניט אַזאַ אידעלער אידעם און ער איז ניט געווען צופרידן דערפון. ער האָט געוואָלט מען זאָל דאָס קינד שיקן אין „היברו״. פאַרוואָס? פרעגט אים אַ גרינגערע זאַך. די משפחה זיינע האָט אַזוי געוואָלט. איז כל זמן דאָס ייִנגעלע איז געווען קליין, האָבן מיר אויסגעפירט. נאָר איצט ווען עס האַלט שוין ביי דער בר מצוה, מאַכט ער סקאַנדאַלן אין הויז. ער וויל דער זון זאָל זיך לערנען אַ ספּיטש און אָנטאָן אַ טלית׳ל. נו, אייער מיינונג ווייסן מיר דאָך. ס׳איז דאָך אויך אונזער מיינונג. נאָר ווי זאָל מען האַנדלען? מיר האָבן גענוג צרות פון איין טאָכטער, דאַרף נאָך טרעפן די צרה. מיר זיינען שוין איבערגעשראָקן. היינטיקע ציַיטן. היינטיקע יונגעלייט. וואָס זאָגט איר?

3. ער איז 36 יאָר אַלט. ער אַרבעט אין אַ שאַפּ. „דובינסקיס שאַפּ״. נו, איז ביטער ווי גאַל. נאָר מען טשעפּעט זיך צו אים. ער האָט געוואָגט אַמאָל ביי מיטינג צו זאָגן זיין מיינונג וועגן די מיאוסע פירונגען פון שאַפּ טשערמאַן. פון דאַן אָן פאַרפאָלגט מען אים. מען שטעלט אים אונטער פיסלעך, מען גיט אים די ערגסטע אַרבעט. און, ערגער ווי אַלץ, מען סטראַשעט אים, אַז מען וועט אים פאַרמאַסערן, אַז ער איז „סטאַלינ׳ס אַן אַגענט״ און מען וועט אים אַרויסשיקן פון לאַנד. אַזעלכע מיאוס׳ע פאַרשוינען. ער וויל דערציִען נאָך צוויי יאָר, אַז ער זאָל קאָנען אַרויס פון שאַפּ און קריגן אַ פּענסיע. נאָר עס איז ניט מעגלעך אַרי־בערצוטראָגן. ער וועט באַקומען אַ האַרץ־פעלער פון זיי. וואָס זאָל ער טאָן? די פרוי הייסט אים גיין אין אַן אַנדער שאַפּ אַרבעטן. וואָס ווייסט זי?

מיר האָבן אים אָנגעהויבן ענטפערן אויף יעדן פּונקט, נאָר אַנשטאָט זיך צו באַרואיקן, זיינען זיי ביידע געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט. מיטאַמאָל האָט זי זיך געווענדעט צו דער אומבאַקאַנטער פרוי, וואָס איז געזעסן און געשמייכלט די גאַנצע ציַיט, נאָר קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך קען אייך ניט. כאָטש איר זייט מיר קענטלעך פון ערגעץ, נאָר איך באַמערק, אַז איר זיצט און שמייכלט זיך צו־הערנדיק צו אונזערע צרות. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט אייך געמאַכט צום שמייכלען? איר ווייסט דען וויפיל שלאָפלאָזע נעכט אָט־די געשיכטעס קאָסטן אונז? איר זייט יונג און שיין און איך ווינטש אייך, איר זאָלט ניט וויסן פון אונזערע צרות, נאָר דאָס לעבן קאָן דיר אַמאָל אָפּטאָן די ערגסטע שפּיצלעך.

ענדלעך האָט די שווייגנדיקע פרוי געעפנט דאָס מויל און אַלע זיינען געבליבן שטיל, ניט האָבנדיק דערוואַרט, אַז זי זאָל זיך אַריינמישן. פילט זי זיך באַליידיקט

פון דער פרוי׳ס רייד צו איר? האָט זי בעסערע עצות זיי צו געבן? לאָמיר הערן.

איר קול איז געווען מעסיק און מוזיקאַליש. דער שמייכל איז ניט אַראָפּ פון איר רואיק פּנים.

— מיינע ליבע פריינט — האָט זי אָנגעהויבן און זיך אַ ביסל איינגעבויגן מען זאָל זי בעסער הערן, — איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב זיך איינגעהערט צו אייערע רייד, אַנדערש האָט מען דאָך ניט געקענט. איך האָב געשמייכלט, ערשטנס דערפאַר וואָס זינט איך בין דאָ אין לאַנד, האָב איך זיך אויסגעלערנט מער צו הערן און שווייגן. צווייטנס, האָב איך געשמייכלט דערפאַר וואָס אייערע טענות און צרות קוקן מיר אויס אַזוי פּשוט, אַז איך וואונדער זיך וואָס איר נעמט דאָס אַזוי טראַגיש.

— יאָ, קיינער ווייס ניט וועמען דער שוך קוועטשט — האָט די פאַרצווייפלטע פרוי אויסגערופן.

די יונגע פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַרויפגעלייגט איר אָרעם אויפן טיש. זי האָט פאַרשאַרצט דעם אַרבל פון איר ווייסער בלוזע און מיר האָבן דערזען אַ טאַטואירטן נומער.

— דאָס האָב איך באַקומען אין אוישוויץ — האָט זי געזאָגט און איז אַנט־שוויגן געוואָרן. די קליינע שוואַרצע ציפערן אויף איר ווייסן, צאַרטן אָרעם האָבן ווי שאַרפע נאָדלען געשטאָכן אונז.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון טיש שווייגנדיקערהייט.

אמעריקאנער יידישע העלדן
פון דער צווייטער וועלט מלחמה

דער שרייבער האָט אין פאַרלויף פון דער לעצטער וועלט־מלחמה באַזוכט פילע היימען פון יידישע סאָלדאַטן און זיי באַשריבן. ער האָט אויך געזאַמלט בריוו פון יידישע סאָלדאַטן און זיי אַרויסגעגעבן אין ענגליש אין 1945 א. נ. „דזשואיש יוט עט וואָר״, 340 זייטן, מיט קורצע ביאָגראַפיעס און בילדער פון די שרייבער.

דער בריוו פון סידני ראבינס

עס ליגן פאר מיר פעק מיט בריוו פון יידישע יינגלעך, וואָס קעמפן פאר אמעריקע אין אַלע טיילן וועלט. ניט קיין בייגעלעך פּאַפּיר זיינען דאָס, נאָר לע־בעדיקע עדות פון דער גרויסער איבערגעבנקייט פון די שרייבער צו אונזער לאַנד און זייער הייסע ליבע פאר די עלטערן און זייערע פאמיליעס און פריינט.

איך האָב באזוכט אַ צאָל היימען פון די בריוו־שרייבער. עס איז שווער צו זען אַ מאַמען וויינען נאָר מיר דוכט זיך, אַז עס איז נאָך שווערער זען אַ פאָטער וויינען. און זיי האָבן געוויינט און וויינען נאָך. די מלחמה קומט ניט פאָר בלויז אויף די שלאַכטפעלדער. זי שפּיגלט זיך אָפּ אין די הערצער און אין די מחות פון מיליאָנען היימען. עלטערן, פרויען, ברידער, שוועסטער, וואָס פאָרן מיט איך אין סאָבוועי, וואָס זיצן מיט אייך אין שאָפּ אָדער אין אָפיס ביי דער ארבעט, לעבן איבער אין דער טיפעניש פון זייער נשמה די מלחמה גרווילן יעדן טאָג, ווען זיי עפענען אַ צייטונג, ווען זיי הערן זיך איין צו דער ראַדיאָ. וועלן זיי דערזען דעם נאָמען פון זייער נאָענטן אין דער צייטונג? ווערט אַ טע־לעגראַמע פון וואשינגטאָן אָנזאָגן זיי די טרויעריקע בשורה? וועט אַ בריוו דער־פרייען זייער האַרץ?

ווי אזוי זאָל איך אָנהייבן מיין סעריע ארטיקלען וועגן אונזערע העלדן? ווי אזוי קאָן מען באַשטימען, ווער ס׳איז יאָ און ווער ס׳איז ניט קיין העלד? ניט בלויז דער וואָס האָט באקומען אַ מעדאַל איז אַ העלד. איך לייען און לייען די בריוו פון פשוטע פראיוועטס, פון יינגלעך וואָס געפינען זיך נאָך אין די קעמפּס און זיי פארמאָגן אין זיך אזויפיל קאמפּס־לוסט און ציל־באוואוסטקייט, אזויפיל אומגעדולד צו וועלן זיך אויסצייכענען קעגן שונא — אז פון יעדן וואָרט, פון יעדער שורה אָטעמט ארויס דער מאָרגנדיקער העלד, דער בחור וואָס האָט ניט מורא פאר דער שלאַכט, נאָר גרייט זיך פאר איר מיט אַלע חושים, מיט אַלע זיינען פיאַיקייטן.

דערפאַר איז ניט קיין וואונדער, וואָס דער יידישער אמעריקאנער זעלנער גיט פראָפּאָרציאָנעל ארויס פון זיך אַ גרעסערע צאָל העלדן, ווי עס פאַלט אויס אויף זיין קוואָטע. ניט אַלע ציפערן זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן, די מלחמה גייט נאָך אָן, נאָר שוין איצט רופן די יידישע העלדישקייטן ארויס צו זיך די באַוואונדערונג פון גאַנצן לאַנד.

איך וועל אָנהייבן מיט אַ פּאָר העלדן צו וועלכע איך האָב פּערזענלעך אַ שייכות. איך בין אַ מיטגליד פון פּראגער־וואַרשעווער בר. 147 פון אָרדן און איך נעם מיין ברענטש פאר אַ ביישפּיל פון דעם, וואָס אַנדערע אָרגאַניזאַציעס טראָגן צו צו דער מלחמה. איין מיטגליד אונזערער האָט פיר זין אין דינסט, 3 האָבן צו 3 זין און 50 מיטגלידער האָבן צו איין זון. צוויי זין פון מיטגלידער זיינען געפאַלן אין די שלאכטן, איין זון פון אַ מיטגליד איז שווער פארוואונדעט געוואָרן און איינער איז געוואָרן אַ גרויסער העלד און ער רעכנט זיך איצט אָפּ פאר זיינע געפאַלענע חברים.

איך וועל ווידמען מיין ערשטן אַרטיקל צום אָנדענק פון א יונגן קאָלעגע־שרייבער, וואָס איז געפאַלן אין טוניסיע.

סידני ראבינס איז זיין נאָמען. זיינע עלטערן, פּאול און אדעל ראבינאָוויטש, באַלאַנגען צו אונזער אָרדן־ברענטש. זיי זיינען אויך מיטגלידער פון לאַקל 66 פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

סידני איז געפאַלן אין דער וויטער טוניסיע, לעצטן אַפּריל דעם 29טן. זיינע עלטערן האָבן באקומען צוגעשיקט פון דעם קריגס־דעפּארטמענט אין וואשינגטאָן דעם „פּוירפּל האַרט” מעדאל פאר זייער זונ׳ס בראווקייט אין שלאַכט. ס׳איז אָבער ניט דער מעדאל וואָס וועט פאראייביקן סידני׳ס אָנדענק. ס׳איז עפּעס מער. סידני אליין האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך עטוואָס, וואָס וועט פארבלייבן אין דער געשיכטע פון לאַנד, אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווי א מוסטער ווי אונזער יוגנט האָט פארשטאַנען פארוואָס זי איז גרייט איר לעבן מקריב צו זיין.

סידני האָט איבערגעלאָזט א בריוו צו די עלטערן. ער האָט, ווייזט אויס, געוואוסט, אַז ער ווערט געשיקט אין אַ הייסער שלאַכט און ער האָט זיך אין דעם בריוו געזעגנט מיט זיי. ער איז געפאַלן מיט אַ קויל לעבן הארצן, און שטארבנ־דיקערהייט האָט ער דעם בריוו ארויסגענומען פון קעשענע און אים געהאַלטן פעסט אין דער טויטער האנט. אַט אזוי האָט אים זיין קאַפּיטאַן געפונען. דעם בריוו האָט ער איבערגעשיקט צו די עלטערן אין די בראָנקס און צו סידני׳ס שוועסטער האָט דער קאַפּיטאַן געשריבן אַ בריוו און דערציילט די דעטאַלן וועגן סידני׳ס טויט.

ס׳איז אַ זעלטענער דאָקומענט. עס איז אַ בריוו, וואָס רירט אייך ביז דער טיפעניש פון דער נשמה. איר זעט דורך אים סידני׳ס כאַראַקטער, סידני׳ס פּערזענלעכקייט און זיין שרייבערישן טאַלאַנט. ס׳איז מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסער פּאָעמע. וואו זייט איר, יידישע דיכטער? הערט אויף קלאָגן אויף אייערע פּערזענלעכע וויטאָגן; הערט אויף זיך באַרימען אויף אייער פּאָ־

עטישער גרויסקייט און זאָל איך סידני׳ס בריוו דינען ווי אַן עמוד האש פון דער איצטיקער וועלט.

איך וויל ניט אויסטייטשן סידני׳ס לעצטן בריוו. מען דאַרף דאָס ניט כּאַן. דער בריוו רעדט פאַר זיך אַליין. לייענט אים און גיט אָפּ כּבֿוד צום 21- יאָריקן יידישן העלד.

אַפּריל 26, 1943.

טייערער טאַטע און אַדעל:

דאָס איז מיין לעצטער בריוו צו אייך. איך האַלט אים אין מיין קעשענע און אויב כ׳וועל דער׳הרג׳עט ווערן, גלויב איך אַז אימיצער וועט אים אייך איבערשיקן.

„זינט איך בין אָנגעקומען אין צפון-אַפריקע דערנענטערן מיר זיך מיט יעדער מינוט אַלץ נענטער און נענטער. ענדליך האָבן מיר דערגרייכט די פאָדערשטע רייען. דאָס איז געווען נעכטן, איסטער סאָנדעי.

„מען האָט אונדז נאָר-וואָס אָנגעזאָגט, אַז מיר וועלן געשיקט ווערן אין אַ שלאַכט נאָך אין אַ פּאָר שטונדן אַרום. היינט אָדער מאָרגן אינדערפרי וועל איך אַטאַקירן די דייטשן. אויב עפּעס וועט פּאַסירן מיט מיר, וויל איך אַז איר זאָלט וויסן ווי איך פיל איצט.

„איך האָב ניט קיין מורא. איך פיל זיך אָנגעצויגן און נערוועז, אָבער איך גלויב, אַז דאָס איז נאַטירליך. אויב איך וועל געטראָפן ווערן פון אַ קויל, — וויל איך בעסער, אַז די קויל זאָל מיך טויטן. איך וויל בעסער זיין טויט איידער פאַרבלייבן אַן אייביקער קריפּל.

„דאָס איינציקע וועגן וואָס איך בין באַזאָרגט איז ווי איר וועט זיך פילן ווען איך וועל זיין טויט. איך האָף, אַז איר וועט ניט פיל טרויערן נאָך מיר און איר וועט זיין שטאָלץ וואָס אייער זון האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר דעם גרעסטן אידעאַל אין דער וועלט — אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין פריי.

„טאַטע, אויב איך האָב דיר פאַרשאַפט הארצווייטאָג און אַנטוישונג, טוט עס מיר לייד. דו האָסט ניט קיין באַגריף ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב געהאַט און ווי גרעסער מיין ליבע צו דיר איז איצט. פּליז, גיב אַכטונג אויף דיין געזונט פון מיינעטוועגן.

„אַדעל, איך האָב דיר צו פאַרדאַנקען פאַר די גוטע אייגנשאַפטן וואָס איך באַזיץ. דו ביסט געווען די בעסטע מאַמע, וואָס אַ קינד קען זיך ווינטשן״.

און אָט איז דער בריוו וואָס סידני׳ס קאַפּיטאַן האָט געשריבן צו זיין שוועסטער, מרס. קאָול:

„פּליז, נעמט אין אַנבאַטראַכט, אַז איך שרייב אַף אַ „ווי־בריוול״, ווייל איך וויל אַז איר זאָלט וואָס שנעלער קריגן דעם ענטפער אויף אייער בריוו, וואָס איר האָט געשיקט דעם ערשטן דזשון. אויב איר האָט געזען דעם בריוו, וואָס אייער ברודער האָט געשריבן פאַר׳ן טויט, וועט איר באַגרייפן ווי ווייניק איך קען צוגעבן. איך דריק אויס מיין טיפן מיטגעפיל צו אייך און צו אַנדערע מיטגלידער פון סידני׳ס פאַמיליע.

„איך האָב געפירט די אָפּטיילונגען אין דער שלאַכט, אין וועלכער סידני איז געפאַלן. און איך בין געווען בלויז 50 יאַרד פון אים אין דעם מאָמענט ווען ער איז געטראָפן געוואָרן פון דער קויל. דאָס איז פאָרגעקומען דעם ניין־און־צוואַנציקסטן אַפּריל אין טוניסיע. אַ קויל, וואָס אַ פאַר־באָרגענער שיסער האָט אויסגעשאָסן, האָט אים געטראָפן אין האַרצן און ער איז געשטאָרבן אין אַ פּאָר מינוט אַרום. איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם האָט ער באַוויזן אַרויסצונעמען פון ברוסט־פּאַקעט דעם לעצטן בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיינע עלטערן, און ווען מיר האָבן געפונען זיין קערפּער איז דער בריוו געווען איינגעקלאַמערט אין זיין האַנט.

„סידני איז געווען אַ גוטער סאָלדאַט — ער האָט געדינט זיין לאַנד געט־רייַ — און ער איז געשטאָרבן, ווי מיר אַלע האָפן, אויב אונז איז באַשערט צו שטאַרבן — שנעל אין קאַמף.

„סידני האָט איבערגעלאָזט אַ זייגערל, אַ פּען און פּענסל סעט. איך וועל זיי אייך אָפּשיקן. סידני איז באַערדיקט געוואָרן אויפ׳ן אַמעריקאַנער בית עולם אין קאַאַר מעזואַר, טוניסיא, צפון־אַפריקע, אין קבר נומער 30 ריי 6, חלק א.

„אויב איך קען אייך ווידער זיין באַהילפיק מיט עפּעס, קווענקלט זיך ניט צו ווענדן צו מיר.

„אויפריכטיק אייערער,
„קעפּטען לואיס מ. סמיט.״

בין איך געזעסן אין הויז פון סידני׳ס עלטערן און זיי האָבן מיר דער־ציילט מער איינצלהייטן וועגן סידני׳ס קינדער־יאָרן. איידער ער איז אַוועק אין דינסט, האָט ער זיך געשעמט אַרומצוגיין אין ציווילע קליידער. איך האָב געבלעטערט זיינע בריוו צום פאָטער און צו אַדעל, וואָס איז זיין שטיף־מוטער, צו וועלכער ער האָט זיך באַצויגן ווי צו אַן אייגענער מוטער און ווי צו אַ גוטן חבר און פריינט.

פאַרוואָס האָט סידני געביטן זיין נאָמען פון ראַבינאָוויטש אויף ראַבינס?

דערפאַר ווייל עס איז אים שווער געווען צו קריגן אַ דזשאָב מיט דעם נאָמען ראבינאָוויטש. וויפיל אַפּליקאַציעס ער האָט אויסגעמאַכט, וויפיל אינטערוויוס ער איז דורכגעגאַנגען — אַלץ איז געווען כשר וישר ביז מען האָט איבערגע־לייענט זיין נאָמען.

אפשר דערפאַר האָט סידני בעסער געקעמפט אויפ'ן שלאַכטפעלד האַפּנ־דיק אַז מיט זיין אייגן בלוט וועט ער אָפּווישן די פלאַג פון אַנטיסעמיטיזם אויף אונזער פאָלק?

סידני'ס עלטער־זיידע איז געווען דער נאָוואָ־מינסקער רב. סידני'ס פאָ־טער איז געבאָרן געוואָרן אין מעזעריטש, פוילן, און ער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט 35 יאָר צוריק. אין 1906 האָט ער געקעמפט אין לאָדזש אויף די באַריקאַדן און אַ קויל האָט אים געטראָפן אין שטערן. ער האָט באַלאַנגט צום זעלבסט־שוץ פון „בונד". פונקט ווי זיין זון איצט, האָט ער שוין דאַן געקעמפט פאַר אַ בעסערער וועלט.

איך האָב געקוקט אויף דעם אויסגעאַרבעטן פאָטער און איך האָב באַ־מערקט אַ לעכל אויף זיין שטערן צווישן די אויגן. דאָס איז זיין „מעדאַל", די קויל וואָס האָט אים געטראָפן אין 1906.

— האָט אייך סידני געפרעגט וועגן דעם?

— אָ, גאַר אַ סך. ער איז ניט מיד געוואָרן צו הערן וועגן מיין אָנטייל אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין 1906.

דער קעמפער פאַר פרייהייט פון 1943 האָט איבערגענומען די טראַדיציעס פון זיין פאָטער, דעם פּראָגרעסיוון יידן.

סידני האָט געהאַט זשורנאַליסטישע אַמביציעס. ער איז געבאָרן געוואָרן אין די בראָנקס און צו פופצן און אַ האַלב יאָר געענדיקט היי־סקול; געווען דער געהילף־רעדאַקטאָר פון איוועדער היי סקול זשורנאַל. געשריבן וועגן ספּאָרטס און ער האָט געאַרבעט פאַר וואָרנער בראָדערס און אין אַדווער־טייזינג דעפּאַרטמענט פון מעיסי'ס סטאָר.

זיינע בריוו צו די עלטערן פון די קעמפּס דאָ און פון צפון־אַפריקע זיי־נען געווען פול מיט אָפּטימיזם, שיינקייט און עס האָט פון זיי אַרויסגעשיינט זיין ליכטיקע, זוניקע פּערזענלעכקייט.

איך לייען אין בריוו:

„פאָ, איך וויל אַז דו זאָלסט גיין צום דענטיסט וועגן דיינע ציין. אַדעל, איך בין צופרידן וואָס דיין ריכטיקע דיעטע העלפט דיר אַזויפיל".

פון אַ צווייטן בריוו כאַפּ איך אַרויס פאָלגנדיקע שורה: „פאַרגעסט ניט איינצופּאַקן אויף וואַקאַציע — איך מיין איך ביידע!"

ווען סידני׳ס לעצטער בריוו איז דערשינען אין דער ענגלישער און אין דער יידישער פּרעסע, האָבן די עלטערן דערהאַלטן אַ סך שיינע טרייסט-בריוו פון ניט-יידן און יידן צוגלייך.

נאָר קיין בריוו קאָן ניט לאָזן אַזאַ ווירקונג ווי סידני׳ס אייגענער לעצטער בריוו צו זיינע עלטערן. ווייל ס׳איז ניט געווען בלויז אַ טרייסט־בריוו צו צוויי מענטשן. דורך זיין בריוו האָט ער גערעדט צו מיליאָנען, צו אונז אַלעמען. דערפאַר וועלן די לעצטע גאָלדענע ווערטער פון 21 יאָריקן סידני ראַבינאָוויטש בלייבן איינגעקריצט אין אונזערע הערצער און מוחות ווי אַ סימבאָל פון אמת׳ן יידישן העלד, וואָס האָט געהאָלפן אַז „די וועלט זאָל זיין אַ בעסער פּלאַץ, וואו אַלע וועלן קענען לעבן גלייך און געניסן פון גליק און פרידן״.

מיין אייגענע מלחמה-לעאָן יוריס.

צו 17 יאָר האָט זיך לעאָן יוריס פּרייוויליק אַנגעשלאָסן אין מאַרין־קאָרפּוס. ער האָט דאָס געטאָן מיט דער צושטימונג פון זיין פאָטער וויליאם יוריס, א טוער אין דער יידישער פּראָגרעסיווער באוועגונג אין פילאַדעלפיע. לעאָן איז זיין איין און איינציק קינד.

היינט איז לעאָן קוים 20 יאָר אלט, דאָך איז ער שוין אַ וועטעראַן פון אונזער באַפרייאונגס מלחמה. אכצן חדשים האָט ער געקעמפט אין סאָוט פּאַסיפיק; אַנטיילגענומען אין גוואדאלקאַנאַל, פארבאַפט אַ יאפּאַנישע שלאכט־פּאָן און זי אָפּגעשיקט צום טאַטן, וועלכער האָט זי איבערגעגעבן צום טרעזשורי דעפּאַרטמענט צו העלפן אין פארקויף פון מלחמה באָנדס.

אין דער שלאַכט פאר טאַראַווא איז לעאָן פארוואונדעט געוואָרן. ער איז דאָרט געלעגן קראַנק אין אַ שפּיטאָל ביז מען האָט אים געבראַכט אין די פאראייניקטע שטאַטן. איצט געפינט ער זיך אין פלאָטן שפּיטאָל אין קאַלי־פאָרניע.

לעאָן פארנעמט זיך אין שפּיטאָל מיט שרייבן. ער האָט לעצטנס אָנגעשריבן אַ שפּיל אין צוויי אקטן, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל. ער איז אויך געווען איינער פון די שפּילער. ס׳איז אַ קאָמעדיע פון ארמיי לעבן. לעאָן האָט ניט בלויז באוויזן צו קעמפן מיט׳ן ביקס, נאָר זיין פען איז א קאַמפס־מיטל אין דער מלחמה צו הויבן די מאָראל פון זעלנער, אויפ־צוקלערן אים אויף אַ דראַמאַטישן אופן פארוואָס די מלחמה איז נויטיק און צוליב וואָס ער שלאָגט זיך. די שפּיל האָט שטארק אויסגענומען ביי דער צייטונג-קריטיק.

אין זיינעם אַן איינאַקטער וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן פון און פאר די סאָלדאַטן לעצטן יאָר אין גוואדאלקאַנאַל, זאָגט דער העלד אַזוי:

„די מלחמה איז אַ גרויסע זאַך. עס זיינען אָבער די קליינע זאכן אין לעבן צוליב וועלכע מיר קעמפן און צוליב וועלכע מיר זיינען גרייט צו שטאַרבן.

———

לעאָן יוריס איז היינט־צו־טאָג דער פּאָפּולערער שרייבער, דער אויטאָר פון די ראָמאַנען „בעטל־קראַי״ און „עקסאָדוס״.

דער מאַמעס קיכלעך, די סקול־טענץ, קריסטמעס און די גרויסע געלע לבנה. די קליינע זאכן שטעלן צענויף א מענטשנס לעבן".

אזוי ווי דער פאָטער אין פילאַדעלפיע האָט נאָך לעאָנ׳ען ניט געזען זינט ער האָט פארלאָזן די שטאַטן, האָט ער לעצטנס אָפּגענומען פון זון אַ גרוס דורך אַ שכן וואָס האָט אים באזוכט אין שפיטאָל. ער שרייבט וועגן לעאָנ׳ען פאָלגענדיקס:

„איך האָב געזען אייער זון אין שפיטאָל און מיר האָבן לאנג פארבראכט צוזאַמען. ער איז אַ גייסטיק רייפער און אויסגעצייכנטער בחור און ער מאכט א פיינעם איינדרוק. זיינע האָר זיינען עטוואָס גרוי און דאָס גיט זיין אויסזען צו חשיבות. ער איז אין גוטן מוט און ער איז שטארק פארנומען מיט זיין שרייבן.

וועגן זיין געזונט־צושטאַנד קאָן איך אייך שרייבן, אז ער קומט צו זיך. זאָרגט זיך ניט וועגן זיין נערוועזיטעט. ער איז אָ־קעי. ווי לאנג ער וועט זיך געפינען אין שפיטאָל און אין דינסט קאָן קיינער ניט פאָראויסזאָגן, בלויז וואשינגטאָן".

לעאָן האָט באקומען אַ צאָל אויסצייכענונגס־בענדלעך. ער איז אָבער זייער שטאָלץ אויף דער אויסצייכענונג וואָס זיין יוניט האָט באקומען פון פּרעזידענט רוזוועלט. יעדער מיטגליד פון דער אָפּטייל האָט באקומען אַ קאָפּיע דערפון. לעאָן האָט זיין קאָפּיע געשיקט צום טאַטן. זי לייענט זיך אזוי:

„דאָס איז געווען טאַראַוואַ".

דעם פּרעזידענט׳ס אויסצייכענונג ווערט איבערגעגעבן צו דער צווייטער מאַרין דיוויזיע (פארשטאַרקטע) פאר דער אַטאַקע און דעם זיג איבער די יאפּאנישע פארטיידיקער פון טאראַווא. די אויסצייכענונג לייענט זיך אַזוי:

„פאר העלדישער דערגרייכונג אין שלאַכט ביים פארכאַפּן און פארנעמען דעם פון די יאפּאנער געהאַלטענעם באַטאל פון טאראַווא גילבערט אינזלען, אין משך פון נאָוועמבער 20טן ביזן 24טן, 1943. זייענדיק געצוואונגען צו לאנדן הונדערט יארדס פון ביטש, איז די צווייטע מארין דיוויזיע געוואָרן א לייכטער ציל־ברעט פאר דעם פארניכטנדיקן יאפּאנישן פייער. ניט געקוקט אויף די שנעל שטייגנדיקע פארלוסטן, האָבן די מארינען מוטיק געקעמפט א העלדישע שלאַכט וואָס האָט זיי געדראָט צו פארניכטן. זיי האָבן פארמינערט די מעכטיק באפעסטיקטע פיינטלעכע פּאָזיציעס און זיי האָבן באַזיגט די יאפּאנישע כחות. דורך דער דערפאָלגרייכע אָקופּאציע פון טאראווא האָט די צווייטע מאַרין־דיוויזיע פארנעמען הויך־סטראַטעגישע און וויכטיקע לופט

און לאַנד־באַזעס פאַר אונזערע כוחות פון וואַנען צו קאָנען פאַרזעצן צוקונפטי־קע אַטאַקעס קעגן שונא; דורך דעם העלדן־מוט פון די מענער, דורך זייער העראָאישן קאַמף ווידערשטיין דעם שרעקלעכן פייער און דורך זייער גייַן פאָראויס אין דער עפּישער שלאַכט אין צענטראַלן פּאַסיפיק, האָבן זיי באַוויזן אָפּצוהיטן די פייַנסטע טראַדיציעס פון דער פלאָטן־דינסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן".

און דער 20־יאָריקער לעאָן יוריס פון פילאַדעלפיע, וועמענס פאָטער איז געקומען אַהער פון פוילן, איז איינער פון די העלדן פון אָט־דער אויס־געצייכנטער צווייטער מארין דיוויזיע.

מער וועגן זיינע שלאַכטן שרייבט לעאָן אַליין אין אַ בריוו צום פאָטער. זיינע בריוו זיינען וויכטיק, ווייל זיי אַנטפּלעקן ניט בלויז דעם מארין, נאָר דעם יידישן אַנטי־פאַשיסט.

אַ וואָך איידער ער האָט זיך געהאַט באַטייליקט אין דער בלוטיקער שלאַכט פאַר טאַראַוואַ האָט לעאָן געשריבן צום פאָטער:

„וועגן מיין אַהיימקומען, וועל איך דיר שרייבן דאָס זעלבע וואָס איך האָב געשריבן צו עסי'ן. אַזוי לאַנג ווי איך וועל זיך האַלטן אויף מיינע צוויי פיס, ווייל איך פאַרבלייבן אָט־דאָ... דאָס איז מיין מלחמה — פערזענלעך און איך בין צופרידן זיך צו באַטייליקן אין איר. ניט בלויז קעמף איך פאַר מיין באָבען, נאָר פאַר דזשאָו און סעם סטאָון וואָס האָט זיין לעבן אוועקגעגעבן אין שפּאַניע.

אין אַ פריערדיקן בריוו לאָזט ער וויסן דעם פאָטער:

„אין אַ וואָך אַרום שיק איך דיר אַרויס אַ יאַפּאַנישע שלאַכט־פאָן וואָס כ'האָב פאַרכאַפּט אין גוואַדאַלקאַנאַל. ס'איז אַ גרוילהאַפטיקע זאַך — באַהאַלט עס ערגעץ־וואו פאַר מיר. נאָר איך וועל זיין מער ווי צופרידן אויב דיין לאָדזש אָדער יוניאָן וועט עס באַנוצן צו העלפן אין דער באָנד קאַמפּאַניע".

וועגן די שלאַכטן פאַר גוואַדאַלקאַנאַל שרייבט ער:

„יאָ, טאַטע, גוואַדאַלקאַנאַל איז געווען אַ גיהנום. געשלאָפן אין פוקס־לעכער, געגעסן געקענטע רעישאַנס, און אַמאָל דאָס אויך ניט. ווערים, בלאָטע ביז דער טאַליע און די זון איז אַזוי הייס, אַז מען ווערט אָפּגעבריט. דאַן זיינען געווען די סנאַיפּערס, די לופט־שיפן, מאַשין־ביקסן און אַרטילעריע פייער וואָס אַלע האָבן געוואָלט דיך פּאַקן. ס'איז שרעקלעך — נאָר מיר וועלן דאָס טאָן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל ביז מיר וועלן זיין זיכער, אַז ווען מיר וועלן אַהיימ־קומען, וועלן מיר מער קיינמאָל ניט דאַרפן פאַרלאָזן אונזערע היימען".

איך האָב אויך געלייענט אַ בריוו, וואָס ער האָט לעצטנס געשריבן צום

פּאַטער פון שפּיטאָל אין קאַליפאָרניע. דאָרט באַשרייבט ער זיינע דערפאַרונגען אין טאַראַוואַ. ער וואָלט ניט וועלן דערציילן, שרייבט ער, נאָר די מלחמה גייט נאָך אָן יעדן טאָג און זיינע חברים זיינען דאָרט. ער פאַרענדיקט:

„אמעריקע, מיין לאַנד, איז מיין ליבע. איך האָב געקעמפט זייט ביי זייט מיט קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, מורמאָנען, אינדיאַנער, איירישע, איי־טאַליענער, פּאָליאַקן. זיי האָבן געהאַלטן פון מיר, ווייל איך בין געווען אַ גוטער, געטרייער קעמפער. איך האָב געזען ווי 750 פון 900 אונזעריקע האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס אין גוואַדאַלקאַנאַל און טאַראַוואַ... אין מיין פּלאַטון איז געווען א יידישער בחור, וואָס אלע האָבן אים פיינט געהאַט. ניט דערפאַר, וואָס ער איז געווען א ייד, נאָר ווייל ער איז בכלל געווען אַ פּאַסקודנער יונג. מיר האָבן אויך געהאַט אַן אַנדער ייד, קאַפּיטאַן ביל שערווין, פאַר וועמען איך האָב געאַרבעט. ער איז געווען באַליבט ביי יעדן איינעם דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעפירט מיט די געוואַגטסטע אַטאַקעס. ער האָט געוואונען דריי „נעיווי קראָסעס״. עס איז ניט די רעליגיע פון מענטשן, נאָר דער מענטש אליין״.

אָט דאָס איז אין קורצן אַ פּאָרטרעט פון אַ יונגן יידישן העלד, וואָס איז צו 20 יאָר שוין אַ וועטעראַן. פון אָט דעם שטאָף איז געקנאָטן אונזער אמעריי־קאַנער יידישע יוגנט. זי איז באַוואוסטזיניק — אין מלחמה ווי אין שלום. זי איז ערלעך און אידעאַליסטיש און זי קעמפט בראַוו פאַר א בעסער לעבן אויף דער זינדיקער ערד.

א שווערד פון איטאַליע-בעני דיימאָנד

יעטע דיימאַנד, מוטער פון פּראַיוועט בן ציון (בעני) איז געקומען צו מיר מיט אַ טשיקאַווער בקשה: איך זאָל גיין אָנקוקן די „שאַשקע" (שווערד) וואָס איר זון האָט איר געשיקט פון איטאַליע. זי וואָלט די שווערד אַליין געבראַכט, נאָר זי איז געקומען געפּאַקט אין אַ שמאָלן קאַסטן, וואָס וועגט מסתמא אַ פּוד.

בין איך אוועק אָנקוקן און זאָגן מיין פאַכמאַנישע מבינות אויף דער שאַשקע.

ווען איך בין אריין צו די דיימאַנדס אין הויז איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ כלב גרויס ווי אַ לייב, נאָר ער האָט זיך ניט צעביזערט אויף מיר; פאַרקערט, ער איז גאָר געוואָרן מילד ווי אַ לאַם. ער האָט זיך אויסגעצויגן אונטער'ן טיש און געשוויגן ביז מען האָט די באַלעבאָסטע גערופן צום טעלעפאָן פון אַ דערבייאיקער וואוינונג. דאַן איז ער צוגעקומען צו מיר, אַוועקגעלייגט זיין לאַנגן קאָפּ אַף מיינע קני און מיר אריינגעקוקט טרויעריק אין די אויגן. איך האָב אים געגלעט און געטרייסט.

— אייער הונט מוז מסתמא בענקען נאָך בעני'ן — האָב איך באַמערקט.

— טאַטעלע, — האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מיין פראַגע פרוי דיימאַנד, — וואָס ווייסט איר ווי „בראַוני" בענקט! מיט ניין יאָר צוריק האָט אים בעני געבראַכט פון דזשורזי, אַ פּאַפּי אַ פּאָר וואָכן אַלט און פון דאַן אָן האָט אים בעני אויפגעהאָדעוועט. אין יעדן בריוו פון איטאַליע בעט זיך בעני ביי אונז, אַז מען זאָל אים ניט געבן צו קייען קיין ביינער, אַז מען זאָל אויפפּאַסן אויף זיין דיעטע. טאָמער דערזעט ער, בראַוני, אימיצן אין קעקי אוניפאָרם, לויפט ער גלייך צו צו אים און לייגט זיינע לאַפּעס ארויף אויף אים, ווי ער וואָלט זיך וועלן ארומכאַפּן. נאָר נאָכדעם באַשמעקט ער יענעם און געפינט אויס, אַז עס איז ניט בעני, גייט ער אוועק אין אַ זייט, אַן אַנטוישטער. דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט בעני'ן געזען איז געווען, ווען בעני איז געקומען פון קעמפּ אין ווירדזשיניא".

אין אויפנאַם-צימער איז געשטאַנען דער ערן-גאַסט — דער שמאָלער, הילצערנער קאַסטן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע נסיעה — פון בלוטיקן אַנציאָ ביטש-העד אין איטאַליע צו אַ טענעמענט-הויז אין די בראָנקס. דער קאַסטן אַליין איז אַ מייסטער-ווערק פון אַ סטאָליער. דאָס קליינע עפן-דעקל

הענגט אויף אַ זאַוויעסע. פאַר׳ן שפּיץ פון שווערד איז דאָ אַ ספּעציעל אויס־געבעטער ווינקל.

אָט האַלט איך די שווערד אין האַנט. זי איז געשמירט מיט אויל, נאָר מען קאָן זען, אַז זי איז ניט איינמאָל באַנוצט געוואָרן אין אַ שלאַכט. אַ לאַנגע שווערד מיט אַ שווער און באַצירט הענטל — אַ שווערד פון אַן אָפיצער. אויף איר זיינען אויסגעקריצט פראַנצויזישע ווערטער און אַ דאַטע — 1915.

בעני האָט געשריבן, אַז ער שיקט ארויס די שווערד. מען זאָל זי באַ־האַלטן פאַר אים, ווייל וועגן איר וועט ער האָבן צו דערציילן אַ לעבן לאַנג, צו זיינע קינדער און אייניקלעך.

נאָר זינט ער האָט געשריבן וועגן דער שווערד האָט די מאַמע מער פון אים קיין בריוו ניט דערהאַלטן — אַ מעשה פון איבער זעקס וואָכן. וואָלט זי אים מוחל געווען די שווערד, אבי צו האָבן א בריוול פון אים.

אַ מיליטערישע אַטמאָספערע שוועבט אין דעם פרידלעכן דיימאָנד הויז. בעני איז אין איטאַליע. דער צווייטער זון הערי איז אין אַלאַסקא און איר אײדעם איז א קאַפּיטאַן אין ענגלאַנד. זי ווייס אליין ניט צי ער איז יאָ אין מיליטער צי ניט, נאָר א אוניפאָרם טראָגט ער און ער דאַרף טאַקע היינט אָנ־קומען אַהער פון ענגלאַנד.

איז אָט אזוי ווי איך שטיי אין אַ קאַמישער פּאָזע מיט דער שווערד אין האַנט, הערט זיך פון אַ דערבייאיקן פענסטער א פרויען־קול: „מרס. דיימאַנד, טעלעפאָן!" זי לויפט ארויס. איך באהאַלט די שווערד און דער הונט בראוני קריכט ארויס פון אונטער׳ן טיש און ווערן פריינט.

— טאַטעלע, דאָס איז מיין אידעם געקומען. דאָס האָט מיין טאָכטער גערופן... איז נעמט אַלץ — די בילדער, דאָס געלט, די מעטריקעס, אַ לעבן אויף אייך, — האָט זיך געבעטן ביי מיר פרוי דיימאַנד. אין אַנדערע ווערטער האָט דאָס געמיינט, אַז זי איילט זיך.

אויפ׳ן טיש זיינען געלעגן אויסגעלייגט בערגלעך מטבעות — געלט פון אַפריקע, פון פּאַלעסטינע, פון איטאַליע, פון פראַנקרייך; אויך פּאַפּיר־געלט: קליינע פּאַפּירלעך, דינע, דיקע. אומעטום וואו בעני איז געקומען, האָט ער געוואָלט האָבן אַן אָנדענק פון פּלאַץ. ער האָט באַלד גענומען בילדער מיט זיין קאַמערע און אהיימגעשיקט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. דער מאַמען האָט ער געשיקט א זייגערל, א בראַסלעטל און נאָך און נאָך.

יעטע און היימי דיימאַנד האָבן פינף קינדער. צוויי זיינען געבאָרן גע־וואָרן אין קאָפּענהאַגן און דריי אין ניו יאָרק. געקומען זיינען די דיימאַנדס

קיין אמעריקע מיט 28 יאָר צוריק. זיי זיינען שעדלעצער. דער מאַן אַרבעט ביי שניידעריי.

בעני איז 26 יאָר אַלט. ער האָט געענדיקט די באַראָן דע־הירש טעכנישע שול אַלס אַן עלעקטריקער. ער איז אויך געגאַנגען אין אונזערע יידישע שולן. ער איז שוין אין דער אַרמיי דריי יאָר. ער איז אין דער אַנטי־עירקרעפט אַפּטיילונג. ווייזט מיר די מוטער אַ סך בילדלעך פון ריזיקע קאַנאָנען אויף וועלכע עס זיצט אַ פּיצטעלע מענטשעלע — איר בעני. וועגן די שיסערייען וואָס ער פירט אָן שרייבט ער, אַז ער „מאַכט אָן אַ סך טומל". אויף דער וואַנט הענגט אַ גרויס בילד מיט עטלעכע הונדערט סאָלדאַטן — גראַדויִרטע פון דער אַנטי־עיר קרעפט שול אין ווירדזשיניאַ. אָט יענער שמייכלענדיקער בחור איז בעני. אויף אַלע הונדערטער בילדלעך וואָס ליגן אָנגעהויפט אויפן טיש, אויפן קאָוטש, אויף די שטולן און די וואָס הענגען אויף די ווענט, וואָס שטייען אין אַלע ווינקעלעך — אומעטום שמייכלט בעני. דאָס איז זיין נאַטור. אָט ווען ער איז צום לעצטן מאָל אַהיימגעקומען, וויסנדיק, אַז מען שיקט אים אַוועק אויף יענער זייט, האָט ער זיך אָפּגעפאָרטרעטלט מיט דער מאַמען, האַלט ער זי אַרומגענומען און שמייכלט.

— אַ מאַמע איז ניט קיין קלייניקייט. ער ווייסט, אַז די מאַמע מאַכט אַ גוטן דזשאַב — זאָגט צו מיר מרס. דיימאַנד. איך פרעג ניט וואָס און־ווען. איך גלויב איר.

צו דער מאַמען און צום טאַטן שרייבט בעני ניט וועגן זיינע איבער־לעבונגען, נאָר צו דער שוועסטער שרייבט ער אַ סך. זי שטעלט זיך אָבער פאָר, די מאַמע, אַז ס'איז ניט קיין לייכטער דזשאַב „אויסצורייניקן דאָס שמוץ — די פאַשיסטישע בעסטיע". מען דאַרף דאָס טאָן — און פּטור.

ווען בעני איז נאָך געווען אין ווירדזשיניאַ פלעגט ער אָפּט אַהיימקומען סוף־וואָך צו זיין מוטער מיט די עלטערן כאָטש אַ האַלבן טאָג. איינמאָל ווען מען האָט אים דערוואַרט, איז ער ניט געקומען, נאָר טעלעפאָנירט, אַז ער ווערט באַשטראָפט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דערפאַר וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פאַר אַ נעגער האָט אים זיין עלטסטער יענעם סוף־וואָך קיין פּעס ניט געגעבן.

אין יענעם קעמפּ זיינען אין יענער צייט אויך געווען אַנטיסעמי־טישע סאָלדאַטן וואָס האָבן באַליידיקט די יידישע סאָלדאַטן. באַקלאָגן זיך איז ניט געווען פאַר וועמען, האָבן די יידישע סאָלדאַטן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן זייער שטעטל אַליין באַשטיין. ביינאַכט אין דער פינסטער זיינען זיי באַפאַלן די שלאָפנדיקע אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס און זיי דערלאַנגט טרוקענע קלעפּ

און פון דאַן אָן האָט קיינער מער ניט געוואָגט צו באַליידיקן אַ יידישן סאָלדאַט.

בעני׳ס זיידעס און באָבעס און פעטערס און מומעס זיינען געבליבן אין פוילן. ער ווייס וואָס דאָס מיינט. ער האָט געלייענט וועגן דער לובלינער מאָרד־פאַבריק. ער צילט מיט זיין קאַנאָן און טרעפט די נאַצישע לופט־שיפן און זיי זינקען פלאַמענדיקע צו דער ערד.

וועגן צווייטן זון איר׳ן דערציילט פרוי דיימאַנד, אַז ער איז אין אַלאַסקאַ און ער אַרבעט פאַר דער רעגירונג. הערי איז 31 יאָר אַלט, געבאָרן געוואָרן אין קאָפּענהאַגן, דורכגעגאַנגען דאָ אַ יידישע שול. ער האָט געאַרבעט אין אַ רעסטאַראַן. ער איז פאַרהייראַט, האָט אַ מיידעלע פון 5 יאָר. ער האָט אוועק־געוואָרפן זיין דזשאָב און געגומען אַ דעפענס דזשאָב. דאַן האָט די רעגירונג זיך געגוויטיקט אין אַרבעטער וואָס זיינען ווילּיק צו העלפן אין דער מלחמה, געפינט זיך שוין איבער א יאָר. אין אַ בריוו צו די עלטערן שרייבט ער, אַז ער העלפט בויען די אַלאַסקאַ־האַיוועי, וואָס ציט זיך פון עדמענטאָן, קאַנאַדע ביז פעיר־בענקס, אַלאַסקאַ. ער איז געווען אין אַלע פּלעצער. איצט איז ער אין צפון־מערב פון אַלאַסקאַ. ער כאַפּט פיש און גייט אויף יאַגד. ער קאָן טרייבן כל־ערליי טראַקס און הויב־און גראַב־מאַשינען וואָס זיינען נויטיק אין געבוי פון דעם וועג.

זי אַליין, די מאַמע, איז טעטיק אין ראַשיען וואָר רעליעף, אין רויטן קרייץ; די טעכטער טוען מלחמה־אַרבעט. דער איידעם אַרבעט פאַר דער ענגלישער רעגירונג. וואָס ער טוט ווייסט זי ניט גענוג, נאָר ס׳איז מלחמה־אַרבעט.

אַלץ, אַלץ צו העלפן פאַרניכטן דעם פאַשזים. בלויז „בראַוני" ליגט אונטער׳ן טיש און וואַרט אַז עס זאָל זיך באַווייזן אימיצער אין מיליטערישן אוניפאָרם. דאַן לויפט ער צו און נעמט אים אַרום מיט זיינע לאַפּעס.

נאָר ס׳איז ניט זיין בעני.

דער טאָג דערנעענטערט זיך אָבער ווען בעני וועט אָן עפן טאָן די טיר און דאַן וועט „בראַוני" אים באַגריסן ווי אַן אמת׳ער העלד פאַרדינט באַגריסט צו ווערן.

די פיר זין צוקער

וויפיל מיר זאָלן ניט לייענען וועגן די בעסטיאַלישע מעשים פון די דייטשן קאָנען מיר דאָך ניט אַנגעפילט ווערן מיט דעם ברויזנדיקן האַס קעגן זיי ווי דער, וואָס האָט אויף זיין אייגן לייב איבערגעלעבט זייער גרויזאַמקייט.

דאָס האָב איך פאַרשטאַנען, ווען איך האָב באַזוכט די פאַמיליע צוקער, וועמענס פיר זין געפינען זיך אין מיליטער־דינסט.

אברהם יוסף צוקער און זיין פרוי יעטא זיינען יונגע מענטשן. זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע פון פוילן אין 1921 און מיטגעבראַכט מיט זיך זייער פאַרמעגן — זייערע פיר קינדער, פיר זין. זיי האָבן איבערגעלעבט די גרוילן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיי זיינען אַנטלאָפן פון פוילישן אַנטי־סעמיטיזם. מיט שטאָלץ האָבן זיי אַוועקגעשיקט זייערע פיר זין צו קעמפן פאַר זייער נייער לאַנד אַמעריקע, פאַרן יידישן פאָלק און אויסצוראָטן פאַשיזם פון דער וועלט.

צוויי זין געפינען זיך איצט אויף די שלאַכטפעלדער אין דייטשלאַנד, דער דריטער קעמפט אין איטאַליע און דער פערטער איז אין דער נעיווי.

ווי אַזוי פילן די עלטערן אַן איצטיקן מאָמענט? איך האָב געלייענט אַ צאָל בריוו פון די זין. זיי זיינען אָנגעזאָפּט מיט קאַמפּסלוסט און מיט אַן אינערלעכן האַס קעגן די מערדער פון יידישן פאָלק.

עס איז די דערציאונג וואָס זייערע עלטערן האָבן אין זיי איינגעפלאַנצט וואָס האָט זיי געמאַכט אַזוי מלחמה־באַוואוסטזיניק. דאָס קאָן אילוסטרירט ווערן מיט פאָלגנדיקן עפּיזאָד אין לעבן פון דער משפחה צוקער.

ווען אַלע פיר זין זיינען אין משך פון אַ קורצער צייט אריין אין מיליטער־דינסט האָבן זייערע עלטערן, וועמעס היים איז פלוצלונג געוואָרן ליידיק, זיך ניט אַוועקגעזעצט בענקען נאָך זיי, נאָר זיי האָבן ארויסגעשיקט אַן אַפּיל צו זיי, אַז זיי זאָלן טאָן זייער פליכט.

ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געטאָן?

זיי זיינען אַוועק אין מעיסי׳ס דעפּאַרטמענט סטאָר און דאָרט האָט דער פאָטער אריינגערעדט אין אַ רעקאָרד אַן אַפּיל צו זייערע זין אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון זיין פרוי יעטאַ. אין אַ קלאָרער, שטאַרקער שטים

האָט אברהם יוסף צוקער דערציילט זיי ווי ער האָט אין 1914 חתונה געהאַט מיט זייער מוטער, ווי זיי האָבן איבערגעלעבט די ערשטע וועלט־מלחמה, ווי די דייטשן האָבן אים דאַן אוועקגענומען אויף צוואַנג־ארבעט און געהאַלטן דריי יאָר צייט, און ווי עס איז וויכטיק צו באַפרייען די וועלט פון דער פאַשיסטישער פעסט.

מיט פאַטאָס האָט צוקער׳ס קול אויסגערופן פון רעקאָרד:

טשאַרלי, דזשעיק, מעקס און אייזיק! היינט־צו־טאָג געפינט איר זיך אין דער אמעריקאַנער ארמיי. קעמפט ווי די לייבן אַפּצואווישן די היטלערס! לעבן זאָל רוזוועלט, סטאַלין און טשוירטשיל!... אַ קינד ווערט געבאָרן, מוז דאָס זיין פארזיכערט מיט אַ גוטער וועלט. מאכט שנעלער אייער ארבעט! עס וואַרטן אויף אייך שיינע מיידלעך אין דער היים חתונה צו האָבן. אייערע עלטערן אברהם און יעטאַ״.

אויף דער צווייטער זייט פון רעקאָרד האט אברהם צוקער אריינגעגעבן דאָס פאָלקס־ליד: „סאָניע גיב מיר דיין האַנט״. דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „כ׳וועל אייך דערציילן א שטוקע, געשען איז דאָס אין פרילוקע״. עס ווערט דערציילט וועגן אמאָליקן לעבן פון יידן אין צארישן רוסלאַנד און וועגן איצטיקן פרייען לעבן אין סאָוועטן פארבאנד.

די פיר זין שטעלן ניט איינמאָל אָן דעם רעקאָרד און הערן זיך צו צום קלאָרן קול פון זייער פאָטער, וואָס זאָגט זיי אָן, אין אַ זאפטיקן יידיש, אז זיי זאָלן גיין פאראויס אין קאַמף.

אברהם יוסף צוקער איז געבאָרן געוואָרן אין זאוויכאָסט, ראַדאָמער גובערניע, פוילן. צו צען יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן ארבעטן אין וואַרשע. צו 14 יאָר איז ער געוואָרן אַ „געשעפטסמאַן פאר זיך אַליין״. ווען די דייטשן זיינען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אריין אין פוילן, האָבן זיי אים צוגענומען אויף צוואַנג־ארבעט. דריי יאָר צייט האָט ער געשקלאָפט פאר זיי אין שטעטל ביטען, גראָדנער גובערניע. ער האָט געטריבן פליטן אויפן טייך און דערפאר געקראָגן אַ פערטל פונט ברויט אַ טאָג.

אין ביטען האָט ער חתונה געהאַט מיט יעטע ראַבינאָוויטש, וואָס איז געווען אַ געבאָרענע דאָרט. ער איז געקומען קיין אמעריקע אין 1921. זי — אין 1927. זייער עלטסטער זון, קאָרפּאָראַל טשארלי, איז טאַקע געבאָרן געוואָרן אין ביטען. אין 1915. ער איז 12 יאָר אלט געווען, ווען ער איז מיט דער מוטער געקומען קיין אמעריקע. דאָ איז ער געגאַנגען אין פּאָבליק־סקול און אין האי־סקול און שפּעטער געהאָלפן דעם טאַטן אין געשעפט. די צוקערס

יינען אין די מילינערי ביזנעס און די פיר זין האָבן ארויסגעהאָלפן דעם פאָטער, ביז זיי זיינען אוועק אין מיליטער־דינסט.

קאָרפּאָראל טשארלי שרייבט אין זיין לעצטן בריוו, וואָס ער האָט ארויסגעשיקט פון דייטשלאנד דעם 20טן מערץ, אז איצט מעג ער דערציילן דאָס פאָלגנדיקע:

„איך בין אַ מיטגליד פון טרופּ „א", 89 קאוואלעריע סקוואָד, 9טע פּאנצער דיוויזיע, ערשטע אמעריקאַנער ארמיי. איך גלויב, אַז דאָס מיינט עפּעס. מסתמא האָט איר געלייענט אין די צייטונגען, אז מיר זיינען געווען די סאמע ערשטע אריבערצוגיין דעם רהיין טייך. מיר האָבן באמת געשאפן געשיכטע. עס איז איינע פון די גרעסטע טאַקטישע זיגן אין דער מלחמה. איך בין שטאָלץ מיט מיין דיוויזיע. איצט קאָנען אונז די נאצי־בעסטיעס מער ניט אָפּשטעלן.

אין אַ פריערדיקן בריוו דערציילט קאָרפּאָראל טשארלי ווי די דייטשע ציווילע באפעלקערונג פּרואווט זיך חנ׳דלען צו די אמעריקאַנער סאָלדאַטן, נאָר „ביי אים איז יעדער דייטש — א נאצי".

דער צווייטער זון דזשעיק איז 25 יאָר אלט. ער איז געבאָרן געוואָרן אין ווארשע. ער געפינט זיך 3 און א האלב יאר אין דער ארמיי. ער איז אַ קאָרפּאָראל. ער קעמפט אין איטאַליע. אין אַלע זיינע בריוו איז דאָ דער פאָלגנדיקער לייט־מאָטיוו: „זאָרגט זיך ניט פאר אונז. מיר וועלן קעמפן ביז מיר וועלן אָפּווישן היטלער׳ן און היטלעריזם". ער צאָרנט אין זיינע בריוו קעגן די, וואָס מאכן פּראָפיטן פון דער מלחמה.

דער דריטער זון, קאָרפּאָראל מעקס, איז 24 יאָר אלט. ער איז 3 און אַ האַלב יאָר אין דער ארמיי, אין דער אינפאַנטעריע, אין דער באַרימטער 18טער דיוויזיע. ער געפינט זיך אין די פאָדערשטע רייען פון שלאַכט אין דייטשלאַנד. זיין גרויסע האָפנונג איז זיך צו טרעפן מיט דער רויטער ארמיי און צוזאמען ארייננמארשירן קיין בערלין.

אויף דער וואַנט ביי די צוקערס אין הויז הענגט די טעהעראַן־דעקלעראַציע וואָס מעקסי האָט צוגעשיקט פון ענגלאנד. דאָס איז אַ פּראכטפולע קונסט־ארבעט, מיט די בילדער פון רוזוועלט, סטאַלין און טשוירטשיל, אונטער די פלאַטערנדיקע פאָנען פון אמעריקע, סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאנד. דאן קומט די דעקלאַראַציע און די אונטערשריפטן פון די דריי פירער.

די משפחה צוקער איז אַ גוטער ביישפּיל פון דעם ווי אַ ייד דארף פילן אין דער איצטיקער צייט. ניט טרויערן, נאָר זיין מוטיק און העלפן מיט אַלע כחות צו דערגרייכן דעם באלדיקן זיג איבער די שונאים פון דער מענטשהייט.

די ברידער פּאָפּאָף וואָרפן גורל

ווען די די שורות ווערן געדרוקט פרייט זיך די מאַמע אין איר אַפּאַרטמענט אויף דעילי עוועניו, בראָנקס, מיט איר זון, וואָס איז נאָר-וואָס אָנגעקומען פון איטאַליע, ווייל זינט דעם 5טן נאָוועמבער 1942, האָט זי אים בלויז צוויי מאָל געזען.

די מאַמע הייסט שרה פּאָפּאָווסקי. איר זון׳ס נאָמען איז וויליאַם פּאָפּאָף. ער איז 23 יאָר אַלט. אַ געבאָרענער ניו יאָרקער. די מאַמע שטאַמט פון לוקאָוו, לובלינער גובערניע, פוילן.

אויסער וויליאַמ׳ען פאַרמאָגט די מוטער נאָך א זון, אייב. ער איז דער עלטערער. ער איז געווען אין דער היים, ווען כ׳האָב באַזוכט זיין מאַמע׳ן: א שטילער, אַ געלאַסענער בחור, וואָס האלט שטארק פון זיין ייִנגערן העלדישן ברודער, נאָר וואָס איז צו-באַשיידן צו רעדן וועגן אים, אַט־ווי זיין מאַמע, וועלכע האָט זיך ערשט דערמאָנט די העלדישקייטן פון איר וועלוול, ווען איך האָב זיי געפּרואווט אַרויסברענגען.

געלייענט וועגן וויליאַם (וועלוול) פּאָפּאָף האָב איך אין אַ קעיבל אין דער „ניו יאָרק טאַימס״. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַ לופט־אַטאַקע איבער דער שטאָט רעגענסבורג און דערפאַר באַקומען אַ מעדאַל.

איצט האָט וועלוול פאַרענדיקט זיינע 50 מיסיעס און ער איז אַהיימגע־קומען צו דער מאַמען זיך אַביסל אָפּצורוען און שפּעטער ווידער העלפן גע־ווינען די מלחמה.

ווי דערמאָנט, האָבן מאמע און זון וווינציק־וואָס גערעדט. געענטפערט אויף א פראגע — יאָ, נאָר אליין אַרויסהעלפן דעם אָרימען שרייבער, אַז ער זאָל האָבן גענוג מאַטעריאַל פאַר אַן אַרטיקל — דאָס ניט.

דארף מען פּאָמפּען אינפאָרמאַציע ביז מען דערגייט צום קוואַל. אָט, למשל, פאַלט מיר איין צו פרעגן, פאַרוואָס אייב איז ניט אין מיליטער־דינסט. שמייכלט ער, דער שטילער בחור און ער דערציילט דערביי א שיינע מעשה.

ביידע האָבן זיי זיך געריסן גיין אין דער אַרמיי. נאָר די מאַמע איז אַן אַלמנה און מען דארף זי אויסהאַלטן. דארף איינער בלייבן און דער צווייטער — גיין. די פראַגע איז בלויז: ווער זאָל גיין?

האָבן ביידע ברידער געהאַט לאַנגע ווערטער־שלאַכטן וועגן דעם.
האָט ארגומענטירט וויליאַם, דער ייִנגערער:
— דו, אייב, ביסט דער בעסערער פאַרדינער, דאַרפסטו בלייבן. דו דאַרפסט אויסהאַלטן די מאַמע׳ן. איך גיי זיך אַנשליסן.
האָט אָבער אייב גע׳טענה׳עט:
— דו, וויליאַם, ביסט דער אידעלער, די אַרמיי וועט דיך צעברעכן. מען וועט דיך אינגאַנצן ניט צונעמען. איז בעסער בלייב דו איבער און באַזאָרג די מאַמע׳ן.
און אַז מען האָט זיך ניט געקענט אייניקן, איז מען אַוועק צו דער מאַמען, זאָל זי באַשטימען.
נו, האָט איר שוין געזען אַ מאַמען, וואָס זאָל קאָנען באַשטימען אַזאַ שווערן ענין?
וואָס־זשע איז געבליבן צו טאָן? האָבן ביידע ברידער געטראַכט און געטראַכט ביז זיי האָבן זיך דערטראַכט צו אַ פּרימיטיוון מיטל, צו אַ קינדישן איינפאַל, וואָס איז אָבער אַזוי אַלט ווי די ציוויליזאַציע.
זיי האָבן באַשלאָסן צו וואַרפן גורל. האָט מען געדרייט אַ פּעני און זי האָט געדאַרפט אַנטשיידן, ווער זאָל זיך אַנשליסן אין מיליטער. די פּעני האָט באַשטימט, אַז וועלוול, דער ייִנגערער, זאָל גיין, און ער איז אין דעם זעלבן טאָג אַוועק און זיך אַנגעשלאָסן.
מיינט איר, אַז די מאַמע האָט די גאַנצע צייט געוואוסט די מעשה מיט דער פּעני? ניין. זי האָט דאָס ערשט אויסגעפונען, ווען אייב האָט עס מיר דערציילט. זי איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. זעט איר וואָס אַ שרייבער קאָן אויפטאָן?

וועלוול האָט גראַדויִרט הײַ־סקול. בייטאָג האָט ער געאַרבעט ביי פּאַקעט־בוקס און שפּעטער אַלס מאַשיניסט אין ברוקלין נעיווי יאַרד. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן צו 15 יאָר, כדי צו קאָנען אַרויסהעלפן אין הויז.
ווען ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין מיליטער־דינסט, איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ אַוויאַציע־שול און ער האָט פאַרענדיקט אַלס אַ צווייטער לייטענאַנט. ער איז געוואָרן אַ באַמבאַרדירער אויף אַ פליִענדיקער פעסטונג, אַ בי־17. ער איז גלייך אַפּגעשיקט געוואָרן קיין איטאַליע. פון דאַן אַן האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע וויכטיקסטע אַטאַקעס, אַריינגערעכנט די פּאַרטייִדיקונג פון אַנציאָ־ביטש־העד. איבערהויפּט אָבער איז ער געפלויגן איבער דייטשלאַנד.
לעצטן מאַי איז ער דערהויבן געוואָרן צו אַן ערשטן לייטענאַנט. ער האָט אַ סך מיטגעמאַכט. נאָר ער האָט בלויז געגעבן אַנצוהערן אין בריוו, אַז ער

ווערט האָבן א סך צו דערציילן אהיימקומענדיק. עס זיינען אָבער געווען די נייעס־קעיבלס אין די צייטונגען, וואָס האָבן דערציילט וועגן זיינע אויס־צייכענונגען און די געפאַרן וואָס ער איז דורכגעגאַנגען.

וועגן איין דערפארונג זיינער שרייבט זועלוול אין אַ בריוו צו דער מאמען און צום ברודער. אָט־וואָס ער דערציילט:

„מען האָט מיר נאָר־וואָס געלאָזט וויסן, אז די צענזור דערלויבט צו דערציילן וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט לעצטנס. איז אָט איז דאָס:

„מיר זיינען געפלויגן אויף אונזער מיסיע, און א צען סעקונדן איידער איך האָב געעפנט די באָמבע־טיר, זיינען מיר אַטאַקירט געוואָרן פון שונא׳ס שראַפּנעלן (פלעק) און אונזער אינדזשין נומער 3 איז געטראָפן געוואָרן. דאָס גלאָז אין דער נאָז פון דער שיף איז צעבראָכן געוואָרן. איך האָב דער־פאָלגרייך אראָפּגעוואָרפן מיינע באָמבעס און אויך געטראָפן אין באשטימטן ציל. און ווי איך האָב פארמאכט די טירן, זיינען מיר ווידער אטאקירט געוואָרן, און נאָך אַ פּאָר אינדזשינס זיינען צעשמעטערט געוואָרן און איך בין ארויפגע־שליידערט געוואָרן אויפ׳ן קאָפּ פון נאוויגאטאָר. איך האָב באקומען אַ פּאָר קראצן פון פליענדיקן שראַפּנעל און דערפאר בין איך שפּעטער באלוינט געוואָרן מיטן „פּורפּל הארט״. אונזער לופט־שיף האָט אָנגעהויבן זינקען און אנשטאט זיך ארויסצולאָזן אויף די פּאַראַשוטן, זיינען מיר געבליבן אי־נעווייניק ביז זי האָט אריינגעקראַכט אין וואַסער.

„איך קאָן דאָ ניט אריינגיין אין קיין דעטאַלן, נאָר מיר האָבן זיך געפונען אין וואָסער פיר־און־אַ האַלב שעה ביז מען האָט אונז געראַטעוועט און צוריק־געקערט צו אונזער באַזע. עס איז געווען שוין איינמאָל אַן איבערלעבעניש. דער־נאָך האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אויף אָפּרו אין אַ לופט־פליערס אָפּרו־קעמפּ. דאָס וועטער איז געווען שרעקלעך און דאָס האָט מיר געשטערט צו פאר־גרעסערן מיין פלי־רעקאָרד.

אויף מיין פראגע, וויפיל מעדאלן וועלוול האָט באקומען, האָט דער ברודער געענטפערט, אז פיר, וועלכע — האָט ער אויף זיכער ניט געוואוסט. אויסער „פּורפּל־הארט״ איז ער באַלוינט געוואָרן מיט׳ן וויכטיקן עיר־(לופט) מעדאַל.

אויך ווייסט ער, אז וועלוול האָט פיר טעג געפעלט פון אַ מיסיע. וואָס, ווען און ווי אזוי ער האָט זיך ארויסגעראַטעוועט, וועט מען וויסן ווען וועלוול וועט זיצן וואו איך זיץ אויפן קאַוטש און ער וועט דאָס אַלץ דערציילן.

אויך דריי מאָל האָט מען זיינע עראָפּלאנען ארונטערגעקנאַקט אונטער אים. אַז וועלוול האָט זיך שטארק אויסגעצייכנט באשטעטיקט אויך דער פאקט,

וואָס ער איז געווען דער סקאַדראָן־באָמבאַרדירער. דאָס הייסט, אַז ער איז געווען דער באָמבע־וועג־ווייזער פאַר די איבעריקע באָמבערס אויף אַ מיסיע.

ווען וועלוול האָט ענדלעך דורכגעמאַכט זיין 50טע מיסיע, האָט ער אַהיימגעשיקט אַ בריוו, וואָס הויבט זיך אָן אַזוי:

„טייערע מאַמע און אייב — איך האָב פאַרענדיקט! היינט דורכגעפירט מיין 50טע מיסיע און איך בין דער גליקלעכסטער זון פון אַ מאַמען אויף דער גאַנצער ברייטער וועלט!... איך האָב דאָס היינט אַביסל „אויסגעשוויצט" אויף מיין רעיד. געפלויגן איבער עסטרייך און די אַטאַקעס פון שונא זיינען געווען שווער, נאָר איך האָב אַלץ דורכגעפירט אָקעי. דער גענעראַל (מאַיאָר גענעראַל טווינינג) איז געקומען צו אונז און אונז דעקאָרירט מיט מעדאַלן. איך האָב באַקומען דעם לופט־מעדאַל. גענוג וועגן דעם".

און דאַן בעט ער דעם ברודער, אַז ער זאָל צוגרייטן פאַר אים זיינע העמדער. מען דאַרף אַריינגיין צום שניידער און זיי ברייטער מאַכן; רייניקן און אויספּרעסן די הויזן... און אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועט מען נעמען די מאַמען און פאָרן קיין קוני איילאַנד...

איצט איז וועוולול'ס טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן. ער איז אין דער היים. ער נעמט די מאַמע אין קוני איילאַנד, ער ווייזט איר ניו יאָרק, ווי די שטאָט וואָלט אים געווען אינגאַנצן ניי. ער וועט דאָ זיין 21 טעג און דערנאָך זיך ווידער מעלדן אויף זיין פּאָסטן צו העלפן פאַרענדיקן דעם דזשאָב איבער אונזערע שונאים.

די יידישע נוירס ענא זילבער

צווישן די אמתע העלדן פון קריג וועגן וועלכע מען הערט ווינציק, נאָר וועלכע טוען אומשאַצבאַרע ארבעט, דארפן פאררעכנט ווערן די נוירסעס, די קראנקן־שוועסטער, וואָס כאָטש זיי געפינען זיך ניט אין די פאָדערשטע רייען פון שלאכטפעלד, זעען זיי אָבער אַלע גרוילן פון דער מלחמה.

אין טעאַטער־געגנט אויף בראָדוועי האָב איך לעצטנס געזען צווישן דעם אויסגעפּוצטן פארגעניגן־זוכנדיקן עולם צוויי יונגע סאָלדאטן — קריפּלס. ביי איינעם האָט געפעלט אַ פוס; ביים צווייטן זיינעןביידע פיס געווען אָנגעריפן. ביידע האָבן זיך געלערנט גיין אויף קוליעס.

גלייך זיינען אלע פריילעכע פּנים׳ער פארטרויערט געוואָרן. די מלחמה איז אראָפּגעבראַכט געוואָרן אויף בראָדוועי. אַ יונגע פרוי האָט אויסגערופן צו איר באַגלייטער: „דאָס איז שרעקלעך — און נאָך אויף בראָדוועי, אין דער טעאַטער־שעה!״

עס איז, אמת, שווער צו קוקן אויף אַ קריפּל, נאָר וואָס גיכער מיר וועלן פארשטיין, אז מיר דארפן די פארוואונדעטע אויפנעמען מיט דער נאַטירלעכער ווארימקייט און מיטן געפיל, אז זיי האָבן מיר צו פארדאנקען אונזערע הענט און פיס און לייב און לעבן — וואָס גיכער מיר וועלן איינזען, אַלץ נאָרמאלער וועט דאָס לעבן זיך איינשטעלן פאר אונז אלעמען.

דער נוירס הינטער׳ן שלאכטפעלד קומט אויס צוועלף שעה אין מעת־לעת אויפצופּאַסן אויף די סאַמע שרעקלעכסטע קריפּלס, גלייך ווי מען ברענגט זיי פון שלאכטפעלד. זי ראַטעוועט אָפט אַ סך לעבנס מיט איר שנעלער און געשיקטער באַהאַנדלונג.

לעצטנס האָב איך באַשריבן דעם ערשטן לייטענאַנט נוירס א נ א ז י ל ב ע ר. איך האָב דערציילט, אז זי איז געבאָרן געוואָרן אין ראַוונע און אז זי איז געקומען אהער אין עלטער פון זיבן יאָר. זי איז געוואָרן אַ נוירס ערשט נאָך איר חתונה, ווען זי איז שוין געווען א מוטער פון אַ צוויי־יאָריקער טאָכטער.

ווען אמעריקע איז אריין אין קריג האָט אַנאַ זילבער געאַרבעט אין ברוקלין סטעיט האָספּיטאל פאר גייסטיק קראנקע, און ארבעט צו וועלכער זי האָט זיך געווידמעט מיט איר גאנצן אידעאליזם. זי האָט געוואוסט, אז די ארמיי נויטיקט זיך אין איר. ז י איז געווען די איינציקע פארזאָרגערין פון איר טאָכטער און זי

האָט געוואָרט אויפן מאָמענט, ווען איר טאָכטער וועט חתונה האָבן, דאַן זיך צו קאָנען אָנשליסן אין דער ארמיי.

די טאָכטער האָט געהייראַט, נאָר איר חתן איז גלייך צוגענומען געוואָרן אין מיליטער־דינסט און אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף יענער זייט ים. אַנאַ זילבער איז געוואָרן אַן ערשטער לייטענאַנט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין ניו יאָרק און זי האָט זיך געקליבן צום פראָנט. זי האָט זיך געקליבן לייענען מיין ארטיקל וועגן איר — זי לייענט גוט יידיש — נאָר זי איז אוועקגעשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך גלייך נאָך אונזער אינטערוויו.

איצט ליגן פאַר מיר אַ צאָל בריוו, וואָס לייטענאַנט אנא זילבער האָט געשריבן פון הינטערן שלאַכטפעלד אין פראַנקרייך צו איר טאָכטער אין ניו יאָרק.

פּאַסירט האָט אָט־וואָס. בעת די מוטער האָט זיך געפונען אויפ׳ן וועג צו די פארוואונדעטע איז איר טאָכטער פּלוצלינג געפערלעך קראַנק געוואָרן און מען האָט זי צוגענומען אין שפּיטאָל. איר לאגע איז געווען אזוי ערנסט, אז מען האָט געוואָלט צוריקרופן די מוטער.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי עס האָט געפילט די מוטער, ווען זי האָט, ארומגערינגלט פון טויט און פּיין, זיך דערוואוסט, אז איר איינציק קינד געפינט זיך איינע אליין אין אַ שפּיטאָל אין ניו יאָרק.

נאָר לאָמיר לאָזן דער מוטער׳ס בריוו אליין דערציילן וועגן אירע געפילן. איך האָב די פאָלגנדיקע בריוו אריינגענומען אין מיין ענגלישן בוך.

דער ערשטער בריוו איז געשריבן געוואָרן צו אירע ווייטע קרובים, די איבעריקע — צו איר טאָכטער.

דער ערשטער בריוו איז דאַטירט נאָוועמבער 26, 1944, ערגעץ וואו אין אייראָפּע. אַנאַ דערציילט, אז זי ארבעט ניט ווינציקער ווי צוועלף שעה א טאָג און אמאָל אויך פערצן שעה, נאָר זי וואָלט געאַרבעט לענגער, אויב עס וואָלט איר דערלויבט געוואָרן. זי קאָן ניט איבערגעבן קיין איינצלהייטן, נאָר זי געפינט זיך זייער נאָענט פון פּלאַץ „וואו גרויסע פּאַסירונגען קומען פאָר". דאַן שרייבט זי וועגן איר טאָכטער אזוי:

„ווען איך וואָלט נאָר געווען זיכער, אַז מיין קינד איז שוין ארויס פון געפאַר, וואָלט איך געקאָנט טאָן מער און בעסערע ארבעט... גלויבט מיר, טייערע, אַז איך וועל אייביק דאנקבאר זיין יענעם, וואָס וועט אצינד אויפפּאַסן אויף מיין טאָכטער... איך בין דער לעצטער מענטש צו וועלן ארויפוואַרפן אַ לאַסט אויף אימיצנ׳ס פּלייצעס. נאָר גראָד איז דאָס לעבן ניט גוט צו מיר אין אזא צייט, ווען איך בין וויליק זיך מקריב צו זיין כדי צו העלפן פארלייכטערן די ווייטאָגן פון אנדערע מאמעס".

די איבעריקע בריוו זיינען געשריבן צו דער טאָכטער. אָט איז דער ערשטער בריוו, דאַטירט דעצעמבער 15, 1944.

„מיין טייערסטע:

„היינט בין איך דער גליקלעכסטער מענטש. כ'האָב ענדלעך דערהאַלטן די וואונדערבארסטע נייעס, אז דו קאָנסט שוין פארלאָזן דעם שפּיטאָל. דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן וויפיל שרעקלעכע טעג איך האָב דורכגעלעבט זיך זאָרגנדיק וועגן דיר און ניט זייענדיק בכח עפּעס צו טאָן פאר דיר. דו ביסט אַ בראַוו מיידל, כמעט אזוי בראַוו ווי מיינע בחורים. אויך דו האָסט זיך ניט אונטערגעגעבן אין קאַמף פאר'ן לעבן.

„איך האָב דערציילט וועגן דיר עטלעכע פון מיינע בחורים, איבערהויפּט די וואָס ליגן אויסגעקערט מיט די פּנים'ער צו דער וואַנט, אנטוישט פון אַלץ. דיין בריוו האָט זיי אָנגעפילט מיט אַ נייעם גייסט. איך האָב געפילט, אַז זיי קומען צו זיך, ווייל דאָ אין שפּיטאָל איז קוראַזש פּונקט אזוי נויטיק ווי אין דרויסן אויפן שלאַכטפעלד.

„איך בין שטאָלץ מיט דיין בריוו, וואו דו הייסט מיר אָנגיין מיט מיינע פליכטן, וואו מען נויטיקט זיך אין מיר אַזוי שטאַרק, אנשטאָט צוריקצוקומען און אויפפּאַסן אויף דיר. ביסט אַן אויסגעצייכנטער יאַט און ביי מיר ווע‌סטו שטענדיק פארבלייבן „די קליינע פּיאָנערקע". פּאַס אויף זיך אויף.

מיט מיין גאנצער ליבע,

דיין מאַמע"

און אָט איז דער צווייטער בריוו צו דער טאָכטער, דאַטירט דעצעמבער 28:

„מיין ארמיי־פּאָסטן האָט פארוואנדלט א פאַרם פאר די קינדער פון אַ דערבייאיקן שטעטל, וואו עס געפינען זיך מערסטנס קינדער וואָס זיינען עוואַקואירט געוואָרן פון שטעט, וואָס זיינען שטאַרק באָמבאַדירט געוואָרן. צווישן די קינדער געפינען זיך א צאָל יתומים, פּיצעלעך, וועמעס מוטערס זיינען אומגעקומען פון די באָמבעס. די פאָטערס פון די מערסטע קינדער געפינען זיך אויף די פראָנטן.

„עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען 356 קינדערלעך. קאָנסט זיך שוין פאָרשטעלן ווי שטאַרק פארנומען מיר זיינען געווען, האָבנדיק אין זינען די לאַנגע שטונדן וואָס אונז קומט אויס צו ארבעטן.

„טייערסטע, דו האָסט געדאַרפט אָנקוקן די ליבע זיסע קינדערלעך. זיי האָבן אזוי גוט פארבראַכט, נאָר מיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען קוקנדיק אויף

זי, ווי זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס און ווי אויסגעהונגערט זיי זיינען געווען נאָך א שטיקל קענדי אָדער קעיק.

„דו זעסט, מיין זיס קינד, ווי נויטווענדיק עס איז פאר יעדן פון אונז זיך מקריב צו זיין און ווי נויטיק עס איז פאר מיר דאָ צו זיין; אַזוי אַז קיינמאָל מער זאָל די וועלט ניט דארפן דורכמאכן אַזעלכע טראגעדיעס און פאר־וויסטונגען, ווי עס קומט מיר אויס צו זען ארום זיך".

אין אָ דריטן בריוו צו דער טאָכטער דערציילט לייטענאנט אַנאַ זילבער ווי די פארוואונדעטע האָבן זי קריסטמעס אָוונט ארומגערינגלט און, לויט'ן מנהג, געקושט.

אין אַן אַנדער בריוו צו א קרובה דערציילט זי, אַז זי איז געוואָרן דער סופערוויזער איבער אַכט וואָרדס. די פאראנטוואָרטלעכקייט איז זייער אַ שווערע. נאָר די נויט פאר הילף איז שטאַרק גרויס און עס פעלן אויך נוירסעס אומעטום.

אנא זילבער'ס בריוו זיינען אַ וויכטיקער דאָקומענט פון א יידישער מאמע, וואָס איז אַן אמתער העלד פון דער מלחמה. זי העלפט ראטעווען אַנדערע מאַמע'ס קינדער הינטערן שלאַכטפעלד אין דייטשלאנד און אליין בעט זי זיך, אַז מען זאָל אויפפאַסן אויף איר קראנקער טאָכטער אין ניו יאָרק.

קאַפּיטאַן זירא שיקט אַ גרוס

אַ גאַנצן טאָג האָט די ראַדיאָ לעצטן דאָנערשטאָג געהאַלטן אין אָפּגעבן אַ גרוס (צו זיין מאַמען אין ניו יאָרק) פון קאַפּיטאַן מאַקס זירא, וואָס איז געווען פון די ערשטע צו לאַנדן אין פראַנקרייך. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די צייטונגען איבערן לאַנד.

וויאַזוי איז דאָס געשען?

ווען דער קאַפּיטאַן האָט זיך געפונען אויפ'ן שלאַכטפעלד האָט ער דער־זען אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער נייעס אַגענטור „אַסאָשיעיטעד פּרעס" און ביי אים געבעטן פאָלגנדיקע טובה: אַזוי ווי זיין מאַמע ווייסט, אַז ער איז געווען פון די ערשטע צו לאַנדן און אַזוי ווי זי זאָרגט זיך געוויס, דערפאַר בעט ער דעם קאָרעספּאָנדענט, אַז ער זאָל אַוועקשיקן אַ קעיבל און דערציילן, אַז ער האָט געזען איר זון און אַז ער איז געזונט און שטאַרק און בעט איבערגעבן אַ גרוס דער מאַמען, דעם טאַטן און די דריי שוועסטער.

בין איך אַוועק זיך זען מיט די עלטערן פון קאַפּיטאַן זירא. געעפנט די טיר האָט מיר דעם קאַפּיטאַנ'ס פאָטער, גרשון זירא, אַ ייד פון נידעריקן וואוקס און פון איידעלן אויסזען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער זון איז — להיפוך דעם פאָטער—אַ ריז אין וואוקס און אין אויסזען. ער איז זעקס פוס הויך און וועגט 185 פונט. איך האָב אויסגעפונען, אַז מאַקס געפינט זיך איצט אַלס קאַפּיטאַן אין דער סאָמע וויכ־טיקסטער אינפאַנטעריע פון לאַנד, וואָס בלויז אויסדערוויילטע, אויסגעפּרוּווטע שלאַכט־מענער ווערן אַהין אַריינגענומען. ער איז א קאַפּיטאַן אין דער „ערשטער קאַמפּס אינפאַנטעריע דיוויזיע", וואָס האָט זיך געשאַפן דעם בעסטן נאָמען אין דער אַרמיי אין דער לעצטער וועלט־מלחמה נומער איינס, און איז געווען די ערשטע צו לאַנדן איצט אויפ'ן נאָרמאַנדי ברעג.

באַלד איז אַריינגעקומען מאַקס'עס מוטער, צוליב וועמען דער גאַנצער גערודער איז אַרויסגעקומען. זי איז אַן אמת היימישע פרוי, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַראָפּגעקומען פון שטעטל אין פּוילן. איר יידיש איז אַן עכט לובלינער. קומט זי טאַקע מיט'ן מאַן און צוויי טעכטער פון שטעטל שעבערשין, לעבן זאַמאָשטש, לובלינער גובערניע. נאָר זי איז ניט נעכטן געקומען קיין אַמעריקע. זיי

זיינען שוין דאָ 34 יאָר. דאָ, אין ניו יאָרק, זיינען עגבאָרן געוואָרן נאָך צוויי קינדער, מעקסי און די יינגסטע טאָכטער.

ווי קומט צו זיי דער נאָמען זיראַ? ענטפערט דער פאָטער, אַז אזוי האָט ער געהייסן אין דער היים, אַזוי האָט געהייסן זיין פאָטער, זיידע און עלטער-זיידע.

די זיראס זיינען פרומע מענטשן, איבערהויפּט די פרוי. ער איז א בעקער ביים פאַך. אמאָל איז דאָ ארבעט, אמאָל ניט, די כחות זיינען שוין אויך ניט פון אַמאָל... איז האָט זיי גאָט געהאָלפן מיט לייטישע קינדער. איין טאָכטער איז פאַרהייראַט צו אַ דאָקטאָר, וואָס געפינט זיך אין דער ארמיי; די צווייטע צו אַ לאָיער. די דריטע, דאָס יינגסטע קינד, וואָס וואוינט מיט זיי, פאַרנעמט זייער אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין אַ גרויסער קאָמפּאַני. נאָר זייער הויפּט-שטאָלץ איז איצט זייער געראָטענער זון מענדל.

וועגן אים (דער טאַטע רופט אים מעקסי, די מאַמע — מענדל) קאָנען זיך די עלטערן ניט אָנרעדן צו זאַט. און זיי זיינען גערעכט. זייער זעלטן ווען אַ קינד איז אזוי איבערגעגעבן צו זיינע עלטערן.

מאַקס ווערט 28 יאָר אַלט אין אויגוסט. ער האָט געענדיקט דעם ניו יאָרקער אוניווערסיטעט אַלס לערער פון פיזישער טרעינירונג. זומער-צייט פלעגט ער ארבעטן אַלס ספּאָרט-דירעקטאָר אין קינדער קעמפּס. ער האָט זיך אין אוני־ווערסיטעט אויסגעצייכנט אַלס פוט-באָל שפּילער. נאָר אַזוי שטאַרק ווי ער איז געווען פיזיש, אַזוי רייך איז ער געווען גייסטיק.

אָט שטייט זיין שאפע ביכער. די סאמע לעצטע ערנסטע ראָמאַנען. טאָמאס מאַן און טאָמאס וואָלף; פּאָעזיע און סאָציאָלאָגיע; מוזיק און קונסט. גאַנץ אָפט פלעגט אים דער „דיך" פון אוניווערסיטעט אריינעמען צו זיך אויף וועטשערע, ווייל ער האָט ליב געהאָט צו דיסקוטירן מיט אים וועגן וועלט-פּראָבלעמען.

אין דער ארמיי איז מאַקס דעם פערטן יאָר. ער איז אריין אין מערץ 1941. אריין אַלס אַ פּשוטער פּראַיוועט, ניט געזוכט קיין פּריווילעגיעס. פון דאַן אָן האָט ער צו די עלטערן געשריבן וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט וועגן זיינע דערפאָרונגען אין דער ארמיי.

ווען ער איז אהיימגעקומען ראש השנה אויף אורלויב האָט ער ביידע טעג פאַרבראַכט מיט די עלטערן אין שול, ניט מיט זיין מיידל אָדער מיט זיינע פריינט. ער האָט יעדן פרימאָרגן געדאַוונט ווען ער איז געגאַנגען אין אוניווערסיטעט, צוליב דעם איז ער אויפגעשטאַנען גאָר פרי.

ניט ווייל ער איז אַ רעליגיעזער מענטש, נאָר ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיין פרומע מוטער וועט זיך פילן גוט דערפון. דער געדאַנק, אַז זי וועט זיין צו-

פרידן וואָס ער זיצט מיט איר צוזאַמען האָט אים געמאַכט צו זיצן ביידע טעג ראש השנה אין שול.

מאַקס איז אַ גוטער רעדנער און אַ שרייבער. זיינע איינאַקטערס האָט מען אויפגעפירט דאָ אין די מיליטערישע קעמפּס.

ווי אזוי איז מענדל געוואָרן אַ קאַפּיטאַן אין דער אינפאַנטעריע? אויף דעם קאָנען די עלטערן ניט ענטפערן, ווייל זיי ווייסן ניט. וואָס זיי ווייסן יאָ איז, אַז מענדל „ארבעט זייער שווער" אין דער ארמיי, אזוי שרייבט ער צו זיי. שוין צוויי יאָר ווי ער איז אויף יענער זייט. ווען ער איז אַוועק קיין צפון אפריקע איז ער געווען אַ סאַרדזשענט. פון דאַן אָן האָט ער אַנטייל גענומען אין יעדער אינוואזיע, אין יעדער שלאַכט, ווי עס פּאַסט דער „ערשטער קאַמפּס" דיוויזיע פון לאַנד.

אין זיינע בריוו צו די עלטערן דערציילט ער ווי ער היט אָפּ יידישקייט. יום כפור האָט ער געפאַסט און אין שול געזאָגט מפטיר. ווען ער איז צוריקגעקומען אין קעמפּ האָבן די סאָלדאטן געהאט פאר אים צוגעגרייט אַ גוטן מאָלצייט, ניט ווייל ער האָט זיי געבעטן, נאָר ווייל זיי באַציען זיך צו אים מיט׳ן גרעסטן רעספּעקט.

אין אַ „ווי" („וויקטאָרי") בריוול פון לעצטן אַפּריל פון ענגלאַנד דערציילט ער, אַז דער סדר איז געווען גרויסאַרטיק. עס זיינען געווען קניידלעך און מען האָט געזאָגט די הגדה, כמעט ווי אין דער היים.

מאַקס שרייבט ניט צו די עלטערן וועגן זיינע אויסצייכענונגען אויף די שלאַכטן און דערפאַר האָב איך ניט געקאָנט דערגיין ווי אזוי ער האָט זיך פון אַ פּראַיוועט ארויפגעארבעט צו א קאַפּיטאַן פון דער אָנגעזעענסטער דיוויזיע אין אַמעריקע.

נאָר פון אַ בריוו וואָס ער האָט געשיקט זיינעם אַ פריינט און וואָס איז טיילווייז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם וואָכנבלאַט „סיניאָר סקאָלעסטיק", וואָס ווערט ארויסגעגעבן פאר די האַי סקול קלאַסן איבער׳ן לאַנד, געפינט מען אויס, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין דער אינוואזיע פון סיציליע. ס׳איז אַ ליטעראַרישער בריוו. מאַקס איז אַ זעלטענער באַאָבאַכטער. ער פאַרמאָגט אַ פיינעם הומאָר, נאָר ער איז אויך פילאָסאָפיש און שטימונגפול.

צוליב פאַרשטענדלעכע אורזאכן וועל איך דאָ ניט דערציילן וועגן זיינע איבערלעבונגען, נאָר באַקענען דעם לייענער מיט א מוסטער פון זיין סטיל. אָט איז אַן איבערזעצטער אויסצוג.

„לאַנגזאַם פאַרלאָזט די שיף דעם האַפן. קיינער ווייסט ניט וואוהין זי פירט אונז. אָ, עס איז לייכט געגוג זיך פאַרצושטעלן. נאָר, אָפיציעל, האָט מען קיין פּיפּס ניט געטאָן וועגן פּונקט פון דער אינוואזיע. דו גיסט אַ לעצטן קוק אויף

אַפריקע. ביסט ניט אומצופרידן וואָס דו פאַרלאָזט דאָס לאַנד. האָסט געזען גענוג וויפיל דו האָסט געוואָלט. אַ סך געדאַנקען לויפן דורך דעם מוח. דער טאָג ווען דו האָסט געלאַנדעט אין אָראַן און די שפּעטערדיקע רייזעס צו די אַטלאַס בערג. דיינע באַזוכן אין קאָסטאַנטין, אַלזשיר און טוניס. די אַראַבער. דער רעגן און די בלאָטע. די זון און די היץ. דער פראָסט און דער שניי (יאָ, אין אַפריקע).

„נאָר איבער אַלץ טראַכטסטו וועגן דעם קריג. וועגן די באָמבעס און די שראַפּנעלן און די קוילן, וועגן די צעשטערטע קאַנאָנען, טאַנקען און עראָפּלאַנען. וועגן די מענטשן וואָס דו האָסט געקענט און וואָס זיינען מער ניטאָ. וועגן די קברים מיט די צלמים און די מגן־דוד׳ס. וועגן די פריינט וואָס דו האָסט געלאָזט. און מיטאַמאָל זעסטו איין, אַז איצט וועט נאָך ווערן שווערער. דו דאַרפסט לאַנדן נאָך איידער דו קאָנסט זיך איינגראָבן. און מען קאָן ניט וויסן ווער עס וועט וואַרטן אויף דיר".

דער אויסצוג איז געשריבן געוואָרן אין אויגוסט 1943, נאָר ער פּאַסט זיך גריילעך אַריין אין דער נייער, אין דער פראַנצויזישער אינוואַזיע, וואָס איז געווען טויזנט מאָל שווערער ווי די אינוואַזיע פון סיציליע.

אויף מאַקס׳עס ביכער שאַפע שטייט אַ דייטשער שוואַרצער אייזערנער העלם וואָס ער האָט אהיים געשיקט פון איטאַליע. דער מאַמען האָט ער געשיקט אַ שיינע זילבערנע בראָש, דעם טאַטן — נעקטאַיס. אויסער דעם האַלט ער אין איין אהיימשיקן געלט און ער בעט זיך ביים טאַטן, אַז ער זאָל אויפהערן אַרבעטן און אים שיקן די רעסיטס וואָס ער און די מאַמע וועלן אויסגעבן אויף זיך. דאָס וועט זיין זיין גרעסטער פאַרגעניגן, שרייבט מאַקס, ווען ער וועט דורך די רעסיטס זען, אַז זיי אַמוזירן זיך, אַז זיי רוען זיך אויס. נאָר די עלטערן לייגן דאָס געלט אין באַנק אַריין אויף מאַקסע׳ס נאָמען.

די מאַמע איז קראַנק און דאָס איז מאַקס׳עס גרויסע זאָרג און דאָס האָט אים באַוואויגן אין היץ פון דער גרויסער שלאַכט זיך צו ווענדן צום אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט און אים בעטן איבערגעבן אַ גרוס דער מאַמען.

דער קאָרעספּאָנדענט האָט געפאָלגט און גאַנץ אַמעריקע האָט געהערט און מקנא געווען די מאַמע. אין איין טאָג צייט האָט דער טעלעפאָן געקלונגען איבער 60 מאָל, די מאַמע האָט עס מער ניט געקענט אַריבערטראָגן און זי איז אוועק־געפאַלן אַ קראַנקע פון אויפרעגונג.

דעם צווייטן טאָג זיינען אָנגעקומען 14 בריוו פון פרעמדע מענטשן מיט צייטונג־אויסשניטן און גליק־וואונטשן, טאָמער האָבן עס די עלטערן ניט געזען. בשעת איך בין געזעסן ביי זיי אין הויז שבת אינדערפרי האָט עמיצער אָנ־

געקלונגען, אַז די צייטונג „פּי עם" שרייבט וועגן מאַקס'ן. דער פּאַטער האָט מיר געוויזן אַ בריוו וואָס איז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען. דער שרייבער האָט זיין נאָמען ניט אונטערגעשריבן. בלויז אַ קליפּינג פון דער „העראַלד טריביון" וועגן זון און פאָלגנדיקע ווערטער צוגעשריבן:

„אַ פרעמדער וואָס איז צופרידן וואָס אייער זון איז גאַנץ און וואָס ער איז ניט באַשעדיקט געוואָרן שיקט איך דאָס".

די 14 בריוו האָט מיר די מוטער געוואָלט וויזן נאָר די טאָכטער האָט זיי געהאַט מיטגענומען אין אָפּיס אריין צו ענטפערן יעדן שרייבער מיט א דאַנק.

צי מאַקס איז אַ שטאָלצער ייִד? ער איז שוין גאָר שטאָלץ. ער וועט זיך מיט קיינעם ניט פארטשעפּען, ער קאָן יעדן איינעם אויפקלערן, איבערצייגן, נאָר עס איז יענעם ניט מקנא צו זיין, אויב מאַקס דאַרף זיך פיזיש פארטיידיקן.

דער פּאָפּולערער זשורנאַל „לאיף" האָט געזאָלט האָבן א לענגערע באַשרייבונג וועגן מאַקס דערגרייכונגען אויפ'ן שלאַכטפעלד, נאָר אין דער לעצטער מינוט איז דאָס ניט געדרוקט געוואָרן. דער זשורנאַל האָט אָבער צוגעשיקט אַ פיינע פאָטאָגראַפיע פון מאַקס'ן צו די עלטערן. דאָס בילד איז אָנגעקומען פון דעם „לאיף־פאָטאָגראַפער אין ענגלאַנד.

די עלטערן באַלאַנגען צו דער אינדעפּענדענט שעבערשינער קאָנגרעגיישאַן. זיי זיינען שטאָלץ מיט זייער זון דעם קאַפּיטאַן, און זיי זיינען געווען צופרידן וואָס א יידישער צייטונגסמאַן איז צו זיי געקומען און מען האָט זיך אין אַ פוילישן יידיש געקאָנט אויסרעדן די הערצער.

— איר ווערט אונזערער אַ פריינט, — האָט מיר די מוטער געדריקט די האַנט, ווען איך האָב זיי געוואונטשן, אַז איר זון זאָל באַלד אהיימקומען אַ גאַנצער און אַ געזונטער.

בין איך צופרידן וואָס איך האָב געקראָגן אַ נייעם פריינט אין דער משפחה זירזאַ.

שרייבער
און קינסטלער

מאַרק שאַגאַל

.שלמה מיכאָעלס

קלמן מרמר

משה אָלגין

משה כץ

יעקב שייפער

סאָלאָמאָן גאָלוב

ב. ריווקין

וויליאם עדלין

א. ליטווין

מארק שאגאל האלט אויס דעם עקזאמען

איך בין געווען ביי דער דערעפענונג פון מאַרק שאַגאַל׳ס אויסשטעלונג פון זיינע לעצטע בילדער אין דער מאַטיס גאַלעריי. דאָרט האָבן זיך געפונען די אָנגעזעענסטע קונסט קריטיקער פון ניו יאָרק, קאָלעגן קינסטלער און אַזוי מבינים פון קונסט. דער באַוואוסטער יידישער מאָלער וואלקאָוויץ איז געשטאַנען אין מיטן זאַל אַ פארגאַפטער און ניט געקאָנט געפינען גענוג ווערטער אויסצודריקן זיין באַגייסטערונג.

— ער איז ניט בלויז דער גרעסטער מאלער פון יידישן פאָלק, נאָר איינער פון די גרעסטע אויף דער וועלט — האָט ער געהאַלטן אין איין לויבן.

פנים׳ער האָבן געלויכטן, אויגן זיינען געווען אָנגעצילט אויף די יידישע טיפן און קוקנדיג אויף שאַגאַל׳ס ציגן און יידן, וואָס „שוועבן העכער איבער אַלע דעכער", האָסטו זיך דערמאָנט אין לידער מיט וועלכע אונזערע מאַמעס האָבן אונז איינגעוויגט. „דאָס ציגעלע וועט פאָרן האַנדלען מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען".

ביים ארויסגאַנג פון זאַל ליגט אַ קאָפּיע פון אַן ענגלישן בוך פון פראָפעסאָר ווענטורי וועגן שאַגאַל׳ן. און אָט האָט אַ זשורנאַל וועגן טאַנצן געווידמעט אַ פולן נומער צו שאַגאַלס דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צום באַלעט „אַלעקאָ" און צו סטראַווינסקי׳ס באַלעט „דער פייערפויגל". און דער שיקאַגער אוניווערסיטעט האָט איינגעלאַדן שאַגאַל׳ן צו רעדן היינט, דינסטאָג, וועגן זיין קונסט. און פון גאַנץ אייראָפּע קומען די טעג אָן שאַגאַל׳ס בילדער וואָס פאַרשיידענע מלוכה־מוזייען לייען אויס דעם היגן „מוזיי פון מאָדערנער קונסט", פאר אַ גרויסער שאַגאַל־אויסשטעלונג, וואָס וועט זיך עפענען קומענדיקן חודש.

נאָר מיט צוויי וואָכן צוריק האָט שאַגאַל זיך מיטאַמאָל דערפילט זייער פאַרלאָרן — קינסטלעריש. ער גרייט זיך צו מאַכן דעקאָראַציעס צו סטראַווינסקי׳ס באַלעט „דער גוטער סאָלדאַט", וואָס וועט אויפגעפירט ווערן צו א פעסטיוואַל פון מעטראָפּאָליטאַן קונסט מוזיי. שאַגאַל האָט ניט געוואוסט, אַז עס איז פאראַן אַ יוניאַן פון סצענישע ארטיסטן און אַז ער דאַרף זיך אָנשליסן אין זיי כדי צו מאַכן דעקאָראַציעס פארן נייעם באַלעט. איז ער געווען זייער צופרידן צו ווערן אַ

יוניאָן־מאַן, האָט ער מיר דערקלערט. נאָר נ י ט צופֿרידן איז ער געווען ווען ער האָט דערהאַלטן אַ בריוו פֿון דער יוניאָן, אַז ער דאַרף קומען אַ שבת אינ־דערפֿרי האַלטן עקזאַמען, צי ער איז גענוג קוואַליפֿיצירט צו קאָנען באַלאַנגען צו דער יוניאָן פֿון סצעניש ע אַרטיסטן פֿון „אַמעריקען־פֿעדערײשאַן-אָוו־לעיבאָר.

— מײַן ספּעציאַליטעט איז שטענדיג געווען דורכצופֿאַלן אין יעדן עקזאַמען.

ניט ווײַל עס איז אים, דעם גרויסן קינסטלער, ניט אָנגעשטאַנען צו האַלטן עקזאַמען, נאָר ווײַל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט דורכפֿאַלן.

—איך האָב קיין אײן עקזאַמען אין אַ קלאַס-צימער קיינמאָל ניט אויסגעהאַלטן— זאָגט שאַגאַל און זײַן פּנים איז זייער ערנסט, נאָר זעענדיק, אַז איך לאַך, צע־שמייכלט ער זיך אויך און פֿאַרלאַנגט פֿון מיר, אַז איך זאָל אים גלייבן...

— איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיק. איך, למשל, וועל ניט קאָנען מאַכן דעקאָראַציעס פֿאַר אַ מיליאָנערסקן פּאַלאַץ, אויב, לאָמיר זאָגן, די יוניאָן וועט מיך שיקן אהין אַרבעטן, אָדער הייסן, ביים עקזאַמען, מאָלן אַזאַ זאַך. איר פֿאַר־שטייט, איך קאָן בלויז מאָלן קרומע וויטעבסקער הײַזלעך, אַ יידישע חתונה, אַ יידישע ציג...

דאָך האָט שאַגאַל געענטפֿערט דער יוניאָן אַ בריוו, אַז עס וועט פֿאַר אים זײַן אַ גרויסער כּבוד קומען צום עקזאַמען. די יוניאָן האָט אים געהייסן מיט־ברענגען זײַנע מכשירים: פּינזלס, באַרשטן, פֿאַרבן, לינעיקעס, בליישטיפֿטן, פּאַפּירן; געהייסן אים מיטברענגען „סאַמפּלס" פֿון זײַן אַרבעט; אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל קומען אין אַרבעט־קליידער און אויך מיטברײַנגען פֿאַר זיך סענדוויטשעס, מחמת דער עקזאַמען וועט זיך פּאַרציען און ער וועט אָנגיין אָן איבעררייס. ער וועט דאַרפֿן אָפּגעבן עקזאַמען — אין מעכאַנישע צייכענונגען, אַקוואַרעלן און דעקאָראַציעס. דער עקזאַמען וועט פֿאָרקומען אין דער געבײַדע פֿון דער יוניאָן לעבן דער 24טער גאַס.

2.

שאַגאַל איז געווען נערוועז, ווי אַ שילער פֿאַר אַ שול־עקזאַמען. נאָר דער געדאַנק, אַז ער וועט ווערן אַ יוניאָן־מאַן, זײַן איינער פֿון מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַרבעטער, — אָט דער געדאַנק האָט אים אָנגעפֿילט מיט אַנטשלאָסנקייט צו ווען אויסהאַלטן דעם עקזאַמען.

ער איז אוועק אין „מוזיי פֿון מאָדערנער קונסט" און געליען זײַנע אַרבעטן, זיי זאָלן אים דינען ווי „סאַמפּלס". ער האָט אײַנגעפּאַקט זײַנע פּאַפּקעס און פֿאַרבן און באַרשטן און ליניעס און פּאַפּיר אין איין גרויסן פּאַק. ער האָט זיך אָנ־

געטאָן זיינע ארבעט־בגדים און גאַנץ פרי אוועק אין דער יוניאָן. אַזוי ווי ער קאָן ניט קיין ענגליש, האָט ער באַשטעלט זיך צו טרעפן מיט זיין איבערזעצער אין דער יוניאָן.

צוויי זאַכן האָט אָבער שאַגאַל געהאַט פארגעסן: 1. צו עסן פרישטיק און מיטצונעמען מיט זיך סענדוויטשעס, און 2. זיינע שפּאַקולן.

דערמאָנט האָט ער זיך אין די צוויי לעבנס־וויכטיקע זאַכן כדי צו קאָנען אויסהאַלטן אַן עקזאַמען, ערשט ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער יוניאָן־געביידע.

ער איז געקומען גאַנץ פרי. נאָר פאַר אים זיינען שוין געשטאַנען אַ סך פּאַך־ארבעטער און געוואַרט ביז די טירן פון דער געביידע וועלן זיך עפענען. שאַגאַל האָט זיי באַטראַכט. יונגע געזונטע אמעריקאַנער, מיט ארבעט־פּעק אונטער די אָרעמס. איינער האָט דעם אַנדערן באַקוקט. באַלד וועט מען דארפן ווייזן וואָס מען קען. פילן זיי זיך אויך נערוועז ווי ער? מסתמא קאָנען זיי מאָלן פאַר די רייכע הייזער, ניט אַזוי ווי ער, שאַגאַל, וואָס קומט מיט זיין באַגאַזש ארעמע קרומע יידישע וויטעבסקער הייזלעך.

איז ער אזוי געשטאַנען א מינוט צען אין ריי. מיטאַמאָל האָט אים ארומגע־כאַפּט אַ געפיל, אַז מיט אַ ליידיקן מאָגן קאָן מען קיין עקזאמען ניט אויסהאַלטן. ער מוז עפּעס נעמען אין מויל אריין. האָט ער איבערגעלאָזט זיין פּאַק ביי דער וואַנט און אליין איז ער אריין אין דערבייאיקן דראַג־סטאָר כאַפּן אַ „סענדוויטש". ער האָט זיך געאיילט, נאָר ווען ער איז צוריקגעקומען זיינען די טירן פון דער יוניאָן שוין געווען אָפן און אלע עקזאַמען־קאַנדידאַטן זיינען געזעסן אין אַ גרויסן קלאַס־צימער ביי זייערע ארבעט־טישן.

שאַגאַל שטייט מיט זיין פּאַק און וואַרט. מיטאַמאָל קומט ארויס פון אַפיס אַ מיטליעריקער מאַן מיט אַ רויט פּנים און גייט צו צו אים.

— איר זייט מר. שאַגאַל?

— און ווער זייט איר?

— איך בין מר. טאָמסאָן, דער דירקעטאָר פון דער יוניאָן.

מר. טאָמסאָן האָט אים געבעטן צו וואַרטן עטלעכע מינוט, ווייל „מיר האָבן איצט אַ זיצונג צו באַקלערן אייער ענין".

3.

אַ גרויסער צימער מיט אַ גרויסן טיש. ארום טיש שטייען זיבן מענטשן — דער עקזאַמינער־קאָמיטעט. דער פּרעזידענט נעמט אַ וואָרט און אדרעסירט שאַ־גאַלן. איינציקע ווערטער פארשטייט ער, שאַגאַל. ער הערט דאָס וואָרט „עק־

סעפּציאָן", זאָגט ער, און ער פילט אין יענעמ׳ס טאָן אַז „עס איז גוט פאַר יידן".

דער איבערזעצער דערקלערט אים, אַז דער פּרעזידענט האָט געזאָגט, אַז „נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט אייערע פאַרדינסטן און אייערע אויסגעצייכנטע אויפטועו אויפן געביט פון קונסט, מאַכן מיר דעם ערשטן מאָל אין אונזער יוניאָן אַן אויסנאַם (עקסעפּשאָן) און מיר נעמען אייך אַריין אַלס מיטגליד אָן אַן עקזאַמען".

„איך בין געווען צופרידן", — זאָגט שאַגאַל, — אַלץ וואָס איך האָב געקענט טאָן, איז געבן יעדן איינעם די האַנט און זאָגן: „מערסי, מערסי — זיבן מאָל".

דאַן האָט זיי שאַגאַל איינגעלאַדן צו זיך „אויף אַ קאָקטעיל, מאָנטאָג פיר נאָכמיטאָג".

— „פיר אַזייגער מאָנטיק אַרבעטן מיר", — האָבן זיי דערקלערט

האָט זיך שאַגאַל געזעגנט מיט אַ „מערסי" און א האַנט־דרוק. נאָר ארויס־גייענדיק פון דער געביידע איז ער אריין אין אַ ליקער־קראָם און ארויפגעשיקט אין דער יוניאָן פלעשער וויסקי מיט אַ דאַנק־קאַרטל.

„די גאַנצע פּראָצעדור האָט אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג", האָט געזאָגט שאַגאַל, „איך האָב באַקומען אַ שטראָם ליבע צו אמעריקע. עס איז מיר גוואלדיק געפעלן געוואָרן דער גייסט פון דער יוניאָן־באַוועגונג. מיר דוכט זיך, אַז אויך די יוניאָן איז געווען זייער צופרידן פון מיין האַנדלונג. איך בין געקומען אָן באַדינגונגען, אין מיינע ארבעט־קליידער, גרייט צו האַלטן דעם עקזאַמען, כאָטש איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל דורכפאַלן... איך פיל זיך איצט, ווי אַ טייל פון א גרויסער זאַך. איך ווייס, אז פאַר אַ יין יוניאָנמאַן וועט זיך די גאַנצע גרויסע יוניאָן אָננעמען. עס איז גוט צו זיין א יוניאָנמאַן. איך בין שטאַרק אצינד".

און דאָס קינסטלערישע פּנים האָט געשטראַלט און די שיינע בלויע אויגן זיינע האָבן אויסגעדריקט גלויבן און מענטשנליבע.

מערץ, 1946

שלמה מיכאָעלס אין ניו יאָרק

ניט דער אומ׳ברחמנות׳דיקער, גרויזאַמער טויט, וואָס האָט אָוועקגערויבט פון אונז דעם גרויסן יידן און קינסטלער שלמה מיכאָעלס, האָט צוריק אויפגעלעבט אין זכרון יענע וואונדערבאַרע צייט, יענעם טאָג־טעגלעכן יום־טוב, וואָס מיכאָעלס און איציק פעפער, האָבן אריינגעבראַכט אין אונזערע הערצער מיט זייער באַזוך יענעם זומער און הארבסט פון יאָר 1943 — נאָר יעדעס מאָל, וואָס עס קומט אויס פאַרבייצוגיין אויפן ראָג פון 54טער גאַס און 5טער עוועניו, דערמאָנט מען זיך, אַז דאָ געפינט זיך דער גאטהעם האָטעל, וואו עס זיינען איינגעשטאַנען מי־כאָעלס און פעפער.

דאָ האָב איך געהאַט די פּריווילעגיע זיך צו באַקענען נעענטער מיט מיכאָ־עלס דעם מענטשן. מיכאָעלס האָט באַצויבערט די פאַרזאַמלטע ביי יעדן אויפ-טריט זיינעם. ער האָט אויך באַצויבערט יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אים אין טאָג-טעגלעכן קאָנטאַקט. עס האָט תמיד געשפּרודלט אין אים אַזאַ יוגנט־לעבדקייט און לעבנס־פרייד, אַזאַ געזונטקייט און לויטערקייט, אַז ס׳איז שווער אויפן מאָמענט זיך פאַרשטעלן, אַז מיכאָעלס האָט זיך געלאָזט באַזיגן פון טויט.

מיר איז אויסגעקומען צו זען מיכאָעלס׳ן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אין האָטעל־צימער, ווען צו אים האָבן געשטראָמט אָן אַ שיעור דעלעגאַציעס און סתם יחידים. ער איז געווען טעמפּעראַמענטפול, גייסטיק־בליציק און אויסער־געוויינלעך קלוג. ער פלעגט ארויסווייזן אָן שיעור געדולד און טאַקט צו יעדן איינעם. דאָס ניט־געוויינלעכע פּנים זיינס האָט מאָמענטאַל געביטן זיין אויסדרוק. עס איז געוואָרן מילד און צאַרט און ליב און זיין שמייכל האָט אָנגעשטעקט אַפילו דעם גאָר ערנסטן באַזוכער.

מיכאָעלס איז געווען זייער ענערגיש, קינסטלעריש־אומגעדולדיק מיט זיך אַליין, נאָר עס איז געווען צו באַוואונדערן זיין געדולדיקייט מיט מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו אים. און געקומען צו אים איז מען ווי צום שליח פון די סאָוועטישע יידן. קיינמאָל האָט מיכאָעלס דאָס אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסן און תמיד האָט ער געפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז אויף אים ארויפגעלייגט געוואָרן. אָט־די זעלבסט־דיסציפּלינקייט איז געווען אַ הויפּט־שטריך פון אַלע זיינע רייד און מעשים. דערפאַר האָט ער מסתם קאָנטראָלירט זיך מיט אַלע כחות צו זיין געדולדיק צו אַ באַזוכער, וואָס האָט פּשוט פאַרשווענדט זיין טייערע צייט.

בלויז די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו מיכאַעלס׳ן האָבן געוואוסט ווי ער האָט זיך אַליין גאָרניט געשאַנעוועט. ער האָט געאַרבעט, און שווער גע־אַרבעט, 16 שעה א מעת־לעת. אויפּטרעטן נאָך אויפטרעטן, אָפטמאָל דריי־פיר אַ טאָג, פאַר אַן עולם פון פיל הונדערטער מענטשן, צי אַ קאָמיטעט פון אַ צענדליק מענטשן: דאָס אויפנעמען פון דעלעגאַציעס און פון יחידים ביי זיך אין האָטעל פאַר שעה׳ן לאַנג; דאָס באַזוכן פון אינסטיטוציעס, די אַנציילינקע „לאַנטשאַנס״, אויף וועלכע ער האָט געדאַרפט זאָגן אַ „פאַר ווערטער״, צו וועלכע מיכאַעלס האָט זיך גוט צוגעגרייט, — דאָס אַלץ האָט געפאָדערט אַן א שיעור פיזישע און גייסטיקע כחות.

ער האָט זיך געווייינלעך געלייגט שלאָפן אַרום 3 פאַרטאָג און אַרום צען אינדערפרי האָבן שוין געוואָרט באַזוכער, האָט שוין ניט אויפגעהערט קלינגען דער טעלעפאָן.

2.

איך וויל זיך מודה זיין, אַז איך בין געווען איינער פון די אומ׳רחמנות׳־דיקע אויפוועקער. איך האָב דאַן געהאָלפן איציק פעפער׳ן צוזאַמענשטעלן זיין לידער־זאַמלונג „היימלאַנד״, און מיר האָבן געדאַרפט אַריינכאַפּן, איידער דער פאַרנומענער טאָג האָט זיך גענעבן אַ יאָג אַן אויף דער דעלעגאַציע.

פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט מיכאַעלס׳ פאַרשלאָפן, נאָר שטענדיק אינטערעסאַנט, וואַגיק קול. ער האָט דערמאָנט פעפער׳ן, אַז מען האָט זיך ווידער פאַרשלאָפן, און אַז באַלד דאַרפן קומען פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס.

דערמאָן איך זיך אין צוויי עפּיזאָדן פון יענע פרימאָרגנס. מיכאַעלס האָט זיך געלערנט די ענגלישע שפּראַך. ער האָט געפּרוּווט אַליין רעדן אויפן טע־לעפאָן, אַליין באַשטעלן פאַר זיך און פעפער׳ן עסן. נאָר אין אָנהייב פון זיין באַזוך איז דאָס אים אָנגעקומען שווער, האָט ער מיך איינמאָל געבעטן, אַז איך זאָל באַ־שטעלן אָנבייסן.

— וואָס באַשטעלן? — האָב איך געפרעגט.

— נו, אַ האַרטע איי, שוואַרצע ברויט מיט פּוטער און שטאַרקע טיי מיט לעמאָן.

— און אַן אָראַנזש־זאַפט וועט איר טרינקען?

— נ—יי—ן!

האָב איך ניט געפאָלגט און באַשטעלט פאַר ביידן צו גלעזער אָראַנזש־זאַפט. ווען מיכאַעלס האָט אַ קוק געטאָן אויפן גלעזל, האָט זיין פּנים זיך קרום אַ צע־שמייכל געטאָן און ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ וויץ און ער האָט דעם וויץ

גלייך אויסגעשפּילט. נאָר ווען ער האָט דעם ערשטן זופּ געטאָן, האָט ער אויף מיר אַ בליץ געטאָן מיט זיינע אויסדרוקספולע אויגן און אַ דריי געטאָן מיט׳ן קאָפּ אומצופרידן.

— אָט דאָס גיט איר מיר צו טרינקען? ס׳איז דאָך ריצנאויל!

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום בין איך ווידער געזעסן מיט די צוויי ליבע געסט ביים אָנבייסן. דאָסמאָל האָט שוין מיכאָעלס אַליין באַשטעלט. ער האָט טעלעפאָנירט בזה הלשון:

„סוירוויס... פּליס... אָראַנדז דזוס...״

איך האָב זיך געריצט מיט אים און געפרעגט, צי ער וועט טרינקען ריצנ־אויל. פון דער זייט האָט ער געגעבן זיין קלוגן קוק, אַרונטערגעלאָזט די ליפּ און געענטפערט.

„דער דאָקטאָר האָט געהייסן״.

איינמאָל אינדערפרי זיינען מיר געזעסן אין צימער, ווען מיכאָעלס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער איז נאָך ניט אָנגעטאָן און באַלד דאַרף אָנקומען אַ וויכטיקע דעלעגאַציע. ער האָט שנעל זיך גענומען אָנטאָן, נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט ניט קיין זאַפּינקעס („קאָף־באַטאָנס״) פאַר זיין העמד. ער האָט זיינע זאַפּינקעס אָוועקגעשיקט אין לאַנדרי צוזאַמען מיטן העמד. איך בין אַרונטערגעלאָפן אין גאַס און אים באַלד אַריינגעבראַכט אַ פּאָר. ער האָט באַמערקט: אַז זיי זיינען ניט געווען קיין ביליקע. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ פּעקל מיט דאָלאַרן און געהייסן מיר נעמען וויפיל עס האָט געקאָסט. איך האָב זיך אָפּ־געזאָגט און פאַרגעשלאָגן, אַז ער זאָל פאַר מיר צוגרייטן אַ „פּעס״ אין מאָסקווער מלוכה־טעאַטער.

— אָפּגעמאַכט! — האָט ער א פינקל געטאָן מיט די קאַרשן־אויגן.

עס איז געווען דאָן, ווען ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ווען ער וועט צוריק־קומען צו זיך אין טעאַטער, און דער פאַרהאַנג וועט זיך אַ צעעפן טאָן, וועט ער זיך פאַרגעסן און אָנשטאָט שפּילן, גאָר האַלטן אַ רעדע.

די דעלעגאַציע, וואָס איז יענעם פרימאָרגן געקומען, איז באַשטאַנען פון ריכטער פראַסקאַוער, דזשעימס ראָזנבערג און איינער פון דער וואַרבורג־משפחה. איידער זיי זיינען אַריינגעקומען, איז ביי מיכאָעלס׳ן און פעפער׳ן געווען פּראָ־פעסאָר ליסענקאָ פון סאָוועטישן רויטן קרייץ, וואָס איז דאָ געווען אויף אַ מיסיע.

3.

יעדעס מאָל ווען מיכאָעלס האָט זיך דערמאָנט אין זיין היימלאַנד, איז דאָס פּנים זיינס געווען פאַרבענקט, די אויגן טרוימעריש און דאָס קול מילד, מע־

לאַדיש. דאָס וואָרט „ביי אונז" איז ארויסגעקומען פון זיין מויל מיט אזויפיל בילדלעכקייט, מיט אַזויפיל נאסטאלגיע. ער האָט זייער און זייער שטאַרק גע־וואָלט זיין צוריק „ביי אונז", אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ווען מיר זיינען אַמאָל צוזאמען געפאָרן אין אַ פולער מאַשין אויף דער 57טער גאַס און מען האָט געפּרואווט פאַרוויילן די געסט, האָט ש. מיכאָעלס געבעטן אָפּשטעלן די קאַר ביים ראָג, וואו עס האָט זיך געפונען אַ צייטונג־סטענד. ער האָט פאַרנדיק געהאַלטן זיין בליק אויף די „קעפּ" אין די צייטונגען. די הויפּט־נייעס איז דאַן, נאַטירלעך, געווען די מלחמה. ער האָט געהאַלטן פאַר זיך אַ פּאָר צייטונגען, און דאַן זיך אויסגעדרייט צו פּעפערן און שטיל און ערנסט אַ זאָג געטאָן:

— איציק, מיר זיינען שוין ביים דניפּער...

אין זיין קול איז געלעגן אזויפיל אויסדרוק, אז מיר האָבן דערפילט, אַז אַט־דער זיג פון דער רויטער ארמיי האָט אָנגעפילט מיכאָעלס׳ן מיט עפּעס, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט ניט געלאָזט רוען און אויף וועלכן ער האָט מיט א סך זאָרג און אומגעדולד געוואַרט.

4.

אין דער יידישער קינסטלערישער וועלט איז שלמה מיכאָעלס אָן ספק געווען דער טאַלאַנטפולסטער שוישפּילער און רעזשיסאָר פון אונזער דור. ער איז באַטראַכט געוואָרן ווי איינער פון די גרעסטע שעקספּירישע אַקטיאָרן אין דער וועלט.

בעת זיין באַזוך ביי אונז אין אמעריקע האָט זיך מיכאָעלס אַנטפּלעקט ווי אַן אָראַטאָר פון העכסטן גראַד, ווי אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אלעמען באַ־צויבערט ממש מיט זיין שאַרפזין, מיט זיין וואַרעם יידיש האַרץ, מיט זיין פלאַ־מענדיקן אַנטי־פאַשיסטישן גייסט.

איך האָב געזען יידן און ניט־יידן פון אלערליי ריכטונגען, וואָס זיינען אַוועק באַגייסטערטע פון זייער קומען אין באַריר מיט מיכאָעלסן. די אָנגעזעענסטע שטאַטסלייט, ריכטער, קינסטלער, רבנים, כלל־טוער, — אַלע האָבן פאַרהערלעכט דעם נשמה׳דיקן, גייסטרייכן קינסטלער, וואָס האָט זיך דערהויבן צו אַן אמת׳ן וואָרטזאָגער פון נייעם יידן און מענטשן, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ארויסגעגעבן.

אָף קיין איין מאָמענט האָט מיכאָעלס ניט פאַרגעסן און קיינעם ניט געמאַכט צו פאַרגעסן, אז ער און פעפער זיינען געקומען אַהער אין די אינטערעסן פון

אייניקייט צו העלפן געווינען די מלחמה קעגן היטלעריזם און צו העלפן דעם שארית הפליטה פון אונזער פאָלק.

די ראָל וואָס אַ גרופּע יידישע שרייבער האָבן געשפּילט צו שטערן דעם דערפאָלג פון מיכאָעלס און פעפער אין יענער קריטישער פאר אונזער פאָלק צייט, איז נאָך פריש אין זכרון.

עס דערמאָנט זיך אַ פאַל ביי די שאַגאַלס אין הויז. דער גרויסער קינסטלער מאַרק שאַגאַל און זיין טאַלאַנטפולע פרוי בעלאַ שאַגאַל האָבן דעמאָלט אין זייער ערלעכקייט פאָרגעשלאָגן צו פאררופן א צוזאמענקונפט ביי זיך אין הויז. זיי האָבן געוואָלט איינלאַדן זייערע נאָענטע פריינט, שרייבער און כלל־טוער פון רעכטן לאַגער זיך צו טרעפן מיט מיכאָעלס'ן און פעפער'ן.

האָבן מיכאָעלס און פעפער זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ באַגעגעניש?

ניין!

יעדער טראָט, וואָס האָט געקאָנט דערנעענטערן די אייניקייט אין קאַמף צו געווינען די מלחמה קעגן די היטלעריסטישע בעסטיעס, איז זיי געווען טייער, אָפּגעזען פון זייערע אַנטיפּאַטיעס פאר דעם אָדער יענעם רעאַקציאָנערן שרייבער.

די נאָאיווע בעלאַ שאַגאַל איז קראַנק געוואָרן פון אַנטוישונג, ווען זי האָט געהערט פון די מיילער פון אירע פריינט, אז זיי ווילן זיך ניט טרעפן מיט מיכאָעלס'ן און פעפער'ן אפילו ביי איר אין הויז.

אָט־די געשעעניש האָט איר די אויגן געעפנט. זי האָט איינגעזען, אַז מיכאָעלס און פעפער האָבן געצילט אָנצוהאַלטן די גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, און גראַד יענע, וואָס זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע פאַרזאָרגער און באַוויינער פון יידישן פאָלק, האָבן אין דער אמת'ן געהאָלפן אין דער צעשפּליטערטקייט, וואָס האָט בלויז געבראַכט שאָדן.

אָט דאָן האָט בעלאַ צוגענומען דעם מאַנוסקריפּט פון איר ערשטן בוך פון די, וואָס האָבן ניט געוואָלט קיין אייניקייט אין יידישן לעבן.

5

דער גרויסער רעדנער מיכאָעלס האָט געקאָנט אין געוויסע מאָמענטן אַנטשוויגן ווערן, און עס איז שווער געווען דאַן פון אים ארויסצוקריגן אַ וואָרט.

דאָס איז געווען דאַן ווען ער איז טיף גערירט געוואָרן פון עפּעס. בלויז זיינע איינדרוקספולע אויגן האָבן דערציילט ווי ער האָט געפילט און געדענקט.

מיר האָבן באַזוכט אַ טורמע אין דער באַגלייטונג פון ריכטערין אַנאַ קראָס. מיר זיינען שווייגנדיקע פארבייגעגאַנגען די שמאָלע, אומעטיקע קאָרידאָרן, מיט

אייזערנע גראַטעס אין ביידע זייטן, וואו אין די צעלן זיינען געזעסן יונגע אַרעסטאַנטן.

עס איז געווען איינע פון די מאָדערנסטע טורמעס אין ניו יאָרק. מיר האָבן אויך געזען די אַרעסטאַנטן „אויף דער פריי״, אין דער שעה ווען זיי האָבן געקאָנט פאַרברענגען אין שפּילן באַל און קויפן נאַשערייען ביי א שטענדער.

מיכאָעלס האָט באַטראַכט די יונגע פּנים׳ער פון די פאַרברעכער. ער האָט באַמערקט די גרויסע צאָל יונגע נעגער־יינגלעך, אַלע אָן עלעמענטאַרער ביל־דונג, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט באַקומען די געלעגנהייט צו לעבן ווי די מיוחסים, די ווייסע.

מיכאָעלס׳ן האָבן ווינציק־וואָס אינטערעסירט די מאָדערנע איינריכטונגען אין דער טורמע. זיינע אויגן האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די פּנים׳ער פון די יונגע קינדער, וואָס זיינען געווען פאַרברעכער. זיין קול איז געוואָרן איינגעהאַלטענער און איינגעהאַלטענער. ביז ער איז אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. און אז מע האָט צו אים גערעדט, האָט ער געענטפערט מיט אַ סימפּאַטיש שווייגן. בלויז די פולע אויגן זיינען געווען פייכט.

מיכאָעלס האָט געקענט ווערן סענטימענטאַל און ער האָט געקענט אַריין אין גרימצאָרן. איך בין געזעסן ביי פּעפער׳ן אין צימער. מיטאַמאָל האָט זיין סענסיטיוו אויער דערהערט, אַז מיכאָעלס בייזערט זיך דורכן טעלעפאָן. ער האָט אָנגעשפּיצט זיין אויער און איז שנעל אַריין צו אים אין צימער.

יאָ, מיכאָעלס איז געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן ענין, וועגן הילף פאַר מלחמה־קרבנות. מיכאָעלס האָט זיך ניט געקענט באַרויקן. פּעפער׳ס קלוגער בליק האָט מאָמענטאַל געקאָנט אַריינדרינגען אין מיכאָעלס׳ נשמה און פאַרשטיין, וואָס דאָרט קומט פאָר.

— פאַרגעסט, טייערער סאָלאָמאָן... וואָס עס האָט פּאַסירט. לאָמיר גאָר צופאָרן צו די שאַגאַלס.

— יאָ, אפשר זייט איר גערעכט. צו די שאַגאַלס! — און מען האָט זיך גענומען איבערטאָן. ביים אָנטאָן זיך איז מיכאָעלס געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער האָט אַריינגעקוקט אין שפּיגל און גענומען זיך אַליין באַרויקן, דורך אימיטירן אימיצן.

— אָנו, טרעפט, ווער דאָס איז? — האָט ער זיך געווענדט צו מיר. ער האָט אימיטירט אַ באַוואוסטן יידישן קריטיקער. איך האָב אים גלייך דערקענט. אָט אזוי האָט מיכאָעלס זיך אַליין פאַרוויילט, ווען ער האָט געוואָלט פאַרגעסן אין זיין אויפרעגונג.

„צו די שאַגאַלס״ איז געווען אַ צויבער־אויסדרוק פאַר מיכאָעלס׳ן. דאָס

האָט געמיינט צו זיין אין געזעלשאַפט פון ליבע פריינט, אין אַן אַטמאָספערע וואָס האָט אַרויסגערופן זכרונות פון יונגע יאָרן אין מאָסקווע. בעלאַ שאַגאַל איז געווען מיכאָעלס׳ שילערין, און מארק שאַגאַל האָט דאָך געמאָלן די וואונדערבאַרע דעקאָראַציעס פארן מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

איך וועל ניט פארגעסן די לעצטע באַגעגעניש צווישן מיכאָעלס׳ן און די שאַגאַלס. פעפער איז אַרויסגעקומען פון פארמאַכטן צימער, וואו עס האָבן זיך געפונען מיכאָעלס, בעלאַ און מארק שאַגאַל. ביי פעפער׳ן זיינען טרערן געשטאַנען אין די אויגן.

— מען וויינט, מען קלאָגט! — מיכאָעלס וויינט! — האָט פעפער געלאַכט.

— דאָס געזעגנט מען זיך אַזוי! — האָט ער צוגעגעבן.

ווי בעלאַ און מיכאָעלס וואָלטן געפילט, אַז זיי זעען זיך צום לעצטן מאָל...

עס דערמאָנט זיך נאָך אַ מאָמענט מיט מיכאָעלס׳ן אין ניו יאָרק. ער איז אויפגעטראָטן פאַר פּאַבליק סקול קינדער אין טאַון האָל. ער איז געווען גערירט פון דער אויפנאַמע, און די קינדער און זייערע לערער זיינען געווען אָנגעפילט מיט באַגייסטערונג פאַר זיין שיינער פערזענלעכקייט און זיינע וואונדערבאַרע רייד.

צופעליק בין איך אין אַ צייט ארום געווען ביי אים אין צימער, ווען ער האָט מיר דערלאַנגט אַ גרויסן קאָנווערט מיט ענגלישע פארשריבענע צעטלעך און געבעטן איך זאָל אים דערציילן וואָס דאָס איז.

דאָס האָט אַ פּאַבליק סקול לערערין אים געשיקט די קאָמפּאָזיציעס, וואָס די קינדער פון איר קלאַס האָבן אָנגעשריבן וועגן זייער באַגעגעניש מיט מיכאָעלס׳ן.

— אַנו, לייענט אַקאָרשט איבער אַ פּאָר.

די קינדער האָבן אויסגעדריקט זייער פריינטשאַפט פארן סאָוועטן־פארבאַנד, זייער באַגייסטערונג פאַר מיכאָעלס׳ן.

די לערערין האָט געשריבן, אַז די קינדער זיינען געווען פון פארשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: איטאַליענישע, האָלענדישע, איירישע, שוועדישע, פראַנצויזישע, ענגלישע, יידישע.

מיכאָעלס האָט צוגענומען דעם קאָנווערט, געגלעט די קאָמפּאָזיציעס. זיי צו־געדריקט צום הארצן. זיינע אויגן האָבן געגליט.

ער האָט זיי מיטגענומען מיט זיך אין סאָוועטן־פארבאַנד.

אַזוי וועט ער פארבלייבן ביי מיר אין זכרון, שלמה מיכאָעלס.

קלמן מרמר-מיין ערשטער רעדאקטאָר

ס׳איז געווען אין אָנהייב האַרבסט. מיר זיינען אָנגעקומען אין די קעטסקיל בערג אין אָוונט. אין קליינעם יידישן פּאַרם־הויז איז דער שיטערלעכער עולם געזעסן ביי דער ראַדיאָ, אָדער געשפּילט אַ דאָמינאָ. אונז אָבער האָט אינטערעסירט קלמן מרמר, וועלכער איז דאָ איינגעשטאַנען פון פרילינג אָן.

אויב ער איז ניט ביי זיך אין צימער, איז ער מסתמא געגאַנגען אויף זיין שפּאַציר. אינדערפרי שפּאַצירט ער אַראָפּצו קעגן דער זון, אין אָוונט — אַרויפצו.

אזוי האָט אונז דערקלערט די באַלעבאָסטע.

ביי זיך אין צימער איז ער ניט געווען. זיינען מיר געגאַנגען „טאָפּן אין דער פינסטער״ איבערן שמאָלן, נאָר געפלאַסטערטן סטעיט־וועג.

די לופט איז געווען פּראַסטיק, קרישטאָל־ריין. ווען מיר זיינען אַרויס אויפן וועג, האָט אונז די שטאָק-פינסטערניש געטאָן אַ רינגל אַרום און עס האָט זיך אונז אויסגעוויזן, אַז מיר ווערן דערטרונקען אין איר. פון די איינזאַמע פעלדער אַרום האָבן זיך געדרוקט אויף אונדז שווייגנדיקע סודות׳דיקע בשורות, וואָס זיינען באַגלייט געוואָרן פון ריטמישע גרילצערייען, ווי פון געהיימע סיגנאַלן צווישן הערשנדיקע פעלד־מאַרשאַלן.

מיר, שטאָט־פרינצן פון סאָבוועי, אויטאָמאָביל־באָס־און טראָק מחבלים, האָבן זיך געפילט ניט־היימלעך אין דער וואונדערבאַרער רו, וואָס נאַטור האָט אונז, ווי אַ געטרייע מכניס אורח׳טע, אַנטקעגנגעטראָגן מיט דער פולער האַנט.

ערשט ווען מיר האָבן דערפילט, אַז דער שוואַרצער באָדן איז זיכער אונטער די פיס, האָבן מיר דעם קאָפּ אַ הייב געטאָן און דערזען פאַר זיך דעם פרייען עקסטראַוואַגאַנץ ספּעקטאַקל, וואָס באַטרעפט מילי־מיליאָסן רענדלעך — דעם אויסגעשטערנטן האַרבסט־הימל, די פינקלדיקע דימענטן און שמאַראַגדן, דעם רייכסטן אויסוואַל פון צירונג, וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

נאָר אָט זיינען מיר צוגעקומען צו אַ וואַלד פון ביידע זייטן וועג. דער פּחד פאַר וואַלד־גזלנים אין די סקאָזקעס פון אונזערע קינדער־יאָרן האָט אונז אָצינד נאָכגעפאָלגט. מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף ביידע זייטן. און הער און זע! פון דער טיפער פינסטערניש פון וועג האָט זיך צו אונז דערנעענטערט אַ סילועט. מיט גיכע טריט, מיט פעסטע טריט איז די פיגור פון לאַבירינט פון פינסטערניש אַרויסגעקומען, דעם קאָפּ צו אונז אויפגעהויבן, זיך דערנעענטערט און שטיין געבליבן.

ס׳איז געווען קלמן מרמר.

— ניט מורא איינער אליין אין דער שטאָק־פינסטערניש אין אַזאַ ווייטן וועג — האָבן מיר געפרעגט און צוגעגעבן ווי מיט אַ פאַרוואורף — שוין איבער אַ האַלבע שעה ווי מיר גייען און קיין איין לעבעדיקן נפש, אפילו ניט קיין לעבעדיקן אויטאָמאָביל, באגעגנט. און אויב שוין יאָ גיין, קאָן מען ניט געפינען קיין מיטגייער צווישן מנין עסערס אין פאָרם-הויז?

און קלמן מרמר האָט אונז, ווי זיין שטייגער איז, באַוויזן סיי פון וויסנשאַפט־לעכן שטאַנדפּונקט, סיי פון ראָמאַנטישן לעבנס־שטייגער, סיי לויט פסוקים פון דער תורה און ווערטלעך פון תנאים, סיי נאָך די מוסטערן פון אַלטן גריכנלאַנד און רוים, אי פון נוסח פון ר׳ מענדעלע מוכר ספרים, אי פון דער פּאָעזיע פון יהואש, מאָריס ראָזנפעלד, אַ. ליעסין, מיט אַ צולאָג פון היינריך היינע (אויך אַ ייד), — אַז מיר זיינען אומגערעכט. און אויב מיר האָבן נאָך אַלץ מורא צו גיין אַליין ביינאַכט דורך די פעלדער, וועלדער, ריטשקעלעך און פאַרלאָזענע פאַרם־הייזער, האָבן מיר, נאַטירלעך, אַ רעכט דערצו, נאָר ער, מרמר, וועט ניט מפסיק זיין די אָנגענומענע פּירונגען זיינע דאָ — צוויי מאָל אהין און צוריק אינדערפרי פון זיבן דעם זייגער אָן און צוויי מאָל אַהין און צוריק אין אָוונט פון אַ פערטל צו אַכט...

איז גיי און שרייב אַן אַרטיקל וועגן קלמן מרמר! ווען זיין פּינקטלעכקייט קוקט אויף מיר פון דער זייט, ווען זיין מוח־שפּאַקטיוו דרינגט דורך אַ האָר־שפּאַלט, ווען זיין לאַבאָראַטאָרישער ארכיוו-זכרון וועט מיך פּאַקן ביי יעדער דאַטע און מיטלסטן נאָמען...

איך האָב באַטראַכט קלמן מרמר׳ן פאַר מיין ערשטן רעדאַקטאָר, הגם איך האָב זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „קונדס״ מיט אַ צוויי יאָר פריער. ס׳איז דאָך אָבער ניט דאָס אָפּגעדרוקטע לידל דיינס, וואָס האָט דערזען די ליכטיקע שיין, נאָר ס׳איז די שיין וואָס האָט געלויכטן אויף דיין לידל. ס׳איז דער גערטנער, וואָס האָט זיין ברכה געגעבן אויפן ערשט־ארויסגעשפּראָצטן, צאַרטן בלימל.

גאָר אַ סך שרייבער האָבן זיך אַנטוויקלט, פאַנאַנדערגעבליט אונטער ק. מרמר׳ס וואַרעמער השגחה. ניט איין רעדאַקטאָר האָט פאַרטריבן, באַגראָבן, אַנטמוטיקט, אָנגעפילט מיט סם און ביטול אויפקומענדיקע יידישע טאַלאַנטן. געטאָן האָט ער דאָס מיט זיין ניט איידעלער באַציאונג, מיט זיין פּאַכמאַנישן ציניזם, מיט זיין ניט־צוגעפּאַסטער פערזענלעכקייט פאַר דער עובדה. געטאָן האָט ער דאָס אויך, ווייל ער האָט ניט געקאָנט דערקענען דאָס קערנדל טאַלאַנט, ווייל ער האָט ניט געהאַט דאָס געדולד און הויפּט־זעכלעך, די ל י ב ע פאַרן פיינערן וואָרט.

זייער ווינציק רעדאַקטאָרן קאָנען זיך באַרימען, אַז זייערע מיטאַרבעטער זיינען זיי געבליבן לעבנס־לאַנגע פריינט. עס זיינען, גלויב איך „ניטאָ קיין

יידישע שרייבער, ווען ק. מרמר האָט געדרוקט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, וואָס זאָלן אים ניט זיין קיין פריינט. דאָרט וואו מרמר האָט געדאַרפט צוריק־ווייזן אַ מאַנוסקריפּט, האָט ער דאָס געטאָן אַזוי פּאַרזיכטיק און מענטשלעך, ווי אַן עלטערער ברודער וואָס דאַרף אַמאָל אָנזאָגן אַ ניט־גוטע בשורה זיין באַליבטן יינגערן ברודער.

ווען מרמר האָט געדאַרפט אָנשרייבן אַ רעצענזיע וועגן אַ ביכל פון אַ ניט־אָנערקענטן, אָדער ווינציק טאַלאַנטירטן שרייבער, איז ער צוגעגאַנגען צום ביכל מיטן גרעסטן ערנסט. ער האָט זיך מכין געווען, ווי צו אַ שווערער עבודה. ער האָט געהאַט צער דערפון, וואָס דאָס ביכל איז ניט ווערטפול. ער האָט געפּראוווט געפינען אַ זכות, אַ גוט וואָרט, א גוטן מיין. און ווען די רעצענזיע איז דערשינען מיט די פאַר אויסזעצונגען, וואָס דער חשובער רעצענזענט האָט, אַ שלאָפלאָזער, געמוזט מאַכן (ווי אַ דאָקטאָר וואָס דאַרף אַביסל ווי טאָן אַ קינד), דאַן האָט ק. מרמר ניט גערוט, ביז ער האָט ניט אָנגעשריבן אַ טרייסט־בריוול צום מחבר...

מרמר דער רעדאַקטאָר האָט געכאַוועט ביזן לעצטן טאָג די קאָרעספּאָנדענץ וואָס ער האָט געפירט פּאַקטיש מיט דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. דעם 12טן יולי 1908 האָט ער אָפּגעדרוקט דאָס ערשטע ליד פון דיכטער שמואל, וואָס איז פון דאַן אָן געוואָרן דער באַרימטער דיכטער פון די און די שורות, וואָס האָט זיך געדרוקט דאָ און דאָרט אונטער אַזויפיל און אַזעלכע פּסעוודאָנימען; וועגן וועמען עס האָבן געשריבן די און די קריטיקער אין די און די זשורנאַלן, אין די און די יאָרן, און אין פאָלגנדיקע חדשים... דעם 28טן סעפּטעמבער פון יאָר... 181 וואָס איז אויסגעפאַלן הושענה רבה, האָט ער דערהאַלטן אַ פּעקל כתבים פון שריפטשטעלער גבריאל... און דאָ גייט אַוועק אַ דעטאַליזירטע סדרה פון קאָרעספּאָנדענץ־אויסטויש.

און דו בלייבסט שטיין און פרעגסט זיך: רבונו דעלמא כולא! וואו האָט זיך גענומען צו א יידישן שרייבער אַזאַ פענאָמענאַלער זכרון? אַזאַ אומדער־שעפּלעכער געדולד?

און נאָכדעם ווי דו טראַכסט זיך אריין אין די 25 יאָר באַקאַנטשאַפט — און נאָענטסטע באַקאַנטשאַפט — מיט דעם מענטשן, קומסטו צום באַשלוס, אַז דאָס איז די גרויסע ליבע, וואָס דער מענטש האָט געהאַט פאַרן געדרוקטן וואָרט, פאַרן שם המפורש, פאַרן געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס האָט אים דערבראַכט צו ווערן „דער אומשאַצבאַרער אוצר אונזערער".

דער לעצטער אויסדרוק געהער צו אַ יידישן סאָוועטישן וויסנשאַפטלער, וועמען איך האָב געפרעגט וועגן ק. מרמר'ס אַרבעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, בשעת מיר האָבן זיך דאָרט געטראָפן אין 1935.

דער אומשאַצבאַרער אוצר. די טעג האָב איך געדאַרפט אַריינקוקן אין מאָריס ווינטשעווסקי׳ס אַ באַנד שריפטן פאַר אינפאָרמאַציע־צוועקן. ערשט דאָ האָב איך געקאָנט אָפּשאַצן די גרויסע אַרבעט, וואָס מרמר האָט אָוועקגעלייגט ביים צוזאַמענשטעלן און רעדאַקטירן דעם „זיידנס״ שריפטן.

אַן אומשאַצבאַרער אוצר איז פאַר אונז מרמר׳ס גרויסע אַרבעט וועגן אהרן ליבערמאַנ׳ען, דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסט; זיינע גרינטלעכע אַרבעטן וועגן מאָריס ראָזנפעלד, י. באָוושאָווער, דוד עדלשטאַט (טיילווייז אַרויס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד), זיינע אַרבעטן איבער יידישע געשיכטע — אַלץ אוצרות פון וועלכע מיר דאַרפן, קאָנען און וועלן שעפּן פאַר דורות לאַנג.

קלמן מרמר האָט אין זיין צוואה געבעטן, אַז מען זאָל אַרויסגעבן זיין פּרוי׳ס בריוו צו אים. ער האָט זיי געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקן, ווערטפולן, דרוקבאַרן דאָ־קומענט. אויף זיין פאַרלאַנג האָב איך צוגעזאָגט זיי צו רעדאַקטירן. זי האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ נאָענטן פריינט.
וואו איז אַהינגעקומען די צוואה?

משה אָלגין

שוין אַכט יאָר זינט מ. אָלגין איז אַוועק פון אונז, און עס גייען ניט ארויס פון זכרון פאַרשיידענע עפּיזאָדן און מאָמענטן מיט אָלגינ׳ען. אויף אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געלעגן דער שטעמפּל פון זיין ליכטיק געשטאַלט — אָלגין דער געזעלשאַפטלעכער מוסטער, דער מענטש, וואָס האָט געשטעלט די אינטערעסן פון כלל איבער זיין פּערזענלעך לעבן, איבער זיין געזונט, איבער זיינע אייגענע נויטן.

עס גייען ארום אַ צאָל לעגענדעס וועגן אָלגינ׳ען צווישן די יידישע מאַסן. עס וואָלט כדאי געווען זיי צונויפזאַמלען. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יידן זיינען געקומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט אָלגינ׳ען אין אַמעריקע. וועגן זיינע רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין איראָפּע איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

איך האָב אין פאַרלויף פון יאָרן געזען גאָר א סך בריוו אין אָלגינ׳ס פּערל־דיקער האַנטשריפט, געשריבן ניט בלויז צו קאָלעגן שרייבער, נאָר צום פאָלק, צו ארבעטער, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים מיט עצות, מיט טענות, מיט מיינונגען וועגן דער „פרייהייט". ער האָט אין אַזעלכע פאַלן זיך ווינציק באַנוצט מיט דער שרייב־מאַשינקע פון זיין סעקרעטאַרשע. ער האָט געוואָלט פילן די אינטימקייט צום מענטשן, מיט וועלכן ער האָט זיך שריפטלעך דורכגערעדט, ווייל זיינע בריוו זיינען קיינמאָל ניט געווען קאַזיאָנע־טרוקן. עס האָט געאָטעמט פון זיי מיט נשמה׳דיקער ווארעמקייט.

2.

מיר איז באמת ניט לייכט צו שרייבן וועגן אָלגינ׳ען. צופעליקערווייז האָב איך זעקס יאָר צייט געענוי געוואוסט זיינע טאָג־טעגלעכע שטימונגען און איבער־לעבונגען. מיין פרוי איז געווען אָלגינ׳ס סעקרעטאר אין דער „פרייהייט" רע־דאקציע די לעצטע זעקס יאָר פון זיין לעבן. זי האָט קיין סודות פון רעדאקציע קיינמאָל קיינעם ניט ארויסגעגעבן, נאָר די פּערזענלעכקייט אָלגין איז אויך אהיימגעקומען מיט איר. און ניט איינמאָל האָט זי אויך מיטגעבראַכט אַהיים דאָס, וואָס איז געווען סימבאָליש פאַר אָלגינ׳ען.

איז אָלגין אַוועקגעפאָרן ערגעץ־וואו, איז ער צוריקגעקומען מיט אַ מתנה

פאר זיין סעקרעטאַרשע. אָפּט איז דאָס געווען גאָר אַ קליניקייט, אַ הילצערנע פּושקע, אַ סואוועניר, נאָר אין דעם איז געלעגן דער צוגאַנג צו זיין מיטארבעטער.

כמעט ביי יעדער גרויסער, גוטער געשעעניש, ווי דער זיג פון אַן ארבעטער־קאַנדידאַט, אַ פריידיקע דערגרייכונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַ געוואונענער סטרייק פון קוילנגרעבער אין אמעריקע — אַלץ איז געווען די סיבה פון די קליינינקע מתנות, וואָס געפינען זיך אין אונזער הויז.

אַלגין האָט געהאַט אַן איבערדרייד מיט זיין סעקרעטאַרשע. געוויינטלעך פאַרגעסט מען באַלד, אין געברויז פון רעדאַקציע־ארבעט, דאָס איבערגעאַיילטע וואָרט, דעם האַרבן אויסדרוק.

נייִן, אַלגין האָט ניט פאַרגעסן. אין די אַלע וויכטיקע אויפטראָגן און באַשלוסן פון אַ רעדאַקטאָר און אַ פאַלקס־פירער האָט אָבער אַלגין ניט פארגעסן, אַז ער האָט מעגלעך געקאָנט אַנטרעטן יענעם אויפן הינער־אויג. אַלגין האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן זכרון — אויך פאַר אזעלכע פאַלן.

אויפן טישל פון דער סעקרעטארשע האָט זיך באַוויזן אַ בלימל, אָדער אַ פּעקל שאָקאָלאַד, אָדער אַ לעמפּל פאַרן הויז, אָדער אַן אילוסטרירט בוך מיט אַלגין׳ס אַ שיינעם אויטאָגראַף.

אַט אַזוי האָט אַלגין איבערגעבעטן זיין סעקרעטארשע, טאָמער האָט זי זיך געפילט געטראָפן פון זיינס אַ וואָרט. וויפיל מענטשן, גרויסע מענטשן, האָבן די ברייטהאַרציקייט אַזוי צו האַנדלען?

אָדער נעמט אַ פאַרקערטן פאַל. אַלגין איז אַנגעהויכט געוואָרן פון אַ פרילינג־כרימאָרגן. דער פאַקט אין אים איז אריינגעקומען אין רעדאַקציע. ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון סענטימענטאַלער פרילינג־שטימונג און ער האָט דיקטירט דער סעקרעטארשע אַן אויסגוס פון פרילינג־געזאַנג. ער איז באַגייסטערט פון זיין ליד אין פראָזע, וואָס האָט געדאַרפט אריינגיין אין דער מאָרגנדיקער צייטונג. ער האָט דערוואַרט, אַז די סעקרעטאַרשע, די ערשטע לייענערין, וועט זיך טיילן מיט זיין באַגייסטערונג. ער האָט געפרעגט איר מיינונג, נאָר זי איז געוואוינט געווען צו זיין אָפנהאַרציק אין אַלץ. זי האָט אויסגעדריקט איר מיינונג, אַז די שטימונג פאַסט זיך ניט אין אונזער צייטונג אין דעם איצטיקן מאָמענט.

ווען זי איז דאַן אהיימגעקומען האָט זי מיט פאַרדראָס דערציילט וועגן איר האַנדלונג. אַלגין האָט זיך צוגעהערט צו איר מיינונג, זיין פּנים איז געווען ערנסט. ער האָט פאַרלאָזט דאָס רעדאַקציע־צימער, געלאָזט זיין דיקטירטן קאָלום אויפן טיש. ווען ער האָט זיך אין אַ צייט ארום צוריקגעקערט, האָט ער אריינגערופן

די סעקרעטארשע, צוגעגעבן אַז זי איז געווען גערעכט, צעריסן דעם מאַנוסקריפּט, אריינגעוואָרפן אים אין קאָרב און דיקטירט אַ נייעם קאָלום.

ווינציק רעדאקטאָרן קאָנען אזוי האַנדלען. אָלגין איז געווען אַ גרויסער מענטש, אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש.

3.

עס איז באַוואוסט, אַז אָלגין איז געווען אַן אָלזייטיקער, פלינקער שרייבער, אַן אוצר פון וויסן און אינפאָרמאַציע, אַ קענער פון אַלערליי צווייגן פון דער שריפטשטעלערישער פּראָפעסיע. ער האָט געקענט דיקטירן אַן אויפהער שעה'ן לאַנג צו זיין סעקרעטארשע, ווען זי איז מיד געוואָרן האָט ער געקאָנט דיקטירן דירעקט צום זעצער, אָדער דיקטירן צו אַנדערע מיטארבעטער. און ווען אַלע מיטארבעטער האָבן פארלאָזט, ווען עס איז אומעטום געוואָרן פינסטער, דאַן האָט נאָך אַ גרויס ליכט געלויכטן אין רעדאקטאָר'ס צימער. אָלגין האָט געשריבן זיינע טעגלעכע קייבלס פאר דער „פּראַוודאַ”. דאן האָט ער געשריבן רוסיש, אָדער גאָר שטודירט אַ ניי ווערק.

וואָס עס האָט אונז, יינגערע שרייבער, תמיד איבערראשט, איז געווען, וואָס אָלגין האָט געפונען צייט צו לייענען בעלעטריסטיק. ער איז געווען באַהאַוונט מיטן לעצטן סאָוועטישן ראָמאַן, אָדער מיטן נייסטן אַמעריקאַנער נאָוועליסט, אָדער מיט די לידער פון אויפגייענדיגן פּאָעט.

ער האָט אין דער שיינער ליטעראַטור געפונען אַן אָפּרו פון זיין שווערער גייסטיקער ארבעט. ער האָט זיך מחיה געווען מיט אַ גוט ליד, מיט אַ געלונגענער דערציילונג.

ער האָט געקאָנט אינמיטן טאָג זיך אַראָפּכאַפּן אין רוּשיקן רעסטאראַן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון דער רעדאקציע, און זיך אַוועקזעצן ביי אַ טישל פון יונגע דיכטער און זיי דערציילן, וואָס פארא אַן איינדרוק אַ ליד אָדער אַ דערציילונג האָט אויף אים געמאַכט.

ער האָט ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט — און דאָ האָט אים ווידער געדינט זיין געטרייער זכרון — צו געבן אַ קאָמפּלימענט אַ שרייבער אַן אַנהויבער פאַר זיין אָפּגעדרוקטער זאַך. ער האָט גענוי געדענקט די שטעלן, וואָס זיינען אים געפעלן געוואָרן, און גאַנץ טאַקטיש אָנגעוויזן אויף פעלערן.

דערפאר איז ער געווען פאָרזיכטיק, ווען ער האָט געדאַרפט שרייבן אַן אָפּ-האַנדלונג וועגן אַ בוך פון אַ מיטגליד פון פּראָלעטפּען. אַזאַ אַרטיקל האָט ער שוין ניט דיקטירט. אַזאַ רעצענזיע האָט ער ניט געשריבן אין דער רעדאקציע, נאָר שפּעט, ביינאַכט, אין זיין היים. דאָס איז געווען אַ לאַנגזאַמע, דורכ-

געפילטע ארבעט. די לעצטע טייערע מתנה, וואָס אַלגין האָט מיר געגעבן, איז געווען זיין מאַנוסקריפּט וועגן מיין בוך „אייגענע מענטשן", וואָס ער האָט אָנגע־שריבן צוויי חדשים פאַר זיין טויט.

4.

אַלגין איז געווען אָנגעזאַפּט מיט לעבנס־פרייד ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן, הגם ער האָט אָפט געפילט, אַז דאָס שרעקלעך־אומפאַרמיידלעכע לויערט שוין איבער אים. מען האָט אים געקאָנט טרעפן אין אַ פיינלעכן צושטאַנד אריינ־קומענדיק אין הויז אומדערוואַרט, נאָר גלייך האָט ער זיך איבערגעביטן, ווי ער וואָלט געזיגט איבערן גרויען שאָטן, וואָס האָט פאַרשלייערט זיין מאַט פּנים. ער האָט זיך ווי אָפּגעזאָגט צו ריידן וועגן זיין פיזישן צושטאַנד און גלייך ארויפ־געפירט דעם שמועס אויף דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס פון גאַסט.

עס איז געווען אין דעם שרעקלעכן יאָר 1939, אַ פּאָר חדשים פאַר זיין טויט. די פּראָגרעסיווע באַוועגונג איז אויסגעשטאַנען ווילדע אַטאַקעס פון עטלעכע דעזערטירן. אַלגין איז געווען דער פערזענלעכער ציל פון זייערע זלזולים. אַלגין איז געווען אַ חולה מסוכן. יעדע אויפרעגונג האָט פאַרקירצט די טעג פון זיין לעבן. דאָס האָבן געזען זיינע נאָנטע פריינט מינא און לואי הארקאַווי, מיט וועלכע ער האָט דאַן געוואוינט. נאָר זיינע פיזישע און גייסטיקע ליידן האָט אַלגין קיינמאָל ניט געפּראוווט ארויסווייזן פאַר זיינע פריינט און באַקאַנטע. פאַר זיי האָט ער געהאַט איין גרייטע פראַגע: „וואָס מאַכט איר און וואָס הערט זיך ביי אייך אין אייער אַרבעט?"

מיט אַן ערנסטן אינטערעס האָט ער זיך איינגעהער'ט צום גאַסט און כסדר געשטעלט מער פראַגעס, וואָס האָבן באַוויזן, אַז ער האָט איינגעזאַפּט דאָס געהערטע.

מיט שרייבער האָט ער מערסטנס גערעדט וועגן זייערע אינערלעכע פּראָב־לעמען. דער ענין איקוף איז אים ניט אַרויס פון געדאַנק. עס איז געווען זיין באַליבט קינד, זיין בן־זקונים, זיין מיזיניקל און ער האָט געציטערט איבער אים. פאַראייניקן אַלע קולטורעלע כחות אין יידישן לעבן, כדי דורך דעם פאַר־שטאַרקן דעם קיום פון יידישן פאָלק — דאָס איז, דוכט מיר, געווען זיין לעצטער טרוים. אַז אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן — און דרוקן — זיין אָפּשאַצונג וועגן דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין אמעריקע.

דאָס וואָרט „אָפּשאַצונג" גייט אויף די שרייבער. מיט אַ באַזונדערער ליבע האָט ער גערעדט ניט בלויז וועגן אונזערע אייגענע דיכטער, דערציילער, זשורנאַליסטן, נאָר ער האָט אָפּגעשאַצט יעדעס געדרוקטע וואָרט אין דער

אמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט מיט עפּעס בייגעטראָגן צו באַ-פעסטיקן און פאַרשענערן אונזער קולטור־בנין.

5.

איך וועל צוריקקומען צו 1939, נאָר עס בעט זיך דאָ צו דערציילן וועגן יאָרן פריער. דער קעמפּ „ניטגעדייגעט" האָט געהאַט אראנזשירט אַ קורס לעקציעס מיט אָלגין׳ען דורכן זומער. ער פלעגט ארויסקומען דאָנערשטאָג פאַר-נאַכט. דעם זעלביקן אָוונט האָט ער איינגעלייטעט אויף אַ פּאָליטישער טעמע פון דער וואָך און צומאָרגנס אין דער פרי האָט ער פאָרגעזעצט זיין קורס איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

געקומען איז ער פאַרנאַכט אַ שטאַרק מידער און זיך גלייך צוגעלייגט אין באַנגאַלאָ. מיר זיינען דאָן איינגעשטאַנען צוזאַמען. איך האָב געהאַט אַ לאַנגע וואקאַציע. ער פלעגט מיך בעטן אים אויפוועקן אין אָוונט. ער האָט עפּעס איבער־געביסן און גלייך זיך געלאָזט צום עולם. ער האָט גוואַלדיק ליב געהאַט צו זיין אין געזעלשאַפט פון דער מאַסע. פנים׳ער האָט ער באַאָבאַכט און געדענקט און שפּעטער זיי כאראקטעריזירט. איך האָב ניט געקאָנט דולדן זיין געדולדיקייט מיט די עקספּלואַטאַטאָרס פון זיין ווינציק־פרייער צייט. מען האָט זיך צו אים געווענדט מיט די אויסטערלישסטע פראַגעס און קשיות. מענטשן האָבן צו אים געהאַט דעם טיפסטן צוטרוי און געגלויבט, אַז אַ ל ץ קאָן אים אינטערעסירן, אַז אַ ל ץ דאַרף ער וויסן.

איך האָב זיך געבעטן ביי אָלגינען, אַז ער זאָל שפּאָרן זיין ענערגיע פאַר דער לעקציע און דער לאַנגער דיסקוסיע וואָס פלעגט געוויינלעך נאָכפאָלגן. אָלגין האָט זיך אויסגעלאַכט. ער האָט ניט איינמאָל דערקלערט, אַז אין מענטשן־קרייז זאַפּט ער זיך אָן מיט פרישער ענערגיע.

ביי איין דיסקוסיע האָט מען אים געפרעגט, צי איז עס ריכטיק, אַז קעמפּערס זאָלן זינגען און שפּילן און זיך פרייליך מאַכן ביז העט אין דער נאַכט אריין. אָלגין האָט געלאַכט און שפּאַסיק געענטפערט, אַז שטערן די וואָס שלאָפן דאַרף מען ניט, נאָר עס שטייט אין ערגעץ ניט געשריבן, אַז די נאַכט איז געמאַכט געוואָרן בלויז פאַר שלאָף. אויב מען פילט ווי צו יום־טוב׳ן ביינאַכט זאָל מען דאָס טאָן.

יענעם אָוונט האָב איך געהאַט איבערגעלאָזט אָלגין׳ען צווישן עולם און איך בין מיר אַוועק שלאָפן. איך האָב שוין געהאַלטן ביים איינדרעמלען, ווען איך האָב מיטאַמאָל דערהערט אָלגינ׳ס קול לעבן בעטל. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין?

שוין זאָל איך זיך אָנטאָן. מיר גייען צו מאַיק׳ן טרינקען טיי. די נאַכט איז צו שיין.

ארום דריי פאַרטאָג האָבן מיר זיך געלאָזט אהיים, צום קעמפּ. אַלגין האָט רעציטירט ביאַליק׳ן און פּושקינ׳ען און דערמאָנט זיך אין היינע׳ס סטראָפן. שלאָף, האָט ער מיר דאַן דערקלערט, איז אַ רעלאַטיווער באַגריף.

.6

אין אָנהייב אָקטאָבער 1939, האָט אַלגין זיך געוואָלט דורכפאָרן איבער דער לענג פון ניו יאָרק. ער איז שוין דאַן געווען זייער קראַנק און עס איז אים געווען שווער דאָס גיין. וויסנדיק, אַז מיר וואוינען זייער ווייט, אין די בראָנקס, האָט ער אויסגעקליבן אונז אהיימצופירן אין אַן אויטאָמאָביל. דאָס האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו פאָרן ביים האָדסאָן פאַרנאַכט, ביים זון־פאַרגאַנג.

אַלגין האָט זיך דאַן געזעגנט מיט זיין געליבטער ניו יאָרק. ער האָט מיך געבעטן דערציילן אים וועגן מיין ארבעט ביים שרייבער־פּראָיעקט פון דער וו. פּ. א. ער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער אַנטאָלאָגיע „אמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור״, וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט געגרייט. ער האָט גערעדט וועגן „שלאָגן וואָרצלען אין דער טיף״ פון אַמעריקאַנער יידישן קולטור לעבן.

אונזער אויטאָ האָט זיך דערנעענטערט צו דער וואַשינגטאָן־בריק. ווי צוויי ריזיקע שנורן ברילִיאַנטן האָבן אויסגעזען די לאָמפּן, וואָס האָבן פאַראייניקט דעם ניויאָרקער ברעג מיט דעם ניו דזשוירזיער. אַלגין האָט ניט געקאָנט אָפּ־רייסן די אויגן דערפון. דער האָדסאָן איז געלעגן אַזאַ רואיקער, געלאַסענער קעגן דער ברויזיקער אומרו פון דער גיגאַנטישער שטאָט, קעגן דער געהיימער שוואַרצ־קייט פון דער אָנקומענדיקער נאַכט.

אַלגין האָט געשוויגן. בלויז צייטנווייז אויסגערופן: „וואָס פאַר אַ פּראַכט!״

איך האָב זיך פון דער זייט איינגעקוקט אין אַלגינס פּנים. עס איז געווען גרוי, נאָר געלאַסן. עס איז געווען טיף־ערנסט און דאָך אויסגעדורשט נאָך לעבן.

ער האָט אָנגעוואָרפן ליטעראַרישע פּלענער און ער האָט באַוואונדערט די ארומיקע פּאַנאָראַמע. דער מוח איז געווען פּראַקטיש־וואַך, דאָס אויג איז געווען פּאָעטיש־רייף.

מיט משה כצן ביי דער ארבעט

אַ פּאָר כאַראַקטער שטריכן

זיין ניכטערער אָפּטימיזם האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קלאָג־רייד, נעבעכדיקייט, אָפּהענטיקייט און פּוסטע רייד און געדאַנקען. נאָר צום ייִנגערן דור האָט ער געהאַט כמעט אַ סענטימענטאַלע באַציאונג. אָבער איבער אַלעם איז ער געווען דער אנדערשדיקער, דער נייַזאָגער, דער גלויביקער אין עיקר, נאָר סקעפּטיש ביז גאָר צו השערות, צו סברות און געדאַנקען, וואָס זיינען ניט געווען באַפעסטיקט פון אייזערנער לאָגיק און שכל הישר.

האָט זיך ניט ביי איינעם געשאַפן דער איינדרוק אַז משה כץ איז דער־ווידערדיק, אַז ער איז שטענדיק קידער־ווידער. וואָס מען זאָל אים ניט דער־ציילן, וועט ער אָפּפרעגן, חוקר ודרוש זיין. בלויז אַ קורצזיכטיקער האָט גע־קאָנט דערזען אין דעם אַ מין ציניזם. ס׳איז אָבער געווען — אַ פאָרשערישער פאַרנעם, א שטרעבן צום אמת, אַ ווילן דערגיין צום גרונט פון דער זאַך.

אַזוי איז ער געווען אין זיין שרייבן. דער מענטש און זיין פּען זיינען דאָ געווען איינס. און דאָך האָט מען געקאָנט געפינען ווידערשפּרוכן אין זיין צוגאַנג, איבערהויפּט האָבן דאָס דערפילט די שרייבער וועמענס ווערק ער האָט רעצענזירט.

עס האָט זיך ניט איינמאָל געשאַפן דער איינדרוק, אַז משה כץ האָט זיין קריטישן איבערזיכט געשריבן אין איילעניש, ניט גענוג פאַרטיפט, ניט אריינ־געלעבט זיך אין דעם מהות פון שרייבערס קאָנצעפּציע.

עס איז געווען אַ גוטמוטיקער קידער־ווידער אין זיין צוגאַנג צו קריטיק. אָט האָט ער, אַ פּנים, געלויבט דאָס ווערק, נאָר מיטאַמאָל ווי זיך געכאַפּט, אַז עס זיינען פאַראַן חסרונות און די פּאָר קריטישע באַמערקונגען נאָכן לויב האָבן ניט איינמאָל צונישט געמאַכט די גוטע ווערטער, וואָס ער האָט געהאַט באַ־שאַנקען דעם שרייבער.

עס איז אָבער ניט געווען קיין בייזוויליקייט אין דעם. ס׳איז געווען זיין

סטיל, זיין באַנעם, ניט בלויז מיט דער פען, נאָר אויך אין זיינע רייד, סיי פערזענלעך, סיי פון דער טריבונע. נאָר ווען מען האָט זיך שפּעטער באַגעגנט מיט משה׳ן, האָט ער אייך אויפגענומען מיט אַ נאַטירלעכער פריינטשאַפט, וואָס האָט ניט איינמאָל פריטשמעליעט דעם געטראָפּענעם.

ווי ווייט איך קאָן זיך דערמאָנען, איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אונטער און מיט משה׳ען אַ היבש ביסל יאָרן. מען האָט געקאָנט גאָר אַ סך לערנען פון אים. ערשטנס, האָט זיין פערזענלעכער עגאָ זיך ניט גערוקט צו דער מזרח־וואַנט. מעגלעך, אַז עס האָט אים ניט איינמאָל געאַרט וואָס צוליב פאַרשיידענע סיבות האָט ער ניט באַקומען דעם אַנזען, וואָס איז אים געקומען. נאָר איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, אַז ער זאָל עס האָבן אַרויסגעוויזן. ווען זיך אַלס שרייבער האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט. הנאה האָבן פון אַן עפּיזאָד, אין וועלכן ער איז געווען פאַרוויקלט, דאָס יאָ, נאָר אַרויסשטעלן דעם איך — ניט.

אַז משה כץ איז באַגאַנגען אַ טעות קעגן אַ קאָלעגע־שרייבער האָט ער דאָס ניט געהאַלטן אין זיך, נאָר אַן פליטערלעך און אָן אָנשטעל, צוגעגאַנגען צו יענעם און געמאַכט אַ דערקלערונג, ניט אין דער פאָרם פון אַן אַפּאָלאָגיע, נאָר ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן. אויב ער האָט דאָס ניט געטאָן תיכף ומיד, האָט ער ביי א ניט־דערוואַרטער געלעגנהייט צוגעגעבן זיין מינוס.

די קלוגשאַפט זיינע איז געווען געוועבט מיט הומאָר און שאַרפזין, נאָר די וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט פון דער נאָענט האָבן אין אים דערקענט אַ ווייכהאַרציקן מענטשן, וואָס איז ניט איינמאָל געווען סענטימענטאַל. איבער־הויפּט האָט ער געהאַט איינזעעניש מיט דעם וואָס האָט זיך געניטיקט אין הילף און ריכטונג אין דער אַרבעט.

ווען איך האָב איבערגענומען די רעדאַקציע פון זשורנאַל „ניי לעבן" פון איקאָר און ער איז געווען און איז געבליבן אין דער רעדאַקציע פון פריער, איז ער געווען דער ערשטער מיך צו פאַרטיידיקן, ווען די פיילן פון קריטיק זיינען געפלויגן אויף מיר פון די אָנפירנדיקע מיטגלידער. אמת, שפּעטער האָט ער, אונטער פיר אויגן, צוגעגעבן אַז טיילוויז איז די קריטיק געווען באַ־רעכטיקט, נאָר ווי אַן עלטערער קאָלעגע האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב מיך צו באַשיצן.

דאָס זעלבע האָט ניט איינמאָל געטראָפן אין דער רעדאַקציע פון „אונזער וואָרט", חודש אָרגאַן פון פאָלקס אָרדן. איבערהויפּט האָבן זיך דאָרט געפונען אייביקע „צעטרייסלער". משה כץ האָט זעלטן זיי צוגעגעבן מוט. ער האָט תמיד געפונען לויב און אָנערקענונג. די קריטיק האָט ער געלאָזט, ווען אַלע האָבן פאַרלאָזן. צוגעגאַנגען נאָענט, אַרומגענומען און אינדערשטיל אָנגעוויזן

אויף חסרונות. דאַן האָט מען פאַר זיך דערזען גאָר אַן אַנדער משה כץ.

ווי אַ קאָלעגע־שרייבער איז ער שטענדיק געווען מוכן ומזומן צו העלפן אַ רעדאַקטאָר. וואו אַ שווערע טעמע, וואו אַן ענין וואָס האָט געפאָדערט באַ־האַווענטקייט, האָט מען געוואוסט, אַז מען וועט זיך ווענדן צו משה'ן און ער וועט ניט אָפּזאָגן. קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי שטאַרק ער פעלט אויס היינט־צוטאָג.

מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט האָט ער זיך באַצויגן צום ייִנגערן דור שרייבער. ער האָט ליב געהאַט זייער אַטמאָספערע, דערפאַר וואָס אין דער נשמה איז ער שטענדיק געווען יונג און דער ענטוזיאַזם פון די וואָס האָבן געוואגט, איז אים געווען נאָענט.

ער האָט דערמוטיקט אַ ניי וואָרט, אַ נייע אונטערנעמונג און דאָס ווען באַווייזן, אַז מען קאָן און אַז מען וועט. דאָרט וואו אַנדערע האָבן געזאָגט לא מיט אַן אלף, האָט משה געהייסן פּרובירן. איז ער געווען פון די דערמוטיקער ביים גרינדען פון שרייבער פאַראיין ביים איקוף און געוואָרן זיין ערשטער פּרעזידענט. איז ער געווען אין דער רעדאַקציע פון ניי־געגרינדעטן פּערטל־יערלעכן זשורנאַל „זאַמלונגען", וואָס עס איז שווער געווען פאָראויסצוזען, אַז ער וועט געפינען אַ ברייטע נאָכפאָלגערשאַפט און ווערן אַ מין ליטעראַרישע אינסטיטוציע.

די „זאַמלונגען" זיינען אים געוואָרן אייגן. אויסערדעם וואָס אסתר כץ האָט זיך אריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן צו פאַרזיכערן זיין פינאַנציעלע באַזע, משה האָט געהאַלטן אַן אויג אויף די מיטאַרבעטער, וואָס האָבן שוין אַ צייט לאַנג זיך ניט געוויזן אין זשורנאַל.

עס איז געווען ביי אַ באַנקעט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן טוער. מיר זיינען געזעסן ווייט איינע פון די אַנדערע. מיטאַמאָל איז משה צוגעקומען צו מיר און אויף זיין כאַראַקטעריסטישן אופן ארויפגעלייגט די האַנט אויף מיין שולטער און געזאָגט : הערט זיך נאָר איין יונגערמאַן : ווי לאַנג נאָך וועט איר אַזוי שווייגן אין די „זאמלונגען" ? גיט עפּעס אריין אין קומענדיקן נומער. דערציילט מיר ניט, אַז איר זייט פאַרנומען. ווער פון אונז איז דען ווייניקער פאַרנומען ? שוין לאַנג ניט געהאַט אייערס אַ דערציילונג. איר האָט אַ ליד, לידער, — שיקט אריין. מען טאָר זיך ניט דערווייטערן אַזוי.

און עס האָט געהאָלפן. איך האָב ניט געהאַט וואָס צו געבן, נאָר אַ דאַנק אים האָב איך דערפילט די פליכט פון שרייבן און טאַקע אָנגעשריבן פינף לידער, וואָס זיינען דערשינען נאָך אַ לאַנגער צייט פון ניט דרוקן זיך.

איינמאָל, מיט דריי יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך אין דער „מאָרגן־פרייהייט"

געדרוקט טעגלעך מיין ראָמאַן „אַ ליבע אין בראָנקס", האָט משה מיך אָפּ־געשטעלט און דערלאַנגט די האַנט, וואָס דאָס פּלעגט ער ניט טאָן. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען זיין אויסדרוק פון סימפּאַטיע צו מיר.

די מעשה איז געווען, וואָס דער דאָזיקער ראָמאַן האָט ניט נושא חן געווען ביי די לייענער פון דער צייטונג און עס האָבן אַנגעהויבן אריינקומען אַ סך פּראָטעסט־בריוו, ניט בלויז אין דער רעדאקציע, נאָר אויך שריפטלעכע און מינדלעכע ווענדונגען צו משה כצ'ן, וועלכער האָט צוליב זיין שוואַכער ראיה, ווי ער האָט שפּעטער דערציילט, ניט געהאַט געלייענט די פאָרזעצונגען.

די פּראָטעסטן האָבן גורם געווען, אַז משה זאָל זיך נעמען לייענען אַלע דער־שינענע קאַפּיטלען. דער רעזולטאַט איז געווען זיין „בריוו פון אַ לייענער" צו דער רעדאקציע, וואָס איז, גלויב איך, ווערט דאָ איבערגעדרוקט צו ווערן, ווי אַ כאַראַקטער־שטריך פון משה כצן.

ווענן י. א. ראָנטש'ס ראָמאַן „אַ ליבע אין בראָנקס"

רעדאקציע „מאָרגן פרייהייט":

געווייינטלעך, ווי איר ווייסט, שרייב איך אין אונזער צייטונג אַן אַרטיקל, נאָר אַזוי ווי איך האָב באַקומען אַ פּאָר בריוולעך און פּערזענלעכע אָנפרעגן וועגן אַן ענין וועגן וועלכן ס'איז נאָך ניט מעגלעך צו שרייבן אַן אַרטיקל, ענטפער איך אויף זיי מיט אַ בריוו אין רעדאַקציע.

עס האַנדלט זיך וועגן י. א. ראָנטש'ס ראָמאַן „אַ ליבע אין בראָנקס", וואָס דרוקט זיך שוין איבער אַ חודש צייט אין דער „מאָרגן־פרייהייט".

וועגן אָט דער „ליבע אין בראָנקס" האָב איך באַקומען פּערזענלעכע אָנפרעגן צי דענק איך, אַז עס פּאַסט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" צו דרוקן אַזאַ ראָמאַן, וואָס איז כלומר'שט, ווי איינער אויפן טעלעפאָן האָט זיך אויסגעדריקט „פול מיט שונד און פּאָרנאָגראַפיע".

וויל איך וועגן דעם זאָגן: אַ ראָמאַן, וואָס איז „פול מיט פּאָרנאָגראַפיע" טאָר זיך ניט דרוקן אין קיין שום צייטונג און אוודאי ניט אין דער „מאָרגן־פרייהייט", וואָס זאָרגט שטענדיק וועגן דערהויבן דעם געשמאַק פון אירע לייענער. אָבער ווי קאָן מען מיט אַ לייכטן האַרצן באַשולדיקן אַזאַ באַקאַנטן און פאַרדינסטפולן שרייבער, ווי י. א. ראָנטש אין שרייבן „שונד און פּאָר־נאָגראַפיע" און די מ. פ. אין דרוקן אַזוינס? האָבן די פּראָטעסטירנדיקע אַ טראַכט געטאָן אַז ס'איז מעגלעך, אַז סיי ראָנטש, סיי די „מ. פ." פאַרשטייען וואָס עס איז באמת אַזוינס „שונד און פּאָרנאָגראַפיע" און וואָלטן אַזוינס ניט דערלאַנגט דעם לייענער?

הגם מיר איז איצט צוליב דעם צושטאַנד פון מיינע אויגן שווער צו לייענען האָב איך ספּעציעל צוליב די אָנפראַגן געגומען לייענען דעם ראָמאַן „אַ ליבע אין די בראָנקס״. אורטיילן וועגן זיין ליטעראַרישן ווערט, אָדער חסרונות לייענענדיק פאַרזעצונגען (און אַמאָל דורכלאָזנדיק זיי) איז, פאַרשטייט זיך, צו פרי. אָבער וועגן די דורכגעלייענטע קאַפּיטלען וויל איך זאָגן מיט דער פולסטער איבערצייגונג, אַז דאָס איז זייער ווייט פון שונד און אַוודאי שוין פון פאָרנאָגראַפיע, און אַז ס׳איז פאַרקערט, אַ אינטערעסאַנטער, ערנסטער ראָמאַן, וואָס איז געבויט אויף דעם לעבן, וואָס איז אַלעמען באַקאַנט און וואָס שטעלט שאַרף פּראָבלעמען וועגן עלטערן און קינדער, וועגן אימיגראַנטישע טאַטע־מאַמעס און אַמעריקאַנישע קינדער, וואָס מוזן אַלעמען אינטערעסירן. די פּראָבלעמס פון קינדער, וואָס מיינען, אַז זיי האָבן גאָרניט וואָס צו לערנען ביי זייערע „גרינהאָרן״־עלטערן און וואָס זוכן זייער קאָמפּאַניע און געפינען זייער „מאָראַל״ אין קענדי־סטאָר, איז אַ שאַרפע — מיר הערן וועגן איר טאָג־טעגלעך, זי ברענגט צו אַ סך טרויעריקע און מיאוסע דערשיינונגען און אָפּקערן פון איר דעם קאָפּ אונטער׳ן אויסרייד אַז דאָס איז כלומר׳שט שונד און פאָרנאָגראַפיע, מיינט פאַרמאַכן די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט.

וואָס איז שייך די באַצייכענונגען פון שונד און פאָרנאָגראַפיע, מיט וועלכע איניקע וואַרפן זיך אַזוי לייכט, וויל איך זאָגן, אַז זיי פלאָנטערן די יוצרות. שונד מיינט אַזאַ ווערק, וואָס איז ניט געבויט אויף ערנסטע לעבנס־געשעענישן און אידייען, נאָר אויף צופעליקע סענסאַציאָנעלע טרעפעניש, וועלכע זיינען ס׳רוב נישט געשטויגן, ניט געפלויגן. און פאָרנאָגראַפיע, מיינט דאָס ריידן און מאָלן אין דער וואולגאַרסטער פאָרם געשלעכטלעכע אַקטן און בכלל געשלעכטעניינים. אין דעם זינען קאָן מען ניט און מען טאָר בשום אופן ניט פאַרוואַרפן י. א. ראַנטש׳ס ראָמאַן .שונד און פאָרנאָגראַפיע״ אפילו אויב ס׳איז אמת, אַז אין די ערשטע פאַר קאַפּיטלען פון ראָמאַן האָט ער באַנוצט אַ פּאָר אויסדרוקן, אָן וועלכע מ׳וואָלט זיך געקאָנט באַגיין, איז דאָס אָבער בשום אופן ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן ראָמאַן, — דער ראָמאַן איז אַ גוטער און אינטערעסאַנטער, ער באַרירט אַ זייער וויכטיקע פּראָבלעם און פאַרדינט אַן ערנסטע אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער.

אייער משה כץ.
(אויגוסט18, 1957)

מיר האָבן אַלע געוואוסט אַז משה איז אַ חולה מסוכן, נאָר ער אַליין איז געווען דער לעצטער דאָס ארויסצוווייזן. שטענדיק גרייט מיט אַ וויץ און אַ

הלצה. ניט געוואָלט רעדן וועגן זיך, אָדער מען זאָל רעדן וועגן אים. זאָגט מיר בעסער וואָס הערט זיך בא אייך ?

ס'איז געווען מיט אַ צוויי יאָר צוריק אין מאיאַמי ביטש. דער יערלעכער באַנקעט פאַרן יידישן מוזיק פאַרבאַנד. משה און אסתר זיצן אין פּרעזידיום. אסתר בעט זיך, אַז מען זאָל משה'ן ניט געבן קיין וואָרט. שטרענגער אָנזאָג פון דאָקטאָר. באַשליסט מען, אַז מען וועט אים בלויז אויסרופן זיך צו באַווייזן פאַרן עולם. ער קוקט אויס זייער שלעכט. דאָס פּנים גרוי, די אויגן פאַרנעפּלט. ס'איז ניט גוט, איז אסתר פאַרזאָרגט.

די פּראָגראַם גייט אָן. משה'ס נאָמען איז שוין דערמאָנט געוואָרן פון פאַר־זיצער. ווי תמיד באַקומט ער דעם גרעסטן אַפּלאָז. עס וואָלט געווען יושרדיק אַז ער זאָל אהיימגיין רוען. דער צעטל רעדנער איז אַ לאַנגער. די רייד זיינען ווידערהאָלנדיקע.

מיטאָמאָל קומט אסתר צו צום פאָרזיצער.

—משה וויל עפּעס זאָגן. עס העלפט ניט דאָס בעטן זיך ביי אים. ער פאָלגט ניט דעם דאָקטאָר. איך פאַרהאָף אַז ער וועט ניט רעדן מער ווי פינף מינוט.

משה, דער געבאָרענער רעדנער, פאַראינטערעסירט דעם עולם פון ערשטן מאָמענט אָן. ער האָט שטענדיק וואָס צו זאָגן, אַן אייגן וואָרט, אַ קלוג וואָרט. דאָסמאָל דערגאַנצט ער דאָס ניט דערזאָגטע. אַלע האָבן געלויבט די ארבעט פון מוזיק פאַרבאַנד, נאָר משה האָט איינגעזען אַז וויכטיקע פונקטן זיינען אויס־געלאָזן געוואָרן. עס וועט דאָך זיין אַן אומפאַרמיידלעכער אַפּיל פאַר פאָנדן און דער עולם דאַרף אָפּשאַצן מער די טעטיקייט פון אָט דער וויכטיקער אינסטיטוציע.

גערעדט האָט ער פופצן מינוט און דער עולם האָט געלערנט, געזעסן פאַר־כאַפּט פון די פּשוטע, קלאָרע, עפּעס־זאָגנדיקע ווערטער.

און ווען מען האָט גענומען אויסרופן שפּעטער די נעמען פון די ביישטייערער איז צווישן די ערשטע געווען דער נאָמען משה כץ. ער האָט געגעבן מער ווי די וואָס האָבן געקאָנט אַ סך מער ווי ער געבן.

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן ביים געזעגענונג־אָוונט, וואָס דער שרייבער פאַראיין האָט אראנזשירט פאַר אים און אסתרן. ער איז אריינ־געקומען ווען דער עולם איז שוין געזעסן ביי די טישן, נאָר מען האָט געפילט אַז ער וויל צוקומען צו יעדן איינעם און דריקן די האַנט.

אין זיין לעצט וואָרט האָט ער ניט דערמאָנט זיין צוריקקומען קיין אמעריקע. אַלע זיינען ארויס אונטערן איינדרוק, אַז דאָס האָט ער זיך מיט אונז געזעגנט אויף שטענדיק.

דער שעפערישער יעקב שייפער

די צייט פארמעקט, די צייט ווישט אָפּ. פאראן אָבער אייביקייטן, פאראן פעלזן פון גראַניט און קיזלשטיין, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרשטויבן.

דאָסזעלבע מיט מעשים פון מענטשן. יעקב שייפערס ווערק וועלן בלייבן. איצט, פיר און צוואַנציק יאָר נאָך זיין טויט, זינגען מיר זיינע לידער, ווי זיי וואָלטן געווען אינגאַנצן ניי, ווערן מיר אַליין אָפּגעפרישט דורך זיי.

און נאָך מער. זיינע ווערק דרינגען ערשט אריין אין דער מוזיק־אייביקייט. דאָס וואָס שייפער האָט געוואָלט דערגרייכן ביים לעבן, דאָס וועגן וועלכן ער האָט געטרוימט בחדרי חדרים — איז איצט פארווירקלעכט געוואָרן. דער יידישער מוזיק פארבאַנד האָט ניט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן דאָס פּראַכטפולע בוך מיט 22 געקליבענע לידער-נאָטן פון יעקב שייפער.

„איך הער א קול" הייסט דאָס בוך. ווי וואָלט שייפער זיך געפרייט מיט דער אויסגאַבע! ווי שטאַרק ער וואָלט הנאה געהאַט פון דעם פּיזישן אויסזען פון בוך. ס׳איז גענומען געוואָרן פון מאָריס ווינטשעווסקי׳ס ליד, צו וועלכן שייפער האָט קאָמפּאָנירט מויזק

איך הער אַ קול, אַ יאָמער קול,
אַ שמערצלעכן געשריי
איך הער אים, דוכט זיך, אויף אַמאָל,
אין ערטער אַלערליי.

ווי אַלט די ווערטער זיינען און דאָך ווי צוגעפּאַסט צום היינטיקן טאָג. ווי טרעפלעך קלינגט די מעלאָדיע שייפער׳ס, מיט׳ן האָפערדיקן פינאַל:

„די צייט איז לאַנג שוין אויף דער צייט, דאָס גייט די צייט צו קינד!"

איך ווייס ניט ווי גרויס ס׳איז דער טיראַזש פון דעם שייפער מוזיק-בוך, נאָר זיכער איז, אַז דורך דעם בוך וועט שייפער׳ס קול דערגרייכן אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט; אַז אין טויזנטער היימען וועט מען די לידער אויס־זינגען, אַז כאָרן וואָס האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיט געפינען אַ פּאַסיגן רעפּערטואַר, וועלן דורכן שייפער־בוך גאָר אַ סך געהאָלפן ווערן.

און גערעכט איז געווען נ. בוכוואַלד, וואָס שרייבט אין זיין פאַרוואָרט צום בוך, אַז —

„כדי צו באַנעמען שייפערס מוזיק, איז נישט גענוג צו שטודירן זיינע נאָטן. מען דאַרף באַנעמען שייפער׳ן ווי אַ גאַנצקייט; זיין פּערזענלעכקייט, זיין לעבנס־געשיכטע, זיין סביבה, זיין קוק אויפ׳ן לעבן. אַלץ צוזאַמען איז די שייפער־טראַדיציע און אַלץ צוזאַמען איז פאַרקערפּערט אין דער מוזיקאַלישער שייפער־ירושה״.

די שייפער־פּערזענלעכקייט האָט געלאָזט איר שטעמפּל אויף זיינע לידער און דורך זיי בלייבט פאַר אונז גאַנץ דער מענטש שייפער. די צייט האָט ניט אָפּגעמעקט זיין גייסט, נאָר, פאַרקערט, אים פאַרשטאַרקט. די איציקע געשעענישן אויף דער וועלט נויטיקן זיך אין דעם מונטערן קול פון אַ יעקב שייפער. ניט ציטערן, ניט באַהאַלטן זיך אין די לעכער פון פּחדנות, ניט איינעמען אַ שטומע־ניש, — נאָר פאַרקערט: לאָזן הערן דאָס קול פון און פאַר גערעכטיקייט, לאָזן הערן דורך וואָרט און טאַט דאָס אומשטערבלעכע שייפער־קול.

פאַר די, וואָס האָבן געקענט שייפער׳ן אינטים, האָבן די יאָרן פון זיין אוועק־גיין פון אונז ניט איינגאַנצן פאַרהיילט די וואונד, וואָס זיין טויט האָט פאַרשאַפט.

ער איז צוגענומען געוואָרן צו יונג. נאָך קיין 50 יאָר ניט אַלט געווען. נאָך געקענט לעבן הייַנט־צו־טאָג און שאַפן. קיין צווייטער שייפער איז דערווייל ניט צוגעקומען. מען האָט באַשולדיקט זיין איבעראַרבעטן זיך אין דער האַרץ־אַטאַקע, וואָס האָט אים פאַרקירצט דאָס לעבן.

ס׳איז געווען אמת. שייפער האָט געהאַט געאַרבעט צו שווער, צופיל דאגות געהאַט, צופיל האַרץ־עסעניש. ער איז געווען קאָמפּאָזיטאָר, דירי־גענט, אָרגאַניזאַטאָר, פּאַרוואַלטער, געזעלשאַפטלעכער טוער.

מען האָט אַ סך געשריבן וועגן יאנקל׳ען — נאָך זיין טויט. נאָר מ׳האָט כמעט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף נאָך אַ געביט פון זיין פילזייטיקער טעטיקייט, וואָס איך וויל דאָ בלויז באַרירן.

יעקב שייפער איז יאָרן לאַנג געווען דער דיריגענט פון קינדער־כאָרן אין אונזערע שולן. צו זינגען מיט אַ הונדערט קינדער איז גאָרניט קיין לייכטע אַרבעט געווען. געוויינלעך פלעגן די רעפּעטיציעס פּאַרקומען שבת אינדערפרי. פרייטאָג פלעגט ער רעפּעטירן מיט דערוואַקסענע, אַהיימקומען צוויי־דריי אַזייגער פאַרטאָג. ער האָט דאַן, דוכט מיר, געוואוינט אין נוואַרק. צען אינדערפרי האָט ער שוין געדאַרפט איינשטודירן מיט די קינדער אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע, וואו ער האָט אויך געהאַט געוואוינט.

כּדי ניט צו פאַרשפּעטיקן, האָט ער זיך געבעטן ביי די קינדער, אַז מען זאָל אים קומען אויפוועקן מיט אַ שעה פריער. עס האָבן זיך געפונען בעלנים וואָס האָבן עס געטאָן. איך האָב אויף זיך דאַן גענומען די פונקציע פון איינ־

אָרדענען דעם זאַל און אויסזעצן די קינדער אַזוי, אַז ווען ער האָט זיך באַוויזן פלעג איך שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע און דערציילן עפּעס פאַר די קינדער. אין זאַל איז געווען שטיל, די בענקלעך אויסגעשטעלט, די קינדער אויף זייערע ערטער, די מאַנטלען אוועקגעלייגט, די קיי-גומי אויסגעשפּיגן...

ווען יאַנקל איז אריינגעקומען אין זאַל און געטראָפן אַלץ אין אָרדענונג האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן. זיין פּנים האָט געשיינט פון צופרידנקייט. ער איז ארויפגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע, צוגעלאָפן צו דער פּיאַנאָ, אַ קיצל געטאָן די קלאַווישן, צו דער פרייד פון די קינדער, און די רעפּעטיציע איז גע־ווינטלעך אַוועק אַ גאַנג. אין איין שעה צייט האָט ער וואונדער באַוויזן. די קינדער זיינען ארויס פון זאַל מיט אַ פרישן ליד. און ער אַליין האָט נאָך אריינ־געכאַפּט א ביסל אַ שפּאַציר אין פּאַרק, כסדר קוקנדיג אויפן זייגער: צוויי אַ זייגער אַ מיטינג, פינף אַזייגער אַ קאָמיטע, אין אָוונט אַ רעפּעטיציע...

אין מיין ארבעט, ווי דער סעקרעטאר פון יידישן מוזיק פאַרבאַנד, קומט מיר אויס, ממש טאָג־טעגלעך, צו בלעטערן שיפּערס ירושה, סיי די געדרוקטע מוזיק און אָפט זיינע געבליבענע מאַנוסקריפּטן, — נאָטן געשריבן אויף שלעכטן פּאַפּיר מיט אַ בלאַסן בלייער. ליגט ביי אונז דער אַרכיוו אין אַ שאַפע און ביזן היינטיקן טאָג האָט מען דאָרט קיין אָרדענונג ניט געמאַכט. נעמט זיך ניט קיין מוזיקער די מי דאָס צו טאָן און ווי לאה שיפּער דערקלערט זיינען דאָרט פאַראַן פאַרענדיקטע נאָך ניט געזונגענע זאַכן.

מיר האָבן צו פאַרדאַנקען י. ב. ביילינ׳ס בוך וועגן שיפּערן אויסצוגעפינען יעקב שיפּערס גאַנג אין זיין קורצן לעבנס שפּאַן. זיין ביאָגראַפיע שפּיגלט אָפּ אַ טאַלאַנט וואָס איז געווען איינגעגלידערט אין די שיכטן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. ער האָט ליב געהאַט דעם פּשוטן מענטשן און זיין לעבן אים געווידמעט. דער אויסוואַל פון זיינע טעמעס, די ליטעראַטור פאַר זיין מוזיק, איז געווען ניט צופעליק, נאָר געזוכט און גענישטערט. ער האָט שטענדיק געהאַט פאַר די אויגן אי דעם זינגער אי דעם צוהערער, געוואויגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט.

איך האָב געהאַט די גוטע געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן שיפּערן אין דעם פּראָצעס פון אויסקלייב פון לידער פאַר זיינע קאָמפּאָזיציעס.

נאָך אין 1922, ווען די ניי געגרינדעטע ארבעטער רינג שולן אין שיקאַגאָ, וואו מיר ביידע האָבן דאַן געוואוינט, האָבן זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט זייערע קינדער כאָרן, וואָס זיינען געווען אָנגעפירט פון יאַנקלס יוגנט חבר אשר מאַנוסאָוויטש, האָט שיפּער געבעטן דיכטער און לערער, אַז זיי זאָלן אים העלפן אויסקלייבן לידער פאַר מוזיק. איך האָב געהאַט פאָרגעשלאָגן ש. אַנסקי׳ס „וואַנדער ליד”. שיפּערן איז עס געפעלן געוואָרן. מיר דוכט זיך, אַז ער האָט

געהאַט אָנגעהויבן ארבעטן אויף דעם, נאָר ביי א קאָנצערט פון דער ארבעטער רינג שול האָט אַ קינד רעצעטירט י. ל. פּרצעס „צווי ברידער" און שייפער איז פארכאַפּט געוואָרן און אַלץ איבערגעלאָזט אין אַ זייט. אזוי איז געשאַפן געוואָרן איינע פון זיינע געלינגענסטע אָראַטאָריעס.

ווען לעניו איז געשטאָרבן, האָט שייפער געוואָלט אַז איך זאָל גלייך אָנ־שרייבן אַ ליד פאר אים. צו זיין איבעראַשונג איז דאָס ליד שוין געווען פארטיק, דערפאר וואָס איך האָב דאָס געהאַט אָנגעשריבן ביינאַכט, גלייך ווי די נייעס איז געהאַט אָנגעקומען. אַ נאַכט שפּעטער איז שייפער שוין ניט געשלאָפן. ער האָט זיך פארשפּאַרט אין זיין צימער און געשאַפן די מוזיק פאר געמישטן כאָר. אין דריי טעג ארום האָבן עס שוין די זינגער רעפּעטירט. דאָס ליד איז איבערזעצט געוואָרן אין אַ צאָל שפּראַכן.

שייפער האָט געשריבן מוזיק צו נאָך אַ צאָל לידער מיינע. „צום זיג" האָב איך געדארפט צופּאַסן צו דער מוזיק וואָס מען האָט שוין געהאַט געזונגען. די ווערטער זיינען פון יואל סלאָנים. נאָר די צייט האָט געפאָדערט אַן אַנדער טעקסט. די כאָרן האָבן גענומען זינגען מיין טעקסט. עס איז אָבער געקומען אַ מאָמענט, ווען איך האָב איינגעזען אַז אַ טייל סטראָפן מיינע זיינען ניט צו־געפּאַסט צו דער נייער צייט און סלאָנים'ס סטראָפן זיינען ווידער געוואָרן צייטיק. איך האָב דערפאר געמאַכט אַ קאָמבינאַציע און די כאָרן זינגען איצט דעם פאר־אייניקטן טעקסט.

שייפער האָט געבעטן, אַז איך זאָל שרייבן אַ טעקסט צו אַ כאָר פון „פּרינץ איגאָר" פון באָראָדין. די כאָרן האָבן באַלד געזונגען מיין „ניט געברומט". אין 1921 האָט שייפער געשריבן מוזיק צו מיין „הונגער מארש" (פראַגמענט).

אַ באַזונדערן מזל האָט געהאַט מיין „מען רופט". ערשטנס, איז דאָס געווען דאָס איינציקע ליד שייפערס וואָס האָט דערזען די ליכטיקע שיין אין אַן ענגלישן מוזיק זשורנאַל. ס'איז דערשינען אין 1929 אין ניו יאָרק אין טהאַרנטאָן וו. עלען פארלאַג, וואָס האָט אָפּצווייגן אין לאָנדאָן און אין אויסטראַליע. דער אָנ־געזעענסטער מוזיק זשורנאַל „מיוזיקעל קוריער" דרוקט איבער דעם טעקסט (איבערזעצט פון מאגיל) און שרייבט וועגן דער קאָמפּאָזיציע, אַז שייפער איז אַ קאָמפּאָזיטאָר פון פיל מער ווי אַ דורכשניטלעכן גראַד... די האַנט פונעם מייסטער זעט זיך אין יעדער פראַזע פון דער מוזיק". צווייטנס, האָט שייפער פאַקטיש געשאַפן דריי מאָל מוזיק צום זעלבן קליינעם ליד. די ערשטע קאָמפּאָזיציע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן איינשטודירן מיטן דאַון טאַונער כאָר און וואָס איך האָב בלויז געהאַט די מעגלעכקייט צו הערן זינגען פון אַ פּאָר פון די כאָריסטן פריוואַט, האָט ער מיטאַמאָל באַשלאָסן צו פארניכטן.

מיט דעם איז פאַרבונדן אַ שטריך פון שייפערס אויסגעהאַלטענעם, ריינעם כאַראַקטער. ביי אַ צוזאַמענפאַר פון מוזיק פאַרבאַנד אין קליוולאַנד האָט שייפער זיך געטראָפן מיט אשר מאַנוסאָוויטש, וואָס איז דאַן אריינגעצויגן געוואָרן אין דער ארבעט אַלס דיריגענט אין מילוואָקי. מאַנוסאָוויטש האָט אין אָוונט פאַר־בעטן יאַנקלען צו זיך אין האָטעל־צימער און דאָרט פאַר אים אָנטפּלעקט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע קאָמפּאָזיציע אויף „מען רופט". נאַטירלעך האָט אשר ניט געוואוסט, אַז שייפער האָט שוין פריער געהאַט געשריבן מוזיק צום זעלבן ליד און אַז איין כאָר רעפּעטירט עס שוין איין. שייפער האָט געוואוסט אַז אשרן קומט אָן זייער שווער צו שרייבן עפּעס און דערפאַר האָט ער אים שטאַרק דערמוטיקט און פאַרשוויגן אינגאַנצן דעם פאַקט, אַז עס איז שוין פאַראַן זיין אייגענע מוזיק צו „מען רופט".

צוריקקומענדיק קיין ניו יאָרק האָט שייפער גלייך פאַרניכט די קאָמפּאָזיציע. צום באַדויער איז אשר אינגיכן געשטאָרבן און די פאַמיליע וויס ניט, וואָס עס איז געוואָרן פון דער מוזיק צו „מען רופט".

אין אַ יאָר ארום האָט שייפער ווידער געשריבן מוזיק צו „מען רופט". אָט די מוזיק איז געבליבן און ארויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרלאַג. ווען שייפער האָט זיך גענומען צו דער אָראַטאָריע „געוויטער" האָט ער אין יענעם מאָנטאַזש ווידער געפּונען דעם טעקסט פון „מען רופט", וואָס דער צוזאַמענשטעלער יוסף גרינשפּאַן האָט געהאַט אריינגענומען. שייפערן האָט דאָס ניט געאַרט. ער האָט זיך באַנוצט מיט דעם מאָטיוו פון „אָן די פּיקעט לאַין", וואָס ווערט אָפּט ווידערהאָלט אין די וויטערדיקע טיילן.

ניט איינמאָל פלעגט שייפער זיך באַקלאָגן, אַז ער פאַרשאַפט זיך שונאים צווישן די דיכטער וואָס שיקן אים צו זאַכן, נאָר זיי „נעמען אים" ניט. ער האָט אַ סך געלייענט און געהאַט באַשטימטע מיינונגען וועגן פּאָעזיע. זיין טרוים איז געווען צו שרייבן אַן אָראַטאָריע וועגן א יידישן אימיגראַנט, וואָס העלפט בויען א בעסערע אמעריקע.

עס איז אונזער שולד וואָס שייפערס מוזיק, וואָס טראָגט אי אַ יידישן, אי אַ אוניווערסאַלן כאַראַקטער, איז נאָך ניט פּאָפּולער אויסער אונזערע אייגענע ראַמען. „די צוויי ברידער" קאָנען און דאַרפן געזונגען ווערן ניט בלויז פון יידישע כאָרן. עס איז פאַראַן אַ גוטע ענגלישע איבערזעצונג, וואָס איז זינגבאַר.

מאַרק שאַגאַל — און די קלעזמער שפּילן . . .

סאַלאמאָן גאָלוב-דער
יידישער טרובאַדור

עס איז געווען מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק. יידישע יוגעליט האָבן אָנגעפילט די זאַלן אויף דער איסט סייד צו סאַלאָמאָן גאָלוב׳ס קאָנצערטן, און ניט זיין קול איז מען געקומען הערן, נאָר זיין פערזענלעכקייט האָט געלאָקט צו זיך. מען האָט געוואוסט, אז ווען סאַלאָמאָן גאָלוב וועט ארויף אויף דער בינע, וועט ער זיך באַהעפטן מיטן עולם.

ניט קיין קאָנצערטיסט איז גאָלוב געווען, נאָר אַ פאָלקס-זינגער, אין אמת׳ן זין פון וואָרט. סיי די מעלאָדיעס זיינע, סיי די טעקסטן וואָס ער האָט געשריבן און צו זיי קאָמפאָנירט מוזיק,— האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון זינגען בציבור. און טאַקע נאָכדעם ווי ער האָט אָפגעזונגען אַ פּאָר לידער, האָט ער זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע און זיי אָנגעוואָרעמט מיט זיינע נשמה׳דיקע, פאָלקסטימלעכע און שטענדיג אויפמונטערנדיקע ווערטער און ס׳איז אים תמיד געלונגען ארייַנצוציען דעם עולם אין אַ זמר׳ל.

דער דאַמאָלסדיקער יונגער אימיגראַנטישער עולם האָט אָנגעקוואָלן פון סאַלאמאָן גאָלוב׳ס היימישקייט, דאָס געמיינזאַמע זינגען האָט אלעמען פאַראייניקט, דערנענטערט, פאַרברידערט.

איבערהויפּט האָבן זיך מיט גאָלוב׳ס אויפטריטן מחיה געווען די ליבהאָבער פון בעסערן יידישן ליד. גאָלוב האָט פאַרפאַסט מוזיק צו די מאָדערנע, אין יענער צייט, יידישע דיכטער. זיין ערלעכקייט, זיין ליבע צום נייעם יידישן וואָרט האָט אים אָפּט באַוויזן אויסצוקלייבן טעקסטן פון ניט-באַוואוסטע יידישע פּאָעטן און זיי פּאָפּולער מאַכן דורך זיין מוזיק.

גאָלוב איז דערפאַר אויף דער בינע געווען אַ מין קאָמבינאַציע פון אַ זינגער, קאָמפּאָזיטאָר און אַגיטאַטאָר פאַר דער בעסערער יידישער ליטעראַטור. אין דער זעלבער צייט איז ער געווען דער פאָלקס-לערער. און דער עולם איז ארויס פון זאַל אַ זינגענדיקער, מיט אַ מעלאָדיע פאַרן שאַפּ, מיט אַ פּאָר נייע פערזן אין זכרון.

סאלאמאָן גאָלוב׳ס מוזיקאַלישער איינפלוס האָט זיך אויך געלאָזט פילן איי־בערן לאַנד. גאָלוב איז כסדר ארומגעפאָרן און געבראַכט מתנות — יידיש גע־

זאַנג. פּאָעזיע פון היינט־צייטיקע פּאָעטן צו יידן, אין די פּאַרוואָרפּנסטע שטעט און שטעטלעך איבער אמעריקע. און מיט זיין געזאַנג האָט ער זיי אנטקעגנ־געטראָגן זיין גוטמוטיקע, אַנגענעמע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען אַ מוסטער פון פאָלקסטימלעכקייט. ניט קיין סטאַר איז צו זיי געקומען, נאָר אַ צוגעלאָזענער זינגער פון דער פאָלקס־מאַסע, וועלכער פארמאָגט אין זיך אוצרות, מיט וועלכע ער נעמט זיך ניט איבער.

ער איז אויך געווען טעטיק אויפן שרייבערישן געביט. כסדר געדרוקט אַרטיקלען, עסייען, באַריכטן וועגן מוזיקאַלישע געשעענישן אויף דער יידישער גאַס. אויסער דעם האָט ער ארויסגעגעבן זאַמלונגען פון זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען, וואָס מען האָט געקענט געפינען אין גאָר א סך הייזער.

מיר איז אויסגעקומען, אין משך פון צענדליקער יאָרן, צו זיין אין היימען, וואו אויף דער פּיאַנא איז געלעגן גאָלוב׳ס מוזק. גאָר אַ סך קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט מוזיק, האָבן איינשטודירט גאָלוב׳ס לידער. עס איז געוואָרן ווי אַ מאָדע צו קענען זינגען גאָלוב׳ס א ליד אין אַ יידישער שטוב.

נאָר פון דער גאַנצער פּאָפּולאַריטעט זיינער האָט גאָלוב תמיד אונטער־געהונגערט און יאָר נאָך יאָר האָט מען פאַר אים אראַנזשירט „יובילײ־פייערונגען". די פּאָר דאָלאַר וואָס ער האָט אריינגעקראַגן, האָט ער מערסטנס פארנוצט ארויס־צוגעבן נייע קאָמפּאָזיציעס.

אין די דריי צענדליק יאָר, וואָס איך האָב אים געקענט, האָב איך אים שטענדיג געטראָפן אַ מונטערן און עס האָבן אים קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קיין גוטע רייד פאַר זיינע קאָלעגן און מיטמענטשן.

די קריטיקער האָבן געהאַט אויסצוזעצן, אַז גאָלוב׳ס מוזיק איז צו סענטי־מענטאַל, צו זיס. נאָר גאָלוב אליין האָט אויף דעם געענטפערט, אַז ער שטאָלצירט מיט אַזאַ קריטיק. ער שרייבט פאַרן פאָלק, האָט ער דערקלערט, און דערפאַר דאַרף דאָס ליד זיין קלאָר און מעלאָדיש: די ווערטער דאַרפן אריינדרינגען אין דער נשמה און די מוזיק דאַרף ווערן פּאָפּולער, כדי צו האָבן אַ וואָס־גרעסערע אָנהענגערשאַפט.

ווען סאָלאָמאָן גאָלוב איז מיט אַ צוועלף יאָר צוריק טיילווייז פאַראַליזירט געוואָרן, איז דאָס געווען אַ גרויסער פּערזענלעכער אומגליק פאַר אים. און זיין הויז־געזינט, נאָר עס איז אים ניט איינגעפאַלן אויפצוגעבן זיין שאַפן. ער האָט געוועבט חלומות — תמיד זיך ארומגעטראָגן מיט פּלענער פאַר מוזיק־פעסטיוואַלן, פאַר ברענגען פאָלקס־מוזיק צו ברייטע מאַסן — און ניט געפילט, אָדער געשאַפן דעם איינדרוק אַז ער פילט ניט, — ווי די שווערע קראַנקהייט זיינע נעמט אַלץ ווייטער די אויבערהאַנט איבער זיין גוף.

בלויז איבער זיין גוף. ביז׳ן לעצטן טאָג האָט זיין מוח געאַרבעט נאָרמאַל. צען יאָר צייט האָט ער זיך געפונען אין דער בית אברהם היים פאַר אומהיילבארע. דאָרט איז ער אויסגעגאַנגען דינסטאָג אָוונט דעם 17טן יוני.

ווען איך האָב אים באַזוכט מיט אַ יאָר צוריק — און עס איז שוין דאַן געווען אַ גרויסער וויטאָג צו קוקן אויף זיין איינגעדאַרטקייט — האָט ער גלייך גענומען זינגען מיין ליד „יום טוב", צו וועלכן ער האָט פאַרפאַסט מוזיק. פון זיינע אויגן האָבן זיך געקייקלט גרויסע טרערן. דאָס ליד האָב איך געווידמעט קלמן מרמר׳ן און גאָלוב איז געווען אַ נאָענטער פריינט און שטאַרקער פאַרערער פון מרמר׳ן.

יוני 1952

דער ברויזנדער ב. ריווקין

פון אלע שרייבער אויף דער יידישער גאַס איז ער, דוכט זיך, געווען דער שוימיקסטער, דער קאָכיגסטער, דער וואָס האָט זיך צום שטאַרקסטן גענומען צום האַרצן דעם גורל פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. עס וועט אפשר קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, נאָר עס איז געווען דער ביטערער אמת, אַז די וואָס האָבן זיך מאַטעריעל אָן באַלעבאַטיש איינגעפונדעוועט אין יידישן צייטונג־קרייז, — וואָס איז ביי אונז אויך במילא דער ליטעראַרישער קרייז, — די האָבן זיך באַצויגן צום צושטאַנד פון יידישן וואָרט גאַנץ גלייכגילטיק; און ב. ריווקין, ער, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען באַזאָרגט מאַטעריעל, ער האָט זיך תמיד געריסן אַ פּאַלע. ער האָט געקעמפט, ער איז געווען אומרואיק, ער האָט געמאָנט, געפאָדערט, גע־קלאַפּט מיטביידע פויסטן אין טיש — ניט פאַר זיך, חלילה, ווי אַנדערע שרייבער, נאָר פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין פון בעסערן וואָרט. ער האָט זיך אַנגענומען יענעמס קריוודע, ניט זיין אייגענע.

„דער כוח פון טאַלאַנטלאָזיקייט איז חוצפה", האָט ריווקין געשריבן. ער דערקלערט מלחמה ביידע — אי דער טאַלאַנטלאָזיקייט, אי דער חוצפה, וואָס פּאַ־ראַדירט ביז׳ן היינטיקן טאָג מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ אין דער קולטור־געזעל־שאַפטלעכער סביבה.

אַנדערע שרייבער האָבן זיך געראַנגלט צו געפינען טעמעס, געזוכט מיט ליכט דאָס וואָרט, וואָס איז ערגעץ־וואו נעלם געוואָרן. פאַר ריווקינע׳ן איז דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אַלע זיינע פאַזן געווען אַ שפּרודלדיקע טעמע. און ווען ס׳איז געקומען צום וואָרט איז עס שטענדיק אריבער די ראַנדן, איז עס געווען אָנגעזאָפּט מיט אינהאַלט און שאַרפזין, מיט זאַלץ און פעפער, מיט אַ יש.

בלעטערט די דיקע העפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און איר געפינט דאָרט ניט ריווקינ׳ען. און דווקא דאָרט איז זיין פּלאַץ געווען, דווקא דאָרט וואָלט ער זיך געקענט אַנטפּלעקן אין זיין פאַרשערישקייט. אפשר דערפאַר וואָס זיין צוגאַנג איז געווען אַ סאָציאַל־שעפערישער, אפשר דערפאַר איז ער געווען „טאַבו" אין דער איוואָ. ער האָט אריינגעבלאָזן אַ לעבעדיקן אָטעם אין געשיכטע, אין סאָציאָלאָגישע טעזעס, אין דער ליטעראַטור־געשיכטע און אין דער ליטע־

ראַטור־קריטיק. און דאָס האָט „איוואָ" ניט געטויגט. וואָלט ער זיך געגריבלט אין שמות, אין דאַטעס, אין ציפערן, וואָלט זיין וואָרט געגאַנגען אויף שטאָלצן, וואָלט ער מסתמא געווען אַ פּערסאָנא גראַטאַ. נאָר ניט ריווקין. ער איז געווען צו שפּעריש, צו אייגנאַרטיק, צופיל האָט פון אים געברויזט מיט פּערזענלעכקייט און אידייען־ענערגיע.

אַ לעבן לאַנג געווידמעט זיך צום יידישן וואָרט. ער האָט תמיד מקרב געווען יעדן אָנפאַנגער וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ פונק פון טאַלאַנט; ער האָט ליב געהאַט דעם סיום הספר; דער ערשטער געווען צו באַגריסן דעם נייעם מחבר מיט זיין דערשינענעם ווערק.

ריווקין איז געווען פאַרליבט אין דער ליטעראַטור, דערפאַר האָט אים ווי געטאָן פון באַגאַנגענע קעגן איר עוולות, דערפאַר האָט ער געליטן ניט בלויז עטיש, נאָר אויך מאַטעריעל.

.2

מיט אַן אַכט יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט ריווקינ׳ען אין דער יידישער שרייבער־גרופּע פון פעדעראַלן שרייבער פּראָיעקט. ריווקינ׳ס מאַטעריעלע פאַרדינסטן זיינען געווען גאָר קליינע, דאָך האָט ער זיך געפילט גוט מיט זיין אָרעם שטיקל ברויט, מיט וועלכן די רעגירונג האָט אים וועכענטלעך פאַרזיכערט. דאַן זיינען געוואַלדיק געשטיגן זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט פאַרטיק געמאַכט אַ ווערק, וואָס איז געבליבן אַ ביישטייער צו אונזער מאָדערנער ליטעראַטור־קריטיק, אָט דער קריטיק, וואָס שטעלט ניט קיין אָטמעטקעס און פירט ניט קיין קלייזל־חשבונות מיטן שרייבער׳ס סאָציאַלע אָנשויאונגען. ריווקינ׳ס אַרבעט „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" איז אַ געלונגענער פאַרזוך אָפּצושאַצן אונזער ליטעראַטור פון אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט.

איר קענט זיין ניט איינשטימיק מיט זיינע טעאָריעס און אויספירן, נאָר איר מוזט זיך רעכענען מיט זיין פּערזענלעכקייט וואָס דרינגט אַרויס פון די שורות, איר לערנט פון זיין קאָלאָסאַלער ערודיציע און איר ווערט נשתומם פון זיין געזונטן זכרון.

.3

דאָ ווילט זיך איבערגעבן אַ פּאָר שטריכן צו דער כאַראַקטער שטודיע פון דער אויסערגעוויינלעך רייכער פּערזענלעכקייט ריווקין. ער האָט פאַר זיך אין

יענער צייט אויסגעקעמפט די פּאָזיציע פון אַ קרעאַטיוון שרייבער, ד. ה. ער האָט ניט געדאַרפט אַרבעטן ווי אַ טייל פון דער גרופּע, נאָר זעלבסטשטענדיק. ווען איך האָב איבערגענומען די אַנפירערשאַפט איבער דער גרופּע און פאָרגעלייגט פאַר דער אַדמיניסטראַציע דעם פּלאַן פון לאַנדסמאַנשאַפט בוך און מיט דער הילף פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין איז געלונגען איבערצוגיין אויף אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט געפעלט ביי די שרייבער דער ווילן פאַר קאָלעקטיווער אַרבעט לטובת דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט ווי אַן אַרבעט וועגן די לאַנדסמאַנשאַפטן האָט געדאַרפט זיין. אַנשטאָט צו באַווייזן עפּעס געמיינשאַפטלעכעס האָבן די שרייבער אין זינען געהאַט יעדער זיין אייגענע אַרבעט. איינער האָט געוואָלט איבערזעצן דעם זוהר, דער צווייטער דעם תהלים, דער דריטער האָט געוואָלט אַז די מלוכה זאָל אַרויסגעבן זיין באַנד לידער און אַ פּערטער — זיין ראָמאַן. די רעגירונג־אינסטאַנץ האָט אָבער געוואָלט — אינגאַנצן אויפלייזן די יידישע שרייבער גרופּע, אויב זי וועט ניט זיין דערוואַקסן גענוג איינצוזען, אַז עס איז נויטיק צו פונקציאָנירן און צו פּראָדוצירן ווי אַ גרופּע, אַזוי ווי די ניט־יידישע שרייבער גרופּעס אין פּראָיעקט.

דער ערשטער וואָס האָט פאַרשטאַנען די געפאַר איז געווען ב. ריווקין. גראָד ער וואָס איז געווען און געקאַנט ווייטער זיין זעלבסטשטענדיק, אויסער דער גרופּע, — גראָד ער איז געווען דער ערשטער זיך פרייוויליק אַנצושליסן אין דער קאָלעקטיווער אַקציע צו שאַפן דאָס לאַנדסמאַנשאַפטבוך. ער האָט געוויזן דעם נויטיקן ביישפּיל פאַר די איבעריקע און ווי עס איז געווען זיין שטייגער האָט ער מיט זיין אימפּולסיוון טעמפּעראַמענט, בקול קולות אַרגו־מענטירט מיט זיינע קאָלעגן וועגן דער נויטיקייט פון „לאַנדסמאַנשאַפט" בוך.

איך געדענק ווי דער הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר איז דערנאָך צוגעקומען צו מיר און מיך געפרעגט פאַרוואָס ווינרעבע (דאָס איז געווען ריווקינ׳ס אמתער נאָמען) איז געווען אַזוי אויפגערעגט; וואָס האָב איך אים אַזוינס געטאָן? ערשט ווען ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָט ער געהאַט געזען ריווקינע׳ן אין אַ צושטאַנד פון קרעאַטיווער אינספּיראַציע — ערשט דאַן האָט ער פאַר ריווקינ׳ען באַקומען גרויס אָפּשיי און אים ליב געהאַט.

אין „לאַנדסמאַנשאַפט" בוך האָט ריווקין די הויפּט־אַרבעט („די סאָציאַלע ראָלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן"). דער לייענער פון בוך וועט באַמערקן, אַז דאָס זיינען „קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער אַרבעט". בעת אַנדערע שרייבער האָבן פּשוט פאַרברעכעריש — פאַר די אינטערעסן פון דער עקזיסטענץ פון דער גרופּע — וואָכנלאַנג קיין שטאָך אַרבעט ניט געטאָן, האָט ריווקין יעדע וואָך אַריינגעבראַכט פינף מאָל אַזויפיל אַרבעט וויפיל עס איז נויטיק געווען. ווייל

פריער פון אַלץ איז ער געווען אַ מענטש וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן דרך-ארץ פאַר׳ן געדרוקטן וואָרט. ער איז געזעסן גאַנצע נעכט און צוגעגרייט זיין ארבעט. ער האָט זי געטאָן מיט׳ן גאַנצן הארצן און מיט זיין געבענטשטן טאַלאַנט. ווייל ער איז געווען אַן אמת׳ער שרייבער.

ווען מיר האָבן אין 1939 צוגעגרייט דאָס ווערק „יידישע פאַמיליעס און פאַמיליען־קרייזן פון ניו יאָרק״ האָט זיך איבער׳גע׳חזר׳ט די אַלטע געשיכטע. און נאָך אין אַ שאַרפערער פאָרם. די אדמיניסטראַציע האָט ניט געוואָלט האָבן די נעמען פון די שרייבער אויף די פון זיי צוגעגרייטע קאַפּיטלען. די נעמען האָבן געדאַרפט דערשיינען ווי אַ גרופּע. בלויז די פאָררעדע האָט געדאַרפט טראָגן דעם נאָמען פון דעם רעדאַקטאָר פון דער גרופּע. דאָס זיינען אַלץ געווען רע־גולאַציעס וואָס זיינען געקומען פון וואַשינגטאָן און וואָס זיינען געווען חל פאַר די שרייבער־גרופּן איבערן לאַנד.

אויף אונזער גרופּע האָט דאָס געווירקט נעגאַטיוו. אויב איך האָב אָנגעשריבן אַ קאַפּיטל אין בוך, וויל איך דערויף מיין נאָמען, אַניט אינטערעסירט מיך די ארבעט ניט... מיטינגען און מיטינגען, ארגומענטאַציעס.

ווידעראַמאָל איז עס געווען ריווקין וואָס האָט באַגריפן דעם קאָלעקטיוון ווערט פון דער ארבעט און ער האָט בייגעטראָגן צום בוך דאָס סאַמע בעסטע קאַפּיטל (קאַפּיטל איינס: דער פונדאַמענט פון דער יידישער פאַמיליע).

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב זיך געטראָפן מיט ריווקינ׳ען איז געווען מיט אַ יאָר צוריק. שפּעט ביינאַכט אין סאָבוועי. ער האָט געטראָגן אַ פּאַק צע־קנייטשטע צייטונגען אונטערן אָרעם. איך האָב גע׳חלשט א דרעמל טאָן, נאָר ריווקין איז געווען וואַך ווי תמיד.

1945

דער איינזאַמער אַ. ליטוין

זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אריינגעטאָן אין יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים. זיין פען איז געווען זיין געווער, זיין מיטל צו דינען דעם יידישן פאָלק, די יידישע מאַסן. איר, דער פאָלקס־מאַסע, האָט ער געווידמעט זיינע יאָרן. פון קיין אייגן, פערזענלעך לעבן האָט ער ניט געוואָלט וויסן. איז ער געבליבן אליין, עלנט. דער נאָענטסטער מענטש זיינער דאָס לעצטע יאָר פון זיין לעבן איז געווען אַ איטאַליענישע פרוי, ביי וועלכער ער איז פריער איינגעשטאַנען און וועלכע האָט אים, מיט אירע קינדער, באַזוכט פון צייט צו צייט אין שפּיטאָל.

ער, וואָס האָט יאָרן-לאַנג צונויפגעקליבן און געכאָוועט יידישע נשמות און זיי פאַראייביקט אין זיינע זעקס בענדער אונטער'ן זעלביקן נאָמען, איז געווען איינע פון די שענסטע און ליכטיקסטע נשמות, וועלכע איז אליין געבליבן פאַרלאָזן. אַ. ליטווין האָט תמיד נאָר געטראַכט וועגן יידישן פאָלקס־מענטשן; פאַר אים געשריבן, פאַר אים געבויט מייסטערהאַפטיקע פּלענער וועגן אַ געזונט, פיזיש און גייסטיק לעבן, פּלענער וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן, נאָר וואָס זיינען קיינמאָל ניט רעאַליזירט געוואָרן. דאָך האָט די יידישע מאַסע ליטווינ'ען, פאַרגעסן, אָדער קיינמאָל ניט געקאָנט, ווייל ער איז געווען אַ רואה ואינו נראה, ווייל ער איז געווען איינער פון עמך, איינער וואָס האָט ליב געהאַט צו ט אָ ן, צוליב דער ניצלעכקייט פון טאָן.

אַ. ליטווין איז געווען פון די גרינדער פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי. ער איז געווען פון די ערשטע יידישע פּראָלעטאַרישע דיכטער. ער איז געווען פון די ערשטע שרייבער ביי אונז צו שרייבן וועגן קאָאָפּעראַטיוון, וועגן קינדער־דערציאונג, וועגן דער נויטיקייט צו לעבן אויסערן שטאָט, וועגן בויען זומער־קאָלאָניעס אָדער קאָמונעס. ער איז געווען פון די פלייסיקסטע זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר. ער איז ארומגעפאָרן, בעסער, ער האָט ארומגעוואַנדערט יאָרנלאַנג איבער יידישע ישובים צו באַשרייבן דאָס יידישע לעבן און דעם יידישן פאָלקס־טיפּ, וואָס האָט געהאַלטן ביים פאַרשווינדן. ער האָט געשריבן אַ סך וועגן יידישער געשיכטע און גראָד האָט אים אינטערעסירט דאָס פאָלקישע אין דער געשיכטע: גדליהו בן אחיקם; דער אויפשטאַנד פון די מאַקאַבייער; א תנא עקיבא בן יוסף; די קאַראימער; דוד הראובני און שלמה מולכו. ער האָט זיך אָפּגעגעבן צום פאָלקלאָר פון יידישע יום טובים און דאָס

לעצטע ביכל זיינס איז געווען: „לכבוד פסח" (יום טוב׳דיקע זאמלונג פון ליטע־ראַרישע, קולטור היסטאָרישע און פאָלקלאָריסטישע אַרטיקלען)וואָס איז דער־שינען אין 1938, אין ניו יאָרק). ער האָט זיך געגרייט ארויסצוגעבן דריי בענד פון „יידישע נשמות אין אַמעריקע", נאָר עס האָבן זיך ניט געפונען קיין בעלנים צו אבאַנירן און ליטווין, די ערלעכע נשמה, האָט אומגעקערט דאָס געלט צו די געציילטע חסידים זיינע.

.2

אין ווילנע איז ארויס א. ליטווינ׳ס ביכל „אין אַרבעט און נויט" (יאָר ניט אָנגעגעבן, מסתמא פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה). אין יענער צייט האָט ער נאָך באַנוצט זיין אמת׳ן נאָמען ש. הורוויץ און אין קלאַמערן — א. ליטווין. די לידער זיינע זיינען ניט געווען אָריגינעל אָדער פון אַ באַדייטנדיקן דיכטערישן ווערט. נאָר אינטערעסאַנט איז זיין פּראָלעטאַרישער צוגאַנג צו זיי. ער האָט געזונגען וועגן מוליער, וועגן נייטערקעס, זאָקנמאכערקעס, שניידערקעס, שריפטזעצערס („בלייערנע ארמיי"), וועגן שוסטערס, וועגן מצה־וואלגערס („אין „פּאָדריאַד"). אַ צאָל פון זיינע לידער זיינען געוואָרן דער אוצר פון פאָלק. מען האָט זיי געזונגען אין וואַרשטאַט און אין קיך. זיין „זשאַמעלע" (נאָך נעקראַסאָוו׳ס „קאָליסטראַטושקא") ווערט נאָך היינט צו טאָג געזונגען פון די יידישע מאַסן איבער דער גאַנצער וועלט. ער איז געווען פון די ערשטע צו איבערזעצן ביאַליק׳ן אויף מאַמע־לשון.

ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון ערנסטן יידישן זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט", וואָס איז ארויס אין ווילנע אַ פּאָר יאָר און ער האָט געגרינדעט דעם פאַרלאַג „פאָלקסבילדונג" אין ני ויאָרק.

א. ליטווין איז געווען אַ זשורנאַליסט, אַ מיטאַרבעטער פון דער טעגלעכער יידישער פּרעסע אין ניו יאָרק („פאָרווערטס", „הײַנט", „מאָרגן־זשורנאַל"), נאָר געשריבן האָט ער תמיד וואָס ער האָט געוואָלט, ניט וואָס מען האָט פון אים געוואָלט. דערפאַר טאַקע האָט ער געליטן נויט די לעצטע יאָרן.

ער האָט זיך ניט געקענט איינלעבן אין אמעריקע. ער האָט פיינט געהאַט די שטאָט און געלעבט ביים ים, צי לעבן אַ פּאַרק און דאָס הויז האָט געמוזט האָבן אַ גערטנדל. ער איז געווען עטיש אין זיינע באַציאונגען צו אַלץ. נאָר דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען פול מיט ווידערשפּרוכן.

ער האָט ניט ליב געהאַט די טעגלעכע פרעסע און דאָך זיין חיונה געצויגן פון איר. ער האָט געבויט קאָלאָניעס, קאָאָפּעראַטיוון, קאָמונעס, און דאָך איז ער געווען אַן אינדיווידואַליסט אין דער נשמה. ער האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק

און דאָך זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אים. ער איז געווען פול מיט פּראַקטישע פּלענער וועגן געזעלשאַפטלעכן ייִדישן לעבן און דאָך איז ער געווען זייער אומ־פּראַקטיש אין באַצוג צו זיין אייגענעם לעבן. ער איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ זעלטן שיינער ייִדישער נשמה און דאָך איז ער אין זיין קראַנקהייט געווען עלנט ווי אַ שטיין און ווען ניט זיינע פּלעמיעניקעס און אַ פּאָר געציילטע פריינט, וואָלט ער אויסגעגאַנגען פון הונגער.

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז דער „מאָרגן־זשורנאַל" האָט געצאָלט פאַר אים אין שפּיטאָל. דאָך האָט ליטווין זיך ניט געוואָלט זען מיט די מיטאַרבעטער, ווי ער האָט זיך ניט געוואָלט זען מיט אַנדערע ייִדישע שרייבער.

אַ יאָר פאַר'ן טויט האָט ער נאָך אַלץ געטרוימט פון קאָנען זיך צוריק נעמען פאַר דער פּען, געטרוימט פון אַ פאָלקס־זשורנאַל. זיינע אברים האָבן אים אויפגעהערט צו דינען, נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ געקליבן „קעמפן" קעגן די אומגערעכטיקייטן פון דער און יענער רעדאַקציע.

ער איז געווען ווי איינע פון זיינע „הויכע ייִדישע נשמות", דבורה אסתר, וועלכע ער באַשרייבט אין צווייטן באַנד פון די „ייִדישע נשמות".

וועגן איר און אַנדערע ייִדישע פאָלקס־מענטשן שרייבט ער:

„... קינדער פון דער מאַסע, מענטשן אָן דיפּלאָמעס פון דאָקטוירים און אָן סמיכות אויף רבנות; פּשוטע מענטשן, וואָס זיינען געבאָרן אין דער ייִדישער גאַס און דאָרט לעבן זיי און דאָרט שטאַרבן זיי... קיינער האָט זיי ניט געלערנט, נאָר פון זיך, מיט זייער בריטער נשמה און טיף־פילנד האַרץ, נעמען זיי זיך אַליין אויסשעפּן דעם ים פון ייִדישע צרות. אויסשעפּן קאָנען זיי אים ניט, אָבער אַריינטראָגן טרייסט און האָפנונג און עטוואָס ליכט אין דעם ייִדישן דלות קאָנען זיי. און דאָס טוען זיי. דאָס זיינען מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ אין גאַנצן זייער אינערלעכן באַרוף, אָן טעאַריעס, אָן פראַזן, אָן רעקלאַמעס. כמעט אומבאַוואוסט אָפּפערן זיי אַלע זייערע קרעפטן זייערע ליידנדע ברידער און שוועסטער. זיי זיינען דער איינציקער „נר תמיד", דאָס געוויסן פון דער ייִדישער גאַס".

אָט־די ווערטער זיינען געווען ווי אָנגעמאָסטן אויף אַ. ליטווינ'ען אַליין.

3.

ס'איז געווען אין יאָר 1919, אין שיקאַגאָ. אַ. ליטווין איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון ניו יאָרק צו ווערן דער פּרינציפּאַל פון די נאָר וואָס געגרינדעטע אַרבעטער־רינג שולן.

דאַן האָבן מיר זיך באַקאַנט. ער האָט מיך גלייך גע׳פסל׳ט אַלס לערער. איך בין געווען צו יונג פאַר אים. איך האָב ניט גענומען ערנסט גענוג די מיטינגען מיט אים, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן פון ניין אינדערפרי ביז איינס פאַרטאָג. עס איז ניט געווען קיין אָרטאָגראַפיע, קיין פּראָגראַם, קיין מעטאָד, קיין עלעמענטאַרער צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון יידישער קינדער־דערציאונג. מיר האָבן ניט געהאַט קיין לערן־ביכלעך, קיין שול־בענקלעך, קיין שרייב־העפטן.

אַ. ליטווין האָט אָנגעהויבן פון בראשית. אַ לערער האָט ניט געטאָרט וואוינען אין שטאָט. אַ לערער האָט געדאַרפט זיין אַן אידעאַליסט פון העכסטן גראַד. מיך האָט דאַן געצויגן מער צו קאַרל סאַנדבורג און ראָבערט פראָסט.

נאָר מיר זיינען אינגיכן געוואָרן פריינט און ווען זיינע פּלענער וועגן שאַפן אַ מיליאָן פאַר יידישער דערציאונג האָבן זיך געענדיקט מיט באַן-הוצאות צוריק קיין ניו יאָרק, האָט א. ליטווין אָנגעהאַלטן אַ שריפטלעכע פאַרבינדונג מיט מיר.

ווען איך האָב אים אַ האַלב יאָר פאַרן טויט באזוכט אין שפּיטאָל, ווען זיין גוף און מוח האָבן שוין אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון אָנקומענדיקן סוף, האָט ער זיך אַ וווּנד געטאָן צו זיין בעט־שכן, א בלינדן און טויבן יידן אין אַ יאָרמעלקע און אים געזאָגט פּאַטעטיש: „גיט „שלום״ צו מיין פריינט. איך האָב זיך מיט אים באַקענט מיט א סך יאָרן צוריק אין שיקאַגאָ און ער און אַ מיידל, וואָס איז דאַן געווען אַ קינד, זיינען געבליבן מיינע בעסטע פריינט ביזן היינטיקן טאָג״.

האַלט איך איצט אין מיינע הענט זיינע בריוו, געשריבן אין אַ נעטער האַנטשריפט מיט פיאָלעטעווער טינט און איך לייען פון זיי ארויס די שיינע יידישע נשמה. זיינען דאָך בריוו דער אינטימער אוצר, וואָס בלייבט פון מענטשן.

אין 1920 שרייבט ער צו מיר פון ניו יאָרק:

„איך לעב דאָ כמעט אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין דער צייט, ווען אַלע מיינע הושים רייסן זיך צו געזעלשאַפטלעכער ארבעט. איר באַגעגענט זיך אומעטום מיט דער פּאָליטישער מאַשין און דאָס שטויסט מיך אָפּ. איך ווארט אומגעדולדיק אויף דער מעגלעכקייט צו פאָרן נאָך רוסלאַנד.״

אין זעלבן בריוו גיט ער מיר אַן עצה:

„איר וועט דאַרפן קעמפן. נאָר לעבן הייסט קעמפן. שרעקט זיך ניט פאַרן קאַמף. אויב די מיטלען זיינען ערלעכע און דער ציל איז דער אמת... היט אייער נשמה״.

אין אַ בריוו פון 1919 דריקט ער זיך אויס אַזוי:

„מיין פריינט! דער מאָמענט וואָס מיר לעבן איצט דורך איז אַ צו ערנסטער, אַז מ׳זאָל זיך דערלויבן לעבן גלאַט אין דער וועלט אריין, אָן שום רעכענונג.

אַ. ליטווין האָט זיין גאַנץ לעבן געלעבט ניט גלאַט אין דער וועלט אריין. עס וועט קומען אַ צייט אין יידישן לעבן, ווען מען וועט ווי געהעריק אָפּשאַצן די גרויסע יידישע נשמה, וואָס איז אַוועק כמעט אַ פאַרגעסענע, אין פיינלעכער איינזאַמקייט.

(מער וועגן א. ליטווין — אויף זייט 416).

וויליאַם עדלין-דער געטרייער קאָלעגע

זייער ווייניק מענטשן ווייסן וועגן דער וויכטיקער ראָלע וואָס וויליאַם עדלין האָט געשפּילט אין העלפן אַרבעטלאָזע יידישע שרייבער. עדלינ׳ס באַשיידנקייט און ראַפינירטקייט האָט גורם געווען, אַז מ׳זאָל ביי זיין לעבן דערפון ניט וויסן.

פון 1936 ביז 1940 האָבן אַרבעטסלאָזע יידישע שרייבער אין ניו יאָרק באַקומען באַשעפטיקונג ביי דער וו. פּ. א. („וואָרקס פּראָגרעס אַדמיניסטרעישאָן״) איינע פון רוזוועלט׳ס פּראָיעקטן צו העלפן די אַרבעטסלאָזע. די שכירות האָבן איינגאַנצן באַטראָפן א 21 דאָלער אַ וואָך, נאָר אין יענע קריזיס-יאָרן איז דאָס געווען אַ הילף, בפרט אַז די שרייבער האָבן אין זייער פרייער צייט געקאָנט זוכן אַנדערע אַרבעט.

דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין, וואָס האָט ביז דאַן געהאַט געשטיצט אַ פּאָר נויטבאַדערפטיקע שרייבער, האָט מיט דער גרינדונג פון דער יידישער שרייבער-גרופּע ביי דער וו. פּ.א., זיי מער ניט געדאַרפט שטיצן. ער איז געוואָרן דער „ספּאָנסאָר״ פון דער גרופּע און ער האָט צוגעזאָגט צו האָבן אַן אויפזיכט איבער דער אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן אויף יידיש. מ׳האָט געהאַט צוגעגרייט דאָס בוך „יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו יאָרק״ אונטער מיין רעדאַקציע.

וויליאַם עדלין איז דאַן געווען א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון י. ל. פּרץ שרייבער-פאַראיין. איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך צו דער עקזעקוטיווע. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז עס זיינען אַפּט אַנטשטאַנען פּראָבלעמען וועגן מיטגלידער פון אונזער גרופּע און דער לייכטסטער אויסוועג פאַר די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז זיי ווערן געקריוודעט, איז געווען אָנקלאָגן דעם רעדאַקטאָר פאַר דעם י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין.

וואָס פאַרא קלאָגעס זיינען דאָס געווען ? ערשטנס, אַז דער רעדאַקטאָר וויל מען זאָל טאָן באַשטימטע אַרבעטן ; אַז ער הייסט באַזוכן זאַלן, וואו עס געפינען זיך מיטינגען פון לאַנדסמאַנשאַפטן און אויספילן אַנקעטעס וועגן זיי. עס זיינען אויך געווען קלאָגעס, אַז דער רעדאַקטאָר סטראַשעט, אַז מען וועט פאַרלירן דעם דזשאָב, אויב מען וועט ניט נאָכקומען געוויסע רעגולאַציעס.

אַט די און ענלעכע קלאַגעס זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרן צו דער עקזע־קוטיווע פון י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין. ארום יענער צייט איז דער פרעזידענט געווען צביון. צום קרעדיט פון דער עקזעקוטיווע און די הויפט־באַאַמטע מוז געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן זיך גערעכנט מיט די ניכטערע פאקטן און עס איז ניט געווען קיין איינציקער פאַל, וואו מען האָט געלאָזט דערפון מאַכן אַ פּאָלטישע אישו.

די עקזעקוטיווע האָט אַלץ אונטערזוכט און אויסגעפונען, אַז דער רעדאַקטאָר האָט געדארפט אויספּאַלגן די באַשלוסן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין וואַשינגטאָן, באַשלוסן וואָס זיינען געווען חל צוגלייך אויף טויזנטער און טויזנטער אָנגעשטעלטע.

עס איז, למשל, אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז די וואָס זיינען ניט קיין ביר־גער זאָל אָפּגעזאָגט ווערן. בכלל האָט מען יעדן „מאָנטאָג־און־מיטוואָך" געהאַלטן אין שניידן בודזשעטן און ארויפגעוואָרפן אַ פּאַניק אויף די ארבעטלאָזע, וואָס האָבן זיך, נאָך א ריי נגישות, דערשלאָגן צום שטיקל דזשאב.

אונזערע שרייבער, איבערהויפּט די וואָס די נייע פאַראָרדנונגען האָבן זיי געטראָפן, האָבן נאַטירלעך, ניט געוואָלט אָפּגעזאָגט ווערן און זיך אָנגעכאַפּט אין דער לעצטער שטרוי — אָנקלאָגן דעם רעדאַקטאָר פאַר׳ן י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין.

וויליאַם עדלין איז געווען דער וואָס האָט זיך גענומען צום הארצן די לאגע פון דער שרייבער גרופּע אויף דער וו. פּ. א.

ניט בלויז האָט ער אין יעדן פאַל אויסגעפרעגט אַלע אָנקלאָגער און חוקר ודורש געווען ביידע צדדים, נאָר ער האָט געפונען פאר נויטיק צו גיין ווייטער. ער האָט, ערשטנס, געגעבן צו פארשטיין, אַז דער פאַראיין וועט ניט פארטיידיקן קיינעם, וואָס וועט ניט אויספאָלגן די רעגולאַציעס פון ארבעט ביי דער וו. פּ. א. און צווייטנס, האָט ער צוגעזאָגט די, וועמען עס האָט געדראָט די געפאַר צו פארלירן דעם נעבעכדיקן פארדינסט, אַז ער וועט פּרואוון עפּעס טאָן.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גרופּע פון 6 שרייבער, וואָס זיינען ניט געווען קיין בירגער. אַ פּאָר האָבן אפילו די ערשטע פּאַפּירן ניט געהאַט ארויס־גענומען. עדלין האָט גערעדט מיט דער אַדמיניסטראַציע טעלעפאָניש. ער איז ניט געווען צופרידן פון ענטפער און צוזאַמען מיט אַלטער עפּשטיינ׳ען פון דער עקזעקוטיווע איז ער אַראָפּגעקומען צו אונז אין אָפיס, אויף האַדסאָן סטריט.

מיר זיינען אריין צום הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר. עדלין האָט געמאַכט אַ פיינעם איינדרוק מיט זיין ווארעמער מענטשלעכקייט. ער האָט אַפּעלירט. ער האָט גערעדט אין נאָמען פון פאַראיין, אין נאָמען פון דער יידישער פרעסע אין

ניו יאָרק, ער האָט געגעבן אָנצוהערן אַז דאָס אָפּזאָגן פון די שרייבער וועט ארויסרופן אַ ביטער געפיל ביי דער יידישער שרייבער־פּראָפעסיע. ווען דער ענטפער איז געווען אַ נעגאַטיווער, האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט זיך ווענדן צו דער נאַציאָנאַלער אדמיניסטראציע אין וואַשינגטאָן.

און עס האָט געהאָלפן. א דאנק אים און דעם אריינמישן זיך פון י. ל. פּרץ פאראיין האָבן אַ צענדליק יידישע שרייבער זיך געקאָנט האַלטן ביים פּראָיעקט נאָך עטלעכע חדשים צייט.

איינמאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם מילדן, געלאסענעם עדלינ׳ען אין אַן אויפגעקאָכטן צושטאַנד. דאָס „לאַנדסמאַנשאַפטן בוך" האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרטיק ווערן. די וואָס האָבן זיך געוואָלט טשעפּען און געזוכט „קאָנטראבאנד" אין אים, זיינען נעבעך, אַנטוישט געוואָרן. וויליאם עדלין האָט דערזען אַז דעם רעדאקטאָר׳ס נאָמען איז ניטאָ אויפ׳ן שער־בלאַט פון „לאַנדסמאַנשאַפטן בוך". דאָס האָט אים אויפגעקאָכט. איך האָב אים געוויזן די זייטן־קאָרעקטורן אין זיין אָפיס אין „טאָג". איך האָב אים דערקלערט, אַז מען קאָן גאָרניט טאָן וועגן דעם. עס איז — וואַשינגטאָן.

צו מיין דערשטוינונג האָט עדלין דערקלערט, אַז ער וועט ארונטערקומען צו אונז אין אָפיס און אויסקעמפן, אַז דעם רעדאַקטאָר׳ס נאָמען זאָל זיין אויפ׳ן פאָדערבלאַט.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט זיך פאַקטיש געקריגט וועגן דעם מיט דער אדמיניסטראציע. ער האָט געקלאַפּט אין טיש און אויפגעפאָדערט, אַז מען זאָל פאר אים קריגן הענרי אַלסבערג׳ן, דעם דירעקטאר פון פעדעראלן שרייבער פּראָיעקט, זיינעם אַן אַלטן פריינט.

עדלין האָט גערעדט טעלעפאָניש מיט אַלסבערג׳ן אין וואשינגטאָן. דער אויסטויש פון ארגומענטן האָט אָנגעהאַלטן אַ שיינע פּאָר מינוטן. עדלין איז געווען שטאַרק אין כעס און ער האָט באַטאָנט זיין פּראָטעסט און דעם פּראָטעסט פון שרייבער־פאַראיין קעגן דעם באַשלוס. אמת, ער האָט אויפ׳ן מאָמענט גאָרניט געקאָנט אויספירן. בלויז די נעמען פון די באַאמטע אין דער עקזעקוטיווע פון י. ל. פּרץ שרייבער פאראיין זיינען דערשינען אויבן־אָן, ווי די ספּאָנסאָרס פון פּראָיעקט. נאָר דערפאר האָט די אדמיניסטראציע אין וואַשינגטאָן שפּעטער, אונטערן דרוק פון עדלינ׳ען, נאָכגעגעבן אַ פּונקט, אַז די נעמען פון רעדאַקטאָר און זיינע מיטאַרבעטער זאָלן דערשיינען ערגעץ־וואו פארוקט צום סאַמע סוף פון בוך.

נו, יידיש גייט פון רעכטס צו לינקס. אונזערע נעמען זיינען טאַקע דער־שינען צום סוף בוך. נאָר ווען דאָס בוך איז אָנגעקומען אין וואַשינגטאָן איז

געוואָרן אַ „נאַציאָנאַלער״ סקאַנדאַל, מחמת ווען די אדמיניסטראַציע האָט גע־עפנט דאָס בוך פון דער ענגלישער זייט, לינקס, האָבן זיי אויבנאָן געפונען אונזערע נעמען...

אונזער ענטפער איז געווען, אַז מיר האָבן אויסגעפאָלגט באַשלוסן. אונזער „אויבנאָן״ איז פון רעכטס צו לינקס. אונזער סוף פון בוך איז געווען אויף דער לינקער זייט און דאָרט, צום סוף, האָבן מיר אריינגעשטעלט דעם צעטל נעמען פון דער שרייבער־גרופע...

מילא, איצט האָט אלסבערג זיך געקאָכט, נאָר וויליאם עדלין האָט אָנגע־קוואָלן: די נעמען פון רעדאקטאָר און די שרייבער האָבן באַקומען אַ פּראָמינענטן פּלאַץ.

אין די דריי יאָר צייט וואָס מיר איז אויסגעקומען שטיין אין קאָנטאַקט מיט וויליאם עדלין אין די אינטערעסן פון די ארבעטלאָזע שרייבער, האָט ער זיך אַנט־פּלעקט ווי אַ געטרייער קאָלעגע, ווי אַ מענטש מיט אַ גוט הארץ און ווי אַ קעמפער פאַר יושר און גערעכטיקייט.

יידישע שרייבער אויף קעסט ביי דער אַמעריקאַנער רעגירונג

(אַ פראַגמענט)

עס איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. דאָ און דאָרט האָט געקלאַפּט אַן איינזאַמער טאַיפּרייטער. אַוועק זיינען די שרייבער, די מיטאַרבעטער. געבליבן זיינען די רעדאַקטאָרן. איז מען געגאַנגען איינער צום אַנדערן אַ שמועס טאָן וועגן דער אַרבעט אָדער זיך באַקלאָגן אויף די לעצטע גזירות וואָס האָבן באַצוועקט צו פאַרקלענערן דעם בודזשעט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז מען וועט שניידן דעם פּערסאָנאַל, אָדער אינגאַנצן ליקווידירן די ראַסן־גרופּעס פון שרייבער־פּראָיעקט.

אונזער גרופּע איז דאַן, אין 1938, געווען די טומלדיקסטע און אויך די גרעסטע אין צאָל. אויף מיין ביטערן גורל איז אויסגעפאַלן צו ווערן דער רעדאַקטאָר. געהייסן האָט דאָס אַז איך נעם איבער דעם אַמט צייטווייליק — אויף זעקס וואָכן, נאָר צום סוף האָט דער הויפּט געגעבן אַן אולטימאַטום אַז איך מוז בלייבן, אַנדערש וועט ער אויפלייזן אונדזער גרופּע. מיר האָבן געוואוסט אַז די צוועלף־און־צוואַנציק עלטערע און יינגערע יידישע שרייבער וועלן געשיקט ווערן פלאַסטערן וועגן, רעדוצירט ווערן צום סטאַטוס פון לייבאָרערס.

דער פאַקט וואָס עס איז געלונגען צו איבערצייגן אונזער אַדמיניסטראַציע אַז אונזערע שרייבער זאָלן טאָן זייער אַרבעט אויף יידיש און אַז זי האָט צוגעשטימט און געקראָגן די גוטהייסונג פון וואַשינגטאָן, אַז מיר זאָלן צוזאַמענשטעלן אַ בוך וועגן די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו יאָרק — האָט צוגעגעבן מוט און די רייסערייען זיינען געווען אַ צייטווייליקע אָנשיקעניש, וואָס וועט פאַרשווינדן אַזוי גיך ווי די אַרבעט וועט איינגעשטעלט ווערן.

פאַקטיש האָט אונדזער גרופּע באַוויזן בעסערע רעזולטאַטן, ווי אַלע אַנדערע אַלע זיבן געווען צירלעך־מאַנירלעך, געהאַט גרויסע נעמען צווישן די מיטגרופּעס — די איטאַליענישע, די סקאַנדינאַווישע, די דייטשע, די נעגערשע, די גרופּע וואָס האָט געאַרבעט וועגן די האַפנס פון ניו יאָרק ,די סלאַווישע גרופּע — אַרבעטער, נאָר די רעדאַקטאָרן האָבן זיך באַקלאָגט, אַז קיין רעזולטאַטן באַ־

קומען זיי ניט. ביי אונז האָט מען זיך טאַקע ארומגעקריגט — און ס'איז געווען אַ באַקוועם פּלאַץ וואו זיך צו באַקלאָגן: דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין — נאָר מען האָט געוואוסט, אַז אַ בוך ווערט צוגעגרייט און אַז יעדער איינער האָט אַ חלק אין דער אַרבעט.

אמת, קיין וואָזשנע אַרבעט האָט מען ניט געדאַרפט טאָן. איינמאָל אַ וואָך האָט מען געדאַרפט באַזוכן לאָקאַלן, וואו עס האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע פאַר-זאַמלונגען לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטיס אָדער צווייגן פון לאָדזשעס. מען האָט פון סעקרעטער געדאַרפט קריגן אינפאָרמאַציע, וואָס איז אויסגעפּילט געוואָרן אויף אַ געדרוקטן פראַגע־בויגן: ווען געגרינדעט, וויפיל מיטגלידער אצינד, ווי ווערן געפירט די זיצונגען, גיט מען ארויס אַ קאָנסטיטוציע, אַ סואווענירד־זשורנאַל, וואָס פארא בענעפיטן זיינען פאַראַן, וואָס איז דער עקאָנאָמישער באַשטאַנד פון דער מיטגלידערשאַפט, איז פאַראַן אַ פרויען עקזילערי, אַ. אַ.

נאָכדעם, ווי דאָס בוך איז דערשינען האָט זיך ארויסגעוויזן אַז אַ פּאָר פון אונזערע מיטגלידער האָבן ניט געהאַט באַזוכט די פּלעצער וואו מען האָט זיי באַשטימט. למשל, דער מיטגליד האָט געזאָגט אַז די לאַנדסמאַנשאַפט־שול האָט זיך אויפגעלייזט. שפּעטער האָט די שול געהאַט טענות צו אונז פאַר־וואָס מען האָט קיינעם ניט געשיקט אהין. זי האָט געהאַט אַן אייגענע געביידע, וואָס איז געשטאַנען אין זעלבן אָרט די לעצטע 54 יאָר...

מיר האָבן פאַרמאָגט אין אונזער גרופּע שרייבער מיט נעמען און שרייבער וואָס דער עולם האָט פון זיי ניט געהאַט געהערט. אַלע זיינען גוטגעהייזן געוואָרן פון פּרץ שרייבער־פאַראיין. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז קיין צו שטאַרקע האַרמאָניע האָט ניט געהערשט אין דער גרופּע. עס איז אויך געווען אַ שאַרפע פּאָליטישע צעטיילונג. רעכטע און לינקע, בונדיסטן און ציוניסטן. די פּאָעטן זיינען צווישן זיך אויך ניט געווען שוה בשוה. דאָס זעלבע וועגן דערציילער. דאָס זעלבע וועגן די פּובליציסטן. די מערסטע איז ניט אָנ־געשטאַנען צו טאָן די פּשוטע אַרבעט פון אויספּילן א פראַגע־בויגן און האָבן צו טאָן מיט סעקרעטאַרן פון אָרגאַניזאַציעס. אַלע האָבן געוואָלט טאָן אייגענע קרעאַטיווע אַרבעט. איינער האָט געוואָלט אַרבעטן אויפן זוהר, אַ צווייטער איבערזעצן דעם תהלים, אַ דריטער שרייבן זיין ראָמאַן, אַ פערטער ענדיקן זיין דראַמע..

יעדער איינער האָט גוט געוואוסט, אַז דער רעדאַקטאָר האָט קיין שליטה ניט איבער אָנשטעלן אָדער אָפּזאָגן, דערפאַר וואָס ער האָט זיך געפונען אין דער זעלבער ניט זיכערער לאַגע ווי יעדער איינער. דאָך האָט מען אויסגעלאָזט צו אים אַלע טענות און מענות.

איז ניט אַוועק דער טאָג, אַז מען זאָל ניט האָבן געטאָן אַ רעדאַקטאָר ניט האָבן גע־רופן צום פּרעזידענט פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין. אין יענער צייט איז דאָס געווען צביון.

מיט אים האָב איך זיך געטראָפן מיטאָג־צייט אין דער שרייבער קאַפע־טעריע לעבן דער „פאָרווערטס"־געבײדע. אַמאָל האָט מיך אויך עדלין גערופן צו זיך און שפּעטער האָט דאַנציס, ווי דער וויצע־פּרעזידענט פון פּרץ שרייבער פאַראיין, זיך אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון דער גרופּע.

יעדער איינער פון די דערמאָנטע איז צוגעגאַנגען צום ענין מיט אַ פאַר־דאַכט. מסתמא איז דער רעדאַקטאָר שולדיק. ער איז אַזוי און אַזוי. נאָר עס האָט ניט פּאַסירט קיין איינציקער פאַל וואו דער רעדאַקטאָר איז פון זיי גע־פונען געוואָרן שולדיק אין פּאַרטייאישקייט אָדער דיסקרימינאַציע. עס איז געווען אַ פּשוטער חשבון. קיינער האָט זיך ניט געדאַרפט איבעראַרבעטן, נאָר די אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט געהאַט באַשטימט רעגולאַציעס פאַר די איבער 500 מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט ביים שרייבער־פּראָיעקט, האָט געפאָדערט אַ דין וחשבון פון יעדן רעדאַקטאָר בנוגע זיינע מיטאַרבעטער.

האָט אַ שרייבער ניט אַריינגעבראַכט זיינע פּרעג־בויגנס אַ דריי וואָכן נאָכ־אַנאַנד, דערפאַר וואָס ער האָט אין יענער צייט וואָס ער האָט געזאָלט באַ־זוכן די לאַנדסמאַנשאַפט, געדאַרפט שפּייזן זיין קאַנאַריקל, אָדער אַנגעגעבן אַ תירוץ, וואָס איז ניט געווען אַנגענעמבאַר פאַר דער אַדמיניסטראַציע און דער רעדאַקטאָר האָט געדאַרפט קלאָר מאַכן דעם מיטאַרבעטער, אַז ער שטעלט אַליין אין געפאַר זיין אַרעמען דזשאָב, וואָס איז אים אָנגעקומען מיט גרינע ווערים צו באַקומען — איז דער שרייבער גלייך אַוועק צו צביון'ען אָדער דאַנציסן מיט אַ קלאָגע, אַז דער רעדאַקטאָר וויל אים אָפּזאָגן.

צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די פירערשאַפט פון פּרץ שרייבער־פאַראיין האָט דעם רעדאַקטאָר געגעבן די פולסטע קאָאָפּעראַציע. איבערהויפּט איז דאָס געווען דער פאַל מיט צביון'ען, וואָס האָט אויסגעקעמפט, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל אָפּגעבן אַ באַריכט צו אַן אַלגעמיינעם מיטינג פון שרייבער־פאַראיין, כאָטש ער איז דאָרט קיין מיטגליד קיינמאָל ניט געווען. עס איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע וועגן דעם, נאָר צביון האָט אויסגעפירט און דער רעדאַקטאָר האָט גערעדט און מען האָט אים געפּרעגט פראַגעס, און ווען דאָס לאַנדסמאַנשאַפט־בוך איז דערשינען, האָט דער פּרץ שרייבער פאַראיין דורכ־געפירט אַן אָוונט אין לעיבאָר טעמפּל, אויף דער 14טער גאַס לעבן סעקאַנד עוועניו. דער הויפּט־איינלייטער איז געווען ש. ניגער און דער פאָרזיצער — ב. צ. גאָלדבערג.

בעת מיר האָבן געאַרבעט אויפֿן לאַנדסמאַנשאַפֿט־בוך האָבן זיך געפֿונען אַ צאָל שרייבער וואָס האָבן צוליב טעכנישע סיבות ניט געקאָנט ווערן קיין מיטגלידער פֿון דער גרופּע. זיי זיינען געווען אַרבעטלאָז און מען האָט זיי געשיקט אַרבעטן אויף די וועגן. מיר האָבן געוואוסט אַז ס'איז געווען אַ ביטערער רחמנות אויף זיי און איך האָב געטאָן וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען זיי צו קאָנען טראַנספערירן צום שרייבער פּראָיעקט.

וואַשינגטאָן האָט אָנגעהויבן שניידן דעם בודזשעט און מען האָט אונז געלאָזט וויסן, אַז פֿון יעדער גרופּע וועלן אָפּגעזאָגט ווערן אַזויפיל און אַז געוויסע גרופּעס וועט מען איינגאַנצן אויפלייזן. די ערשטע קרבנות זיינען געווען די שרייבער גרופּעס, וואָס האָבן ניט באַוויזן קיין רעזולטאַטן. באַלד איז אויפגעלייזט געוואָרן די סקאַנדינאַווישע גרופּע, די דייטשע, די סלאַווישע. אונדזערע יידישע שרייבער האָבן איינגעזעגן די געפאַר. נאָר אין אַ געוויסן זין איז שוין געווען צו שפּעט.

עס איז אַרויס אַ גזירה, אַז די וואָס זיינען ניט געווען קיין בירגער, אָדער ניט געהאָט די צווייטע פּאַפּירן וועלן זיין די ערשטע צו פֿאַרלירן זייער ברויט. נאַטירלעך האָבן זיך געפֿונען צווישן אונדזערע אַזעלכע וואָס האָבן ניט געגלויבט און געמיינט, אַז דער רעדאַקטאָר איז שולדיק. דער אמת איז געווען אַז דער רעדאַקטאָר האָט ניט געוואוסט מיט וועמען ער וועט מאָרגן דאַרפֿן אַרבעטן. דאָס זיינען אַלץ געווען פֿאַראָרדנונגען פֿון וואַשינגטאָן.

עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט טראַגעדיעס טאָג־טעגלעך. דאָס אַליין איז געווען מאַטעריאַל פֿאַרן שרייבער. עס זיינען געווען פֿאַרזוכן פֿון זעלבסטמאָרדן אין אָפֿיס. אַ פֿרוי האָט זיך געוואָלט אַרונטערוואַרפֿן פֿון פֿענסטער. אַ מאַן האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער ווערט אָפּגעזאָגט. אין דער יידישער גרופּע איז געווען אַ ביסל בעסער. צוליב דער גוטער אַרבעט וואָס מיר האָבן געקאָנט באַווייזן, האָט מען ווינציקער געשניטן, נאָר מען האָט געלעבט אין פּחד פֿאַרן מאָרגן.

דאָך האָט די אַדמיניסטראַציע געהאַט אַ סך צו טאָן מיט אונדזערע מיט־אַרבעטער. עס זיינען געקומען דעלעגאַציעס זיך אָננעמען פֿאַר די וואָס האָבן געהאַלטן אין אָנווערן זייער ברויט. ניט איינמאָל איז עדלין אַרויפגעקומען און געבעטן פֿאַר אונדזערע שרייבער. דער הויפט האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פֿאַר דער פֿירערשאַפֿט פֿון שרייבער פֿאַראיין. דער אַדמיניסטראַציע איז גראַד געפֿעלן געוואָרן די לאָיאַליטעט פֿון אונזער שרייבער־מין. ביי די אַנדערע מינאָריטעט־פּראָיעקטן האָבן זיך שרייבער פּאַקטיש ניט געקענט. עס האָט קיינעם ניט געאַרט ווען איינער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן. ניט אַזוי ביי אונז. ב. ריווקין

אָדער לאָמעד שאַפּירא זיינען געווען נעמען וואָס יעדער שרייבער איז געווען גרייט צו פאַרטיידיקן ביז בלוט.

מר. קלעיטאָן און סאָמנער סמיט, דיביידע הויפּט רעדאַקטאָרן פון גאַנצן שרייבער פּראָיעקט, האָבן ניט איינמאָל זיך נאָכגעפרעגט ביי מיר וועגן דער יידישער שרייבער גרופּע און וועגן אינדיווידועלע מיטגלידער. אַ שרייבער ווי ש. צ. זעצער וואָס האָט געהאַט זיין אייגענעם צוגאַנג צו דער ארבעט און וואָס האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די פאָרמאַליטעטן פון פּראָיעקט, האָט ארויסגערופן צו זיך דרך ארץ מצד דער אדמיניסטראַציע. אים אָפּזאָגן פאַר ניט אויספאָלגן איז פאַר זיי געווען אַ שווערער ענין, נאָר די צייט איז געקומען ווען מען האָט געשניטן רעכטס און לינקס. דער רעדאַקטאָר איז געווען איין געפאַר אָפּגעזאָגט צו ווערן צוליב אַ מסירהלע פון אַ קאָלעגע שרייבער. אַלץ וואָס יענער האָט געדאַרפט טאָן איז אריינשיקן אַ בריוול צו דער אדמיניסטראַציע. אַזעלכע בריוולעך האָבן אָנגעהויבן אריינקומען פון די שרייבער וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע שטעלעס צוליב די אַלגעמיינע רעגולאַציעס פון דער וו. פּ. א., דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקענט באַווייזן קיין רעליף סטאַטוס, אָדער זיי האָבן ניט געהאַט זייערע צווייטע אָדער אפילו ערשטע פּאַפּירן.

די אַדמיניסטראַציע פלעגט מיך אריינרופן אין אָפיס צו זיך.

— אָט איז נאָך אַ בריוול, פאַרוואָס האַנדלען אַזוי אָט די קאָלעגן אייערע? זיי ווייסן אַז דאָס איז ניט אייער שולד. מיר ווייסן אַז איר האָט זיי באַשיצט און מעגלעך געמאַכט אַז זיי זאָלן בלייבן אויפן פּראָיעקט לענגער ווי שרייבער פון אַנדערע גרופּעס. פאַרוואָס האַנדלען זיי אַזוי?

איך פלעג ניט באַשולדיקן די אָנפאַלער. נאָר ווייסנדיק ווער די שרייבער זיינען געווען, — דערפאַר וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעגעבן זייערע נעמען און אַדרעסן, מיינענדיק אַז די אדמיניסטראַציע וועט דאָס האַלטן אין געהיים, — האָב איך נאָכהער פאַרגליכן די ליבעס־בריוולעך, וואָס די זעלבע שרייבער האָבן געשיקט צו מיר איידער זיי זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן, דאַן ווען זיי האָבן געשאַרט בלעטער אין פּאַרק, אָדער געגאָסן הייסן אַספאַלט אויף די וועגן.

וואַשינגטאָן האָט געהאַלטן אין איין פאַרקלענערן דעם בודזשעט פאַר די ארבעטסלאָזע פּראָיעקטן. יעדן טאָג האָט מען גערעדט וועגן דעם אַז מען וועט אויפלייזן די ווייסע־קאָלנער פּראָיעקטן. נאָר מיר זיינען אָנגעגאַנגען מיט דער ארבעט. דאָס לאַנדסמאַנשאַפט בוך האָט ארויסגערופן גרויס אָנזען אין דער ענגלישער, ווי אין דער יידישער פּרעסע. עס זיינען געקומען פּראָפעסאָרן פון פאַרשיידענע שטעט, טיילמאָל מיט גרופּעס סטודענטן, אויסצוגעפינען מער וועגן אונזערע מעטאָדן. דער פאַקט וואָס קיינער פון אונז איז ניט געווען

געשולט אין דעם מין ארבעט; וואָס מיר האָבן ניט געהאַט קיין דאָקטער־דיגריס, — האָט ארויסגערופן באַוואונדערונג ביי זיי. מיין אריינפיר אין בוך איז איבערזעצט געוואָרן אויף ענגליש און ווען די „ניו יאָרק־טאַימס" האָט געהאַט אַ נאָטיץ וועגן דער דערשיינונג פון דעם פּאַמפּלעט, זיינען דורך דער וואָך אָנגעקומען הונדערטער באַשטעלונגען פון אַלע טיילן לאַנד מיט געלט. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס דער שרייבער פּראָיעקט פון ניו יאָרק האָט באַקומען אַזויפיל בריוו. איבערהויפּט איז געווען טשיקאַווע וואָס עס זיינען אָנגעקומען באַשטעלונגען פון דער טיפער סאַוט, וואו קיין יידישער ישוב איז ניט בנמצא.

דאָס צווייטע ווערק פון אונזער גרופּע איז פּארטיק געוואָרן. דאָס איז געווען „אידישע פאַמיליע קרייזן פון ניויאָרק". צום באַדויערן האָט מען ניט געלאָזט אָנגעבן די נעמען פון די שרייבער פון די קאַפּיטלען, אַלץ וואַשינגטאָן. די נעמען זיינען דערשינען אין כל הנערים. דאָס ווערק האָט אויסגענומען און מען האָט גערעדט וועגן איבערזעצן דאָס אויף ענגליש. די וויכטיקסטע ארבעט אין בוך איז געווען פון ב. ריווקין.

מיר האָבן זיך גלייך גענומען צום דריטן פּראָיעקט — אַן אַנטאָלאָגיע „אמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור" — פון יאָר 1877 ביז 1940. נאָכדעם ווי דער פּלאַן איז פּאַרטיק געוואָרן, האָב איך אים פאָרגעבראַכט פאַר דער שרייבער גרופּע. דאָס לעצטע וואָרט האָט געהערט צו דער עקזעקוטיווע פון פּרץ שרייבער פאַראיין.

דער פּלאַן איז, אין קורצן געווען, ווי פאָלגט: אריינגעמען בעלעטריסטיק און מעמואַרן ליטעראַטור פון יעדן שרייבער וואָס האָט געהאַט פּאַסיקן מאַ־מאַטעריאַל, אויסקלייבן ניט מער ווי צוויי זאַכן. די גרופּע האָט געדאַרפט זוכן און נישטערן אין אַלע דערשינענע ביכער, אויך אין צייטונגען און זשורנאַלן פון די אַכציקער יאָרן. דער אינטערעס איז געוואַקסן צו דער ארבעט. ניט איינמאָל האָבן מיר געהאַט זיצונגען מיט דער שרייבער גרופּע און דיסקוטירט דעם אָפּגעקליבענעם מאַטעריאַל.

ענדלעך האָבן מיר געהאַט פאַרטיק דעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש און אים איבערגעשיקט צום שרייבער־פאַראיין. מען האָט אים גוטגעהייסן, דאַן האָט מען געדאַרפט קריגן אַן ארויסגעבער.

די אדמיניסטראַציע איז אין יענער צייט געווען פאַרבונדן מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. עס איז דערפאַר איבערגעגעבן געוואָרן צום מעיאָר פון ניו־יאָרק, פיאָרעלאָ לאַ־גוואַרדיאַ, גוטצוהייסן דאָס ארויסגעבן פון דער אַנטאָלאָגיע. ער האָט דעם מאַנוסקריפּט איבערגעגעבן צו פּראָפעסאָר אַ. אַ. ראָבאַק, וועלכער

האָט ארייגגעשיקט אַ פולן באַריכט און פאָרגעשלאָגן געוויסע ענדערונגען בנוגע דעם אויסוואַל. אין אַלגעמיין האָט ער דאָס ווערק געלויבט.

אונזער אדמיניסטראַציע איז געווען שטאָלץ מיט אונדזער גרופּע. מען האָט מיך אריינגערופן אין אָפיס און געוויזן לאַגוואַרדיאַס האַנט־געשריבענעם „אָקעי״ אויף „אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור״.

אין יענער צייט האָבן מיר אויך געהאַט אַן אויסשטעלונג פון אַלע גרופּעס. די יידישע גרופּע האָט צוגעגרייט עטלעכע גרויסע פּאַנעלן מיט בילדער פון אונזערע קלאַסיקער און מאָדערנע שרייבער, ווי רייזען, לייוויק, מאַני לייב, אַ. ראַבאָי. ווען דער פאַרשטייער פון דער שטאָט, ניובאָלד מאָריס, איז געקומען צו באַגריסן די אויסשטעלונג, האָט ער זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף אונזערע פּאַנעלן און געבעטן, אַז מען זאָל פאַר אים איבערזעצן רייזענס אַ ליד. ער האָט אַן אינטערעס אין דער יידישער שפּראַך און ער פאַרהאָפט זי צו לערנען.

די אַנטאָלאָגיע איז געווען אויסגערעכנט אויף איבער 400 זייטן. זי האָט זיך געעפנט מיט דער אָפּטייל „שטיי איך אויף גאַנץ פרי״. דער אָנהויב פון דער מאַסן־אימיגראַציע, סוועט־שאָפּ. אַ גרויסן אָרט האָט פאַרנומען די אָפּטייל „ניו יאָרקיש״, דערפאַר וואָס וועגן דער שטאָט האָבן אונזערע מיטאַרבעטער געפונען אַ וועלט מיט מאַטעריאַל. מיר האָבן געפּרוווט געבן אַ קווער־שניט פון אַמעריקע אין אונזער ליטעראַטור. די קוואַליטעט פון אויסוואַל איז געווען אויפן ערשטן פּלאַץ, נאָר טיילמאָל האָט מען דאָס געדאַרפט מקריב זיין צוליב דער טעמע.

מיר האָבן שוין אָנגעהויבן פּלאַנירן אַ פערטן בוך — „יידן פון ניו־יאָרק״. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך ווידער אָנגערוקט אַ קריזיס און דאָס מאָל איז עס געווען אין דער פאָרם פון דער „דאַיס־קאָמיטע״ וואָס איז געקומען פון וואַ־שינגטאָן געפינען „רויטע״ אויפן פּראָיעקט, נאָר אין דער אמת׳ן צעשטערן פּרעזידענט רוזוועלט׳ס מי לטובת ארבעטלאָזע.

צווישן די ארבעטער אין פּראָיעקט האָבן זיך ארומגעדרייט אַ פּאָר פאַר־דעכטיקטע פּאַרשוינען, וואָס האָבן קיינמאָל גאָרנישט געטאָן און קיין שניט האָט זיי ניט אָנגערירט. איינער פון זיי, באַנטאַ, אַן עלטערער מאַן, האָט זיך כסדר געפּרוווט באַפריינדן מיט מיטגלידער פון אונזער גרופּע, כאָטש אַליין איז ער ניט געווען קיין ייד. אַט האָט ער פאַרקויפט ראַפּלס פון אַ ציוניסטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע און אַט האָט ער זיך ארומגעטראָגן מיט אוירל בראָוודערס בוך און געבעטן אַז מען זאָל דאָס אויטאָגראַפירן צוליב באַנטאַס געבורטסטאָג. אַזוי ווי איך האָב זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, האָט ער מיך אָפּגעוואַרט אין

וואַש־צימער, ווייסנדיק ווען איך גיי עסן. ער האָט געהאַט אָנגעגרייט זיין פּען און געבעטן מיין אונטערשריפט. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן אין אַ צייט אַרום, ווען מען האָט מיך גערופן צו אַן אַזוי גערופענער אונטערזוכונג קאָמיסיע, צו זען מיין אונטערשריפט אויפן שער־בלאַט פון בראָודער׳ס בוך. איך האָב פאַר די דריי דראָענדיקע רעגירונגס־אַגענטן אין קליינעם הייסן חדר׳ל, דערקלערט, אַז די אונטערשריפט איז געפעלשט געוואָרן און זיי זאָלן מיר ווייזן דעם אָריגינאַל פון בוך, ניט בלויז אַ פאָטאָסטאַט, זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. מיין אונטערשריפט פלעגט צירקולירן יעדן טאָג אויפן פּראָיעקט אין משך פון דריי יאָר צייט. יעדער מיטאַרבעטער פון אונזער גרופּע וואָס האָט געדאַרפט קריגן צען סענט אויסגאַבן צו פאָרן אין דער שטאָט־ביבליאָטעק האָט געדאַרפט קריגן מיין אונטערשריפט פאַר אַ גוטהייסונג.

מיינע הויפּט־רעדאַקטאָרן און די גאַנצע פּראָיעקט אַדמיניסטראַציע איז געשטאַנען מיט מיר קעגן די פּראָוואָקאַציעס. דאָך בין איך גלייך סוספּענדירט געוואָרן אָן אַ פאַרהער וועגן מיין אַרבעט אויפן פּראָיעקט.

דאָס איז אָבער אין די אויגן פון דער אַדמיניסטראַציע ניט געווען פאַרוואָס מורא צו האָבן, נאָר ווען ס׳איז דערשינען אין יידישן „וועקער" אַ פּאַסקוויל און דער פּאַסקוויל איז גלייך אין אַן ענגלישער איבערזעצונג אונטערגעטראָגן געוואָרן צו דער קאָמיסיע וואָס האָט געגלויבט דעם פּראָוואָקאַטאָר באַנטאַ, — דאַן האָט אונזער אַדמיניסטראַציע געפילט אַז זי קאָן מער גאָרניט טאָן פאַר מיר.

דער פּאַסקוויל איז דערשינען נאָוועמבער 1, 1938 אונטער אַ פול־זייטיקן קאָפּ: „אַן אָפענער בריוו צו י. א. ראָנטש און זיינע חברים קאָמוניסטן". ער האָט מיך דאָרט באַטיטלט אַלס „אַ 110פּראָצענטיקן סטאַליניסט". ער האָט „אויסגעזאָגט פון חדר" און אונטערגעשטראָכן אין „איטאַליקס", אַז איך בין ביי פּראָפעסיע „ אַ קאָמיסאַר" און נאָך אַ מין קאָמיסאַר. ס׳איז געווען אַן אויסגוס, וואָס האָט ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין יידישן זשורנאַליזם. נאָר ער האָט דערגרייכט זיין ציל. איך בין אָפּגעזאָגט געוואָרן פון פּראָיקעט און — נאָך עפּעס ערגערס...

„אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור" איז שוין ניט דערשינען. ערגעץ־וואו אין די רעגירונגס־אַרכיוון, ליגט עס נאָך מסתמא. פּראָפעסאָר ראָבאַק איז אַן עדות אַז עס איז איינגעלייגט געוואָרן אין דעם אַ וועלט מיט גוטע אַרבעט.

אין משך פון דער צייט וואָס איך בין געווען באַשעפטיקט אויפן יידישן

שרייבער מיט דעם קלענסטן, משטיינס געזאָגט, געהאַלט, ביז דעם אַמט אַלס סופּערוויזער־רעדאַקטאָר, האָב איך פאַרנאָטירט די געשעענישן און זיי דאָ־קומענטירט. אפשר וועט די צייט קומען דערפאַר, אַז מען וועט וועלן וויסן מער וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען ווען יידישע שרייבער זיינען געווען אויף קעסט ביי דער אמעריקאַנער רעגירונג.

מיר הייבן אָן מיט מיליאָנען

(פון בוך „דורך אונזערע הענט״. זכרונות פון א יידישן שול-לערער)

שיקאַגאָ, מאַי 1919. עס עפענען זיך די ערשטע דריי ארבעטער רינג־שולן אין דריי טיילן שטאָט. יעדע שול האָט צוויי לערער — אַן עלטערן און א יינגערן און אַ פאַרוואַלטער, ד. ה. א באַצאָלטן סעקרעטאַר. אויסער דעם האָט מען אַראָפּ־געבראַכט דעם באַוואוסטן שרייבער אַ. ליטווין פון ניו יאָרק, אַלס פּרינציפּאַל. איך האָב ביז דאַן געטאָן דריי זאַכן: געאַרבעט אין אַ פאַבריק בייטאָג, שטודירט אין אָונט און געשריבן ביינאַכט. די לערער זיינען געווען היימישע אינטעליגענטן מיט לענגלעכע האָר, אָדער העברעאישע לערער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער שול-באַוועגונג. דער פּרינציפּאַל איז געווען א חשובער לאַנג-יעריקער מיט־ארבעטער פון „פאַרווערטס״, וואָס האָט געשריבן וועגן קינדער־דערציאונג און בכלל געהאַט קאָנסטרוקטיווע פּלענער פאַרן יידישן פאָלקס-לעבן.

אַן אָריגינעלער מענטש געווען אונזער פּרינציפּאַל. כאָטש אין די הויכע פופציקער האָט ער אָבער פאַרמאָגט מער ענערגיע פון אונז, יונגוואַרג. איך בין אים ניט געפעלן געוואָרן אַלס לערער. ביים עקזאַמען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כ׳פאַרמאָג ניט גענוג העברייאיש וויסן, נאָר מיינע פיר קלאַסן גימנאַזיע האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן. וואָס מיך האָט געוואונדערט איז געווען, וואָס ער האָט קיינעם פון אונז ניט געפרעגט וועגן אונזער באַקאַנטשאַפט מיט אמעריקע, מיט דער ענגלישער שפּראַך, מיט דער אמעריקאַנער געשיכטע, מיט אמעריקאַנער דערציאונג־סיסטעמען, אָדער מיט געשיכטע פון יידן אין אמעריקע.

אין יענער צייט האָט נאָך אמעריקע פאַר אונז ניט געהאַט „עקזיסטירט״, כאָטש מיר האָבן געדאַרפט דערציען א נייעם אמעריקאַנער דור. דער הויפּט חסרון מיט מיר אַלס לערער איז געווען, וואָס איך בין געווען זייער יונג און אויס־געקוקט ווי אַ יינגל און דער פּרינציפּאַל האָט געזאָגט, אַז מע וועט ניט וויסן ווער ס׳איז דער לערער און ווער דער שילער. לכן וועל איך דאַרפן לערנען בלויז מיט קליינע קינדער און מיין ספּעציאַליטעט וועט זיין קינדער־מעשות.

דער עלטערער לערער מיט וועמען — אָדער אונטער וועמען — איך האָב געאַרבעט, האָט מיך אויך גענומען אַף אַן עקזאַמען. ער האָט אויסגעפונען, אַז איך האָב ניט געקענט קיין אַלגעברע, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע. איך

האָב איך ניט געקענט רעדן קיין פראַנצויזיש, אַזוי ווי ער. און דעקלאַמירן פון אויסווייניק רוסישע פּאָעטן האָב איך אויך ניט געקענט.

די הויפּט ארבעט פון דעם לערער־ראַט אין יענער צייט איז באַשטאַנען אין: שאַפן אַ נייע אָרטאָגראַפיע; אין אומענדלעכע דיסקוסיעס וועגן נאַטוראַליזירן דעם העברייאישן עלעמענט; אין רעווידירן די יידישע גראַמאַטיק; אין באַ־שטימען וועלכן דיאַלעקט אָנצונעמען; אין מאַכן אַ טאָלק אין דער יידישער שפּראַך בכלל.

אונזער פּרינציפּאַל האָט דעם ענין שול גענומען זייער ערנסט, א ביסל שוין צו ערנסט. מיר זיבן האָבן פּאַקטיש געדאַרפט ווערן די טאָן־געבער. אַף אונזערע אומדערפאַרענע פּלייצעס איז געלעגן דער עול פון 500 יאָר יידישע שפּראַך. מיט אונז האָט זיך אָנגעהויבן די נייע ערא. מיר זיינען געווען דער בראשית...

אונזער ארבעט איז געווען א הייליקע אַרבעט. דער פּרינציפּאַל האָט גע־פאָדערט פּינקטלעכקייט. צען אינדערפרי אַ מיטינג וועגן שטומען „ע". דער פּרינציפּאַל האַלט א רעפעראַט. דער רעפעראַט דויערט איבער צוויי שעה. נאָכדעם האלט יעדער לערער באַזונדער א רעפעראַטל — און אַלץ וועגן זעלבן שטומען „ע". מיר איז שווידערלעך לאַנגווייליק. איינס א זייגער וויל איך עסן. כ׳שלאָג פאַר איבערצורייסן די זיצונג אַף א האלבער שעה און גיין עסן. מע קוקט אויף מיר ווי אויף אַ פוסטער כלי, אויף אַ כופר בעיקר.

דעמזעלבן אָוונט — ווידער א מיטינג. דער פּרינציפּאַל רעפערירט וועגן יידישן פאָלקלאָר. צוויי שעה און א האלב. די לערער שטייען ניט אָפּ. עס איז שוין נאָך איינס פאַרטאָג. איך האָב שוין עטלעכע מאָל איינגעדרימלט. איך ווייס, אז מיין גורל איז פאַרזיגלט. לאַנג וועל איך קיין לערער ניט בלייבן. די ארבעט איז מיר טאָקע ליב — אין קלאַס, נאָר די מיטינגען הרג׳ענען מיך אוועק. עס ווילט זיך מיר ניט איינמאָל נעמען אַ וואָרט און זאָגן וואָס איך דענק. איך האָב געפּרוּווט אַמאָל, נאָר דער פּרינציפּאַל האָט אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר ערלעכע אויגן און איך האָב געפילט, אַז איך וועל אים קוילן אָן אַ מעסער. איך האָב אים צופיל ליב געהאַט.

די לאַגע איז געוואָרן וואָס וויטער אַלץ ערגער. די מיטינגען זיינען געוואָרן אומדערטרעגלעך, נאָר צו קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן פאַרן קלאַס איז מען ניט געקומען. מע האָט גערעדט אַבסטראַקט — פאַרן יידישן פאָלק, פאַר די מיליאָנען יידישע קינדער אַף דער וועלט, נאָר וואָס צו טאָן, ווען מיר קומען אין קלאַס אריין— דאָס איז געווען אַ נעבן־זאַך.

אונזער פּרינציפּאַל איז געווען א נאַטור-מענטש.ער האָט ניט געקאָנט

פאַרשטיין ווי מיר לערער קאָנען וואוינען אין שטאָט, צווישן ווענט, ווי מיר קאָנען טרינקען קאַווע און עסן פלייש. אזעלכע מענטשן קאָנען קיין גוטע לערער ניט זיין, האָט ער באַשלאָסן. ווען אונזערע מיטינגען פלעגן זיך ענדיקן ארום צוויי פאַרטאָג, פלעגן מיר אונזער גוטן פרינציפּאַל באַגלייטן צו דער סטריט־קאַר, וואָס איז געגאַנגען איינמאָל א שעה און וואָס האָט אים געדאַרפט ארויספירן אויסער שטאָט. פלעגן מיר זיך אוועקזעצן וואַרטן אפן טראָטואַר ביז די קאַר וועט אָנקומען. אָט אזוי זיצנדיק אף אַ שוועל פלעגן מיר פאַרזעצן דעם מיטינג. און ניט איינמאָל פלעג איך אהיימקומען, ווען עס האָט שאַריעט.

איינמאָל איז דער פרינציפּאַל אריינגעקומען צו מיר אין קלאַס אינמיטן לערנען. איך האָב געהאַלטן אין דערציילן א מעשה פאַר די זיבן יעריקע קינדער. כ׳האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. דערפאַר אָבער האָבן מיר לערער געהאַט אַן אָפּשניט פון אונזער פרינציפּאַל אומגעריכטערהייט נאָכן לערנען. ער האָט באַמערקט, אז די שויבן זיינען שוין לאַנג ניט געוואַשן געוואָרן, האָט ער גענומען אַ קרוג וואַסער און געגעבן א פלוך אף די שויבן. ער האָט אויך באַשפּריצט דעם דיל מיט וואַסער. ער האָט געפונען שטויב אף די ווענט. ער איז געווען אין כעס.

— אַ לערער טאָר ניט אריינקומען אין קלאַס, ווען די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט שטויב, א. אז.וו. — האָבן זיך אָנגעהויבן אומענדלעכע מיטינגען וועגן דעם לערער׳ס פליכטן. די אַלע רייד זיינען פּראָטאָקאָלירט געוואָרן און די פּראָטאָקאָלן זיינען פאַרגעלייענט געוואָרן צו יעדן נייעם מיטינג. הונדערטער פּלענער זיינען אָנגענומען געוואָרן און קיין איינער איז ניט דורכגעפירט געוואָרן. מע האָט געלעבט אין וועלט פון רייד און ווען מע איז אריינגעקומען אין קלאַס, האָט מען דערזען, אז דיווירקלעכקייט האָט אונז אויסגעלאַכט.

ווען מע האָט זיך אויסגעטשוכעט פון די מיטינגען, האָט מען דערזען, אַז מע האָט ניט קיין לערן־ביכער, קיין קאַריקולום, קיין קלאָרע פאַרשטעלונג וואָס און וויאַזוי צו לערנען; אַז מע האָט ניט קיין געלט אויסצוהאַלטן די שולן; אַז עס עקזיסטירט אַן עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע פון סיטי־סענטראַל פון ארבעטער רינג, וואו עס זיצן פּראַקטישע ארבעטער קעפּ, יידן פּאָליטיקער, וואָס עס גייט זיי אינגאַנצן ניט אָן דער ענין שטומער „ע״; וואָס די שולן זיינען אַ לאַסט אף זייערע פּלייצעס, וואָס טראַכטן בלויז ווי צו רעדוצירן דעם בודזשעט פון די שולן. מע האָט ביי די מיטינגען פון דער סיטי קאָמיסיע דיסקוטירט דעם ענין טעקס אף די מיטגלידער, א ניקל טעקס; העכערן דעם שכר לימוד; בעטן אַ סובסידיע פון גענעראַל אָפיס; מאכן אונטערנעמונגען; שניידן שכירות פון די לערער און פאַרוואַלטער...

האָט דערפאַר אונזער פּרינציפּאַל גערופן א סעריע מיטינגען צו באַטראַכטן

דעם ענין בודזשעט פאר דער שול־באוועגונג, ניט פאר שיקאַגאָ, חלילה, נאָר פאַרן גאַנצן לאַנד. עס איז א בזיון צו רעדן וועגן ניקל טעקס, וועגן אַן אונטער־נעמונג, וואָס זאָל אריינברענגען א טויזנט טאָלער. מע דאַרף אויסאַרבעטן פּלענער וואָס זאָלן לייגן די באַזע פאַר א נעץ פון שולן, וועלכע זאָלן אריינעמען הונדערטער טויזנטער קינדער. פאַר דעם צוועק איז אומבאַדינגט נויטיק פאַנ־אַנדער צושפּרייטן אַ קאַמפּאַניע וואָס זאָל ארומנעמען גאַנץ אַמעריקע, אַלע יידן. עס געפינען זיך היינטצוטאָג איבער פיר מיליאָן יידן איבערן לאַנד. דאַרף מען קענען פאַראינטערעסירן אין דער אַקציע אַ העלפט, — צוויי מיליאָן יידן. יעדער ייד זאָל געבן מינימום איין טאָלער א יאָר — האָבן מיר שוין צוויי מיליאָן טאָלער. מיט אַזאַ סומע וועט מען ערשט קאָנען פאַנאַדערנעמען די הענט און אויפבויען אַן אמתע שול־באַוועגונג... אניט איז דאָס א חוזק! מיר נאַרן אָפּ ס׳יידישע פאָלק. מיר האָבן ניט קיין רעכט צו זיין קיין דערציער. ווען מיר קומען אריין אין קלאַס־צימער און די פענסטער זיינען ניט געוואַשן, דער דיל פינקלט ניט פון זויבערקייט, האָבן מיר ניט קיין רעכט זיך צו רופן דערציער א. א. וו.

פון די צוויי מיליאָן זיינען מיר ארונטער צו אַ פערטל מיליאָן. ביז דער פּרינציפּאַל האָט אָנגעהויבן שטעלן אולטימאַטומס צו דער עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע, וואונדערבאַרע יידן זיינען זיי געווען, די קאָמיטע־יידן. מיט רעספּעקט זיך באַ־צויגן צום פּרינציפּאַל, ניט דערווידערט אים עפּעס־לעך. זיינע גלות־לאַנגע פּלענער אויסגעהערט געדולדיק, נאָר קיין איינעם ניט אָנגענומען. אַ שרייבער איז ער געווען זייער אַ וואוילער, א מחיה צו לייענען זיינע ארטיקלען, נאָר דורכפירן זיינע פּלענער האָט ער ניט געקאָנט. זיינע פּלענער זיינען געווען גוט, האָבן געזאָגט די קאַרפּן־קעפּ פון דער קאָמיטע, נאָר ניט איצט, — ווען משיח וועט קומען...

דער פּרינציפּאַל האָט געשטעלט דעם לעצטן אולטימאַטום, דער פּרינציפּאַל האָט רעזיגנירט און פאַרלאָזן שיקאַגאָ. די יינגערע לערער האָבן מיטאַמאָל דער־פילט, אַז די עלטערע לערער דאַרפן ניט האָבן די פולע דעה. רעוואָלט. יונג קעגן אַלט. די מער אַמעריקאַניזירטע קעגן די וואָס האָבן נאָך געאָטעמט מיט זייער היימיש שטעטל.

2

שיקאַגאָ האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט. אונזערע עלטערע לערער האָבן זיך אויסגעצייכנט אין צוגרייטן א סוכות קאָנצערט. דער קינדער כאָר האָט געזונגען לאַנג־פאַרגעסענע פאָלקס־לידער און דער עולם איז געווען באַגייסטערט. אַ פאָרלעזונג פון א שלום עליכם מעשה, א אינסצעניזונג פון פּרץ׳עס „דריי

ניטאָרינס״, א פּאָר דעקלאַמאציעס — און שיקאַגאָ איז געגאַנגען כּאַדראָם. ערשט איצט האָט מען זיך אין שטאָט דערוואוסט, אז עס עקזיסטירן שולן. גלייך נאָכן קאָנצערט זיינען די קלאַסן געוואָרן איבערגעפּאַקט. מע קאָן זיך ניט פאָרשטעלן וויפיל פרייד דער קאָנצערט האָט אריינגעבראַכט אין הונדערטער היימען.

דער רעוואָלט פון די יינגערע לערער קעגן די עלטערע האָט אָנגעהאַלטן. דער עלטערער לערער און די פאַרוואָלטערקע פון דער שול וואו איך האָב געלערנט האָבן דערקלערט, אז איך מוז רעזיגנירן, אניט וועלן זיי פאַרלאָזן. איך האָב געוואָגט צו קריטיקירן געוויסע פירונגען פון מיין קאָלעגע; ער איז געווען זייער אַ האָנאָראָווער. סיטי קאָמיסיע האָט גע׳טענה׳ט, אַז איך מוז פאַרלאָזן. האָב איך מיר איינגעפּאַקט די זאַכן און זיך געקליבן פאָרן קיין ניו יאָרק, וואס דאָס איז געווען מיין טרוים פון תמיד אָן.

געדאַרפט אוועקפאָרן האָב איך אין א דינסטיק, נאָר זונטיק אינדערפרי איז אריינגעקומען צו מיר אַ קאָמיטע פון בילדונג קאָמיטעט און געזאָגט: „איר פאָרט ניט. מאָרגן קומט איר צוריק אין שול און איר ווערט דער עלטערער לערער״.

עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן דעם עלטערן לערער און דעם קאַסירער פון שול. אַ מאַמע האָט זיך עפּעס געהאַט צעווערטלט מיטן לערער אין מיטן לערנען. פּונקט צו יענער צייט איז אריינגעקומען דער קאַסירער. אים איז ניט געפעלן געוואָרן דעם לערער׳ס לשון, האָט ער זיך געפּרוּווט אריינמישן, נו, איז שיעור ניט געקומען צו א געשלעג צווישן זיי ביידן.

דער ארבעטער רינג וואַקסט איבער שיקאַגאָ און ער קלייבט זיך אָפּצו־קויפן אַ גרויסע געביידע, וואָס באַטרעפט אין די שווערע טויזנטער דאָלער. מע רעדט וועגן דעם, אַז אונזער שול, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פּריוואַטער הויז (אויבן האָט געוואוינט דער אייגנטימער), וועט זיך אריינקלייבן אין דעם נייעם ארבעטער רינג לייסעאום.

מיר גרינדן א יידישע קינדער־ביבליאָטעק. קינדער צאָלן צוויי סענט אַ וואָך פאַר דעם צוועק. די קינדער לייענען ביי אונז גאַנץ געשמאַק. עס גייט אָן אַ קאָנקורס פאַר די הויפּט־לייענער און מיר טיילן אויס פּרייזן.

פון צייט צו צייט באַווייזן זיך נאָך אין שול פּריש־אָנגעקומענע אימיגראַנטן־קינדער, אַנטלאָפענע פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע און אין פּוילן. זייער יידיש איז חיות׳דיק. זייער אינטעלעגענץ איז העכער ווי ביי אונזערע קינדער, נאָר זיי זיינען אלט פאָר דער צייט. איבערגעשראָקענע דערציילן זיי מעשות וועגן דער אַלטער היים, וואָס רופן ארויס טרערן און גרויל ביי אונזערע קינדער. זיי

ווערן באַלד די ליבלינגען אין אַלע קלאַסן. מע קאָן זיי לאַנג ניט האַלטן אין אַ קלאַס, ווייל מיר קאָנען זיי קיין סך ניט געבן.

שרייבער פּראָיעקט, אַנהויבנדיק פון נידעריקסטן שטאַפּל אַלס אַ „יינגערער״

די לאַגע פון די יידן אין פּוילן אין 1921 רודערט אויף אונזער געזעלשאַפט־לעכקייט. מיר פירן דורך מיט די קינדער אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע אין צענטער פון שטאָט (לופ) צו פּראָטעסטירן קעגן פּוילן. עס איז געווען אַ שלאָקס־רעגן. די דעמאָנסטראַציע איז דורכגעפירט געוואָרן פּאַרנאַכט, ווען דער גאַסן־פּאַרקער איז געווען שווער און מיר לערער האָבן נאָך ניט געהאַט קיין דערפאַרונג מיט פירן אַ פּאָר הונדערט קינדער און זיי קאָנען האַלטן צוזאַמען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַ סך קינדער זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען; אַנדערע האָבן אַליין אוועק־מאַרשירט פון אונז. שפּעטער האָט מען געפונען קינדער אין די פּאָליציי־סטאַנציעס. מאַמעס זיינען געשטאַנען אין שול און געוויינט; קינדער האָבן זיך פאַרקילט און זיינען קראַנק געוואָרן. די לערער האָבן געהאַט צו זינגען און־צו־זאָגן.

מיר האָבן זיך, אָף דער איניציאַטיוו פון הויפּט־אָפיס, גענומען קלייבן געלט פאַר די קינדער־היימען אין פּוילן. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט זאַמל־ליסטן, מיט מאַרקעס און באַלד אריבער צו מאַסן־אַקציע. מיר האָבן געשיקט קינדער צו פאַרזאַמלונגען. עס האָבן זיך ארויסגעלאָזט אַ דרייסיק פּאָרלעך אין אַן אָוונט, באַגלייט פון אַ דערוואַקסענעם, צו מיטינגען פון אָרגאַניזאַציעס, אין שולן און אפילו צו פאָרשטעלונגען פון יידישן טעאַטער. מע האָט זיי אומעטום צוגעלאָזן. אין שול פלעגט זיצן אַ קאָמיטע פון קינדער צוזאַמען מיט מיר און מיר פלעגן מיט אומגעדולד וואַרטן אָף די צוריקקומענדיקע קאָמיטעס. נאָך איידער די קינדער פלעגן אויסרעדן אַ וואָרט, האָבן מיר שוין דערקאַנט אין זייערע פּאָר־פלאַמטע בעקלעך די רעזולטאַטן פון זייער אַפּיל. ווייל צו יעדער פאַרזאַמלונג פלעגט אַ קינד האַלטן אַ קורצע רעדע. איך האָב זעלטן־ווען געדאַרפט איינלערנען אַ רעדע. די קינדער זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון טאַט און די רירנדיקע נאַאיווע רייד פון קינדערשן האַרצן האָבן געטראָפן אין פּינטל.

דאָס געלט איז אָפּן פלאַץ גלייך איבערגעציילט געוואָרן, אַ קבלה איז ארויס־געשיקט געוואָרן צו דער אָרגאַניזאַציע און אַ באַזונדער קוויטאַנציע איז ארויס־געגעבן געוואָרן צו די זאַמלער.

פון אַלע שולן איבערן לאַנד איז אונזער שול ארויס די ערשטע אין די זאַמלונגען. אין אַ חודש צייט האָבן מיר איבערגעשיקט צום גענעראַל אָפיס 642 טאָלער.

אָט די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן האָבן אריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין

שול און די צאָל נייע תלמידים איז כסדר געשטיגן, אַזוי אַז מיר האָבן ניט געהאַט גענוג בענקלעך פאַר זיי און מיר האָבן געדאַרפט עפענען פּאַראַלעלע נייע קלאַסן און געלערנט האָט מען ביז שפּעט אין אָוונט אַריין.

אין יענער צייט האָט אונזער שול זיך גענומען אַרויסגעבן דעם ערשטן קינדער־זשורנאַל אין שיקאַגאָ. געהייסן האָט ער „אונזער ווינקל" און אַרויס איז בלויז איין נומער. אַרויסגעגעבן האָט אים דער עלטסטער קלאַס, וואָס איז געווען פאָרמירט אין אַ קלוב — „אונזער ווינקל".

די קינדער האָבן זיך פאַרנומען מיט דער פּראָבלעם פון שאַפן פאָנדן פאַר אים. זיי האָבן געקראָגן פיר זייטן אַנאָנסן און הילף פון אַ צאָל אַרבעטער רינג בראַנטשעס. אין זשורנאַל האָבן זיך באַטייליקט פערצן קינדער מיט מעשות, לידער, אַרטיקלען. די בעסטע מעשה אין „אונזער ווינקל" איז געווען וועגן אַ הונט. די שרייבערין איז געווען אונטערן איינפלוס פון שלום עליכמ׳ס קינדער־דערציילונגען. די צווייטע בעסטע זאַך איז געווען אַ באַשרייבונג וועגן „פרייטאָג צונאַכט ביי אונדז אין הויז". די לידער זיינען געווען זייער שוואַך, נאָכגעמאַכט פון די געלערנטע זאַכן. („הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן, בלאָזט ווי שטאַרק איר קענט. גיט דער פרייער פאָן אַ לעבן, מאַכט זי זאָל צום הימל שוועבן".) איין יינגל האָט אַפּעלירט צו די איבעריקע שילער פון די אַרבעטער רינג שולן, אַז מע זאָל גרינדן אַטלעטישע קלובן אַרום די שולן. ער האָט אויך געפרעגט פאַרוואָס איז דאָ אַזאַ קליינער אינטערעס ביי די שול־טוער צו דעם.

בעל מחשבות האָט אין 1922, שרייבנדיק וועגן דער אַנטאָלאָגיע פון די שיקאַגאָ׳ער דיכטער „יונג־שיקאַגאָ", זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף „אונזער ווינקל" און געהאַט צו זאָגן אַ פּאָר פיינע ווערטער וועגן זשורנאַל.

„אונזער ווינקל" האָט זיך גוט פאַרשפּרייט און ס׳איז געבליבן אַ פּראָפיט, וואָס איז אוועקגעגעבן געוואָרן צו קויפן אַ וויקטראָלע פאַר דער שול. יעדן חודש האָבן מיר צוגעקויפט נייע רעקאָרדס און אָפט זיך באַנוצט מיט דער וויקטראָלע אין קלאַס. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ נייעס און סיי לערער, סיי טוער האָבן ניט געוואוסט, צי מען מעג, צי מען טאָר ניט. האָט מען פאַרשוויגן דעם ענין. אַ צאָל האָבן דאָס באַטראַכט פאַר מיינעם אַ קאַפּריז.

צו יענער צייט האָבן מיר אין שול געהאַט איינגעפירט אַנדערע נייקייטן אַ סאַניטאַרישע קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון דעם עלטסטן קלאַס און געהאַט אַן אויפגאַבע אויפצופּאַסן, אַז אַ קינד זאָל אַריינקומען אין קלאַס מיט ריינע הענט און פאַרקאַמטע האָר. פאַר דעם צוועק האָבן מיר געהאַט צוגעגרייט זייף מיט האַנטעכער אין וואַשצימער. מיר האָבן געהאַט איינגעפירט אַ בית דין,

וואָס איז באַשטאַנען פון דריי קינדער, אויסגעקליבענע ביי אַן אַלגעמיינעם מיטינג פון דער גאַנצער שול.

אַן עקספּערימענט איז אויך געמאַכט געוואָרן אין לאָזן די קינדער אַליין אָנפירן מיט די קלאַסן און מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער שול. איך און דער פאַרוואַלטער פון דער שול האָבן באַדאַרפט אָוועקפאָרן צו דער לערער־קאָנפערענץ אין קליוולאַנד. די קינדער האָבן פון זיך געהאַט אויסגעקליבן אַ פאַרוואַלטונג ראַט, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויף דער שול, גענומען שכר לימוד, פאַרשריבן נייע קינדער א. אַ. וו. און פיר קינדער זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אָנצופירן מיט די קלאַסן. אַ סך טוער און עלטערן וואָס זיינען אַריינגעקומען אין שול אין יענער צייט האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון דער אָרדנונג און דעם פיינעם האַלטן זיך פון די קינדער אין די קלאַסן.

פּאָגראָמען אויף יידן, נאָך מלחמה־ווייען, די פּאַלמער־רעידס, נעגער־ראַיאָטן אין שיקאַגאָ, דעבס אין טורמע — די אַלע געשעענישן האָבן געהאַט זייער אָפּרוף אין קלאַס ביי מיר. עס איז געווען אַ מהלך פון יענער צייט, ווען מע האָט אונזער גאַנצע ענערגיע געהאַט פאַרשווענדט אויף דעם, צי זאָל מען שרייבן „אונדזער", אָדער „אונזער".

אונזערע קינדער האָבן געטראָגן זייערע דעבס־באַטנס (באַפרייט דעבסן פון טורמע) אין פּאַבליק סקול, וואָס דאַן איז דאָס געווען זייער אַ געוואַגטע טאַט. די מעשה ווי דעבס האָט אין טורמע אין אַטלאַנטאַ געקושט אַ צעשלאָגענעם, אַ צעבלוטיקטן נעגער האָט אויף די קינדער געלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק.

די שול איז פאַר מיר געווען מיין אידעאַל. כ'פלעג אַריינקומען 11 אינדערפרי און פאַרלאָזן שפּעט אין אָוונט. דער אַרבעטער רינג האָט טאַקע געהאַט אָפּ־געקויפט דעם לייסעאום, נאָר די שול ניט אַריינגענומען. מיר זיינען געבליבן אויף דער אַלטער קוואַרטיר. קיין שכירות האָבן מיר ניט געקראָגן, נאָר ווער האָט דאָס אינזינען געהאַט אַזעלכע פּוסטע זאַכן דאַן?

איינמאָל אַ וואָך פלעג איך אויפנעמען אַ קורס אין זשורנאַליזם אין נאָרטוועסטערן אוניווערסיטעט. מיינער אַ באַקאַנטער, אַ יידישער דאָקטאָר, האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס איך פּאַטער מיינע יונגע יאָרן אויף דער שול־באַוועגונג. ער האָט מיך אָנגעהויבן צורעדן, אַז איך זאָל צוריק אַריין אין קאַלעדזש און שטודירן מעדיצין. ער האָט זיך אונטערגענומען מיך צו שטיצן.

צו ווערן אַ מעדיקער איז געווען מיין לעבנס־אַמביציע. צוליב דעם בין איך פּאַקטיש געקומען קיין אַמעריקע.

נאָר האָבן אַ חלק אין דערציען אַ נייעם יידישן דור, איינפונדעווען אין אים אַן אידעאַל, באַהויכן אים מיט אַ נייעם גלויבן — דאָס האָט מיך באַוועלטיקט.

דערפאר האָב איך מקריב געווען פּערזענלעכע אמביציעס. געלט־מעגלעכקייטן, קאַריערע. ווען מיין פריינט, דער דאָקטאר, איז געקומען צו מיר מיטן פארשלאָג וועגן פאַרלאָזן די שולן, בין איך שוין געווען א ביסל אנטוישט אין דעם עלעמענט שול־טוער פון ארבעטער רינג, אין דעם עלעמענט עלטערן ,וואָס האָט געשיקט דאָס קינד אין שול און טיילוויז אויך אין דעם עלעמענט לערער, וואָס האָט מיך ארומגערינגלט.

א פּאָר חדשים צייט האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה וועגן פאַרלאָזן די די שולן. די שול־אידייע האָט געוואונען. נייז, כ'וועל מיין גורל טיילן מיט דער שול־באַוועגונג. איך האָב באַטראַכט דאָס פאַרלאָזן די שול ווי א פאַראַט קעגן קינד. די שול איז געבליבן מיין אידעאַל.

מיטן וואַנדער שטעקן

דאָס בוך רייזע־איינדרוקן נעמט ארום אַ צייט אָפּשניט פון 1935 ביז 1960.

דער שרייבער שטעלט זיך אָפּ אויף פאָלגנדיקע לענדער: די פאראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, מעקסיקאָ, ענגלאַנד, פראנקרייך, האָלאַנד, סאָוועטן־פארבאנד, פוילן, מדינת ישראל.

צווישן סאָוועטישע שרייבער
אין קיעוו

אויף דער לענין־גאַס אין קיעוו געפינט זיך דאָס שרייבער־הויז (דאָם פּיסאַ־טעלעי). אַ ברייטע, ליכטיקע גאַס, באַ׳יום׳טוב׳ט מיט רייעןביימער, האַרט לעבן קרעשטשאַטיק, אין צענטער פון טעאַטערס און לערן־אינסטיטוציעס. ווייטער אַרויף, אויף דער זעלבער גאַס, האָט מען אויפגעבויט וואוינונג־קאָאָפּעראַטיוון פאַר די שרייבער און כמעט אַלע יידישע שרייבער וואוינען שוין אויף דער לענין־גאַס, נומער 68.

דער אַריינגאַנג צום שרייבער־הויז איז ניט קינסטלעריש. עפּעס אַ שטיקל בופעט, מענטשן מיט סענדוויטשעס אין די הענט, אַ שמאָלער קאָרידאָר, מיט גלעזערנע טירן, מיט אויפשריפטן אין פאַרשיידענע לשונות. אויף איין טיר איז דאָ אַ יידישע מעלדונג: זשורנאַל „פאַרמעסט״. דאָ האָבן מיר אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען מיט די יידישע שרייבער.

מיר קומען אַריין אין אַן אָנגערויכערטן צימער, וועלכער איז פול מיט מענער. אָט איז איציק פעפער. ס׳איז אים לייכט צו דערקענען פון די בילדער. ער באַקענט אונז מיט די איבעריקע. יעדער נאָמען זאָגט עפּעס. אַ לעבן־לאַנג געוואָלט פּערזענלעך זען דוד האָפשטיינען, ל. קוויטקאָ׳ן. אָט איז א. וועוויאָרקאָ ליפע רעזניק, א. אבטשוק, ה. אָרלאַנד, נח לוריע, מ. אַראַנסקי. און אָט זיינען אונזערע יונגע: טאַלאַלייעווסקי, האַרצמאַן, עליע קאָהן, דיאַמאַנט, וועלעדניצקי, גאָנטאַר. די אַטמאָספערע איז אַ וואַרעמע. דער קלוגער איציק פעפער לאָזט מיך איבער צו די יונגע. זיי קומען פריער. דאָ הייבט זיך אָן אַרויסווייזן מיין אומ־וויסנקייט. מיר אַמעריקאַנער האָבן כמעט ניט געלייענט. מיר דערהאַלטן ניט זייערע ביכער און זיי באַקומען ניט אונזערע. מוז מען, הייסט עס, איינשטעלן פאַרבינדונגען. נו, האָבן שוין פריערדיקע געסט צוגעזאָגט דאָס צו טאָן, נאָר אַזאַ טבע האָבן זיי שוין, די אַמעריקאַנער — זיי זאָגן צו און בלייבן ביים זאָגן...

איז געווען אַזוי גוט צו זיין אַרומגערינגלט פון אַזאַ וואַרימער ליטעראַרישער אַטמאָספערע, אויסהערן אַזויפיל פראַגעס און — ניט קענען ענטפערן אויף זיי. נאָר אָט האָט פאַסירט אַן „אומגליק״. אַ חבר איז אַריינגעקומען און עפּעס אַריינ־

געשושקעט פעפער׳ן אין אויער אריין. באַלד האָט מען אונז געמאָלדן, אַז דער חבר סענטשענקאָ לאַדט איין צו זיך.

אָ. סענטשענקאָ איז דער פאָרזיצער פון דעם פארבאנד סאָוועטישע שרייבער פון אוקראַאינע און ער געפינט זיך אין זעלבן שרייבער־הויז.

— וואָס זועל איך דאָרט טאָן? — האָב איך געוואָלט וויסן פון פעפער׳ן.

— איר וועט זיך באַקענען מיט אים און אויך איבערגעבן אַ גרוס פון אמעריקע, — האָט ער געענטפערט.

גייען מיר. מיר קומען אריין אין אַ זאַל. אויבן־אָן זיצט דער שרייבער סענטשענקאָ. ביי אַ לאַנגן טיש זיצן, ווייזט אויס, שרייבער. די יידישע שרייבער, וואָס זיינען איצט אריינגעקומען, זעצן זיך ביי די זייטן ווענט. פעפער שטעלט מיך פאָר. סענטשענקאָ איז אַ פעסט־געבויטער, מיטל־וויקסיגער, שיין־געקליידטער מאַן, מיט קלוגע, קלאָרע אויגן, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרגעסן. זיין האַלטן זיך, זיין אָרט רעדן איז געלאַסן.

— מיר ווילן הערן פון אייך וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אמעריקע, וועגן דער „מאָרגן־פרייהייט״, וועגן „האַמער״, וועגן אייער אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטפען״, וועגן דעם נייעם טעאַטער, וועגן „אַרטעף״ און מיר וואָלטן זייער געוואָלט וויסן וועגן אונזער אוקראַינער באַוועגונג אין אמעריקע.

אויסגעהערט, וואָס סענטשענקאָ האָט געוואָלט פון מיר, איז מיר געוואָרן אַ ביסל קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה. אַ מאָדנע זאַך טרעפט אייך ווען איר קומט אָן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. גלייך וויל מען פון אייך וויסן וועגן אַמעריקע, נאָך איידער איר האָט די געלעגנהייט צו זען עפּעס.

פאַר די דריי טעג וואָס איך בין געווען אין קיעוו האָב איך ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּצורוען אַ מינוט. ס׳איז אויסגעקומען צו רעדן אַ צען שעה אַ טאָג אין פארשיידענע אַנשטאַלטן. איך האָב זיך ניט געריכט, אַז מיר וועט אויסקומען גלייך דאָ אָפּצוגעבן אַ גרוס. נאָר אָט זיצן איבער אַ הונדערט שרייבער און מען דאַרף רעדן פאַר זיי.

איידער איך האָב אָנגעהויבן איבערגעבן דעם גרוס האָט מיך סענטשענקאָ באַקאַנט מיט אַ צאָל פון די אָנוועזנדיקע. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָ האָב זיך געפונען אוקראַינישע, רוסישע און פּוילישע שרייבער. דאָ איז געווען דער גרעסטער אוקראַינישער פּאָעט פּאַוולאָ טיטשינא, דער בארימטער דראַמאַטורג איוואַן מיקיטענקאָ, די באַוואוסטע פּראָזאַאיקער פּאַנטש און קאָפּילענקאָ, דער קריטיקער שטשופּאַק, די רוסישע פּאָעטן אושאַקאָוו און גאָראָדסקאָי און נאָך אַ צאָל באַוואוסטע נעמען.

עס איז דערפאר ניט געווען קיין גרינגע אויפגאַבע איבערצוגעבן אַ ניט־

צוגעגרייטן גרוס, איבערהויפּט נאָך ווען סענטשענקאָ האָט אײַנגעאָרדנט אַז מיין גרוס זאָל פאַרצייכנט ווערן פאַר דער פּרעסע. ערגער פון אַלעס איז געווען וואָס איך האָב ווינציק וואָס געקאָנט דערציילן וועגן דעם וואָס עס האָט די אוקראַינישע שרייבער שטאַרק אינטערעסירט — וועגן דער פּראָלעטאַרישער אוקראַינישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

גערעדט האָב איך אין יידיש. די פראַגעס זיינען מיר געשטעלט געוואָרן אין רוסיש. די יידישע שרייבער זיינען געזעסן צווישן די ניט־יידישע און אינדער־שטיל איבערגעגעבן מיינע רייד.

דער שמועס האָט אָנגעהאַלטן אַ צוויי שעה, וואָס מיך האָט איבערראַשט איז געווען: די גענויע באַקאַנטשאַפט פון סענטשענקאָ, דעם אוקראַינער, מיט דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע. ער האָט, למשל, געוואָלט וויסן, ווי האַלט עס מיט לייוויק׳ן, מיט הירשביינ׳ען, מיט רייזענ׳ען.

— ניעאָוזשעלי האָבן די פּאַסירונגען פון דער לעצטער צייט זיי ניט דער־נענטערט צו אונז?

— וואָס שאַפן זיי? ווער לייענט זיי?

— פאַרוואָס ווערט דער „פאָרווערטס” נאָך אַלץ געלייענט פון יידישע אַרבעטער? ווי גרויס איז די צירקולאַציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט”? וועלכע שרייבער אין דער „מאָרגן פרייהייט” זיינען חשוב׳ער ביי די מאַסן?

— וועלכע יידישע שרייבער פון אוקראַינע זיינען באַוואוסט ביי יידן אין אַמעריקע? פאַרוואָס איז ביז איצט ניט איינגעשטעלט געוואָרן קיין ענגערע פאַר־בינדונג צווישן אייער פּראָלעט־פען אָרגאַניזאַציע מיט אונז? פאַרוואָס ווייסט איר אַזוי ווינציק וועגן אונזערע אוקראַינער שרייבער? פאַרוואָס פירט דער „אַרטעף” ניט אויף אונזערע פּיעסן?

— וואָס האָט פּאַסירט מיט דרייזערן? ווי האַלט סינקלער לואיס? דער־ציילט וועגן דער ראַדיקאַליזירונג פון דער אַמעריקאַנער קולטור. דערציילט וועגן דעם אַרבעטער־פראָנט, וועגן די לעצטע קאַמפן.

די פראַגעס האָבן אָנגערעגט. אפן געדאַנק זיינען געקומען אַזויפיל ענטפערס, אַזויפיל זאַכן צו דערציילן.

מיטאַמאָל האָט סענטשענקאָ אַ וואונק געטאָן צו אַ חבר און אים עפּעס אַ זאָג געטאָן. באַלד איז יענער צוריקגעקומען מיט אַ פּעקל ביכער. ווען דער שמועס האָט זיך געענדיקט האָט סענטשענקאָ מיך פּרעזענטירט מיטן פּעקל, וואָס איז באַשטאַנען פון דערשיינענע אויף יידיש איבערזעצונגען פון דער אוק־ראַאינישער ליטעראַטור. דאָ זיינען געווען: מיקיטענקאָ׳ס „אורקעס”, איוואַן לע׳ס

אַ ראָמאַן פון צווישנבערג״, מ. טרובליאַני׳ס „דער קורס נאָרד־אָסט״, איוואַן קירי־לענקאָ׳ס „אַ שטאָט ווערט געבוירן״ א. א.

סענטשענקאָ האָט דערקלערט, אַז פון איצט אָן בין איך דער גאַסט פון די שרייבער און געבעטן איציק פעפער׳ן, אַז ער זאָל זיין מיין מכניס אורח. ער האָט אויך געוואָלט וויסן צי איך נויטיק זיך אין עפּעס, צי מיר האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט און וואָס האָבן מיר שוין געזען אין קיעוו און וואָס ווילן מיר זען.

ערשט נאָך דעם אָפיציעלן שמועס האָט זיך אָנגעהויבן די אינטימע באַ־געגעניש מיט די יידישע שרייבער, מיט דוד האָפשטיינ׳ען, קוויטקאָ׳ן, רעזניק׳ן לוריען, אָרלאַנד׳ן, וועוויאָרקע׳ן און מיט די יונגע.

מיר זיינען געווען פאַראינטערעסירט צו זען אַ קאָלווירט און פעפער האָט אונז צוגעזאָגט צו נעמען אהין. נאָר פריער האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן אַ באַנקעט.

אויגוסט, 1935

א באַנקעט פאר אַן אַמעריקאַנער יידישן שרייבער אין קיעוו

צום אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אין שרייבער־הויז, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן: די שרייבער וואָס האָבן זיך געפונען אין קיעוו, די מיטאַרבעטער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין קיעוו, ווי ג. גאַראַכאָוו, דער דירעקטאָר; מאַקס עריק, דער הויפּט פון דער ליטעראַרישער סעקציע, יאַשאַ רעזניק, דער הויפּט פון דער פּעדאַגאָגישער סעקציע, און די אַמעריקאַנער — קלמן מרמר און אַ. פּאָמעראַנץ, און אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער, אבנר בערנשטיין, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף אַ באַזוך אין קיעוו און האָט געוואָלט בייוואוינען דעם באַנקעט.

עס האָבן זיך פאַרזאַמלט א צוויי הונדערט מענטשן. די טישן זיינען געווען שיין געדעקט. די שטימונג איז געווען אַ וואַרעמע. דער טאָסט־מייסטער איז געווען איציק פעפער, וועלכער איז ניט בלויז אַ מייסטערהאַפטער דיכטער, נאָר אויך אַן אויסגעצייכנטער רעדנער און פאַרזיצער.

וואָס עס האָט אַלעמען געפרייט, איז געווען די גרויסע צאָל פון ניט־יידישע שרייבער, וואָס זיינען געקומען אויסהערן אַ גרוס פון דער יידישער פּראָלעטאַרי־שער ליטעראַטור אין אַמעריקע. און ריבטיק האָט געשריבן וועגן דעם אָוונט

די „פראַלעטאַרישע פּאַן": „דער אָוונט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דע־מאָנסטראַציע פון אינטערנאַציאָנאַלער איינהייט פון אַלע אָטריאַדן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור: דער יידישער, אוקראאינישער און רוסישער".

דעם ערשטן טאָוסט האָט געגעבן איציק פעפער — אַ טאָוסט פאַר דער אינ־טערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג פון די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטורן. זיינען אָוועק אַ ריי טאָוסטן; פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט", און איר הויפּט־רעדאַקטאָר מ. אָלגין, פאַר דעם פּראָלעטפּען, פאַר דער „פּראָלעטאַרישער דערציאונג", פאַר די אוקראַאינער שרייבער, פאַר די רוסישע, פאַר די יונגע, פאַר די יידישע שרייבער (געגעבן פון אוקראינער), טאָוסטן פאַר די חשובע פאַרזאַמלטע קאָלעגן, און אַזוי ווייטער.

דער אָוונט איז געפירט געוואָרן אין יידיש. דער גאַסט האָט באַקומען דאָס ערשטע וואָרט און ער האָט אין אַ שעה׳דיקער רעדע איבערגעגעבן וועגן דעם „פּראָלעטפּען" און זיינע מיטגלידער, וועגן דער „מאָרגן־פרייהייט" און די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן, וועגן דעם קולטור־פראָנט אויף דער אמעריקאַנער אַרבעטער־גאַס, וועגן טעאַטער און וועגן די קאַמפן און שלאַכטן פון די אמע־ריקאַנער אַרבעטער. זיינע רייד זיינען אין דער שטיל גלייכצייטיק איבערזעצט געוואָרן פון די יידישע קאָלעגן צו די ניט־יידישע.

פעפער האָט דאַן געגעבן אַ וואָרט דעם באַרימטן אוקראַאינער שריפט־שטעלער און דראַמאַטורג איוואַן מיקיטענקאָ, וועמענס זאַמלונג דערציילונגען איז דאָ אין יידיש. מיקיטענקאָ האָט געהאַלטן אַ וואונדערבאַרע רעדע. אין אַ זאַפּטיקן, פאָלקסטימלעכן אוקראַאיניש, מיט אַ סך וואַרעמקייט אין זיין קול, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פּונקט נאָך פּונקט אויף דער רעדע פונם גאַסט און געצויגן אַ פּאַראַלעל צווישן דער לאַגע פון סאָוועטישן שרייבער און דעם שרייבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

— איר האָט אונז היינט דערציילט וועגן די שופלאָדן מיט מאַנוסקריפּטן וואָס ליגן ביי אייערע שרייבער, און זיי האָבן ניט וואו צו דרוקן. ביי אונז איז די לאַגע אַ פאַרקערטע. מיר לויפן נאָך די שרייבער, מיר בעטן זיך ביי זיי; גיט אונז וואָס מער זאַכן, מיר וואַרטן אויף זיי. אונזער עולם איז אויסגעדורשט.

מיקיטענקאָ האָט געניי געדענקט יעדן נאָמען, וואָס דער גאַסט האָט דער־מאָנט, און ער האָט אין זיין ענטפער זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן נאָמען באַזונדער. דער גאַסט האָט דערציילט וועגן דער ביטערער נויט, פון וועלכן עס ליידן די פּראָ־לעטפּען־מיטגלידער, די שווערע אומשטענדן, אונטער וועלכע עס קומט אויס צו אַרבעטן, וועגן די מיטגלידער, וואָס זיינען געפאַלן. מיקיטענקאָ האָט אין נאָמען פון די אוקראַאינישע שרייבער אויסגעדריקט זיין סאָלידאַריטעט מיט די

פראָלעטפען־שרייבער. ער האָט אָנגעוויזן, אַז יעדער שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פריי פון דאגות פרנסה און קען זיך איינגאַנצן ווידמען זיין שאַפן.

— גיט איבער אונזערע קאָלעגן, אונזערע ברידער אין קאַמף און אין גייסט, וועגן דער סאָלידאַריטעט, וואָס הערשט צווישן די שרייבער אין גרויסן פאַרבאַנד. דער היינטיקער אָוונט איז אַ ביישפּיל דערפון. אָט זיצן מיר אוקראַאינער, רוסן, פּאָליאַקן און ערן א יידישן שרייבער, ווייל ער איז איינער פון אונז, ווייל זיין קאַמף איז אונזער קאַמף, ווייל אין אונזער פאַרבאַנד הערשט די ברידערלעכקייט צווישן פעלקער, ווייל מיר זיינען אַלע באַזעלט מיט איין געדאַנק, מיט איין פאַר־לאַנג צו בויען אונזער ארבעטער פּאַטערלאַנד, גיט איבער אונזערע אמעריקאַנער פּראָלעטאַרישע שרייבער אונזער ליבע פאַר זיי, אַז מיטן גרעסטן אינטערעס וועלן מיר נאָכפאָלגן זייערע קאַמפן און זיין געאייניקט מיט זיי פאַר אַ זיג פון ארבעטער־קלאַס.

ווידער האָבן די יידישע שרייבער געטרונקען טאָוסטס פאַר די אַנוועזנדיקע אוקראַאינישע שרייבער: טיטשינא, פּאַנטש, קאָפּילענקאָ, פּערוואָמאַיסקי, קוז־מיטש, שטשופּאַק און פאַר די רוסישע דיכטער: אושאַקאָוו און גאַראַדאָיסקאָי.

דאַן האָט פעפער פאָרגעשטעלט אַ צאָל יידישע דיכטער, וואָס האָבן געלייענט לידער. דער ערשטער איז געווען דוד האָפשטיין, וואָס האָט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן געלייענט אַ פּאָעמע „געלטעלע״. ליפע רעזניק האָט לכבוד די געסט גע־לייענט עטלעכע איבערזעצונגען זיינע פון דער אוקראַאינישער דיכטונג, און נאָכהער זיינע אייגענע לידער.

לייב קוויטקאָ, וועמעס קינדער־לידער זיינען איבערזעצט אויף אוקראַאיניש, איז אויפגעפאָדערט געוואָרן פון די אוקראַאינער צו לייענען זיין: „אַנאַ־וואַנאַ בריגאַדיר״ און אַ צאָל אנדערע פּאָפּולער־געוואָרענע קינדער־לידער. דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין לייענען.

פעפער שטעלט דאַן פאָר אַ צאָל יונגע דיכטער, און עס לייענען זייערע לידער די חברים: טאַלאַליעווסקי, אייגענע און איבערזעצונגען פון אוקראַאיניש; הארצמאַן, וועלעדניצקי, דיאַמאַנט, גאַנטאַר, דריז און דער קינדער־דיכטער גוטיאַנסקי.

אויף דער אויפפאָדערונג פון עולם לייענט חבר פעפער פאַר זיינע אייגענע לידער, און שטעלט פאַר דעם גאַסט נאָכאַמאָל, ער זאָל לייענען זיינע לידער.

אין אַ קורצער רעדע דערציילט דער גאַסט וועגן די פאַרדינסטן פון ק. מרמר און אַ. פּאָמעראַנץ פאַר דער פּראָלעטאַרישער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, און דער עולם דריקט אויס זיין אָנערקענונג צו די אַמעריקאַנער חברים דורך לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

דער לעצטער רעדנער פון אָוונט איז דער גרויסער אוקראַינישער דיכטער פּאַוולאָ טיטשינא. פּעפער שטעלט זיך אָפּ אויף טיטשינאַ׳ס פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ער זאָגט:

— ווען מיר, יידישע שרייבער, נויטיקן זיך אַמאָל אין אַ יידיש ווערק, וואָס מיר קענען ניט באַקומען, ווייסן מיר, אַז מיר וועלן עס באַקומען ביי דעם אוקראַינער טיטשינאַ. כדי צו באַקענען די אוקראַאינישע מאַסן מיט דער יידישער ליטעראַטור, האָט זיך חבר טיטשינא אויסגעלערנט די יידישע שפּראַך, וועלכע ער באַהערשט פּאָלקאָם, און ער אַרבעט אויף אַ בוך איבערזעצונגען פון אשר שוואַרצמאַנ׳ס לידער.

טיטשינאַ, אזוי ווי כמעט אַלע אוקראַינישע שרייבער, איז נאָך א יונגערמאַן. ער דערקלערט, אַז דער היינטיקער אָוונט האָט אים אָנגערעגט צו לייענען זיינע לידער.

אויגוסט, 1935

אין יידישן קאָלווירט אויפן נאָמען קאַגאַנאָוויטש

איציק פּעפער, ווי יעדער עכטער פּאָעט, האָט ליב די נאַטור. ארומפאָרנדיק מיט אונז איבער קיעוו, האָט ער כסדר געהאַלטן אין איין אויסדריקן זיין באַוואונ־דערונג איבער דער שיינקייט פון דער שטאָט, אירע ביימער, אירע בערגלעך און דעם ברייטן דניעפּער.

מיר זיינען געפאָרן אין דעם יידישן קאָלווירט אויפן נאָמען קאַגאַנאָוויטש, וואָס געפינט זיך ארום קיעוו. אונזער שאָפער האָט ניט געוואוסט דעם וועג; קיינער האָט ניט געוואוסט, האָט מען געדאַרפט פרעגן. אַ פּויערטע וואָס האָט געטריבן בהמות אויסערן שטאָט, האָט אונז געוויזן דעם וועג. נאָר באַלד האָבן מיר גע־הערט, ווי זי האָט אונז עפּעס נאָכגעשריען און זי איז אונז געלאָפן אַנטקעגן:

— אַ טעות געמאַכט, בירגער, ניט ריכטיק אייך געוויזן. מע דאַרף אהין־אָ זיך פאַרקירעווען. איך זאָל מאַכן אַזאַ טעות?! איך גיי דאָרט יעדן טאָג פאַרביי. אנטשולדיקט, בירגער, איר וועט זיכער אָנקומען אַהין...

פּעפער דערציילט וועגן זיינע דערפאַרונגען אין די יידישע קאָלווירטן איבערן לאַנד, וועגן ווירטשאַפטן וואָס זיינען רייך געוואָרן, וועגן יידישע פּויערים, וואָס

זיינען אַ מוסטער פאַרן גאַנצן ראַיאָן, וועגן פּיאַנאָס, אויטאָמאָבילן און וועלי־סאָפּעדן אין אַ צאָל יידישע קאָלווירטן.

ער האָט אָן אַ שיעור אַנעקדאָטן און מעשיות וועגן דעם נייעם יידישן מענטשן, דעם געזונטן, לעבנסלוסטיקן סאָוועטישן יידישן פּויער, וואָס לייענט ביכלעך און וויל אַז דער יידישער שרייבער וואָס קומט ארויס פאַרלייענען זיינע זאַכן אין קאָלווירט, זאָל שרייבן אַ פּשוט'ן יידיש, ניט קיין ביכלדיקן יידיש.

אונזער אויטאָמאָביל פאָרט דורך אַ ברייטן טויער. עטלעכע הילצערנע גע־ביידעס, און ווייטער — פעלדער און בערגלעך. שאַ, שטיל. שטיל. מען זעט ניט קיינעם. די זון שיינט, פייגעלעך זינגען. זיי פילן זיך דאָ ביי זיך אין דערהיים.

— וועמען פרעגט מען דאָ? מסתמא זיינען אַלע ביי דער ארבעט, וועט אונז אויסקומען צו גיין אַ מהלך צו די פעלדער, — זאָגט פּעפּער און מיר קלייבן זיך גיין איבער אַ וועג וואָס ליגט צווישן פאַרזייטע פעלדער.

נאָר אָט קומט ארויס פון א געביידע א מויד, אַ באָרוועסע, א מוסטער פון געזונטקייט. זי טראָגט אָן עמער מיט אַ קלייען־געמישעכץ. פּעפּער רעדט צו איר אין יידיש. צעשמייכלט זי זיך און זאָגט, אַז זי איז ניט קיין יידישע, נאָר אָן דאָרט, איז אַ גרופּע אויפן פעלד. זי קאָן אונז גאָרניט דערציילן וועגן קאָלווירט, דער פאַרוואַלטער איז ניטאָ.. . ער איז אין סוד, אין געריכט, הייסט עס.

גייען מיר צו דער גרופּע אויפן פעלד, נאָר ביז מיר שטעלן פיס, שטעלט די גרופּע אויך פיס און זי פאַרשווינדט פון אונזער בליק, הינטערן בערגל. נאָר גיין צום פעלד דאַרף מען.

ביי אַ פעלד פון פאַרניקעס (ספּעקטן) שטייט אַ יונגע מיידל איינגעבויגן איבער איר ארבעט. עס שמעקט מיט פערדישע מיסט פון פעלד. ארום די זייטן שטייען שטרויענע צודעקן, מיט וועלכע די גרינסן ווערן פאַרהיט פון קעלט ביינאַכט.

דאָס מיידל האָט אַזעלכע רויטע פּיסקעס, אַז עס שאַפט זיך דער איינדרוק אַז זי איז צו געזונט. אַז אַזאַ פּנים איז נאָר אויף אויסצושטעלן. אירע באָרוועסע פיס זיינען ברוין און פעסט. זי טראָגט אַ ווייסע בלוזע און א ברוין קליידל. אַלץ אויף איר איז ריין און עס שמעקט פון איר מיט זון און גראָז.

פּעפּער רעדט שוין צו איר אויף אוקראַיניש. — מיר'ן אַ פרעג טאָן ביים שיקסל, וואו דער פאַרוואַלטער איז, — זאָגט ער.

— דער פאַרוואַלטער איז ניטאָ. צוליב וואָס דאַרפט איר אים? זען דעם קאָלווירט? נו, גייט און זעט. די מערסטע מיטגלידער זיינען אין „סוד" צוזאמען מיטן פאַרוואַלטער. פאַרוואָס עפּעס אין סוד? ס'איז אַ לאַנגע מעשה. אַ יינגל פון

דערבייאיקן הויז האָט געריסן אונזערע קווייטן, האָט אים איינער פון אונזעריקע געגעבן אַ קלאַפּ, נו, משפט מען איצט דעם גאַנצן קאָלווירט.

זי רעדט אַ פויערשן אוקראַיניש און ענטפערט לאַקאָניש אויף פּעפּערס פראַגעס.

— שלעכט, — איז אומצופרידן פּעפּער, — ניטאָ ביי וועמען צו פרעגן. מען דאַרף אהערקומען ווען דער פּאַרוואַלטער וועט זיין.

איך בעט פּעפּערן, ער זאָל פרעגן ביים שיקסל, וואו דער סוד געפינט זיך. נאָך איידער ער האָט באַוויזן אויסצורעדן אַ וואָרט, דרייט זי זיך אויס צו מיר און זאָגט אין אַ געזונטן יידיש:

— איך פאַרשטיי וואָס איר זאָגט. איך בין אַ יידישע. איר זייט, ווייזט אויס, ניט קיין היגער, האַ?

אפילו פּעפּער איז געווען איבעראַשט אויסצוגעפינען אַז זי איז ניט קיין אוקראַאינישע... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי איז אינגאַנצן 17 יאָר אַלט און זי געפינט זיך דאָ מיט איר יינגערער שוועסטער. די עלטערן זיינען איר געשטאָרבן אין 1932. זי שטאַמט פון אַ שטעטל אַרום קיעוו. פון דער אַרבעט דאָ איז זי זייער צופרידן און עס ציט איר ניט אין שטאָט אַריין אין קיין פאַבריק. זי באַקומט 7 רובל אַ טאָג און דאָס מערסטע געלט שפּאָרט זי אָפּ. די אַרבעט איז זייער אינ־טערעסאַנט. זי לערנט זיך דאָ אויס צו זיין אַ בריגאַדיר. אויסער די לאַנדווירט־שאַפטלעכע לימודים זיינען פאַראַן שטודיר־קרייזן, אַ ביבליאָטעק, לעקציעס און פאַרוויילונגען — צוליב וואָס־זשע דאַרף איך די שטאָט? דאָ איז די לופט גוט, פריי, קיינער יאָגט אייך ניט און די אַרבעט איז ליב. די שוועסטערקע איז אַן אודאַרניצע. מיר באַקומען בילעטן קיין מאָסקווע, פאָרט מען זיך דורך, ווען מען קען. נאָר מיך ציט ניט צו דער גרויסער שטאָט.

— קענט איר לעזן און שרייבן יידיש? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט געלאַכט. — ווי דען־זשע? אין אַ יידישער שול געלערנט, שוין לאַנג צוריק, אין דער 5טער גרופּע געווען, הלוואי וואָלט איך דאַן פאַרשטאַנען אַז מע דאַרף זיך לערנען וואָלט איך היינט געווען אַ קאָמסאָמאָל. אַזוי דאַרף מען ערשט איצט אָניאָגן.

— אין דער יידישער שול האָט איר געלערנט מעשות פון יידישע שרייבער, געדענקט איר עפּעס פון דעם וואָס איר האָט געלערנט? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— ווי קען מען געדענקען אַזעלכע זאַכן? זיכער האָבן מיר געלערנט מעשות און לידער. איך אַליין בין אויפגעטראָטן אין דער אַדיטאָריע און געזאָגט אַ סטי־כאָטווערעניע פון אַ יידישן שרייבער.

— קענט איר זיך דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם ליד און דעם נאָמען פון שרייבער?

— פון אַ סך שרייבער געלערנט און אַ סך זאַכן. שוין לאַנג צוריק געווען. נו, איר ווייסט דאָך, מיר האָבן געלערנט די יידישע שרייבער פון סאָוועטן פאַר־באַנד, וואָס אַלע קאָנען: איציק פעפער, איזי כאַריק, קיפּניס, האָפשטיין — ווער קען אויסרעכענען אַלץ?

— איר האָט דערמאָנט איציק פעפער. געדענקט איר אפשר זיינס אַ ליד וואָס איר האָט געלערנט?

— נו, צו וואָס דאַרפט איר עס איצט? כ'קען זיך דערמאָנען, נאָר איז דאָס אייך נויטיק?

— נויטיק איז דאָס ניט, נאָר ס'איז בכלל אינטערעסאַנט צו זען צי איר געדענקט נאָך.

— נו, מיר האָבן געזוברעוועט פעפערס „קאָמסאָמאָלקעס", געזונגען זיין „דאָרט ביים גרענעץ" און נאָך.

דאָס מיידל האָט עפּעס דערשפּירט אין אונזערע בליקן פאַרדעכטיקס. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף פעפערן און געפּאַקט זיין שמייכל. זי האָט דערזען אין מיר אַז מיין פראַגע איז ניט געווען קיין אומשולדיקע.

— זאָגט, פאַרוואָס האָט איר מיך געפרעגט וועגן פעפער'ן? — זי האָט זיך מיטאַמאָל גוט איינגעקוקט אין פעפער'ס פּנים און אויסגעפּלאַצט:

— זייט איר ניט פון סאַמאָם דיעליע, דער חבר פעפער אַליין? איך האָב געזען אַז איר זייט מיר עפּעס קענטלעך.

איר רויט פּנים איז נאָך איצטער רויטער געוואָרן. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ ברייטע, מאַזאָליסטע האַנט צו פעפערן און זי שטאַרק אַ שאָקל געטאָן, פון וואָס עס זיינען שיעור ניט אַראָפּגעפאַלן פעפערס ברילן פון זיין נאָז.

אין קאָלווירט אַרבעטן 400 נפשות. דאָ איז בלויז איין פיליע (אָפּטייל). אַ ביסל ווייטער געפינט זיך אַ צווייטער אָפּטייל פון זעלבן קאָלווירט. דער נאַצי־נאַלער באַשטאַנד איז 75 פּראָצענט אַ יידישער. פאַראַן 600 העקטאַר לאַנד. פאַראַן דאָ אַלץ, גרינסן, פּרוכטן, ברויט, בהמות, קעלבלעך, חזירים. די אויס-געאַרבעטע פּראָדוקטן ווערן צוגעשיקט צו א פאַבריק אין קיעוו, פאַר זייער קיך.

— אָט דאָרט איז דאָס הויז פאַר די, וואָס האָבן זיך „צעשריבן", פאַר די, הייסט עס, וואָס האָבן חתונה געהאַט. זיי באַקומען באַזונדערע קאָמנאַטעס, גערט־נער, אַ באַלעבאַטישקייט. אַזוי דערקלערט אונז די יונגע קאָלווירטניצע און באַ-מערקט דערוויי״ל א צעבראָכענעם ברעט אין פּאַרקאָן. זי דרייט אומצופרידן מיטן קאָפּ, ווי ס'וואָלט געווען אָן ערנסטע פּראָבלעם.

מיר גייען אריין אין דער „אַבשטשעזשיטיע״. אַ שמאָלער קאָרידאָר. טירן שווערע, הילצערנע. זי וויזט אונז איר צימער. ליכטיק, גראַם, ווייס־געקאַלכטע ווענט. פיר בעטן, זייער האַרט צו שלאָפן. ווייסע ציכלעך. אַלץ איז אויפגעראמט. איבער די בעטן, אויף די ווענט, אויסגעהאַנגען צייטונגען. פון אַ נומער „עמעס״ שיינט אַראָפּ אַן ארטיקל: „דרייצן יאָר „מאָרגן־פרייהייט״. איבער יעדן בעט בילדער פון קרובים, אויסגעהאַקטענע לייוונטן.

— די יינגלעך שלאָפן אין אַ צווייטן הויז. ביי זיי איז ניט אַזוי ריין ווי ביי אונז, נאָר אונזער סאַניטאַרע קאָמיסיע וועט זיך מיט זיי שוין ספּראַווען, — זאָגט זי אַ ביסל אין כעס. אין אַ צווייטן צימער געפינען מיר אַ מיידל איבער אַ בוך, ביים טיש. יענער צימער איז נאָך שענער. באַהאַנגען מיט גרינע צווייגן, פּאַפּירענע קווייטן. — באַלד וועלן מיר האָבן אייגענע קווייטן, — אנטשולדיקט זיך דאָס מיידל, א שוואַרץ־חנוודיק מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, איידל געבויט און ראַפינירט.

מיר גייען אריין אין דער קיך. אויפן אויוון שטייט אַ גרויסער קעסל. פּעפּער גייט צו, נעמט אַראָפּ דעם הייסן צודעק, הייבט אויף דעם גרויסן לעפל, מישט אויס די זופּ און עקזאַמינירט — צו שיטער די זופּ ביי איך, וואו איז דאָס פלייש, וואו? מען דאַרף מיט אַ שפּאַקטיוו זוכן.

דאָס מיידל נעמט זיך ניט צום האַרצן. — „אַמאָל איז דאָ פלייש און אַמאָל ניטאָ. מען קען אָן פלייש אויך זיין געזונט. איך האָב בכלל ניט האַלט קיין פלייש״, זאָגט זי.

דער עס־צימער איז גרויס און ריין געוואַשן. אויף די ווענט — בילדער פון לענין, סטאַלין, קאַגאַנאָוויטש. אַ וואַנט־צייטונג אין יידיש און אוקראַיניש. — ניט קיין געלונגענער בלאַט, — רופט זיך אָפּ אַ מיטליעריקער ייד וואָס עסקט זיך אין עס־זאַל.

— איז אַז איר ווילט וואַרטן אויפן נאַטשאַלניק, קענט איר דערווייל זיך דורכגיין איבער די פעלדער. קיין סך וועט איר אַצינד ניט זען. ווייטער אַרויף איז ליימיק, וועט איר די שיך איינריכטן. איך האָב ארבעט צו טאָן ביי די פּאַרניקעס, וועט איר מיר אַנטשולדיקן, — אַזוי האָט זיך געווענדט צו אונז אונזער באַגלייטערין, מען האָט געזען, אַז זי איז אומגעדולדיק אַנצוזיאָגן די צייט, וואָס זי האָט אונז אוועקגעגעבן. אין אַ מינוט ארום איז זי געגאַנגען איבערן פעלד און באַטראַכט דעם ארום באַלעבאַטיש.

ווען מיר האָבן זיך ארייגעזעצט אין אויטאָמאָביל איז זי געשטאַנען איבער־געבויגן איבער די פּאַרניקעס און אויסגעריסן דאָס ווילדגראָז. ארום איז געווען שטיל און ליב. בלויז פייגעלעך האָבן זיך איבערגעשמועסט געמיטלעך. די יונגע

קאַלווירטניצע, די 17יעריקע, האָט זייער שפּראַך, וויזט אויס, פאַרשטאַנען. זי האָט אויסגעגלייכט און פאַריכט אירע האָר. דערהערנדיק דעם רויש פון אונזער מאָטאָר, האָט זי אַ מאַך געטאָן צו אונז מיט דער האַנט און באַלד איז זי צוריק געווען איינגעבויגן איבער דער ערד.

אָקטאָבער, 1935

די וואַרעמע אַטמאָספערע אין דער קאַלטער קאַלגאַרי

דער קליינער יידישער ישוב פון קאַלגאַרי, וואָס געפינט זיך אין מערב קאַנאַדע, מער ווי 2000 מייל ווייט פון מאָנטרעאַל, האָט אַ מין קרובה׳שאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור. דאָ האָט פרץ הירשביין געפונען זיין כלה, וואָס איז אליין אַ באַגאַבטע יידישע דיכטערין, אסתר שומיאַטשער, אַ פריידיקע קרובה׳־שאַפט און אַ טרויעריקע; דאָ איז געשטאָרבן דר. חיים זשיטלאָווסקי, בעת ער איז געווען אויף זיין לעקציע־טור. אין היימען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן האָב איך געפונען פאָטאָגראַפיעס פונ׳ם באַליבטן דענקער, מיט יידן פון קאַלגאַרי. די בילדער זיינען אומעטום געווען פראָמינענט אויסגעהאַנגען.

כ׳בין אָנגעקומען אין קאַלגאַרי פלוצלינג. טעלעגראַפירט, אַז איך קום און צוויי איקוף-טוער האָבן מיך אָפּגעוואַרט אויפ׳ן לופט־פעלד. איינגאַנצן האָב איך דאָ געקאָנט זיין צוויי טעג. איך האָב באַזוכט די קינדער־שול, גערעדט צו אַ קלאַס פון עלטערע קינדער, וואָס האָבן געהאַט אַ לעקציע וועגן פרצ׳ן און איך האָב געטראָפן די קינדער־גאָרטן קליינוואַרג, וואָס האָבן געהאַלטן ביים פאַרלאָזן די שול מיט אַ פריילעך יידיש געזאַנג. אַ פּראַכטפולע שול־געביידע, מיט אַ גרויסן זאַל, מיט ערשט-קלאַסיקע לערן־צימערן, מיט אַ יידישער ביבליאָטעק.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש מיטן גאַסט אין הויז. אַ איקוף עולם. מענטשן וואָס זיינען באַהאָוונט אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. מענטשן וואָס זיינען פּראָגרעסיוו און וואָס זיינען מער ווי פאַראינטערעסירט אין דער פּאָליטישער לאַגע אויף דער וועלט. איידער דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן האָט מען ארומגערעדט די וועלט־לאַגע.

די טוער האָבן מיר דערקלערט, אַז ס׳איז א מנהג ביי זי, אַז דער

שרייבער פאַרט אַרום באַזוכן זיינע לייענער. אויפגעשטאַנען אינדערפרי און זיך געלאָזט איבער דער שטאָט געפינען קויפער פון אַ יידישן בוך. נאָר יענעם טאָג איז די הויפט-טעמע אין גאַס געווען — אויל. ווי האַלט עס היינט מיט די שערס? איין ייד האָט מיך געראָטן בעסער זיך אָפּצוגעבן מיט די אויל־ביזנעס, ווי מיט די בוך־ביזנעס. „קויפט סטאָקס און איר וועט קאָנען אויסהאַלטן די יידישע ליטעראַטור״.

קאַלגאַרי געפינט זיך אין צענטער פון אויל־קוואַלן און ס׳איז איצט דאָרט אַ מין אויל־„בום״. קינד און קייט רעדט וועגן אויל, ווי מען רעדט ביי אונז וועגן בעיז־באָל אין סעזאָן. בכלל איז די געגנט דאָ אַ נאַטור־רייכע. אַגריקולטור און פּיצוכט און געהילץ און מעטאַל און זייף־זאַוואָדן. אויף די גאַסן זעט מען קאַנאַדער קאָובאָיס און מענטשן — פאַרוואָקסענע מיט ברייטע בערד און משונה׳־דיקע מלבושים.

מיין באַגלייטער האָט צווייי קראָמען. ער אַרבעט שווער, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, נאָר ווען ס׳קומט צו אַ יידיש בוך, לאָזט ער איבער האַק-און פּאַק און פּרייט זיך, ווען אים געלינגט צו פאַרשפּרייטן אַ ניי־בוך. די צווייי טעג האָט ער אינגאַנצן זיך איבערגעגעבן צום גאַסט.

מיר קומען אַריין צו אַ יידישן גראָסער. דער איקוף האָט אים צוגעשיקט ביכער. ער האָט זיי נאָך ניט געלייענט. ס׳איז אים אַ בזיון, נאָר היינט אין אָוונט הויבט ער אָן. זאָל טאַקע דער גאַסט אוועקלייגן זיין „פּעטשאַט״ אויפן ספר.

אָט באַגעגנט אונז דער אייגנטימער פון אַ פּראָדוקטן מאַרק. ער זיצט אין אָפּיס, אַרומגערינגלט פון אַ סטעף. שטאַרק פאַרנומען. יאָ, געהערט פון גאַסט. אַנטשולדיקט זיך וואָס ער קאָן ניט פאַרברענגען. ער האָט אַלע ביכער פון אונזערע שרייבער. ער לאָזט ליגן דאָס נייע בוך אויבנאויף אויף זיין מיט פּאַפּירן פאַרלייגטן, שרייב־טיש.

אין אַ באַקוועמען אָפּיס זיצט אַ ייד, אַ פאַבריקאַנט פון סאָדאַ וואַסערן, רויש פון מאַשינען. אַ כלל־טוער, ניט שוה בשוה מיט די לינקע און זיי מיט אים אויך ניט, נאָר אַ יידיש בוך וועט ער קויפן.

— אַ סך רעוואָלוציע אין בוך?

— היט זיך, ס׳וועט עקספּלאָדירן.

מען געזעגנט זיך. ער ווינטשט דערפאָלג. ער וואָרנט מיין באַגלייטער, אַז ער וועט אין גיכן קומען צו אים מיט אַ בוך פון אַ „רעכטן״ שרייבער.

אַלץ איז גוטמוטיק. מען שפּאַרט זיך, מען פירט היציקע דיסקוסיעס, נאָר מען איז פריינטלעך. „מיין שותף איז אַ „רעכטער״, נאָר אַן ערלעכער מענטש״, האָט מיר געזאָגט אַ טוער אין קאַלגאַרי.

מיר קומען אָן צו אַ יידן, וואָס האָט אַן אַלגעמיינע קראָם און אַ „לאָנטשאָנעט״ אינאיינעם. זיין זון און זיין איידעם ארבעטן ביי אים. אַלע דריי פּאַרנאַכלעסיקן די קונים — אומעטום, וואו איך בין געווען, איז מען ניט געשטאַנען ליידיק — און מען האָט מיך גענומען אויספרעגן וועגן ניו יאָרק און איבערהויפּט וועגן איבער־זעקס פּוסיקער ברייט־פּלייציקער וועסטערנער פון אַריזאָנאַ און דער געווען דער שולדיקער. און ווי צו פאַרגיטיקן דעם שאָדן מוז מען פאַרזוכן אַ טעפּל קאַווע און רעדן וועגן דער צוקונפט פון מדינת ישראל.

אַ טוער האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל קומען באזוכן איין זיין פאַבריקל. אַ העמדער פאַבריק, שווערע ספּאָרטישע העמדער. עס זיצן אַ צוואָנציק פרויען ביי מאַשינען. די ראַדיאָ שפּילט. דער באַלעבאָס נעמט מיין מאָס און מען גרייט פאַר מיר צו אַ העמד. דאָס איז ביי אים אַזאַ טראַדיציע. יעדער שרייבער אָדער טוער וואָס קומט קיין קאַלגארי מוז אוועקפאָרן מיט זיינס אַ העמד, אַניט באַליידיקט ער זיך. איינגעפּאַקט די סחורה, לאָזט ער איבער די פאַבריק און פאָרט מיט מיר זען נייע לייענער פאַר „מאַטעק און סאַלטשע״.

מיר קומען אריין צו אַ שוסטער. זיינע הענט זיינען פאַרשמירט מיט דזשע־געכץ. צווישן לעדער און שטיפטן ליגט דאָס „קאַנאַדער וואָכנבלאַט״, אין וועלכער ער האָט נאָר וואָס אריינגעקוקט. צי וועט ער קויפן דאָס בוך? אים זאָל מען שטעלן אַזאַ קלאָץ־קשיא! האָט ער ווען ס'איז זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן די יידישע ליטעראַטור? „קומט אריין צו מיר אין הויז וועט איר זען אַ פּאָר שאַפעס מיט יידישע ביכער. פון איירא̈פּע מיטגעבראַכט אַהער״. ער וועט זיך צעשיידן מיט אַ פּאָר סטאָקס, נאָר ניט מיט קיין יידישע ביכער. קומט אַפּטער, גיט ארויס מער ביכער. קאַלגארי איז אַ ליטעראַרישע שטאָט...

אין אַ קראָם פון אַלטוואַרג, ניט קיין קראָם, נאָר אַ וואַלד און מען קאָן קוים דעם אייגנטימער ארויסזען. אַ יידיש בוך? לאָמיר אַ קוק טאָן, צי איך האָב עס נאָך ניט געלייענט. אונזערס אַ שרייבער? אַ ראָמאַן וועגן לאָדזש? נאָר וואָס געעפנט די קראָם און שוין ווילט איר געלט? און אַמעריקאַנער געלט וועט איר נעמען? דער קאַנאַדער דאָלאַר שטייט העכער פון אייער דאָלאַר. אויס מיוחס.

דער יידישער ישוב איז קליין. אַלע קענען זיך. קיינער זאָגט זיך ניט אָפּ צו נעמען אַ בוך. און מען לייענט טאָקע אויך. קומסט אריין אין היימען און פאַרן יידישן בוך איז אָפּגעגעבן געוואָרן דאָס בכבוד׳יקסטע ווינקל. און אויפן דע־קאָראַטיוון טישל שטייען די לעצט־דערשינענע ביכער און זשורנאַלן. און אַז עס קומען אריין געסט, נעמען זיי די ערשטע זאַך מישן די בלעטער און עס גייט אַוועק אַ שמועס וועגן שרייבער און ביכער, ניט וועגן געשעפטן.

דער שטאָלץ פון דער שטאָט איז די יידישע קינדער־שול. אין דער פאַר־

וואלטונג זיינען פארטראַטן טוער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, וואָס האַלטן פון יידיש. אומעטום האָט מען זיך איבערגענומען מיט די קינדער, וואָס האָבן אַלע באַזוכט און געענדיקט די שול, וואָלט נאָר געווען וואָס צו לייענען פאַר׳ן נייעם דור.

קאָן איך אפשר רעקאָמענדירן אַ פּאָר יידישע ביכער פאַר דער קאַנאַדער יוגנט? ווען ווען דער צענטער — ניו יאָרק — עפּעס טאָן וועגן דעם? עס איז דאָך הימל־שרייענדיק, וואָס אַ קינד ענדיקט די שול און מען האָט אים ניט וואָס צו געבן צו לייענען.

אָט די טענות האָט צו מיר געהאַט די ליבע באַלעבאָסטע ביים קיך־טיש. איר אויסגעגעבענע טאָכטער, וואָס וואוינט אין אַ דערבייאיקער שטאָט, פאַרבענקט זיך אַמאָל נאָך א יידיש וואָרט. איר זעכצן יעריקער זון רעדט מיט איר יידיש פון צייט צו צייט. פאַרוואָס איז פאַר זיי ניטאָ קיין פּאַסיקע יידישע ביכער? מענדעלע און פּרץ זיינען דאָך קלאַסיקער. וואו זיינען די היינטצייטיקע?

ס׳קומט דער מאָמענט פון אָפּפאָרן. איך געפין זיך אין קליינעם לופט־פּאָרט. ס׳איז מורא׳דיק קאַלט. ווען כ׳שטרעק ארויס די האַנט, פיל איך ווי אימיצער וואָלט זי געביסן. נאָר מיין באַגלייטער וויל ניט פאַרלאָזן. ער האָט מיטגעבראַכט מתנות. ער בעט זיך, אַז מען זאָל נאָכאַמאָל קומען און לאָזן וויסן באַצייטנס.

אָט לאָזט זיך גראַציעז אַראָפּ דער עראָפּלאַן אויפן פעלד. מיין באַגלייטער צעקושט זיך מיט מיר. אינגאַנצן האָבן מיר זיך געקענט צוויי טעג.

אַ וואַרעמער יידישער ישוב אין דער ווייטער, קאַלטער קאַלגאַרי.

די נערוון־אַטאַקע אויף סאַן פראַנציסקאָ

דער פרימאָרגן־טומאַן שפּאַנט אַרום אין רוים איבער די גאַסן, געביידעס און בערג פון סאַן פראַנציסקאָ, ווי גרויסע לאַנגע שאָטנס, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט געהיימע מיסיעס.

סאַן פראַנציסקאָ איז אַ שטאָט פון שאַרפע קאָנטראַסטן: קעיבל קאַרס און דזשעט עראָפּלאַנען; הימל־קראַצער האָטעלן, געבויט אויף באַרג־שפּיצן און גאַסן, וואָס גליטשן זיך ממש אין אָקעאַן אריין; גרינע פול־ברוסטיקע שווייגנדיקע בערג, וואָס הויערן איבער דער שטאָט און דער פּאַסיפישער אָקעאַן, וואָס שעמער־רירט מיט זיין בלויקייט און צאַרנט מיט אַ גרויען אָטעם; די צוויי ריזיקע מאַ־

יעסטעטישע הענג־בריקן, וואָס זיינען די גרעסטע אין דער וועלט און די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פון סאַן פראַנציסקאָ באַדן אונטער די פיס. שוין אָפּגערעדט פון דעם ביז גאָר אינטערעסאַנטן קאָנטראַסט אין מענטשן־מאַטעריאַל. דער איבער זעקס־פוסיקער ברייט פּלייציקער וועסטערנער פון אריזאָנא און דער שמאָלער, נידעריקער כינעזער.

גראָד באַמערקט זיך דאָ די גרויסע ענדערונג צום גוטן פאַרן כינעזער. זיי פאַרנעמען רעגירונגס־פּאָזיציעס. זיי פירן אָן מיט פּאָסט־אָפיס פּערסאָנעל. איך בין אריינגעגאַנגען אין אַ שניידער־שאָפּ רייניקן מיינע זאַכן, איז די אייגנטימערין א יונגע כינעזערין, און דער ארבעטער אַן עלטערער ייד.

— ווי באַהאַנדלט איך אייער באַלעבאָסטע?

— זי איז אַ מענטש אַ גאָלד. כ׳ארבעט שוין דאָ באַלד פיר יאָר און כ׳האָב נאָך פון איר קיין הויך וואָרט ניט געהערט...

ס׳איז היינט, ווען איך שרייב די שורות, שוין דער פינפטער טאָג זינט עס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן די מלחמה צווישן די אונטער-ערדישע כחות מיט דער שטאָט און איר ארום. פון לעצטן פרייטאָג ביז היינט זיינען אָפיציעל רעגיסטרירט ארום דריי הונדערט טרייסלענישן, ערד־ציטערס.

ערשט נעכטן בין איך געזעסן ביים וועטשערע-טיש אין סאוט סאַן פראַנציסקאָ אין הויז פון פריינט. מיטאַמאָל האָט דאָס סאָלידע בענקל אונטער דיר זיך גע־געבן א ריר, דער טעלער אויפן טיש האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. די עלעקטרישע לעמפּלעך אויף דער קאַנדעלאַברע איבערן טיש האָבן זיך געגעבן אַ וויג און אַן עכאָ ווי פון אַ קאַנאָנען־שאָס האָט אָפּגעהילכט פון אונטן. מיר אַלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט. די פרוי האָט געפּרוּווט שמייכלען, נאָר איר פּנים האָט אָנגע־וואָרן דעם קאָליר. דער מאַן איז געוואָרן ערנסטער און בלויז ארויסגעזאָגט מיט אויטאָריטעט: „שוין ווידער!״

דאָס איז פאַקטיש אַ פּסיכאָלאָגישע מלחמה־אַטאַקע. מען וועט קיינמאָל ניט וויסן וויפיל נערוון־קרבנות די ערד־ציטערניש האָט דאָס מאָל פאַראורזאַכט אין סאַן פראַנציסקאָ, נאָר עס איז גענוג צו געבן אַ פּאָר אילוסטראַציעס.

מיין פריינט האָט אַהיימפאָרנדיק פון שאָפּ מיטגענומען אין זיין אויטאָמאָביל פיר ארבעטער־פרויען, וועלכע וואוינען אויף זיין וועג. איינע האָט זיך באַקלאָגט, אַז אירע נערוון האַלטן מער ניט אויס די אַטאַקעס פון דער ערד.

— איך וועל זיך ניט שעמען אייך צו דערציילן, אַז די לעצטע דריי נעכט שלאָף איך אין מיין אַנטועכץ.

נאָר עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן, אַז נאָך צוויי פרויען האָבן געטאָן די

זעלבע זאַך. איך האָב אויסגעפונען ביי אַ מיטינג פון אונזער יידישן פאָלקס־קאַר, אַז אַ סך מיטגלידער טוען דאָס זעלבע.

מען דאַרף זיין גרייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, טאָמער קומט אַ שטאַרקער ערד־טרייסל. מיין באַקאַנטע גייט שלאָפן צו פריינט, דערפאַר וואָס זי קען ניט צוזען די שפּאַלטן אין אירע ווענט און אין סופיט.

איך ווייס פון אַ פרוי וואָס איז געשלאָפן אין איר קאַר. געננג, אַז זי זאָל דערהערן אַ מורמל אין דעם וואַסער־רער אין איר וואוינונג, אַז זי זאָל אויפשפּרינגען און מיינען אַז „ס'איז שוין ווידער".

מיר זיינען פאַרביי געפאָרן דעילי סיטי, אַ פאָרשטעטל פון סאַן פראַנציסקאָ, וואָס ליגט אין דער אונטערערדישער טעריטאָריע.

צווישן די קאָנטראַסטן אין סאַן פראַנציסקאָ דאַרף צוגעשריבן ווערן אויך דער פאַל, וואָס אויף טייל גאַסן שיינט די זון און אַ ביסל ווייטער איז אַ געדיכטער טומאַן. און ווען מען פאָרט דורך דעם שטח, שיינט ווידער די זון. דעילי סיטי ליגט אין דעם טומאַן־פּאַס פון סאַן פראַנציסקאָ, טאָליק צום ים.

גאַסן האָבן אויסגעקוקט ווי נאָך אַ פּאָגראָם. אומעטום צעבראָכענע פענסטער אין די קראָמען, וואָס זיינען פאַרשטעלט געוואָרן מיט ברעטער. שפּאַלטן אין געביידעס; אָראָפּגעפאַלענע געזימסן; לעכער אין דער ערד.

סאַן פראַנציסקאָ האַלט אין איין בענטשן גומל. די שטאָט פרייט זיך וואָס עס איז ניט געווען ערגער; וואָס אויסער האַרץ־אַטאַקעס און הויפּטזעכעלך נערוון־אַטאַקעס, זיינען קיין ערנסטערע פאַלן ניט געווען. נאָר אַלע גיבן צו, אַז ווען אין זעץ וואָלט געווען אַ ביסל שטאַרקער, וואָלט די טראַגעדיע געווען ניט צו באַשרייבן. דער פאַקט אַז נאָכן זעץ הגדול, לעצטן פרייטאָג, (דעם 22טן מערץ) 11:54 פרי, האָט דער טעלעפאָן אויפגעהערט פונקציאָנירן, איז אַ באַוויז ווי מאַכטלאָז אונזער ציוויליזאַציע איז נאָך קעגן דעם געהיימען שונא אונטער אונזער באָדן.

אין אַ געוויסן זין האָט עפּעס אַ לץ חוזק געמאַכט פון אונז דאָ. ביזט ארויס פון שטוב 11 אינדערפרי און געלאָזט די וואוינונג אין בעסטער אָרענונג, אויפגעראַמט און אָפּגעהיט. ביזטו צוריקגעקומען אין אַ שעה ארום — און אַלץ איז געווען קאַפּויר, ווי עפּעס א ציניקער, אַ חוזק־מאַכער איז אריין אָן אומגעזעענער צו דיר און דאָרט אָנגעמאַכט אַ חורבן אָן אַ פּאַרוואָס.

די בילדער אויף די ווענט צעהאַנגען קרום, קאַריקאַטור־מעסיק; די טעלערלעך, וואַזעס, אַנטיקן פון פּאָרצעליי און גלאָז אַראָפּגעשליידערט אויפ'ן דיל — צעבראָכן, צעוואַלגערט. די שפּייז־קענדלעך פון די פּאָליצעס אין קיך ארויסגעשמיסן פון די צעעפנטע שאַפעס. שטיקלעך פּלאַסטער און געזימסן צעשפּרייט און צעזייט אומעטום. די פריש־געפאַרבטע ווענט צעשפּאָלטן און צעקאַרבט. די

פלאַמבינג־סיסטעם אָפּגעשוואַכט. די גאַז־רערן — שיעור־שיעור ניט געפּלאַצט.

דער „שיעור" שפּילט היינט אַ גרויסע ראָלע אין דעם טאָג־טעגלעכן שמועס פון היגן איינוואוינער.

דו פילסט זיך מאָדנע. דיין לעבן, דיין יעדע מינוט פאַקטיש איז אָפּהענגיק עפּעס אין אַ ניט־זעבארער גיגאַנטישער מאָנסטער האַנט, וואָס גיט אַ צעטרייסל די גאַנצע שטאָט, ווען עס ווילט זיך איר — אָן אַ פאַרוואָס־פאַרוואָן.

כ'האָב זיך לעצטע נאַכט נאָר־וואָס געהאַט געלייגט אין בעט אריין. אויס־געלאָשן די ליכט און מיט אַנטציקונג ארויסגעקוקט פון מיינע האָטעל־פענסטער אויף דער באַלויכטענער שטאָט.

דער האָטעל שטייט אויף אַ באַרג־שפּיץ און פון זעקסטן שטאָק אין מיין צימער קאָן מען זען די וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע. אונטן ליגט די שטאָט מיט אירע טעראַסנדיקע ווייסע געביידעס און הינטער איר — די גרינע בערג מיט צווילינג־שפּיצן. פון איין זייט פינקלען די טויזנטער ליכטער פון דער צויבער־דיקער גאָלדן־געיט בריק און פון דער אַנדערער זייט ליגט אַ פאַרנעפּלטער און א סודות'דיקער דער פּאַסיפיק.

ווי קען מען איינשלאָפן באַלד פון אזא פּאַנאָראַמע? נאָר עס האָט ניט גע־דויערט לאַנג און עס האָט זיך דערהערט אַ זאַלפּ, ווי פון אַ ווייטן קאַנאָן, און מיין בעט האָט זיך אַ וויג געטאָן און דער שפּיגל אויף דער וואַנט האָט זיך אַ ריר געגעבן און דער אַבאַזשור פון טיש־לאָמפּ האָט זיך אַ הויב געטאָן און די שויבן אין די צוויי פענסטער האָבן אומצופרידן אַ ברום געטאָן.

ווי האָב איך געפילט? ווען כ'וועל זיך אינדערפרי טרעפן מיט מיינע פריינט, וועל איך אויסלאָכן דעם טרייסל, נאָר שלאָפן רואיק איז שוין ניט מעגלעך געווען. דער „לץ" האָט אויך מיינע נערוון צערודערט. און ווען איך האָב דערצו דערהערט דאָס וואָיען פון פייער־לעשער, בין איך שוין אויפגעשטאַנען און געוואָלט זען צי מיין האָטעל ברענט ניט...

היינט איז מיין לעצטער טאָג דאָ. מיינע פריינט „טרייסטן" מיך, אַז איך וועל אין שיקאַגאָ, וואוהין איך פאָר, אָנטרעפן שניי־זאַווערוכעס. נאָר די וואָס געזעגענען זיך מיט מיר, ווינטשן זיך אַז דער באָדן זאָל זיין געזיכערט אונטער זייערע פיס. ס'איז גענוג, אַז דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באָדן איז ניט זיכער, זאָגן זיי.

גוד־באַי, מיין טייערע סאַן פראַנציסקאָ, די שטאָט פון איינזאַמע מענטשן און שיינע פרויען; די שטאָט פון טורעמס און באַרג־שפּיצן. דריי הונדערט טרייסלעניש איין פינף טעג צייט איז געווען אַביסל צופיל...

אַפּריל 25, 1957

צוועלף מיליאָן באַליידיקטע בירגער

וויפיל איר זאָלט ניט לייענען אָדער הערן וועגן דער לאַגע אין דער סאַאוט, קאָנט איר זיך ניט פאָרשטעלן דעם צושטאַנד, ביז איר קומט ניט אריין אין אַ דרום שטאָט.

מיר איז לעצטנס אויסגעקומען צו זיין אין אַ „גוטן״ שטאָט, מיט וועלכן די קעמפער פאַר אמת׳ער דעמאָקראַטיע נעמען זיך איבער, דערפאר וואָס דער נעגער ווערט דאָרט צוגעלאָזט צום שטים־קאַסטן. איך בין געווען אין ווירדזשי־ניאַ, וואָס איז איינגעטונקען אין אַ רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע. אין דזשעימס־טאַון האָבן זיך אין 1807 באַזעצט די ערשטע ענגלענדער. אין יאָרקטאַון האָט אין 1781 געזיגט די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, ווען די בריטישע ארמיי האָט זיך אונטערגעגעבן. אין 1865 האָט זיך דער בירגער־קריג דאָ געענדיקט, ווען גענעראַל לי האָט זיך אונטערגעגעבן, אַ. אַ. ז. וו.

ווירדזשיניא איז דאָס געבורט־פּלאַץ פון אַכט אמעריקאַנער פּרעזידענטן, אריינגערעכנט וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן און ווילסאָן — הויפּט־פיגורן פון אַמע־ריקאַנער דעמאָקראַטיע. וואו איר גיט זיך אַ ריר, דערמאָנט אייך אַ טאָוול, אַז איר געפינט זיך אין אַ היסטאָריש ווינקל, היסטאָריש אין פרייהייטס־קאַמף.

נאָר אָט געפינט איר זיך אין פּאָרטסמוט. ווי אומעטום אין דער סאַאוט, טוט די נעגערשע באַפעלקערונג דאָ די שווערסטע פיזישע אַרבעט פאר די קלעג־לעכסטע שכירות. דער ווייסער עושר, וואָס האָט אָנגעזאַמלט פארמעגנס, האָט דאָס אין אַ גרויסער מאָס צו פארדאנקען די פּראַצע פון שווארצן. און דאָך איר זיצט אין דער קליינער באָס־סטאַנציע און איר זעט: די נעגערס וואָס קויפן די בילעטן, קאָנען זיך ניט אַוועקזעצן וואו זיי ווילן אויף די פּשוטע הילצערנע בענקלעך. זיי דארפן גיין אַראָפּ, אראָפּ, אין ווייטסטן ווינקל פון שמאָלן וואַרט־זאַל. אַזוי הייסט זיי אַ גרויסע אויפשריפט. טאָמער ווילט זיך אַ נעגער טרינקען וואַסער, טאָר ער ניט נוצן דעם פאָנטאַן, וואָס געפינט זיך ביים אריינגאַנג. אַ מעלדונג וואָרנט, אַז דאָס איז „בלויז פאַר ווייסע״.

די באַליידיקונג צום נעגער פילט זיך אזוי שטארק אויף טריט און שריט, אַז דיך, דעם איינוואוינער פון ניו יאָרק, גיט עס אַ שלאָג אין קאָפּ. דו פרעגסט זיך איבער יעדער רגע; „פארוואָס? פארוואָס?״ און דו הייבסט אָן באַקוקן די נעגערס וואָס קומען אריין קויפן בילעטן און דו זעסט פאַר זיך די זעלבע מענטשן, מיט די זעלבע קליידער און די זעלבע מאַניערן ווי די ווייסע. פאַרקערט, דער נעגער איז דאָ געלאַסענער, איך וואָלט געזאָגט, בעסער דערצויגן ווי דער

ווייסער, אויב מען זאָל אָננעמען די מאָס פון אויפפירן זיך לייטיש. דער ווייסער רעדט הויך, דער נעגער — שטיל. דער ווייסער פירט זיך אויף ווי ביי זיך אינ־דערהיים, דער נעגער פילט, אַז ער איז אין דער פרעמד, ארומגערינגלט פון שונאים.

דער באָס קומט אָן. דער זעלבער „גרעיהאַונד" באָס, ווי אין ניו יאָרק, נאָר דער אָנטרייבער איז שוין גאָר אַן אַנדערער. ערשטנס, דאַרפן פריער ארויפ־שטייגן די ווייסע. כאָטש דער נעגער האָט באַצאָלט דעם זעלבן פּרייז פאַרן בילעט און ער האָט געזעצלעך די זעלבע רעכט. צווייטנס, מעגן די נעגער זיצן בלויז אויף די עטלעכע הינטערשטע פלעצער.

געפאָרן בין איך אַ ווייטע שטרעקע. אַ מהלך פון 9 שעה מיט׳ן באָס. איך, דער מיוחס, צוליב מיין ווייסן קאָליר, האָב זיך אויסגעקליבן אַ זיץ-פּלאַץ אויבנאָן, גלייך הינטער דעם אָנטרייבער. האָב איך געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו באָ־אבאַכטן די באַפעלונג צווישן שאָפער פון באָס און די פּאַסאַזשירן. אויפן וועג זיינען אריין פּאָרער, וואָס האָבן געצאָלט דעם שאָפער. מיט די ווייסע איז ער געווען העפלעך, גענזאָגט „פּליז" און „טהענק יו". פּאָר אַ נעגער־פּאָרער זיינען אין דער סאָאוט ניטאָ די אויסדרוקן. דער שאָפער האָט ארויסגעוויזן אַ גראָבע פאַראַכטונג צו יעדן נעגער־פּאָרער. און געפאָרן זיינען נעגער — וועג-ארבעטער, דורכגעווייקטע פון גאַס־רעגן; גוט־געקליידטע, אינטעליגענטע סטודענטן; יונגע, שיינע, נעגערטעס. אַלע זיינען זיי אריין אין באָס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אַ נעגער אין דער סאָאוט וואָגט ניט צו קוקן אויף אַ ווייסן, אַזוי אַז יעדער נעגער וואָס איז אריין אין באָס האָט זיך געפילט ווי פאַרשולדיקט. די ווייסע, ווידער, האָבן ניט געשאָנקען די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט צו די נעגער־מיטפאָרער. אויב אי־מיצער האָט געגעבן אַ בליק, איז דאָס געווען אַ בליק פון פאראכטונג. ווען איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זען, וואָס עס טוט זיך אין דעם „שוואַרצן" טייל פון באָס, האָבן מיינע ווייסע מיטפאָרער געקוקט אויף מיר מיט אַ ווידערגעפיל.

געזען האָב איך, אַז דאָרט אין „שוואַרצן" טייל איז געווען ענג, איבערגעפּאַקט. מען איז געשטאַנען ווי אין אַ ניו־יאָרקער סאָבוועי אין „ראַש"־צייט. עס איז געשטאַנען אַן אַלטער נעגער, אַ הינקענדיקער; עס איז געשטאַנען אַ מיטל־יעריקע נעגערטע מיט אַ סך פּעק. נאָר לעבן מיר איז געווען אַ ליידיק זיץ־אָרט און קעגנ־איבער מיר זיינען געווען צוויי ליידיקע ערטער. עס זיינען ארויפגעשטיגן נאָך אַ פּאָר נעגערס, איינער מיט אַ מיליטעריש קנעפּל אין לאַץ. זיי האָבן זיך גלייך אוועקגעלאָזט אין דער הינטערשטער טייל און זיך ארייַנגערוקט, כדי ניט צו שטיין אפילו אין „ווייסן" שטח.

דער באָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ צאָל פּלעצער. מיר זיינען אריין עסן,

נאָר פאַר די נעגערס איז ניט געווען קיין עס־פּלאַץ. פון אומעטום האָט זיי אַ שלאַג געטאָן די באַליידיקונג: „בלויז פאַר ווייסע״.

קינדער זיינען אהיימגעגאַנגען פון סקול. די גאַס איז געווען פול מיט זיי. נאָר די נעגער־קינדער זיינען געגאַנגען אָפּגעזונדערט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו קוקן אויף די ווייסע קינדער.

דער באַס פירט מיך קיין באַלטימאָר. לעבן מיר זעצט זיך אַוועק אַ יונגער־מאַן. זיין פּנים איז ראַפינירט. ער איז העפלעך ביז גאָר. מיר רעדן זיך פאַנאַנדער. ער שטודירט אויף גלח. אַט פאָרן מיר פאַרביי אַ שטעטל הינטער וואַשינגטאָן. אַט אין דעם שטעטל, דערציילט ער מיר, האָט ער און זיין חבר־סטודענט גע־פּראָוווט אַמאָל אין סוף־וואָך פּריידיקן. אין אַ רעגן, ווי איצט, זיינען זיי געגאַנגען פון טיר צו טיר און איינגעלאַדן די איינוואוינער פון די פּראָיעקט־הייזער צו קומען הערן גאָט׳ס וואָרט. די יוגנט, באַקלאָגט ער זיך, איז אינגאַנצן ניט גע־קומען. אַנוועזנדיק זיינען געווען אַ פּאָר צענדליק עלטערע פרויען. נאָר ער איז ניט אַנטוישט געוואָרן. אַז מען איז אָנגעפילט מיט גלויבן, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַנטוישונג און ביטערקייט.

איך פיר אַרויף דעם שמועס אויף דער לאַגע פון די מיליאָנען נעגערס אין לאַנד, און וואָס איז זיין שטעלונג צו דער פּראָבלעם. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ סאַאוטערנער, פון ריטשמאָנד, נאָר ער שטודירט אין וואַשינגטאָן. איך פרעג אים, צי די לערע פון קריסטוסן וועגן מענטשן ליבע באַציט זיך ניט אויף די נעגערס; צי וועט ער, אַ צוקונפטיקער פּריידיקער פון מענטשן־ליבע, זיך איינ־שטעלן פאַר נעגער־רעכט.

מיטאַמאָל איז דאָס גלאַטע ציִנגל זיינס, וואָס האָט פריער אַזוי שיין גערעדט וועגן זיין מיסיע אין לעבן, געוואָרן שטומפּיק. איך ריר אָן, ענטפערט ער, אַ דעליקאַטע פראַגע, וואָס איז צו „ערדיש״ פאַר אים צו פאַרענטפערן. ער גיט צו, אַז ער איז ניט גרייט צו רעדן וועגן דעם... ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פיין־געבונדן ביכעלע און ער פאַרטיפט זיך אין נייעם טעסטאַ־מענט. מער האָט ער שוין צו מיר ניט גערעדט דעם גאַנצן וועג...

אין באַלטימאָר פרעגט מען מיך, צי בין איך געווען אין דזשאָרדזש וואַ־שינגטאָנס היים, אין מאָונט ווערנאָן, צי האָב איך געזען דזשעפערסאָנ׳ס היים אין מאָנטיסעלאָ.

ניין, דאָס וואָס איך האָב געזען אין ווירדזשיניאַ, האָט אויף מיר געלאָזט אַ טיפערן איינדרוק. איך האָב געזען ווי צוועלף מיליאָנען בירגער פון לאַנד ווערן 24 שעה אין מעת־לעת טיף באַליידיקט.

דער גייסט פון וואַשינגטאָן און דזשעפערסאָן איז אין שוואַרצן פאַרשלייערט.

1947

נאָכוואָרט

דער הארץ־פלאַטער פון ערשטן אָפּגעדרוקטן בוך לידער (ווינטן, שיקאַגאָ, 1923).

דער קאַרדינאַלער חסרון זיינער אין די אויגן פון די עלטערע קריטיקער — די נאַאיוויטעט פונם יונגן דיכטער.

.אויס מיט פּראָפעסיאָנעלער קאַריערע, אויס מיט פּערזענ־לעכן וואוילזיין — די יידישע קינדער שול, די צוקונפט פון אונזער מאַמע־לשון דאָ אין לאַנד — איז דער תוך פון דיין דאָ־זיין.

און דאַן — דער חרם. דערפאַר וואָס דיין פּען אַטאַקירט פאַלשקייט און אומרעכט, דערפאַר וואָס דו באַלאַנגסט אין דער ריי פון די וואָגער און טוער — טאָר דיין נאָמען ניט דערמאָנט ווערן אויף די שפּאַלטן פון זייער פּרעסע. די שמן זיתדיקע וואָרט זאָגער זיינען גרייט דורס צו זיין דעם פּאָליטישן קעגנער. ..

.ביי זיי איז אַ „כשרער” שרייבער דער, וואָס ציט אויף צוריק, וואָס גלאָריפיצירט דעם נעכטן, באַקלאָגט דעם היינט און שלעפּערט איין זיין לייענער מיטן וויג ליד פון אונטערגאַנג. האָסטו דורכגעשפּאַנט אַ קימאַ־לן פון 40 יאָר אין דער אַטמאָספערע פון קאַמף פאר אן אייגן וואָרט. פאר אן אייגענעם ווינקל. האָט ניט דער באַיקאָט פון יענעם לאַגער דיך אַנטמוטיקט, האָבן די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צו דערנעענטערן דעם לייענער צו זיך ניט אַנטוישט דיך. איז דאָס מעגלעך מאַכן אַרויסצוגעבן דאָסדאָזיקע בוך אַ לוין פאר מיר.

ניט קיין קולטור אָרגאַניזאַציע, ניט קיין מעצענאַטן, נאָר דער ענגער קרייז פון פריינט און מיטאַרבעטער האָבן געהאָלפן. צו יעדן איינעם פון זיי — אַ יישר כח.

עס איז נאָך דאָ אַזויפיל צו זאָגן, צו זינגען, צו שרייבן. נאָר וועט אַמאָל קומען די געגאַרטע שלוה, אַז דער שרייב־טיש זאָל ווערן דער וואַרשטאַט, אַנשטאָט דער אָנלען פאר די טראַכטונגען?

ליגן פאַרטיקע ראָמאַנען, דער סך הכל פון צענדליקער יאָרן מי און איבערלעבענישן, אין די געטרייע שופלאָדן.

איז כל זמן שהנשמה בקרבי וועט מען ווייטער זאָגן און זינגען. דאָס איז דער איינציקער אויסוועג.

אינהאלט

צייכענונג פון מאַרק שאַגאַל

געקליבענע לידער און פּאָעמעס

אַ ליד אַ טאָג 7
עפּל 10
פרעג דעם רעגן 11
ברידער 12
אַ קוש 13
כ'שפּאַציר אַליין 14
די שיף מיט זאָרג 15
באַריר 16
רויטע בלעטער 18
באַלאַדע וועגן זון 20
דער נייער טאַנץ 22
נעגער 24
דאָס האַרץ פון דער ערד 26
געזאַנג פון מענטש 28
פשוטע דעקלאַראַציע 30
רעגן־טראָפּנס 33
עס וועט ניט אונטערגיין 35
דער לעצטער, דער ערשטער 37
דינאַמיט 41
שאַך אָפּ 44
דער ריז 46
ממעמקים 47
דאָס ליד פון שלום 49
איך און דו און ער 52
פאַר וועמען איז די וועלט ? 55
די וועלט די שפּייזערין 60
אַמעריקע 68
פעלז גאָרטן אין בראָנקס 27

אייב לינקאָלן אין ווייטן הויז 74
אַ פישער דאָרף אין מעין 76
סטעטן איילאַנד פּערי 79
אַ ליד דאָרף זיין אַ פּריינט 80
זינג 82
יעקב שייפער 84
הענט 85
אַלבערט איינשטיין 86
שפּיטאָל 87
און נאָכאַמאָל 88
גרעסטער וואונדער 90
שלום עליכם 93
זיגער 93
דאָס פּנים פון דער ערד 94
אַפּריל־רעגן 95
ווינטער בערג 96
דאָס לעצטע ליד 97
צו אַ בוים 99
אין מיר 100
אינדיאַנער זומער 101
האַרבסט ליד 102
אָונט שאָטנס 104
דער אייביקער טאַנץ 105
דאָס ליד פון קיך 106
סאָנעט 107
באַלאַדע פון דער נאַכט 108
געלעכטער 110
אוצרות 112
רו 113
די ערד 114
געשאָרן פעלד 115
פאַר וועמען? 116
אין אלטן וואַלד 117
באַרג ארויף 119
בערג 121
היינט 122

די בערג 124
סעפּטעמבער 126
רעגנס אין די בערג 127
פֿאַרטאָג 129
דעלפינען 131
און וויפיל טעג 134
צו אייך 135
שיינקייט 136
מיינע קליינע אָרעמס 137
סאָנעטן וועגן טאַטן 138
רוקנס איינגעבויגענע 140
פּסאַלם 141
ווען ס'האָט יעדער דיך פֿאַרלאָזן 142
עס רינגלען 143
בעטלער 144
אַ טרייסט 145
מיר 146
צו אַ גרויען פרויען קאָפּ 147
אַ מאַמע 149
דער מענטש אין מיר 150

געקליבענע שריפטן (פּראָזע)

(קאַפּיטלען פון ראָמאַנען)

דאָס געגאַרטע לאַנד 155
אַנדערש 172
די אַגענטן 179
כמאַרעס איבער לאָדזש 186
מאָרד 193

דערציילונגען

ליבע 203
באַרג 216

קינדער רערציילונגען

ווילי דער זינגער 225
די ווערקע וואָס האָט ליב געהאַט שלום עליכמען.... 229
די גרויסע מלחמה איבערן קליינעם פינאָט 234
מיר האָבן אַן ארויספאָר 238
דער קונצנמאַכער 241
אַ טעקסי 244
מאַמע איך וועל דיר העלפן 248
וואו זיינען אַהינגעקומען די לעפל.. 250
מיטצי פליט אַהיים 252

א שלום גאָלדין מעשה

רבקהלע דוד קאָוואַלס 259

ע ס י י.

דער נעגער אין דער יידישער ליטעראַטור 287

ארויף און אַראָפּ 302
דאָס דערפרייט אַ וועלט 306
צווישן ווילדע אין ניו יאָרק 310
די פרוי וואָס האָט געשוויגן 318

יידישע העלדן אין דער וועלט מלחמה

דער בריוו פון סידני ראַבינס 325
מיין אייגענע מלחמה — לעאָן יורים 331
אַ שווערד פון איטאַליע — בעני דיימאַנד 335
די פיר זין צוקער 339
די ברידער פּאַפּאָף ווארפן גורל 342
די יידישע נוירס ענא זילבער 346
קאַפּיטאַן זיראָ שיקט אַ גרוס 350

שרייבער און קינסטלער

מאַרק שאַגאַל האַלט אוים דעם עקזאַמען 357
שלמה מיכאָעלס אין ניו יאָרק 361
קלמן מרמר — מיין ערשטער רעדאַקטאָר.. 368
משה אַלגין 372
מיט משה כצ'ן ביי דער אַרבעט 368
דערשעפערישער יעקב שייפער 384
~~דער שטעפערישער יעקב שייפער .... 348~~
סאַלאָמאָן גאָלוב — דער יידישער טרובאַדור 390
דער ברוויזנדער ב. ריווקין 394
דער איינזאַמער א. ליטווין 398
וויליאַם עדלין — דער געטרייער קאָלעגע 403
יידישע שרייבער אויף קעסט ביי דער
אמעריקאַנער רעגירונג 407
מיר הייבן אָן מיט מיליאָנען 416

מיטן וואנדער שטעקן (רייזע בילדער)

צווישן סאָוועטישע שרייבער אין קיעוו 427
א באַנקעט פאַר אַן אַמעריקאַנער יידישן
שרייבער אין קיעוו 431
אין יידישן קאָלווירט אויפן נאָמען קאַגאַנאָוויטש 434
די וואַרעמע אַטמאָספערע אין דער קאַלטער קאַלגאַרי.. 440
די נערוון אַטאַקע אויף סאַן פראַנציסקאָ 442
צוועלף מיליאָן באַליידיקטע בירגער 445

ווערק פון י. א. ראנטש:

ווינטן (לידער) שיקאַגאָ, ~~1932~~ 1923
שאָטנס פון ניו יאָרק (פאַרצייכענונגען), ניו יאָרק, 1928
אינדיאַנער זומער (לידער), ניו יאָרק, 1930
ווילי דער זינגער (קינדער־דערציילונגען), ווילנע, 1928
בריוו פון די קעטסקיל בערג, (קינדער־דערציילונגען), ווילנע, 1929
הונגעריקע הענט (לידער), ניו יאָרק, 1936
עליע און עלקע (קינדער־דערציילונג), ווילנע, 1938
סטיוו קאַטאָוויס (ביאָגראַפיע), 1935
קלאַרא צעטקין (ביאָגראַפיע), 1935
טשאַרלס רוטענבערג, (ביאָגראַפיע), 1936
אייגענע מענטשן (דערציילונגען), ניו יאָרק, 1939
אמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור (עסייען), ני ויאָרק, 1945
לידער, ניו יאָרק, 1945
מאָטעק און סאַלטשע, (טרילאָגיע), 1952
דאָס ליד פון שלום (לידער), ניו יאָרק, 1952

ניט-דערשינענע ביכער:

די קאָלאָניע (ראָמאַן) 1935־1940
א ליבע אין בראָנקס (ראָמאַן), 1957
יידישע שרייבער אויף קעסט ביי דער אמעריקאַנער רעגירונג (דערפאַרונגען פון אַ רעדאַקטאָר, 1941)
דורך אונזערע הענט (זכרונות פון אַ יידישן שול־לערער), 1919־1952
א באַנד „שלום גאָלדין" געשיכטעס (1940 — 1950)
רייזע־איינדרוקן (1935 — 1960)
אַלע ווילן עסן (א באַנד קינדער־דערציילונגען)
אמעריקאַנער יידישע העלדן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (פערזענלעכע קאָנטאַקטן), 1941 — 1947
אַ ניו יאָרקער דערציילט (פאַרצייכענונגען) 1948 — 1953
אַ בוך עסייען וועגן ליטעראַטור און מוזיק